STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04192

IDISH TEATER IN LONDON 1902-1942

Morris Myer

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אידיש טעאטער
אין לאנדאן

1942 — 1902

פון

מאָרריס מייער

YIDDISH THEATRE IN LONDON

1902 — 1942

By

MORRIS MYER

Copyright.

(איבערדרוקען אָן דער ערלויבּעניש פון פּאַרפאַסער איז פאַרבאָטען)

געדרוקט ביי י. נאַראָדיצקי, לאָנדאָן, 129־131 קאָוועל סט., א.1.

געווידמעט מיין ליבער פֿרוי, רחל (געבוירען בראַמבערג). מיר האָבען כמעט שטענדיג צוזאַמען באַזוכט דאָס טעאַטער, און געטיילט איינדריקע וועגען דעם אינהאַלט פֿון די פּיעסען און דאָס שפּילען פֿון די קינסטלער. דאָס האָט פֿיל ביגעטראָגען צו די אַנאַליזען און מיינונגען וואָס איך האָב וועגען זיי געשאַפֿען.

אינהאלט פארצייכניס:

הקדמות: זייט

1. קולטור, טעאַטער 9
2. קונסט און קריטיק 14
3. איבער׳ן אָנפאַנג פון אידיש טעאַטער און זיין ענטוויקלונג 18
4. די פאָרגעשיכטע צו מיין געשיכטע 24
5. מיין ביטראַג 30

פארפאסער און פיעסען: 34

1. אברהם גאָלדפאַדען, שאַפער פון אידישען טעאַטער .. 37
2. מעשיות פון פאַרגאַנגענע צייטען 43
3. יעקב גאָרדין, ענטוויקלער פון דער אידישער בינע .. 47
4. יעקב גאָרדין׳ס ווערק:
א. דער „סיבירניאַק“; ב. „מעדעא“ 52
ג. „אידישער קעניג ליר“; ד. שוואַכערע פיעסען; 53
ה. איבערגאַנג צום בעסערן 54
ו. „די שחיטה“ 56
ז. „מירעלע אפרת“; ח. „גאָט מענש און טייפעל“ .. 58
ט. „די שבועה“ 60
י. פיעסען אויס דעם לעבען פון אַסימילירטע אידען:
„סאַפאָה“; „קרייצער סאָנאַטאַ“; „די יתומה“ .. 61
יא. נאָך פיעסען פון גאָרדין׳ען: „דער מטורף“; „אָן אַ היים“; „עץ הדעת“; „דער פרעמדער“; „די אמת׳ע קראַפט“; „דער אונבאַקאַנטער“; „די ברידער לוריע“ 65
יב. „אלישע בן אבויה“ 69
5. פרץ הירשביין, אָנפאַנגער פון אידיש קונסט טעאַטער .. 71
6. פרץ הירשביין׳ס ווערק:
א. „די נבלה“; ב. „דער לעצטער“; ג. „תקיעת כף“; 74
ד. „די פוסטע קרעטשמע“; ה. „אַ פאַרוואָרפען ווינקעל“ 76
ו. „דעם שמיד׳ס טעכטער“; ז. „גרינע פעלדער“ .. 81
7. מאַרק אַרנשטיין 85

8. מאַרק אַרנשטיינ׳ס פּיעסען:

א. „דער ווילנער בעל הבית׳על״ 87

ב. „אַ אידישע טאַכטער״ 89

9. שלום עליכם און זיין באַזוך אין לאָנדאָן 91

10. „טביה דער מילכיגער״ 94

11. די אַנדערע קאָמעדיען פון שלום עליכם 97

12. שלום אַש אַלס דראַמאַטורג 103

13. שלום אַש׳ס פּיעסען:

א. „גאָט פון נקמה״ 107

ב. „מאָטקע גנב״ 110

ג. „קידוש השם״; ד. „אונזער גלויבען״ 112

14. אָסיפּ דימאָוו און זיינע פּיעסען 116

א. „שמע ישראל״ 118

ב. „דער זינגער פון זיין טרויער״ 120

ג. „דער אייביגער וואַנדערער״ 121

15. דוד פּינסקי און זיינע דראַמאַטישע ווערק 123

א. „יענקעל דער שמיד״ 124

ב. „יעדער מיט זיין גאָט״ 126

16. לעאָן קאָברין 128

א. „צוריק צו זיין פאָלק״ 129

ב. „דער דאָרפס יונג״ 130

17. ז. ליבין 132

א. „די געבראָכענע הערצער״ 133

ב. „קינדער פון דער ערד״ 135

ג. „קבצן וואו קריכסטו?״ 136

ד. „קינדער פאַרגעסען ניט״ 137

18. י. ל. פּרץ אַלס דראַמאַטורג: „ביינאַכט אויפ׳ן אַלטען מאַרק״ 139

19. ש. אַנ־סקי און זיין „דיבוק״ 145

„טאָג און נאַכט״ 152

20. ה. לייוויק און זיינע דראַמען 155

א. „שמאַטעס״ 157

ב. „דער גולם״ 158

ג. „פּראָפעסאָר שעלינג״ 161

21. י. י. זינגער 166

א. „יאָשע קאַלב״ 167

ב. „ברידער אשכנזי״ 169

22. דוד בערגעלסאָן און זיין „ברויט מיל" 174

23. איבערזעצונגען אין אידיש פון פראבלעם דראמען:

א. לעאָניד אַנדרעיעוו און זיין „אַנאַטעמא" (אשמדאי) 179
ב. „די זיבען געהאָנגענע" 182
ג. גאָרקי׳ס „מעשטשאַניע" 185
ד. „נאָ דניע" (אויפ׳ן דעק) 189
ה. טאָלסטאָי׳ס „לעבעדיגער מת" 191
ו. העינריק איבסענ׳ס „נארא" און „גייסטער" .. 194
ז. אויגוסט סטרינדבערג: „דער פאָטער" און „טויטען טאַנץ" 199
ח. אַרציבאַשעוו׳ס „סאַנין" 203
ט. האַנרי בערנשטיינ׳ס „איזראַעל" (דער אַנטיסעמיט) 206
י. הערמאַן הייערמאַנ׳ס „געטאָ" 208
יא. דר. מאַקס נאָרדוי׳ס „דר. קאָהן" 209
יב. בערקאָוויטש׳ס „אונטער׳ן צלם" 211

24. היסטארישע פיעסען:

א. קאַלדעראָנ׳ס „כתר דוד" 213
ב. סטעפאַן צווייג׳ס „ירמיהו" 217
ג. „יעקב ורחל" (אַ ביבלישע אידיליע) 219
ד. גוצקאָוו׳ס „אוריאל אַקאָסטאַ" 220
ה. זשולאַווסקי׳ס „שבתי צבי" 223
ו. אלתר קאַציזנע׳ס „גר צדק" (דוכוס) 225
ז. ערנסט טאָלער׳ס „הינקעמאַן" 228

25. פאַרשידענע:

א. מיין שטאַנדפונקט וועגען שונד 231
ב. י. קאַלמאַנאָוויטש׳עס פיעסען 232
ג. אָפּערעטען 233
ד. טאָמאַשעווסקי׳ס „אַלטע לידלעך" 235
ה. יאָזעף מאַרקאָוויטש און זיינע פיעסען 236
ו. א. מייזעלס „אידען פאַרען קיין ארץ ישראל" .. 238
ז. ש. באַרבער׳ס מעלאָדראַמען 239
ח. פאַרזוכען צו שאַפען דראַמען אין לאָנדאָן 240

26. א גרויסע באַמיהונג — דאָס פיינמאַן אידישע פאָלקס טעאַטער 243
נאָך אַ באַמיהונג 252

27. קינסטלער און קונסט טרופען:

א. יעקב פּ. אַדלער 253
ב. זיגמונד מאָגולעסקו 255

ג. דוד קעסלער 257
ד. זיגמונד פיינמאַן 259
ה. דיינע פיינמאַן 261
ו. מאַלווינא לאָבעל 263
ז. סערע אַדלער 265
ח. מ. ד. וואַקסמאַן 265
ט. פעני וואַקסמאַן 267
י. טשאַרלס נאַטאַנזאָן 268
יא. מאָריס מאָסקאָוויטש 268
יב. שילינג 272
יג. סעמיועל טאָרנבערג 273
יד. יעקב בן עמי 273
טו. יוסף ווינאָגראַדאָוו 276
טז. אַנאַ פּיליפּאָוו 276
יז. יאָזעף קעסלער 277
יח. יעקב זילבערט 278
יט. סאַמועל לאַרעסקו 278
כ. אסתר רחל קאַמינסקאַ 279
כא. אסתר וואַלערשטיין 279
כב. יעקב ספּיוואַקאָווסקי 281
כג. די „ווילנער“ 282
כד. סאָניאַ עלמית 283
כה. אזרא 284
כו. חיים שניאור 285
כז. זשעליאַזאַ 285
כח. בעלערינא 286
כט. לאה נעמי 286
ל. נאָך „ווילנער“ קינסטלער 288
לא. מאָריס שוואַרץ 289
לב. סעמיועל גאָלדענבורג 293
לג. ציליע אַדלער 296
לד. נאָך צוויי אַדלער טעכטער 298
לה. הענריעטאַ שניצער 298
לו. דר. בן ציון באַראַטאָוו 299
לז. בינע אַבראַמאָוויטש 301
לח. מוני וויזענפריינד 301
לט. אַנאַ אַפּעל 302
מ. לאַזאַר פריד 303
מא. מאַרק שווייד 304

מב. איזידאָר קעשיר 304
מג. בערטאַ גערסטען 305
מד. נאָך שוישפּילער אין מאָריס שוואַרץ׳ס טרופּע .. 305
מה. לודוויג זאַץ 307
מו. פעני וואַדיאַ עפּשטיין 308
מז. מישאַ פישזאָן 308
מח. לידיאַ פּאָטאָצקאַ 309
מט. א. סאַמבערג 310
נ. רודאָלף זאַסלאַווסקי 310
נא. ראַשעל בערגער 311
נב. לוסי און מישאַ גערמאַן 311
נג. די דריטע ווילנער טרופּע און אירע קינסטלער .. 312
נד. נ. אייזיקאָוויטש 313
נה. וואָלף זילבערבערג 314
נו. מאַרק מאַרקאָוו און עטאַ טאָפּעל 315
נז. נאָך שוישפּילער און שוישפּילערינס 317

28. **אפּערעטען קינסטלער** 323

29. לאָנדאָנער אידישע שוישפּילער און שוישפּילערינס .. 326

30. **קאָנצערטיסטען** 331

א. מעדוועדיעוו
ב. איזאַ קרעמער
ג. מאָלי פּיקאָן
ד. חיה׳לע גראָבער
ה. מרים עליאַס
ו. מאַדאַם ראַפּ־יאַנאָווסקאַיאַ
ז. וויקטאָר כענקין
ח. דוד וואַרדי א. אַ.

31. קליין־קונסט טעאַטער „אַראַראַט“ 334
אַליאַ לילית און וויל גאָדיק.

32. **שלוס וואָרט** 335

פארווארט

פערציג יאָר איז געוואָרען זינט דער פּראָפעסאָר פון דעם ווערק איז אין לאָנדאָן. דאָס זיינען געווען פערציג יאָר פון גייסטיגער געזעלשאַפט־ליכער טעטיגקייט, צום נוצען פון דער אידישער באַפעלקערונג אין ענג־לאַנד בפרט און אידישען פאָלק בכלל.

אין אָנערקענונג פון דער פערציג־יאָריגער טעטיגקייט פון מאָררים מייער אויפ׳ן ליטעראַרישען און געזעלשאַפטליכען געביט איז געשאַפען געוואָרען דורך דער איניציאַטיווע פון די „פריינד פון אידישען טעאַטער" אַ יובילעי קאָמיטעט פון פאַרטרעטער פון פאַרשידענע קערפּערשאַפטען. דער קאָמיטעט האָט באַשלאָסען צו שאַפען ביי דער געלעגענהייט אַ פאָנד צו שטיצען דאָס אידישע וואָרט און דאָס אידישע טעאַטער.

דער קאָמיטעט האָט זיך געשטעלט אַלס ערשטע אויפגאַבע אַרויסצו־געבען צוויי בענדער פון מאָררים מייער׳ס שריפטען:

1) אידיש טעאַטער אין לאָנדאָן.

2) ליטעראַטור, ליטעראַטען און אידישע פּאָליטישע און געזעלשאַפט־ליכע פירער.

דאָס ווערק וואָס דער לעזער האַלט אין האַנד איז דער ערשטער בוך פון די צוויי דערמאָנטע ווערק.

מאָריס שוואַרץ האָט אין זיינע מעמואַרען, וואָס ער האָט פאַר־עפענטליכט אין ניו יאָרקער „פאָרווערטס", געשריבען דאָס פאָלגענדע:

„מאָררים מייער האָט אונז אָבגעשאַצט ערנסט און פאַרזיכטיג. זיינע קריטיקען זיינען באמת געווען באַלערענדע עסייען... ער האָט אַנאַליזירט יעדע פאַזע פון דער אויפפירונג, אָנגעוויזען אויף די מעלות און חסרונות. ער האָט יעדען שוישפּילער אָבגעשאַצט לויט זיינע פאַרדינסטען, ניט מיט חניפה און ניט מיט צאָרן. ער איז געווען שטרענג אָבער פאָטערליך ביים אָנווייזען די חסרונות. דערפאַר האָט ער די מעלות בולט אונטערגעשטראָ־כען... פון די אינטימע שמועסען וואָס איך האָב געהאַט מיט מאָררים מייער האָב איך אַ סך געלערענט".— אַזוי שרייבט מאָריס שוואַרץ.

די לעזער וועלען געפינען אין דעם דאָזיגען בוך זייער אינטערעסאַנ־טע אָבהאַנדלונגען איבער די בעסטע פּיעסען וואָס זיינען געשפּילט גע־

וואָרען אין לאָנדאָן אין די פערציג יאָר, 1902־1942. דער פאַרפאַסער האָט אויך אָבגעגעבען פאַר דעם ווערק אָבהאַנדלונגען און נאָטיצען אי־בער די מחברים פון די פיעסען. דאָס האָט אַ באַזונדערען ווערט פאַר די טעאַטער באַזוכער. זאָלען זיי קענען ניט נאָר די פיעסען נאָר אויך זייערע פאַרפאַסער.

מאררים מייער׳ס יובילי קאמיטעט.

רעפרעזענטירט:

פריינד פון אידישען טעאַטער.

פאַראיין פון אידישע זשורנאַליסטען און שריפטשטעלער.

אַרבייטער רינג, צענטראַל קאָמיטעט און די בראַנטשעס: 1, 2, 3, 4, 6, 9, 10, 15.

נאַציאָנאַלע יוניאָן פון שניידער און קליידער אַרבייטער.

אידישע בעקער יוניאָן.

פעדעראַציע פון אידישע הילפס אָרגאַניזאַציעס.

פויליש־אידישער פאָנד פאַר פליכטלינגע.

ראַט פון פוילישע אידען.

בן־אורי קונסט געזעלשאַפט.

אידישער וועלט־קאָנגרעס, בריטישע סעקציע.

ציוניסטישע פעדעראַציע פון גרויס־בריטאַניען און איירלאַנד.

בית ציון פאַראיין.

פאָרזיצער — י. ל. פיין.

וויצע־פאָרזיצער — נ. ביטלער, א. ל. איסטערמאַן, מ.א., משה עובד.

עהרען קאַסירער — י. מייזליש, נ. ראַבינאָוויטש.

עהרען סעקרעטאַר — א. מ. קייזער.

פראָטאָקאָל סעקרעטאַר — א. מייזעלס.

עקזעקוטיוו קאָמיטעט — ס. בראָטמאַכער, א. גאָלדשטיין, י. א. ליסקי, מאַרק מאַרקאָוו, מ. מינדעל, א. ר. ראָלין, מאָריס ראָזעטי, י. סערעס, מ. שאַרפשטיין, מרס. ס. שינדלער.

הקדמות

1

קולטור, טעאטער

אין מיינעם אַ פֿאַרטראַג האָב איך ערקלערט, אַז דער סאַמע אָנפֿאַנג פֿון קולטור ביי מענשען איז געווען, ווען דער פּרימיטיווער מענש האָט פּלוצלינג אַ קוק געטון אין אַ רוהיגען וואַסער און האָט דאָרט דערזען זיין שאָטען. אָט די דאָזיגע אָבשפּיגלונג פֿון זיך האָט ביי אים גע־וועקט דעם אינטערעס צו זיך; ער האָט אָנגעהויבען ווערען באַוואוסט און זיך צו אינטערעסירען מיט זיין וועזען. ער האָט אויך אָנגעהויבען זיך באַציען קריטיש צו זיך זעלבסט. ער האָט זיך שוין געוואָלט וואָס מער זען, וואָס מער באַטראַכטען און ס׳האָט זיך ביי אים ענטוויקעלט דער באַגער צו פֿאַרגלעטען דאָס וואָס ס׳איז אים אין זיך ניט געפֿעלען, און פֿאַרקערט, בּולט׳ער אַרויסצוברייגנען דאָס וואָס איז אין אים יאָ גע־פֿעלען.

דאָס הייסט, אַז אָבשפּיגלונג איז דער אור־קוואַל פֿון דער שטרע־בונג און פֿון דער האַנדלונג זיך צו שלייפֿען, זיך צו ענטוויקלען, זיך צו דערהויבען, זיך צו פֿאַרשענערן און פֿאַרבעסערן — און אָט דאָס איז קולטור.

דער גרויסער גריכישער פֿילאָזאָף סאָקראַטעס האָט זייער ריכטיג כאַראַקטעריזירט די הויפּט אויפֿגאַבע פֿון מענשען דורך דער מאָטאָ וואָס ער האָט אים געגעבען: „דערקען זיך זעלבסט“. אָט די דאָזיגע אויפֿגאַבע האָט געפֿירט און פֿירט צו דער ענטוויקלונג ניט נאָר פֿון דעם מענשען אַלס יחיד, נור אויך פֿון דער גאַנצער מענשהייט. דורך קענען זיך דער־קענט מען אויך אַן אַנדערן; דורך דערקענען אַן אַנדערן פֿאַרטיפֿט מען זיך נאָך מער אין זיך. מען לערנט איינער פֿונ׳ם צווייטען. אין יענעמס חסרונות זעט מען אויך אייגענע פֿעלערן; יענעמס מעלות רופֿען אַרויס דעם באַגער זיי זיך איינאייגענען. עס וואַקסט דורך דעם דער אוצר, דער סך הכל פֿון אייגענשאַפֿטען. עס וואַקסט דער מענש קוואַליטאַטיוו, און עס וואַקסט די מענשהייט אויך קוואַליטאַטיוו. און דאָס אַלץ קומט אַרויס פֿון אָבשפּיגלונג.

ביי אַ צווייטער געלעגענהייט האָב איך ערקלערט, אַז קונסט, די פעהיגקייט פון טאַלענטירטע מענשען נאָכצומאַכען דער נאַטור און אויך צו ערפינדען און שאַפען באַזונדערע שענקייטען און אייגענטימליכקייטען, וואָס די נאַטור אַליין האָט ניט געשאַפען,— אַט דאָס וואָס מיר רופען קונסט אין אַלע אירע צווייגען, איז אַ פּראָדוקט פון קולטור; אָבער ס'איז אויך צו דער זעלבער צייט אַ פאַקטאָר פון קולטור. אָן קולטור וואָלט דער מענש זיך ניט געקענט דערהויבען צו קענען באַזיצען די פעהיגקייט צו זיין אַ קינסטלער, ער וואָלט ניט געהאַט די מיטלען פון אויסדרוק אַרויסצוברייגגען זיינע פעהיגקייטען, ווען ער וואָלט זיי אפילו באַזעסען אין זיך. אָבער מיט קונסט איז ווי מיט יעדער הויכער גאָבע פון מענשען, זי באַצאָלט כפל כפלים פאַר אַלץ, וואָס מען טראָגט ביי צו איר. מען קען זאָגען, אַז קונסט איז גאָר אַ טייער קינד פון קולטור, זי באַצאָלט איר אין פולען, און אויף דעם שענסטען און בעסטען אופן פאַר אַלץ וואָס זי, די מוטער אירע, האָט פאַר איר געטון. קונסט פאַרמערט, פאַרגרעסערט, פאַררייכערט די קולטור, ווייל סוף כל סוף וואָס איז קונסט? — ווידער אָבשפּיגלונג: אָבשפּיגלונג פון מענשען, פון זיין סביבה, פון אַלץ וואָס איז אין אים און אַרום אים, פון דער גאַנצער נאַטור; און די דאָזיגע אָב־שפּיגלונג, בעסער געזאָגט אָבשפּיגלונגען, ווירקען ווייטער צו ענטוויק־לען, ווייטער צו שלייפען, ווייטער צו דערהויבען, און נאָך מער צו פאַר־שענערן, און נאָך מער צו פאַרבעסערן די מענשען און דאָס מענשליכע לעבען — און אָט דאָס איז דאָך ערשט קולטור נאָך אין אַ העכערן זין.

און נאָך ביי אַ געלעגענהייט, ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל באַ־גריסט אויף אַ קבלת פּנים דעם קינסטלער מאָריס שוואַרץ און זיין קונסט טעאַטער פון ניו יאָרק, וועלכע האָבען באַזוכט לאָנדאָן, האָב איך זיך אויסגעדריקט:— „פּונקט אַזוי ווי פילאָזאָפיע איז די וויסענשאַפט פון אַלע וויסענשאַפטען, איז דאָס טעאַטער די קונסט פון אַלע קונסטען".

שוין בלויז טעכניש שליסט איין דאָס טעאַטער אין זיך, ניט נאָר ליטעראַטור און פּאָעזיע, שוין אָבגערעדט פון דאָס שפּילען פון אַקטיאָ־רען, פון דאָס נאָכמאַכען מענשען, שאַפען טיפּען, כאַראַקטערע, — נור עס שליסט אויך איין מוזיק, מאָלעריי, סקולפּטור, מיט איין וואָרט אַלע קונסטען, וואָס דערהויבען דעם מענשען און פאַרשענערן דאָס לעבען. און דאָס מיינט שוין אויך, אַז דאָס טעאַטער איז אַן אויסערגעוועגליך וויכטיגער פאַקטאָר פון קולטור. ווייל ווען מען זאָגט אַז ט ע אַ ט ע ר א י ז ד י ק ו נ ס ט פ ו ן אַ ל ע ק ו נ ס ט ע ן מיינט עס שוין אויך, אַז ס'איז דער שפּיגעל פון אַלע שפּיגלען. עס שטעלט פאַר דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, דאָס שענע און דאָס מיאוס'ע, דאָס ערהאָבענע און דאָס נידעריגע, דאָס ערנסטע און דאָס קאַריקאַטורנע, דאָס אמת'ע

און דאָס פאַלשע; און עס שטעלט פאַר די פילע און פאַרשידענע נואַנ־סען, וואָס זיינען און וואָס קענען זיין אין דאָס אַלעס.

קען מען דען גאַר אָבשאַצען ווי דאָס טעאַטער ווירקט אויף דעם מענשען? ווי עס פאַרשאַפט אים פאַרגעניגען און ווי עס דערהויבט אים קולטורעל. עס מאַכט אים זיך בעסער צו דערקענען און פאַלגליך זיך בעסער פילען, בעסער פאַרשטיין דאָס לעבען, און בעסער באַגרייפען ווי זיך אויפצופירען. ס'איז באמת גאַרניט פאַראַן קיין בעסערער מיטעל פאַר קולטורעל דערהויבען מאַסען מענשען, ווי ס'איז דאָס טעאַטער. ס'פאַר־שטייט זיך, אַז מען דאַרף וויסען ווי דאָס טעאַטער צו באַנוצען פאַר דעם הויכען צוועק, ווייל אַ שפיגעל קען אויך זיין ניט ריכטיג, ער קען פאַר־קרימען... מען דאַרף זען, אַז דאָס טעאַטער זאָל זיין אַ ריינער שפיגעל, ווייל נאָר אַזוי קען ער דערפילען די גרויסע, די העכסטע אויפגאַבע, צו דינען די קונסטען און צו דינען דער קולטור.

אין פלעצער וואו עס איז ניטאָ קיין טעאַטער זיינען די מענשען פאַרגרעבט; פעלקער מיט אָרימע טעאַטערס זיינען גייסטיג אָרימע פעל־קער.

דאָס טעאַטער איז איבערהויפט ניט נאָר אַן אָבשפיגלונג פון איינ־ציגע מענשען, אָדער איינציגע פאַמיליעס, אָדער איינציגע אינצידענטען און געשעענישען, וועלכע מען שטעלט פאַר אויף דער בינע. דאָס טעאַ־טער שפיגעלט אויך אָב די פעלקער אַלס גאַנצע, און די סאָציאַלע פאַר־העלטניסע.

עס איז ניטאָ קיין בעסערע אָבשפיגלונג פון דעם פראַנצויזישען פאָלק, מיט זיין גוטמוטיגקייט, פריילכקייט, און — לייכטזין, ווי מען גע־פינט דאָס אין די קאָמעדיען פון מאָליער.

עס איז ניטאָ קיין בעסערע כאַראַקטעריזירונג פון די ענגלענדער מיט זייער ליבע צו דער נאַטור, מיט זייער ערנסטקייט און גלויבען אין זיך, ווי אין די ווערק פון שעקספיר, וועלכער איז ניט נאָר זייער גרעס־טער דיכטער, נור אויך זייער גרעסטער לערער.

און וואָס קען בעסער כאַראַקטעריזירען די דייטשען, ווי געטע'ס פ א ו ס ט, ווי אָט דער פילאָזאָף, וועלכער האָט אין זיין געיעג צו באַ־זיצען מאַרגאַרעט'ן אוועקגעגעבען זיין נשמה צו דעם טייפעל?... סימ־באָליזירט ניט פאוסט די גרויסע טראַגעדיע פון דייטשען פאָלק, וואָס ער לעבט איבער און וואָס ער מאַכט די גאַנצע וועלט איבערלעבען אין די איצטיגע טעג דורך דעם וואָס עס האָט זיין נשמה אוועקגעגעבען צו דעם טייפעל פון די טייוואָלים, צו דעם שליח פון ס"ם, היטלער? און קען דאָס ניט פירען צו אונטערגאַנג פונקט ווי פאוסט איז אונטערגעגאַנגען דורך זיין איבערגעבען זיך צו מעפיסטאָפעלעס?

און אויך בנוגע דער גרויזאַמער באַציהונג פון די נאַציס צו די אי־דען, איז נאָך אין עפּעס פאַראַן אַזאַ בולט'ער אויסדרוק וועגען זייער שטעלונג, ווי אין דעם זאַץ פון שילער'ס דראַמע „די רויבער" : „דער מור האָט זיינס געטאָן און דער מור קען גיין" ?

די שטאַרקייט און שוואַכקייט פון אַ פאָלק, די גוטסקייט און שלעכט־קייט זיינע, די מאָס פון נאַרישקייט און חכמה, וואָס עס באַזיצט, דריקען זיך אַלץ אויס אין זיינע פּיעסען, אין זיין טעאַטער.

אַזוי ווי ביי די פראַנצויזען, ענגלענדער און דייטשען קען מען אויך געפינען ביי יעדען פאָלק אַ פולע שילדערונג פון זיין הויפּט כאַראַקטער אין די דראַמאַטישע ווערק וואָס מען האָט ביי אים געשאַפען און וואָס זיינען אין זיינע טעאַטערע אויפגעפירט געוואָרען.

למשל, אין וואָס האָט מען געקענט געפינען אַ בעסערע אָבשפּיגלונג פון דער ביוראָקראַטיע פון דער צאַרישער רוסלאַנד ווי אין גאָגאָל'ס „רעוויזאָר" ?

און אפילו ביי אונז אידען : אין וואָס קען מען געפינען אַ בעסערע מאָדערנע באַשטעטיגונג, אַז מיר זיינען אַ ביבעל פאָלק, ווי אין דעם, אַז די ערשטע בעסטע פּיעסען פאַר'ן אידישען טעאַטער זיינען געווען אברהם גאָלדפאַדען'ס אָפּערעטען געבויט אויף ביבלישע מאָטיוען. אָט מיט די דאָזיגע אָפּערעטען האָט ער דאָך געזיכערט די עקזיסטענץ פון אידישען טעאַטער וואָס ער האָט געשאַפען.

און אין וואָס איז בעסער כאַראַקטעריזירט דער שטענדיגער גע־ראַנגעל פון די אידען געגען רשעות און רציחות פון גרויזאַמען שלעכ־טען פּרימיטיוו־מענשען, בעסער געזאָגט אונמענשען, און די שטרעבונג פון די אידען די אונמענשען צו באַזיגען מיט דער הויכער באַפרייאונגס אידעע וועגען משיח, ווי דאָס איז אין לייוויק'ס ווערק דער „גולם" ?

און בנוגע סאָציאַלע פּאַרהעלטניסע, אין וואָס קען מען זיי געפינען אַזוי מייסטערהאַפט פאַרגעשטעלט ווי אין די דראַמעס : „די וועבער" פון גערהאַרד הויפּטמאַן ; „די שטיצען דער געזעלשאַפט", „די גייסטער", „דער פאָלקס פיינט", „נאָראַ" פון הענריק איבסען ; „די מאַכט פון פינ־סטערניש" און „לעבעדיגער מת", פון טאָלסטאָי ; „קליינבירגער" און „אונטערן דעק", פון גאָרקי ; „דער בלויער פויגעל" פון מעטערלינק און אַנדערע ?

וואָס דאָס טעאַטער קען פאָרשטעלען אויף דעם געביט פון אויס־דריקען רעליגיעזע געפילען אין געראַנגעל מיט ערדישע ווירקונגען קען מען אויך זען אין אַזעלכע אויפפירונגען, ווי האַנדעל'ס „משיח", א. אַ.

און ביי אידען אין אַזעלכע פּיעסען ווי פּרץ׳ס „גאָלדענע קייט“, און אַנ־סקי׳ס „דיבוק“.

דאָס טעאַטער שפּיגעלט אָלץ אָב: די אינדיווידועלע, וועלטליכע און רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פּסיכאָלאָגיע און פּאַרהעלטניסע, און זאָגאַר די געשיכטע. היסטאָרישע דראַמען זיינען אַ זייער גוטער מעדיום גרינדליך צו פאַרשטיין די כאַראַקטערע פון היסטאָרישע פּערזענליכקייטען, און פּאַרשידענע אינצידענטען און זאָגאַר פּעריאָדען.

אַט דאָס איז טעאַטער. אַזאַ ראָלע שפּילט עס, אַזאַ אויפגאַבע ערפילט עס, אַזאַ ווירקונג האָט עס: עס כאַראַקטעריזירט, עס דערפרייט, עס דערהויבט, עס פאַרבעסערט, עס ענטוויקעלט.

און אַט דערפאַר טאַקע ווייל דאָס טעאַטער האָט אַזעלכע הויכע קינסטלערישע און קולטורעלע אויפגאַבען און מעגליכקייטען, האָב איך עס אַזוי ליב, און איך האָב דערצו געווידמעט אַ גרויסע טייל פון מיין לעבענס טעטיגקייט. איך האָב באַזונדערס זייער פיל געשריבען וועגען אידישען טעאַטער אין לאָנדאָן. שיינט מיר ניט נאָר מער ווי וועלכער ס׳איז אַנדערער, נור זאָגאַר מער ווי אַלעס, וואָס אַלע אַנדערע האָבן געשריבען אין לאָנדאָן וועגען אידיש טעאַטער. דאָס איז אויך נאַטירליך: ערשטענס בין איך דאָ לענגער טעטיג, פון וועלכען ס׳איז אַנדערן אידישען שרייבער, און אויך איז מיין אינטערעס צום אידישען טעאַטער פיל גרעסער, ווי פון וועלכען ס׳איז אַנדערן.

איך גיב איבער אין דעם ווערק דאָס וויכטיגסטע וואָס איך האָב וועגען אידיש טעאַטער געשריבען. איך זעץ אויך צו פילע עראינערונגען און כאַראַקטעריזירונגען וועגען די גרעסטע אידישע קינסטלער, וואָס זיינען דאָ ביי אונז געוועזן, און פון די ליכטיגסטע מאָמענטען, וואָס מיר האָבען געהאָט אין די היגע אידישע טעאַטערס. ס׳איז אַ מין געשיכטע פון אידישען טעאַטער אין פערציג יאָר, 1902—1942, אין דער גרויסער בריטישער מעטראָפּאָליס, לאָנדאָן.

2

קונסט און קריטיק

קונסט ! — וואָס איז דאָס אַזוינס קונסט ?

ווער קען דאָס אַבסאָלוט ערקלערן ? ווער קען דאָס מיט באַשטימט־הייט דעפינירן ?

יעדע דעפיניציע איז אַ מעכאַנישע פאָרמולע, און נאָר מעכאַנישע זאַכען לאָזן זיך מעכאַניש באַהאַנדלען.

קונסט איז ניט מעכאַניש, זי איז שעפעריש ; זי שאַפט אין אונ־צייליגע פאַרשידענאַרטיגע פאָרמען ; זי איז לעבען ; זי איז דער אויסדרוק פון דעם גייסט פון געטליכקייט, וואָס איז פאַרהאַן אין לעבען.

קונסט באַלאַנגט צו יענעם מין עפּעס, וואָס לאָזט זיך ניט דער־קלערן, וואָס עס איז.

לעבען, ליבע, נאַטור, באַלאַנגען צו דעם זעלבען מין עפּעס.

מען זעט און מען פאַרשטייט זייערע ווירקונגען. מען קען באַגרייפען און זיך ערקלערן זייערע אויסדרוקען און זייערע מאַניפעסטאַציעס, מען קען אפילו מער אָדער ווייניגער אָבשאַצען זייערע רעזולטאַטען, אָבער מען קען ניט זאָגען מיט באַשטימטקייט וואָס זיי זיינען, וואָס ס'איז זייער עצם.

דעפיניציעס זיינען וועגען זיי געמאַכט געוואָרן, אָבער יעדע דעפיניציע וועגען זיי איז בלויז אַ רעלאַטיווער צוזאַמענשטעל פון ווערטער, וואָס אָפט זאָגען זיי גאָרניט און ווען זיי זאָגען שוין עפּעס איז דאָס אַזוי ווייניג, אַזוי איינזייטיג, אַז ס'פאַרענטפערט בשום אופן ניט דאָס זייער קאָמפּליצירטע פּראָבלעם וואָס איז איינגעקערפּערט אין יעדען איינעם פון די אויבענדערמאָנטע נעמען.

אַ רעלאַטיווע דערקלערונג וועגען קונסט קען זיין די פאָלגענדע :

— קונסט איז די שאַפונג, די איינקערפּערונג אין פאָרמען, פון דעם אויסדרוק און אויסגוס פון עמאָציעס, פון די עמפּפינדונגען פון אַזאַ מענשען, וועלכער איז באַגאַבט פון דער געטליכקייט — פון דאָס וואָס

מיר שטעלען זיך פאר אלס געטליכקייט — מיט א טייל פון איר אייגענער שעפערישער קראפט...

קריטיק! — וואס איז קריטיק?

די פראגע איז אויך זייער א קאמפליצירטע; עס איז גארניט לייכט איר צו פארענטפערן.

קריטיק איז עכא, אבקלאנג פון קונסט. אבער ניט גלאט עכא. עס איז אזא אבקלאנג, וואס מוז זיין אנאליטיש, צוגלידערן די קונסט־ווערק, אויפדעקען זייערע גלידער און זי מוז זיין א מאס צו צייגען צי זיי זיינען הארמאניש אדער ניט.

קריטיק העלפט דעם שאפער זיך זעלבסט צו דערקענען. זי העלפט דעם קינסטלער זיך זען אין דער ראלע, וואס ער שפילט.

אויף קריטיק קען מען אויך זאגען אז זי איז דער אויסדרוק פון חוש פאר קונסט.

פונקט ווי דאס אויג נעמט אויף די איינדרוקען פון ליכט און פארבען; פונקט ווי דאס אויער נעמט אויף איינדרוקען פון קלאנגען, אזוי נעמט אויף דער בליק פון קריטיקער איינדרוקען פון קונסט־ווערק.

דאס אויג שאפט ניט קיין פארבען, עס קען זיי העכסטענס קאמבינירען אין דער אבסטראקציע; דאס אויער שאפט ניט קיין קלאנגען, עס קען זיי אויך העכסטענס קאמבינירען אין דער אבסטראקציע; אלץ אזוי קען די קריטיק ניט שאפען קיין קונסט־ווערק. זי קען עס אבער פארשטעלען, עס אבשאצען צי ס'איז שען אדער ניט, אויסגעהאלטען אדער ניט, אנציענד אדער אבשטויסענד, איינדרוקספול אדער איינדרוקסלאז, א. אז. וו.

קריטיק, אמת'ע קריטיק, איז די וועלכע נעמט אויף אונמיטעלבאר דעם איינדרוק פון קונסט־ווערק און שעצט עס אב לויט דעם דאזיגען איינדרוק.

די קריטיק, די אמת'ע קריטיק, מוז זיך שטיצען הויפטזעכליך אויף עמאציעס.

אן אמת קונסט־ווערק ווערט געשאפען דורך די עמאציעס פון קינסטלער, און עס דארף געשאצט ווערען לויט די עמאציעס וואס עס רופט ארויס ביי דעם קריטיקער.

עס איז אבער אויך פאראן אזא קריטיק, וועלכע שטיצט זיך בלויז אויף דעם שכל. די דאזיגע קריטיק איז, נאך מיין מיינונג, א געפעלטע. זי איז ניט דער רעזולטאט פון דעם איינדרוק, וואס דאס קונסט־ווערק האט געמאכט אויף דעם קריטיקער, נאר פון דער פריער אויסגעארביי־

טער מיינונג, וואָס דער דאָזיגער קריטיקער האָט וועגען קונסט, קונסט־ווערק, און די געגענשטענדע אָדער פּראָבלעמען, וואָס זיי באַהאַנדלען.

האַלט ער למשל פון דער אַקאַדעמישער שולע, וועט אים נאָר געפעלען אַזאַ בילד, וואָס איז אין אַקאַדעמישען סטיל געמאָלען, און ער וועט יעדעס מאָדערניסטישע ווערק באַטראַכטען פאַר אַ שטיק משוגעת... האָט ער אָבער ביי זיך פריער אָבגעמאַכט, אַז פיוטוריזם דאַרף זיין דער סטיל פון קונסט, דאַן וועלען אים נאָר געפעלען די פיוטוריסטישע ווערק און ער וועט מאַכען צו אַש יעדע אַקאַדעמישע שאַפונג.

דער קריטיקער, וועלכער שטיצט זיך אָבער אויך אויף די עמאָציעס, וואָס ער לעבט איבער, בעת ער באַטראַכט אַ קונסט־ווערק, וועט עס אָבשאַצען ריכטיגער: ער וועט זיך רעכענען מיט איר ווערט, אונגעאַכטעט אין וואָס פאַר אַ סטיל אָדער פאָרמע עס זאָל ניט זיין.

קוים איז עס איינדרוקספול, קוים איז עס דער אויסדרוק פון די עמאָציעס פון אַ קינסטלער מיט שעפערישע כחות, און ווירקט פאָלגליך אויך אויף די עמאָציעס פון די צושויער, איינגעשלאָסען דעם קריטיקער, דאַן וועט ער עס לויבען. קוים איז עס איינדרוקסלאָז, און עס פילט זיך, אַז ס׳איז אַן אויסגעמוטשעטע זאַך פון איינעם, וואָס האָט פרובירט צו שאַפען אָן צו באַזיצען אַ אינערליכע שעפערישע אינטואיציע, דאַן וועט עס דער קריטיקער אַלס אַזעלכעס כאַראַקטעריזירען.

די קריטיק, וואָס באַזירט זיך אויף פון פריער אָנגענומענע מיינונגען, האָט נאָך אַ געפעלטען שטריך אין איר מעטאָדע. זי זוכט צו פאַרגלייכען קינסטלער צו קינסטלער, און קונסט־ווערק צו קונסט־ווערק.

רעאַגירענדיג בלויז מיט׳ן שכל קענען אַזעלכע קריטיקער זיך ניט קאָנצענטרירען בלויז אויף דעם קונסט־ווערק, וואָס זיי זעען פאַר זייערע אויגען, נאָר זייערע געדאַנקען וואַנדערן אַרום און זיי דערמאָנען זיך אין נאָך אַנדערע ענליכע קונסט־ווערק וואָס זיי האָבען פריער געזען. דאָס שוואַכט נאָך מער אָב דעם איינדרוק פון קונסט־ווערק, וואָס זיי דאַרפען אָבשאַצען.

פאַרגלייכונגען זיינען נויטיג, אָבער ניט בלויז צווישען די קונסט־ווערק וואָס מען האָט געזען, נור אויך צווישען די עמאָציעס, וואָס די פאַרשידענע קונסט־ווערק האָבען אַרויסגערופען, צווישען די איינדריקען, וואָס זיי האָבען איבערגעלאָזען. און די דאָזיגע פאַרגלייכונגען דאַרפען געמאַכט ווערען שוין דאַמאָלט ווען מען זעט ניט מער קיין קונסט־ווערק פאַר די אויגען, נאָר ווען מען דענקט בלויז צו זיי. דאָס העלפט פאַרטיפען די איינדריקען, און עס קען אַרויסברייגען אַ טיפערע אָבשאַצונג.

קונסט־ווערק האַרפֿען ניט זיין איינע ווי די אַנדערע; פֿאַרקערט, מיט וויפֿיל אַ קונסט־ווערק איז אַנדערש פֿון די אַנדערע, מיט וויפֿיל ס׳איז אייגנאַרטיגער, אָריגינאַלער, מיט אַזוי פֿיל איז עס גרעסער און אינטערעסאַנטער.

טעאַטער שפּילען איז אַ קונסט־ און יעדע פֿאָרשטעלונג פֿון שוי־שפּילער איז, אָדער האַרף זיין, אַ קונסט־ווערק.

די באַציהונג פֿון קריטיקער צו טעאַטער דאַרף זיין אַקוראַט אַזוי ווי ס׳איז די באַציהונג צו אַ קונסט בילד.

דער טעאַטער קריטיקער מוז אויך זיין פֿילזייטיג, ווייל טעאַטער שפּילען איז די פֿילזייטיגסטע פֿון אַלע קונסטען. זי קאָנצענטרירט אין זיך מאָלעריי, סקולפּטור, פּאָעזיע, מוזיק, ליטעראַטור און דאָס שפּילען גופֿא, וואָס באַשטייט אויך אין גרים, מימיק, זשעסט, באַוועגונג, איינ־פּאַל, קליידונג; און אַ טעאַטער קריטיקער האַרף האָבען אַ חוש פֿאַר אַלע קונסטען און פֿאַרשטענדניס פֿאַר אַלע טיילען פֿון שפּילען; נאָר אַזוי קען ער האָבען אַ מעגליכקייט ריכטיג אָבצושאַצען אַ טעאַטער פֿאָרשטע־לונג, און נאָר אַזוי קען זיין אַ ריכטיגע קריטיק.

— אָט דאָס האָב איך געשריבען ווען מאָריס שוואַרץ׳ס קונסט־טרופּע האָט צום ערשטען מאָל באַזוכט לאָנדאָן אין אַפּריל 1924. דאָס איז מיין שטאַנדפּונקט וועגען דער באַציהונג פֿון קריטיק צו קונסט בכלל און צו טעאַטער בפרט. און אין דעם שטאַנדפּונקט האָב איך זיך געהאַל־טען אין די קריטיקען וואָס איך האָב געשריבען, באַזונדערס וועגען קונסט פֿאָרשטעלונגען פֿון קונסט טרופּען.

3

איבער׳ן אנפאנג פון אידיש טעאטער און זיין ענטוויקלונג

געווען איז עס אין 1923, ווען איך האָב פאַרעפֿענטליכט אַן אַרטיקעל איבער דער ענטשטייאונג, ענטוויקלונג און באַדייטונג פון אידישען טעאַטער. דאָס אַרטיקעל האָט געהייסען „50 יאָר אידיש טעאַטער״, און ס׳איז געווען אונטערגעשריבען „קריטיקוס״, אַ פסעוודאָנים, וואָס איך געברויך אָפט אין שייכות צו טעאַטער רעצענזיעס. עס איז ערשינען אין יוני העפט פון דערמאָנטען יאָר אין „דאָס אידישע לעבען״, אַ מאָנאַטליכער זשורנאַל, וואָס איך האָב דאַמאָלט רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבען. איך גיב איבער דעם אַרטיקעל, ווייל איך וויל אָנהויבען פון „בראשית״, ניט פון מיין שרייבען איבער אידיש טעאַטער, נאָר פון אידישען טעאַטער בכלל.

פאַר מיר האָט דאָס אידישע טעאַטער אָנגעהויבען ניט מיט די בראָדער זינגער, נאָר מיט אברהם גאָלדפאַדען. זינגער זיינען זינגער, אָבער טעאַטער איז אַ פיל ברייטערער ענין, ווי איך האָב דאָס ערקלערט אין מיין ערשטען אַרטיקעל.

און אָט איז, וואָס איך האָב געשריבען איבער׳ן אָנפאַנג פון אידישען טעאַטער, און זיין ענטוויקלונג:

אָרים, זעהר אָרים איז געווען דאָס אידישע וועלטליכע לעבען. אין אמת׳ען האָט אַ אידיש וועלטליך־לעבען, אין פּאָליטישען, גייסטיגען, קולטורעלען און קינסטלערישען זין כמעט גאָרניט עקזיסטירט. די איינציקע אַנשטאַלטען, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט פאַרמאָגט, זיינען געווען די שוהלען, די בתי מדרשים, אָבער זיי זיינען געווען פאַרבינדען מיט׳ן רעליגיעזען, און ניט מיט׳ן וועלטליכען לעבען. די איינציקע אידישע וועלטליכע אינסטיטוציעס זיינען געווען צדקה חברות... ס׳איז ניט געווען קיין אידישע פּאָליטיק, ס׳איז ניט געווען קיין אידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, ס׳איז ניט געווען קיין אידישע ליטעראַטור, ס׳איז ניט געווען קיין אידיש טעאַטער. יודענטום איז בלויז געווען רעליגיע, ניט עפּעס אַנדערש ווי נאָר רעליגיע: מיסטיש, הימליש, פרעמד צו דער ערד, און פרעמד צום וועלטליכען לעבען... האָט אַ איד געוואָלט שאַפען אויף אַ וועלטליכען געביט, אָדער געניסען פון

וועלטליכע קולטור און קונסט, האָט ער געמוזט אַוועק צו „זיי", צו די פרעמדע, צו די אומות העולם, צווישען וועלכע מיר געפינען זיך. עס זיינען געווען אידישע פּאָליטיקער, וואָס האָבען געפירט די פּאָליטיק פון פרעמדע פעלקער; אידישע דיכטער, וואָס האָבען געדיכטעט אין פרעמדע פערזען; אידישע שריפטשטעלער, וואָס האָבען געשריבען אין פרעמדע שפּראַכען; אידישע קינסטלער, וואָס האָבען געמאָלען פאַר פרעמדע אויסשטעלונגען; אידישע שוישפּילער, וואָס האָבען געשפּילט אין פרעמדע טעאַטערס. מיר האָבען אייגענעס, אידישעס, גאָר ניט געהאַט, אַחוץ דאָס וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט דער אידישער רעליגיע. איצט האָבען מיר נאָך אויך זייער פילע מחותנים אויף פרעמדע חתונות, און מיר וועלען זיי אוייך שטענדיק האָבען; אָבער מיר האָבען שוין עפּעס אייגענעס, מיר האָבען שוין אויך אַ אייגען אידיש פּאָליטיש, קולטור און קונסט לעבען, געשאַפען אין אונזער פאָלקס שפּראַך, געשאַפען אויף אידישע מאָטיווען, און געשאַפען פאַר אונז — פאַר אידען אַלס אידען.

איך וויל קלאָר מאַכען דאָס איך בין בשום אופן ניט געגען דער אידישער רעליגיע, און אידישען רעליגיעזן לעבען, אָבער איך האַלט, אַז אַחוץ דער רעליגיע, דאַרף מען נאָך און מען מוז נאָך האָבען פּאָליטישע און קולטורעלע טעטיגקייט אויף אַלע געביטען פון לעבען.

ס'איז אויך אַ פראַגע, וואָס פאַר אַ שייכות האָט פּאָליטיק צו טעאַטער און ליטעראַטור, פאַרוואָס דערמאָן איך זיי צוזאַמען? זיי האָבען אַ שייכות! — זיי ווערען געשאַפען פון די זעלבע פאָלקס געפילען, און ווערען באַאיינפלוסט פון די זעלבע פאָלקס שטרעבונגען. עס איז דערפאַר ניט קיין וואונדער, נאָר אַ גאַנץ באַטירליכע זאַך, וואָס דאָס אידישע טעאַטער האָט זיך אָנגעהויבען ענטוויקלען אין דער זעלבער צייט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען ענטוויקלען די מאָדערנע אידישע ליטעראַטור און די מאָדערנע אידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג בכלל. אַלץ דאָס, וואָס קען באַצייכענט ווערען אַלס די אידישע רענעסאַנס, אַלס די אויפלעבונג פון אידישען פאָלק צו אַ פאָלקס לעבען אין וועלטליכען זין, האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט לערך פופציג יאָר (איצט קען מען שוין זאָגען מיט זיבעציג יאָר) צוריק — אַלץ דאַמאָלט ווען ס'האָט זיך אָנגעפאַנגען ענטוויקלען דאָס אידישע טעאַטער.

די גרינדונג פון אידישען טעאַטער איז ניט נור פאַרבינדען, נאָר צוזאַמענגעשמאָלצען מיט דער נאָמען פון אברהם גאָלדפאַדען. ער איז געווען, ווי ס'איז באַוואוסט, דער גערטנער וואָס האָט פאַרזעעט די זאָמען, פון וועלכען דאָס אידישע טעאַטער האָט זיך ענטוויקעלט. ער איז ניט נאָר געווען דער פאָטער אירער, ער איז געווען איר פלייש

און בלוט, איר הארץ און נשמה. אָן אים קען מען זיך ניט פאָרשטעלען די ענטשטייאונג פון אידישען טעאַטער.

אברהם גאָלדפאַדען — ווילען מיר אים, ווי געהעריג איז, אָבשאַצען, מוזען מיר זאָגען, אַז ער איז געווען אַ קולטור־היסטאָרישע פיגור. נאָר אַזאַ פיגור, וואָס באַזיצט גרויסע פעהיקייטען, קען פאָרפלאַנצען זאַמען, פון וועלכע עס שפראָצען ארויס גייסטיקע עשירות פאַר עפּאָכען און דורות, פאַר אַ גאַנץ פאָלק. דער העכסטער אויסדרוק פון שאַפען איז קאָמבינירען פאַרשידענאַרטיגקייט, וואָס גיסט זיך איינהייטליך צוזאַמען. אברהם גאָלדפאַדען האָט באַזעסען פאַרשידענאַרטיקייט! ער איז געווען: דיכטער, שריפטשטעלער, דראַמאַטיקער, שוישפּילער, קאָמפּאָזער, דירעקטאָר, רעזשיסאָר, אימפּרעסאַריאָ, — אַלץ צוזאַמען... און ער האָט דאָס אַלץ אַזוי פאַראיינהייטליכט אַז ס'האָט דערפון אַרויסגעוואַקסען דאָס אידישע טעאַטער.

אברהם גאָלדפאַדען האָט פאַרעפענטליכט זיינע ערשטע לידער אין אידיש אין 1866. (העברעאישע שירים האָט ער נאָך פריער געשאַפען). זיין ערשטע פּיעסע „די מומע סאסיע״ האָט ער פאַרעפענטליכט אין אַ ביכעל פון פאַרשידענע שריפטען זיינע: „די אידינע״ אין 1869. ערשט אין 1876 האָט גאָלדפאַדען צוזאַמענגעשטעלט זיין ערשטע טרופּע אין יאַסי, רומעניען, אָבער נאָך אין 1873 האָט ער אויפגעפירט זיין ערשטע פּיעסע, נאָך ניט אַלס פּראָפעסיאָנעלע פאָרשטעלונג. אָט דאָס איז געווען דער ערשטער זאַמען פון דער צויבער־בלום, דאָס אידישע טעאַטער, וואָס באַלעבט און פאַרשענערט אַזוי פיל דאָס אידישע לעבען. און קען עס נאָך פיל מער באַלעבען און נאָך פיל מער פאַרשענערען.

עס האָבען זיך אָפט געפונען אַזעלכע, וואָס האָבען אוועקגעמאַכט מיט דער האַנד גאָלדפאַדענ'ס פּיעסען. זיי האָבען געזאָגט, אַז ער האָט גענומען דעם פורים־שפּיל און געמאַכט דערפון אַ באַשטענדיגע אינסטיטוציע... ווי אויבערפלעכליך געאורטיילט דאָס איז געווען. אפילו צו מאַכען דעם „פורים שפּיל״, דעם אידישען נאַציאָנאַלען אויסגוס פון פרייד אין אַ מדבר פון סאַמע ליידען, פאַר אַ באַשטענדיקער אינסטיטוציע, און דאָס הייסט געבען די אידען, די אייביקע ווייגער, אַ באַשטענדיקע געלעגענהייט זיך צו פילען אַביסעל פורים'דיק, לוסטיק — דאָס אַליין איז שוין אויך אַן אויסערגעווענליך גרויסע זאַך. אָבער ער האָט פיל מער געטון. ער האָט געזוכט צו שאַפען ניט נאָר אַ קוואַל פון אידישער פרייד, נאָר אויך פון אידישער נאַציאָנאַלער באַגייסטערונג. אברהם גאָלדפאַדען האָט דורך זיינע פּיעסען און אָפּערעטען, געזוכט, אפשר ניט באַוואוסטזיניקערהייט, צוזאַמענצובינדען דעם איינצעלנעם אידען מיט דעם אידישען פאָלק; דאָס אידישע פאָלק פון היינט מיט דאָס אידישע

פאָלק פון אַמאָל, פון דער פאַרגאַנגענהייט, און אויך מיט דאָס אידישע פאָלק פון דער צוקונפט... די מייסטע פון זיינע פיעסען, מיט וועלכע מען האָט אָנגעפאַנגען שפילען אידיש טעאַטער, זיינען אויף ביבלישע מאָטיווען, און עס ציט זיך דורך זיי אַ אידישער נאַציאָנאַלער פאַדים, אַ טאָן פון צוקונפטס מוזיק, אַ טאָן פון אידישער נאַציאָנאַלער דערלייזונג. אין די פיעסען איז אויך אַריינגעוועבט זייער פיל פאָלקס־טימליכקייט, כאַראַקטעריסטישער אידישער הומאָר, אמת׳ע אידישע וויצען, אָפט בטלנישע, — אָבער זיינען דען בטלנים ניט טיפּיטשנע אידען?... היינט די אידישע נגינים, די געזאַנגען פון דער אידישער פאָלקס־נשמה, וואָס ער האָט צוזאַמענגעקליבען, און אַריינגעוועבט אין זיינע פיעסען און אָפּערעטען...

כלומרשטע פיין־שמעקער, אויסגעלערענטע קונסט־מבינים, ניט פונ׳ם לעבען נאָר פון וועלכער ס׳איז שולע, מאַכען אויך אַוועק מיט דער האַנד גאָלדפאַדען׳ס פּיעסען, ערקלערענדיק, אַז זיי זיינען ניט ליטעראַריש און ניט קינסטלעריש... אַזוי ווי מען פירט געוועהנליך אויף גאָלדפאַדען׳ס אַ פיעסע איז זי ניט ליטעראַריש און ניט קינסט־לעריש. אָבער גאָלדפאַדען׳ס פּיעסען וואָלטען זיך געלאָזט אויך אַנדערש אויפפירען. צום באַדויערען האָבען מיר אין ערגעץ ניט אַ אידישען נאַציאָנאַלען טעאַטער, וואָס זאָל זוכען אויפצופירען נאַציאָנאַלע פיעסען מיט דעם פּראַכט און גלאַנץ, וואָס זיי קומט. ווען אַזאַ טעאַטער וואָלט עקזיסטירט, וואָלט מען אויסגעפונען, אַז צווישען גאָלדפאַדען׳ס פיעסען זיינען דאָ אונזערע נאַציאָנאַלסטע טעאַטער שטיק, וועלכע וואָלטען זיך אויך געלאָזט אויפפירען אויף׳ן שענסטען פּרעכטיגסטען און קינסטלערישסטען אופן!

גאָלדפאַדען האָט פאַרזעעט אַ זעהר געזונטען זאָמען פאַר׳ן אידישען טעאַטער, נור עס מוז אָנערקענט ווערען, אַז דאָס אידישע טעאַטער האָט זיך ניט ענטוויקעלט צו דער מדרגה, אויף וועלכער ס׳וואָלט באַדאַרפט שטיין.

אין אידישע שוישפּילער טאַלאַנטען איז אפילו קיין מאָל קיין מאַנגעל ניט געווען. דאָס וואָס שוין גלייך פון אָנפאַנג אָן האָט דאָס אידישע טעאַטער אַרויסגעבראַכט אויף דער בינע אַזעלכע קינסטלער, ווי יעקב אַדלער און מאָגולעסקו, וואָס קענען פאַרגלייכט ווערען צו די גרעסטע קינסטלער פון וועלכען ס׳איז פאָלק, ביי וועלכען מען שפּילט שוין טעאַטער זינט הונדערטער יאָרען — אָט דאָס אַליין שוין, באַווייזט, ווי רייך מיר זענען אין שוישפּילערישע כחות. היינט ווי שטעלען מיר די שפּעטערע קרעפטען, דוד קעסלער און מאַדאַם קאַליש; און די נאָך יונגערע מאָריס שוואַרץ, סעם גאָלדענבורג, בן עמי, און די

„ווילנער״, באַזונדערס אזרא און אַלאַמיס, און אַזוי פיל אַנ־דערע; זיי זיינען צו פיל אין צאָל, כן ירבו, אַז מען זאָל זיי אַלע קענען אויסרעכענען... ביין, שווישפּילער האָבען אונז ניט געפעלט, נאָר פּיעסען שרייבער, רעזשיסאָרען און אויפפירער — אָט אין די דריי עלעמענטען, וואָס זיינען פאַר אַ טעאַטער אַזוי וויכטיג, ווי שווישפּילער, האָבען מיר אַן אונגעהוירען גרויסען מאַנגעל.

דער אידישער רעפּערטואר, וואָס מיר האָבען אין זער אַ אָרימער. נאָך גאָלדפאַדען׳ען זיינען געקומען אַ רייע אידישע פּיעסען־שרייבער, וואָס האָבען ניט געהאַט קיין ברעקעל טאַלאַנט און קיין ברעקעל פאַר־שטענדניס. זיי האָבען כלומרשט נאָכגעפאָלגט די נאַציאָנאַלע טעדענצען פון גאָלדפאַדען׳ען, אָבער זיי האָבען דאָס געטון אַזוי גראָב, אַזוי מאוס, אַזוי שונדמעסיג, אַז זיי האָבען דאָס אידישע טעאַטער, אָדער וועניגס־טענס דעם גרעסטען טייל דערפון, פאַרוואַנדעלט אין אַ באַלאַגאַן. עס איז געקומען יעקב גאָרדין, און האָט געוואָלט דאָס אידישע טעאַטער דערהויבען, איינפירענדיג, אַזוי צו זאָגען, די רעאַליסטישע פּיעסען. יעקב גאָרדין האָט געהאַט טאַלאַנט, איבערהויפּט גרויס פאַרשטענדניס פאַר טעאַטער טעכניק. ער האָט אויך אַריינגעבראַכט אַן אייראָפּעאישען גייסט אין אידישען טעאַטער. ער האָט אַריינגעפירט די פּראָבלעם־פּיעסע אין אידישען רעפּערטואר; און ער האָט אָן אַ שום ספק דערהויבען דעם בעסערען אידישען טעאַטער פּובליקום, וואָס האָט געפאָדערט מער ווי אַ זינג און אַ טאַנץ, אַ וויץ און אַ אידישען סענטימענט. יעקב גאָרדין האָט דורך זיינע פּיעסען שוין אויך געגעבען מאַטעריאַל פאַר׳ן מח צו דענקען וועגען אַלגעמיינערע זאַכען. מיט רעכט ווערט ער באַצייכענט אַלס אַ רעפאָרמאַטאָר פון אידישען טעאַטער. אָבער צום באַדויערן האָט ער ניט באַזעסען קיין אידיש נאַציאָנאַלען געפיל, און אויך ניט קיין דרך ארץ פאַר דעם אידישען פאָלק מיט זיינע טראַדיציעס און לעבענס געוואוינהייטען. ער האָט באַלאַנגט צו דעם מין אויפקלערער וועלכע האָבען געזוכט זיי אַוועקצומאַכען. גאָרדין האָט זיך דערפאַר באַצויגען צו דאָס וואָס איז אידיש מיט אַ געוויסען ציניזם. ער האָט דערפון זאָגאָר געזוכט אָבצושפּעטען. און אָט דאָס האָט נאָך איין מיינונג אָבגעשוואַכט די ווירקונג פון זיין ביישטראַג. ביי אַ פאָלק קענען נאָר האָבען אַ שטענדיגען ווערט אַזעלכע פּיעסען און אַנדערע ווערק וועלכע שעצען זיינע הייליגטימער, אפילו ווען מען האָט אין דעם עפּעס צו קרי־טיקירען.

נאָך יעקב גאָרדין האָבען נאָכגעפאָלגט אַנדערע אויף זיינע וועגען, באַזונדערס ז. ליבין, לעאָן קאָברין. ערשט זינט דעם אָנפאַנג פון איצ־טיגען יאָרהונדערט האָבען זיך באַוויזען אייניגע בעסערע ליטעראַרישע פּיעסען, וואָס זיינען, מער אָדער וועניגער, אַ קינסטלעריש אַ אידיש.

אין דער ערשטער רייע פון די דאָזיגע ווערק זיינען געוויס פּרץ הירש־ביין׳ס פאָלקסטימליכע דראַמען און קאָמעדיען. אָבער צו זיין אָפּענהערציג, מוז מען זאָגען, אַז די דאָזיגע פּיעסען, טראָץ זייער שיינעם חן און טיפען אינטערעס, זיינען זיי בלויז די ערשטע שוואַלבען פון דעם פרילינג, וואָס דאַרף זיך ערשט צובליען אין אונזער טעאַטער ליטעראַטור. דאָס זעלבע קען מען אויך זאָגען וועגען די פּיעסען, וואָס שלום אַש און דוד פּינסקי האָבען געשאַפען. אייניגע פון די ווערק, הן פון פּרץ הירשביין, הן פון שלום אַש, הן פון דוד פּינסקי, זיינען גאַנץ גע־לונגענע דראַמאַטישע ווערק, אָבער זיי בילדען נאָך ניט דעם רעפּער־טואַר וואָס דאָס אידישע טעאַטער דאַרף האָבען.

נאָך ערגער ווי מיט דעם רעפּערטואַר שטייט עס ביי אונז מיט רעזשי און אויפפירונג. ערשט די „ווילנער" און מאָריס שוואַרץ׳ס קונסט טעאַטער האָבען געצייגט אַז זיי ווערען רעזשיסירט. אַלע אַנדערע טרופּען, וועניגסטענס די וואָס איך האָב געזען האָבען געשפּילט, ווי ס׳האָט זיך געלאָזען. אידישע אויפפירער מיט אידישען קינסטלערישען געשמאַק דאָס פעלט אונז נאָך אויס. (דאָס איז געווען דער צושטאַנד, וואָס איך האָב געקענט אַרום 1923. זינט דאַמאָלט האָט זיך פילעס געביטען צו׳ם בעסערן אין דעם היבזיכט).

דאָס אידישע טעאַטער איז ענשטאַנען צוזאַמען מיט אונזער אַלגע־מיינעם וועלטליך קולטור לעבען, און ס׳האָט זיך צוזאַמען דערמיט ענט־וויקעלט. פאָלקאַמענהייט האָט נאָך קיין איין צווייג אין דעם דאָזיקען לעבען ניט דערגרייכט, און דאָס אידישע טעאַטער אויך ניט. סוף כל סוף איז אונזער וועלטליך קולטור לעבען פאַרפּלאָנצט געוואָרען אויף דעם שטיינעריקען גלות באָדען, אויף וועלכען ס׳איז אַזוי שווער, אַז אַ אידישע נאַציאָנאַלע בלום זאָל זיך פאָלקאָמען צובליען... אָבער די פלאַנצען, וואָס זיינען ענטשטאַנען וועלען מער ניט אויסגעריסען ווערען. זיי וועלען וואַקסען, און וואַקסען; זייערע וואָרצלען וועלען ווערען טיפער; זייער באַשטאַנד קרעפטיגער; און מיט דער צייט וועט אויך זייער אויסזעהן ווערען אַלץ שענער און שענער. זאָל נאָר דאָס אידישע לעבען פולסירענד קלאַפען; זאָל דאָס אידישע פאָלק וואַך זיין און העלפען, און אַלץ וועט זיך ביי אונז ענטוויקלען — אויך זיכער דאָס אידישע טעאַטער!

4

די פאַרגעשיכטע צו מיין טעאַטער געשיכטע

איך קען ניט גאַנץ גענוי פעסטשטעלען, ווען מען האָט אָנגעהויבען שפּילען צו׳ם ערשטען מאָל אידיש טעאַטער אין לאָנדאָן; עס קען זיין, אַז עס האָבען זיך דאָ באַוויזען אַמאַטאָרען אָדער איינצעלנע אידישע שוישפּילער אָדער זינגער, ניט פיל שפּעטער נאָך דעם וואָס מען האָט אָנגעהויבען צו שפּילען אידיש טעאַטער אין רומעניען און רוסלאַנד.

מען קען אָבער פעסט שטעלען, אַז די ערשטע אידישע טעאַטער טרופּע, וואָס איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן פון רוסלאַנד און האָט דאָ אָנגעהויבען שפּילען טעאַטער, איז אַהער געקומען אין 1882, און זי האָט געהאט אין איר שפּיצע ניט קיין קליינערן קינסטלער, ווי יעקב פּ. אדלער.

די אורזאַכען דורך וועלכע אַדלער האָט געמוזט פאַרלאָזען רוסלאַנד און קומען מיט אַ טרופּע קיין לאָנדאָן זיינען געווען צוויי: די פּאָגראָמען וואָס האָבען אויסגעבראָכען אין רוסלאַנד אין יענעם יאָר, דורך דער רעאַקציע וואָס איז ענטשטאַנען אין יענעם לאַנד דורך דעם געלונגענעם אַטענטאַט אויף דעם צאַר אַלעקסאַנדער דער צווייטער; און דאָס וואָס מען האָט דאַמאָלט פאַרבאָטען שפּילען טעאַטער אין אידיש אין רוסלאַנד.

דאָס לעצטע, איבערהויפּט, האָט געווירקט, אַז אַדלער צוזאַמען מיט זיין ערשטע פרוי, סאָפיע אבערלענדער, וועלכע האָט געשפּילט אונטער׳ן נאָמען מיכעלסאָן אין גאָלדפאַדען׳ס אַ טרופּע אין רוסלאַנד; און צוזאַמען מיט זיי ישראל גראָדנער און זיין פרוי, פריילין טשיזיק, קאַרפּ, קעמפּנער, בוים, גאָלאָבאָק, און וואכטעל, זיינען אַוועק פון רוסלאַנד און זיינען געקומען קיין לאָנדאָן שפּילען טעאַטער. ווי עס ווערט דערציילט האָבען זיי צוערשט דאָ געשפּילט אין אַ קליינעם לאָקאַל, וואַרשיינליך אַ גרויסע וואַרקשאָפּ (ווערקשטאַט) וואָס איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ האָל. אין פראָנט איז געווען אַ בוטשער שאָפּ (אַ יאַטקע). קיין „גליקען״ האָבען זיי ניט געמאַכט. ווי ס׳איז צו זען איז געווען גאַנץ מיסטיג דער באָדען פון ערשטען אידישען טעאַטער אין לאָנדאָן, אָבער פון מיסטיגע באָדענס וואַקסען אַרויס שענע בלומען און נוצליכע פלאַנצען.

אַ בוטשער (אַ קצב), ס׳קען זיין טאַקי דער בוטשער פון דער שאָפּ, אַ געוויסער סמיטה, האָט גענומען אַ אינטערעס אינ׳ם טעאַטער. אין 1886 האָט זיך אויפגעבויעט דער פּרינצעס סטריט קלוב; דאָס אידישע

טעאַטער האָט דאָרט אָנגעהויבען שפּילען אונטער דער פאַרוואַלטונג פון דעם בוטשער סמיטה, וועלכער האָט שוין געצאָלט וויידזשעס צו די אַקטיאָרען. ווי ס׳איז פאַרצייכענט האָט אַדלער דאַמאָלט באַקומען דריי פונט צען שילינג אַ וואָך.

אַזוי זיינען געווען די ערשטע אידישע טעאַטער גליקען אין לאָנדאָן. צו די דאָזיקע גליקען איז אַדלער׳ן געשטאָרבען די פרוי, טאַקי דאָ אין לאָנדאָן אין 1884. דאָס הייסט, אַז דאָ איז געווען דער מזבח פון ערשטען אידישען טעאַטער קרבן. זי איז אין גאַנצען אַלט געווען 22 יאָר. אַדלער איז דאַמאָלט אַלט געווען 29 יאָר.

דער רעפּערטואַר וועלכער איז דאַמאָלט געשפּילט געוואָרען איז געווען גאָלדפאַדען׳ס: „באָבע יאַכנע״, „ברײנדעלע קאָזאַק״, „שמענדריק״ און אַנדערע אַזעלכע פּיעסען, און אויך אייניגע פון זיינע בעסערע אָפּערעטען. אָבער אַז אַדלער האָט געהאַט אַ נייגונג צו שפּילען בעסערע פּיעסען קען מען זען פון דעם פאַקט, וואָס ער האָט דאָ אויפגעפירט צום ערשטען מאָל אין אידיש אוריאל אַקאָסטאַ פון גוצקאָוו׳ען. ער האָט אין דער ראָלע אַלס אוריאל אַקאָסטאַ געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג. די באַרימטקייט דערפון האָט געגרייכט אַמעריקאַ, און מען האָט אָנגעהויבען דאָרט רעדען וועגען אַהין אַריבערברײנגען אַדלער׳ן און זיין טרופּע. עס איז זאָגאַר פאַר דעם צוועק אַריבערגעקומען קיין לאָנדאָן אַן אַמעריקאַנער מענעדזשער, מאַנדעלקערן, אָבער אַדלער׳ן האָט זיך ניט געגלוסט פון דאַנען אַוועקצופאָרען.

אַדלער׳ס ערשטע פּרימאַדאָנע אין לאָנדאָן איז געווען לאה טשיזיק. (ניט טשיזיק, די וועלכע מיר קענען, נאָר אַן אַנדערע, וועלכע איז געווען וועניגסטענס 25 יאָר עלטער). לאה טשיזיק איז געווען די פרוי פון קעמפּנער׳ן. זי האָט געזונגען אַלס שולמית און אַלס דינה אין גאָלדפאַדען׳ס אָפּערעטען. אָבער זי איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז בעת׳ן זינגען האָט זי באַקומען אַ בלוט שטורץ, און זי איז געווען געצוואונגען זיך צוריקצוציען פון דער בינע. מיט דער צייט איז זי אָנגעקומען אין מושב זקנים, און דאָרט איז זי געשטאָרבען מיט פילע יאָרען שפּעטער.

אַדלער האָט אויך צוגעקראָגען פרישע כחות צו זיין טעאַטער דאָ אין לאָנדאָן. אין 1883 איז אַהער אַריבערגעקומען יוסף גאָלדשמידט, אַ פעהיגער שוישפּילער מיט אַ שענער שטימע צו זינגען. ער האָט נאָך געשפּילט אין גאָלדפאַדען׳ס ערשטע טרופּע אין רומעניען, ער האָט געשפּילט אַלס אליעזר אין דער ערשטער פאָרשטעלונג פון בר כוכבא. פאַר אַדלער׳ס טרופּע איז אַזאַ שוישפּילער זינגער געווען אַ באַדייטענדער געווינס. ער האָט דאָ געשפּילט די הויפּט ראָלען אין גאָלדפאַדענס אָפּערעטען. יוסף גאָלדשמידט האָט זיך דאָ געמאַכט אַ גוטען נאָמען. און נאָך דעם וואָס אַדלער איז פון דאַנען אַוועק האָט ער

אַליין אָרגאַניזירט אַ טרופּע און געשפּילט אַממיינסטענס אָפּערעטען. אויף דער עלטער איז ער אַוועק פון לאָנדאָן צוערשט קיין קאַנאַדאַ דערנאָך קיין אויסטראַליען. ער איז געווען אַ גוטער מנגן און ער איז אין יענע לעבדער געווען אַ חזן און אַ מוזיק לערער.

אַדלער האָט נאָך צוגעקראָגען אַ וויכטיגע קראַפט. עס איז אַהער געקומען אין 1884 אַ שוישפּילערין, קריינע סאָניעס. זי האָט דאָ גע־שפּילט אין אַדלער׳ס טעאַטער אָבער צוערשט אין קליינע ראָלען. למשל אין „אוריאל אַקאָסטאַ" איז זי ערשינען אַלס די בלינדע מאַמע. די דאָזיגע שוישפּילערין איז ניט געווען קיין אַנדערע ווי די גרעסטע דראַמאַטישע שוישפּילערין פון דער אידישער בינע, קעני ליפּצין. זי איז ערשט שפּעטער אונטער דעם נאָמען באַרימט געוואָרען אין אַמעריקאַ. אָבער דאָ אין לאָנדאָן האָט זי אויך שוין געשפּילט הויפּט ראָלען: אַלס יהודית אין „אוריאל אַקאָסטאַ", און אַלס דעבאָראַ אין מאָזענטאַל׳ס דראַמע מיט דעם זעלבען נאָמען. זי האָט די דאָזיגע ראָלע דאָ געשפּילט פּאַר דיינע פיינמאַן, אָבער אונטער דעם נאָמען סאָניעס. דאָ האָט זי זיך ענטוויקעלט פּאַר דעם שפּעטערן גרויסען נאָמען.

פון די לאָנדאָנער שוישפּילער און שוישפּילערינס, וועלכע זיינען שפּעטער גוט באַקאַנט געוואָרען, האָט דאַמאָלט אין אַדלער׳ס טרופּע שוין געשפּילט דזשייני קייזער. זי איז נאָך געווען אַ יונגע מיידעל, ווען זי איז צוגעצויגען געוואָרען צום טעאַטער. זי איז געווען אַ לעבעדיגע שוישפּילערין מיט אַ זייער גוטען קול. זי האָט געשפּילט כמעט איר גאַנצען לעבען אויף דער היגער אידישער בינע. זי האָט נאָך געהאַט אַ פּאַרצוג. זי איז געווען אַ געבוירענע אין ענגלאַנד, פּיליכט די איינציגע אידישע שוישפּילערין פון עלטערן דור, וועלכע איז דאָ געבוירען געוואָרען. זי האָט אָבער גערעדט אידיש מיט אַ ענגלי־שען אַקצענט, און כאָטש זי האָט געשפּילט אַזוי פיל יאָרען, לערך אַ האַל־בען יאָרהונדערט, אידיש טעאַטער, און זי האָט אייגענטליך געקענט אי־דיש, האָט זי זיך דאָך פון דעם ענגלישען אַקצענט ניט געקענט אָבגע־וואוינען.

אַרום יענער צייט, ווען די ליפּצין האָט דאָ געשפּילט האָט אַדלער צוגעצויגען צו דער בינע אַ קליינינקע (דאָס הייסט אַ נידעריטשקע), גאָר לעבעדיגע טאַלענטירטע מיידעל, געהייסען האָט זי דיינע שטעטין. ער האָט זי צוערשט געמאַכט פּאַר אַ שוישפּילערין און דער־נאָך פּאַר זיין ווייב. שפּעטער, אין אַמעריקאַ, זיינען פּאָרגעקומען ענדערונגען, און דיינע האָט געהייראַטה מיט זיגמונד פיינמאַן, און זי איז שפּעטער געוואָרען די אין לאָנדאָן זייער באַרימטע דיינע פיינמאַן. אָבער צוערשט איז זי דאָ געווען דיינע שטעטין און דיינע אַדלער. פון

איר היירא̇טה מיט א̇דלער׳ן איז ווי ס׳איז באוואוסט געבוירען געווא̇רען די טא̇לא̇נטירטע קינסטלערין ציליע א̇דלער. זי איז הייסט עס אויך א̇ פּרא̇דוקט פון לא̇נדא̇ן, כא̇טש זי איז געבוירען געווא̇רען אין ניו יא̇רק. זי איז א̇ קינד פון א̇ לא̇נדא̇נער רא̇מא̇נס.

עס הא̇בען זיך נא̇ך א̇בגעשפּילט געשיכטעס און חתונות א̇רום דעם אידישען טעא̇טער אין לא̇נדא̇ן, א̇בער איך בין ניט אויסן זיי צו דער־ציילען און ווע̇מען גייט עס א̇ן... איך וויל נא̇ר א̇נצייגען די פּא̇רהעלט־ניסע, אונטער וועלכע דא̇ס אידישע טעא̇טער הא̇ט זיך דא̇ ענטוויקעלט, און ווער עס זיינען געווען די הויפּט קינסטלער וועלכע הא̇בען דא̇ געשפּילט, א̇דער וועלכע זיינען פון דא̇נען א̇רויסגעקומען.

דא̇ס ערשטע אידישע טעא̇טער הא̇ט ניט בלויז געהאט חתונות און שמחות, נא̇ר אויך א̇ שרעקליכע טרא̇געדיע: דעם 18־טען יא̇נוא̇ר, 1887, איז דורך א̇ פא̇לשען א̇לא̇רם געשען א̇ גרויסער אונגליק אין דא̇מא̇לט־דיגען אידישען טעא̇טער אין פּרינצעס קלוב. אימיצער הא̇ט געשריען: „ס׳ברענט" — איז געווא̇רען א̇ געלויף, א̇ שטופּעניש און 17 מענשען זיינען דערשטיקט געווא̇רען אויף טויט. עס פא̇רשטייט זיך, א̇ז די פא̇רשטעלונג איז איבערגעריסען געווא̇רען, און ניט נא̇ר די איינציגע פא̇רשטעלונג; מען הא̇ט אין גא̇נצען אויפגעהערט שפּילען אידיש טעא̇טער אין לא̇נדא̇ן.

דער דא̇מא̇לטדיגער טשיף רבי, ד״ר הערמא̇ן א̇דלער, וועלכער הא̇ט שטענדיג געוואלט פּטור ווערען פון א̇זא̇ „א̇נשיקעניש" ווי א̇ אידיש טעא̇טער, און ער הא̇ט נא̇ך פריער געהאט א̇נגעבא̇טען א̇דלער׳ן רייזע הוצאות פא̇ר אים און זיין טרופּע, כדי זיי זא̇לען פא̇רלא̇זען לא̇נדא̇ן, — א̇ט יענער טשיף רבי הא̇ט נא̇ך דעם אונגליק אין פּרינצעס קלוב דערגרייכט זיין ציעל: ער הא̇ט געשא̇פען די רייזע הוצאות און א̇דלער מיט זיין טרופּע זיינען א̇וועקגעפא̇רען קיין א̇מעריקא̇.

די שמחה וואס דא̇ס הא̇ט געשא̇פען אין די קרייזען פון די יאהודים וועלכע זיינען געגען אידיש הא̇ט ניט זייער לא̇נג געדויערט. ווי הא̇ט שלום עליכם גערופען די אידישע א̇קטיא̇רען: „די בלא̇נזשענדע פייגעל", און א̇ז פייגעל בלא̇נזשען איז דא̇ך ניט שייך, ווערען זיי אויך פא̇ר־בלא̇נזשעט קיין לא̇נדא̇ן... א̇ז דער א̇דלער און זיינע פייגעל א̇ון פייגעלעך זיינען א̇וועקגעפלויגען פון לא̇נדא̇ן זיינען א̇נדערע געקומען צו פליען אויף זייער א̇רט. א̇דלער הא̇ט זיך אויך צוריקגעקערט א̇הער פון א̇מעריקא̇. ער הא̇ט צוערשט ניט געקענט בא̇קומען קיין א̇נגא̇זשירונג אין ניו יא̇רק. ער איז א̇בער ביי זיין צוריקקער דא̇ ניט לא̇נג געבליבען און איז ווייטער געפלויגען.

לא̇נדא̇ן הא̇ט בא̇קומען א̇ נייעם אידישען פויגעל. טא̇קי א̇ פויגעל... א̇ מוזיקער. ער הא̇ט געהייסען אליהו זלמן יא̇ריכא̇ווסקי. ער איז

געוועזן שוין אין דער היים, אין פוילען, אַ פּראָפעסער פון מוזיק צו אָפּערעטען. ער האָט פאַרפאַסט די מוזיק צו גאָלדפאַדענס אחשורוש. אין 1889 איז ער געקומען קיין לאָנדאָן. דאָ איז דער אידישער טרופּע, וואָס האָט געשפּילט אין אַ קלוב, גערופען דער „האָלענדישער קלוב", און וואָס איז געהאַלטען געוואָרען פון זיינעם אַ ברודער.

יאַריכאָווסקי האָט דאָ פאַרפאַסט מוזיק צו „מאָנטע קריסטאָ" און ער האָט איבערזעצט ווערדי'ס אָפּערא „טראַוויאַטאַ". ווי ס'איז צו זען איז זיין אַמביציע גאַנץ וויט געגאַנגען. זיין איבערזעצונג פון „טראַוויאַטא" איז זאָגאָר אויפגעפירט געוואָרען אין לאָנדאָן אין וויינ־קאָרט האָל. אין זעלבען טעאַטער האָט מען אויך געשפּילט „די אידישע קאָלאָניסטען אין פּאַלעסטינא", אַ פּיעסע פון אַדאָם מעסקאָס, צו וועלכער יאַריכאָווסקי האָט אויך פאַרפאַסט די מוזיק.

אַט דער דאָזיגער דיריגענט און טעאַטער דירעקטאָר האָט צוגעצויגען צו דעם אידישען טעאַטער די ביי אונז גוט באַקאַנטע שוישפּילער מאָריס ד. וואַקסמאַן און זיין שוועסטער פעני וואַקסמאַן (מאַדאַם בלומענטאַל). זיי זיינען צוגעשטאַנען גאַנץ יונג צו דער אידישער בינע אין 1889. מאָריס וואַקסמאַן איז נאָך ניט געוועזן קיין צוואַנציג יאָר אַלט, און זיין שוועסטער מיט פיר יאָר יונגער. זיי האָבען צוערשט אָנגעהויבען זינגען אין כאָר, און שפּילען קליינע ראָלען. זיי זיינען געוועזן קינדער פון אַ בעל הבתישער משפחה. זייער פאָטער איז געוועזן אַ חזן, און זיי האָבען געהאַט טאַלאַנט. זיי האָבען זיך ענטוויקעלט. מאָריס וואַקסמאַן איז געוואָרען אַ דראַמאַטישער שוישפּילער און פעני וואַקסמאַן איז צוערשט געוואָרען אַ פּרימאַדאָנאַ. זי האָט געהאַט אַ מעלאָדישע שטימע. יאַריכאָווסקי האָט איר געגעבען צו שפּילען די ערשטע ראָלע אין טראַוויאַטאַ. שפּעטער איז זי געוואָרן אַ דראַמאַטישע שוישפּילערין, אָבער איר זינגען אָפּערא אין דער יוגענד האָט געווירקט, דאָס זי האָט אויך גערעדט זינגענדיג. זי האָט ניט גערעדט נאַטירליך, נאָר דעקלאַמירט איר גאַנצען לעבען. אָבער ס'קען קיין ספק ניט זיין, אַז ביידע, אי משה ד. וואַקסמאַן אי פעני וואַקסמאַן, האָבען געהאַט אַ באַדייטענדען ערפאָלג, באַזונדערס אויף דער היגער אידישער בינע.

אין די ניינציגער יאָרען פון פאָריגען יאָרהונדערט האָבען דאָ געשפּילט אייניגע אידישע טרופּען. אַזוי האָט אין די יאָרען 1896־1897 געשפּילט אידיש טעאַטער אין די סטאַנדאַרד, שאָרדיטש (וואו ס'איז געוועזן שפּעטער די „אָלימפּיאַ") טשאַרלס נאַטאַנזאָן, איבער וועלכען איך וועל נאָך שרייבען.

אַרום יענער זעלבער צייט האָט גאַסטראָלירט אין לאָנדאָן דער באַקאַנטער אַמעריקאַנער שוישפּילער מאַקס ראָזענטאַל. ער האָט אַרי־

בערגענומען מ. ד. וואַקסמאַנ׳ען קיין אַמעריקא. וואַקסמאַן איז דאַן אַוועקגעפאָרן קיין זיד־אַפריקא און ער האָט אַהין אויך אַריבערגעבראַכט זיין שוועסטער.

אין אָנפאַנג פון איצטיגען יאָרהונדערט איז אין לאָנדאָן געווען די באַרימטע אידישע קינסטלערין לאַבעל. זי האָט דאַמאָלט נאָך גאָרניט געהייסען לאַבעל, זי האָט נאָך געטראָגען איר מיידלישען נאָמען טרייטלער. זי איז אַהער געקומען מיט איר פּאַטערס טרופּע, און זיי האָבען דאָ געשפּילט אין אַ האָל אין העקני. ווי מען גיט מיר איבער איז ישראל זאַנגוויל׳ס אַ שוואָגער געווען זייער מענעדזשער. אַקסעלראָד האָט אָנגעהויבען שפּילען דאָ אַלס אַקטיאָר אין יענער טרופּע.

דאָס איז אַלץ געשען איידער איך בין אָנגעקומען אין לאָנדאָן. ווען איך בין אַהערגעקומען אין זומער 1902 איז אין לאָנדאָן קיין אידיש טעאַטער אין ריכטיגען זין דאָ ניט געווען. אַלס באַוויז קען דינען דער פאָלגענדער פאַקט: אין אָנפאַנג פון יענעם יאָר איז אברהם גאָלדפאַדען געווען אין לאָנדאָן. דאָס איז שוין געווען זיין צווייטער באַזוך אין דער ענגלישער הויפּטשטאָדט. דאָס ערשטע מאָל איז ער דאָ געווען אין 1900, ווען ס׳איז דאָ פאָרגעקומען דער פירטער ציוניסטישער קאָנגרעס. ביי ביידע באַזוכען האָט מען ניט אַראַנזשירט קיין פאָרשטעלונג מיט אים אָדער לכבוד אים פּשוט דערפאַר, ווייל ס׳איז דאַמאָלט דאָ ניט געווען קיין ריכטיגער אידישער טעאַטער.

אברהם גאָלדפאַדען האָט אַליין געשריבען צו דינענזאָנ׳ען אין אַ לאַנגען בריף וועגען זיינע צוויי באַזוכען. ער גיט איבער אַז ביים ערש־טען באַזוך האָט מען אים געמאַכט אַ גרויסען קבלת־פּנים אין אַ סאַלאָן וואָס נעמט אַריין איבער 2000 פּערזאָנען, אויף וועלכען דר. גאַסטער האָט פּרעזידירט... פון צווייטען באַזוך גיט ער ניט איבער, אַז ס׳איז עפּעס פאָרגעקומען אין לאָנדאָן, נאָר ער דערציילט אַז מען האָט אים אַריבער־גענומען אין די פּראָווינץ שטעדט, ליווערפּול, מאַנשעסטער, גלאַזגוי. מען האָט דאָרט אַראַנזשירט קאָנצערטען, מען האָט אים צוגעטיילט כבוד און געגעבען פּרעזענטען. ער דערמאָנט קיין זאַך ניט פון אידיש טעאַטער. דאָס האָט נאָר געקענט געשען, ווייל ס׳איז קיין אידיש טעאַטער דאַמאָלט דאָ ניט געווען.

אָט אַזוי איז געווען דער אָנפאַנג פון אידישען טעאַטער אין לאָנדאָן.

5

מיין בייטראג

ווען איך בין אָנגעקומען אין לאָנדאָן איז אברהם גאָלדפאַדען שוין פון האַנען געהאַט אַוועקגעפאָרן. ווי איך האָב שוין דערציילט אין מיינע מעמואַרען „איך און מיין צייט", וואָס ערשיינען אין מיין צייטונג די „צייט" האָב איך געפונען שפּילען וואַריעטע פאָרשטעלונגען אין האַלען, און איך בין שטאַרק ענטוישט געוואָרן. איך האָב זיך ערוואַרטעט, אַז איך וועל דאָ געפונען אַ ריכטיגען אידישען טעאַטער, אויף אַ פול בעסערער מדרגה. נאָך אין בוקאַרעסט, פון וואַנען איך בין אַהער גע־קומען האָב איך שוין געזען אַזעלכע קינסטלער ווי מאָגולעסקו, יאָוועליר, סעגאַלעסקו, צוקערמאַן, קאַליש, און דאָ אין דער גרויסער רייכער לאָנדאָן — אַזאַ אידישע קליינקייט און אָרימקייט. ס'האָט מיך אַזש פאַרכאַפּט ביי'ם האַרצען. (איך טרייב דאָס ניט איבער). איך האָב באמת געהאַט דערפון גרויס עגמת נפש, און האָב ביי מיר באַשלאָסען צו טון, וואָס איך וועל נאָר קענען צו הויבען דאָ דעם מצב פון אידישען טעאַטער.

איך בין דאַמאָלט בלויז געווען לערך זעקס חדשים אין לאָנדאָן. איך האָב אין יענער צייט ווייניג וואָס געקענט אויפטון, און איך בין אַוועק־געפאָרען קיין מאַנשעסטער, וואו איך בין געבליבען דריי יאָר. צווישען אַנדערע גייסטיגע טעטיגקייטען מיינע (אין וועלכע עס גייען אַריין עפענטליכע פאָרטרעגע, און דעבאַטען מיט רעווערענד ראַפּאַלאָוויטש — דער נאָך דעם געוואָרן רב הכולל פון בראַזיל — און מיט דעם ציוניס־טישען פירער, דר. חיים וויצמאַן), האָב איך אויך אָרגאַניזירט אַן אַמאַטאָרען גרופּע און מיר האָבען אויפגעפירט דוד פינסקי'ס דראַמאַ פון זעלבסטשוץ „די פאַמיליע צבי". מ. יאַפע, וועלכער איז נאָך דעם געוואָרן אַ סוחר און אַ בילדער אין ליווערפּול, האָט געשפּילט די הויפּט ראָלע אַלס ר' משה. איך בין געווען דער רעזשיסאָר.

דאָס איז געשען נאָך דעם פּאָגראָם אויף אידען אין קישינעוו, און נאָך גאַפּאָנס דעמאָנסטראַציעס אין סט. פּעטערסבורג (איצט לענינגראַד) וועלכע האָבען געפירט צו הריגות אויף רוסישע פויערים און אַרבייטער, און צו נייע געפּאָרען און פּאָגראָמען. מיין כונה אין אויפפירען „די פאַמיליע צבי" איז ניט נאָר געווען אויפצופירען אַ ליטעראַרישע פּיעסע,

נאָר אויך צו וועקען די אויפמערקזאַמקייט צו דער לאַגע פון די אידען אין רוסלאַנד און צו זייער קאַמף פאַר עקזיסטענץ, ערע און פרייהייט.

די פאָרשטעלונג איז געווען פאַרהעלטניסמעסיג, ווי פאַר אַמאַטאָרען, גאַנץ שיין. אַחוץ „אוריאל אַקאָסטאַ" איז דאָס געווען די ערשטע אידישע ליטעראַרישע פיעסע, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין ענגלאַנד. צי ס'האָט געהאַט עפּעס אַ ווערט אָדער ניט, דאָס איז אַן אַנדערע פראַגע, אָבער ס'איז אַ פאַקט, וואָס איז אפשר ווערט געווען צו פאַרצייכענען.

ווען איך בין צוריקגעקומען פון מאַנשעסטער קיין לאָנדאָן אין פריי־לינג 1906, האָב איך דאָ געפונען אַ גרויסע אויפלעבונג, הן אין דער אי־דישער פרעסע, הן אין אידישען טעאַטער. איך בין געקומען מיט דעם ווילען צו העלפען דער דאָזיגער אויפלעבונג פון קולטורעלען און קינסט־לערישען אינטערעס. איך האָב איבערגענומען דאָס רעדאַקטירען „די נייע צייט", און איך האָב זיך אויך אָנגעהויבען שטאַרק באַשעפטיגען מיט'ן אידישען טעאַטער.

עס האָבען אין יענעם פרילינג אָנגעהויבען שפּילען צוויי אידישע טעאַטערס אין לאָנדאָן: איין טרופּע, מיט שילינג'ען און מאַדאַם צוויבעל אין שפּיץ, האָט געשפּילט אין פּאַוויליאָן טעאַטער, אַממיינסטענס אָפּערע־טען און מעלאָדראַמען; און אַ צווייטע טרופּע, מיט מ. ד. וואַקסמאַן און פעני וואַקסמאַן אין שפּיץ, האָט געשפּילט אין סטענדאַרד טעאַטער, אַמ־מיינסטענס דראַמען און לעבענס בילדער.

איך האָב זיך גלייך פון אָנפאַנג פאַרהאַלטען קריטיש־געגנעריש צום ערשטען מין טעאַטער און קריטיש־פריינדליך צום צווייטען מין טעאַטער, ווייל איך האָב שוין דאַמאָלט געהאַלטען, אַז דאָס טעאַטער דאַרף זיין ניט נאָר אַ אונטערהאַלטונגס, נור אויך אַן ערציהונגס אינסטי־טוציע פאַר די מאַסען צושויער. עס דאַרף זיי טאַקע אַמוזירען, אונטער־האַלטען, עס דאַרף זיי אָבער אויך אינטערעסירען אין העכערע פראַגען, שילדערענדיג פאַר זיי טיפערע לעבענס מאָטיווען, וואָס באַרירען זייער אייגענעם לעבען, און דאָס לעבען פון אונזער פאָלק און פון מענשען בכלל.

איך האָב איבערהויפּט שטענדיג געהאַלטען, אַז דאָס לעבען איז אַ צו ערנסטע אַרענאַ פון קעמפע, אַז מען זאָל מעגען האָבען דערצו אַ לייכטזיניגע באַציהונג, און מען זאָל זיך לאָזען פשוט וואוילגיין מיט גע־זענגע, טענץ, און געלעכטער... מען דאַרף דאָס אויך אַלס אָבוועקסלונג, אַלס אַ ביישטייער צו פילפאַרביגקייט און פאַרשידענאַרטיגקייט, וואָס מאַ־כען דאָס לעבען אינטערעסאַנט און פאַרטרייבען די גרויקייט פון מאָנאָ־טאָניע; אָבער דאָס טאָר ניט ווערען דער עיקר, ווייל עס מאַכט צו נישט

דעם כאַראַקטער. דער עיקר איז צו פאַרשטיין דאָס לעבען אין זיין גאַנ־צער פילזייטיגקייט, און צו לערנען זיך ווי צו ווירקען דעריין, ווי עס צו פאַרבעסערן, פאַרשענערן, פאַרעדעלען; ווי עס צו מאַכען וואָס מענשלי־כער, וואָס דערהאַבענער, און אַט צו דעם קען דאָס טעאַטער זייער פיל ביישטראָגען דורך אויפפירען גוטע ערנסטע דראַמען פון פאַרפאַסער, וועל־כע זיינען לערער און דערהויבער פון מענשען.

אַט צו דער אויפגאַבע, צו מאַכען אידישע קינסטלער און אידישען פובליקום דאָס פאַרשטיין, האָב איך געווידמעט מיין ביישטראַג, מיינע קריטישע אָבהאַנדלונגען. דער אינטערעס מיינער צום אידישען טעאַטער איז געוואָרען איינער פון די הויפט פיר אינטערעסען וואָס איך האָב גע־האַט אין לעבען: פּאָליטיק — זי צו באַלייכטען פובליציסטיש און היס־טאָריש; געזעלשאַפטליכע טעטיגקייט — צו באַפעסטיגען און דערהויבען דאָס אידישע לעבען; קולטור — אויפצוהאַלטען און ענטוויקלען אידישע גייסטיגע ווערטען; און טעאַטער — עס ענטוויקלען צו אמת׳ע קינסט־לערישע פאָרמען, אַז ס׳זאָל ברייננגען העכערן פאַרגעניגען און ערציע־רישען נוצען צו די אידישע מאַסען.

פאַר אַ לאַנגער צייט האָב איך געמיינט, אַז איך וועל קענען שאַפען אַ קונסט טעאַטער אין לאָנדאָן. איך האָב עס פרובירט אויף פאַרשידענע אופנים.

איך האָב איבערגעזעצט איניגע קונסט פיעסען: „דער כלי־זמר פון קרעמאָנאַ״ פון פראַנסאָ קופע, „קאָקעטע דאַמען״ פון מאָליער, „דער בלויער פויגעל״ פון מאָריס מעטערלינק, „דער קויפמאַן פון ווענעדיג״ פון שעקספיר, איין־אַקטערס פון הייערמאַנס, א. אַ. איניגע פון די לי־טעראַרישע קונסט פיעסען האָב איך אויפגעפירט מיט אַמאַטאָרען.

איך האָב געדינט אַלס ליטעראַרישער ביראַט צום „קונסט טעמ־פעל״, דאָס טעאַטער וואָס איז אויפגעבויט געוואָרען נאָך זיגמונד פיינ־מאַן, און געבראַכט אַהער בן עמי׳ן א. אַ. איך האָב זאָגאַר צוזאַמען מיט צווי אַנדערע פאַר אַ צייט איבערגענומען דאָס פּאַוויליאָן טעאַטער און געבראַכט אַהער באַראַטאָוו׳ן, זאַסלאַווסקי׳ן א. אַ. איך קען ניט זאָגען, אַז די באַמיהונגען האָבען ניט געהאַט אַ ווירקונג. זיי האָבען דאָך בייגעטראָ־גען צו צוגעוואוינען וועניגסטענס אַ טייל פון פובליקום צו אַ בעסערן טעאַטער. אָבער די דערגרייכונגען זיינען ווייט ניט געווען, ווי איך האָב געווינשען. איך האָב געמוזט מיינע פראָבעס פון דירעקט אַנטייל נעמען אין אידיש טעאַטער אויפגעבען, אָבער איך האָב פאָרטגעזעצט מיין אַר־בייט אַלס קריטיקער, האַבענדיג די זעלבע שטאַנדפונקטען און צילען ווי שטענדיג, נאָר מיט מער צווייפעל אין האַרצען צי מען קען דערגרייכען,

באַזונדערס דאָ ביי אונז אין לאָנדאָן, בעסער געזאָגט אין ווייטשעפּעל, דאָס וואָס מען וויל... איך האָב אָבער די איבערצייגונג, אַז פּרובירען האָט מען באַדאַרפט, און מען וועט ווייטער דאַרפען פּרובירען, אפשר וועט עס געלונגען.

איצט, אַז איך האָב שוין ערקלערט וואָס ס׳זיינען מיינע שטאַנד־פּונקטען און וואָס ס׳איז געווען דער ציל פון מיינע קריטיקען, וועל איך איבערגיין צו דאָס איבערגעבען די הויפּט אָבהאַנדלונגען, וואָס איך האָב געשריבען וועגען טעאַטער אין די לעצטע פערציג יאָר פון מיין טעטיג־קייט אַלס טעאַטער קריטיקער.

איך טייל איין מיין מאַטעריאַל אין דריי אָבטיילונגען:

1. פּאַרפאַסער און פּיעסען.
2. קינסטלער און ראָלען.
3. קונסט טרופּען און אַנדערע.

אייניגעס אין דעם בוך איז אַ ביסעל געענדערט געוואָרען, ניט אין אינהאַלט נאָר אין דער פאָרמע. וועגען אייניגע פּאַרפאַסער און פּיעסען און אויך בנוגע קינסטלער האָב איך שוין אַ לענגערן פּערספּעקטיוו און ניט בלויז אַ מאָמענטאַלען איינדרוק. מיין וואונש איז צו זיין קריטיש, אָבער גערעכט אין פולען זין, און אויך היסטאָריש.

6

פארפאסער און פיעסען
וואס זיינען געשפילט געווארען אין לאנדאן

פאַרפאַסער און פיעסען זיינען די ערשטע יסודות פון טעאַטער. אָן פיעסען, אָן אַ רעפּערטואַר פון פיעסען קען קיין טעאַטער ניט זיין, און פיעסען מוזען האָבען פאַרפאַסער.

אַ פיעסע איז ווי אַ קינד, און דער פאַרפאַסער איז די מאַמע פון קינד,— דער לעבען איז דער טאַטע.

דער לעבען שאַפט דעם געדאַנק, דעם מאָטיוו פון דער פיעסע, און דער פאַרפאַסער דאַרף איר טראָגען און אויסטראָגען, פאָרמעווען אירע אברים, און זי אַרויסברענגען אַ לעבעדיגע פאַר דער ליכט פון טאָג, פאַר די אויגען פון די צושויער.

לאָנדאָן האָט געהאַט ווייניג מזל צו פאַרפאַסער. עס האָבען דאָ געפעלט אָט די גוטע מאַמעס פון אידישען טעאַטער. עס איז ביי אונז ענטשטאַנען אַ טעאַטער און זיך אויפגעהאַלטען ווי אַ יתום. עס זיינען דאָ געווען זייער ווייניגע פאַרפאַסערס פון פיעסען און פון גוטע פיעסען כמעט אין גאַנצען ניט. עס פעלט דאָ אפשר טאַקע דערפאַר די אַכטונג און שעצונג פאַר פאַרפאַסערס, כאָטש זיי פאַרדינען דאָס אין דער פולער מאָס.

עס קען אויך זיין, אַז דערפאַר וואָס עס זיינען דאָ געווען זייער ווייניגע פיעסען פאַרפאַסער האָבען דאָ געפעלט אַזעלכע מענשען, וועלכע זאָלען נעמען אַ גרויסען אינטערעס אין אידישען טעאַטער. עס זיינען ניט געווען אַזעלכע שרייבער, וועלכע זאָלען זיך פילען דירעקט פאַרבונדען מיט'ן טעאַטער, וועלכע זאָלען פילען אַז דאָס אידישע טעאַטער טראָגט ביי צו זייער וואוילשטאַנד און פאָלגליך דאַרפען זיי אויך בייטראָגען צו זיין עקזיסטענץ און ענטוויקלונג.

מיין כונה איז ניט דאָ צו אַנאַליזירען, ווער ס'איז שולדיג אין דעם; אָבער מען מוז אָנצייגען, אַז די הויפּט שולד איז געלעגען אין דעם וואָס קיינער פון די וועלכע זיינען אין לאָנדאָן געווען פאַרבונדען מיט אידיש טעאַטער, האָט ניט געדענקט אפילו צו דערמוטיגען אידישע שריפט־

שטעלער צו שרייבען פּיעסען, דורך דעם וואָס זיי זאָלען פאַר אַזעלכע פּיעסען צאָלען.

עס זיינען געווען שוישפּילער וועלכע זיינען דאָ בוכשטעבליך רייך געוואָרען, אָבער קיין פּיעסע פון אַ היגען אידישען פאַרפאַסער האָבען זיי ניט געקויפט. מען האָט זיך באַנוגענט מיט שפּילען פּיעסען, וועלכע זיינען אין אַנדערע לענדער פאַרפאַסט געוואָרען. עס האָט געקאָסט פיל ביליגער. בעסער געזאָגט, אַז ס'האָט גאָרניט געקאָסט, סאַידען פאַר'ן איי־בערשרייבען.

איך פאַרצייכען דאָס דאָ, אפשר וועט עס העלפען פאַרבעסערן דעם צושטאַנד פאַר דער צוקונפט.

כדי אַ אידיש טעאַטער זאָל זיך קענען ענטוויקלען און האָבען דער־פאָלג מוז עס האָבען ניט נאָר שוישפּילער נור אויך פאַרפאַסער, וועלכע זאָלען שאַפען אַלע מאָל נייע פּיעסען, וואָס זאָלען אויך זיין צוגעפּאַסט צו דעם אָרט און צו דער צייט.

דאָס טעאַטער, האָב איך שוין ערקלערט, איז אַ שפּיגעל פון לעבען, און דאָס לעבען ערשיינט אַלע מאָל אין נייע אָדער באַנייטע פאָרמען. דאָס טעאַטער מוז אָבשפּיגלען אָט אפילו די דאָזיגע באַנייאונג, אַז ניט דערפילט עס ניט ריכטיג איר אויפגאַבע.

אָט דאָס טעמא, רעפּערטואַר, האָב איך באַהאַנדעלט נאָך אין אוי־גוסט 1912 אין „אידישען זשורנאַל". איך האָב דאַמאָלט געשריבען:

מען הערט אָפט טעאַטער דירעקטאָרס און „סטאַרס" ערקלערען: „מיר האָבען אַ פּובליקום, מיר האָבען פעהיגע שוישפּילער נאָר... (מען רוימט עס איין בסוד): מיר האָבען ניט קיין גוטע פּיעסען. אונזערע שריי־בער שאַפען ניט".

מען בלייבט אַ ווײַלע פאַרטראַכט, דער ענטפער מאַכט נאַכדענקען: דער אידישער רעפּערטואַר איז ווירקליך אָרים. גאָר גוטע אידישע פּיע־סען האָבען מיר ביז איצט (ביז יענער צייט) ניט געהאַט; און די „גוטע" זיינען געציילטע. מען קען מיט זיי ניט אויספּילען קיין איין סעזאָן קיין לייטישען...

אָבער,— גיט אַ בליץ אין געדאַנק — וואָס האָבען די פירער פון די אידישע טעאַטערס געטון פאַר אידישע שרייבער צו וועקען ביי זיי אַ חשק צו שרייבען פאַר דער בינע? האָבען זיי געגעבען די קלײנסטע דערמוטיגונג? האָבען זיי געזוכט צו געפינען מיטלען ווי אידישע פּיעסען זאָלען געשאַפען ווערען? האָבען זיי געוואַרט מיט אויסגעשטרעקטע

אָרעמס און אָפּענע קעשענעס צו עמפּאַנגען אַ גוטע פּיעסע? — דאָס ניט!

ביי די אומות העולם, אַז מען זעט דאָס ס׳פעלט עפּעס אויס צו דער ווייטערער ענטוויקלונג פון קולטור און פון גייסטיגען לעבען פון פאָלק, מאַכט מען קאָנקורסען, צו וועלכע מען לאַדעט איין אַלע וואָס זיינען פעהיג צו שאַפען די נויטיגע זאַך וואָס פעלט. מען באַשטימט פרייזען פאַר די וואָס וועלען דאָס בעסטע אַרויסברייגען... האָבען די אידישע טעאַטער פירער אַמאָל אַ קלער געטון צו שאַפען אַזאַ קאָנקורס? קיין מאָל ניט!

און ניט נאָר קיין קאָנקורסען האָבען אונזערע טעאַטער פירער ניט געמאַכט, נאָר ווען ס׳האָט אפילו געטראָפען, דאָס אַ אידישער ליטעראַט האָט אָנגעשריבען אַ פּיעסע, זיינען אים איינפאַך אַרויסגעקראָכען די אויגען ביז ער האָט זי געזען אויפגעפירט, אָוועקגעבענדיג זיין אַרבייט פאַר אַ שפּאָט ביליגען פרייז... כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס איניגע אידישע פּיעסען זיינען פריער אויפגעפירט געוואָרען אין איבערזעצונג אין פרעמדע טעאַטערס, איידער זיי האָבען געזען די ליכט פון דער אידישער בינע. טאָ, איז אַ וואונדער וואָס אונטער אַזעלכע פאַרהעלטניסע שאַפען ניט אונזערע שרייבער?...

אַזוי איז דאַמאָלט געווען איבעראַל; נאָך ערגער איז עס אין לאָנדאָן ביז היינט צו טאָג...

איניגע פּיעסען זיינען דאָך דאָ געשאַפען געוואָרען, איך וועל זייערע פאַרפאַסערס דערמאָנען, אָבער צוערשט וויל איך איבערגעבען מיינע אָבשאַצונגען פון די פאַרפאַסערס פון די בעסערע פּיעסען, וואָס זיינען דאָ געשפּילט געוואָרען און וואָס איך האָב געזען.

---

1. אברהם גאָלדפאַדען

דער שאפער פון אידישען טעאטער

אן ערא־נערונג ביי זיין הונדערט־יאריגען געבורטסטאג

אברהם גאָלדפאַדען קומט דער ערשטער כבוד אין יעדען ווערק איבער אידיש טעאַטער. ער איז געווען דער שאַפער פון דאָזיגען צווייג פון קונסט און קולטור ביי אידען.

מיר איז שוין אויסגעקומען צו רעדען איבער גאָלדפאַדען אין דעם קאַפיטעל איבער דער ענטשטייאונג און ענטוויקלונג פון אי־דישען טעאַטער. דאָ וויל איך נאָך איבערגעבען אייניגעס פון דעם וואָס איך האָב איבער אים געשריבען בעת מען האָט געפייערט זיין הונדערט־יאָריגען געבורטסטאָג (ער איז געבוירען געוואָרען דעם 12־טען יולי 1840 און איז געשטאָרבען דעם 9־טען יאַנואַר 1908). איך וויל דאָ איבערגעבען די כאַראַקטעריסטיקס, וואָס איך האָב אָנ־געצייכענט פון אים און פון זיין שאַפען.

אברהם גאָלדפאַדען ווערט מיט רעכט באַצייכענט אַלס פאָטער פון אידישען טעאַטער.

אידיש טעאַטער.— האָט מען אַזאַ ברייטען באַגריף צו פאַרשטיין אין דער גאַנצער טיפקייט וואָס דאָס מיינט, און אָבצושאַצען דעם גרוי־סען ווערט דערפון אַלס קוואַל פון באַפעסטיגען דאָס אידישע פאָלק און דערהויבען דעם מענשען אין אידען?

מיר איז שוין אויסגעקומען צו ערקלערען, אַז פונקט ווי פילאָזאָפיע איז די וויסענשאַפט פון די וויסענשאַפטען, אַזוי איז דאָס טעאַטער די קונסט פון די קונסטען. די פילאָזאָפיע שטייט העכער ווי די וויסענשאַפ־טען, ווייל זי זוכט צו דערגייין דאָס פאַרבאָרגענע, דאָס וואָס די וויסענ־שאַפטען קענען גאָרניט דערגרייכען, דאָס וואָס מ׳קען ניט פאַרנעמען מיט די חושים, דאָס צו וואָס מען דאַרף האָבען קאָמבינאַציע ניט נאָר פון מאַ־טעריעלע עלעמענטען נור אויך פון גייסט, פאַרשטעלונג און וויזיע צו באַגרייפען דאָס וואָס די נאַטור האָט ניט ענטפלעקט. יעדע קונסט באַזונ־דער, פונקט ווי יעדע וויסענשאַפט, ענטפלעקט דאָס רעאַלע, פאַלגליך דאָס אויסערליכע, דאָס באַקאַנטע. אפילו די ליטעראַטור שילדערט דאָס לעבען, ווי עס איז שוין ענטפלעקט. דאָס טעאַטער קאָמבינירט עלעמענ־טען וואָס די קונסטען שטעלען פאָר און וואָס די ליטעראַטור שילדערט,

און זוכט דערצו אַרויסצוברענגען די פאַרבאָרגענע אינערליכע איבערלע־בונגען פון דער מענשליכער נשמה, און די איינדרוקספולסטע שענקייטען פון וועלכע דער שאַפענדער מענש האָט אַ אַנונג.

דאָס אידישע טעאַטער דאַרף אַרויסברענגען די פאַרבאָרגענע אי־נערליכע איבערלעבונגען פון אידישע מענשען און די איינדרוקספולסטע שענקייטען, וועלכע באַוואוסטזיניגע שאַפענדע אידען קענען פאַרשטעלען.

דאָס אידישע טעאַטער איז ניט אַליין, עס גייט האַנד אין האַנד מיט דער אידישער פּרעסע. מען קען אויף טעאַטער און פּרעסע בכלל זאָגען, אַז זיי זיינען צוויי אויגען ביי יעדען פאָלק; זיי זיינען טאַקע אַזוי וויכטיג פאַר׳ן פאָלק ווי די אויגען זיינען פאַר׳ן מענשען, און זיי דאַרפען געהאַל־טען ווערען אַזוי טייער און געשעצט ווי דער מענש האַלט די אַפּלען פון זיינע אויגען.

אָן טעאַטער און אָן פּרעסע וואָלט דאָס פאָלק ניט געזען זיין לעבענס וועג; עס וואָלט זיך אַליין ניט געקענט באַטראַכטען, און עס וואָלט פאָלג־ליך זיך אַליין ניט געקענט, און ניט געוואוסט ווי זיך ריכטיג און ווירדיג צו פאַרהאַלטען. די פעלקער געבען זיך דאָך גאָר קיין רעכנונג ניט וואָס פאַר אַ שפּיגלען און וואָס פאַר אַ וועג־ווייזער דאָס טעאַטער און די פּרע־סע זיינען פאַר זיי.

דאָס אידישע טעאַטער און די אידישע פּרעסע האָבען נאָך אַ העכערע פונקציע, ווי עס איז דער פאַל מיט די דאָזיגע גייסטיגע אינסטיטוציעס ביי אַנדערע פעלקער. זיי זיינען אויך די אויערן און די צונג פון די אידי־שע מאַסען. אָן זיי וואָלט מען שוין כמעט ניט געהערט קיינע אידישע קלאַנגען, און מען וואָלט ניט גערעדט אין דער שפּראַך אין וועלכער עס קלינגען אָב די פילע אידישע ליידען און דאָס קליינע ביסעלע פריידען, וואָס איז נאָך פאַראַן וואו ניט וואו אין אידישען לעבען. ווען מען זאָל חס ושלום דערלאָזען, אַז ס׳זאָלען געשלאָסען ווערען די אידישע טעאַ־טערס און ס׳זאָל אָבגעשטעלט ווערען די אידישע פּרעסע, וואָלטען מאַסען אידען ניט נאָר פאַרלוירען די אידישע באַוואוסטזיניגקייט, נור זיי וואָל־טען איבערהויפּט ניט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט זיי געפינען זיך בכלל. דאָס אידישע טעאַטער און די אידישע פּרעסע האַלטען אויף די באַוואוסטזיניגקייט אַלס אידען ביי די אידישע מאַסען, און זיי ענטוויקלען און דערהויבען דעם מענשען אין דעם אידען.

שוין צוליב דעם אַליין וואָס דאָס טעאַטער און די פּרעסע האָבען אַזאַ ענליכע ראָלע, איז דער הונדערט־יאָריגער יובל זינט דעם געבורט פון דעם פאָטער פון אידישען טעאַטער אויך אַ יום־טוב פון דער אידי־שער פּרעסע; אָבער אַחוץ דעם האָט אברהם גאָלדפאַדען טאַקע צו זיי ביידע באַלאַנגט. נאָך איידער ער איז געוואָרען אַ טעאַטער דירעקטאָר איז ער געוועזען אַ רעדאַקטאָר, און איידער ער האָט געשריבען פּיעסען

האָט ער געשריבען העברעאישע און אידישע לידער און ציימונגס אַר־טיקלען.

דאָס וואָס אברהם גאָלדפאַדען האָט זיך ענטוויקעלט צו אַזאַ הויכער מדרגה, האָט ער קודם כל געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט, וואָס זיין פאָטער'ס הויז איז געוועזן אַ אידישע אין ריכטיגען זין, און וואָס זיין פאָ־טער האָט ליב געהאַט אַריינצוקוקען אין אַ ספר, און זיך צו באַשעפטיגען מיט גייסטיגע ענינים. אָט דער גייסט פון פאָטער האָט זיך איינגעוועבט אין די קינדער.

גאָלדפאַדען האָט באַזעסען אַ אינערליכען איינגעבוירענעם טאַלאַנט פאַר דער שוישפּיל קונסט. ער האָט אויך געהאַט פון דער יוגענד אַ זין פאַר הומאָר און קאָמיזם. דאָס צייגט זיך אַרויס פון דעם פאַקט, וואָס בעת ער האָט געלערנט אין אַ ראַבינער שולע אין זשיטאָמיר, האָט ער גע־שפּילט די ראָלע פון אַ מיידעל, „סערקעלע", אין אַ קאָמעדיע, וואָס די פּרוי פונ'ם אינספּעקטאָר פון דער שולע האָט אויפגעפירט. גאָלדפאַדען איז זאָגאַר געוועזן „די הויפּט ראָליסטין"... עס איז פאַראַן אַ פאַרצייכנונג אין די מעמוּאַרען פון זיינעם אַ שול־קאָלעגע, אַז אברהם גאָלדפאַדען האָט זיך מער אויסגעצייכענט ווי אַלע אַנדערע, וועלכע האָבען אַנטייל גע־נומען.

ער האָט אָבער באַזעסען טאַלאַנט ניט נאָר צו שפּילען נור אויך צו שרייבען, און ווי עס איז דער שטייגער האָט ער אָנגעפאַנגען מיט שריי־בען לידלעך. עס איז דאָ אַ פאַרצייכנונג, אַז גאָלדפאַדען אַליין האָט דער־ציילט, דאָס ער האָט אָנגעהויבען שרייבען לידלעך ווען ער איז נאָך גע־ווען אַ קינד פון 7 יאָר. ער האָט אַליין אויך פאַרפאַסט צו זיי ניגונים, און מען האָט זיי געזונגען איבער די אידישע שטעט און שטעטלעך פון רוס־לאַנד.

אין דער צייט פון גאָלדפאַדענ'ס יוגענד האָט זיך שטאַרק פאַר־שפּרייט די השכלה באַוועגונג אין דעם גרויסען מזרח לאַנד פון איירא־פּאַ. די באַוועגונג צו מאַכען דעם אידען פאַר אַ וועלטליכען מענשען האָט שטאַרק געוואַקסען. די עקזיסטענץ פון די אידישע קרוין־שולען האָבען פיל צו איר בייגעטראָגען. אויך איז געוועזן גרויס דער איינפלוס וואָס איז געקומען פון עסטרייך און דייטשלאַנד, וואו די אידישע עמאַנציפּאַציע האָט שוין עקזיסטירט און דאָס מערב אידענטום האָט זיך צובליט. אברהם גאָלדפאַדען איז אויך פאַרכאַפּט געוואָרען פון דעם השכלה גייסט. אָבער ער איז אויך געוועזן שטאַרק נאַציאָנאַל געשטימט.

אברהם גאָלדפאַדען האָט געהאַט צוויי קוועלען, פון וועלכע ער האָט געשעפּט די מאָטיווען און סוביעקטען פאַר זיינע טעאַטער שטיק. איין קוואַל איז געוועזן דאָס לעבען, פון וועלכען ער האָט גענומען זיינע קאָ־מעדיען. ער האָט איבערהויפּט זיך אַליין געפילט ווי ער שטייט אין מיטען

לעבען און שילדערט און לאַכט אָב פון געוויסע טיפּען פון זיינע מיטמענ־שען. דער צווייטער קוואַל פאַר זיין שאַפען איז געווען דער תנ״ך, די אַלטע אידישע געשיכטע. גאָלדפאַדען האָט גענומען ביבלישע מאָטיווען, וועלכע ער האָט פאַרוואַנדעלט אויף אַ פּראַכטפולען אופן אין גלענצענדע אָפּערעטען. אויף דעם פעלד איז זיין שאַפען זייער גרויס.

מען קען זיכער ביי גאָלדפאַדענ׳ען ניט געפינען קיין פאָלקאָמענ־הייט. ער איז געווען אַן ערשטער, אַ שאַפער פון דעם וואָס אידען האָבען פריער ניט באַזעסען, זיכער ניט אין אַזאַ פאָרנעם. און אַלס ערשטער שאַ־פער האָט ער ניט געקענט זיין אַזאַ שלייפער... דימאַנטען ווערען אויס־געגראָבען פון דער ערד, די ערשטע אַרבייט איז זיי צו געפינען און זיי אָבצוריינינגען, דאַן ערשט שלייפט מען זיי. גאָלדפאַדען האָט געפונען די דימאַנטען, וועלכע האָבען צוזאַמענגעשטעלט דאָס אידישע טעאַטער. די שלייפער פון די דימאַנטען זיינען געקומען נאָך אים, אָבער זיינע ווערק האָבען אַ אונשטערבליכען ווערט. ער האָט געשאַפען דעם פונדאַמענט, און דערמעגליכט די ווייטערע ענטוויקלונג פון דער אידישער בינע.

ווי שוין ערקלערט איז אברהם גאָלדפאַדען צוערשט געווען אַ רע־דאַקטאָר. דורך דער פאַרשפרייטונג פון זיינער אַ צייטונג, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען צוזאַמען מיט י. לינעצקי, איז ער געקומען אין באַרירונג מיט דעם אידען יצחק ליברעסקו פון יאַסי, רומעניען, וועלכער איז גע־ווען דער יעניגער וואָס האָט אים געמאַכט פאַר אַ טעאַטער דירעקטאָר.

מיר פערזענליך איז אויסגעקומען צו קענען ליברעסקו׳ן. מיין פרוי און זיין טאָכטער, די פרוי פון דעם אַמעריקאַנעם שריפטשטע־לער בערקאָוויטשי, זיינען געווען זייער גוט באַפריינדעט. זיינער אַ זון איז דער גוט באַקאַנטער דר. ליבער, פאַרפאַסער פון פאָפּולערע מעדיצי־נישע ווערק אין אידיש. מיט ליברעסקו׳ן האָב איך זיך באַקענט אין בו־קאַרעסט; דאָס איז געווען איידער ער איז געפאָרען קיין אַמעריקא. ער איז שוין דאַמאָלט געווען אַן עלטערער איד, אָבער פול מיט ברען, לע־בעדיג און שאַרפזיניג. ער פלעגט באַזונדערס ליב האָבען צו דערציילען וועגען זיינע פאַרבינדונגען מיט גאָלדפאַדען. ליברעסקו האָט אַריבערגע־בראַכט אברהם גאָלדפאַדען קיין יאַסי אין 1876. דער צוועק איז געווען, אַז ער זאָל דאָרט אַרויסגעבען זיין צייטונג. אָבער ליברעסקו׳ס פרוי האָט אים געגעבען אַן אַנדערע עצה. זי האָט אים געזאָגט, אַז ביי אַ אידישער צייטונג וועט ער ניט האָבען קיין פרנסה; זאָל ער בעסער שאַפען אַ אידיש טעאַטער, ס׳איז נאָך קיין אידיש טעאַטער דאַמאָלט ניט געווען, און אַט דערביי וועט ער מאַכען בעסערע געשעפטען. לויט ליברעסקו׳ס ערקלע־רונג האָט גאָלדפאַדען אָנגענומען די דאָזיגע עצה. מען קען אָבער אָנ־נעמען, אַז ביי גאָלדפאַדענ׳ען אַליין איז דער דאָזיגער געדאַנק צו שאַפען

אַ אידיש טעאַטער געווען גאַנץ לעבעדיג, און דאָרט אין יאַסי האָט ער זיך גענומען דעם געדאַנק צו פאַרווירקליכען.

אָנגעהויבען האָט ער מיט שרייבען און אויפפירען קאָמעדיען: „די מומע סאָסיע“, „די רעקרוטען“, „שמענדריק“, „די באָבע מיט דעם איי־ניקעל“, „די קאַפריזנע כלה“ אָדער „קבצנ׳זאָן און הונגערמאַן“.

די דאָזיגע קאָמעדיען האָבען אויסגענומען ביים דאַמאָלטדיגען טעאַ־טער עולם, אַממיינסטענס בעלי מלאכות און פרויען. אָבער עס מוז אויך געזאָגט ווערען, אַז גאָלדפאַדענ׳ען האָט זיך די „קונץ“ אָדער די „חכמה“ איינגעגעבען אויך צוליב דעם, ווייל צווישען די ערשטע אַקטיאָרען זיינען געווען אַ פּאָר גאָט־געבענשטע טאַלאַנטען: דער גרעסטער אידישער כאַ־ראַקטער שוישפּילער זעליג מאָגולעסקו, און דער גלענצענדער קאָמיקער לייזער צוקערמאַן. פריער זיינען זיי געווען משוררים ביי אַ חזן. גאָלד־פאַדען האָט זיי צוגעצויגען צו גראָדנער׳ס חברה, מיט וועלכע ער האָט אָנגעהויבען שפּילען טעאַטער.

דער ערפאָלג פון טעאַטער העננגט שטענדיג אָב אי אין די פּיעסען אי אין די שוישפּילער, און אָפט שפּילען די שוישפּילער נאָך אַ גרעסערע ראָלע. גוטע שוישפּילער קענען אפילו אַ שוואַכערע פּיעסע מאַכען אינ־טערעסאַנט מיט זייער שפּילען.

אברהם גאָלדפאַדענ׳ס ערפאָלג איז געווען צו פאַרדאַנקען ניט נאָר צו זיין טאַלאַנט אַלס פּיעסען־שרייבער, נאָר אויך צו זיין געוואַלטיגער ענערגיע אַלס טעאַטער דירעקטאָר. שוין אָבגערעדט דערפון, וואָס ער האָט אָרגאַניזירט און אויפגעהאַלטען טרופּעס פון אַקטיאָרען, איז ער גע־ווען אַ מייסטער צו מאַכען די שוישפּילער דערטראָגען די שווערסטע לאַ־גע, צרות און זאָגאַר הונגער, און זיי זאָלען זיך האַלטען ביי זייער פּראָ־פעסיע און ביי זייער דירעקטאָר. פלעגט אַ שוישפּילער ביי אים בעטען געלד פלעגט ער אים צוזאָגען צו געבען — שפּילען אַ גוטע ראָלע... אָט דאָס איז ביי די שוישפּילער שוין ווערט געווען מער ווי געלד, און אפילו דער הונגער איז געוואָרען דערטרעגליך ווען מען האָט געוואָרט אויף דער בעסערער ראָלע כדי זיך אויסצוצייכענען. האָט מען באַדאַרפט האָט גאָלדפאַדען אַליין געשפּילט. ער האָט אויך אָרומגערייזט מיט טרו־פּעס, און ער האָט איבעראַל געשאַפען אַ באַדען פאַר אידיש טעאַטער.

ווי באַוואוסט האָט ער אָנגעהויבען שפּילען אין רומעניען, צוערשט אין יאַסי, דאַן אין בוקאַרעסט. נאָך דעם איז ער צוריקגעפאָרען קיין רוס־לאַנד אויך דאָרט צו שפּילען טעאַטער.

אַרום יענער צייט און דורך די זעלבע סבות פלאַקערט אויף צוזאַמען מיט דעם אידישען געפיל אויך דאָס אידישע נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין, פיל מער ווי ווען עס איז פריער. דאָס שפּיגעלט זיך אויך אָב אין גאָלד־פאַדענ׳ס שאַפען. ווערענד אין די פריערדיגע פּיעסען זיינע באַמערקט זיך

די טענדענץ פון אָבשפּעטען פון געוויסע טיפען אידען, זעט זיך שוין גאַנץ בולט אין די שפּעטערע פּיעסען זיינע, אַז ער איז געוואָרען ערנסטער און נאַציאָנאַלער.

אברהם גאָלדפאַדען דערפילט אַלץ מער, אַז די קראַפט פון די אידען אַריבערצושטיין די צרות ליגט אין דעם באַוואוסטזיין פון זייער אַמאָליגער גלאָריע און אין דער שטרעבונג צוריקצושטעלען יענע גלאָריע.

אָט אויף די מאָטיווען האָט ער געשאַפען זיינע אָפּערעטען: „שולמית", „בר כוכבא", „עקידת יצחק", „יוסף מיט די ברידער" „יפתח׳ס טאָכטער", „משיח׳ס צייטען" א. אַ.

אָט מיט דעם זייער רייכען רעפּערטואַר זיינעם איז אברהם גאָלדפאַדען אַריבערגעפאָרען קיין אַמעריקא. זיינע פּיעסען זיינען דאָרט געשפּילט געוואָרען פון די גרעסטע אידישע קינסטלער, יעקב אַדלער, דוד קעסלער, טאָמאַשעווסקי, און אויך מאָריס שוואַרץ האָט אויפגעלעבט און מאָדערניזירט זיין קאָמעדיע „די צוויי קוני לעמעלס". די אויפפירונגען זיינען געווען, ווי מען קען באַוויזען אין אַמעריקא.

ער האָט אויך באַזוכט לאָנדאָן, אָבער דאָ איז גראָד דאַמאָלט קיין ריכטיג אידיש טעאָטער ניט געווען.

טראָץ גאָלדפאַדענ׳ס געוואָלטיגען אויפטו און גרויסע ערפאָלגען האָט ער דאָך געהאַט אַ שווערע עלטער. אידען פילען ווייניג וואָס די פליכט וואָס זיי האָבען צו זייערע שאַפער. די אידישע געמיינדעס זיינען האַלב אָדער אין גאַנצען אַסימילירט, און זיי קימערען זיך ניט אין די וועלכע שאַפען אין אידיש. אברהם גאָלדפאַדען האָט דערפאַר אויף דער עלטער געהאַט צו פילען אין דער רייכער ניו יאָרק אַזעלכע ליידען וועלכע האָבען אים מן הסתם דערמאָנט אין די ליידען פון זיין יוגענד אין די אָרימע שטעט פון גאַליציען און רומעניען. ער האָט אפשר געהאַט אַ טרייסט אין דעם וואָס ער האָט געשאַפען.

ער האָט געלאָזען דעם אידישען פאָלק ירושה אַ טייערען אוצר — דאָס אידישע טעאָטער, וואָס ער האָט ניט נאָר מיט זיין טאַלאַנט, נור אויך מיט זיין שווייס און האַרצענס־בלוט געשאַפען. מיר שיינט אַז גאָלדפאַדענ׳ס גרויסע און טייערע ירושה ווערט ניט גענוג געשאַצט, און אפילו ניט גענוג אויסגענוצט. אָבער זיין נאָמען און זיין ווערק וועלען לעבען כל זמן עס וועלען עקזיסטירען אידען, וועלכע וועלען זוכען צו האָבען אַ אידישען לעבען. אברהם גאָלדפאַדען איז אַזוי גרויס, און זיין ווערק אַזוי וויכטיג, אַז אים קומט אייביגקייט. ער איז געווען זשעניאַל אויף זיין געביט.

מעשיות פון פארגאנגענע צײטען

װי צו שפּילען גאָלדפאַדענס פּיעסען

„צװײ קוני לעמעלס" אין דער אויפפירונג פון מאָריס שװאַרץ׳ס קונסט טעאַטער.

אברהם גאָלדפאַדענס פּיעסען האָב איך געזען אַממײנסטענס נאָך אין בוקאַרעסט. איך האָב געזען יאָװעלירן אַלס בר־כוכבא, מאַדאַם פּינקעל אַלס שולמית, טרײטעל (שפּעטער מאַלװינא לאָבעל) אַלס שרה, א. א. פּרימאַדאָנאַס זײנען אויך דאָ געװען גוטע, מאַדאַם צװײבעל און מאַדאַם צוקערבערג. דאָ איז אויך געװען אַ גוטער זינגער מאַקס גוזאָװסקי. דאָס זינגען איז געװען גאַנץ שײן, אי פון די זינגערינס אי פון דעם זינגער, אָבער דאָס שפּילען און די גאַנצע אויפפירונג פון די אָפּערעטען איז מיר ניט שטאַרק געפעלען. נאָך ערגער איז עס געװען מיט גאָלדפאַדענס קאָמעדיען, מען האָט געמאַכט פון זײ פּורים שפּיל. איך האָב דערפאַר װעניג װאָס געשריבען װעגען זײ. אָבער װען מאָריס שװאַרץ האָט דאָ אויפגעפירט אין די סקאַלאַ די „צװײ קוני לעמעלס" האָב איך װעגען דעם געשריבען:

„די צװײ קוני לעמעלס" פון אברהם גאָלדפאַדען, װי די אַנדערע גאָלדפאַדענס װערק, קענען געשפּילט װערען אויף צװײ אופנים: ענטװעדער פּאַיאַציש, אַלס בורלעסקען, פּורים שפּילערײ, װי זײ זענען געשפּילט געװאָרען פון אַלטען אידישען טעאַטער, און אין דעם פאַל קען קײן פראַגע ניט זײן פון קונסט אין שענעם העכערן זין; אָדער אַלס פאָלקס מעשיות פון פאַרגאַנגענע צײטען, און אין אַזאַ פאַל קען מען זײ שוין אײנװיקלען אין די שענסטע קינסטלערישע פאָרמען. קײן מיטעלװעג צװישען די צװײ אופנים, װי צו שפּילען גאָלדפאַדענ׳ס װערק איז ניט פאַראַנען. צו פּרובירען פון זײ מאַכען רעאַליסטישע פּיעסען האָט קײן זין ניט. זײ זײנען ניט רעאַליסטיש. זײנע אָפּערע־טען זײנען אויף ביבלישע מאָטיװען, און זײנע אַנדערע פּיעסען זענען פאַנטאַסטישע איבערטרײבונגען, און נאָר אַלס אַזעלכע קען מען זײ פאָרשטעלען מיט ערפאָלג.

עס זענען אפילו דאָ אַזעלכע, גאַנץ אינטעליגענטע מענשען, װעלכע דענקען, אַז װען מען רעדט פון אברהם גאָלדפאַדען און זײנע װערק, קען מען זײ פאַרגלײכען צו שעקספּיער׳ס און מאָליער׳ס. איז דען ניט גאָלדפאַדען געװען דער גרעסטער שאַפער פון אידישען טעאַטער, װי

שעקספיער פון ענגלישען און מאָליער פון פראַנצויזישען?... צוליב דעם דענקען זיי אויך, אַז מען קען אויפפירען גאָלדפאַדען׳ס פּיעסען פונקט אויף דעם זעלבען אופן ווי די פון יענע שריפטשטעלער, אַלס פשוטע קאָמעדיען און טראַגעדיען. אַזאַ מיינונג איז שטאַרק געפעלט.

מען טאָר בשום אופן ניט מאַכען וועלכען ס׳איז פאַרגלייך צווישען גאָלדפאַדען און דעם ענגלישען באַרד, אָדער דעם פאָטער פון דער פראַנצויזישער קאָמעדיע. מיר מוזען האָבען אַ באַגריף פון פּראָפּאָרץ און מיר מוזען קענען ריכטיג אָבשאַצען דאָס וואָס מיר באַזיצען און דאָס וואָס מיר באַזיצען ניט...

גאָלדפאַדען איז טאַקע געווען זייער פעהיג, וואָלט ער עס ניט געווען וואָלט ער ניט געוואָרען דער פאָטער פון אידישען טעאַטער. איבערהויפּט איז ער געווען אַ גרויסער בינע מייסטער. עס איז צו באַוואונדערן, וואָס פאַר אַ טעכניק עס געפינט זיך אין זיינע פּיעסען. זיינע שענע אידישע נגונים רופען אויך אַרויס גרויס ענטציקונג. אָבער דאָך קומט ער ליידער ניט נאָענט אפילו צו׳ם שאָטען פון יענע צוויי גרויסע גייסטער, שעקספּיער און מאָליער, — זיי זיינען געווען זשעניען.

אַ זשעני! — וואָס איז אַ זשעני? דאָס איז אויך איינער פון יענע באַגריפען, וואָס מען קען ניט אַבסאָלוט ערקלערען.

אָבער רעלאַטיוו קען מען זאָגען, אַז אַ זשעני — און מיר רעדען דאָך דאָ פון אַ זשעני אין ליטעראַטור — איז דער יעניגער, אין וועמענס ווערק עס דריקט זיך אויס אויף דעם פאָלקאָמסטען אופן ניט בלויז דער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון זיין פאָלק, נאָר צו דער זעלבער צייט ווערען אין זיי אויך באַהאַנדעלט אייביגע לעבענס פּראָבלעמען, עס ווערט אין זיי אויסגעדריקט אַלמענשליכע געדאַנקען און געפילען אין העכסט קינסטלערישע און דיכטערישע פאָרמען. צוליב דעם טאַקי וואָס אין די ווערק פון אַ זשעני איז דאָ אי נאַציאָנאַלע כאַראַקטעריסטיק, אי באַהאַנדלונג פון אייביגע לעבענס פּראָבלעמען, אי אַלמענשליכעס, לעבען זיי אייביג, ניט נאָר ביי דעם פאָלק, אין וועמענס שפּראַך זיי זיינען געשאַפען, נאָר ביי דער גאַנצער וועלט.

שעקספּיער און מאָליער זיינען געווען זשעניעז, די ווערק פון זיי ביידע האָבען ענטהאַלטען די כאַראַקטעריסטיק, וואָס איך האָב דאָ אָנגעצייגט; שעקספּיער׳ס אין — אַ גרעסערער מאָס; מאָליער׳ס אין — אַ קלענערער מאָס. זיי וועלען דערפאַר שטענדיג אַרויסרופען אינטערעס און מען קען זיי אויפפירען, אַזוי ווי זיי זיינען געשריבען געוואָרען, אָן אינטערפּרעטאַציעס, אָן פאַרטייטשונגען, אַחוץ די געוועג־ליכע, וואָס אויפפירער און שוישפּילער געבען צו פּיעסען, וואָס זיי פירען אויף און אין וועלכע זיי טרעטען אויף.

מיט גאָלדפאַדענ׳ס ווערק איז אַ גאַנץ אַנדערע זאַך. עס איז אָן אַ שום ספק דאָ אין זיי בולטע נאַציאָנאַלע כאַראַקטער שטריכען פון אידישען פאָלק, אָבער זיי זיינען ניט פאָלקאָמען. עס ווערט אין זיי אויך ניט באַהאַנדעלט קיין אייביגע לעבענס פּראָבלעמען; עס איז ניט אויסגעדריקט אין זיי קיין ברייטע אַלמענשליכע געדאַנקען און געפילען; און דער עיקר די פאָרמע פון גאָלדפאַדענ׳ס שאַפונגען איז ניט העכסט קינסטלעריש. זי איז אַזוי צו זאָגען רוי, פרימיטיוו און טיילווייז באַנאַל. ס׳איז ניט די שולד פון גאָלדפאַדענ׳ען. די ניט געשליפענקייט פון דער אידישער שפּראַך אין זיין צייט און די אָרימקייט פון דער אידישער ליטעראַטור אין איר אָנפאַנג זיינען ניט געווען מסוגל, אַז ס׳זאָל אין זיי ענטשטיין אַ ליטעראַרישער זשעני... ווי ס׳זאָל ניט זיין, גאָלדפאַדענ׳ס ווערק קענען ניט פאַרגלייכט ווערען צו ווערק פון גאָר גרויסע מייסטערס. אָבער ס׳איז דאָ אַ וועג אויפצופירען גאָלדפאַדענ׳ס ווערק קינסטלעריש. דאָס קען געטאָן ווערען ערפאָלג־רייך נאָר אויף איין אופן: זיי פאָרשטעלען ווי מעשיות פון אַמאָליגע צייטען. זיי זיינען צו דעם זאָגאָר צוגעפאַסט. די אָפּערעטען זיינע קענען זיין גראַנדיעזע אידישע היסטאָרישע פּאַראַדען מיט קעניגע, פּרינצען, אַרמעען. און די קאָמעדיען קענען אויפגעפירט ווערען אַלס צויבער שפּילען. די „באָבע יאַכנע״ איז פאָרטרעפליך פאַר אַזאַ אויפ־פירונג. און אפילו די „צוויי קוני לעמעלס״.

גאָלדפאַדען האָט איבערגעגעבען אין דער פּיעסע פאָרשטעלונגען, וואָס דאָס פאָלק, אָדער אַ טייל פון פאָלק, האָט אַמאָל געהאַט וועגען געוויסע ערשיינונגען אין אידישען לעבען. עס איז געווען אין דער צייט פון דער השכלה, ווען ס׳איז געווען אַזאַ שטאַרקע שטרעבונג ביי אידען זיך צו מאָדערניזירען, זיך צו פאַרוועלטליכען. מען האָט געקוקט אויף דעם פרומען אידען, ווי אויף אַ האַלב ווילדען מענשען, און מען האָט געזוכט פון אים אָבצושפּעטען און אָבצולאַכען. מען האָט געזוכט אָבצושוואַכען די שדכנים און איינצופירען ליבעס הייראַטען, און מען האָט זיך פאָרגעשטעלט אָדער געזוכט פאָרצושטעלען, אַז אויב אַ שדכן רעדט אַ חתן מוז ער זיין בלינד אויף אַן אויג, טויב אויף אַן אויער, קרום אויף אַ פוס און רעדען אין איין וועגס היקעוואַטע... אָט די אַלע פאָרשטעלונגען, וואָס זיינען געווען פאַרשפּרייט, אָדער מען האָט געזוכט צו פאַרשפּרייטען צווישען פאָלק, האָט גאָלדפאַדען אויפגעכאַפּט און פון זיי געשאַפען זיין פאַרס די „צוויי קוני לעמעלס״. עס איז ניטאָ אין דער פּיעסע קיין לעבעדיגער מענש, נאָר איינקערפּערונגען פון פאָר־שטעלונגען: דער פאָטער איז אַ „ווילדער חסיד״ ווי מען האָט זיך פאָרגעשטעלט אַז אַ חסיד איז... די מוטער איז ניט אַזאַ ווייב, ווי ס׳וואָלט געפּאַסט, אַז אַזאַ חסיד זאָל האָבען, נאָר ווי מען האָט זיך פאָרגעשטעלט,

אַז אַן אויפגעקלערטע מאַמע דאַרף זיין. קוני לעמעל אַליין האָט נעבאַך אַלע חסרונות, וואָס מען האָט זיך פאָרגעשטעלט אַז ס׳דאַרף האָבען אַזאַ חתן, וואָס ווערט פאַרגעשלאָגען דורך אַ שדכן. דער סטודענט, זיין קאָנקורענט, איז אויך אַן אויסערגעווענליכע בריה; ער קען אַזוי קונציג זיך פאַרשטעלען, בעסער ווי דער גרעסטער אַקטיאָר; — דאָס איז אַלץ אַזוי, ווי מען האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז אַזאַ סטודענט דאַרף זיין... דאָס זעלבע איז מיט אַלע אַנדערע טיפּען. אָט דערפאַר, ווען מען זאָל זיי אַלע פאָרשטעלען ווי פ אָ ר ש ט ע ל ו נ ג ע ן און ניט ווי לעבעדיגע מענשען, דאָס וואָס זיי זיינען ניט, דאַן קען אַרויסקומען אַ גאַנץ שענע קינסטלערישע זאַך, וואָס זאָל אויך זיין זייער אינטערעסאַנט צו זען. די פּיעסע „די צוויי קוני לעמעלס״ וואָלט אין אַזאַ פאַל אָבגעשפּיגעלט אַן עפּאָכע, און ס׳וואָלט געווען קלאָר פאַר יעדען, אַז דאָ שטעלט מען ניט פאָר עפּעס רעאַלעס פון לעבען, זאָנדערן אַ פאָרשטעלונג פון אַמאָליגע איבערגעטריבענע פאָרשטעלונגען...

אין דער אויפפירונג פון די „צוויי קוני לעמעלס״ פון מאָריס שוואַרץ באַמערקט זיך אַ שטאַרקע טענדענץ פאָרצושטעלען די פּיעסע אַלס אַ מעשה. ס׳איז ניט קלאָר צי די רעזשי איז געווען באַוואוסט דערויף; ס׳איז מעגליך, אַז די דאָזיגע טענדענץ איז אַרויסגערופען געוואָרען פון קינסטלערישען אינסטינקט און ניט פון באַוואוסטזיניגקייט, אָבער אין יעדען פאַל איז זי דאָ. די פאַנטאַסטישע דעקאָראַציעס און קליידער זיינען שוין דער בעסטער באַווייז, אַז ס׳איז פאַראַן אַזאַ טענדענץ. די דעקאָראַציעס זיינען גלענצענדע; מאָדערניסטישע. זיי מאַכען שוין דעם איינדרוק, אַז ס׳האַנדעלט זיך ניט אין געווענליכע לעבענס סצענעס, נאָר פון עפּעס וואָס מען זעט אין אַ ווייטערן פּערספּעקטיוו. אַזוי האָט באַדאַרפט זיין די גאַנצע אויפפירונג. דער אויסגעדרייטער לאַמטערן אין דער ערשטער סצענע, וואָס שטעלט פאָר די שטאָט, איז ווי אַ סימבאָל וואָס די גאַנצע פּיעסע דאַרף זיין: אַ פאַנטאַסטישע פאַרדרייעניש... דער הומאָר פון דער פאַרס וואָלט דורך דעם גאָרניט געליטען, פאַרקערט עס וואָלט אַרויסגעקומען נאָך וויציגער.

ווען מען זאָל אַזוי אויפפירען גאָלדפאַדען׳ס פּיעסען ווי איך האָב אָנגעצייגט, וואָלט מען אויך אין יעדער פּעריאָדע געקענט זיי אויפפירען אין די נייעסטע פאָרמען פון קונסט. מעשיות פון אַמאָליגע צייטען קענען דאָך צו יעדער צייט אַנדערש אינטערפּרעטירט ווערען, און מען וואָלט געקענט שטענדיג שפּילען אברהם גאָלדפאַדען׳ס פּיעסען אויף דער אידישער בינע.

מאָריס שוואַרץ האָט אַ גרויסען פאַרדינסט, וואָס ער האָט געגעבען אַ רמז צו געפינען אַ וועג. ער האָט אויך געשפּילט זייער געלונגען דעם ריכטיגען קוני לעמעל.

---

3. יעקב גארדין

דער ענטוויקלער פון דער אידישער בינע

דער גרעסטער ענטוויקלער פון דער אידישער בינע, דער גרעס־טער בייטרעגער צום פראָגרעס פון אידישען טעאַטער, איז געווען יעקב גאָרדין (געבוירען 1853, געשטאָרבען 1909). זיכער זיינען שוין דאָ ביי אונז דראַמאַטורגען, וועלכע האָבען געשאַפען קינסטלערישערע דראַמען ווי יעקב גאָרדין, אָבער קיין אַנדערער האָט ניט געהאַט אַזאַ גרויסע ווירקונג אויף דער גאַנצער ענטוויקלונג פון אידישען טעאַטער, ווי ער האָט געהאַט. דאָס איז געווען דורך דעם, ווייל ער איז געווען מער טעאַטער מענש, ווי וועלכער ס׳איז אַנדערער אידישער שריפטשטעלער.

יעקב גאָרדין איז צוערשט געווען אַן ערד אַרבייטער און אַ האַפען אַרבייטער, נאָך דעם איז ער געוואָרען אַ זשורנאַליסט און אַ סקיצען־שרייבער אין רוסיש. ער האָט אין דער יוגענד אויך פאַרזוכט דעם טעם פון די „ברעטלאַך" שפּילענדיג אַלס אַקטיאָר אויף דער רוסישער בינע, אַרומפאָרענדיג מיט אַ וואַנדערענדער טרופּע. ער האָט גע׳חלום׳ט אין די יונגערע יאָרען זיינע צו ווערען אַ גרויסער רעפאָרמאַטאָר הן פון דער אידישער רעליגיע הן פון אידישען לעבען. ער האָט געוואָלט די אידישע רעליגיע פאַרוואַנדלען אין אַ לערע פון עטיק און סאָציאַלע אידעען, גע־שטיצט אויף דעם תנ״ך, און ער האָט געוואָלט ווירקען אַז אידען זאָלען זיך דערווייטערן פון האַנדעל און וואַנדעל און זיך נעמען צו ערד אַר־בייט.

דאָס איז געווען זיין טרוים, פון וועלכען ער האָט זיך געמוזט אויפ־כאַפּען... די ווירקליכקייט זיינע איז געווען צו ווערען דער ענטוויקלער פון אידישען טעאַטער אין אַמעריקא.

אין רוסלאַנד האָט ער געמאַכט פּראָבעס צו פאַרווירקליכען זיין טרוים. ער האָט פּרובירט צו שאַפען אַ אידישע קאָלאָניע, אָבער מען האָט אים ניט דערלויבט צו קויפען באָדען. ער האָט געגרינדעט אין אָדעס אַ קרייז פאַר זיינע אידעען, אָבער ער האָט באַגעגענט פיל געגנערשאַפט און קריטיק. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט דאָרט געמוזט אַלץ אויפ־געבען און איז אַוועקגעפאָרען קיין אַמעריקא. ער איז אָנגעקומען קיין ניו יאָרק אין סוף יולי 1891. ער איז שוין געווען באַלד פערציג יאָר אַלט.

שווער איז געווען דער לעבען פאַר יעקב גאָרדין אין די ערשטע צוויי יאָר פון זיין וואוינען אין אַמעריקא. מען קען פאַלשטענדיג זאָגען,

אַז ער האָט זיך גענומען צו שרייבען אידישע פּיעסען ניט אויס תענוג נור אויס נויט.

דאָס אידישע טעאַטער אין ניו יאָרק איז דאַמאָלט געשטאַנען אויף אַ גאַר נידעריגער מדרגה; ניט נאַר האָט זיך עס ניט דערוויטערט פון גאָלדפאַדען׳ס פּרימיטיווען רעפּערטואַר, נור ס׳איז זאָגאַר געזונקען צו פיל ערגערע מדרגות, ווייל נאָך גאָלדפאַדען׳ען האָבען זיך באַוויזען איי־ניגע שונד שרייבער, וועלכע האָבען געבראַכט ווייניג וואָס כבוד דעם אידישען טעאַטער, און געטון ווייניג וואָס טובה דעם אידישען פּובליקום. זיי זיינען ביידע געווען פאַרזונקען אין שונד, וואָס מיינט פּוסטקייט, לייכטזיניגקייט, באַנאַליטעט און וואולגאַריטעט.

יעקב גאָרדין האָט אָנגעווענדעט זיין רעפאָרמאַטאָרישען גייסט אויף צו רעפאָרמירען דאָס אידישע טעאַטער אין אַמעריקא. דאָס איז געוואָרען דער פּתרון פון זיינע אַמאָליגע יוגענד חלומות. ער האָט אָנגעהויבען שאַ־פען פּיעסען, אין וועלכע ער האָט איינגעקערפּערט מאַנכע פון זיינע אַמאָליגע אידעען. ער האָט געהאַט ערפאָלג אַ דאַנק זיין פּערזענליכקייט און ענערגיע, און אויך אַ דאַנק דעם וואָס ס׳האָט שוין עקזיסטירט אַן אַרבייטער און פּראָגרעסיווע קולטור באַוועגונג, וואָס האָט געשאַפען אַ פּובליקום, וועלכעס האָט שוין געלעכצט נאָך אַ בעסער אידיש טעאַטער ווי דאָס וואָס האָט עקזיסטירט.

ער האָט זיך גענומען צו זיין אַרבייט מיט פלייס, מיט איבערגעבענ־קייט, און מיט פאַרשטענדניס און ער האָט די אידישע בינע דערבראַכט צו אַזאַ מדרגה, אַז זי האָט באמת באַקומען דעם פּנים פון טעאַטער אין מאָדערנערן זין.

אויף יעקב גאָרדין׳ס פּיעסען, איבערהויפּט די ערשטע, קען מען זיכער ניט זאָגען, אַז זיי זיינען געווען קונסט ווערק, אָבער זיי זיינען גע־ווען פיל בעסער ווי די פּיעסען, וואָס מען האָט פריער געשפּילט. ער אַליין האָט געשטיגען אַלץ העכער און העכער אַלס דראַמאַטורג; ער האָט גע־וועקט ביי אַנדערע שריפטשטעלער דעם חשק צו שרייבען פּיעסען; און ער האָט מעגליך געמאַכט, אַז מען זאָל אויפפירען קונסט ווערק אויף דער אידישער בינע.

יעקב גאָרדין איז אויך געווען אַ זייער פּראָדוקטיווער פאַרפאַסער פון פּיעסען. ער האָט אָנגעשריבען ניט ווייניגער ווי 45 אייגענע אָדער כמעט אייגענע דראַמען, און 44 איבערזעצטע אָדער אַדאַפּטירטע פּיעסען. דאָס איז גאָר אַ גרויסער קרעדיט, פאַר וועלכען דאָס אידישע טעאַטער און זיינע ליבהאָבער זיינען אים שולדיג זייער פיל שעצונג.

דער גרעסטער פאַרדינסט פון יעקב גאָרדין איז וואָס ער האָט גע־זוכט אויסצוראָטען דעם שונד, צו דערוויטערן דאָס פּובליקום פון באַנאַ־

לע און וואולגאַרע פאַרשטעלונגען. ער האָט זיי געזוכט צו דערהויבען צו פאַרשטיין בעסערע פיעסען, און זיך באַשעפטיגען מיט לעבענס פּראָבּלעמען.

אין די ערשטע פּיעסען זיינע האָט ער אפּילו געזוכט זיך צוצופּאַסען צו דעם פּובּליקום. ער האָט באַנוצט עפּעס פון דעם זיסען עלעמענט צו מאַכען דאָס נאַאיווע קינדערישע פּובּליקום איינגעמען זיינע רפואות... אָבער וואָס ווייטער האָט ער אַלץ וואָס ווייניגער פון דעם עלעמענט איינגעפּירט אין זיינע פּיעסען, כאָטש אין גאַנצען באַפרייען דערפון האָט ער זיך ניט געקענט... מען קען זאָגען, אַז ער האָט זיך צוגעבויגען צו זיינע צוהערער, כדי זיי זאָלען זיך צובייגען צו אים. ס'איז אים געלונגען. גאָרדין איז איבּערהויפּט געווען שאַרפזיניג; זיין הומאָר איז געווען חכמה׳דיג אין אַ בעסערן זין, און אויך צוגעפּאַסט צו לאָקאַלע און געגענווערטיגע פאַרהעלטניסע. אָט אויף אַזאַ אופן האָט ער ענטוויקעלט די בינע און דאָס פּובּליקום. ער איז געוואָרען די וויכטיגסטע בריק דורך וועלכער דאָס אידישע טעאַטער איז איבּערגעגאַנגען פון שונד צו קונסט.

יעקב גאָרדין איז אייגענטליך ניט געווען גאָר אַן אָריגינעלער פאַרפאַסער. ער האָט אָנגעפאַנגען שרייבּען דראַמען אין דער עלטער פון 40 יאָר. אין אַזאַ עלטער איז די פאַנטאַזיע, וועלכע איז די מוטער פון אָריגינאַליטעט, שוין אָבגעשוואַכט. ביי דעם קינסטלער, וועלכער שאַפט פון דער יוגענד אָן, ענטוויקלען זיך ביז צו דער צייט פאָרמען, וואָס דריקען אויס זיין אייגענאַרטיגקייט. יעקב גאָרדין האָט אין דער יוגענד ניט געשאַפען קיין דראַמען. עס האָבען זיך ביי אים ניט ענטוויקעלט קיין אייגענע פאָרמען, האָט ער געמוזט באָרגען ביי אַנדערע, ביי פרעמדע, ביי דעם וועלט רעפּערטואַר, און ער האָט דאָס צוגעפּאַסט מיט גרויס פעהיגקייט, מען קען זאָגאַר זאָגען מיט פיל טאַלאַנט, צו די נויטווענדיגקייטען און פאַרהעלטניסע פון דער אידישער בינע.

יעקב גאָרדין איז געווען אַ זייער באַלעזענער מענש; ער האָט גוט געקענט די וועלט ליטעראַטור. ער האָט אויך באַזעסען באַגאַבונג און אַ פילענדע נאַטור. אַלץ, וואָס ער האָט געלעזען, האָט זיך טיף איינגעקריצט אין זיין נשמה. זיין מוח האָט עס איבּערגעדענקט, זיין האַרץ האָט עס איבּערגעפילט, און ער האָט עס דאַן געפאָרמעוועט אין פּיעסען אין דער אידישער שפּראַך, וועלכע זיינען געווען צוגעפּאַסט צום פּובּליקום און צו דער בינע. קענענדיג זייער גוט בינע טעכניק האָט ער געקענט גלענצענד צופּאַסען.

יעקב פּ. אַדלער האָט דערציילט, אַז דאָס האָט ער פאַרגעשלאָגען גאָרדין׳ען אַז ער זאָל שרייבּען פּיעסען. ער זאָל אים זאָגאָר האָבען געגעבען אַ דייטש ביכעל און דערביי געזאָגט: „נאָט אייך אַ פאַרטיגע זאַך

און מאַכט דערפון אַ אידישע פיעסע״... מען זאָגט אויך, אַז גאָרדין האָט אים צוריקגעגעבען דאָס דייטשע ביכעל און ער זאָל האָבען געענטפערט: „אויב שרייבען אַ פיעסע וועל איך שרייבען אַ אידישע פיעסע, ניט קיין דייטשע מיט אידישע נעמען״...

אויב דער געשפּרעך איז טאַקע פאָרגעקומען, דאַן האָט גאָרדין אויסדעדריקט אַ וואונש, וועלכען ער האָט ניט שטענדיג געקענט דערפילען. פילע פיעסען זיינע זיינען גראַד געווען פרעמדע אין וועלכע ער האָט גע־ביטען די נעמען פון די כאַראַקטערע אויף אידישע.

שעקספּיר׳ס „קעניג ליר״ האָט ער פאַרוואַנדעלט אין אַ „אידישען קעניג ליר״ און זאָגאַר אין אַ אידישער שטאָלצער בעל הבית׳טע און מאַמע — „מירעלע אפרת״. פון אַ מאַלאַרוסישער פיעסע איז ביי אים געוואָרען „האַסיע די יתומה״, פון גערהאַרד הויפּטמאַנ׳ס „פורמאַן הענ־שעל״ איז אַרויסגעקומען אַ „ראַניע די פּאַטשטאַרקע״. עס זיינען דאַ נאָך אַנדערע פאַרוואַנדלונגען. אפילו מאָטיווען און כאַראַקטעריסטיקס פון געטהע׳ס „פאוסט״ האָט ער באַנוצט צו שאַפען זיין „גאָט מענש און טייפעל״.

ער האָט אָבער ניט גלאַט אַדאַפּטירט, ער האָט איבערגעבויט, אי־בערגעשאַפען. עס איז די פיעסען, פון וועלכע ער האָט גע־נומען מאָטיווען, כאַראַקטעריסטיקס און סצענעס, כמעט ניט געווען צו דערקענען. ער האָט צו אַלץ געגעבען אַ גאָרדינישען אויסזען. ער האָט די טיפען ניט נאָר געגעבען אידישע נעמען, נאָר ער האָט זיי טאַקע מגייר געווען, געמאַכט פאַר אידען, געבענדיג זיי אידישע כאַראַקטער שטריכען. ער האָט אויך געשאַפען אין די פיעסען, איבערהויפּט אין די בעסערע, ווי למשל „גאָט מענש און טייפעל״, „מירעלע אפרת״, „אידישער קעניג ליר״ א. אַ. אַ פאַלשטענדיגע אידישע אַטמאָספערע, כאָטש ער האָט זיך פאַר־האַלטען קריטיש צו אידישקייט.

אָבער שוין דאָס אַליין וואָס פילע יעקב גאָרדינ׳ס פיעסען זיינען געווען אַדאַפּטירונגען האָט זיי געשטערט צו זיין קונסט פיעסען אין הע־כערן זין. עס איז אָבער געווען נאָך אַ סבה וואָס האָט אים געשטערט זיי צו דערהויבען צו אַן איינ׳ער קונסט מדרגה: דאָס וואָס ער האָט זיי גע־שריבען פער באַשטעלונג. יעקב גאָרדין האָט ניט געשאַפען זיינע ווערק וויים פון טעאַטער, וויים פון שוישפּילער. ער איז ניט געווען באַווירקט בלויז פונ׳ם לעבען; נאָר דאָס פלאַץ פון זיין שאַפען איז געווען דאָס טע־אַטער, וואָס האָט אים איינגעלאַדען צוצושטעלען פיעסען. ער האָט פאַר זיינע אויגען ניט געהאַט בלויז די פערזאָנען, וועלכע ווירקען, פילען און ליידען אין לעבען גופא, נאָר ער האָט געהאַט פאַר זיך די בינע מיט די אַקטיאָרען וועלכע דאַרפען שפּילען זיינע טיפען און כאַראַקטערען. ער

האָט דערפאַר געשאַפען זיינע העלדן און פאַרשוינען אַזוי, אַז זיי זאָלען פאַסען פאַר די אַקטיאָרען, וועלכע האָבען זיי באַדאַרפט שפּילען. די בעסערע אַקטיאָרען פון דער אַלטער שולע האָבען אים דערפאַר זייער שטאַרק ליב געהאַט. ער האָט פאַר זיי געשאַפען אַזעלכע ראָלען וואָס האָט זיי געגעבען די מעגליכקייט זיך אַרויסצוצייגען. אָבער דאָס האָט באַשרענקט זיין אַרבייט פון קינסטלערישען שטאַנדפּונקט. קונסט פאָדערט, אַז עס זאָל אַרבייטען די פרייע פאַנטאַזיע פון קינסטלער. זי דאַרף ניט האָבען קיין שאַבלאַנען.

איין זאַך מוז נאָך צוגעגעבען ווערען: אין'ם שילדערן די כאַראַקטערע האָט ער אַריינגעוועבט פיל פון זיין אייגענער פערזענליכקייט. ער איז געווען אַ שטאָלצער מענש, מיט פעסטקייט און אייגענאַרטיגקייט אַלס מענש. ער האָט דערפאַר ניט געשילדערט בלויז געוועגליכע טיפען פון לעבען. ער האָט געמאַכט פון זיינע הויפּט כאַראַקטערע פערזענליכקייטען. ס'איז גענוג זיך צו דערמאָנען אין זיין מירעלע אפרת, אין זיינע ברידער לוריע, אין זיין דוד משה'לעס, אין זיין רפאל פרידלענדער, זיין סאַפאָ, זיין בערטאַ אין „אונבאַקאַנטער“, א.אַ. דאָס זיינען אינטערעסאַנטע בינע פיגורען; זיי שטעלען פאָר פערזענליכקייטען אין פולען זין. גאָרדין האָט יעדען פון זיי געגעבען אַ שטיק פון זיין נשמה, אַ טייל פון זיינע כאַראַקטעריסטיקס; ער האָט אויך אין זיי איינגעקערפערט פראָבלעמען, וואָס האָבען אים אינטערעסירט.

די בעסטע און כאַראַקטעריסטישסטע פיעסען זיינע זיינען: „גאָט מענש און טייפעל“ און „אלישע בן אבויה“.

„גאָט מענש און טייפעל“ איז די בעסטע פיעסע וואָס ער האָט אַדאַפּטירט. ווי שוין געזאָגט האָט ער אין איר פילעס באַנוצט פון געטהע'ס „פאוסט“.

„אלישע בן אבויה“ איז אַן אָריגינעלע דראַמע, אין וועלכער ער האָט געשילדערט דעם באַרימטען תלמודישען א ח ר , און אין וועלכען ער האָט איינגעקערפערט פילעס פון זיין אייגענער פערזענליכקייט.

אָט דעם דאָזיגען אויסדרוק פון פערזענליכקייט האָט גאָרדין געהאַט פיל צו פאַרדאַנקען דעם ערפאָלג פון זיינע פיעסען. ער האָט דעם פּובליקום געצייגט אינטערעסאַנטע מענשען מיט אינטערעסאַנטע פראָבלעמען, מיט וועלכע ס'איז געווען אַ פאַרגעניגען זיך צו באַקענען.

אין דער געשיכטע פון אידישען טעאַטער פאַרנעמט יעקב גאָרדין'ס נאָמען אַ זייער הויכען פלאַץ פאַר זיין גרויסען בייטראַג צו דערהויבען די אידישע בינע. זיין ווירקונג וועט קיין מאָל ניט פאַרגעסען ווערען.

4

יעקב גארדינ׳ס ווערק

א. „דער סיבירניאק״

יעקב גאָרדינ׳ס ערשטע פּיעסע אין אידיש איז געווען „סיבירניאַק״. דאָס איז אָבער ניט געווען די ערשטע פּיעסע זיינע וואָס מען האָט דאָ געשפּילט, אָדער וואָס איך האָב געזען שפּילען דאָ אין לאָנדאָן. איך האָב איר געזען פיל שפּעטער, מאָסקאָוויטש האָט זי אויפגעפירט. אַלץ וואָס איך האָב וועגען איר געשריבען איז געווען:

„די גאַנצע פּיעסע „סיבירניאַק״ איז אַ פּראָטעסט געגען פאַנאַטיזם און גראָבקייט פון מאַנכע אידען, וואָס שטעלען זיך ניט אָב אפילו פון פאַרברעכען, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַן אפיקורס און פּערזענליכע אינטערעסען״.

דער פּראָטעסט געגען שלעכטער באַהאַנדלונג פון אַ מענשען, סאַי וואָס עס זאָלען זיין זיינע אַנשויאונגען, איז מיר געפעלען; אָבער ניט די פּיעסע אַלס פּיעסע. זי איז געווען צו שטאַרק טענדענציעז, צופיל פּראָ־פּאַגאַנדע, און אַ היבש ביסעל איינזייטיג.

ביי יעקב גאָרדין, ווי ס׳איז צו זען, איז די ערשטע נייגונג געווען צו מאַכען אַגיטאַציע פאַר אידעען. אָבער ער האָט זיך ענטוויקעלט, און ער האָט אָנגעהויבען שאַפען אַזעלכע פּיעסען, וואָס זיינען געווען בעסער געבויט; אויך געהאַט טענדענצען, אָבער זיי זיינען ניט געווען די הויפּט זאַך; דער עיקר אין זיי איז שוין געווען די שילדערונג פון לעבען.

ב. „מעדעא״

די ערשטע פּיעסע פון יעקב גאָרדין, וואָס איך האָב געזען אין לאָנ־דאָן, איז געווען „מעדעא״ (אין אַפּריל 1906). מיר שיינט, אַז דאָס איז אויך געווען די ערשטע פּיעסע זיינע וואָס איז דאָ געשפּילט געוואָרען. זי איז אויפגעפירט געוואָרען פון מאָריס ד. וואַקסמאַן אין „סטאַנדאַרד״ טע־אַטער, און פעני וואַקסמאַן האָט געשפּילט די טיטול ראָלע.

„מעדעא״ איז אַ באַאַרבייטונג פון אַ קלאַסישער גריכישער דראַמאַ אויף אַ מאָטיוו פון אַ גריכישער לעגענדע. עס זיינען אין גריכיש געשאַ־פען געוואָרען מערערע דראַמען אין די אַלטע צייטען אויף דעם דאָזיגען

מאַטיוו. עס איז געווען אַ „מעדעא" פון עסקילוס, און אַ צווייטע פון אָוויד, און אויך אַ „מעדעא" פון עאוריפּידעס. די ערשטע צוויי זיינען פאַרלוירען געגאַנגען, נאַר עאוריפּידיסעס איז געבליבען. זי איז אויך אין דער מאָדערנער צייט, אין מיטען פון 19־טען יאָרהונדערט, באַאַרבייט געוואָרען פון עסטרייכישען דראַמאַטיקער גרילפּאַרצער אונטער דעם נאָמען „די גאָלדענע פליס". אָט נאָך דער דאָזיגער באַאַרבייטונג האָט יעקב גאָרדין געשאַפען זיין פּיעסע. ער האָט אויפגעהאַלטען דעם קלאַסי־שען מאָטיוו און די קלאַסישע כאַראַקטערע, אָבער ער האָט זיי אַריינגע־לעגט אין מויל אַריין אידישע חכמות, און איין כאַראַקטער האָט ער זאָ־גאַר געמאַכט זאָגען אידישע וויצען. דאָס איז אפילו זאָנדערבאַר, צו מאַ־כען גריכען פון טויזענדער יאָר צוריק צו געברויכען גלייכווערטלעך און וויצען פון היינטיגע אידען. אָבער דאָס האָט אים געהאָלפען צו מאַכען די קלאַסישע דראַמע צוגענגליך צום אידישען פּובליקום.

די האַנדלונג פון דער דראַמע איז זייער אַ שפּאַנענדע. זי ענטווי־קעלט זיך צו אַ זייער שטאַרקען קלימאַקס:

יאַזאָן, דער פירער פון די ארגאנאוטען, איז געקומען מיט זיינע מענשען קיין קאָלכיס, פון דאָרט אַוועקצונעמען די גאָלדענע פליס. דאָס איז געווען די פעל פון אַ געפליגעלטען באַראַן, וואָס איז וואַרשיינליך געווען געמאַכט פון גאָלד. ער וואָלט די גאָלדענע פליס ניט געווען גע־קענט אַוועקנעמען. זי איז געהיט געוואָרען פון שטיר־אָקסען, וועלכע האָבען געבלאָזען פייער פון דער נאָז, און מען האָט צו דער גאָלדענער פליס ניט געקענט צוקומען. אָבער יאַזאָן געווינט די ליבע פון מעדעא, די טאָכטער פון דעם קעניג פון קאָלכיס. זי ווייסט די סודות ווי צוצוקומען צו דער פליס, נעמט זי אַוועק און זי אַנטלויפט מיטנעמענדיג דעם טייערן אוצר.

מעדעא'ס ליבע צו יאַזאָן איז זייער אַ הייסע, זי האָט אויך פון אים צוויי קינדער, אָבער יאַזאָן ווערט שנעל אָבגעקילט, ער פאַרגעסט אין דעם גרויסען אָפּפער וואָס מעדעא האָט פאַר אים געבראַכט. ער פאַר־געסט אויך וואָס זי האָט אים געראַטעוועט פון גרויסע געפאַרען. ער איז צו־ריקגעקומען קיין קאָרינט. ער איז אויפגענומען געוואָרען אַלס העלד. דער קעניג קרעאָן באַט אים אָן זיין טאָכטער קרעאוזאַ. צו וואָס־זשע האַרף ער נאָך מעדעא'ן? דאָס דערוועקט טיפעליידען אין מעדעא'ס האַרץ און אַ ברענענדען דורשט אין נקמה געגען דער פּרינצעסין קרע־אוזאַ, פאַר וואָס זי האָט איר צוגערויבט איר געליבטען, וועלכען זי האָט זיך מיט אַזוי פיל ליבע און טרייהייט איבערגעגעבען. מעדעא ערמאָרדעט די פּרינצעסין, זי ערמאָרדעט אויך אירע אייגענע קינדער. און זי מאַכט

אַ סוף צו איר לעבען. (אין דער לעגענדע קערט זי זיך צוריק קיין קאַלכיס).

ווי ס׳איז צו זען איז די דראַמאַ אַ געוואַלטיגע, און יעקב גאָרדין האָט איר געמאַכט גאַנץ פאַרשטענדליך פאַר דעם פובליקום.

די ראָלע פון מעדעא איז אויך גוט געשפּילט געוואָרען פון פעני וואַקסמאַן. איר דעקלאַמירען די פּראָזע האָט זיך געפּאַסט צו דער קלאַסי־שער דראַמע און זי האָט געהאַט ערפאָלג.

איך וויל נאָך צוזעצען, אַז מיך וואונדערט, פאַר וואָס מען האָט די דאָזיגע פּיעסע שוין גאָר לאַנג ניט געשפּילט. עאוריפּידעסעס „מעדעא" ווערט געשפּילט אין די אוניווערזיטעטען. איך האָב אויך געזען מיט אַ צוואַנציג יאָר צוריק די באַרימטע ענגלישע קינסטלערין סיביל טאָרנדייק שפּילען די הויפּט ראָלע אין דער דאָזיגער פּיעסע. נאָך מיין מיינונג דאַרף יעדע טאַלענטירטע אידישע דראַמאַטיסטין זוכען אַ געלעגענהייט צו שפּילען די דאָזיגע ראָלע אין יעקב גאָרדינ׳ס באַאַרבייטונג. ער האָט די ראָלע געשריבען פאַר קעני ליפּצין; זי גיט אַ מעגליכקייט צו גרויסער אויסצייכנונג.

ג. „דער אידישער קעניג ליר"

צווישען די ערשטע באַאַרבייטע פּיעסען פון יעקב גאָרדין איז געווען „דער אידישער קעניג ליר". ס׳איז קלאָר, אַז די פּיעסע איז אַ באַאַרביי־טונג פון שעקספּיר׳ס „קעניג ליר". גאָרדין האָט פאַראידישט יענע קלאַ־סישע דראַמע פון אַ לײדענדען פאָטער, וועלכער דאַרף אָנקומען צו קינ־דער. ער האָט פאָלשטענדיג פאַראידישט דעם מאָטיוו. אין פילע סצענעס, אויך אין אייניגע דיאַלאָגען הערט זיך אָן אָבקלאַנג פון אָריגי־נאַל, אָבער די כאַראַקטערע האָט ער ניט בלויז פאַרשטעלט אין אידישע בגדים און זיי געגעבען אידישע נעמען, נאָר ער האָט זיי טאַקע אין גאַנ־צען איבערגעביטען: ער האָט אַריינגעשטעלט אידישע כאַראַקטערען. דוד משה׳לעס, דער הויפּט העלד, איז אַ איד אין פּוילען זין, זיין פרוי, חנה לאה, און די טעכטער, עטעלע, גיטעלע, טייבעלע, זיינען אידישע טעכ־טער; די איידימס, אברהם חריף, משה חסיד, און אפילו יאַפע, זיינען אי־דישע מענשען, און דער משרת־לץ שמאי איז אודאי אַ אידישער בטלן...
דאָס הייסט אַז דער פאַרפאַסער האָט געשאַפען אַ אידישען מיליע צו אַ געבאָרגטען סוזשעט. ער האָט אויך אַריינגעלעגט אין מויל פון זיינע כאַ־ראַקטערע אידישע גלייכווערטלעך, וועלכע האָבען שטאַרק אויסגענומען ביים עולם. דאָס האָט געהויבען די פּיעסע און זי איז געווען די ערשטע יעקב גאָרדינ׳ס ערפאָלגרייך בינע ווערק.

ביי אונז אין לאָנדאָן האָבען יעקב זילבערט און לאָרעסקו אויפגע־פירט דעם „אידישען קעניג ליר” מיט אַ געוויסען ערפאָלג אין 1912.

ד. שוואכערע פיעסען

„דער ווילדער מענש” איז אַ ווילדע מעלאָדראַמע. עס ווערט אין דער פיעסע געשילדערט די אונקאָנטראָלירטע צורייצטע ליידענשאַפט פון אַ שוואַכזיניגען אינגעל, דורך די צו אָפענע באַציהונגען פון זיין פאָטער מיט זיין יונגער שטיף מאַמע. דער אונגליקליכער ווערט דערבראַכט צו אַזאַ משוגעת, אַז ער דער׳הרג׳עט זיין טאַטענ׳ס ווייבעל.

איך האָב געזען דאָ אין לאָנדאָן שערמאַנ׳ען שפּילען אַלס „למך”, דער ווילדער אין ווילדען מענש. די גאַנצע פיעסע איז מיר ערשינען אַלס אַ ווילדע איבערטרייבונג, אָבער שערמאַן האָט גאָרניט שלעכט געשפּילט די ראָלע.

אַ פיל בעסערע פיעסע פון יעקב גאָרדין איז געווען „דער אידישער גלח”. ס׳איז אַ דראַמע פון איינעם מיט אַ נאַגעניש אין האַרצען, וועלכען ס׳ציט צו עפּעס אונקלאָרעס, אונערקלערליכעס. עס אימפּאָנירט אים די קירכע מיט אירע כאָרען, און ער מיינט אַז דאָרט וועט ער געפינען דאָס צו וואָס ער בענקט. ער שמד׳ט זיך, אָבער אַנשטאָט צו געפינען דאָרט צופרידענהייט, געפינט ער ענטוישונג, און די נאַגעניש ווערט נאָך גרע־סער אין זיין האַרצען.

מ. ד. וואַקסמאַן האָט געשפּילט אין לאָנדאָן דעם „אידישען גלח”.

ה. אַ איבערגאַנג צום בעסערן

יעקב גאָרדין האָט אינערליך געצויגען צו שאַפען אָדער באַאַרבייטען בעסערע פיעסען. די ביליגע מעלאָדראַמען האָבען אים אַליין ניט צופרי־דענגעשטעלט, און ער האָט זיך אָנגעהויבען באַציען ערנסטער צו זיין אַרבייט.

ער האָט זאָגאַר באַאַרבייט איבסענ׳ס „פאָלקס פיינד” אין אידיש, אָבער דאָס איז אין לאָנדאָן קיין מאָל ניט געשפּילט געוואָרען.

עס איז דאַן געקומען זיינע אַ זייער ערפאָלגרייכע פיעסע „שלמה׳קע שאַרלאַטאַן”. ווי מען זאָגט איז עס אַ באַאַרבייטונג פון אָסטראָווסקי׳ס „אָרימקייט איז ניט קיין שאַנדע”. אַזוי ווי איך קען ניט אָסטראָווסקי׳ס פיעסע קען איך איבער דער באַאַרבייטונג ניט אורטיילען. אָבער די פיע־סע „שלמה׳קע שאַרלאַטאַן” איז מיר געפעלען; ס׳האָט מיך ניט פאַראינ־טערעסירט צי זי איז באַאַרבייט. ס׳איז אַ זייער סצענישע פיעסע. עס איז

פאַראַן אין איר זייער פיל שפּיל. שלמה׳קע אַליין איז אַ שפּילעווודיגע פי־גור, אַ טיפּ פון אַ געפאַלענעם טעאַטער דירעקטאָר, וואָס מאַכט אַלערליי קונצען. ביי אים איז „אַלץ געווען, אַלץ געזען" און ער טוט אַלץ וואָס ס׳לאָזט זיך, כדי דורכצושטופּען זיך אין לעבען. ס׳איז ניט קיין טיפע פּיעסע, אָבער אַן איינדרוקספולע, אַ אינטערעסאַנטע.

„שלמה׳קע שאַרלאַטאַן" האָט געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג, וואו זי איז נאָר געשפּילט געוואָרען. אויך אין לאָנדאָן.

איך האָב געזען דאָ צוויי גלענצענדע פאָרשטעלונגען פון דער פּיע־סע: פון זיגמונד פיינמאַן אין 1907, און פון דוד קעסלער אין 1913. קעס־לער האָט זיכער געשפּילט בעסער די הויפּט ראָלע, אָבער אויך פיינמאַן האָט זיך אויסגעצייכענט אין איר. באַזונדערס האָט פיינמאַן געהאַט בע־סערע מיטשפּילער, און דאָס האָט געהאַט פיל צו זאָגען.

אַ בעסערער אַנסאַמבעל טראָגט שטענדיג זייער פיל ביי, ניט נאָר צו דעם ערפאָלג פון דער פּיעסע, נור אפילו צו דאָס אויסצייכענען זיך פון דעם הויפּט ראָליסט, אָדער הויפּט ראָליסטין.

ו. „די שחיטה"

„די שחיטה איז אפשר אַן אָריגינעלע פּיעסע, אָבער זי איז ניט פון די בעסטע פּיעסען פון יעקב גאָרדין. עס איז אַ מעלאָדראַמע, אין וועל־כער דער פאַרפאַסער האָט פּרובירט צו שילדערן די טראַגעדיע פון יונ־גע אידישע טעכטער, וועלכע ווערען פאַרהייראַט אין די רוסישע קליינע שטעטלעך, פון זייערע פאַנאַטישע יחוס־זוכענדע עלטערן, מיט רייכע אלמנ׳ס, וועלכע האָבען עלטערע קינדער פון זיי. אַזעלכע ווייבלעך פילען ניט קיין ברעקעל ליבע צו זייערע מענער און זייער לעבען איז אַ גיהנום.

די האַנדלונג פון דער פּיעסע איז אַ אינטערעסאַנטע, אָבער די שיל־דערונג איז ניט פּסיכאָלאָגיש ריכטיג.

אסתר׳קע, די יונגע טאָכטער פון דעם רב ר׳ זיסעל און פון דער רביצין קריינע, ליבט זיך שטיל און באַשיידען, ווי אַ רב׳ס טאָכטער קען ליבען, מיט איר שוועסטער־קינד שמואל יאָסעל, וועלכער לערנט זיך שחיטה. אָבער דער רב האַלט ניט פון דעם יונגענמאַן, וועלכער האָט ניט קיין גענוג גוטען קאָפּ צו לערנען, און אַז דער רייכער בעל הבית פון שטאָט, בצלאל ראַפּאַפּאָרט, וועלכער איז שוין אַן אלמן פון צוויי ווייבער, שלאָגט פאָר דעם רב, אַז ער זאָל אים געבען זיין יונגע טאָכטער פאַר אַ פרוי, כאַפּט זיך ר׳ זיסעל אָן מיט ביידע הענד: „אַזאַ גליק־שידוך". אסתר׳קען געפעלט זייער ניט דער פאָרגעשלאָגענער חתן, אָבער זי וואַגט ניט זיך געגענצושטעלען צו דעם ווילען פון די עלטערן און זי גיט נאָך,

זי האָט חתונה מיט דעם רייכען אלמן... איז ער נאָך אַ פֿאַרדאַרבענער מענש און אַ גדלות־דיגער אכזר. דאָס לעבען ווערט פֿאַר איר אַ קוואַל פֿון צרות און פֿאַרביטערונג. דער מאַן האָט פֿאַרהעלטניסע מיט דער גו־ בערנאַנטקע וואָס איז אין הויז, און ער באַהאַלט דאָס גאָר ניט פֿאַר זיין ווייבעל. ער באַהאַנדעלט זאַגאַר גראָב אסתר׳קעס עלטערן. זי קען דאָס ניט איבערטראָגען און גייט פֿון אים אַוועק, מיטנעמענדיג דאָס קינד וואָס זי האָט פֿון אים. זי וויל אַ גט, אָבער ער וויל איר קיין גט ניט געבען. עס געפֿעלט אים אפילו ניט מער די צורינענע, אָבער עס איז פֿאַר אים אַן אומ׳כבוד צו גט׳ן די ווייב. ער וויל בעסער זיין אַן אלמן איידער אַ גרוש... אַזוי ווי די עלטערן האָבען מורא, אַז זייער איידים וועט ווירקען, דאָס מען זאָל זיי אַרויסטרייבען פֿון שטעטעל, פּועל׳ן זיי ביי דער טאָכ־ טער, אַז זי זאָל זיך צוריקקערען צום מאַן... איר לעבען איז ווייטער אַ גיהנום. אסתר׳קע ווערט קראַנק פֿון היסטעריע. און אַז ס׳טרעפֿט דאָס שמואל יאָסעל, וועלכער איז שוין אַ שוחט, קומט צו זיי, און לאָזט דאָרט איבער זיין חלף, און אַז ביינאַכט שנאַרכעט שטאַרק ר׳ צלאל און לאָזט זי ניט שלאָפֿען, דערמאָנט זי זיך אין „הכל שוחטין״, און ס׳דערוועקט זיך ביי איר דער געדאַנק צו שעכטען איר מאַן מיט דעם חלף. דער געדאַנק באַהערשט איר ווענען, וואָס איז שוין אַזוי שוואַך, דאָס זי קען מער ניט האָבען קיין זעלבסט־קאָנטראָל, און זי פֿירט דורך די שוידערליכע טאָט.

ס׳איז אַ סענזאַציאָנעלע שפּאַנענדע האַנדלונג. אָבער פֿאַר אַ העכערן קינסטלער, וועלכער פֿאַרשטייט טיפֿער די מענשליכע נשמה, און קען אויסדריקען אירע אינערליכע ליידען אין נאַטירליכע האַנדלונגען, וואָלט געווען גענוג וואָס אסתר׳קע, וועלכע האָט געליבט דעם יונגען שמואל יאָסעל, איז פֿאַרהייראַט געוואָרען געגען איר ווילען מיט דעם פּיל עלטערן צלאל ראַפּאָפּאָרט, צו מאַכען דערפֿון אַ דראַמאַ. ס׳איז ניט נויטיג געווען אים צו מאַכען פֿאַר אַן אכזר און פֿאַר אַן אויסגעלאַסענעם מענשען, וועל־ כער זאָל זיך גראָב שפּילען מיט דער גובערנאַנטקע זיין ווייבעל אין די אויגען. ער האָט געקענט זיין אַ גאַנץ אַנשטענדיגער מענש, און דאָך וואָלט געבליבען אסתר׳קעס טראַגעדיע, וואָס האָט זי געקענט טרייבען צו אַ שרעקליכער טאָט.

דער פּאַרפֿאַסער האָט זיך אויך באַצויגען מיט ווייניג רעספּעקט און סימפּאַטיע צו דעם רב און רב׳יצין. ער האָט געזוכט פֿון זיי אָבצולאַכען, און ניט זיי צו שילדערן. זיי זיינען דערפֿאַר אַרויסגעקומען קאַריקאַטורען ניט קיין לעבעדיגע מענשען.

„די שחיטה״ איז דאָ געשפּילט געוואָרען פֿון זיגמונד און דיינע פֿיינמאַן אין 1908. זיי האָבען ביידע געטון גערעכטיגקייט צו די הויפּט ראָלען.

ז. „מירעלע אפרת"

„מירעלע אפרת" איז יעקב גאָרדינ׳ס ערשטע „מייסטער־ווערק". זי איז אויך גערופען געוואָרען „אידישע קעניגין ליר", ווייל זי איז געבויט אויף דעם זעלבען שעקספירישען דראַמאַטישען מאָטיוו פון דער אונדאַנקבאַרקייט פון קינדער צו עלטערן. אָבער אין אמת׳ן קען די דאָזיגע פיעסע באַטראַכט ווערען פאַר אַן אָריגינאַל ווערק. עס איז אַ זייער שטאַרקע דראַמע. ס׳האַנדעלט זיך אין איר ניט בלויז אין דעם געוועגליכען מאָטיוו פון קינדער אונדאַנקבאַרקייט, נור אויך אין דעם קאַמף פון אַ שוויגער מיט אַ שנור וועגען דעם איינפלוס אויף דעם מאַן, וועלכער איז דער זון פון דער ערשטער און דער מאַן פון דער צווייטער.

אין דער האַנדלונג פילט זיך, אַז יאָסעלע איז בשום אופן ניט קיין שלעכטער זון, נאָר עס גייט אין דעם וואָס זיין געשלעכטליכע נויטוועגדיגקייט איבערוועלטיגט זיין ליבע און צובונד צו דער מאַמע. דאָס הייסט אַז אינ׳ם קאַמף צווישען דער שוויגער און שנור פאַרלירט די שוויגער; די שנור וויל זיך גאַרניט רעכענען דערמיט וואָס זי פאַרוואונדעט דאָס האַרץ פון אַ מאַמען, און נאָך דערצו פון אַזאַ מאַמע, ווי מירעלע, וועלכע האָט זיך מקריב געווען פאַר אירע קינדער.

די מאַמע־שוויגער איז אויך זייער שיין געשילדערט, אַלס אַ פרוי, אַ בעל הבית׳טע פון פיינסטען טיפ.— אַ פערזענליכקייט. דער פאַרפאַסער האָט איר אפילו געגעבען צופיל חכמות צו זאָגען. מענשען, איבערהויפּט פרויען, רעדען ניט מיט אַזוי פיל אַפאָריזמען. אָבער דאָס שטערט ניט דעם ערפאָלג פון דער פיעסע; פאַרקערט, עס ברייננגט אַריין שאַרפזין אין די דיאַלאָגען, און עס מאַכט זיי נאָך אינטערעסאַנטער.

„מירעלע אפרת" איז שטענדיג געווען אַ טריאומף פיעסע, באַזונדערס איז דער טריאומף געווען פאַר טאַלענטירטע שוישפּילערינס וועלכע האָבען געשפּילט די הויפּט ראָלע.

אין לאָנדאָן האָבען מיר געזען אַלס מירעלע אפרת דיינע פיינמאַן, פעני וואַקסמאַן, און אויך די בעסטע אידישע קינסטלערין פון וואַרשא, אסתר רחל קאַמינסקאַ, וועלכע האָט דאָ גאַסטראָלירט אין אָנפאַנג 1914. „מירעלע אפרת" איז אַ אונפאַרגעסליכע פיעסע, און אסתר רחל קאַמינסקאַ׳ס ערשיינען אין דער ראָלע איז געווען אַ אונפאַרגעסליך שפּילען.

ח. „גאָט מענש און טייפעל"

גאָר אַ גרויסען אינטערעס האָט אַרויסגערופען יעקב גאָרדינ׳ס צווייטע מייסטערווערק: „גאָט, מענש און טייפעל". די דראַמע ענטהאַלט אפילו דעם מאָטיוו, סצענעס און כאַראַקטערען פון געטהע׳ס פאוסט,

אָבער דאָס האָט ניט געשטערט איר אינטערעס, פאַרקערט, עס האָט אים פאַרגרעסערט. עס איז דאָך טאַקע אינטערעסאַנט צו זען, ווי זעט אויס אַזאַ אונרוהיגער גייסט ווי פאוסט אין אַ אידישען מיליע... גאָרדינ׳ס סופר הערשעלע דובראָוונער איז אפילו ניט אַזאַ אונרוהיגע פיגור ווי פאוסט, אָבער דאָך פאַרקויפט ער אויך זיין נשמה צום טייפעל, וועלכער רעדט אים צו צו ליבע און עשירות. הערשעלע דובראָוונער פאַלט. אַנשטאָט זיך צו האַלטען אין דער הייליגקייט פון דער תורה מיט אירע הויכע און פיינע פרינציפען, גיט ער זיך איבער צו דעם באַגער צו באַזיצען זיין יונ־גע פלימעניצע פריידעניו, און ער גט אָב זיין ווייב פעסעלע. ער גיט זיך אויך איבער צו געשעפטען. זיין איבערגעבען זיך צו געשעפטען איז זאָ־גאַר נאָך גרעסער ווי זיין איבערגעבען זיך צו ליבע; צוליב דעם געשעפט פאַרנאַכלעסיגט ער זיין ווייבעל. אין די געשעפטען זיינע באַנקראָ־טירט ער, און דאָס ברייגנט אויך צו זיין באַוואוסטזיין דעם באַנקראָט פון זיין לעבען. עס טרייבט אים צו זעלבסטמאָרד. דאָס איז אפילו ניט קייז ביייגונג פון אַ פרומען אידען, וועלכער זוכט נאָך אַ לינדערונג פון זיינע ליידען אין אַ קאַפּיטעל תהלים. אָבער ס׳איז דראַמאַטיש סצעניש, און אויף דער בינע מאַכט עס אַן איינדרוק.

די פיעסע איז איינגעוויקעלט אין פאוסטישע מיסטישע באַפּוצונגען. ס׳האָט אַ פּראָלאָג אין הימעל; אַ דיאַלאָג צווישען גאָט און טייפעל, וועל־כע באַשטימען אויסצופּרובירען הערשעלע׳ן. אויך איז פאַראַן אַן עפּילאָג סצענע, אין וועלכער דער טייפעל ציט אַ שלוס, מאַכט אַ באַלאַנץ, און גיט צו, דאָס ער האָט פאַרשפּילט: וויפיל געלד און געשעפט זאָלען ניט פאַרדאַרבען אַ מענשען, קענען זיי אַלץ ניט פאַרניכטען זיין געוויסען, וואָס איז מסוגל אונטער געוויסע אומשטענדען צו ערוואַכען...

די דאָזיגע מיסטישע עפעקטען מאַכען רייכער די דראַמע, כאָטש ווענינער ריאַליסטיש.

די כאַראַקטערע זיינען גאָר גוט געשילדערט. די מענשען זיינען אי־דישע אין פולסטען זין. הערשעלע איז אַ סופר און אַ געשעפטסמאַן; די פרויען זיינען פאַלשטענדיג אידישע טעכטער; און ס׳איז פאַראַן אַ טאַטע, לייזער בדחן, איז ער אַן אַנטיק מיט זיין „געגאַנגען צו דערלאַנגען אַ ביסעלע משקה פון דער פלאַשקע״. ער איז צו אַ גרויסער מאָס אַ סימ־באַליזירונג פון געוויסען, וואָס זוכט צו פאַרשטיין דאָס ניט פאַרשטענד־ליכע לעבען. דער טייפעל איז אַ טייפעל, אַ מזיק לויט מעפיסטאָפעלעס מוסטער.

די פיעסע גיט גרויסע מעגליכקייטען צו טאַלענטירטע שוישפּילער, און פאַרשאַפט גרויס פאַרגעניגען די צושויער.

„גאָט, מענש און טייפעל" איז צוערשט אויפגעפירט געוואָרען אין לאָנדאָן פון זיגמונד פיינמאַן; דאַן פון מאָסקאָוויטש׳ן; פון אַדלער׳ן; און פון מאָריס שוואַרץ, וועלכער האָט דער פיעסע געגעבען אַ גאַר מאָדערנע אויסשטאַטונג.

דער בעסטער הערשעלע דובראָוונער, ביי אונז אין לאָנדאָן, איז גע־ווען זיגמונד פיינמאַן. ער האָט בעסער פאַרשטאַנען אין וואָס עס האַנדעלט זיך.

פעני וואַקסמאַן איז געווען אַ געלונגענע פריידעניו. די ראָלע פון אוריאל מזיק האָבען דאָ געשפּילט באָריס ראָזענטאַל, מאָררים מאָסקאָ־וויטש, סעם גאָלדענבורג און מאָריס שוואַרץ, וועלכער האָט געגעבען דעם כאַראַקטער אַ פאָלשטענדיגע אידישע אינטערפּרעטאַציע (איך שרייב וועגען דעם באַזונדער).

ט. „די שבועה"

פון די באַארבייטע פיעסען פון יעקב גאָרדין איז מיר אַם בעסטען געפעלען „די שבועה". דעם סוזשעט האָט ער אַנטליען פון „פורמאַן הענשעל" פון דייטשען דראַמאַטורג גערהאַרדט הויפּטמאַן. פון דעם דייטשען פורמאַן האָט ער געמאַכט אַ אידישע פאָטשטאַרקע און אַנשטאָט די דייטשע סביבה און דייטשע טיפּען שטעלט עס פאָר אַ סביבה פון אַ קליין שטעטעל אין מאַלאָראָסיע. די באַארבייטונג איז גאָרדינ׳ען געלונ־גען; ער האָט אין דער שילדערונג פון די טיפּען אריינגעגעבען פילע איי־גענאַרטיגע כאַראַקטער שטריכען און ס׳איז אַרויסגעקומען אַ גאַנץ שטאַרקע אידישע דראַמע.

די פאָטשטאַרקע ראַניע איז אַ פאָלשטענדיגער אידישער טיפּ. זי איז אַ גוטהאַרציגע, פאַסט אויף איר קראַנקען מאַן, איז אַ ליבע מאַמע צו איר קינד, און באַציט זיך גוט צו אַלע מענשען אַרום. דאַרף זיך מאַכען, אַז זי זאָל אַנשטעלען אַ פריקאַזטשיק, אייביש, אַ כוואַט אַ יונג, וועלכער האָט ליב צו לעבען אַ טאַג. ער דערזעט אַז „זי האָט אַ קליין פיסעל גאָרניט ווי קיין פאָטשטאַרקע"...

ראַניע וואָלט דעם פריקאַזטשיק קיין אויפמערקזאַמקייט ניט גע־שענקט. זי איז צופיל מאָראַלישע פערזאָן, שטאַרק געטריי איר קראַנקען מאַן און קינד, דאַס ס׳זאָל איר ליגען אין זינען „נאַרישקייטען", אָבער דער מאַן איז אייפערזיכטיג אויפ׳ן פריקאַזטשיק. ער רעדט אויף אים שלעכטס, כדי אים צו פאַר׳מיאוס׳ען אין ראַניע׳ס אויגען, ער וויל דאָס זי זאָל אים דעם וועג געבען, אָבער גראָד דאָס דערוועקט ביי איר זינדיגע געדאַנקען.— אַזוי איז שוין די מענשליכע נאַטור. זוך איינעם פון עפּעס

אָבצוהאַלטען, וועט ער עס דוקא וועלען. זי ראַנגעלט זיך מיט דעם געדאַנק.

דער מאַן שטאַרבט. פאַר זיין טויט וויל ער אַז זי זאָל אים שווערען דאָס זי וועט נאָך זיין טויט ניט חתונה האָבען. אין דעם מאָמענט איז זי באַהערשט פון דעם געפיל, וואָס זי זעט איר מאַן שטאַרבען. יעדער אַנדערער געדאַנק איז ביי איר פאַרשוואונדען, יעדע אַנדערע פערזאָן איז אַנטרונען געוואָרען פון איר זכרון. זי איז באַהערשט פון דעם איינעם געפיל גרינגער צו מאַכען די לעצטע מינוטען פון דעם שטאַרבענדען. זי וואָלט געגעבען צען שבועות אַבי יענער זאָל ניט ליידען אַזוי שטאַרק. גיט זי אים די האַנד אַז זי וועט ניט חתונה האָבען.

נאָך דעם מאַנ׳ס טויט איז אייביש, דער פּריקאַזטשיק, געוואָרען צו ראַניע׳ן פרעכער, ער האָט מער געוואַגט. זי האָט אויפגעהאַלטען איר מאַראַל. אָבער דער געראַנגעל מיט׳ן יצר הרע איז דאָך ביי איר געוואָרען גרעסער. זי וויל ניט ברעכען די שבועה, אָבער די נאַטירליכע נייגונג ווירקט. דערציילט מען איר, אַז עס איז פאַראַן אַ צדיק, וואָס קען איר מתיר נדר זיין. פאָרט זי צו אים; ער נעמט פון איר אַראָב די שבועה... האָט זי אָבער מורא אַז דער צדיק איז ניט קיין ריכטיגער. אַ שוואָגער אירער רעדט זי צו חתונה צו האָבען, ווייל אויב איינער האָט פון איר אַראָבגענומען די שבועה איז שוין די פאַראַנטוואָרטליכקייט אויף יענעם... גיט ראַניע נאָך און האָט חתונה מיט אייביש׳ן.

וואָלט ער געווען אַ אָרענטליכער מענש, וואָלט דאָ זיך געענדיגט די דראַמע. איז ער אָבער ניט קיין אָרענטליכער מענש, און דער מחבר ענטוויקעלט די געשיכטע אין אַ צווייפאַכער טראַגעדיע: אייביש ווערט ניט נאָר דער בעל הבית פון געשעפט, שכור׳ט און ראַניע מוז מיט ווייטאָג זיך אונטערגעבען און אַלץ דערטראָגען. ניט נאָר דערפאַרט זי, אַז די דינסט גנעסע שוואַנגערט פון אייביש׳ן און דאָס רעגט אויף ראַניע׳ן; נאָר ער ווערט אויך אַ פאַרברעכער, און ער לאָזט, אַז עס זאָל דערטרונקען ווערען ראַניע׳ס קינד, וואָס ס׳איז איר געבליבען פון ערשטען מאַן.

זינט יענעם טאָג איז זי ווי אַ צודולטע, זי גייט אַרום ווי אויף אַן עולם התוהו; זי ווערט באַהערשט פון אַבערגלויבען. זי מיינט, אַז דאָס נעמט דער טויטער מאַן אין איר נקמה, ווייל זי האָט געבראָכען די שבועה וואָס זי האָט אים געגעבען. אין אַלץ הערט זי דאָס וואָרט „שבועה": אין גלעקעל פון דעם פאָסט־וואָגען, אין ברויזען פון ווינט, אין רויש פון טייך, הערט זי אַלץ „שבועה", „שבועה". צום סוף ערפאָרט זי דאָס אייביש האָט פאַרזעצט איר גאַנץ פאַרמעגען. צו איר אינערליכער צורודערונג קומט צו די שרעק, אַז זי בלייבט אויף די וועגען. זי ווערט אַרומגענומען פון

אַ משוגעת, און אין אַ מאָמענט פון אויפרעגונג צינדט זי אָן דאָס הויז און באַגייט זעלבסטמאָרד.

אויך אין דער דראַמע איז פאַראַן איבערטרייבונג, און אויך אין איר זיינען פאַראַן וויצען, אָבער דאָך איז אַלץ איינגעהאַלטענער, נאַטירליכער ענטוויקעלט און מער פּסיכאָלאָגיש אויסגעדריקט. די פּיעסע איז זייער גוט סצעניש געבויט.

אין דער פּיעסע האָט די קינסטלערין נעמי געהאָט אַ גרויסען טריאומף אַלס ראָניע אין פיינמאַן אידישען פאָלקס טעאַטער אין 1912.

י. פּיעסען אויס דעם לעבען פון האלב אסימילירטע אידען

יעקב גאָרדין האָט געשאַפען אַ רייע פּיעסען אויס דעם לעבען פון די האַלב אַסימילירטע רוסיש־אידישע פאַמיליעס. אים איז געווען גוט באַקאַנט דאָס דאָזיגע לעבען און די טיפּען, וועלכע האָבען געטראָגען אידישע נעמען, נאָר זיי האָבען געזוכט צו זיין וואָס מער רוסען, ווי ס׳האָט זיך געפּאַסט פאַר זייערע געשעפטען אָדער פּאָזיציעס. ער האָט אפילו געזען די פּוסטקייט פון דעם דאָזיגען מין לעבען, אין וועלכען מען צוברעכט די אייגענע נשמה. מען באַרויבט איר פון אייגענאַרטיגען חן און מען צוקאַלעטשעט איר דורך אַרויפצווינגען אויף איר פרעמדע כאַראַקטעריסטיקס, וועלכע מאַכען דעם דאָזיגען מין אידען פאַר אַ פּוסטען נפש און פאַר אַ קאַריקאַטור.

גאָרדין האָט די דאָזיגע טיפּען אידען טאַקע קאַריקאַטוריזירט. ער האָט אויך געצייגט, אַז גראָד זייער לעבען איז מער צובראָכען ווי פון אַנדערע מינים אויסגעהאַלטענערע אידען, און ווי אין זייערע פאַמיליעס שפּילען זיך אָב די מיינסטע דראַמעס. אָבער ער האָט זיך אין קיין פּיעסע ניט דערהויבען צו אַ דירעקטער קריטיק פון דעם דאָזיגען האַלב אַסימילירטען לעבען.

די פּיעסען וואָס ער האָט געשאַפען אויף די דאָזיגע מאָטיוען זיינען:

„סאַפאָ“, געבויט אויפ׳ן מאָטיוו פון פרייער ליבע. פון אַ טאַטען אַ פּוסטען פּראָנט, מאַטיאַס פינגערהוט, וועלכער ליגט אין קאַפּע־שאַנטאַן, אַ פּוסטער ליידיגגייער, וועלכער גלעט זיך נאָר דעם פּליכעוואַטען קאָפּ, און האָט פאַר אַלץ איין ווערטעל „טפו זאָל עס ווערען“, אָט פון דעם טאַטען קומט אַרויס אַ טאָכטער, הייסען הייסט זי סאַפיע, רופען רופט מען זי סאַפאָ, און ווילען וויל זי דוקא לעבען פריי מיט אַפּאָלאָן זאַנענשיין וועלכען זי האָט ליב... ברייננגט גאָרדין צוזאַמען ניט נאָר דאָס געליבטע פּאָרעל, נאָר אויך די פאַמיליעס זייערע און ס׳טוט זיך. מען האָט צו לאַכען, און זיך צו חדוש׳ן פון די מאָדנע קאָנפליקטען, כאָטש ס׳איז אין גאַנצען אַ שטורם אין אַ גלאָז וואַסער.

„סאַפאָ, ווי אַלע גאָרדינ׳ס פּיעסען, האָט פיל בייסענדען סאַרקאַזם אויפ׳ן חשבון פון מנהגים, און דאָס האָט פיל געהאָלפען, אַז זי זאָל האָבען ערפאָלג ביים ראַדיקאַלערן עולם. זי איז אויפגעפירט געוואָרען אין דער צייט, ווען דער יונגערער עולם האָט זיך געריסען צו פרייהייט, און זיי האָבען הנאה געהאַט ווען מען לאַכט פון דאָס אַלטע. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרען מיט דעם גרעסטען ערפאָלג אין אַן איבערזעצונג אין רוסיש, טאַקע אין רוסלאַנד.

דאָ, אין לאָנדאָן, איז די פּיעסע געשפּילט געוואָרען אין פיינמאַנ׳ס אידישען פאָלקס טעאַטער און אין פּאַווילאָן. דיינע פיינמאַן האָט גע־שפּילט אַלס סאַפאָ און בען עמי אַלס אַפּאָלאָן. זיי האָבען ביידע גוט דורכ־געפירט די ראָלען, כאָטש בן עמי איז געווען מער אַן אימפּרעסיאָניסטי־שער שטימונגס שוישפּילער, ווערענד אַפּאָלאָן דאַרף זיין אַ ראָמאַנטישער טיפּ.

„קרייצער סאנאטא״ — דאָס איז געווען אַ פיל בעסערע דראַמע. זי איז סצעניש זייער גוט געבויט, און זי איז אויך רעאַלער, נאַטירליכער. דאָס איז אַ דראַמע פון אַ קאָנפליקט צווישען צוויי שוועסטער, פון וועלכע די יונגערע, צילע, האָט זינדיגע באַציהונגען מיט גרעגואַר׳ן, דער מאַן פון דער עלטערער, עטי. עס איז אָן אַ שום ספק אַ דראַמאַטישער מאָטיוו, וועלכער קען טרעפען אין לעבען, כאָטש ניט אין אַ אָנשטענדיגער אויס־געהאַלטענער אידישער הויז.

די באַטראַגענע פרוי עטי איז די הויפּט ראָלע אין דער דראַמע, אירע ליידען פּאַראינטערעסירען, אָבער דער פּאַרפאַסער האָט נעבען איר אָני־דערגעשטעלט נאָך אַ דראַמאַטישע פיגור פון גאָר אַ הויכען מין, איר פאָ־טער, ראַפאַאיל פרידלענדער. ער דערהויבט אים צו אַזאַ פּערזענליכקייט, אַז זיינע ליידען באַשאָטענען כמעט די ליידען פון דער טאָכטער. ער איז אויך זייער געלונגען געשילדערט אַלס קאַצאַפּסקער איד, וועלכער ליבט שטאַרק דעם רוס „מיט׳ן ברייטען האַרץ״ און ער האָט אויך אַ ברייט האַרץ.

אין דער פּיעסע זיינען פּאַראַן נאָך אַ עטליכע אינטערעסאַנטע טי־פען: באַזונדערס אפרים כלי־זמר און זיין ווייב ביילע, גרעגואַר׳ס על־טערן, אַ געשוואָרען כאַראַקטעריסטיש קאָמיש פּאָרעל, וואָס איז געוואָרען אַ שאַבלאָן אין אַמעריקאַנער אידישע פּיעסען שרייבעריי; און די ניאַניע, באַטאַשאַ.

אַלץ צוזאַמען: דער דראַמאַטישער מאָטיוו, דער קאָנפליקט צווישען די שוועסטער, די געלונגענע שילדערונג פון די כאַראַקטערע, באַזונדערס פון דעם פּאָטער; די וויציגע חכמות פון דעם כלי־זמר, און די ריכ־טיגע ענטוויקלונג פון די סצענעס, מאַכט די „קרייצער סאָנאַטאַ״ אַ זייער

אינטערעסאַנטע פּיעסע, איינע פון די ערפאָלגרייכסטע פון גאָרדינ׳ס רע־פּערטואַר.

די „קרייצער סאָנאַטאַ״ איז דאָ צום ערשטען מאָל אויפגעפירט גע־וואָרען פון זיגמונד פיינמאַן. ער האָט געשפּילט אַלס ראַפאַאיל פרידלענ־דער, און האָט גלענצענד געשפּילט די ראָלע. דיינע פיינמאַן איז געווען עטי און אין אייניגע פאָרשטעלונגען איז וואַדיאַ עפּשטיין געווען צילע. אַ ריכטיגער קאָנטראַסט.

אַלס אפרים כלי־זמר האָבען דאָ געשפּילט שילינג און ראָזענטאַל, זיי זיינען געווען גאַנץ גוט. אָבער איין מאָל האָט דאָ גאַסטראָלירט טאַרנ־בערג אין דער ראָלע, איז ער געווען וואונדערבאַר — ניט צום פאַרגע־סען...

אגב, אין אַמעריקא האָט די ראָלע פון גרעגואַר געשפּילט מאָסקאָ־וויטש. דאָ ביי אונז — דזשאָזעף פיינבערג... אַזוי האָט זיך געמישט ביי אונז אפילו אין די בעסטע פּיעסען...

„די יתומה״.— געלונגען צווישען דעם מין גאָרדינ׳ס פּיעסען איז געווען „די יתומה״, אָדער „חאַסיע״. די פּיעסע באַלאַנגט אויך צו די ער־פאָלגרייכסטע פון יעקב גאָרדין. זי האָט אַ קליינעם פּערזאָנאַל, אין גאַנ־צען זיבען כאַראַקטערע, און זי איז זייער לעבעדיג.

„די יתומה״ איז אַ באַארבייטונג פון אַ מאַלאָראָסישער פּיעסע, אָבער זי איז פאַלשטענדיג צוגעפּאַסט געוואָרען צו דעם מילע פון דער אידי־שער האַלב אַסימילירטער פאַמיליע פון יואל טראַכטענבערג פון יעקאַ־טערינאָסלאַוו און זיין ווייב פריידע, צו וועלכער עס קומט אָן אַלס דינסט די טאָכטער פון איר פאַרשטאָרבענער שוועסטער. אָט די דינסט איז חאַסיע, די יתומה, וועלכע קומט פון אַ דאָרף קאַראַטשעקראַק. ווערט זי פאַרפירט פון איר שוועסטערקינד וולאַדימיר, אַ תכשיט, אַ זונדעל פון דער האַלב אַסימילירטער פאַמיליע. חאַסיע האָט אַ קינד, און אַזוי ווי אי־רע פעטער און מומע רייסען אַוועק זייער זון פון איר, האָט זי ניט קיין אַנדערן אויסוועג, ווי צו באַגיין זעלבסטמאָרד.

צו דעם דראַמאַטישען פּערזאָנאַל איז צוגעזעצט אַ טראַגי־קאָמישע פיגור, מאָטיע שטרייכעל, חאַסיע׳ס פאָטער. ער איז אַ מין לייזער בדחן, אָבער אָן פילאָזאָפיע. ער איז אַ זייער רעאַליסטישער טיפּ פון אַ אידישען ישוב׳ניק, וועלכער האָט אויף אַלץ איין ענטפער: „דלות, דלות״... דער פאַרפאַסער שפּילט אָב מיט אים אייניגע קאָמישע סצענעס, וועלכע טראָ־גען אַריין זייער פיל לעבען און הומאָר אין דער פּיעסע. זי איז וואָס מען רופט אויף טעאַטער לשון: „אַ שלאַגער״...

דאָ ביי אונז האָט דיינע פיינמאַן זיך געמאַכט זייער שטאַרק באַליבט

דורך שפּילען חאַסיע די יתומה. זי איז געווען זייער ערפאָלגרייך אין דער ראָלע. שענגאָלד האָט געשפּילט אַלס וולאַדימיר; מאַרקאָוויטש אַלס יואל טראַכטענבערג. אַלס מאָטיע שטרייכעל האָבען דאָ געשפּילט: שילינג, ראָזענטאַל, טאָרנבערג, זשעליאַזאָ, אַקסעלראַד.

לעצטענס האָט עטאַ טאָפּעל געשפּילט אַלס חאַסיע און מאַרק מאַר־קאָוו אַלס וולאַדימיר. זיי האָבען גאַנץ אַנדערש געשפּילט, אייגענאַרטי־גער.

דיינע פיינמאַן און שענגאָלד זיינען געווען באַוועגליכער אין די לייכ־טערע, לוסטיגערע מאָמענטען; אָבער אין די דראַמאַטישע מאָמענטען זיינען זיי געווען פיל שוואַכער. די דראַמאַטישע סצענעס זיינען פיל שטאַרקער און נאַטירליכער אַרויסגעבראַכט געוואָרען פון עטאַ טאָפּעל און מאַרק מאַרקאָוו. (איך גיב איבער אייניגע פּרטים אין דער ווייטערער אָבטיילונג קינסטלער און ראָלען).

יא. נאָך פּיעסען פון גאָרדינ׳ען

יעקב גאָרדין האָט נאָך געשאַפען אייניגע אינטערעסאַנטע דראַמען, וועלכע מוזען בלייבען פאַרצייכענט:

„**דער מטורף**" — אויף דעם מאָטיוו פון אַ בענקענדער נשמה וועלכער וויל דערפינדען די אייביגע באַוועגונג „פּערפּעטום מאָבילע". דאָס איז זיכער אַ געקינצעלטע פּיעסע, אָבער עס איז פאַראַן אין איר פיל ראָמאַנטישע שענקייט, עס קומט צום אויסדרוק נשמה בענקעניש, אי־נערליכע שטרעבונג צו הויכע זאַכען. אויך זיינען אין איר פאַראַן צוויי כאַראַקטערע, אַן אַלטער זייגער־מאַכער און זיין פרוי, פּראַכטפול גע־שילדערטע טיפּען.

איך האָב געזען אין לאָנדאָן אַדלער׳ן אַלס בן ציון, דער „מטורף", שילינג׳ען אַלס זייגער־מאַכער און בעקי גאָלדשטיין אַלס די זייגער־מאַ־כערין. עס איז געווען אַ גרויסער פאַרגעניגען זיי צו זען אין די ראָלען.

„**אָן אַ היים**" — דאָס איז אפשר די באַשיידענסטע פון יעקב גאָר־דינ׳ס פּיעסען און זי באַהאַנדעלט אַ ווירקליכען מאָטיוו אויס דעם לעבען פון די אַמאָליגע אידישע אימיגראַנטען אין אַמעריקאַ.

„אָן אַ היים" איז אַ דראַמע פון מענשען, וועלכע פאַלען אַריין אין אַ פרעמדער סביבה און קענען זיך צו איר ניט צופּאַסען: פּערזאָנען פון אַן אַלטען קליינעם שטעטעל פון רוסלאַנד, מיט אַלטע טראַדיציעס, ווערען פאַרוואָרפען אין דער גרויסער ניו יאָרק מיט איר „האַרי־אַפּ" (גרויסע איילעניש) אויף אַלע געביטען פון לעבען.

די הויפּט העלדין איז אַ פרוי, מרס. ריפקין, וועלכע איז געקומען צו איר מאַן אין אַמעריקא. די סביבה פון דער גרויסער שטאָט, מיט אירע ענגע וואוינונגען, ווירקט שלעכט אויף די קינדער, וועלכע וואַקסען אויף אין די גאַסען און ווערען צולאָזען; דאָס רופט אַרויס גרויס עגמת נפש ביי דער איינגעוואָנדערטער אידישער מאַמע; נאָר דאָס איז ניט די איינ־ציגע עגמת נפש. צרות פעלען איר ניט. צו אַלע אַנדערע — פאַרליבט זיך איר מאַן אין אַ צווייטער...

זי דערטראָגט נעבעך איר צער און באַליידיגונג. זי זוכט פאַרשידע־נע וועגען ווי איר מאַן צוריקצוגעווינען. זי וויל זאָגאַר איינגיין דערויף, אַז זי זאָל האָבען אַ שותף׳טע צו זיין ליבע. זי מיינט אַז עס קען זיין פּלאַ־טאָניש; זאָל ער האָבען מיט וועמען די צייט צו פאַרטרייבען... זי באַ־שליסט אַריינצונעמען דעם מאַנ׳ס געליבטע אין איר הויז, אפשר וועט דאָס פאַרבעסערן איר מערכה... אָבער איר טראַגעדיע איז צו שטאַרק פאַר איר קאָפּ. זי ווערט נערוועז, הויבט אָן צו ליידען פון אַן אידעע פיקס. זי ווערט פשוט משוגע. מען נעמט זי אַוועק אין אַן אַנשטאַלט. עס ווערט איר דאָרט בעסער און זי גאַרט צוריקצוקערען זיך צו איר היים... ענדליך לאָזט מען זי אַרויס פון אַנשטאַלט; זי קומט אַהיים, אָבער דאָרט טרעפט זי איר מאַן און די געליבטע צוזאַמען אומאַרעמט... עס איז פאַר איר אַ גרויסער קלאַפּ, זי דערפילט אַז זי איז אָן אַ ה י י ם, און זי פאַלט צוריק אַריין אין דעם משוגעת, פון וועלכען מען האָט געדענקט, אַז זי איז אויסגעהיילט.

„אָן אַ היים“ איז דאָ אויפגעפירט געוואָרען מיט סערע אַדלער אין דער הויפּט ראָלע. זי האָט געשפּילט זייער איינדרוקספול און קרעפטיג אַלס די אונגליקליכע מרס. ריפקין. זי איז געווען אַ טאַלאַנטירטע דראַ־מאַטיסטין.

„עץ הדעת“.— די פּיעסע קען באַטראַכט ווערען אַלס פון די בע־סערע וואָס יעקב גאָרדין האָט געשאַפען, כאָטש די האַנדלונג ענטוויקעלט זיך ניט שטאַרק דראַמאַטיש, כאָטש פילעס קלעפּט זיך ניט איינס צום צווייטען און זי ענדיגט זיך מיט מעלאָדראַמאַטישע עפעקט־סצענעס און מיט געשרייען וואָס קלינגען גאַנץ פאַלש... אין דער פּיעסע ערשיינט די קראַפט פון יעקב גאָרדין צו שאַפען מענשליכע טיפּען און כאַראַקטערע, און אַרויסצובריינגען דראַמאַטישע סיטואַציעס. אויף דער בינע ערשיינען איניגע פערזאָנען, וועלכע זיינען אַזוי טיפּיטשנע און כאַראַקטעריסטיש, אַזוי נאַטור טריי געשילדערט, דאָס בלויז דורך זייער ערשיינען, שוין ניט רעדענדיג פון זייער האַנדלונג, רופען זיי אַרויס צו זיך אינטערעס. די פּיעסע איז אויך מער אָדער ווניגער אַ פּסיכאָלאָגישע; איבערהויפּט אין די ערשטע דריי אַקטען פעלט איר כמעט אויסערליכער עפעקט.

דער מאָטיוו פון דער דראַמע איז צו שילדערן די נאַטירליכע גוטס־קייט פון דעם איינפאַכען מענשען און די גראָבקייט, לייכטזיניגקייט און האַרצלאָזיגקייט פון כלומרשטע אינטעליגענטען, וועלכע לערנען צוליב קאַריערע, אָדער צוליב דעם וואָס בילדונג איז אין דער מאָדע.

ס׳איז אַ פאַמיליען דראַמע, אין וועלכער עס קומט פאַר אַ צוזאַמענ־שטויס צווישען אַ מאַן און זיין פרוי און צווישען אַ פאָטער און זיינע קינ־דער, וועלכע האַלטען מיט דער מאַמע. די משפחה טיילט צו דעם מאַן, מאָזע סטאָליאַר, געבראָטענע ליידען. זיי פאַרפאָלגען אים מיט זייער כעס, מיט זייער רוגז, דורך זלזולים און גראָבע ווערטער וועלכע צוברעכען אים דאָס האַרץ, אָבער ער האָט נאָר צערטליכע ווערטער פאַר זיינע קינדער...

ער ליידעט און דולדעט, אָבער ווען זיין טאָכטער גייט אַראָב פון גלייכען וועג, ברויזט ער אויף, און אפשר איז בעסער צו זאָגען: ברעכט ער צוזאַמען. ער לויפט צו דער טאָכטער און אַפּעלירט דאָס זי זאָל זיך רעטען און צוריקקומען צו איר היים, און ווען ער זעט, דאָס זיינע ווער־טער ווירקען ניט, ברעכט ער אויס אין גרויס אויפרעגונג און דערוואַרגט זי.

דער סוף, ווי ס׳איז צו זען, איז מעלאָדראַמאַטיש, אָבער די ענטוויק־לונג פון דער דראַמע איז נאַטירליך און זי מאַכט אַן איינדרוק.

„דער פרעמדער“—אַ שטאַרקע דראַמע פון יעקב גאָרדין, וואָס האָט פילע פסיכאָלאָגישע מאָמענטען און סיטואַציעס, איז „דער פרעמ־דער“. זי גיט אויך אַ גרויסע מעגליכקייט צו שוישפּילער אַרויסצוזייגען זייער טאַלאַנט. יעדער כאַראַקטער אין דער פּיעסע לעבט און האַנדעלט. קיינע איבעריגע טיפּען זיינען ניט פאַראַן. אַלץ שפּינט זיך און וועבט זיך צוזאַמען מיט מער אָדער ווניגער האַרמאָניע און איינהייטליכקייט.

ס׳איז אפילו פאַראַן פילעס איבערגעזאַלצענעס אין דער פּיעסע. מע־לאָדראַמאַטישע עפעקטען פעלען ניט אין איר. ס׳איז אויך קענטיג, אַז די אידישע נעמען פון די העלדען זיינען בלויז מאַסקעס, וואָס פאַרדעקען גוי׳אישע טיפּען. אין אידישען לעבען קענען אַזעלכע פּאַסירונגען ניט פאָרקומען. זי ענטהאַלט אַ פרעמדע טעמא אָנגעטון אין אַ אידישען לבוש.

די האַנדלונג פון דער פּיעסע איז אָבער אַ אינטערעסאַנטע. ס׳ווערט אין איר געשילדערט דער נשמה קאַמף פון אַ מאַן, וועלכער האָט פאַר־לאָזען דורך געוויסע סבות זיין פרוי און קינדער און ער האָט זיך צוריק־געקערט צו זיי נאָך אַ צענדליג פאַרפלאָסענע יאָרען. אָבער ער געפינט אויס, אַז די פרוי זיינע האָט געהייראַט מיט אַ צווייטען, און זי לעבט מיט די קינדער אין וואוילטאָג; זי דערציט זיי, אַז זיי זאָלען גאַרניט וויסען

פון זייער טאַטען. אַזוי ווי ער, דער טאַטע, וועלכער האָט זיך פלוצלינג באַוויזען, איז זייער אָרים, קעמפט ער מיט זיך צי ער האָט אַ רעכט צו שטערען זייער גליק.

ווען מען אבסטראַכירט פון דער פראַגע צי ס׳איז אַ אידישע אָדער אַ גוי׳שע טעמא, און ווען ס׳אינטערעסירט בלויז די פראַגע צי ס׳איז אַ גוטע פיעסע אָדער ניט, דאַן קען געזאָגט ווערען, אַז „דער פרעמדער״ איז פאַלשטענדיג ווערט געזען צו ווערען.

געזען האָב איך שפּילען די הויפּט ראָלע יעקב זילבערט, מאָריס מאָסקאָוויטש און באַראַטאָוו.

„די אמת׳ע קראפט״ באַלאַנגט צו דעם בעסערן מין גאָרדינ׳ס פיעסען. אין איר ווערט געשילדערט די פאַמיליען טראַגעדיע פון אַ דאָק־טאָר אַ אינטעליגענט וועלכער נעמט אַ פּראָסטע מיידעל פון פאָלק פאַר אַ פרוי, מיינענדיג אַז ביי אַזאַ פרוי וועט ער קענען געפינען מער רו, אַז ער זאָל זיך קענען ווידמען צו זיינע אידעאַלען. די פּראָסטע מיידעל האָט אָבער געגנוג שכל זיך צו פילען פאַרנאַכלעסיגט, און דאָס טרייבט זי צו ווערען אים אונטריי. עס נעמט אים צייט ביז ער דערפאַרט דאָס, ער איז פאַרטיפט אין זיינע ביכער, אָבער ווען ער ווייסט שוין דעם אמת וויל ער זיך מיט איר שיידען. ער וויל זי אַוועקשיקען פון זיין הויז. זי האָלט שוין ביים גיין, אָבער זייער קינד ווערט קראַנק, און צוליב דעם קינד איז ער איר מוחל.

מאָסקאָוויטש האָט אויפגעפירט די פיעסע אין פּאַוויליאָן טעאַטער אין אָנפאַנג דעצעמבער 1912. ער האָט געשפּילט אַלס דעם דאָקטאָר. מאַדאַם פעני וואַקסמאַן אַלס די פרוי. צוזאַמען מיט זיי האָבען געשפּילט זאַק און סעם גאָלדענבורג. ס׳איז געווען אַ שענע פאַרשטעלונג.

„דער אונבאקאנטער״.— פונקט ווי גאָרדין האָט געשאַפען אַלס פאַרעל צום „אידישען קעניג ליר״ די „אידישע קעניגין ליר״, אַלץ אַזוי האָט ער געוואָלט שאַפען אַ ווייבעריש פאַרעל צו הערשעלע דובראָוונער פון „גאָט, מענש און טייפעל״ און ער האָט געשאַפען די פיעסע „דער אונבאַקאַנטער״, אין וועלכער אַ פרוי, מיט אַ הויקער, שפּילט די הויפּט ראָלע.

אין דער פיעסע האָט גאָרדין געוואָלט שילדערן דעם פאַטאַליזם, דעם שיקזאַל געשאַפען פון באַדינגונגען און פאַרהעלטניסע, וועלכע באַ־הערשען דאָס לעבען. יואל קארטשינסקי, דער אונבאַקאַנטער, קערפּערט איין די כחות וואָס באַהערשען דאָס לעבען פון בערנאַרד׳ען, דורך וועל־כען בערטאַ ליידעט זייער פיל.

די פיעסע איז רייך אין געדאַנקען; די טיפען זיינען מאָדערנע;

אָבער ס׳איז פאַראַן אין איר פילעס געקינצעלטעס; און די דראַמאַטישע ענטוויקלונג איז ניט אַזוי גוט ווי אין אַנדערע גאָרדינ׳ס ווערק.

„דער אונבאַקאַנטער״ איז געשפּילט געוואָרען אין פיינמאַנ׳ס אידישען פאָלקס טעאַטער, מיט בן עמי׳ן אַלס יואל קאַרטשינסקי.

עס איז געוועזן אַ אינטערעסאַנטע פאָרשטעלונג, אָבער זי האָט ניט באַגייסטערט.

„די ברידער לוריע״ —

פיל מער אָריגינעל ווי אַנדערע פּיעסען פון יעקב גאָרדין איז זיין דראַמאַ „די ברידער לוריע״, וואָס שילדערט אַן עקשנות׳דיגען קאַמף צווישען צוויי ברידער, וועלכע זיינען ביידע זייער שטאָלץ. די כאַראַקטערע אין דער פּיעסע זיינען גאַנץ גוט געשילדערט. נאָר כאָטש דער מאָטיוו פון דער פּיעסע איז אַ אינטערעסאַנטער, איז די האַנדלונג ניט אַזוי ערגרייפענד. די פּיעסע לאָזט פיל צו ווינשען.

„די ברידער לוריע״ איז אויפגעפירט געוואָרען פון בן עמי׳ן אין אידישען קונסט טעאַטער אין 1912. זשעליאַזאָ איז געוועזן איינער פון די צוויי ברידער. זיין שפּילען איז געוועזן אויסגעצייכענט.

י״ב „אלישע בן אבויה״

אין „אלישע בן אבויה״ האָט יעקב גאָרדין געגרייכט די העכסטע מדרגה פון זיין דראַמאַטישען שאַפען.

גאָרדין האָט באַלאַנגט צו דער משכילישער שולע. ער האָט ניט באַזעסען אַזוי פיל אינערליכען געפיל, ווי אַ שאַרפזיניגען בליק אויף דעם לעבען און אַ גרויסע פעהיגקייט פון צופּאַסונג. ער אז געוועזן מער דענקער ווי קינסטלער. דערפאַר טאַקע האָט ער פאַרהערליכט מער דעם פאַרשטאַנד ווי דאָס געפיל, דערהויבען דאָס וויסען און דערנידעריגט דעם גלויבען, און דאָס אַלץ זעט זיך בולט אַרויס אין „אלישע בן אבויה״.

אלישע בן אבויה, אחר, ווי מען האָט אים גערופען, איז אַ אידישע היסטאָרישע פיגור; זיין לעבען איז אַ סוזשעט פאַר אַ טיפער דראַמע... גאָרדין האָט זיך אפילו ניט געהאַלטען צו דער הויך פון דער געשיכטע. ער האָט זיך ניט גערעכענט בלויז מיט זיינע געדאַנקען נאָר אויך מיט דעם פּובליקום. ער האָט זיך ערטערווייז אַראָבגעלאָזט. ער האָט געוואָלט אַז דאָס פּובליקום זאָל פאַרשטיין. פילעס איז דערפאַר אַרויסגעקומען באַנאַל. ס׳ווערט אָבגעשוואַכט דער צויבער פון דעם ווערק. מען קען זאָגען, אַז יעקב גאָרדין האָט אין זיין אלישע בן אבויה זיך געריסען ווי אַן אָדלער צו די הימלען, אָבער צו זיינע פליגלען איז געווען צוגעבונדען דאָס פּובליקום און זיי האָבען אים אַראָבגעשלעפּט צו דער ערד.

אָבער טראָץ די חסרונות פון „אלישע בן אבויה", איז דאָס דאָך אַ דראַמע וואָס רופט אַרויס גרויסען אינטערעס. אין אידישען רעפּערטואַר זיינען דאָ וועניגע אַזעלכע דראַמעס. ער האָט אין דער פיגור פון אלישע'ן איינגעקערפּערט גלענצענדע שטריכען פון זיין אייגענער פּערזענליכקייט. און אין דער ענטוויקלונג פון דער דראַמע זיינען דאָ דערהאַבענע און ענטציקענדע מאָמענטען. דאָס רעזאָנירען מיט רבי מאיר, די ליבעס סצע־נעס מיט בעאטען, און זיין טראַגישער סוף, זיינען סצענעס פון העכסטער דראַמאַטישער האַנדלונג און שפּאַנונג, וואָס ברייננען אַרויס צום העכ־סטען גראַד דעם נשמה געראַנגעל פון אַ גרויסען מענשען.

יעקב גאָרדין האָט אויך ריכטיג אַרויסגעבראַכט די אַטמאָספערע פון דער פּעריאָדע, אין וועלכער אלישע בן אבויה האָט געלעבט, די הער־שאַפט פון די רוימער, די בייגונג זיך צוצופּאַסען צו דער הערשאַפט, וואָס האָט באַאיינפלוסט אלישע'ן.

עס איז אַן אימפּאָזאַנטע דראַמע.

עס ווערט איבערגעגעבען, אַז ווען מען האָט אויפגעפירט אין ניו יאָרק צום ערשטען מאָל „אלישע בן אבויה" איז דער ערפאָלג ביט געווען קיין גרויסער. האָט אַ רעדאַקטאָר געפרעגט גאָרדינ'ען, פאַר ועמען האָט ער די דראַמע געשאַפען. גאָרדין האָט געענטפערט: „פאַר מיר אַליין".

די דראַמע טראָגט פיל אינדיווידואַליסטישעס אין זיך. מען קען זאָ־גאַר זאָגען, אַז זי קערפּערט איין ניט נאָר אלישע'ן נור אויך יעקב גאָרדין. איך האַלט אַז אויב מען וויל האַלטען גאָרדינ'ען לעבעדיג אויף דער אידי־שער בינע דאַרף מען אָפט שפּילען „אלישע בן אבויה", אויך „גאָט, מענש און טייפעל", „קרייצער סאָנאַטאַ" און די „שבועה".

דאָ אין לאָנדאָן איז „אלישע בן אבויה" געשפּילט געוואָרען פון מאָררים מאָסקאָוויטש און יעקב פּ. אַדלער. דער קינסטלערישער ערפאָלג פון אַדלער'ן איז געווען פיל גרעסער.

דאָס איז דער סך הכל פון יעקב גאָרדינ'ס פּיעסען וועלכע זיינען געשפּילט געוואָרען אין לאָנדאָן; עס איז דער תמצית פון מיינע רעצענ־זיעס וואָס איך האָב געשריבען ווען איך האָב די פּיעסען געזען. איך האָב זיך אָבגעשטעלט לענגער אויף גאָרדינ'ס פּיעסען, ווייל זיי האָבען פאַר־נומען אַ גאַנצע פּעריאָדע אין דער געשיכטע פון אידישען טעאַטער. און איך האָב געשריבען לענגער איבער „די שבועה", ווייל איך האַלט, אַז אין דראַמאַטישען געבוי איז זי די בעסטע פּיעסע וואָס דער אידישער מייסטער פון דראַמע טעכניק, יעקב גאָרדין, האָט געשאַפען.

5. פרץ הירשביין

דער אנפאנגער פון אידיש קונסט טעאטער

די דריטע מדרגה אין דער ענטוויקלונג פון אידיש טעאַטער, דאָס שאַפען און פאַרשטעלען ליטעראַרישע פיעסען אויף אַ קינסטלערישען אופן, איז אָנגעהויבען געוואָרען פון פרץ הירשביין.

פרץ הירשביין איז אַ באַגאַבטער דיכטער, ער באַלאַנגט צו אונזערע בעסטע. באַזונדערס איז גרויס זיין פאַרדינסט פאַר׳ן אידישען טעאַטער. ער איז געווען דער ערשטער דראַמע־דיכטער אין אונזער ליטעראַטור. ער איז אויך געווען דער שאַפער פון דער ערשטער אידישער קונסט־טרופע. מען קען אים פאַלשטענדיג באַצייכענען אַלס דער פאָטער פון קונסט טעאַטער ביי אידען.

ער איז געבוירען געוואָרען דעם 26־טען נאָוועמבער 1881. אָנגעהויבען האָט ער שרייבען העברעאישע לידער, וואָס ער האָט פאַרעפענטליכט אין „הדור“ און אַנדערע העברעאישע צייטונגען אין 1902. זיין ערשטע דראַמע „מרים“ איז אויך געווען אין העברעאיש און זי איז פאַרעפענטליכט געוואָרען אין „הזמן“ אין 1905. מען האָט איר דאַן איבערזעצט אין אידיש. אין זיינע „געזאַמעלטע דראַמען“ איז זי ערשינען אונטער דעם נאָמען „באַרג אַראָב“.

זיין נעכסטע דראַמע „נבלה“ איז אויך צוערשט ערשינען אין העברעאיש, אַלץ פאַרעפענטליכט אין „הזמן“ אין 1905, נאָך דעם איז זי ערשט איבערגעזעצט געוואָרען אין אידיש.ביידע ערשטע דראַמען זיינע האָט הירשביין אַליין איבערגעזעצט.

אין 1906 איז פרץ הירשביין איבערגעגאַנגען צו שרייבען דראַמען דירעקט אין אידיש. די ערשטע דראַמע, וואָס ער האָט פון אָנהויב אָן געשריבען אין אידיש, איז געווען „אויף יענער זייט טייך“. עס האָבען דערנאָך נאָכגעפאָלגט די אַנדערע.

אין 1908 האָבען הירשביין צוזאַמען מיט דוד הערמאַן, דער שפּעטער געוואָרענער רעזשיסאָר פון דער „ווילנער טרופע“, געגרינדעט אַ „ליטעראַריש דראַמאַטישען טעאַטער“ אין לאָדז. דאָס האָט געזאָלט זיין דער ערשטער אידישער קונסט טעאַטער. אָבער עס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבען. הירשביין איז דאַן אַוועקגעפאָרען קיין אָדעס, וואו ער האָט

געגרינדעט אַ חברים טרופּע און האָט אָנגעהויבען שפּילען זיינע און אַנ־דערע אידישע ליטעראַרישע פּיעסען. ער איז מיט דער טרופּע אַרומגע־פאָרען אין דער פּראָווינץ פון רוסלאַנד; נאָך אַ קורצער צייט האָט זי זיך אויפגעלייזט, אָבער זי האָט געלאָזען גוטע זאָמען. זי האָט געהאַט צוגע־צויגען יונגע פעהיגע כחות צו דער אידישער בינע און האָט געשאַפען אַ אינטערעס אין שפּילען בעסערע פּיעסען.

אָנגעהויבען דעבוטירען אַלס דראַמאַטורג אין אידיש האָט הירשביין מיט די רעאַליסטישע פּיעסען „מרים", „יואל", „די נבלה", און אייניגע איין־אַקטערס, אין וועלכע ער האָט געשוועבט צווישען רעאַליזם און סימ־באָליזם. פון יענע פּיעסען איז אָן אַ שום ספק „די נבלה" געוועזען די שטאַרקסטע. זי איז אפילו געוועזען אַ זייער טרוקענע פּיעסע. הירשביין האָט גענומען אַ מענשען לעבען פון דעם סאַמע נידעריגסטען עקאָנאָמישען מצב און האָט עס געגעבען אַ שליידער דער וועלט אין די אויגען: „נאַ, זעט וואָס ס'איז פאַראַן אין אייער וועלט". אָבער אפילו אָט אין דער סאַמע רויעסטער פּיעסע האָט ער געלאָזט פילען אַ צוואווייטאָגט מענשליך האַרץ, וואָס שטרעבט צו שענערס, צו בעסערס, און וואָס איז אין רעוואָלט גע־גען זיך זעלבסט, ווייל זיינע באַדינגונגען פון לעבען מאַכען פאַר אים אונמעגליך צו גרייכען דאָס שענערע, דאָס צו וואָס ער האָט אינערליך גע־שטרעבט. ליבע איז דער ווירקענדער פאַקטאָר אין יענער דראַמע. „די נבלה" איז אַ שטאַרקע פּיעסע באַזונדערס דורך איר סצענישקייט. די דראַמע ענטוויקעלט זיך מייסטערהאַפט.

ער האָט נאָך דעם געשאַפען „דער אינטעליגענט", „דעמערונג", „די ערד".

אין די דאָזיגע ערשטע דראַמען זיינע איז פּרץ הירשביין געוועזען אַמ־מייַנסטענס מאָלער פון דער סביבה, פון דער אומגעבונג און פאַרהעלט־ניסע, אין וועלכע זיינע כאַראַקטערע געפינען זיך.

זיין פאַנטאַזיע אין די ערשטע ווערק איז געשמידט צו דער ערד; זי שוועבט ניט צו די הימלען. ער זוכט זיינע טעמאַס אין דער פינסטער־ניש פון ענגע צימערן, וואו די לופט איז פול מיט מיקראָבען... אָדער וואו עס פילט זיך דער ריח פון געשינדענע פעלען... אָדער וואו עס הערשט די דריקענדע שטימונג, וואָס ווערט ארויסגערופען פון יאוש און פאַרצווייפלונג, פון צושטערטע שטרעבונגען און פאַרלאָרענע האָפנונגען.

אין די שפּעטערע ווערק האָט פּרץ הירשביינ'ס פאַנטאַזיע פאַרלאָזען דאָס ענגעניש און די פינסטערניש. זי רייסט זיך צו דער זון, צו פעלדער און וועלדער, צו דער פרייער נאַטור, אין וועלכער עס ברויזען שטורעמס, עס קנאַלען דונערן, און בליצען שניידען דורך דעם האָריזאָנט. אויך

דאָרט געפינט ער מענשען, אָבער גאָר אין אַנדערע פאָרמען, און ער פאַרטיפט זיך אין זייערע נשמות, וואָס ער זוכט פאַר אונז צו ענטפּלעקען.

אין די ערשטע ווערק זיינען די העלדען קליינע, שוואַכע מענשעלעך, באַהערשטע פון קליינע אינטערעסען, פאַרוואָגעלטע, פאַרפאָלגטע, גע־דריקטע, געשטיקטע... זיי זיינען אונרוהיג, ניט דורך הויכע לעבענס־פראָבלעמען; זיי ווערען דערטרונקען אין ליידען, וועלכע זיינען אַרויס־גערופען בלויז פון מאַטעריעלע בויט, אָבער ניט פון גייסטיגע ענינים. אין די שפּעטערע ווערק האָט ער גאָר אַנדערע מינים העלדען. זייערע נשמות זיינען ברייט, זיי אומפאַסען אַ וועלט; זייערע ליידען זיינען טיפע, זיי האָ־בען אַ שייכות צום וועלט שמערץ...

לויט ווי מיר שיינט האָט הירשביין זיך דערשראָקען פאַר דער רוי־קייט און מיאוס׳קייט פון דעם לעבען, וואָס ער האָט געשילדערט אין דער „נבלה", און אין אַלע ווייטערע פּיעסען האָט ער זיך אַלץ מער און מער געזוכט צו דערהויבען צו שענקייט אין סטיל און פאָרם און צו גייסט־ליכקייט. אים איז דאָס שטאַרק געלונגען, און אַזוי ווי ער איז אַ געבוירע־נער דראַמאַטורג האָט ער אויפגעהאַלטען די סצענישע שטאַרקייט אין זיינע ווייטערע פּיעסען, און זיינע דראַמאַטישע שאַפונגען זיינען אַרויס־געקומען אַלץ מער און מער פאָלקאָמען. די ערשטע פון זיינע שענערע פּיעסען איז געווען „תקיעת כף", אַ דראַמע אין וועלכער עס מישען זיך די ווירקונגען פון דער נאַטור און פון אַבערגלויבען. עס האָט נאָכגע־פאָלגט „די ערד", מיט סימבאָלישע ניואַנסען.

עס איז דאַן געקומען זיין ערשטע טריאָלאָגיע „פון וועג צו וועג", וואָס איז באַשטאַנען פון די דריי פּיעסען: „אויפ׳ן שיידע וועג", „ביים ברעג" און „דער לעצטער". אין די דאָזיגע דריי פּיעסען האָט הירשביין זיך פאַרמאָסטען צו אַנאַליזירען רעאַליסטיש־סימבאָליש דאָס אידישע פראָבלעם. זיי זיינען אָן אַ שום ספק געווען אידעען דראַמען. באַזונדערס שטאַרק איז געווען די דראַמע „דער לעצטער", אין וועלכער ער שיל־דערט דעם אינערליכען גייסטיגען פּיין פון אַ אידען, וועלכער זעט דעם אונטערגאַנג פון דעם אַלטען לעבענס שטייגער און ער קען זיך צום נייעם לעבען ניט צופּאַסען. די דאָזיגע פּיעסען זיינען געווען אינטערעסאַנטע אָבער אַזוי גייסטיגע און פּראָבלעמאַטישע, דאָס זיי האָבען ניט געקענט האָבען קיין גרויסען ערפאָלג איבערהויפּט ביי דעם מצב אין וועלכען דאָס אידישע טעאַטער האָט זיך דאַמאָלט געפונען.

ער האָט דאַן אין 1911 געשאַפען זיין ערשטע ערפאָלגרייכע דראַמע „די פּוסטע קרעטשמע". געבויט אויף פאָלקסטימליכע מאָטיוון אויף דעם לעבען פון ישוב׳ניקעס. די דאָזיגע פּיעסע האָט געעפענט פאַר פּרץ

הירשביין דעם וועג צו דעם אַלגעמיינעם אידישען טעאַטער. באַזונדערס איז זי געווען ערפאָלגרייך אין אַמעריקא. „די פוסטע קרעטשמע" איז אויך געשפּילט געוואָרען אין העברעאיש, ענגליש און רוסיש.

אין 1912־1913 האָט פּרץ הירשביין באַזוכט אַמעריקא; אויפ'ן וועג אַהין, און צוריק האָט ער זיך אָבגעשטעלט אויך אין פּאַריז און לאָנדאָן. ער איז געווען דאָ ביי אונז אַ זייער ליבער גאַסט. ער האָט זיך דאָ ער־וואָרבען פילע פריינד און פאַרערער צווישען דער אידישער אינטעלי־גענץ.

ער האָט זיך דאַן באַזעצט פאַר אַ צייט אין ווילנע און דאָרט האָט ער געשאַפען זיין פאָלקס פּיעסע „אַ פאַרוואָרפען ווינקעל", וואָס איז גע־בויט אויף ענליכע מאָטיווען און שילדערט ענליכע מינים כאַראַקטערע ווי אין דער „פוסטער קרעטשמע".

דער אינהאַלט פון די דאָזיגע פּיעסען איז אַ געמיש פון רעאַליטעט און סימבאָליזם, פון אַ געזונטער כאַראַקטעריסטיק און אַבערגלויבערישע מאָטיוועו, וואָס פילען אָן די הערצער פון אַזעלכע אידישע פאָלקס מענ־שען, ווי די וואָס ער האָט געשילדערט.

אין די דאָזיגע פּיעסען איז דאָ פיל פּאָעטישקייט, וואָס האָט גע־געבען באַזונדערן חן צו זיינע שילדערונגען. די סצעניקייט פון די פּיע־סען איז ווידער אַ זייער געלונגענע. דאָס, צוזאַמען מיט דער לע־בעדיגער כאַראַקטעריסטיק פון די טיפּען, האָט זיי געזיכערט מיט דעם גרויסען ערפאָלג וואָס זיי האָבען געהאַט.

נאָך דעם איז ווידער געקומען זיינע אַ טריאָלאָגיע: „צוויי שטעט", „לוי יצחק" און „די גרינע פעלדער". אין דער לעצטער פּיעסע האָט פּרץ הירשביינ'ס שאַפונג דערגרייכט אַ זייער הויכע מדרגה פון פאָלקאָמענ־הייט.

איך וואָלט זי זאָגאַר באַצייכענט אַלס די געלונגענסטע ליטעראַרישע פּיעסע פון אידישען טעאַטער רעפּערטואַר. עס זיינען זיכער פאַראַן טיפּע־רע דראַמאַטישע דיכטונגען, אָבער קיינע פון זיי דערהויבט זיך ניט צו אַזאַ לירישער פּראַכט און סצענישער פאָלקאָמענהייט, ווי „גרינע פעל־דער". ס'איז אַ פערלדיגע פּיעסע אין פולסטען זין. עס שמעקט פון איר די פרישקייט פון גרינע פעלדער; די געזונטקייט פון אידישע פאָלקס־מענשען, וועלכע באַשעפטיגען זיך מיט לאַנד אַרבייט. די נאַטירליכע שענקייט פון אידישע טעכטער, וועלכע ווערען אויפגעוואַקסען אויף דער פרייער נאַטור, און די אינערליכע גייסטיגקייט, דער דורשט צו לערנען תורה, וואָס לעבט אין אידען, וואָס איז איינגעקערפּערט אין זיין וועזען, אפילו ווען די סביבה איז ניט אַזאַ גונסטיגע.

אין דער דאָזיגער פּיעסע איז פאַראַן וועניגערע מאָטיוועז פון אַבערגלויבען, און טיפערע מאָטיוועז פון לעבען און גלויבען, און דערפאַר טאַקע איז די פּיעסע אַרויסגעקומען שענער, פאָלקאָמענער ווי די פריערדיגע.

פּרץ הירשביין האָט נאָך געשאַפען „דעם שמיד'ס טעכטער", וואָס איז זיכער אויך איינע פון זיינע בעסטע פּיעסען און אין וועלכער עס זיינען פאַראַן ענליכע מאָטיוועז כאָטש אַן אַנדערער לעבען און אַנדערע מין מענשען ווי אין די „גרינע פעלדער".

ער האָט געשאַפען נאָך פּיעסען: „אַ לעבען פאַר אַ לעבען", „דאָס קינד פון דער וועלט", „אַ חלום פון דער צייט", „שדים ווייסען וואָס", „הענט", „אויפ'ן לעצטען יאַריד" אויס דעם לעבען און קאַמף פון אידישע איבערוואַנדערער אין ראַטען־פאַרבאַנד. די לעצטע פּיעסע איז אַריינגענומען געוואָרען אין רעפּערטואַר פון אידישען מלוכה טעאַטער אין אוקראַינע. איך קען זיך אויף די דראַמען ניט לענגער אָבשטעלען, ווייל זיי זיינען דאָ אין לאַנדאָן ניט געשפּילט געוואָרען. זיי גייען ניט אַריין אין אונזער אידישע טעאַטער געשיכטע.

בכלל האָט פּרץ הירשביין מיט זיינע פּיעסען געמאַכט פּילען, דענקען, און ער האָט פאַרשאַפט גרויסען קינסטלערישען גענוס דורך זיין גלענצענדען דיכטערישען סטיל, קינסטלערישע אויסגעהאַלטענקייט, פיינעם טאָן און אייגענאַרטיגקייט; ער האָט די אייגענאַרטיגקייט פון אידישע דאָרפס מענשען באַזונדערס פּראַכטפול אַרויסגעבראַכט. ער איז דער נאַטור פּאָעט אין דער אידישער דראַמע דיכטונג.

6. פרץ הירשביינ׳ס ווערק, וואס זיינען געשפילט געווארען אין לאנדאן

א. „די נבלה״

די ערשטע דראַמע פון פרץ הירשביין, וואָס מען האָט דאָ אויפגעפירט צום ערשטען מאָל אין פּאַוויליאָן טעאַטער, איז געווען „די נבלה״. דער פּאַרפאַסער איז געווען ביי דער פאָרשטעלונג. מיין אָבשאַצונג איז דאַמאָלט געווען:

די „נבלה״ איז אַ זייער שטאַרקע דראַמע. עס פעלט אין איר עסטעטישעס אין געוועגליכען זין. עס זיינען אָבער אין איר פאַראַן שטאַרקע טראַגישע מאָמענטען, און אַן אַלגעמיינע טראַגישע שטימונג וואָס ציט זיך ווי אַ שנירעל פון אָנהויב ביז סוף. מיר זעען פאַר זיך ווי אַ מענש ראַנגעלט זיך אין אַ שוידערליכער סביבה, אין וועלכער ער ווערט ענטאַרטעט, ביז צו דער ערגסטער מדרגה.

אין דער פּיעסע ווערט געשילדערט די שרעקליכע טראַגעדיע פון אַ אונגליקליכען, מענדעל, וועלכער איז געצוואונגען זיך צו באַשעפטיגען מיט שינדען פעלען פון נבלות. דער ריח פון די פעלען יאָגט אים נאָך, ער קען זיך דערפון ניט באַפרייען, דאָס רופט ביי אים אַרויס אַן עקעל צו זיך. ער ווערט אויך דורך דעם פאַרשטויסען פון יעדען און פון אַלעמען, אויך פון דער אין וועלכער עס קערפּערן זיך איין אַלע זיינע האָפנונגען, ווינשען און פאַרלאַנגען, פון רייזעלע׳ן.

אַחוץ די אויסערגעוועגליכע ליידען פון אַן אָבגעשטויסענעם, שפּיגעלט זיך אויך אָב אין דער דראַמע די טרויעריגע פאָלגען פון אַ צושטערטען פאַמיליען לעבען. דער אונגליקליכער איז אַ פּראָדוקט פון אַזאַ צושטערטען לעבען. ער דריקט אויס נאַטירליכע שאַרפע פּראָטעסטען געגען די וועלכע זיינען שולדיג אין זיין לאַגע, וואָס טרייבט אים צו משוגעת, און ער פירט אויס אַ מאָרד טאַט אויף זיין פאָטער, דער שכור, אַברוש, וועלכען ער האַלט פאַראַנטוואָרטליך.

פון קינסטלערישען שטאַנדפּונקט איז די „נבלה״ אַ אָרימע פּיעסע. עס פעלען איר פאַרבען. די האַנדלונג קומט פאָר אין אַ דריקענדער מאָנאָטאָניע. זי איז ניט געשאַפען פון ברויזענדע קאָנפליקטען, ניט אינערליכע, ניט אויסערליכע. זי איז מער אַן אונפאַרמיידליכע פאָלגע פון פיזיש־פּסיכישען צושטאַנד פון די כאַראַקטערע. ניט דער הויפּט „העלד״

און ניט זיין פּאַטער מאַכען ניט די מינדעסטע אַנשטרענגונגען זיך אַרויס־צורייסען פון זייער צושטאַנד. זיי פאַלען אַן אַ קאַמף.

די „נבלה״ איז מער אַן אַנאַליטישער שטודיום פון פסיכאָ־פּאַטאָלאָגישען צושטאַנד פון די צוויי ענטאַרטעטע טיפּען.

לאַרעסקו אַדער לערעסקו האָט אויפגעפירט די פּיעסע. ער האָט געשפּילט מענדעל. מאַדאַם וואַלערשטיין איז געווען רייזעל. יאָזעף פיינבערג — אַברוש. די פאַרשטעלונג איז געווען ניט שלעכט. אַלע שוישפּילער אָן אויסנאַם האָבען געפּילט פאַראַנטוואָרטליכקייט, לכבוד דעם גאַסט.

אַן אונגעהויער פיל בעסערע אויפפירונג איז געווען פון דער ווילנער טרופּע אין קינגסוועי טעאַטער אין אָקטאָבער 1922. אַזרא האָט געשפּילט מיט קראַפט און עקספּרעסיע די ראָלע פון מענדלען; סאָניאַ אַלאָמיס האָט געשפּילט זייער לעבעדיג און נאַטירליך אַלס רייזעלע. שניאור איז געווען אַברוש.

ב. „דער לעצטער״ אויפגעפירט און געשפּילט פון פּרץ הירשביין אין לאָנדאָן

ווען פּרץ הירשביין איז צוריקגעקומען פון זיין ערשטען באַזוך אין אַמעריקא האָט ער אין אַפּריל 1913 אין פּאַוויליאָן טעאַטער אויפגעפירט זיין שטימונגס דראַמע „דער לעצטער״, אין וועלכער ער באַהאַנדעלט די אינערליכע אונרוהיגקייט פון אַ אידען, וועלכער זעט ווי זיין אַלטע וועלט גייט אונטער אין פּיין און יסורים, און ער וויל, אַז זי זאָל אונטערגיין וואָס שנעלער און ס׳זאָל נעמען אַ סוף צו דיליידען. ער באַשטימט דער־פאַר, אַז מיט אים זאָל זיך עס ענדיגען. ער וויל ניט קיין נאָכקומענשאַפט.

דאָס איז אַ דראַמע פול מיט יאוש אָבער מיט שען־אויסגעדריקטע געדאַנקען.

הירשביין האָט אַליין געשפּילט די ראָלע פון לעצטען. ער האָט אַ זינגענדיגע שטימע, און ער האָט אַרויסגעזונגען זיין שענע פּראָזע. עס פאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז געווען מער רעציטאַציע, ווי געשפּילט טעאַטער. אָבער עס איז געווען אַ זייער זעלטענער קינסטלערישער קוריאָז, וואָס מען קען ניט פאַרגעסען.

ג. „תקיעת כף״

„תקיעת כף״ איז געווען דאָס איבערגאַנגס ווערק פון פּרץ הירש־ביינ׳ס רעאַליסטישע דראַמען צו זיינע דיכטערישע דראַמאַטישע שאַפונגען... ווי אַ קינסטלער פון ערשטען ראַנג האָט ער אין איר געשילדערט

די שרעק פון די וועלכע האָבען געבראַכען אַ תקיעת כף, אָבגעלאָזען אַ שידוך, און וועלכע דענקען, אַז אַזאַ זאַך טאָר ניט געטון ווערען, ווייל מען ווערט דערפאַר שווער באַשטראָפט... זייער פיין האָט ער אין דער פיעסע געשילדערט דאָס לעבען און די אַטמאָספערע אין אַ מיל, און מיט זייער עדעלע פינגער האָט ער געשפּילט אויף די נשמה אַקאָרדען פון זיינע כאַראַקטערע, וועלכע געפינען זיך אונטער דער ווירקונג פון די מיסטעריעזע טענער פון דער מיל, פון דעם רוישען פון טייך, און פון׳ם שטורם אין דער נאַטור מיט זיינע דונערן און בליצען. עס איז אַ דראַמע פון דיכטערישען נאַטוראַליזם דורכגעוועבט מיט מיסטישע טענער.

„תקיעת כף״ איז אויפגעפירט געוואָרען פון בן עמי׳ן אין פיינמאַן אידישען פאָלקס טעאַטער. ס׳איז געווען איינע פון זיינע גרעסטע קינסט־לערישע ערפאָלגען.

ד. „די פוסטע קרעטשמע״

„די פוסטע קרעטשמע״ איז די ערשטע פיעסע פון אַ טריאָלאָגיע, וואָס פּרץ הירשביין האָט געשאַפען פון׳ם לעבען פון די ישוב׳ניקעס, פון יענע אידען וועלכע זיינען נאָך פאַרבונדען מיט דער רויער נאַטור; זיי לעבען, ווירקען און האַנדלען אונטער אירע שטאַרקע ווירקונגען... דאָס פאַר זיי אונבאַקאַנטע אין דער נאַטור, פילט אָן די כאַראַקטערע פון „די פוסטע קרעטשמע״ מיט שרעק בילדער פון זייער פאַנטאַזיע, און דאָס איז דער הויפט מאָטיוו פון דער דאָזיגער דראַמע.

פלאַם פייערדיג זיינען די ליידענשאַפטען פון נאַטור מענשען; אונ־באַגרעניצט ברוטאַלדיג זיינען זייערע אינסטינקטען; טיף איז זייער שרעק פאַר דאָס אונבאַוואוסטע; צוזודערענדיג ווירקט אויף זיי די פוסט־קייט; גרויס איז דערפאַר זייער אָבערגלויבען; און שטאַרק איז זייער פחד, פאַר דאָס וואָס זיי קענען זיך ניט ערקלערען.... אָט פון די אַלע שטריכען, געפילען, אינסטינקטען און נייגונגען, די שטענדיגע כאַראַק־טעריסטיקס פון נאַטור מענשען, האָט פּרץ הירשביין געשאַפען זיין „פוס־טע קרעטשמע״. דאָס איז אַ דראַמע, און מער פון אַ דראַמע, ס׳איז אַ קאָמ־פּאָזיציע פון טיפע נאַטור־מענשליכע טענער, און נאַטור־מענשליכע מאָ־טיוון. זי ענטפּלעקט אַ גאַנצע וועלט פון אויסערגעוויינליכע, פאַר שטאָט מענשען כמעט אונבאַגרייפליכע, איבערלעבונגען.

די פיעסע ציינט אויך אינדירעקט, וואָס ס׳איז געווען דער אינערלי־כער כח, וואָס האָט אָבגעהאַלטען דעם נאַטור מענשען פון באַגיין פאַר־ברעכענס און אונגערעכטיגקייט... שווידערליך איז געווען די שרעק וואָס דער נאַטור מענש האָט באַזעסען; אָבער דורך דער שרעק האָבען זיך

אין אים ענטוויקעלט מאָראַלישע געפילען, און דורך דעם איז מיט דער צייט ביי אים געשאַפען געוואָרען זעלבסט קאָנטראָל.

דער סיפור המעשה איז אפילו ניט דער עיקר אין דער דראַמע. עס איז אַ מעשה ווי פילע מעשיות. אַ איד אַ פערד הענדלער, בענדעט, האָט אַ טאָכטער, מייטע. זי ליבט זיך מיט זיין ברודער'ס זון, איציק. בענדעט האָט אויך אַמאָל צוגעשטימט, אַז ס'זאָל זיין אַ שידוך צווישען די צוויי קינדער, אָבער ער פאַרדעכטיגט, אַז איציק האָט ביי אים צוגע'גנב'עט אַ פאָר פערד. צוליב דעם ווייל ער דעם שידוך ניט און וויל חתונה מאַכען זיין טאָכטער צו אַ צווייטען, אָבער אין דער נאַכט פון דער חתונה האָט איציק אַרויסגע'גנב'עט די כלה... די עלטערן ברייגגען איר אפילו צוריק, אָבער דער פאָטער צינדט אונטער דאָס הויז אויס פאַרדרוס. איציק רע־טעט זיין געליבטע פון דעם ברענענדען הויז און זי איז שוין זיינע.

די מעשה קלינגט מעלאָדראַמאַטיש, אָבער דאָס איז נאָר אַ סקעלעט, וועלכען דער פאָרפאַסער האָט איינגעהילט אין אַ וואונדערבאַרען, כמעט לעגענדאַרען, לבוש, וואָס איז געוועבט פון אינערליכע נשמה קלאַנגען און געפאַרבט מיט די שענסטע נאַטור פאַרבען. דער צווייטער שידוך האָט אויך דעם צוועק אויפצולעבען אַ פוסטע קרעטשמע, און ווען דער שידוך צורייסט זיך האָט דער כלה'ס פאָטער די פאַרשטעלונג, אַז ס'זיינען די ניט גוטע פון דער פוסטער קרעטשמע, וועלכע האָבען געשטערט. דאָס טרייבט אים צו משוגעת און צו דער אונטערצינדונג.

נאָך מיין מיינונג איז אין דער פיעסע בלויז דאָ איין פעלער, וואָס הירשביין וואָלט געוועז געקענט פאַרמיידען. ער האָט ניט באַדאַרפט אַרויסברייגגען די פוסטע קרעטשמע אויף דער בינע. אַלץ וואָס מען רעדט וועגען איר איז דאָך בלויז פאַנטאַזיע, האָט מען עס געקענט שיל־דערן אין דער פאַנטאַזיע און ניט זוכען עס פאַרצושטעלען רעאַליסטיש, בעת ס'איז ניט קיין רעאַליטעט... ס'איז אמת, אַז הירשביין האָט אונז באַ־לוינט דערמיט, וואָס אין דער פוסטער קרעטשמע שפילט זיך אָב די לי־בעס סצענע צווישען איציק'ן און מייטע'ן, וואָס איז אַ וואונדערבאַרע, שענע, שטאַרקע דראַמאַטישע פאָעמע. אָבער ער וואָלט געוועז געקענט געפינען אַן אַנדער ווינקעל וואו די פאָעמע זאָל אויסגעזונגען ווערען... אָבער טראָץ דעם פעלער איז „די פוסטע קרעטשמע" איינע פון די בעס־טע אידישע דראַמאַטישע ווערק.

די פיעסע איז אויפגעפירט געוואָרען פון די ווילנער אין פּאַוויליאָן טעאַטער בעת זייער צווייטען באַזוך אין נאָוועמבער 1922. איך האָב וועגען דעם דאַמאָלט געשריבען: „די אויפפירונג פון די ווילנער איז געוועז אַזוי גוט ווי דאָס ווערק גופא. די הויפט זאַך אין דער פיעסע

איז די אַטמאָספערע פון שרעק אויף שריט און טריט, און דאָס איז אין פולער קראַפט אַרויסגעבראַכט געוואָרען. מען האָט דאָס געהאַט צו פאַר־דאַנקען צו דער רעזשי פון דוד הערמאַן, און צו דעם וואָס די „ווילנער" זיינען אַזאַ פאָלשטענדיגער אַנסאַמבעל. אָן דאָס פאָלשטענדיג האַרמאָנישע צוזאַמענשפילען וואָלט אונמעגליך געווען אַזאַ אַטמאָספערע צו שאַפען".

ה. „א פארווארפען ווינקעל"

ווען יעקב פּ. אַדלער האָט אויפגעפירט פרץ הירשביינ'ס „אַ פאַר־וואָרפען ווינקעל" אין פּאַוויליאָן טעאַטער אין דעצעמבער 1919, האָב איך געשריבען:

„ווער עס קען פרץ הירשביין ווייסט אַז אַט דער צאַרטער, עדעלער מענש, מיט זיין טיפער דיכטערישער נשמה אימפּאָנירט אַממייסטענס מיט זיין איינפאַכקייט... אָבער זיין איינפאַכקייט האָט גאָרניט צו טון מיט אויבערפלעכליכקייט. ער איז דיכטער און דענקער. בלויז דער טאָן, דער סטיל זיינער איז אַן איינפאַכער, אָבער ניט זיין נשמה, דער אינהאַלט פון זיין ווערק... און ווי פרץ הירשביין איז, אַזוי זיינען אויך זיינע דראַמאַטי־שע ווערק. זיי זיינען אַזוי איינפאַך, אַז אויגענשיינליך ערשיינען זיי זאָ־גאַר נאַאיוו. זיי ענטהאַלטען אָבער אין זיך אַ ים פון שענקייט און טיפקייט.

„אַ פאַרוואָרפען ווינקעל" איז אַ טיפּישע הירשביין דראַמע. זי איז איינפאַך, נאַטירליך, פאָלקסטימליך, רעאַליסטיש אמת, אָבער ניט קיין פאָטאָגראַפיע פון לעבען נאָר אַ טיף דורכגעטראַכטע און דורכגעפילטע ערגרייפענדע דראַמע. זי איז דורכגעוועבט מיט פאָעטישע און זאָגאָר מיסטעריעזע מאָטיוון וועלכע ענטציקען, פאַראינטערעסירען און מאַכען נאָכדענקען.

די מאָטיוון זיינען:

אויף איין זייט קאָנקורענץ, קאַמף אפילו אין שכנות מיט אַ בית־עולם. הירשביינ'ס אויג האָט דערזען, אַז אפילו אין פאַרוואָרפענעם ווינ־קעל, אין שכנות מיט קברים, וואו עס וואָלט באַדאַרפט הערשען טויט אָדער שרעק פאַר טויט, ווירקט דער דראַנג פון לעבען, ער ענטוויקעלט קנאה, האַס, ס'קאָכט, ס'ברויזט ווי אין ברייטען מענשען־ים, ווי גלייך ס'וואָלט גאָר קיין טויט ניט געווען אויף דער וועלט.

אויף דער צווייטער זייט ווירקט אין לעבען, אפילו אין שכנות פון בית עולם, ליבע... די ליבע איז אַזוי מעכטיג דאָס זי וויל פון קיין אויס־רעכנונג ניט וויסען. און מעג די ליבע האָבען די גרעסטע שוועריגקייטען איז זי זיי מנצח; און מעג זי פאַרשאַפען די גרעסטע ליידען, איז זי דאָך אַ קוואַל פון דעם גרעסטען פאַרגעניגען.

די ליבע צווישען נח און צירעל, די קינדער פון די צוויי קעמפענדע קאָנקורענטען, נאָטע און חאַצקעל, איז וואונדערבאַר דאָרפיש־אידיליש געשילדערט. דאָס איז ניט קיין האָניג זיסע סענטימענטאַלע ליבע; ס׳איז אַ ליבע מיט אַלע נאַטור קאַפּריזען, מיט אייפערזוכט און להכעיס׳לאַך.

און אָט אין דער רעאַלער אַטמאָספערע האָט דער פאַרפאַסער אַריינגעבראַכט די איינקערפערונג פון מרה שחורה, די בלינדע דאָבע, וואָס סימבאָליזירט דעם טויט אַלס אָנזאָג פון סוף צו וואָס אַלץ פירט. דאָס שאַפט אַ מיסטישען הינטערגרונד צו דעם רעאַליסטישען שפּיל.

די כאַראַקטערע זיינען גלענצענד געשילדערט. מענשען פון פלייש און בלוט, מען קען שווערען, אַז מען האָט זיי ערגעץ וואו באַגעגענט.

יעקב אַדלער, סערע אַדלער, און זייערע טעכטער פרענציס און סטעלאַ, האָבען געשפילט אין דער פיעסע. ס׳איז געווען קונסט טעאַטער און אפשר נאָך בעסער...

ו. „דעם שמיד׳ס טעכטער"

אַ פּאָעמע פון בענקעניש און ליבעס קאַפּריזען

אין דער אויפפירונג פון מאָריס שוואַרץ׳ס קונסט טעאַטער

„דעם שמיד׳ס טעכטער" איז איינע פון די לייכטסטע און שענסטע, וואָס דער האַרציגער דראַמע־דיכטער, פּרץ הירשביין, האָט געשאַפען. זי איז אַ פּאָעמע פון פּאָלקסטימליכקייט, בענקעניש, אומשולדיגער פלירט, און ליבעס קאַפּריזען. זי איז אַ פּאַסיג פּאָרעל צו זיין אידיליע „די גרינע פעלדער" וואָס ער האָט אַ ביסעל שפעטער געשאַפען. „דעם שמיד׳ס טעכטער" איז, אַזוי צו זאָגען, האַרטער, אָבער דערפאַר דראַמאַטיש שטאַרקער.

אין „דעם שמיד׳ס טעכטער" פילט זיך אפילו ניט דער ריח פון דעם פרישׁ געקאָסעטען היי פון די פעלדער; עס הערט זיך אָבער אין דער פיעסע דער געזאַנג פון דעם האַמער אין דעם שמיד׳ס קוזניע, וואָס געפינט זיך אויך אין דאָרף, אין מיטען פון דער שאַפענדער און זענזוכט דערוועקענדער נאַטור; און עס זעען זיך אין איר די שטראַלען פון דעם שימערירענדען פרימאָרגען, וואָס מאַכט זינגען אַלע שעפּפונגען און אויך דאָס מענשליכע האַרץ, דערוועקענדיג דערין די נאַטירליכע באַגערען פון ליבע, וואָס ווערען באַגלייט אויך נאַטירליכערווייזע פון זייער שאָטען — די קנאה, צוזאַמען מיט דעם אינסטינקטיווען שפּיל פון ווילען די גאַטונג און איר ניט קענען אַזוי לייכט דערוועלען.

אַט דער דאָזיגער שפּיל פון נאַטירליכע נייגונגען און קאַפּריזען איז געשילדערט אַזוי וואונדערבאַר שען, אַזוי נאַטירליך, אַזוי פּסיכאָלאָגיש אמת, אַזוי לעבעדיג און אַזוי טיף כאַראַקטעריסטיש, אַז ס׳רופט אַרויס אי גרויס אינטערעס, אי זעלטענע ענטציקונג.

און דאָס שפּילען:

פּונקט אַזוי שען ווי עס איז הירשביינ׳ס הארציגע קאָמעדיע, אַלץ אַזוי שען איז געווען דאָס שפּילען פון אידישען קונסט טעאַטער אונטער דער רעזשי פון מאָריס שוואַרץ.

„דעם שמיד׳ס טעכטער" איז אַן אַנסאַמבעל־פּיעסע פּאַר עקסעלאַנץ. עס איז אין איר ניטאָ קיין גרעסערע ראָלען און קיין קלענערע ראָלען. אַלע כאַראַקטערע זיינען גלייכע מיוחסים. דער זיידע ווי דער טאַטע; דער טאַטע ווי די טאָכטער; די טעכטער ווי איינע אַזוי די צווייטע; און ווי זיי ביידע — די צוויי בחורים. אפילו דער זייטיגער מוכר ספרים איז אין זיין סצענע ניט נאָר אַזוי וויכטיג, נאָר טאַקע אַזוי גרויס ווי זיי אַלע.

ס׳איז געווען אַ זעלטענער קינסטלערישער גענוס צו זען פּרץ הירש־ביינ׳ס קאָמעדיע „דעם שמיד׳ס טעכטער" און צו זען דאָס אידישע קונסט טעאַטער אין איר שפּילען. ס׳איז אָן אַ שום ספק איינע פון זייערע גרעסטע טריאומפען.

מאָריס שוואַרץ האָט אַליין געשפּילט אַלס נתן אַלטער, דער בענקענ־דיגער בחור. מוני וויזענפריינד (דער נאָך דעם באַרימט געוואָרענער אויף די פילמס פּאול מוני) איז געווען דער זיידע. איזידאָר קעשיר איז געווען דער פּאָטער. טענענהאָלץ — דער צווייטער בחור. בערטאַ גער־סטען און בעלאַ פינקעל — די טעכטער. און דער ניט פאַרגעסענער מאַרק שווייד אַלס דער מוכר ספרים. האָט געקענט זיין בעסער?

ציליע אַדלער האָט בעת׳ן גאַסטראָלירען אין לאָנדאָן אין אַפּריל 1923 אויך אויפגעפירט „דעם שמיד׳ס טעכטער". זי איז זיכער אַ גרויסע קינסטלערין, אָבער זי האָט ניט געהאַט דעם זעלבען אַנסאַמבעל און רע־זשי — די פאַרשטעלונג איז פאַלגליך געווען שוואַכער אָבער אַלץ ער־פאַלגרייך.

ז. „גרינע פעלדער"

אין דער אויפפירונג פון דער ווילנער טרופּע

ווען די ווילנער האָבען אין הערבסט 1922 אויפגעפירט הירשביינ׳ס „גרינע פעלדער" האָב איך איבער דער פאַרשטעלונג געשריבען:

פּרץ הירשביין האָט זיך אַנגעהויבען ענטוויקלען אין אַ צייט ווען

שאָטענס האָבען פאַרנעבעלט דאָס לעבען פון די מענשען; דער יונגער דראַמע־דיכטער איז אַריינגעפאַלען אונטער זייער איינפלוס און פאַר אַ לאַנגער צייט האָט ער זיך ניט געקענט פון זיי באַפרייען. ער איז פאַרפאָלגט געוואָרען פון די שאָטענס פון די קעלער וואוינונגען, פון די שאָטענס פון די פאַרלאָזענע מילען, פון די שאָטענס פון די בית עולם׳ס, פון די שאָטענס פון די לעצטע, פון די וואָס האַלטען ביים פאַרשווינדען, ביים אונטערגיין. ער האָט געקענט די נאַטור און האָט געקענט דאָס לעבען; ער האָט געשילדערט די נאַטור און האָט געשילדערט דאָס לעבען; אָבער עס האָבען זיך איינגעוועבט אין זיינע שאַפונגען און שילדערונגען די שאָטענס, וואָס האָבען אויף אַלץ געוואָרפען אַן אימה...

אין די „גרינע פעלדער" האָט פרץ הירשביין צום ערשטען מאָל זיך פאָלשטענדיג באַפרייט פון שאָטענס. ער איז אַרויסגעקומען אויף גרינע פעלדער און האָט דערזען דאָס דאָרף מיט די אידישע ישוב׳ניקעס אין דעם העלען ליכט פון דער ליכטיגער זון, ווען זיי ווערען ניט פאַרפאָלגט פון קיין בייזע גייסטער, ניט אינערליכע, ניט אויסערליכע, ווען זיי פירען זייער געזונטען טאָג־טעגליכען לעבען און אַרבייט. און ער האָט אויך דערזען די אידישע דאָרפס טעכטער און זין, וועלכע האָבען ניט בלויז אַ קרענקליכע בענקשאַפט נאָך ליבע, נור זיי ליבען טאַקע אויף אַ נאָרמאַלען געזונטען אופן... און אויב ער האָט אַריינגעבראַכט אַ תורה מענשען אין דער אַטמאָספערע, האָט ער ניט געזוכט צו באַהערשען די סביבה, נאָר פאַרקערט, זי האָט אים אַריינגעצויגען אין צויבער קרייז פון ליבע און שענקייט, וואָס זיינען אייגענטימליך דער נאַטור.

„גרינע פעלדער" איז אַ רעאַליסטיש לעבענס בילד, פול מיט ליריזם; עס איז אינגאַנצען אַן אויסגוס פון נשמה שענקייט און נאַטור־פרישקייט. עס טראָגט זיך דערפון דער פרישער ריח פון גרינעם גראָז, די קאָלירען פון די פעלדער מיט דעם שענעם קאָרן, מיט דעם אָבגעקאָסעטען היי, און עס פילט זיך אַ געזונטער נאַטור לעבען, וואָס איז אַזוי פרימיטיוו און נאַאיוו און דאָך אַזוי רייצענד און אַזוי באַ׳חנ׳ט.

און מיט וויפיל ליבע פרץ הירשביין האָט זיינע ישוב׳ניקעס געשילדערט. אַליין זיינען זיי דאַכט זיך גראָב, ניט געלערענט, און דאָך ציען זייערע הערצער צו תורה; אַליין זיינען זיי ניט קיין לומדים, זאָגאַר עמי־הארצים, ווילען זיי כאָטש האָבען אַ בן תורה פאַר אַן איידעם, און ווען אַ בן תורה, אַ וואַנדערענדער מלמד׳ל, ווערט צווישען זיי פאַרבלאָנזשעט — פירען זיי אַן אַ גאַנצען קאַמף צווישען זיך; יעדער וויל אים האָבען ביי זיך אין הויז, יעדער וויל אים האָבען פאַר אַן איידעם. אָבער זייער קאַמף איז אַ אומזיסטער, ניט זיי קענען באַשטימען צו ווען דער בן־

תורה זאָל באַלאַנגען, נאָר די ריינע ליבע פון איינער פון די דאָרפישע אידישע טעכטער זיגעלט זיין שיקזאַל.

אַלץ אין די „גרינע פעלדער“, יעדער כאַראַקטער, יעדער שטריך, יעדע סצענע, איז אַזוי נאַטירליך — ביז צו נאַאיוועקייט; און אַזוי שען — ביז צויבערליכקייט... אַלץ איז פריש ווי דער מאָרגען־טוי פון נאַטירליכע גרינע פעלדער אין אַ שענעם פרילינגס פרימאָרגען. עס איז אַ נאַטור־בילד, וואָס מאַכט דעם איינדרוק און רופט אַרויס די ענטציקונג פון אַ לירישער פאָעמע...

דאָס שפילען פון די „ווילנער“ אין די „גרינע פעלדער“ איז געווען צו דער הויך פון דער פיעסע. די קינסטלער האָבען זיך דערהויבען צו דער שענקייט, פרישקייט, נאַאיווקייט, צויבערליכקייט, לירישקייט פון דעם מחבר. זייער שפילען איז אויך געווען אַ פאָעמע.

צו זיין 60־טען געבורטסטאָג, אין אָקטאָבער 1941, האָט מאַרק מאַרקאָוו אויפגעפירט אין „גרענד פּאַליי“ די „גרינע פעלדער“ אַלס באַ־ערונג פון פּאַרפּאַסער. ער האָט געשפילט אַלס לוי יצחק און עטאַ טאָפּעל אַלס צינע. עס האָבען זיך נאָך באַטייליגט: י. מאַרקאָוויטש, מ. אַקסעל־ראָד, שלמה קאָהן, ב. לערנער, בעקי גאָלדשטיין, קלאַראַ מייזעלס און צילי בעל. ס'איז געווען אַ גאַנץ שענע פאָרשטעלונג.

די באַערונג לכבוד דעם פאַרפאַסער איז געווען מיט גרויסער ליבע, און זיינע אונפאַרגלייכבאַרע פאַרדינסטען פאַר'ן אידישען טעאַטער זיינען אויף אַ ריכטיגען אופן אָבגעשאַצט געוואָרען. פּרץ הירשביין איז ניט נאָר דער ערשטער נור אויך באַליבטסטער אידישער דראַמע־דיכטער.

7. מארק ארנשטיין

זיין ווירקונג פאר טעאטער, און זיין פארבינדונג מיט לאנדאן

צווישען די אידישע דראַמאַטורגען, וועלכע האָבען געהאַט אַ דירעקטע פאַרבינדונג מיט לאַנדאָן, פאַרנעמט מאַרק ארנשטיין דעם ערשטען פלאַץ. ניט נאָר האָט מען דאָ אויפגעפירט אייניגע פון זיינע פיעסען, נור מען האָט אויך מיט זיין דראַמע „דער ווילנער בעל הבית׳על" געעפענט אין אַפריל 1912 די דראַמע אָבטיילונג פון „פיינמאַן אידישען פאָלקס טעאַטער", דער ערשטער גרויסער פאַרזוך צו שאַפען דאָ אַ אידישען קונסט טעאַטער. ער אַליין איז געווען ביי דער אויפפירונג, און ער האָט די פיעסע רעזשיסירט.

מאַרק אַרנשטיין איז געבוירען געוואָרען אין וואַרשא דעם 2־טען יאַנואַר 1878. (אויב ס׳אינטערעסירט אימיצען וועל איך דאָ פאַרצייכענען, אַז מיר זיינען ביידע געבוירען געוואָרען אין זעלבען טאָג און אין זעלבען יאָר)... זיין דיכטערישע טעאַטער טעטיגקייט האָט ער אָנגעפאַנגען אין דער פוילישער שפּראַך, אין אידיש פוילישען זשורנאַל „איזראַעליטאַ". אין 1897 האָט ער אין דעם דאָזיגען זשורנאַל פאַרעפענטליכט פאָעמען, און טעאַטער רעצענזיעס אונטער דעם פסעוודאָנים אַנדזשעי מאַרעק. ער איז פאַר אייניגע יאָר אָנגעגאַנגען מיט׳ן שרייבען בלויז אין פויליש. אין 1900 האָט ער אַלץ אין דער פוילישער שפראַך פאַרעפענטליכט אַ דראַמע אין 5 אַקטען: „די חסידים". דאַן זיינען געקומען: אַן איין־אַקטער „דאָס אייביגע ליד", און אַ צווייטע פיעסע „יהודה ליבראָוויטש", אַלץ אין פויליש.

מאַרק אַרנשטיין האָט שפּעטער אויך געווידמעט זייער פילע יאָרען פון זיין לעבען און טעטיגקייט צו דעם פוילישען טעאַטער, אָבער אין גייסט איז ער דורכאויס איד; אפילו די פיעסען וואָס ער האָט געשריבען אין פויליש זיינען געווען אויף אידישע מאָטיוועז.

אין 1902 האָט דאָס פוילישע טעאַטער אין לאָדז אויפגעפירט זיינע אַ דראַמע „פיעניאָנדזע", געבויט אויף דער לעגענדע פון דאָס טראַגישע לעבען פון אַ ווילנער חזן, יואל דוד לעווענשטיין. אָט די דאָזיגע פיעסע איז נאָכהער איבערגעזעצט געוואָרען אין אידיש אונטער׳ן נאָמען: „דער ווילנער בעל הבית׳על". זי איז אַריינגענומען געוואָרען אין רעפּערטואַר פון דער ווילנער טרופּע.

אַרום 1903 האָט מאַרק אַרנשטײן אָנגעהױבן שרײבן אין אידיש. אונטער דער װירקונג פון דר. יוסף לוריע האָט ער פאַרעפנטליכט אין אידישער איבערזעצונג „דאָס אײביגע ליד", װאָס איז אײגנטליך געװען אַן אײן־אַקטער פון אידישן אַרבײטער לעבן.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, װאָס די לאָנדאָנער פאַרבינדונג מיט מאַרק אַרנשטײן איז שױן געשאַפן געװאָרן זינט דאָס ערשײנען פון „דאָס אײביגע ליד". בעת איך האָב רעדאַקטירט די „נײע צײט" אין די יאָרן 1906־1907, האָבן מיר געהאַט אין סאָציאַל דעמאָקראַטישן קלוב אַ דראַמאַטישע אַמאַטאָרען גרופּע, צו װעלכער עס האָבן באַלאַנגט י. פּיש־מאַן, אַ טאַלענטירטער אידישער אַרבײטער, און סעם גאָלדענבערג, דער נאָך דעם באַרימט געװאָרענער אידישער קינסטלער ס. גאָלדענבורג. איך בין געװען דער האַטגעבער פון דער דאָזיגער גרופּע און אונטער מײן אױפזיכט איז אױפגעפירט געװאָרן אין דעם דאָזיגן קלוב, װאָס איז געװען אין 4 פּולבאָרן סטריט, װײטשעפּעל, דער דערמאָנטער אײן־אַק־טער. ער איז עטליכע מאָל געשפּילט געװאָרן מיט באַדײטענדן ער־פאָלג.

מאַרק אַרנשטײן האָט אָנגעשריבן פילע אײן־אַקטיגע קאָמעדיען און מערערע פּיעסען אין אידיש און פּויליש. ער האָט אױך איבערזעצט אין פּויליש שלום עליכם׳ס „צוזײט און צושפּרײט" און אַנדערע קאָמעדיען. ער האָט אױך צו זײן קרעדיט אַ זײער גרױסע טעטיגקײט אַלס רעזשי־סאָר: אָנגעפירט אידיש טעאַטער אין פּױלישע טעאַטערע אין װאַרשאַ און לאָדז. ער האָט צװישן פילע אַנדערע איבערגעזעצט און אױפגעפירט אין פּויליש ש. אַנ־סקי׳ס „דיבוק" און לײװיק׳ס „גולם". ער איז אױך געװען אין אַמעריקא, װאו ער האָט אױפגעפירט אײניגע דראַמען און קאָמעדיען, צװישן זײ: „דער לעצטער משיח" און „אַ אידישע טאָכ־טער". פאַר אַ צײט איז ער געװען אין רוסלאַנד, און האָט פאַרנומען דאָס פּלאַץ אַלס דירעקטאָר פון רוסישן טעאַטער אין װיטעבסק. ער האָט מיטגעװירקט אין דער אָרגאַניזירונג פון דעם העברעאישן טעאַטער אין רוסלאַנד, „הבימה". ער האָט געמאַכט אַ פאַרזוך צו שאַפן דעם ערשטען אידישן רעגירונגס טעאַטער אין רוסלאַנד. אים איז דאָס ניט געלונגען, אָבער די אידעע זײנע איז דערנאָך פאַרװירקליכט געװאָרן. ער האָט אױך באַזוכט אײניגע לענדער אין זיד אַמעריקאַ. אין ריאָ דע זשאַנעיראָ האָט מען אױפגעפירט זײן דראַמע אױס דעם לעבן פון רוסלאַנד: „אין רויטען לאַנד".

אויף מאַרק אַרנשטײן קען מען זאָגן, אַז ער איז דער ספּעציפיש־סטער אידישער דראַמאַטורג־רעזשיסאָר. צום באַדױערן האָט ער זיך ניט

געקענט אין גאַנצען ווידמען דעם אידישען טעאַטער, ניט אין פוילען און ניט אין דער נייער וועלט, כאָטש ער האָט דאָס שטאַרק געוואָלט, ווי ער האָט מיר פּערזענליך געשריבען. ער האָט זיך זאָגאַר אָנגעבאָטען צו קו־מען קיין לאָנדאָן דאָ אָנפירען אַ אידישען טעאַטער, ליידער זיינען ניט געווען קיין אויססיכטען דאָס דורכצופירען. דאָס איז זיכער געווען אַ גרויסער שאָד.

8. מאַרק ארנשטיינ׳ס פּיעסען וועלכע זיינען אין לאנדאן געשפּילט געווארען

א. „דער ווילנער בעל הבית׳על״

די פּיעסע „דער ווילנער בעל הבית׳על״, מיט וועלכער מען האָט גע־עפענט דאָס „פּיינמאַן אידישע פאָלקס טעאַטער״, איז די בעסטע, וואָס איז מיר באַקאַנט פון מאַרק אַרנשטיינ׳ס דראַמען. זי שטיצט זיך אויף אַ לעגענדע, און דער פאַרפאַסער, כאָטש אַ רעאַליסט, האָט געזוכט אויפצו־האַלטען אין איר דאָס לעגענדאַרישע.

עס ווערט אין דער דראַמע געשילדערט די טראַגישע איבערלעבונג פון דעם ווילנער שטאָט חזן ר׳ יואל דוד לעווענשטיין, גערופען דער ווילנער בעל הבית׳על. ער האָט באַזעסען אַ שטימע וואָס האָט אים גע־מאַכט באַליבט און באַרימט אין שטאָט און אין געגענד אַרום. אָבער יואל דוד איז ניט גלאָט אַ אידישער חזן, ער איז אַ מנגן, ער קען אויך שפּילען פידעל; ער באַזיצט גרויסע מוזיקאַלישע באַגאַבונג און פאָלגליך האָט ער אויך גרויסע אַמביציע. זיין נשמה פילט זיך ווי געבונדען אין קייטען; זי רייסט זיך, זי וויל זיך פון די קייטען אָברייסען. זי בענקט. עס ציט איר צו אַנדערע מקומות, וואו ער זאָל קענען געבען קאָנצערטען ניט נאָר אַלס זינגער נור אויך אַלס פידעל שפּילער, און דאָס זאָל אים באַרימט מאַכען אין דער וועלט.

אין זיין היים ווערט יואל דוד לעווענשטיין זייער שטאַרק געליבט, אָבער פאַרשטיין זיין אינערליכען שטרעבען, זיין בענקעניש, זיין ציעל, זיין אידעאַל, פאַרשטייט קיינער ניט אַחוץ זיין בלינדע שוועסטער. דאָס פאַרגרעסערט נאָך מער זיינע ליידען, און אויך זיין בענקעניש.

מאַכט זיך אים אַ געלעגענהייט צו פאָרען קיין וואַרשא. דאָס איז אַ זינדיגע שטאָט. זי האָט פילע אַראָבגעפירט פון וועג. גאַנץ ווילנע איז גע־גען דעם, אַז איר חזן, און נאָך אַזאַ חזן, דער ווילנער בעל הבית׳על, זאָל פאָרען קיין וואַרשא... אָבער ער וויל שטאַרק פאָרען. ער לעכצט, ער ברענט. ער ווערט אויך אונטערשטיצט פון זיין ווייבעל, ניט דערפאַר, אַז

ער זאָל דערגרייכען זיין ציל און ווערען דער גרויסער מוזיקער, וואָס ער וויל זיין, נור דערפאַר ווייל זי וויל דאָס ער זאָל איר ברייגגען פון וואַרשא אַ מאַנטעל מיט קרעלען ווי אַ גביר׳טע טראָגט... זיין שווער איז אויך פאַר דעם, אַז ער זאָל פאָרען, און אַלץ צוליב אייגענע עגאָאיסטישע גע־שעפטליכע מאָטיווען. ער גלויבט, אַז דורך זיין איידים׳ס באַרימט ווערען וועט ער מאַכען נאָך בעסערע געשעפטען... פאָרט דער ווילנער בעל־הבית׳על קיין וואַרשא.

דאָרט טרעפט ער זיך צוזאַמען מיט זיין יוגענד־פריינדין אירענאַ, אַ טאָכטער פון אַ פוילישען קאָמפּאָזער, ביי וועלכען ער האָט שטודירט מו־זיק. הויבט זיך אָן אַ קאַמף צווישען קדושה און טמאה, צווישען זיין באַ־רוף אַלס חזן, און דערוועקטע ליבעס געפילען צו אַ פוילישער דאַמע.

יואל דוד׳ס פאָטער קומט רעטען זיין זון. ער פאַרשטייט אים אפילו... ער איז אַליין אויך געווען אין דער יוגענד אַ חזן; האָט אויך געהאַט בענ־קענישען און פאַרלאַנגען צו שטייגען העכער... אָבער ער פילט, דאָס ער מוז אים רעטען, ווייל אַז ניט איז זייער ביידענס אונטערגאַנג... ער זוכט אים אָבצורייסען פון אירענאַ׳ן און זיינע באַגערען, און אים צוריקשלע־פען צום עמוד.

אָבער אויך אירענאַ ווירקט. זי דערציילט אים, אַז זי וויל אים אַריינ־פירען אין דער ברייטער ניט אידישער וועלט, וואו זיין גרויסער טאַלאַנט וועט באַקומען פולען אויסדרוק, און אַלע, ניט נאָר אידען, וועלען קענען מיט אים שטאָלצירען... זי מאַכט פאַר אים אויך מעגליך צו געבען קאָנ־צערט.

ס׳איז אַ גרויסער קאָנפליקט, אַ קאַמף, וואָס קומט פאַר אָם שטאַרקסטען אין יואל דוד׳ס האַרצען.

צום סוף דוכט זיך אַז די קדושה האָט געזיגט. דער ווילנער בעל־הבית׳על פאָרט צוריק קיין ווילנע, דאַווגען פאַר׳ן עמוד...

אָבער דאָך האָט די טמאה זיך ניט געלאָזט באַזיגען. זי האָט אים שוין אַריינגעכאַפּט אין איר אַטמאָספערע, און נאָך ערגער :— זי האָט געמאַכט אַ סוף צו דאָס בעסטע אין אים: ער פאַרלירט זיין שטימע און ער צו־ברעכט זיין פידעל...

ווי שוין געזאָגט האָט מאַרק אַרנשטיין אַליין דאָ אויפגעפירט זיין פיעסע. בן עמי האָט געשפּילט אַלס דער ווילנער בעל הבית׳על. מאַדאַם פעני וואַקסמאַן איז געווען אירענאַ. זשעליאַזאָ דער פאָטער, נעמי די מו־טער. איז עס געווען אַ שענע פאַרשטעלונג. די פיעסע האָט געהאַט אַ באַדייטענדען ערפאָלג.

עס איז אויך כדאי צו פֿאַרצייכענען, אַז אין יענער פֿאַרשטעלונג איז אַרויסגעבראַכט געוואָרען צום ערשטען מאָל אויף אַ טעאַטער בינע אַ לאָנדאָנער אידישע שוישפּילעריןְ, רייטשעל בלעקער (שפּעטער מאַדאַם ראָזענפעלד). זי איז דאַמאָלט נאָך געווען גאָר יונג. זי האָט געשפּילט אַלס די בלינדע שוועסטער, און האָט ניט שלעכט געשפּילט. איך האָב עס דאַמאָלט אויך אָנגעצייגט.

ב. „א אידישע טאכטער“

אַ צווייטע געלעגענהייט צו זעןֿ אין לאָנדאָן מאַרק אַרנשטיינ׳ס אַ פּיעסע איז געווען, ווען מאַדאַם לאָבעל האָט גאַסטראָלירט אין פּאַוויליאָן טעאַטער אין 1914. זי איז ערשינען אין „אַ אידישע טאָכטער“.

די דאָזיגע פּיעסע האָט מיך ניט צופרידענגעשטעלט, ווייל איך האָב פון איר פּאַרפאַסער פיל מער ערוואַרטעט. זי איז שוין געווען צוגעשניטען אויף דעם אַמעריקאַנעם מוסטער, מיט זייטיגע קאָמישע טיפּען און איבעריגע חכמות און וויצען.

אין „אַ אידישע טאָכטער“ זיינען אפילו דאָ זייער שענע קינסטלערישע סצענעס. איניגע כאַראַקטערע זיינען גוט געשילדערט; פּאָעזיע און ראָמאַנטיק פעלען ניט אין דער דראַמע... נאָר דאָך פעלט איר פילעס וואָס זאָל זי מאַכען פּאָלקאָמען, וואָס זאָל איר דערמעגליכען צו לאָזען אַ טיפען און שטאַרקען איינדרוק.

די הויפּט חסרונות פון דער פּיעסע זיינען ערשטענס וואָס איר טעמא איז אַן אַלטע: דאָס וועלען חתונה מאַכען אַ טאָכטער מיט אַ חתן וועלכען זי וויל ניט... דער פּאַרפאַסער האָט אפילו געוואָלט שילדערן די אַלטע טעמא אין אַ נייער ליכט, אָבער דאָס נייע ליכט איז ניט גענוג בולט, און די פּיעסע מאַכט דעם איינדרוק, אַז דער דיכטער גיט אונז ניט קיין נייעס... צווייטענס איז אין דער פּיעסע פֿאַראַן פילעס, וואָס איז איבעריג, אַן וועלכען די הויפּט האַנדלונג וואָלט זיך געקענט באַגיין. איניגעס פון אַט דאָס „איבעריגע“ קלינגט אויך פאַלש. דאָס אַלץ פירט איבער די האַרמאָניע, די איינהייטליכקייט אין דער דראַמע. דאָס שוואַכט אָב איר איינדרוק אויף די צושויער.

די פּיעסע האָט אויך מעלות: זי שטעלט אונז פאַר לעבעדיגע מענשען מיט ווירקליכע ליידען און פריידען, צרות און זאָרגען.

זייער שען איז אַרויסגעבראַכט די שבת׳דיגע אַטמאָספערע אין אידישען הויז. דאָס עמפּפאַנגען די מלכה שבת איז פּראַכטפול.

זייער גוט איז פאַרגעשטעלט די פרייד פון חסיד און זיין פאַמיליע, ווען זיי דערוויסען זיך אַז דער רבי וויל מיט זיי טון אַ שידוך... גלענצענד זיינען אין דער דראַמע אויך געשילדערט די שטרענגקייט פון אַ גוטען אידישען פאָטער, און די זאַנפטע צערטליכקייט פון אַ אידישע מוטער. אויסגעצייכענט איז כאַראַקטעריזירט אפילו דער טיפּ פון דער וועלט פאַרזאָרגערין, וואָס רעדט פאַר פייער און וואַסער... אַלע כאַראַקטערע זיינען לעבעדיג. מער איינהייטליכקייט אין דער האַנדלונג וואָלט געקענט עס מאַכען פאַר אַ גוטער פיעסע.

„אַ אידישע טאָכטער" איז אויפגעפירט געוואָרען אין פּאַוויליאָן טע־אַטער, אין אַפּריל 1914, פון אשכנזי און לאָבעל. די מענער זיינען ניט געווען גוט אין די ראָלען, אָבער די פרויען, מאַדאַם לאָבעל, בעקי גאָלד־שטיין, מיס דרוקער, זיינען געווען אויסגעצייכענט. באַזונדערס האָט מאַדאַם לאָבעל געמאַכט אַ זייער שטאַרקען איינדרוק מיט איר טיפען דראַמאַטישען שפּילען.

עס זיינען נאָך געשפּילט געוואָרען איינע אָדער צוויי פּיעסען פון מאַרק אַרנשטיין, אָבער די צוויי רעצענזיעס, וואָס איך ברייננ דאָ, געבען אַ גענוגענדען באַגריף וועגען זיין שאַפען און דעם איינדרוק וואָס זיינע פּיעסען האָבען דאָ געמאַכט.

9. שלום עליכם
און זיין באזוך אין לאנדאן

— שלום עליכם, ר׳ שלום עליכם!

— עליכם ועל בניכם... איר שניידט זיך פאַר אַ קאָנקורענט?

—חלילה, עס פאַלט מיר גאָרניט איין. עס פעלען מיר ניט קיין צרות...

— ווי איך זע זיינט איר אַ לאָנדאָנער, מיט וועלכען מען קען אַ לאַך טון...

אָט דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון געשפרעך, וואָס איז פאָרגע־קומען צווישען מיר און שלום עליכם׳ן, ווען ער איז אין סוף מאַי 1906 געקומען קיין לאָנדאָן אויפ׳ן וועג קיין אַמעריקא, און איך בין אים גע־גאַנגען באַגריסען אין אַ רעסטאָראַן אין היי סטריט, וויטשעפעל, וואו ער איז איינגעשטאַנען. ס׳איז געווען זיין באַרימטע רייזע, פון וועלכער ער האָט געשריבען זיין בייסענדע סאַטירע „לאָנדאָן פאַרוואָס ברענסטו ביט?״

שלום עליכם איז שוין דאַמאַלט געווען באַרימט אין דער גאַנצער וועלט דורך זיינע הומאָריסטישע שריפטען, פעלעטאָנען, דערציילונגען און ראָמאַנען, וועלכע זיינען געלעזען געוואָרען מיט׳ן גרעסטען אַפעטיט און געשמאַק, און וועלכע האָבען געמאַכט דאָס אידישע פאָלק לאַכען אפילו אין דער פעריאָדע פון קישינעווער און אַנדערע פאָגראָמען...

איך מיין, אַז מען קען פאַלשטענדיג זאָגען, דאָס ס׳איז ניטאָ קיין אַנ־דערער שריפטשטעלער אין דער וועלט, וועלכער האָט געמאַכט זיין פאָלק אַזוי לאַכען פון זיינע געברענטע צרות, ווי שלום עליכם האָט עס געטון. אַנדערע פעלקער האָבען געהאַט גאָר גרויסע הומאָריסטען: ס׳איז גענוג צו דערמאָנען מאָליער׳ן און ראַבעלע׳ן ביי די פראַנצויזען; דיקענס ביי די ענגלענדער; מאַרק טווין ביי די אַמעריקאַנער, א. אַ. אָבער יענע אַלע האָבען געלאַכט פון שוואַכקייטען, פון קאַפּויערע זאַכען, פון לוסטיגע און לוסטיג מאַכענדע נייגונגען, פון פאָליטישע געגנער, אָבער שלום עליכם האָט געלאַכט פון פילעס פון דאָס אַלעס און פון נאָך עפּעס: פון דער גרויסער אידישער טראַגעדיע, פון די פילע אידישע צרות, וואָס איז זיכער אַ משונה׳דיג ווילדע קאַפּויערע זאַך אין אונזער זאָנדערבאַרער וועלט...

אַט אַזוי האָב איך שוין דאַמאָלט געקוקט אויף שלום עליכם׳ן. אָבער ער איז מיר געווען באַקאַנט בלויז אַלס שריפטשטעלער הומאָריסט און ניט אַלס קאָמעדיען פאַרפאַסער פאַר דער בינע. ער האָט שוין אפילו גע־האָט פאַרעפענטליכט זיין פיעסע „צעזייט און צושפּרייט״, אָבער זי האָט ניט אַרויסגערופען אַזאַ גרויסען אינטערעס, ווי זיינע פעלעטאָנען און דערציילונגען.

שלום עליכם, אָדער ווי עס איז געווען זיין ריכטיגער נאָמען, שלום ראַבינאָוויטש, איז געבוירען געוואָרען אין פערעיעסלאַוו, פּאָלטאַווער גו־בערניע, רוסלאַנד, אין מערץ 1859. ער איז געווען טעטיג ליטעראַריש הויפּטזעכליך אין קיעוו און אָדעס; און איז געשטאָרבען אין ניו יאָרק אין מאַי 1916. ווען ער האָט באַזוכט לאָנדאָן מיט צען יאָר פאַר זיין טויט איז זיין טאַלאַנט געווען אין פולער בליהונג און גלאָריע.

זיין רייזע קיין אַמעריקא איז געווען מיט דעם צוועק, דאָס מען זאָל דאָרט אויפפירען צוויי פיעסען זיינע: „דער אויסוואורף אָדער שמואל פּאַסטערנאַק״ (אַ באַאַרבייטונג פון זיין קאָמעדיע „יקנה״ז״, וואָס די רו־סישע צענזור האָט געהאַט פאַרבאָטען), און „סטעמפּעניו״ (אַ באַאַרבייטונג פון זיין גוט באַקאַנטען ראָמאַן). ער האָט וועגען דעם מיט מיר גאַנץ אָפען גערעדט, און ער איז געווען זייער האָפנונגספול. ער איז וועגען דעם גע־שטאַנען אין פאַרבינדונג מיט אַדלער׳ן און מיט טאָמאַשעווסקי׳ן, וועלכע האָבען געהאַט באַזונדערע טעאַטערס.

זאָל אויך פאַרצייכענט ווערען, אַז אין יענעם זומער האָט שלום עליכם דאָ פאָרגעלעזען פון זיינע הומאָריסטישע שריפטען. די פאָרלע־זונג איז פאָרגעקומען אין דער „וואנדערלאַנד״ (אַ גאָר גרויסער זאַאַל, וואָס איז געווען אויף דעם פּלאַץ אין וויטשעפּעל, וואו ס׳איז שפּעטער אויפגעבויט געוואָרען די ריוואָלי). לוסיען וואולף איז געווען פּאָרזיצער. ער איז געווען אַ זייער באַרימטער אידישער געזעלשאַפטליכער טוער, מען קען זאָגען דער פּאָליטישער פירער; ער האָט אָנגעפירט די פּאָליטיק פון די יאַהודים; אָבער קיין אידיש האָט ער ניט געקענט... דערצו איז ער נאָך געווען אַ היקעוואַטער... שלום עליכם האָט קיין ענגליש ניט געקענט, און ער האָט ניט פאַרשטאַנען אַ וואָרט, וואָס דער פּאָרזיצער זיינער האָט געזאָגט, ווען ער האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר׳ן פּובליקום. מען קען זיך פאָרשטעלען וואָס שלום עליכם האָט דערביי געפילט... איך האָב זיך מאַנכע מאָל געפרעגט צי דאָס איז ניט געווען די סבה, אָדער איינע פון די סבות, פאַר וואָס ער האָט געשריבען זיין סאַטירע איבער לאָנדאָן...
עס איז געווען אַ טראַגי־קאָמישע געשיכטע; זי האָט זיך גענומען דער־פון וואָס די אַראַנזשירער זיינען, אפשר מיט גוטע כונות, פאַרקראָכען אין

די הויכע פענסטער... אָבער ווי פלעגט שרייבען שלום עליכם :— ניט דאָס בין איך אויסען...

די ערשטע צוויי דערמאָנטע פיעסען, מיט וועלכע שלום עליכם איז געפאָרען קיין אַמעריקא, זיינען דורכגעפאַלען. דאָס „געערטע פובליקום״ איז געשטאַנען אויף אַזאַ הויכער שטופע פון ענטוויקלונג, אַז אפילו שלום עליכם׳ס הומאָר און די שענקייט פון זיין זאַנפטיגען, באַ׳טעם׳טען, ממש שפּילעוודיגען מאַמע־לשון, האָבען זיי אויך ניט ריכטיג פאַרשטאַנען... אָבער אין די שפּעטערע יאָרען זיינען שלום עליכם׳ס קאָמעדיען געוואָרען מזל׳דיגער.

שלום עליכם׳ס פּיעסען זיינען אייגענטליך באַאַרבייטונגען פון הו־מאָריסטישע דערציילונגען: אַ טייל פון „טביה דער מילכיגער״ האָט ער באַאַרבייט אין זיין גלענצענדע קאָמעדיע „דאָס גרויסע געווינס״, וואָס איז אויך געשפּילט געוואָרען אין רוסלאַנד אונטער׳ן נאָמען „200,000״... פון זיין סאַטירע „דער בלוטיגער שפּאַס״ האָט ער געשאַפען זיין טראַגי־קאָמעדיע „שווער צו זיין אַ איד״... זיין „טביה דער מילכיגער״ בכלל איז באַאַרבייט געוואָרען נאָך זיין טויט פון זיין פעהיגען איידים, י. ד. בער־קאָוויטש, אין דער געלונגענער דראַמע מיט דעם זעלבען נאָמען. די דאָ־זיגע פיעסען, ווי אויך „סטעמפעניו״, זיינען אַריינגענומען געוואָרען אין רעפּערטואַר פון מאָריס שוואַרץ אין אַמעריקא און פון אַנדערע קונסט טרופּען אין אייראָפּאַ, און זיי זיינען געשפּילט געוואָרען מיט דעם גרעס־טען ערפאָלג.

מאָריס שוואַרץ מיט זיין קונסט טרופּע האָבען דאָ געשפּילט אין סקאַלאַ טעאַטער, בעת זייער ערשטען באַזוך אין 1924, די אַלע פּיעסען מיט דער אויסנאַמע פון „סטעמפּעניו״.

רודאָלף זאַסלאַווסקי האָט אויך דאָ געשפּילט „טביה דער מילכיגער״, „שווער צו זיין אַ איד״ און „סטעמפּעניו״ אין פּאַוויליאָן טעאַטער.

די אַמאַטאָרען גרופּע אין סאָציאַל דעמאָקראַטישען קלוב האָט אויפ־געפירט „צעזייט און צושפּרייט״.

שלום עליכם האָט אויך געשריבען איינינגע איין־אַקטערס, איינע פון זיי „מענשען״ איז אויפגעפירט געוואָרען אין „טעמפעל״ פון בן עמי׳ן.

מען קען דערפאַר זאָגען, אַז דאָס לאָנדאָנער טעאַטער עולם האָט אויך געהאַט געלעגענהייטען הנאה צו האָבען פון די גלענצענדע קאָמע־דיען פון שלום עליכם.

10. „טביה דעת מילכיגער
אין א גלענצענדער דראמאטיזירונג און אויפפירונג

פון אַלע שלום עליכם'ס פיעסען און קאָמעדיען איז מיר אַם בעס־טען געפעלען „טביה דער מילכיגער" אין דער גלענצענדער דראַמאַטי־זירונג פון י. ד. בערקאָוויטש, וואָס איז פּראַכטפול אויפגעפירט געוואָרען פון מאָריס שוואַרץ. אָט וואָס איך האָב איבער יענער פאָרשטעלונג גע־שריבען:

איין ערפּאָלג נאָכ'ן צווייטען; איין ערפּאָלג גרעסער פונ'ם צווייטען — אָט די דאָזיגע ווערטער דריקען אויס דאָס, וואָס מען האָט געפילט ביי דער פאָרשטעלונג פון „טביה דערמילכיגער", פון שלום עליכם, אויפ־געפירט פון מאָריס שוואַרץ'ס אידישען קונסט טעאַטער אין דער סקאַלאַ.

די פיעסע גופא איז אַ לייכטע, אָן אַנגענעמע, כאָטש אַ גאַנץ טיפע, מען קען זאָגען ערנסטע. פון דעם שטאַנדפונקט פון טעכנישען געבוי איז זי איינע פון די בעסטע וואָס זיינען פאַראַן אין אידישען רעפּערטואַר אפילו פון מאָריס שוואַרץ'ס קונסט טעאַטער.

„טביה דער מילכיגער" פון שלום עליכם" איז ניט בלויז אַ דער־ציילונג, און דער העלד טביה איז ניט בלויז אַ טיפּ, אָדער אַ כאַראַקטער. „טביה דער מילכיגער" איז אַן איינקערפּערונג פון אידישען פאָלקס לע־בען, און טביה גופא איז אַ סינטעז פון די פשוט'ע אידען, פון די איינפאַ־כע אידישע דאָרפס מענשען, מען קען זאָגען פאָלקס מענשען.

דאָס אידישע לעבען איז טרויעריג; מען לעבט אונטער שרעקליכע פאַרהעלטניסע; מען איז אַרומגערינגעלט פון שונאים; מען ווערט פאַר־פאָלגט, געדריקט און געטריבען; מען דאַרף שווער קעמפען פאַר דער עקזיסטענץ; מען האָט קנאַפּ פּרנסה; מען איז באַוואָרפען מיט קינדער, וועלכע מען ליבט, ווי די אויגען אין קאָפּ; און די קינדער — אַך, די קינ־דער!... כאָטש גוטע, האַרציגע, טייערע קינדער, וועלכע האָבען ליב טאַ־טע מאַמע, ציט עס זיי דאָך אין דער ברייטער וועלט אַריין און אין דער פרעמדער וועלט אַריין... זיי רייסען אָפּט איבער יעדע פאַרבינדונג מיט די עלטערן, פאַראורזאַכענדיג זיי שרעקליכע יסורים, גרויסען אונגליק און פיין... דער סוף איז אָבער, אַז אין דער פרעמדער וועלט ווערען די אידישע קינדער ענטוישט. זיי געפינען דאָרט ניט קיין צופרידענהייט; זיי קענען אויך ניט דערשטיקען אין זיך די אינערליכע אינסטינקטען און געפילען; עס ציט זיי צוריק... עס גייען אויך נאָך ווייטער אָן די פאַר־פאָלגונגען. דאָס טרייבט זיי צוריק, און זיי קערען זיך אום געבראָכענע, פאַרצווייפעלטע און בעטען רחמים, פאַרגעבונג... אַזוי איז דאָס אידישע לעבען.

און ווי פאַרהאַלט זיך דער איד?

ער טראָגט זיך אַרום מיט דעם גייסט פון תורה אין האַרצן און מיט אירע פסוקים אויף זיינע ליפּען... וואָס ס'זאָל ניט טרעפען אין לעבען האָט ער דערצו תיכף אַ פּסוק פון דער תורה, פון תלמוד אָדער מדרש, כדי עס צו פאַרטייטשען... צי ער זאָגט דעם פּסוק ריכטיג, צי פאַרדרייט, פאַרקרימט; ערנסט אָדער וויציג — דאָס איז ניט קיין נפקא מינה. דער עיקר איז: ער זאָגט דעם פּסוק...

אפילו וועגען פילע געוועהנליכע פּאַסירונגען מאַכט ער אַזעלכע ער־קלערונגען, וואָס קלינגען ווי פּסוקים פון אַ הייליגער שריפט... ער באַ־ציט זיך צו אַלץ מיט אַ געוויסער חכמה, מיט אַ געוויסען באַוואוסטזיין, מיט אַ לעבענס פילאָזאָפיע... ער גלויבט אין גאָט, כאָטש אין האַרצען נאָגען ספקות, צו וועלכע ער וויל זיך ניט צוהערען... ער האַלט, אַז ס'איז דאָ איין גאָט פאַר אַלע מענשען, אָבער ער וויל זיך בשום אופן ניט צו־זאַמענמישען מיט אַנדערע, און וויל נאָר אין גאָט גלויבען און אים דינען אויף זיין אייגענעם אופן... ער שוידערט פאַר דעם געדאַנק, אַז זיין קינד זאָל הייראַטען מיט אַ פּערזאָן פון אַן אַנדער גלויבען. ער האַסט ניט די אַנדערע, אָבער ער קען זיי ניט ליידען. ער פילט, אַז זיי זיינען פאַלש און גראָב... ער איז שטאָלץ געגענאיבער זיי, און דאָך ווערט ער אָפט גע־בראָכען און פאַלט צו זייערע פיס... ער ליידט פון זיי; ער ליידט אָפט שרעקליכעס; לעבט איבער די ערגסטע רדיפות און זאָגאַר פּאָגראָמען, אָבער ער ווערט ניט פאַרצווייפעלט, ער קרעפטיגט זיך מיט אַ וויץ, מיט אַ גלייכווערטעל,— עס וואָלט אים אַנדערש געווען אונמעגליך זיין משא צו דערטראָגען...

אַזוי פאַרהאַלט זיך דער איד, אַזוי איז דער סינטעז פון אידען, דער אויסדרוק פון דער איינקערפּערונג פון אידישען פאָלק.

און אָט דעם דאָזיגען סינטעז, די דאָזיגע איינקערפּערונג פון אידי־שען פאָלקס לעבען און פון די אידישע פאָלקס מענשען, איז געשילדערט אויף אַ וואונדערבאַרען, גלענצענדען אופן, אין אַ פאָלקסטימליכען סטיל, אין „טביה דער מילכיגער" פון שלום עליכם, וואָס גרייכט צו דער מדרגה פון אַ פּאָעמע פון פאָלקסטימליכקייט. עס ווערען אין דעם ווערק מייס־טערהאַפט מיט פילע דעטיילען געשילדערט די שטריכען, וואָס איך האָב דאָ בלויז באַרירט.

די דראַמאַטיזירונג פון שלום עליכם'ס וואונדערבאַרע דערציילונג איז אויך אַ זייער געלונגענע, איינע פון די געלונגענסטע, וואָס איז פאַראַן אין אידישען רעפּערטואַר. דער גייסט פון דער דערציילונג איז אפילו

ניט געבליבען פאַלקאַמען אין דער דראַמאַטיזירונג. עס איז פאַרשוואונ־דען זייער פיל פון דער שילדערונג, כאַראַקטעריזירונג און דעם גרויסען קוואַל פון פאָלקסטימליכען הומאָר, וואָס די דערציילונג ענטהאַלט. אָבער דאָס איז ניט געווען צום שאַדען נאָר צום נוצען פון דער דראַמאַטיזירונג; דאָס האָט איר בעסער צוגעפּאַסט צו דער בינע...

די ערשטע צוויי אַקטען ביז צו דעם קלימאַקס, ביז צו דעם זיצען שבעה פון טביה'ן און זיין ווייב גאָלדע נאָך זייער טאָכטער חוה, וועלכע האָט זיך גע'שמד'ט, זיינען זייער אויסגעהאַלטען אפילו פונ'ם שטאַנד־פונקט, ווי אַ דראַמע דאַרף זיין טעכניש געבויט. עס איז אין די צוויי אַקטען פאַראַן זייער פיל האַנדלונג, וועלכע ענטוויקעלט זיך רעגעלמעסיג און מיט אַ געהעריגען טעמפּאָ אַלץ העכער און העכער, אַלץ געשפּאַנטער און איינדרוקספולער, ביז צו דעם קלימאַקס. דער אַנטי־קלימאַקס אָבער פאַרנעמט דעם גאַנצען דריטען אַקט און ער ציט זיך אַ ביסעל צו לאַנג. דער דריטער אַקט ענטהאַלט אויך צופיל כאַראַקטעריזירונג און שילדע־רונג, מער ווי עס דאַרף זיין אין אַ שלוס אַקט, אין וועלכען דער טעמפּאָ פון דער האַנדלונג מוז גאָר האַסטיג קלאַפּען. מיט דער אויסנאַמע פון דעם דאָזיגען פעלער איז די דראַמאַטיזירונג פון „טביה דער מילכיגער" אַ געלונגענע דראַמע פון ריין טעכניש־דראַמאַטישען שטאַנדפּונקט.

די אויפפירונג פון מאָריס שוואַרץ, אין סקאַלאַ טעאַטער אין מאַי 1922, איז געווען העכסט געלונגען. ער האָט געשפּילט פאַר טביה'ן, גע־בענדיג דעם כאַראַקטער אַן ערהאַבענע כאַראַקטעריזירונג. בינא אַבראַ־מאָוויטש איז געווען די מאַמע, גאָלדע. מען האָט די דאָזיגע קינסטלערין, די בעסטע מוטער ראָליסטין פון דער אידישער בינע, צום ערשטען מאָל געזען אין לאָנדאָן אין דער ראָלע. אַנאַ אַפּעל און בערטאַ גערסטען זיינען געווען די טעכטער. מוני וויזענפריינד, איזידאָר קעשיר, שוויד און שטראַסבורג האָבען אַנטייל גענומען. טאָ וואָס זשע נאָך האָט מען באַ־דאַרפט האָבען. ס'איז געווען ערהאַבען.

רודאָלף זאַסלאַווסקי האָט אויך פאָרגעשטעלט „טביה דער מילכיגער" אין פּאַוויליאָן טעאַטער. זיין באַאַרבייטונג פון דער קאָמעדיע איז געווען אפשר פאָלקסטימליכער. ער האָט אַריינגענומען מער פון שלום עליכם'ס הומאָר אין דער קאָמעדיע, אָבער זי איז ניט געווען אַזוי סצעניש. זיין טביה איז אויך געווען זייער גוט, כאַראַקטעריסטיש פאָלקסטימליך. דער אַנסאַמבעל זיינער האָט זיך ניט געקענט פאַרגלייכען צום קונסט טע־אַטער. אָבער אויך זיין פאָרשטעלונג האָט געלאָזען אַ זייער גוטען איינ־דרוק.

און אַזוי ווי „טביה דער מילכיגער" ענטהאַלט אי די איינקערפּערונג

פון אידישען לעבען, אי דעם סינטעז פון דעם אידישען פאָלקס מענשען, איינגעשלאָסען פיל פון זיין חכמה און הומאָר, און איז נאָך דערצו אַ גע־לונגענע דראַמע — טאָ קען מען זיך שוין אַליין פאָרשטעלען, ווי אַנגענעם עס איז איר צו זען. זי פאַרשאַפט באמת אַזאַ פאַרגעניגען, וואָס איז שווער אויסצודריקען אין ווערטער. מען דאַרף עס געניסען כדי עס צו פאַרשטיין.

11. די אנדערע קאמעדיען פון שלום עליכם

א. „שווער צו זיין א איד"

מיר האָבען אויך געהאַט דאָס פאַרגעניגען דאָ צו זען אין יענער זעלבער צייט שלום עליכם׳ס „שווער צו זיין אַ איד".

דאָס איז איינע פון די כאַראַקטעריסטישסטע שאַפונגען פון דעם גרויסען אידישען הומאָריסט, וואָס האָט באַוויזען, אַז ער איז געווען ניט נאָר אַ מייסטער אין שילדערן טיפען און כאַראַקטערע, און צו דערזען די קאַפּויערע, די קאָמישע שטריכען זייערע, פון וועלכע עס גלוסט זיך אַ לאַך צו טון; נור ער איז אויך געווען אַ מייסטער פון כאַראַקטעריזירען אויף אַ געניאַלען אופן סיטואַציעס פון אידישען לעבען. ער האָט געזען דאָס קאָמישע אין דער אידישער טראַגעדיע און האָט עס פאַרגעשטעלט טאַקע שלום עליכם׳דיג, פול מיט אַ געזונטען קריטישען הומאָר.

שלום עליכם׳ס בליק איז אפילו ניט געווען טיף גענוג צו אומפאַסען דעם שייכות, די פאַרבינדונג צווישען פאַרשידענע פאַקטאָרען, און די אינטענסיוויטעט, די טיפקייט פון דער ווירקונג, וואָס זיי האָבען איינע אויף די אַנדערע. זיין בליק האָט זיך מער אָבגעשטעלט אויף איינצעלנע מענשען און איינצעלנע סיטואַציעס. ער האָט געזען מער זייער אויסער־ליכען אויסדרוק ווי זייער אינערליכען געראַנגעל... אָבער דער אופן, ווי ער האָט געשילדערט אידען און אידישע סיטואַציעס, איז געווען אַזוי אייגענאַרטיג, אַזוי כאַראַקטעריסטיש, דאָס ער האָט זיי טאַקע פאַראײ־ביגט, און זיי רופען אַרויס אַ געוואַלטיגען אינטערעס, און אַזאַ אינערליכע פריילישקייט, וואָס נאָר אמת׳ער הומאָר קען שאַפען. אָט די דאָזיגע גע־ניאַלע כאַראַקטעריזירונג, וואָס מען באַגעגענט אין אַלע שלום עליכם׳ס שאַפונגען, געפינט זיך אין יעדער שורה, אין יעדען שטריך פון זיין קאָ־מעדיע „שווער צו זיין אַ איד".

די דאָזיגע פּיעסע איז געבויט אויף דעם יסוד פון אַ פאַרס, און דאָך איז זי אַן עכטע קאָמעדיע.

פאַרס איז די לייכטסטע פאָרם פון לוסט שפּיל. זי שפּרודעלט מיט פאַלשע מעגליכקייטען, מיט פאַבריצירטע אַנשטעלען און איבעראַשונ־

גען. אַלץ איז אין איר ווי קוועקזילבער — אָט איז עס, אָט איז עס ניט, און אָט איז עס ווידער... אַזוי איז אַ פּאַרס. אָבער ניט אַזוי איז שלום עליכם'ס „שווער צו זיין אַ איד". עס זעט אויס אַן אַנשטעל, אָבער עס איז אַ דראַמע פון ווירקליכען לעבען. און נאָך דערצו איז עס אַ טרויעריגע ווירקליכקייט פון וועלכער מען האָט ניט נאָר צו לאַכען, נאָר אויך צו זינגען און צו זאָגען.

אונטער דעם כלומרשטען אַנשטעל און געלעכטער איז דאָ אַ טרויעריגער און זאָגאַר שרעקליכער אונטערגרונד: דער טראַגיזם פון אידישען לעבען אין די טעג פון די צאַרען אין רוסלאַנד... די קאָמעדיע „שווער צו זיין אַ איד" איז אַ זון מיט אַ רעגען, אַ געמיש פון הימעל־בלויקייט און שוואַרצע וואָלקענס, און זי רופט דערפאַר ארויס געלעכטער מיט טרערען...

ס'הוליען סטודענטען צוליב דעם וואָס זיי האָבען געענדיגט גימנאַזיע און זיינען ביים שוועל אַריינצוגיין אין דער אוניווערזיטעט. אין זיבעטען הימעל איז דער רוס איוואַנאָוו, וועלכער איז איבערגליקליך פון זיין ערפאָלג, און ער האָט אויך איבערגעכאַפּט די מאָס אין טרינקען משקה. ער איז בגילופינ'דיג... פאַרשטייט ער ניט פאַר וואָס איינער פון זיינע חברים, שניאורסאָן, איז אומעטיג און באַזאָרגט. ער וואָלט דאָך באַדאַרפט זיין פריילעכער פון אַלע; ער האָט געענדיגט מיט סאַמע פּינפערס און באַקומען אַ גאָלדענע מעדאַל... ערקלערט אים שניאורסאָן, אַז די סבה פון זיין צער איז, וואָס ער איז אַ איד, און ס'איז שווער צו זיין אַ איד... אים שטייען אַזוי פיל שטערונגען אין וועג און זיין גאַנץ פאָלק ליידעט אַזוי פיל. עס איז אונטערדריקט און באַשרענקט אויף יעדען שריט און טריט...

ביי איוואַנאָוו'ן איז דאָס אַלץ „פּוסטיקי", גאָרניט מיט גאָרניט, און ער שלאָגט פאָר זיין חבר זיך צו בייטען מיט די נעמען, מיט די דאָקומענטען און פאַספּאָרטען. איוואַנאָוו נעמט אויף זיך צו זיין אַ יאָר צייט כלומרשט אַ איד, כדי צו באַווייזען, אַז דאָס איז ניט אַזוי שווער... די צרות וואָס ער האָט נאָך דעם אויסצושטיין, איבערהויפּט דורך „פּראַוואַזשיטעלסטוואָ" (וואוין־רעכט) איז די טעמא פון דער קאָמעדיע. די צרות ווערען אפילו מער דערציילט ווי געצייגט, אָבער זיי ווערען דערציילט אַזוי מייסטערהאַפט, דאָס זיי זיינען אינטערעסאַנט און איבערצייגענד.

צו די צרות פון פאַרשטעלטען רוס אין כלומרשטען אידען, דאָס הייסט צו דער טראַגי־קאָמעדיע זיינער, האָט שלום עליכם צוגעזעצט נאָך אַ מאָטיוו — אַ ראָמאַנס: דער איד, דוד שאַפּירא, ביי וועלכען איוואַנאָוו, פאַרשטעלט אַלס שניאורסאָן, איז אַ קוואַרטיראַנט, און דער ריכטיגער

שניאורסאָן איז אַ הויז לערער — אָט דער דוד שאַפּירא האָט אַ טאָכטער, בעטי הייסט זי. פאַרליבען זיך אין איר ביידע, אי איוואַנאָוו־שניאורסאָן, אי שניאורסאָן־איוואַנאָוו... ווערט עס שוין אַ קאָמעדיע אין אַ קאָמעדיע, אַ צוויי־גאָרענדיגער געלעכטער... דער ראָמאַנס ווערט זאָגאַר דער עיקר פון דער פּיעסע. דאָס ברייגגט אפילו אַריין אַ געמיש אין דער האַנדלונג, זי פאַרלירט אַ ביסעל די איינהייטליכקייט, וואָס איז אַ הויפּט זאַך אין דער ענטוויקלונג פון אַ פּיעסע. אָבער אפילו אַ פעלער קומט ביי שלום עליכם׳ן אַרויס אַלס אַ מעלה. ס׳איז אַזוי פול מיט חן, אַז ס׳באַמערקט זיך גאָרניט דאָס ס׳איז אַ פעלער... און אַז מען באַמערקט עס האָט מען ערשט דער־פון הנאה. מען זעט, אַז שלום עליכם האָט אָבגעצאָלט די אַמעריקאַנער דראַמען שרייבער. זיי האָבען שטענדיג אַריינגעפירט קאָמעדיאַנטשיקעס אין ערנסטע דראַמע, כדי צו מאַכען דעם עולם לאַכען; האָט שלום עליכם אַריינגעפירט אַן ערנסטען מאָטיוו אין אַ קאָמעדיע, זאָל דער עולם ניט נאָר לאַכען נור אויך נאָכדענקען וועגען דער גאַנצער טראַגי־קאָמעדיע פון אידישען לעבען...

ס׳איז אַ מייסטער־ווערק.

„שווער צו זיין אַ איד" איז אויפגעפירט געוואָרען פון מאָריס שוואַרץ׳ס קונסט טעאַטער אין די סקאַלאַ; עס איז געווען אַ קאָנצערט פאָרשטעלונג.

די טעכנישע צוזאַמענשטעלונג פון דער פּיעסע איז זייער געלונגען. עס איז אַ שפּיל אין דיאַלאָגען און טריאַלאָגען אַריינגעמישט אייניגע סאָלאָ מאָנאָלאָגען, און איין מאַסען סצענע. אָבער אַלץ איז אַזוי פאַרבונ־דען איינס מיט דאָס אַנדערע, אַז ס׳קומט אַרויס ניט נאָר איין גאַנצע זאַך, נור אויך אַן איינהייטליכקייט פון האַרמאָניע אין שטופּענווייזער ענטוויקלונג.

מאָריס שוואַרץ האָט געשפּילט אַלס דוד שאַפּירא. מוני וויזענפריינד (פּאול מוני) איז געווען איוואַנאָוו, דער פאַרשטעלטער שניאורסאָן. ל. פריד איז געווען דער אמת׳ער שניאורסאָן פאַרשטעלט אַלס איוואַנאָוו. אַנאַ אַפּעל האָט געשפּילט אַלס שרה, די מאַמע אין דער קאָמעדיע. עס האָבען נאָך אַנטייל גענומען בערטאַ פינקעל, מאַרק שווייד, יוסף שוואַרצ־בערג און יעקב מעסטעל. קען מען זיך פאַרשטעלען אַ בעסערן אַנסאַמבעל? — איז טאַקע געווען קאָנצערט.

רודאָלף זאַסלאַווסקי האָט אויך אויפגעפירט „שווער צו זיין אַ איד" אין פּאַוויליאָן טעאַטער. ער אַליין האָט גוט געשפּילט אַלס דוד שאַ־פּירא. אָבער זיין אַנסאַמבעל האָט זיך ווייט ניט געקענט פאַרגלייכען צום קונסט טעאַטער.

די פאַרשטעלונג פון מאַריס שוואַרץ לאָזט זיך ניט פאַרגעסען און אויך ניט פאַרגלייכען.

דער ערשטער וועלכער האָט אויפגעפירט „שווער צו זיין אַ איד" אין פּאַוויליאָן טעאַטער איז געווען יאָזעף קעסלער אין מערץ 1923. ער אַליין האָט געשפּילט אַלס איוואַנאָוו, ברייטמאַן אַלס שניאורסאָן, און י. זאַנגער אַלס דוד שאַפּיראָ. דיינע פיינמאַן האָט געשפּילט אַלס בעטי. עס איז געווען אַ גלאַטע פאַרשטעלונג.

ב. „דאס גרויסע געווינס"

שלום עליכם׳ס קאָמעדיע „דאָס גרויסע געווינס", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרען אין פּאַוויליאָן טעאַטער פון די „ווילנער" אין סעפּטעמבער 1923, פון מאַריס שוואַרץ אין די סקאַלאַ און פון רודאָלף זאַסלאַווסקי אין פּ. ט. אונטער דעם נאָמען „200,000", איז מיר ניט אַזוי געפעלען ווי די אַנדערע צוויי קאָמעדיען זיינע פון וועלכע איך האָב פריער געשריבען. אין כאַראַקטעריזירען טיפען און אין הומאָר שטייט זי אפילו אויף דער זעלבער הויך, און אפשר העכער, אָבער פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער קאָנסטרוקציע פון דער פּיעסע איז זי ניט אַזוי גוט. אַזוי ווי זי איז גראָד געווען די ערשטע שלום עליכם׳ס פּיעסע וואָס איך האָב דאָ געזען אויפגעפירט, האָב איך זיך פאַרהאַלטען צו איר קריטיש. ווען די „ווילנער" האָבען איר אויפגעפירט האָב איך געשריבען:

„ביי דער פאַרשטעלונג פון „דאָס גרויסע געווינס" איז דאָס טעאַטער, ווי דאָס פאָלק זאָגט, געגאַנגען אויף רעדלעך; מען האָט זיך געהאַלטען ביי די זייטען פון געלעכטער; עס איז געווען אַ אמת׳ער פאַרגעניגען אי פון דאָס זעען די שוישפּילער שפּילען, אי פון דאָס הנאה האָבען פון פּובליקום... דער ערפאָלג איז געווען מיט אַזוי פיל מערקווירדיגער, ווייל שלום עליכם׳ס אַ קאָמעדיע איז שווער אויפצופירען... ער איז געווען אונזער גרעסטער הומאָריסט, אָבער אויך אונזער שוואַכסטער דראַמע דיכטער. ער האָט גלענצענד כאַראַקטעריזירט טיפּען, אָבער ער האָט כמעט קיין באַגריף ניט געהאַט פון בינע־טעכניק. די האַנדלונג ציט זיך ביי אים ווי פון פעך... שלום עליכם איז בכלל איינער פון יענע קינסטלער, וועלכע געבען איבער פילע איינצעלהייטען, אַ סך עפּיזאָדען, אַ מאַסע קנייטשעלאַך, אָבער אַזוי פיל דאָס זיי פאַרשטעלען דאָס גאַנצע בילד, און עס פאַרלירט זיך איינפאַך... די איינצעלהייטען זיינען אינטערעסאַנט, זיי פאַרבלענדען זאָגאַר מיט זייער פאַרבענרייכקייט, אָבער דאָס בילד זעט זיך דאָך ניט אַרויס...

איבערגעבענדיג דעם אינהאַלט פון דער קאָמעדיע, פיר איך אויס:

די מעשה איז אַ באַנאַלע, אַ חלום נאָך עשירות פון אַן אָרימען שניידער, וואָס ווערט צורינען, אָבער זי איז איינגעהילט אין דעם זעלטענעם

פאָלקסטימליכען הומאָר, מיט וועלכען שלום עליכם האָט געלאַכט און גע־מאַכט אַנדערע מיטלאַכען. די כאַראַקטעריזירונג פון די טיפּען איז אַ מייסטערהאַפטע, סאַמע לעבעדיגע מענשען, די לעבעדיגקייט אַליין...

אין מאָריס שוואַרץ׳ס אויפפירונג איז די פּיעסע געווען קאָנדענסיר־טער, פאָלגליך בעסער אין דער קאָנסטרוקציע, אָבער איך האָב ניט פיל געביטען מיין מיינונג וועגען דער קאָמעדיע.

אויך ווען איך האָב שפּעטער געזען זאַסלאַווסקי׳ס אויפפירונג, און נאָך שפּעטער די אויפפירונג פון דער צווייטער (מאַזע׳ס) ווילנער טרופּע, אין וועלכער עס זיינען זאַגאַר אריינגעבראַכט געוואָרען עקס־פּרעסיאָניסטישע שטריכען, נאָכאַמונג פון מאָסקווער אידישען מלוכה טעאַטער, בין איך אַלץ געבליבען ביי מיין שטאַנדפּונקט, אַז אין הומאָר און כאַראַקטעריזירונג איז די דאָזיגע קאָמעדיע בריליאַנט, אָבער פונ׳ם שטאַנדפּונקט פון האַנדלונג און קאָנסטרוקציע שוואַך. די דרייעכצען קענען איר אין דעם ניט העלפען. אָבער שלומעליכם׳ס הומאָר און כאַ־ראַקטעריזירונג איז אַזוי גלענצענד, אַז זי מאַכט איר שוין זייער ער־פאָלגרייך.

אין דער אויפפירונג פון די „ווילנער״ איז וואָלף זילבערבערג געווען שימעלע סאראקער, דער שניידער מיט׳ן גרויסען געווינס; נעמי איז גע־ווען די ווייב עטי־מעני; אזרא און פעדער אַלס קאָפּעל און מאָטעל; און נאָכבוש אַלס דער שדכן — אַ גענוג אינטערעסאַנטער אַנסאַמבעל.

אין מאָריס שוואַרץ׳ס אויפפירונג איז ער אַליין געווען דער חיט שי־מעלע סאראקער, אָבער אַ חיט... בינע אַבראַמאָוויטש איז געווען פּערל; אַנאַ אַפּעל — עטי־מעני; בערטאַ גערסטען — ביילע; פּריד און מוני וויזענפריינד — מאָטעל און קאָפּעל; און מיט זיי האָבען נאָך געשפּילט שווייד, גאָלדפאַדען, שטראַסבערג, קעשיר און זיידענבערג. דאָס איז גע־ווען אַן אַנסאַמבעל, וואָס האָט געגרייכט פאָלקאָמענהייט.

די ווייטערע אויפפירונגען פון די אַנדערע האָבען מער ניט געקענט אויסנעמען.

ג. „סטעמפּעניו״

ר. זאַסלאַווסקי האָט אויך אויפגעפירט „סטעמפּעניו״ אין פּאַוויליאָן טעאַטער אין מערץ 1930.

די פּיעסע „סטעמפּעניו״ איז, ווי ס׳איז באַוואוסט, אַ דראַמאַטיזירונג פון שלום עליכם׳ס ראָמאַנטישע דערציילונג, וואָס טראָגט דעם זעלבען נאָמען. ווי יעדע דראַמאַטיזירונג פון אַ דערציילונג האָט זי טעכנישע פע־לערן, און די שטייגערונג פון דער האַנדלונג איז ניט שטאַרק גענוג. אָבער

ס׳איז פֿאַראַן די מערקווירדיגע שלום עליכם׳דיגע כאַראַקטעריזירונג פֿון אידישע טיפּען. יעדער טיפּ איז אַ שטיק לעבען מיט אַ באַזונדערן חן. און ס׳איז אין איר אויך פֿאַראַן די ראָמאַנטישע, מען קען זאָגען צנועה׳דיגע ליבע צווישען סטעמפּעניו און רחל׳ען, און דאָס איז זייער אונטערהאַל־טענד, אויך אינטערעסאַנט.

דער גרעסטער טעכנישער פעלער אין דער פּיעסע איז וואָס דער ערשטער אַקט, די חתונה, איז צו רייך, צו לעבעדיג. ס׳איז באמת אַ פֿאַל, וואָס קען פֿאַלשטענדיג באַצייכענט ווערען מיט דעם באַקאַנטען פֿאָלקס ווערטעל: „די כלה איז צו שען״.

אַ פּיעסע מוז טעכניש זיך אָנהויבען רוהיגער, און די האַנדלונג זאָל ווערען אַלץ שטאַרקער, שטורמדיגער אָדער אינטענסיווער. אָבער אין „סטעמפּעניו״ איז דער ערשטער אַקט אַזוי גראַנדיעז און אַזוי לעבעדיג, מען קען זאָגען אַזוי קאָכעדיג, אַז דער צווייטער און דריטער אַקט, כאָטש זיי זיינען אָן און פֿאַר זיך זייער שען און לעבעדיג, זעען אויס בלאַס און שוואַך. זיי זעען אויס טאַקע ווי נאָך אַ חתונה...

דער ערשטער אַקט איז אַ מייסטערווערק פֿון אידישער כאַראַקטערי־זירונג און פֿון לעבעדיגקייט אויף דער בינע. ס׳איז אַ אידישע חתונה מיט דעם גאַנצען אַלטען היימישען גלאַנץ; מיט די פֿאַרשייערטע שמשים, פֿאַרקאָכטע מחותנים און מחותנת׳טעס; מיט׳ן מצוה־טענצעל; מיט דער קאַפּעליע כלי־זמרים. אָבער אין דער קאָנסטרוקציע פֿון דער פּיעסע איז דאָס נאָר אַ פֿאָרלאַג צו דעם ראָמאַן פֿון כלי־זמר סטעמפּעניו מיט רחל׳ען, די צאַרטע יונגע ווייבעל פֿון משה מענדעל אייזיק נפתלי׳ס דוואָשי מלכה׳ס. זי ווערט ענטציקט פֿון זיין שפּילען און ער ווערט ענטציקט פֿון איר חן...

די דאָזיגע ליבעס דראַמע איז געמאָלען שען אין אידישע פֿאַרבען, באַהויכט מיט דעם צויבער פֿון אידישע צניעות, פֿאַמיליען ריינקייט, אָבער זי איז טעאַטראַליש שטאַרק באַשאָטענט פֿון דעם זייער רייכען ערשטען אַקט.

ר. זאַסלאַווסקי האָט געשפּילט אַלס סטעמפּעניו, מאַדאַם זעפּקינא אַלס רחל׳ע, חנה גראָסבערג אַלס פריידע סטעמפּעניו׳ס ווייב, נאומאָוו אַלס משה מענדעל. ראַשעל בערגער אַלס די הויפּט מחותנת׳טע, וואָלף זילבערבערג אַלס מעכטשע. עס איז געווען אַן אויסגעצייכענטע פֿאַר־שטעלונג.

אַט אַזוי האָבען מיר געהאַט דאָס פֿאַרגעניגען צו זען שלום עליכם׳ס לעבעדיגע און לוסטיגע פּיעסען.

12. שלום אש אלס דראמאטורג

און זיינע פארבינדונגען מיט לאנדאן

שלום אַש (געבוירען 1־טען יאַנואַר 1880) איז אָן אַ שום ספק דער גרעסטער ראָמאַנען שרייבער, וואָס די אידישע ליטעראַטור האָט ביז איצט געהאַט. קיין אַנדערער האָט ניט דערגרייכט אין שרייבען אידישע ראָמאַנען אַזאַ קינסטלערישע הויכקייט און אַזאַ דורכדרינגען און שילדערן די פאַרשידענע מינים אידען און אין פאַרשידענע לענדער און צייטען, מיט זייער גייסט און גערנאַנגעל, ווי שלום אַש. זיינע ווערק: „אַ שטעטעל", „קידוש השם", „דער תהלים איד" און נאָך איינגע וועלען בלייבען קלאַסישע ווערק אין דער אידישער ליטעראַטור.

שלום אַש'ס ראָמאַנען זיינען אין אַ גרויסען פאַרנעם, הן אין זייער אינהאַלט הן אין זייער סטיל. ער זוכט דאָס פאַרגאַנגענע אויפצולעבען אין דער פאַרשטעלונג פון דער געגענוואַרט, און דאָס געגענווערטיגע צו פאַראייביגען פאַר דער צוקונפט.

מען קען אָבער ניט זאָגען, אַז שלום אַש שטייט אויף אַזאַ הויכער מדרגה אַלס דראַמאַטורג. ער האָט זיכער געשאַפען עטליכע אינטערעסאַנטע פיעסען. איינגע זיינען אויף היסטאָרישע מאָטיוועז, אַנדערע אויף סאָציאַלע מאָטיוועז, אָבער ער איז געבליבען דער גרויסער ראָמאַנען שרייבער... ער האָט אַ גרעסערן זין פאַר שילדערן סביבות און גריבלען זיך, כדי צו ערקלערען נשמה שטימונגען, ווי צו באַגרייפען האַנדלונג, וואָס איז דער עיקר אין דראַמאַטישע שאַפונגען.

שלום אַש איז דער ערשטער גרויסער נאָכפאָלגער פון די דריי שאַפער פון דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור. ער האָט אָנגעהויבען צו שרייבען אונטער פרץ'ס איינפלוס, און אין פרץ'ס „אידישע ביבליאָטעק" האָט ער פאַרעפענטליכט זיין ערשטע פיעסע „צוריקגעקומענע", וואָס ער האָט שפעטער משנה השם געווען אויף „מיט'ן שטראָם". דאָס איז געווען אַ צוויי־אַקטיגע פיעסע, וועלכע איז צוערשט געשפּילט געוואָרען אין אידיש פון אַמאַטאָרען, ווערענד אין אַ פוילישער איבערזעצונג האָט מען איר גלייך געשפילט הן אין קראָקויער שטאָט טעאַטער, הן אין אַ פויליישען טעאַטער אין וואַרשאַ. ערשט שפעטער האָט מען זי אויך געשפילט אין פּראָפעסיאָנעלע אידישע טעאַטערס. איך געדענק ניט, אַז מען זאָל זי האָבען געשפילט אין לאָנדאָן. שיינט מיר, אַז ניט...

זיין צווייטע פּיעסע איז געווען „משיח׳ס צייטען — אַ חלום פון מיין פאָלק״. די פּיעסע פון שלום אַש האָט אַרויסגערופען אַ גרויסען אינטע־רעס, ווען זי איז ערשינען אַלס בוך. עס איז געווען איינע פון די בעסטע ליטעראַרישע פּיעסען, וואָס זיינען ביז דאַמאָלט ערשינען אין אידיש. די טעמא איז אויך געווען וויכטיג, באַזונדערס דערפאַר, ווייל ער האָט אין דער משיח אידעע איינגעקערפּערט מאָדערנע אידעען פון פרייהייט, און דעם געראַנגעל פאַר די דאָזיגע אידעען.

„משיח׳ס צייטען״ איז אויפגעפירט געוואָרען אין ניו יאָרק פון יעקב אַדלער. אין לאָנדאָן האָט מען איר ניט געשפּילט, נאָר דאָך איז פאַראַן אַ געוויסע פאַרבינדונג. דאָ, אין לאָנדאָן, האָט יעקב אַדלער געקויפט ביי שלום אַש די דאָזיגע פּיעסע.

עס איז געווען אין פּאַוויליאָן טעאַטער ביי אַ פאָרשטעלונג אין 1906. יעקב אַדלער האָט אויפגעפירט „געבראָכענע הערצער״ פון ז. ליבין, און נאָך דער פאָרשטעלונג האָט ער אַרויפגעבראַכט אויף דער בינע אַ יונגען בחור און אים פאָרגעשטעלט, אַז עס איז שלום אַש, פון וועלכען ער האָט געקויפט זיין פּיעסע „משיח׳ס צייטען״. ער האָט דערביי שטאַרק געלויבט די דראַמע.

„משיח׳ס צייטען״ איז אויך געשפּילט געוואָרען אין רוסיש און פּוי־ליש, אָבער זי האָט ניט געהאַט קיין גרויסען ערפאָלג.

אין 1907 האָט שלום אַש פאַרעפענטליכט זיין אָם בעסטען באַקאַנטע דראַמאַ, „גאָט פון נקמה״, וואָס האָט אַרויסגערופען גרויסען אינטערעס אי צוליב דער טעמאַ, וואָס ער באַהאַנדעלט, און צוליב דעם וואָס פרומע אידען האָבען געגען איר אויסגעזעצט מער, ווי געגען וועלכער ס׳איז אַנדערע פּיעסע. (איך שטעל זיך ווייטער אָב אויספירליכער וועגען דעם). די דראַמאַ האָט געהאַט אַ זייער גרויסען ערפאָלג הן אין אַמעריקאַ הן אין איראָפּאַ. זי איז אויך געשפּילט געוואָרען אין רוסיש, דייטש, פּויליש, און אַנדערע שפּראַכען. אין ניו יאָרק האָט מען פאַרבאָטען די פּיעסע נאָך דעם וואָס מען האָט איר געשפּילט פּילע מאָל. די טרופּע האָט זאָגאַר געהאַט אַ פּראָצעס געגען זיך. אין ארץ ישראל האָט מען ניט דערלאָזען אַז די פּיעסע זאָל געשפּילט ווערען. נאָך מיין מיינונג האָט די פּיעסע גראָדע אַ מאָראַליזירענדע טענדענץ. מען האָט נאָר איין זאַך באַדאַרפט קלאָר מאַכען. איך וועל דאָס ווייטער אָנצייגען.

אין 1908 האָט שלום אַש פאַרעפענטליכט אַ היסטאָרישע טראַגעדיע „שבתי צבי״. דער פאַלשער משיח האָט אויף דער אידישער בינע געהאַט דעם זעלבען שלים־מזל, ווי „משיח׳ס צייטען״. מען האָט די פּיעסע ווייניג וואָס געזען.

ערפּאָלגרייכער איז געווען אַש׳ס איין־אַקטער „אמנון און תמר״. די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרען הן פון גראַנאָווסקי׳ן, הן פון דער ווילנער טרופּע. ער שאַפט נאָך אייניגע איין־אַקטערס: „אום ווינטער״, „דער זינדיגער״. עס קומט דאַן זיין קאָמעדיע „דער יחוס״, וואָס איז אויפ׳ן מאָטיוו פון קלאַסען געגענזעצע אונטער דער ווירקונג פון געגענווערטיגע ענטוויקלונגען, ווען די בלוט אַריסטאָקראַטיע איז אונטערגעגאַנגען און די בורזשואַזיע האָט איר פּלאַץ פאַרנומען.

די דאָזיגע קאָמעדיע פון אַש׳ן איז שוין געווען ערפאָלגרייך. מען האָט איר געשפּילט אין אידישע טעאַטערס אין לאָדז און ניו יאָרק. אָבער אויף דער אידישער בינע אין לאָנדאָן איז זי אַלץ ניט אויפגעפירט געוואָרען. זי האָט דאָך דאָ אַרויסגערופען אַ געוויסען אינטערעס.

שלום אַש האָט די קאָמעדיע זיינע, „יחוס״, פאָרגעלעזען פאַר אַ קרייז רוסישע שריפטשטעלער און קינסטלער אין סט. פּעטערסבורג (איצט לענינגראַד). רוסישע שריפטשטעלער האָבען דערביי געשאַפען אַ סצענע. זיי האָבען אויסגעזעצט געגען דעם וואָס מען ברייננט אַריין אידישע ווערק אין דער רוסישער שפּראַך, און ס׳האָט זיך דורך דעם ענטוויקעלט אין דער רוסישער פּרעסע אַ פּאָלעמיק איבער דאָס אַנטייל נעמען פון אידען אין דער רוסישער ליטעראַטור. רוסישע שריפטשטעלער האָבען זיך אַרויסגעזאָגט, אַז ס׳איז בעסער אי פאַר רוסישער אי פאַר אידישער ליטעראַטור און קונסט, אַז אידען זאָלען בלויז ווירקען אין זייער אייגענער אידישער שפּראַך. עס פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבען זיך ניט גערעכענט מיט דעם פאַקט, אַז אידען לעזען ניט בלויז אידיש... אָט דעם דאָזיגען אינצידענט האָב איך דערמאָנט אין מיין בוך „אַ אידישע אוטאָפּיע״, וואָס איז ערשינען אין 1917, אַלס ביישפּיל פון אַנטיסעמיטישע מאַניפעסטאַציעס, און איך האָב ערקלערט: „אין דער צוקונפט וועלען אַזעלכע ערעייגניסע נאָך אָפטער פאָרקומען, און וואָס פאַר אַ מין גייסטיגע און מאָראַלישע ליידען דאָס וועט פאַרשאַפען צו אידען אין פרייע לענדער, דאָס קען מען זיך איצט גאָרניט פאָרשטעלען״... איך וויל דאָ וועגען דעם קיין פירוש ניט מאַכען, איך האָב נאָר געוואָלט פאַרצייכענען דעם פאַקט, און יעדער ווייסט איצט ווי ריכטיג ס׳איז געווען אָט די אָבשאַצונג פון דער לאַגע...

אין סוף יאָר 1909 האָט שלום אַש באַזוכט אַמעריקאַ. ער האָט דאָרט פאַרפאַסט אַ קאָמעדיע „דער לאַנדסמאַן״. די טענדענץ פון דער קאָמעדיע איז געווען צו צייגען די פאַרבינדונג, וואָס איז פאַראַן צווישען איינגעוואַנדערטען אַמעריקאַנעם אידען און די אידען פון די אַלטע היימען. אַזאַ פּיעסע האָט גראַדע באַדאַרפט האָבען ערפאָלג, אָבער זי האָט עס ניט געהאַט. פאַר וואָס, וועל איך ווייטער איבערגעבען.

שלום אַש האָט נאָך געשאַפען אַ ביבלישע דראַמע, „יפתח׳ס טאָכ־טער“, און די פּיעסען: „דאָס הייליגע מיידעל“ אָדער „אַ שנירעל פּערל“, „דער טויטער מענש“, „מאַראַנען“.

עס איז דאַן געקומען די דראַמאַטיזירונג פון „מאָטקע גנב“, איינער פון די בעסטע רעאַליסטישע ראָמאַנען פון שלום אַש און פון דער אידי־שער ליטעראַטור. די פּיעסע האָט אויך געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג.

עס פאָלגט „ווער איז דער טאַטע“, וואָס דער מחבר האָט באַארבייט פון זיינער אַ פריערדיגער פּיעסע „בונד פון די שוואַכע“.

און דאַן, די וויכטיגסטע צוויי פּיעסען פון שלום אַש: „פּאָר אונזער גלויבען“ און אַ דראַמאַטיזירונג פון זיין היסטאָרישען ראָמאַן „קידוש השם“. דאָס זיינען פּיעסען פון דער אידישער טראַגעדיע. זיי זיינען זייער איינדרוקספול, און זיי האָבען אַ גרויסען ערפאָלג.

אַש׳ס ראָמאַן „אָנקעל מאָזעס“ איז אויך דראַמאַטיזירט געוואָרען, און מען האָט די פּיעסע געפילמט.

ער האָט נאָך געשריבען: „רעווערענד דר. סילווער“ און „קוילען“. קיין גרויסע ערפאָלגען זיינען זיי ניט געווען.

דער סך הכל איז אַלץ דער, וואָס איך האָב פון אָנהויב אָנגעצייגט, אַז שלום אַש׳ס גרויסקייט איז ניט אַלס דראַמאַטורג. אָבער איינִיגע פון זיינע פּיעסען קומט אַ שטענדיגען פּלאַץ אין דעם רעפּערטואַר פון אידי־שען טעאַטער.

איך וויל אויך פאַרצייכענען, אַז שלום אַש האָט עטליכע מאָל באַזוכט לאָנדאָן, אָבער קיין מאָל איז עס ניט געווען אין שייכות מיט זיינע פּיע־סען. עס האָט זיך ביי אונז ניט געפונען קיין אידישע טעאַטער טרופּע וואָס זאָל אויפפירען אַ פּיעסע זיינע, ביי וועלכער ער זאָל זיין אַנוועזענד. ווע־ניגסטענס ווייס איך ניט פון אַזאַ פאַל.

13. שלום אש׳ס פיעסען

וואס זיינען געשפּילט געוואָרען אין לאָנדאָן

א. „גאָט פון נקמה״

די ערשטע פּיעסע פון שלום אַש, וואָס איז געזען געוואָרען אין לאָנ־דאָן, איז געווען „גאָט פון נקמה״, אויפגעפירט פון דוד קעסלער אין פּאַ־וויליאָן טעאַטער אין יוני 1913. דער גרעסטער רעאַליסטישער שוישפּי־לער פון דער אידישער בינע האָט דאַמאָלט גאַסטראָלירט אין לאָנדאָן, און ער האָט אויפגעפירט אַש׳ס באַרימטע דראַמע, שפּילענדיג דעם הויפּט כאַראַקטער יעקל שאַפּשאָוויטש.

„גאָט פון נקמה״ איז אויף דעם מאָטיוו פון פאַטאַליזם: ווער עס זינ־דיגט ווערט באַשטראָפט פאַר דער זינד. מעג ער טון סאַי וואָס, מעג ער מיט אַלע זיינע כחות און מעגליכקייטען זוכען צו באַקומען פאַרגעבונג, וועט ער דאָס ניט דערגרייכען, און די שטראָף וועט טרעפען ניט נאָר אים, נור אויך זיין קינד, וויל עס הערשט דאָס געזעץ פון ירושה, און גאָט שטראָפט אויך די קינדער פאַר די עלטערן.

שלום אַש׳ס „גאָט פון נקמה״ קען אין געוויסע הינזיכטען פאַרגלייכט ווערען צו איבסענ׳ס „גייסטער״ און בריע׳ס „דעמעדזשד גודס״ (איבער־געפירטע סחורה). די אַלע דריי פּיעסען באַהאַנדלען די ווירקונג און די רעזולטאַטען פון דעם עקעלהאַפטען געזעלשאַפטליכען איבעל, וואָס ווערט אָנגערופען: פּראָסטיטוציע. דער אונטערשיד צווישען זיי איז: ווערענד איבסען און בריע האָבען געצייגט, אַז פּראָסטיטוציע פירט צו פיזישער דעגענעראַציע, האָט שלום אַש געצייגט, אַז זי פירט צו מאָראַלישער ענט־אַרטונג, וואָס איז אַלץ אַזוי שרעקליך און פון אידישען שטאַנדפּונקט נאָך שרעקליכער.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז אויך פאַראַן אַ גרויסער אונטערשיד אין דער אַרט און וועיזע ווי יעדער איינער פון די פאַרפאַסער האָבען באַהאַנ־דעלט דאָס טעמא: איבסען איז זיכער געווען דער גרעסטער אַלס דראַמע דיכטער און דער פּינקטליכסטער רעאַליסט פון די דריי. בריע איז געווען אַ כירורג, און ער האָט אויך אין דער דראַמע אַלץ געשניטען מיט כירור־גישער שטרענגקייט. ביי שלום אַש איז די האַנדלונג אַ ביסעל צופלאָסען, ניט אַזוי קאָנצענטרירט. ער האָט אפילו די טעמא אומפאַסט טיפער, פּסי־

כאַלאַגישער, ווייל ער האָט אויך באַהאַנדעלט מאָראַלישע ווירקונגען. אָבער אַנשטאָט ער זאָל זיך קאָנצענטרירען אויף דעם פּסיכאָלאָגישען קאָנפליקט פון יעקל שאַפּשאָוויטש, האָט ער גאָר אַרויפגעבראַכט אויף דער בינע דאָס הייזעל מיט איר אונפאַרמיידליכער וואולגאַריטעט, וואָס זעט זיך אַרויס אפילו פון אונטער דעם צודעק פון אַ פּאָעטישער פּראָזע. דאָס רייסט אין אַ געוויסען הינזיכט איבער דאָס נאַטירליכע שטייגען פון דער האַנדלונג.

די האַנדלונג צוטיילט זיך דערפאַר אין צוויי מאָטיווען: אויף איין זייט די שטרעבונג צו ריינקייט, וואָס איז פאַראַן ניט נאָר ביי יעקל שאַפּ־שאָוויטש, נאָר אפילו ביי די געפאַלענע פּראָסטיטוטקעס. יעדע פון זיי זוכט זיך צו לייטערן, וועלכע דורך וועלען חתונה האָבען און וועלכע דורך פאַר׳שיכור׳ן זיך מיט עראָטיק... און דער צווייטער מאָטיוו איז די שוין אין אָנפאַנג דערמאָנטע אונפאַרמיידליכקייט פון די פאָלגען פון זינד. ווען דער מחבר זאָל זיך געוועזן אָבשטעלען בלויז אויף דעם צווייטען מאָטיוו וואָלט די האַנדלונג געווען אויסגעהאַלטענער.

דאָך, אפילו ווי זי איז, שטייגט די האַנדלונג, זי ענטוויקעלט זיך, גרייכט צו אַ שטורמדיגען קלימאַקס און אַנטי־קלימאַקס.

ס׳איז אַזאַ געשיכטע:

יעקל שאַפּשאָוויטש האָט אַ שאַנד־הויז. ער האָט חתונה געהאַט מיט איינע פון זיינע נקבות, און זי העלפט אים אָנפירען דאָס הויז. האָבען זיי אַ טאָכטערל, רבקה׳לע, זוכט דער פאָטער זי צו פאַרהיטען ניט אַריינצו־פאַלען אין דער נעץ פון זנות, אין דעם זומפּ פון דעם שמוציגען לעבען, וואָס איז דער מקור פון זיין פּרנסה.

יעקל שאַפּשאָוויטש איז אַ אונוויסענדער מענש, אין אים איז פאַראַן אַ אינערליכע שטרעבונג צו ריינקייט, אָבער ער האָט ניט קיין וויסען און ניט קיין מוט צו האַנדלען. ער טראַכט גאָרניט פון אויפגעבען זיין פּרנסה, אָדער פון אַוועקשיקען זיין קינד פון דער שמוציגער סביבה פון דעם אויסגעלאַסענעם לעבען. ער האַלט זיין טאָכטערל אין דעם פאַר־דאָרבענעם הויז, און דאָך וויל ער, דאָס זי זאָל בלייבען ריין... ער זוכט זי צו באַשיצען דורך אַ רעליגיעזען געפיל, וואָס איז פיל מער אַבערגלויבען ווי אמת׳ע רעליגיע... ער מיינט דאָס אויב ער וועט אַריינגעמען אַ ספר תורה אין שטוב אריין, און זי האַלטען אין צימער פון זיין קינד, וועט זי שוין זיין באַשיצט.

ס׳איז ניט קיין לייכטע זאַך און זיכער ניט קיין פּאַסיגע זאַך צו באַ־קומען אַ ספר תורה פאַר אַזאַ הויז, אָבער פאַר געלד קריגט מען דאָך אַלעס, האָט ער אויך געקראָגען איינעם וואָס זאָל אים פאַרזאָרגען מיט

אַ ספר תורה, און יעקל נעמט אויף די הייליגקייט מיט גרויס פרייד און מיט דעם גלויבען דאָס זיין קינד וועט גערעטעט ווערען...

אָבער די סביבה ווירקט. עס זיינען ניט די זינדיגע מחשבות פון דער מיידעל, וואָס שלעפּט זי אַראָב אין אָבגרונד, עס איז ניט וועלכע ס'איז ליבע. עס זיינען קודם כל די אויסגעלאַסענע מיידלעך וועלכע אינטערע־סירען איר, אייניגע זיינען דאָרפישע און דער פּאַרפּאַסער האָט זיי באַ־פּוצט מיט פּאָעזיע. עס קען זיין, דאָס זיי זיינען טאַקע געווען פּאָעטיש געשטימט, רייצענד, און זיי ציען צו רבקה'לען. זי וויל מיט זיי פאַר־ברייגגען... נאָך שטאַרקער ווירקט געגען איר אָנשטענדיגקייט דאָס וואָס איינע פון די אויסגעלאַסענע פרויען, וועלכע האָט אַ „חתן", זוכט זיך אַרויסצורייסען פון דעם שמוציגען לעבען, און זי שלאָגט פאַר דעם חתן אוועקצונעמען איר בעל־הבית'ס טעכטערל, און מיט איר עפענען אַן איי־גען שאַנד־הויז. זיי פירען דאָס דורך. ווען יעקל דערפאַרט וואָס ס'איז געשען איז ער ווילד פון ווייטאָג. ער איז ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה. ער ברייגגט אפילו צוריק די טאָכטער צו זיין הויז, אָבער דאָס קען אים ווע־ניג וואָס באַרוהיגען. דער חורבן אין זיין גלויבען איז שוין געשען. ער האָט טענות צו גאָט און צו דער תורה, פאַר וואָס זיי האָבען זי ניט באַ־שיצט און ער טרייבט צוריק זיין אייגענע פרוי מיט דער טאָכטער אין דעם שאַנד־הויז...

די פּיעסע, נאָך מיין מיינונג, איז אַ מאָראַליזירענדע, ווייל זי צייגט אָן אויפ'ן פאַקט, אַז פון שטראָף פאַר זינד קען מען זיך ניט אויסקויפען.

מיר זיינען דערפאַר ערשיגען אונבאַרעכטיגט די געשרייען, וואָס מאַנכע האָבען דערהויבען, פאַר וואָס מען פּירט אויף אַזאַ פּיעסע. די טענה: „סטייטש צו ברייגגען אַ ספר תורה אין אַ שאַנד־הויז", האָט קיין זין ניט, ווייל קיינער ברייגגט ניט קיין אמת'ע ספר תורה אין אַ שאַנד־הויז. ס'איז דאָך בלויז אַ פאַרשטעלונג, און די אַזוי גערופענע „ספר תורה" אויף דער בינע איז אויך נאָר אַ פאַרגעשטעלטע... עס קומט ניט פאַר קיין שום פאַרלעצונג פון אַן אמת'ן רעליגיעזען געפיל. עס ווערט בלויז געצייגט אַז אָבערגלויבען קען ניט העלפען זיך צו פאַרהיטען פון שטראָף פאַר זינד.

לויט ווי מיר שיינט האָט דער פאַרפאַסער בלויז באַדאַרפט קלאָר מאַכען אין דער פּיעסע גופא, אַז עס איז נוצלאָז צו דערוואַרטען, אַז די תורה, אָדער דער גלויבען אין דער תורה, זאָל קענען העלפען דאָ־מאָלט ווען מען טוט זאַכען וואָס זיינען דורך דער תורה שטרענג פאַר־באָטען... אָבער דאָס וואָלט נאָר בויטיג געווען איינצושטילען די וועלכע האָבען זיך געפילט פאַרלעצט. אין אַלגעמיין איז דאָס ניט בויטיג געווען, ווייל דאָס זעט זיך פאַלשטענדיג אַרויס פון דער האַנדלונג גופא.

די אויפפירונג פון דוד קעסלער און איבערהויפט זיין שפילען די ראָלע פון יעקל שאַפּשאָוויטש איז געווען זייער געלונגען, אונפּאַרגעסליך.

מישא פישזאָן האָט אויך אין יוני 1923 אויפגעפירט די פּיעסע אין פּאַוויליאָן טעאַטער און געשפּילט די ראָלע פון יעקל שאַפּשאָוויטש מיט ערפאָלג.

ב. „מאטקע גנב״

אין „מאָטקע גנב״ האָט שלום אַש געלאָזט אַריינקוקען אין דער אונטערוועלט, אין די קעלערס און קאַוויאַרניעס, אין וועלכע עס באַוועגען זיך פינסטערע כאַראַקטערע, גנבים, אויסוואורפען, גאַסען־פרויען און פרויען הענדלער.

„מאָטקע גנב״ איז אַ פּאַנאָראַמע פון גרויליכע בילדער און געשטאַל־טען. די אידעע פון דעם ווערק, און פאָלגליך אויך פון דער פּיעסע, איז צו צייגען די טרויעריגע פאָלגען פון סאָציאַלען עלענד, פון אָרימקייט און דחקות, פון דעם שרעקליכען קאַמף פאַר עקזיסטענץ. דער הויפט כאַ־ראַקטער, מאָטקע אַליין, צייגט וואָס עס קען ווערען פון אַ קינד מיט אַ ריינער נשמה, ווען עס ווערט דערצויגען אין אַ פינסטערער קעלער וואוי־נונג, מיט קלעפּ, קללות, חרמות און הונגער.

אין דער פּיעסע ווערט אויך געצייגט, אַז ביי די נידעריגסטע שיכ־טען פון דער געזעלשאַפט, אפילו ביי די פאַרבאַרגענסטע טיפען, וואָס קען נאָר עקזיסטירען צווישען אידען, זיינען נאָך אַלץ פאַראַנען גוטע מדות און אַ שטרעבונג צו ריינקייט און אָרענטליכקייט. זיי ראַנגלען זיך כדי זיך אַרויסצורייסען פון דעם זומפּ, נאָר אַ פאַטאַלער שיקזאַל פאַר־פאָלגט זיי און דערלאָזט ניט, אַז זיי זאָלען זיך באַפרייען פון זייער שרעק־ליך טראַגישער לאַגע.

דאָס צייגט זיך אַרויס אין די האַנדלונגען און וואַנדלונגען פון מאָט־קע׳ן. דאָס צייגט זיך אויך אַרויס דורך די אינערליכע איבערלעבונגען פון די געזונקענע גאַסען־מיידלעך, וועלכע טראַץ זייער פאַרפּוילטען זינדי־גען לעבען, האָפען זיי נאָך אַלץ, אַז גאָט וועט צושיקען באַשערטע און זיי וועלען חתונה האָבען און ווערען אָרענטליכע בעל הבית׳טעס.—ביי גאָט איז דאָך אַלץ מעגליך... און אפילו ביי די וועלכע האָבען ניט די שטרעבונג איז עס אויך ניט זייער שולד. ווי זאָגט איינע פון זיי: „איך האָב ניט קיין היים. מיין היים איז די גאַס; טאָ גיי איך אין גאַס״...

די הויפט זאַך אין דעם ווערק, און אין דער פּיעסע, איז די שילדע־

רונג פון דעם כאַראַקטער פון מאַטקע גנב. ער איז געבוירען געוואָרען מיט גוטע נייגונגען, און וואָלט ער אויפגעוואַקסען אונטער גינסטיגע מענשליכע פאַרהעלטניסע, מיט ריכטיגער אויפפאַסונג און דערציהונג, וואָלט ער געווען אַ מענש צו מענשען גלייך. אָבער דורך די אומשטענדען זיינע און דורך דער ערציהונג וואָס מאַטקע האָט באַקומען; דורך דעם הונגער און מאַנגעל, ווערט ער אַ גנב, און עס ענטוויקעלט זיך ביי אים אַ שוואַכער כאַראַקטער, וואָס פאַלט אַרונטער פרעמדע שעדליכע איינ־פלוסען. ער ווערט פאַרטריבען פון זיין היים; פאַלט אַריין אין אַ פאַר־דאָרבענער געזעלשאַפט. אונטער דעם איינפלוס פון אַ פאַרפירערישע קאָקאָטע, מיט פאַרברעכערישע אינסטינקטען, ווערט ער זאָגאַר אַ מער־דער... אָבער טראָץ דעם רייסט זיך זיין נשמה צו אַ ריינעם, ערליכען און אָרענטליכען לעבען. עס קומט פאַר אין אים אַ קאַמף צווישען גוטעס און שלעכטעס. אין אַ מאָמענט דוכט זיך, אַז דאָס גוטע וועט זיגען, און מאַט־קע וועט זיך באַפרייען פון דעם ערדישען גיהנום וואָס ברענט אַרום אים. ער פאַרליבט זיך אין אַ אָרענטליך מיידעל; ווערט צוליב איר אַ פיינער מענש און גיט אויף זיינע ניט אָרענטליכע געשעפטען. זיין ערליכקייט גייט אַזוי ווייט זיך מודה צו זיין פאַר זיין כלה אין דעם מאָרד, וואָס ער האָט באַגאַנגען... אָבער אומזיסט איז מאַטקע׳ס קאַמף. דער שיקזאַל זיינער איז געזיגעלט. דער פאַרפאַסער איז אַ פאַטאַליסט. קוים האָט איינער פון זיינע העלדען געזינדיגט, קענען זיי זיך שוין ניט מער פון דער זינד אויסקויפען, קען ער זיך שוין ניט מער רעטען פון אירע פאָלגען... די עלטערן פון דער כלה גיבען אויס מאַטקע׳ן צו דער פאָליציי.

עס איז אַ טראַגישע געשיכטע פון אַ טראַגישען לעבען, וואָס פאַר־דינט סימפּאַטיע, כאָטש ס׳איז דורכגעוועבט מיט זינד און פאַרברעכען. ס׳פאַרדינט אויך זיך צו פאַרטראַכטען, צי מען וואָלט ניט באַדאַרפט זו־כען צו פאַרמיידען, דאָס אַזעלכע טראַגעדיעס זאָלען געשען מיט מענ־שען. מאַטקע איז אַ פּראָדוקט פון אומשטענדען. אין אַ וועלט, אין וועל־כער עס וואָלטען ניט געווען אַזעלכע אומשטענדען וואָלט אַ מאַטקע ניט געפאַלען...

„מאַטקע גנב“ איז אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע פּיעסע. די האַנדלונג איז געשפּאַנט און זי איז אויך איבערגעגעבען אין אַ זייער לעבעדיגען כאַ־ראַקטעריסטישען סטיל, מיט פיל הומאָר. דורך דעם איז די פּיעסע אויך אַמוזירענד.

יאָזעף קעסלער האָט אויפגעפירט אין פּאַוויליאָן טעאַטער „מאַטקע גנב“. ער האָט געשפּילט דעם הויפּט כאַראַקטער; מאַדאַם פיינמאַן איז געווען מערי די כלה. עס האָבען זיך נאָך באַטייליגט: מאַדאַם אויגענ־

בליק, מאַדאַם בעקי גאָלדשטיין, הערר און מאַדאַם זיידערמאַן, שערמאַן א. אַ. ס׳איז געווען אַ אינטערעסאַנטע פאָרשטעלונג.

ג. „קידוש השם״

„קידוש השם״ — פון אַ קאַפּיטעל פון אידישען מאַרטירערטום האָט שלום אַש אויסגעוועבט אַ סימפּאַניע אין ווערטער, אין וועלכער עס ווערט אויסגעזונגען אין פּשוט׳ע, אָבער זייער רירענדע קלאַנגען די ליידען, די ווייטאָגען, די שטערבונגען, די ריינקייטען פון די קינדער פון אידישען פאָלק, ווען עס איז הפקר און וועמענס בלוט עס ווערט פאַר־גאָסען. ער האָט דערביי אויך געשילדערט די אייביגע געפאַר וואָס דראָט אונזער פאָלק מצד די וועלכע טראָגען געגען אונז אַ שטענדיגע שנאה, וואָס פאַר׳סם׳ט זייערע אייגענע לעבענס און די גאַנצע וועלט.

אין שלום אַש׳ס ווערק ווערט ניט געשילדערט די טראַגעדיע פון די אידישע גאונים, וועלכע זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם, נאָר די טראַגעדיע פון די אידישע פאָלקס מענשען, וועלכע זיינען אומגעבראַכט געוואָרען צוליב די זעלבע סבות, ווי יענע גרויסע גייסטיגע פירער, און וועלכע האָבען זיך מקריב געווען מיט דער זעלבער פרייוויליגקייט און ענטשלאָסענהייט פאַר דעם אידישען נאָמען, פאַר דעם אידישען גייסט און פאַר דער אידישער ריינקייט, וואָס איז דער עיקר פון דעם אידישען גייסט.

פון אַ עפּיזאָד פון שלום אַש׳ס ווערק האָט מען סצענירט די דראַמע וואָס טראָגט דעם זעלבען נאָמען „קידוש השם״, וואָס איז געשפּילט גע־וואָרען מיט גרויסען ערפאָלג אין דער גאַנצער וועלט, אויך ביי אונז אין פּאַוויליאָן טעאַטער.

ווי אין יעדער סצענירונג פון אַ דערציילונג פעלט אין איר דער שטאַרקער דראַמאַטישער צוזאַמענבונד פון איין סצענע מיט דער צוויי־טער. די סצענעס מאַכען מער דעם איינדרוק ווי פון קאַפּיטלעך פון אַ געשיכטע, ווי אַקטען פון אַ דראַמע. אָבער יעדע סצענע אַן און פאַר זיך איז זייער אינטענסיוו דראַמאַטיש און זיי פאָלגען מיט לאָגישער אונפאַר־מיידליכקייט איינע נאָך די צווייטע. כאָטש די ענטוויקלונג איז ניט גענוג שטייגערענד, די האַנדלונג טראָגט זיך ניט מיט אימפּעט צו אַ קלימאַקס און אַנטי־קלימאַקס, דערגרייכט דאָך יעדע סצענע די נשמה פון צושויער צוליב איר אייגענער טיפער דראַמאַטישער שטאַרקייט, צוליב די אידישע ליידען וואָס ווערען אין יעדער סצענע באַזונדער אַזוי בולט אַרויסגע־בראַכט.

ס׳איז אַ דראַמע אויס דעם לעבען פון אידען אין כמעלניצקי׳ס צייט; עס שפּיגעלט זיך אָב ווי אידען האָבען באַקומען דעם חסד פון פוילישע

פּריצים, דאָס זיי זאָלען האָבען די דערלויבעניש צו בויען אַ שול. זיי האָ־בען זיך געמוזט דערנידעריגען, טאַנצען און זינגען מה־יפית, און דערביי ברוטאַל געשלאָגען ווערען, אָבער זיי האָבען עס מקבל באהבה געווען, אַבי צו קענען בויען אַ שול.

עס צולאָזען זיך דאַן כמעלניצקי׳ס באַנדעס. זיי מאַכען חרוב אידי־שע ישובים; די שוידערליכסטע מעשים קומען פאָר, די גרוילִיכסטע ביל־דער שפּיגלען זיך אָב. און אין מיטען פון די גרויזאַמקייט ווערט צושטערט אַ אידישער ראָמאַנס פון אַ יונגען פּאָרעל, וועלכע זיינען דערצויגען גע־וואָרען פון קינדוויַיז אַלס חתן כלה און ס׳האָט שוין געהאַלטען ביי זייער פאַראייניגונג. די כלה איז דערצו נאָך אין סכנה מיט איר ריינקייט, מיט איר אונשולד... באַנדיטען הרג׳ענען זיך צוליב איר, זיי באַשטימען דורך קראַפט צו וועלכען זי זאָל באַלאַנגען, אָבער ווען עס בלייבט דער זיגער איבער די אַנדערע באַנדיטען, און ער וויל שוין דעם קרבן צו וועלכען ער האָט זיך געציַלט, דערציילט אים די אידישע טאָכטער, אַז זי איז אַ היילִיגע, אַז ער וועט זיך אין איר ניט קענען אַנרירען. אַ סמן — זאָל ער אויף איר שיסען, וועט ער זען, אַז די קויל וועט זי ניט טרעפען... לאָזט זיך דער באַנדיט איינרעדען צו פּרובירען און אויף איר שיסען, און זי באַצאָלט מיט איר לעבען דעם פּרייז צו רעטען איר אידישע ריינקייט, איר מענשליכע ווירדע... דאַן ערשט קומט פאָר די אַלגעמיינע שחיטה אויף די אידען פון שטעטעל און זיי שטאַרבען אויף קידוש השם.

ס׳איז געווען אַ אינטערעסאַנטע פאָרשטעלונג; זי איז אויפגעפירט געוואָרען פון פעני וואַקסמאַן, וועלכע האָט געשפּילט די ביאַניע. סאָלאָמאָן שטראַמער און קלאַראַ שטראַמער האָבען געשפּילט אַלס שלמה׳לע און דבורה׳לע, די חתן כלה. ש. פּאַסטעל האָט געשפּילט דאָס היילִיגע שניי־דערל. די איבעריגע האָבען געלייסטעט אַ שוואַכען ביַיטראַג.

ד. „אונזער גלויבען״

דאָס איז איינע פון די בעסטע פּיעסען אין אידישען רעפּערטואַר, איבערהויפּט דער דריטער אַקט איז דער שטאַרקסטער דראַמאַטישער אַקט וואָס איז ווען עס איז אויפגעפירט געוואָרען אויף דער אידישער בינע.

שלום אַש אַליין האָט, מיט אַכט יאָר פריער, איידער איך האָב געזען די פאָרשטעלונג פון זיין פּיעסע „אונזער גלויבען״, פאָרגעלעזען דעם דריטען אַקט אין דער רעדאַקציע פון די „צייט״. עס זיינען געווען אַנווע־זענד איינִיגע שריפטשטעלער און קריטיקער. מיר זיינען אַלע געווען שטאַרק אימפּרעסירט און גערירט פון די דיאַלאָגען און פון די טיפע גע־

פילען, וואָס זיינען אין זיי אויסגעדריקט. אייניגע פון אונז, גאַנץ שטאַרקע מענשען מיט פּאַרהאַרטעוועטע נערווען פון לעבענס געשעעענישען און סאָציאַלע דראַמען, זיינען געווען גערירט ביז טרערען. שלום אַש אַליין, דער פּראָפעסער און פאַרלעזער, איז איינפאַך געווען צודרייט פון אינער־ליכער איבערלעבונג... איך האָב זיך דאַמאָלט געפרעגט: ווער דער אַקט מאַכען דעם זעלבען איינדרוק, ווען מען וועט אים שפּילען? וועט אויף דער בינע ניט אָבגעשוואַכט ווערען זיין אינטענסיוויטעט, ווי עס געשעט אָפט ביים שפּילען ליטעראַרישע פּיעסען? עס איז ביי מיר געבליבען אַ ספק, אָבער דאָס איז פאַרשוואונדען געוואָרען ווען איך האָב געזען די פּיעסע שפּילען. די אינטענסיוויטעט גרייכט צו אַ זייער הויכער מדרגה אין דערמאָנטען אַקט.

אין די ערשטע צוויי אַקטען קומט פאָר אַ כאַראַקטעריסטישע גע־שיכטע, אָבער אַזעלכעס פּלעגט מאַנכע מאָל טרעפען אין דערפער. אַ שגץ האָט זיך געליבט מיט אַ אידישע מיידעל. מען האָט איר געוואָלט חתונה מאַכען געגען איר ווילען מיט אַ אידען; ס'איז אפילו שוין פאָרגעקומען די חופה, אָבער דער שגץ האָט דאָך די כלה אַרויסגע'גנב'עט. זי איז זיינע און זי שמד'ט זיך. אָבער אין דריטען אַקט ענטוויקעלט זיך די געוועהנליכע געשיכטע צו אַ מייסטערווערק. דער אַקט איז אָריגינעל אין העכסטען גראַד, איינדרוקספול, מיטרייסענד, קינסטלעריש און דראַמאַטיש אויף דעם העכסטען אופן.

עס ווערט געשילדערט אַ געוויסער אָבערגלויבען מיט אַ סגולה, וואָס זאָל ווירקען אַז די אידישע טאָכטער, אסתר'קע, זאָל זיך צוריקקע־רען צו אירע עלטערן. עס ווירקט ניט. זי שוואַנגערט פון איר קריסט־ליכען מאַן, אָבער דאָס קינד קומט איר אָן זייער שווער. זי שרייט און רופט און בעט זיך, אַז עס זאָלען צו איר קומען טאַטע־מאַמע... דער טאַ־טע וויל ניט גיין, אָבער די מאַמע לויפט רעטען איר קינד; און זי ברייגגט צוריק די בשורה, אַז אַ קינד איז געבוירען געוואָרען. דעם פאָטער'ס ליידען זיינען אין לשער.

די פּויערים פון דאָרף רעאַגירען אויף זייער שטייגער. זיי ווילען אַז די עלטערן זאָלען זיך איבערבעטען מיט דער טאָכטער וואָס האָט פאַר־לאָזען איר אמונה. צוערשט זוכען זיי צו ווירקען מיט גוטען. זיי רעדען צו די אידישע טאַטע־מאַמע, אַז זיי זאָלען זיך אויך שמד'ן — אומזיסט די מי!... צובונטעווען זיך די פּויערים געגען זיי. ס'איז אַ סכנה... בעט די פרוי דעם מאַן, דאָס זיי זאָלען פאַרלאָזען דאָס דאָרף, וויל ער ניט.. דאָרט איז געווען דאָס הויז פון זיין פאָטער, דאָרט וויל ער בלייבען. אָבער דער בונט פון די פּויערים ברעכט אויס עפענטליך. זיי ווילען דעם אידען מיט זיין פרוי דערמאָרדען. קומט די טאָכטער צו לויפען און רעטעט זיי...

אָבער אָט צוליב דעם, וואָס ער דאַרף אָנקומען צו דער טובה פון דעם קריסט, וועלכער האָט ביי אים צוגענומען די טאָכטער, באַשטימט דער איד אַוועקצוגייען מיט זיין פרוי אין דער וויטער וועלט אַריין...

ס'איז אַ זייער פּאַטעטישע געשיכטע. בלויז אידען קענען איר אי־בערלעבען, און נאָר אידען קענען איר פאַרשטיין...

די פאָרשטעלונג פון דער פּיעסע האָבען מיר געהאַט צו פאַרדאַנקען יוסף קעסלער. ער האָט געשפּילט דעם פאָטער. מיט אים האָבען געשפּילט מאַדאַם דינע פיינמאַן, מאַדאַם אויגענבליק, מאַדאַם סילוויאַ, ברייטמאַן, ברוין, שערמאַן, מאַרקאָוויטש. זיי האָבען זיך אַלע דערהויבען אין מיינע אויגען פאַר'ן שפּילען די פּיעסע. ס'איז איינע פון די פאָרשטעלונגען וואָס איך קען ניט פאַרגעסען, הויפּטזעכליך צוליב דער באמת פּסיכאָלאָגישער אינטענסיוויטעט און אידישער פּראָבלעם, וואָס איז ענטהאַלטען אין דריטען אַקט פון שלום אַש'ס מייסטער־דראַמע.

ה. „דער לאַנדסמאַן"

די ווילנער האָבען אויך דאָ אויפגעפירט שלום אַש'ס „לאַנדסמאַן", אָבער די פּיעסע איז מיר ניט געפעלען. זי ענטהאַלט מער אַנשטעל ווי לעבען, מער קאַריקאַטור ווי אמת'ע כאַראַקטעריזירונג; מער רייד ווי האַנדלונג; און דערצו נאַרישע רייד... וואָלט די פּיעסע געווען אַ פאַרס, דאַן וואָלט דאָס וואָס קומט אין איר פאָר געהאַט אַ זין. אַ פאַרס איז זינ־לאָז און דערפאַר איז זינלאָזיגקייט דער זין פון אַ פאַרס... אָבער „דער לאַנדסמאַן" האָט די פּרעטענציע צו זיין אַ ריינע קאָמעדיע און אַריינצו־וועבען אין אַזאַ קאָמעדיע אַנשטעל און באַנאַליטעט איז אַ גרויסער חסרון.

די האַנדלונג אין דער פּיעסע דרייט זיך אפילו אַרום אַ אינטערעסאַנ־טען מאָטיוו: די בענקעניש נאָך דער אַלטער היים ביי די איינגעוואַנ־דערטע אידען אין אַמעריקא. אָבער די בענקעניש, וואָס קען אַרויסרופען עכטע וואַרימע געפילען, ווערט אָפּט פאַרוואַנדעלט אין אַ ביליגען סענ־טימענטאַליזם...

דער אויספיר אירער, אַז אַ מאַמע זאָל געבען איר טאָכטער פאַר אַ כלה צו דעם מאַן, מיט וועלכען זי האָט זיך געליבט איידער זי האָט חתונה געהאַט מיט דעם פאָטער פון דער טאָכטער, איז אַזאַ פּרייז, וואָס קיין שרייבער דאַרף ניט לאָזען אַ מאַמע צאָלען פאַר אַן אַלטער עראינערונג...

ס'איז אמת אַז אויף דער אידישער בינע שפּילט מען פיל ערגערע זאַכען, אָבער פון שלום אַש האָט זיך ניט געוואָלט זען אַזאַ פּיעסע.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיגער שאָטען קען ניט אָבשוואַכען די וויכטיגקייט פון זיינע אַנדערע פּיעסען, אין וועלכע שלום אַש האָט זיך דערהויבען צו דער הויך פון זיין גרויסען טאַלאַנט.

14. אסיפ דימאוו און זיינע פיעסען

אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ פאַרנעמט אויך אָסיפ דימאָוו אין אידישער דראַמע דיכטונג. זיין ריכטיגער נאָמען איז יוסף פערלמאַן, און איז געבוירען אין ביאַליסטאָק אין 1878. ער האָט אפילו באַקומען הויפּטזעכליך אַ רוסישע דערציהונג, און ער האָט אויך אין רוסיש אָנגעהויבען זיין שריפטשטעלערישע טעטיגקייט; צוערשט אַלס פעליעטאָניסט, און דאַן אַלס דראַמאַטורג; אָבער ער האָט צו זיין קרעדיט די בעסטע דראַמע אויס די פּאָגראָם איבערלעבונגען אין דער צאַריסטישער רוסלאַנד: „שמע ישראל". זי איז צוערשט אויך געשריבען געוואָרען אין רוסיש און דערנאָך האָט מען איר איבערזעצט אין אידיש. אויך אין אָריגינאַל, אין רוסיש, טראָגט די דראַמע דעם העברעאישען נאָמען: „שמע ישראל".

אַלס דראַמאַטורג איז אָסיפ דימאָוו צוערשט באַקאַנט געוואָרען אין 1906, ווען עס זיינען דערשינען איניגע פיעסען זיינע אין רוסיש. אַ באַזונדערן אינטערעס האָט אַרויסגערופען זיין דראַמע „ניו אָדער אַלע טאָג", וואָס האָט געהאַט אַ באַדייטענדען ערפאָלג אויף דער רוסישער און אויף אַנדערע בינעס. אין זיינע דראַמאַטישע שריפטען האָט אָסיפ דימאָוו אַרויסגעצייגט צוויי פעהיגקייטען, אַ זין פאַר הומאָר און אַ פעהיגקייט פאַר ענטוויקלען די האַנדלונג, אַריינברינגענדיג אין איר כאַראַקטעריסטישע איינפעלע.

ער האָט איבערהויפּט אַריינגעבראַכט בייאיגקייטען אין דער אידישער דראַמע: סימבאָליסטישע שטריכען און עקספּרעסיאָניסטישע פאָרמען. דאָס האָט זיכער געווירקט, אַז מען זאָל זיך באַזונדערס אינטערעסירען מיט זיינע פיעסען. זיי האָבען געצייגט אויף אַ געוויסען פּראָגרעס.

אין 1907 איז ערשינען זיין פריער דערמאָנטע דראַמע „שמע ישראל". זי איז גלייך איבערזעצט געוואָרען אין אידיש פון א. גאָלדבערג. די דאָזיגע דראַמע מאַכט אָסיפ דימאָוו וועלט באַרימט צווישען אידען. מען האָט גלייך געזען, אַז ער איז איינער פון די דראַמאַטורגען וואָס באַציען זיך ערנסט צו דער אידישער לאַגע און זוכט אַריינצודרינגען אין אירע סבות, צו פאַרשטיין אירע ווירקונגען. די זעלבע פיעסע איז אויך איבערזעצט געוואָרען אין העברעאיש, און זי איז געשפּילט געוואָרען אין דער ערשטער הבימה גרופּע: „הבימה העברית".

אָסיף דימאָוו האָט דאַן פאַרפאַסט אַ דראַמע אויף דעם מאָטיוו פון אידישער רעכטלאָזיגקייט. זי איז געווען טענדענציעז, ניט אויסגעהאַלטען קינסטלעריש, אָבער זי האָט באַרירט אַ ברענענדע לעבענס פראַגע און האָט אויך אַרויסגערופען גרויסען אינטערעס. די פיעסע איז דאַן געשפילט געוואָרען אין אידיש אונטער דעם נאָמען „דער אייביגער וואַנדערער". באָריס טאָמאַשעווסקי האָט זי געזען אין לאָדז, און זי האָט געמאַכט אויף אים אַזאַ איינדרוק, דאָס ער האָט איינגעלאַדען דעם פאַרפאַסער קיין ניו יאָרק, און ער האָט דאָרט אויפגעפירט די פיעסע. מען האָט איר פאַרגעזאָגט אַ דורכפאַל, אָבער זי האָט גראַד געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג. די פיעסע איז אויך איבערגעזעצט געוואָרען אין העברעאיש, און די ערשטע הבימה גרופע האָט איר געשפילט.

אָסיף דימאָוו שרייבט אויך פילע דערציילונגען, הומאָרעסקעס און פעליעטאָנען, אָבער ער זעצט פאָר זיינע דראַמאַטישע אַרבייטען. עס ווערט אויפגעפירט אין 1914 אין ניו יאָרק זיינע אַ פיעסע „דער געדונגענער חתן". זי האָט ניט קיין ערפאָלג. אָבער שפּעטער אין 1921 פירט מען איר אויף אין אַ נייער איבערזעצונג אין לאָדז אונטער דעם נאָמען „דער זינגער פון זיינע ליידען", און זי מאַכט שוין גאָר אַן אַנדערן איינדרוק. דער ערפאָלג פון דער פיעסע איז שוין געווען גרויס. זי ווערט נאָכדעם אויך געשפילט אין פוילישען טעאַטער. זי ווערט אויך איבערזעצט און געשפילט אין העברעאיש און דייטש.

עס פאָלגען נאָך אַ רייע איין־אַקטערס, וועלכע צייכענען זיך אָמ־מייסטענס אויס מיט דעם לייכטען שטיפערישען טאָן און סאַטירע, וואָס זיי ענטהאַלטען. ער שרייבט אָבער אויך אַ ערנסטערע דראַמע, אַ היסטאָרישע: „ירושלים". זי האָט ניט געהאַט קיין גרויסען ערפאָלג, אָבער זי האָט נאָך אַמאָל באַוויזען, אַז דער מחבר זוכט זיך צו פאַרבינדען אַלץ שטאַרקער מיט דעם אידישען לעבען, ניט נאָר אין געגענווערטיגען זין, נור אויך אין היסטאָרישען פאַרנעם.

זיין הויפט זשאַנער בלייבט אַלץ די געגענוואַרט אָבגעשפּיגעלט אין געלעכטער. ער שרייבט אַ מעלאָדראַמע „דעם רבי'ס חתונה", און דערנאָך קומען צוויי ערפאָלגרייכע קאָמעדיעס: „בראָנקס עקספרעס" און „ברויט", אין וועלכע ער לאַכט גוטמוטיג פון די אַמעריקאַנער אידען, וועלכע זיינען געקומען פון פוילען. די לעצטע פיעסע איז געשפילט געוואָרען פון מאָריס שוואַרץ אין קונסט טעאַטער.

עס זיינען נאָך דאָ פיעסען וואָס אָסיף דימאָוו האָט פאַרפאַסט: „דער גאַסט פון שטאָט", אַ מעלאָדראַמע מיט מוזיק; „די וועלט אין פלאַמען", אַ דראַמע; „שקלאַפען פון פאָלק"; „ליידי חיה ציפע"; „ווען משיח

קומט״; „די לעצטע געליבטע״; „מענשען שטויב״; און אַנדערע קאָ־מעדיען.

אָסיפ דימאָוו האָט נאָך געהאַט אַן אויסערגעוועהנליכען ערפאָלג. ער האָט אָנגעשריבען אַ קאָמעדיע אין ענגליש: „פּערסאָנאַליטי״, איז זי פּלאַגיאירט געוואָרען פון אַן אַמעריקאַנעם דראַמאַטורג, און זי איז געשפּילט געוואָרען מיט ערפאָלג אין ניו יאָרק און אין לאָנדאָן אונטער אַן אַנדערן נאָמען. האָט ער אָנגעקלאָגט דעם פּלאַגיאַטאָר און געוואונען דעם פּראָצעס. יענער האָט אים געמוזט געבען דאָס גאַנצע געלד, וואָס ער האָט באַקומען פון די פאָרשטעלונגען פון דער פּיעסע.

אָסיפ דימאָוו האָט אַ פּאָר מאָל באַזוכט לאָנדאָן. ער האָט זיך דאָ אויך באַטייליגט אין פּראָדוצירען פילמס. איינציגע פון זיינע פּיעסען זיינען דאָ געשפּילט געוואָרען מיט ערפאָלג.

א. „שמע ישראל״

„שמע ישראל״, פון אָסיפ דימאָוו, איז אַ זייער שטאַרקע דראַמע, אָבער זי איז זייער שווער צו שפּילען, ווייל איר אונטערגרונד איז נ״ט האַנדלונג נור שטימונג.

ס׳איז אַ דראַמע, אין וועלכער די אַטמאָספערע איז די הויפּט זאַך. אירע כאַראַקטערע מוזען זיין זייער איינגעהאַלטען; זיי קענען ניט באַ־נוצען קיינע מיטלען פון אויסדרוק, וואָס זאָלען קענען מאַכען אויסערליכע עפעקטען. זיי דאַרפען ניט הויך רעדען אָדער שנעל זיך באַוועגען. זייער באַוועגונג דאַרף זיין ווי פון שאָטענס. זייערע שטימען דאַרפען קלינגען ווי אַרויסגערעדטע קולות פון קברים. זיי דאַרפען אויסדריקען בלויז שטי־מונגען — די געדריקטע שטימונגען פון אַ פאַגראַמירטער אינטעליגענ־טער פאַמיליע, וואָס פילט זייער טיף די באַליידיגונגען, און די נשמות פון אירע מיטגלידער ווערען צוריסען פון טיפען אינערליכען פיין.

אין „שמע ישראל״ ווערען אויסגעדריקט די שטימונגען פון אַ גע־שענדעטער אידישער טאָכטער, חנה, וועלכע זוכט צוערשט צו דערשטי־קען איר ווייטאָג, פאַרבאַרגען איר שאַנדע פאַר איר חתן. זי קען דאָס אָבער ניט טון; דער געוויסען זאָגט איר, אַז זי מוז אים אַלץ דערציילען.

דערציילט זי אים, אָבער נאָך דעם דערפילט זי, אַז צווישען זיי איז געשאַפען אַ תהום, און זיי קענען מער ניט באַלאַנגען איינע צום צווייטען... זי באַשליסט פאַלגליך זיך צו ווידמען געזעלשאַפטליכער אַרבייט, צו ענ־דערן די אָרדנונג, אַז ס׳זאָל מער ניט עקזיסטירען קיין צוטיילטע ערד, נאָר אַ פאַראייניגטע מענשהייט, אין וועלכער עס זאָלען מער ניט פאַר־

קומען אַזעלכע אומגליקען, ווי די פון וועלכע זי און איר פאַמיליע האָבען געליטען.

עס זיינען אין דער פּיעסע אויך פאַראַן די שטימונגען פון דעם אינ־טעליגענטען יונגען מאַן, יעקב ענמאַן, חנה׳ס חתן, וועלכער פילט דעם אומגליק, וואָס איז געשען צו זיין כלה. ער וויל דערפון ניט הערען... ווען ער הערט עס דאָך, זוכט ער זיין כלה צו טרייסטען, ער ווינשט אַז אַלץ זאָל פאַרגעסען ווערען, אָבער אַ נאָגענדער ווייטאָג טאָטשעט זיין האַרץ, און ווי ער זאָל זיך ניט וועלען באַהערשען רייסען זיך דאָך מאָדנע ביטערע ווערטער פון זיינע ליפּען.

עס איז פאַראַן די שטימונג פון דער ליידענדער מאַמע שרה; זי ווייסט אפילו ניט פון דעם אומגליק פון איר טאָכטער, אָבער עס איז נאָך דאָ דער אומגליק פון איר זון וועלכען זי האָט ניט געזען זיבען יאָר צייט. ער איז אַהיים געקומען פּונקט ערב דעם פּאָגראָם, און מען האָט אים אַזוי צו׳מזיק׳ט, אַז ער איז געבליבען אַ גוסס און איז געשטאָרבען... צו דעם גרויסען ווייטאָג, וואָס זי האָט פאַרלוירען דעם זון איז נאָך צוגעקומען דער מאַראַליש גרעסערער ווייטאָג, וואָס מען האָט אים ניט געקענט ברייגגען צו קבר ישראל, ווייל צוליב וואוינרעכט איז ער כלומרשט גע־ווען אַ גע׳שמד׳טער.

און איבער אַלעס זיינען די שטימונגען פון אַלטען פאָטער, אהרן סופר, וועלכער ווייסט אַלץ, פילט אַלץ און קען גאָרניט העלפען.... צו־ערשט ווערט זיין האַרץ צוריסען פון טיפען צער; נאָך דעם ברויזט אויף אין אים אַ פּראָטעסט געגען גאָט פאַר וואָס ער דערלאָזט צו אַזעלכע אומ־גליקען. צום סוף פאַלט ער אַריין אין עצבות; ווערט געטריבען צו משוגעת און זעלבסטמאָרד.

דאָס זיינען אַלץ אַזעלכע טיפע ווייטאָגען און נשמה קלאַנגען וואָס מוזען געפינען אויסדרוק, און די שוישפּילער מוזען האָבען טאַלאַנט זיי אַרויסצוברייגגען.

„שמע ישראל״ איז אַ פּיעסע פון אַ טרויעריגער ווירקליכקייט...

די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרען אין יוני 1923 פון מישא פיש־זאָן אין פּאַוויליאָן טעאַטער. די פאַרשטעלונג איז דורכגעגאַנגען סימפּאָ־ניע־מעסיג.

מישא פישזאָן איז געווען דער פאָטער; וויערא זאַסלאַווסקאַיאַ — די טאָכטער; בעקי גאָלדשטיין — די מוטער; אַדאָלף פעניגשטיין — דער חתן.

ב. דער זינגער פון זיין טרויער״

עקספרעסיאָניזם אויף דער אידישער בינע

„דער זינגער פון זיין טרויער״ פון אָסיפּ דימאָוו איז אַ דראַמאַטישע לעגענדע, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרען אויף אַ עקספרעסיאָניסטישען אופן פון רודאָלף זאַסלאַווסקי אין פּאַוויליאָן טעאַטער. אויב איך האָב קיין טעות ניט איז עס געווען די ערשטע אידישע פּיעסע וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרען, אַז מען זאָל זי קענען שפּילען אויף אַזאַ אופן. אין יעדען פאַל איז עס געווען די ערשטע אידישע פּיעסע אַזעלכע, וואָס איז דאָ געזען גע־וואָרען.

עקספרעסיאָניזם איז די מאָדערנסטע פאָרם פון קונסט. פילע מיינען אַז עקספרעסיאָניזם איז אַ דערוויטערונג פון רעאַליזם, אָבער דאָס איז ניט ריכטיג. ס׳איז גיכער אַ פאַרפאָלקאָמונג פון רעאַליזם. עס ברייננגט אַרויס די ווירקליכקייט בולט׳ער ווי געוועהנליך, כדי צו צייגען די זאַכען און ערשיינונגען ניט נאָר אין זייערע אויסערליכע פאָרמען, נור אויך דעם אינערליכען אינהאַלט, וואָס איז אין זיי פאַראַן.

עקספרעסיאָניזם קען דערבריינגען רעאַליזם צו סימבאָליזם, אָבער ניט צו אַזאַ סימבאָליזם וואָס ערקלערט דורך רמזים און אָנצוהערענישען געוויסע אידעען, נור צו אַ סימבאָליזם, וואָס ערקלערט דורך ווירקליכע זאַכען און ערשיינונגען, דעם העכערן און טיפערן זין וואָס זיי קערפּערן אין זיך איין. פאַר דעם פּראָפאַנעם אויג, וואָס זעט נאָר די אויבערפלעכ־ליכקייט, ערשיינט אָפט דער רעאַליזם, וואָס ווערט פאַרגעשטעלט עקס־פּרעסיאָניסטיש אַלס ניט רעאַל, אָבער די וואָס זעען טיפער, דערבליקען די טיפע רעאַליטעט, וואָס איז פאַראַנען אין די עקספרעסיאָניסטישע שטריכען, און זי דערשיינט פאַר זיי ניט נאָר טיפער, נור טאָקע שענער, גראַנדיעזער, דערהאַבענער.

„דער זינגער פון זיין טרויער״ איז די לעגענדע פון אַ שטאָט־משוגענעם. פאַר וואָס ווערט משוגע אַ מענש מיט טאַלאַנט, אַ דיכטער, אַ זינגער, אַ מוזיקער? מען טרעפט דאָך אַזעלכע משוגעים. פילע גרויסע טאַלאַנטען און זשעניען זיינען משוגע געוואָרען. דער פאַרפאַסער ענטפערט אויף דער פראַגע, אַז זיי ווערען משוגע, ווייל זיי האָבען אַ צו גרויס האַרץ, איבערפילט מיט ליבע, און די וועלט אַרום באַציט זיך צו זיי נידעריג און קליינליך. זי פאַרשטייט זיי ניט; זי דערנידעריגט זיי; זי פאַרלעצט זייערע געפילען, פאַרוואונדעט דאָס האַרץ און טרייבט צו משוגעת.

אָט דאָס ווערט אַרויסגעבראַכט אין דער פּיעסע אויף אַ פאָלקסטימ־ליכען דראַמאַטישען עקספרעסיאָניסטישען אופן.

אין דעם שפּיל שײנען אפילו פּילע סיטואַציעס צו זײן צופעליגע, מאָדנע, פאַנטאַסטישע, אָבער זײ זײנען אין אמת׳ן בלויז עקספּרעסיאָניס־טישע שטריכען פון אַ טרויעריגער ווירקליכקייט.

אַחוץ דעם טיפען זין פון דער לעגענדע, ענטהאַלט אויך די פּיעסע אַ גאַלעריע פון כאַראַקטערע: אַ בעל הבית׳טע מיט אַ זון אַ תכשיט, אַ פּוסט־און־פּאַסניק. אַ טעכטערל וועלכער ס׳איז פריילעכער אין קיך ווי אין סאַלאָן. אַ יתומה, אַ ערליכע אָבער אַ פּראָסטע. אַ הינער־הענדלעריז, וועלכע האָט געקענט זײן אַ שוחט׳ס ווייב, נאָר זי האָט זיך אויסגע־גליטשט, נעבעך... אַ איד, אַ סוחר, ער האַנדעלט מיט שטיקלעך הייליג אָרט אויפ׳ן בית עולם. אַ וואַסער־טרעגער, אַ קוימען־קערער; און דאָן יאַשקע מוזיקאַנט, דער זינגער פון זײן טרויער, דער שטאָט־משוגענער. דאָס זײנען כאַראַקטערע איינס ווי איינס. יעדער איינער אַ מאָדעל פאַר אַ פלאַסטיש ווערק פאַסיג פאַר אַ קונסט גאַלעריע.

רודאָלף זאַסלאַווסקי האָט אויפגעפירט די פּיעסע אין פאַוויליאָן טע־אַטער אין מאַי 1930. ראַשעל בערגער, וואָלף זילבערבערג, אסתר זעפּקינא, בירנבוים, בעקי גאָלדשטיין א. אַ. האָבען אַנטייל גענו־מען. ס׳איז געווען אַ אינטערעסאַנטע פאַרשטעלונג.

די פּיעסע איז זייער כאַראַקטעריסטיש פון אָסיפּ דימאָוו׳ס שאַפען.

ג. „דער אייביגער וואַנדערער"

„דער אייביגער וואַנדערער" איז פון די ערשטע פּיעסען וואָס אָסיפּ דימאָוו האָט געשאַפען. ער האָט זיך פאַרמאָסטען גאָר גרויס, אָבער ס׳איז ניט אַרויסגעקומען דאָס וואָס ס׳האָט באַדאַרפט, און וואָס ער האָט וואַרשיינליך געוואָלט.

די פּיעסע האָט אַ פּראָלאָג, וואָס איז אַ סימבאָל פון דער שטענדיגער אידישער וואַנדערונג. די דראַמע אַליין, וועלכע איז אין דריי אַקטען, באַ־האַנדעלט ניט דאָס פּראָבלעם מיט אַ היסטאָרישען אונטערגרונד.

ס׳איז אַ רעאַליסטישע דראַמע פון אַ אידישער פאַמיליע וועלכע האָט איבערצולעבען גרויסע ליידען אונטער׳ן צאַרישען רעזשים אין דער דאַ־מאָלטדיגער רוסלאַנד. ס׳האַנדעלט זיך אין צוגענומענעם וואוינרעכט, אין ניט אַריינגענומען דעם זון אין דער אוניווערזיטעט, אין די ליידען פון אַ טאָכטער, אַ רעוואָלוציאָנערקע, וועלכע איז אַרויס אַ קראַנקע פון טורמע, און נאָך אַזעלכע געגענווערטיגע ליידען... דער פאַרפאַסער האָט בלויז מיט ווערטער געזוכט צו פאַרבינדען די גרויליכע געגענוואַרט מיט דער שרעקליכער פאַרטדויערענדער געשיכטע.

אין אַ מאָמענט פון פאַרצווייפלונג פרעגט דער זון ביים פאָטער :— פאַר וואָס איז עס אַזוי ?

ענטפערט דער פאָטער :— מיט יאָרען צוריק ווען איך בין נאָך געווען אַ אינגעל, ווי דו, האָב איך אויך געפרעגט מיין פאָטער די זעלבע פראַגע, און אַזוי האָט ער מיר אויך גענטפערט : „מיט יאָרען צוריק, ווען איך בין נאָך געווען אַ אינגעל ווי דו האָב איך געפרעגט מיין פאָטער די זעלבע פראַגע״... און אַזוי פריער און פריער, אָן אַ סוף...

אין דער דראַמע זיינען פאַראַן אינטערעסאַנטע דיאַלאָגען וועגען דער לאַגע פון אידען, צוזאַמען מיט דער גרויסער פראַגע : „ווי קען לעבען אַ פאָלק ווען זיין יוגענד, זיינע קינדער, אַרבייטען פאַר פרעמדע, און די בעסטע און שענסטע כחות געבען זיי אַוועק פאַר פרעמדע ?״

דער לעצטער אַקט איז אַן אָבקלאַנג פון אַ פאָגראָם אויפ׳ן בית עולם. די אידען זיינען זיך דאָרט צוזאַמענגעלאָפען. פון וויטען הערט מען דעם „אל מלא רחמים״ נאָך געפאַלענע קרבנות... אַ משומד שטייט אין אַ זייט געמוטשעט פון געוויסענסביסע און חרטה ; ער וואָגט ניט צוצוגיין צו די וואָס ער האָט פאַרראַטען... און אין דעם אָבקלאַנג רייסט זיך אַריין נאָך אַן אָבקלאַנג פון דעם שוידערליכען לעבען : דער זון פון דער פאַמיליע נעמט זיך דאָס לעבען דאָרט אויפ׳ן בית עולם אין דער אַנוועזענהייט פון אַלע. מען דאַרף וואַנדערן און ער האָט ניט קיין כח צו וואַנדערן...

ס׳איז אַ רירענדע דראַמע, אָבער דער נאָמען איז פיל ברייטער ווי דער אינהאַלט.

די דראַמע איז אויפגעפירט געוואָרען פון פעני וואַקסמאַן אין פאַוויליאָן טעאַטער.

15. דוד פינסקי
און זיינע דראמאטישע ווערק

ביי אונז האָט מען געשפּילט זייער ווייניג דוד פּינסקי׳ס דראַמען, אָבער זיין פּלאַץ אַלס דראַמאַטורג איז אַנערקענט און ער פאַרדינט גרויס שעצונג.

דוד פּינסקי איז אַ גייסטרייכער דראַמאַטורג און ער האָט געמאַכט אַ באַדייטענדען בייטראַג צו דער אידישער דראַמע דיכטונג. דאָס וואָס מען שפּילט זעלטען זיינע פּיעסען איז זיכער ניט זיין שולד. אידעען שפּי־לען ליידער אַ קנאַפּע ראָלע ביי אונזערע טעאַטער דירעקטאָרען. זיי האָ־בען מער אין זינען די אויסערליכע פאָרמע און — „דאָס ווערטע פּוב־ליקום״...

דוד פּינסקי איז געבוירען געוואָרען אין מאָהילעוו אין 1872. ער איז עלטער פון אַש׳ען. ער באַלאַנגט פאַלגליך צו די ערשטע זיילען פון דער אידישער ליטעראַטור. ער איז הויפּטזעכליך אַ דערציילער און האָט אָנ־געפאַנגען פאַרעפענטליכען דערציילונגען אין 1892.

ער האָט אויך די אויסצייכנונג, וואָס ער איז אַ פּאָליטיש באַוואוסט־זיניגער מענש. ער איז פון דער יוגענד געוועזען אַן אויסגעשפּראָכענער סאָציאַליסט. צוערשט פאַרבונדען מיט דער אַרבייט פון „בונד״, דערנאָך איז ער געוואָרען איינער פון די פּראָמינענטסטע פירער פון די פּועלי ציון, באַזונדערס אין אַמעריקא, וואו ער האָט זיך באַזעצט אין סוף פון פאַריגען יאָרהונדערט. דאָרט האָט ער אויך רעדאַקטירט צו־ערשט דעם פּאַרטיי זשורנאַל „דער אידישער קעמפער״, און דאַן „די צייט״, אַ טעגליכע פּועלי ציון ציטונג אין אַמעריקא, וואָס איז דערשינען לערך צוויי יאָר, 1920־1922.

זיין פּאָליטישע טעטיגקייט האָט אפשר געהינדערט זיין פולע ענט־וויקלונג אַלס בעלעטריסט, אָבער דאָך האָט ער געשטיגען צו גאָר אַ הויכער מדרגה. ער איז זיכער אַ ערשט־קלאַסיגער טאַלאַנט און אַ הויפּט אויפריכטיגער און אויסגעהאַלטענער אידעען־מענש.

זיין ערשטע ווירקונג אַלס דראַמאַטורג איז געווען אין 1899, ווען ער האָט פאַרפאַסט אַן איין־אַקטער, „יסורים״, וואָס איז געוואָרען גאַנץ פּאָפּולער. ער האָט באַהאַנדעלט דאָס פּראָבלעם פונ׳ם אידעען־קאַמף צווישען דער אידישער יוגענד, ביי וועלכער ס׳האָט זיך דאַמאָלט באַ־מערקט אַ גרויסע ערוואַכונג, און זייערע עלטערן, דער עלטערער דור, וועלכער האָט מורא געהאַט פאַר קאָנזעקווענצען.

נאָך דעם איז געקומען „אייזיק שעפּטעל״, אַ שטאַרקע דראַמע פון אַרבייטער לעבען, וואָס האָט געהאַט אַ באַדייטענדען ערפאָלג, נאָר ניט ביי אונז אין לאַנדאָן. דאָ האָט מען איר ניט געשפּילט.

ער האָט דאָן פאַרפאַסט זיין גרויסע, און מען קען זאָגען היסטאָרישע, דראַמע „פאַמיליע צבי". זי איז ניט געווען היסטאָריש אין דעם זין פון שילדערן אַן אמת'ן פאַרגאַנגענעם עפּיזאָד, זי איז היסטאָריש, ווייל ער האָט אויף אַן אמת'ן אופן געשילדערט געשעענישען פון דער ווירקליכקייט, וואָס האָט געהאַט אַ היסטאָרישע באַדייטונג. ס'איז געווען די דראַמע פון דער אידישער נאַציאָנאַלער דערוואַכונג, וואָס האָט זיך דאַמאָלט שטאַרק מאַניפעסטירט דורך באַנייטע פאַגראָמען און דורך דער רענעסאַנס וואָס האָט אָנגעפאַנגען אין אידישען לעבען.

דוד פינסקי האָט נאָך דעם פאַרפאַסט זיינע רעאַליסטישע דראַמען: „די מוטער" און „יענקעל דער שמיד", וועלכע זיינען געשפילט געוואָרען מיט ערפאָלג אויף אידישע און אויך אַנדערע בינעס. עס האָט זיי נאָכגע־פאָלגט זיין קאָמעדיע „דער אוצר", אין וועלכער ער לאַכט אָב פון די אי־לוזיעס, וואָס שטיצען זיך אויף דעם באַגריף „גליק", וואָס ער באַטראַכט פאַר אַן איינרעדעניש. אויך די פיעסע איז געשפילט געוואָרען ניט נאָר אין אידישען נור אויך אין דייטשען טעאַטער.

דוד פינסקי האָט נאָך די אַלע ערפאָלגען אויפ'ן געביט פון רעאַליזם זיך גענומען שאַפען אידעען פיעסען, מיט אַ מיסטישען אונטערגרונד און מיט סימבאָלישע מאָטיוען. די דאָזיגע פיעסען זיינען: „יעדער מיט זיין פאָלק", „דער אייביגער איד", „דער שטומער משיח", א. אַ. פאַר די מיס־טישע ווערק איז די אידישע בינע ניט געווען אַזוי אויפנעמבאַר, און דוד פינסקי האָט זיך צוריקגעקערט צו שאַפען דערציילונגען און ראָמאַ־נען. זיין ביישטראָג צום אידישען טעאַטער וועט אָבער שטענדיג דערמאָנט ווערען.

א. „יענקעל דער שמיד"

ווען איך האָב געזען די ערעפנונגס פאָרשטעלונג פון ערשטען סע־זאָן פון די „ווילנער" אין קינגסוויי טעאַטער, ווען זיי האָבען אויפגעפירט דוד פינסקי'ס „יענקעל דער שמיד", האָב איך געשריבען: „וואויל איז די אויגען וואָס האָבען עס געזען"...

דער דאָזיגער קאָמפּלימענט איז הויפטזעכליך געווען פאַר די וויל־נער, פאַר זייער שפּילען, אָבער דאָס וואָס זיי האָבען גראָדע אויסגעקלי־בען „יענקעל דער שמיד" פאַר זייער פּרעמיערע האָט באַוויזען, אַז דאָס איז אַ פיעסע, אין וועלכער זיי קענען אַרויסצייגען זייער טאַלאַנט. און ווען אַ קינסטלער טרופּע, ווי די ווילנער זיינען אָן ספק געווען, קלויבען אויס אַ פיעסע פאַר אַזאַ צוועק, איז דאָס שוין אויך אַ באַווייז, אַז זי האָט אַ קינסטלערישען ווערט.

דוד פינסקי'ס „יענקעל דער שמיד" איז אייגענטליך מער אַ לעבענס בילד ווי אַ דראַמע אין ברייטערען זין. די פיעסע האָט אַ גאַנץ לייכטען

דראַמאַטישען מאָטיוו, און די האַנדלונג אין איר איז גאַנץ איינפאַך. אָבער אָן צו גרייכען טיפקייט איז זי אינטערעסאַנט, ווייל דאָס לעבען וואָס זי שילדערט איז רעאַליטעט, גענומען פון דער ווירקליכקייט. ס׳איז דערצו ניט צוגעטשעפּעט קיין טעאַטראַלע באַנאַלע „באַפּוצונג״, וואָס זאָל אי־בערפירען, ווי דאָס געשעט מיט פילע פּיעסען פון אַנדערע אידישע דראַ־מאַטורגען. און איבערהויפּט איז די כאַראַקטעריזירונג פון די טיפען אַ ריכטיגע, זיי זיינען מענשען פון פלייש און בלוט, מיט ראַנגלענישען פון נייגונגען, אינסטינקטען, ליידענשאַפטען.

עס האַנדעלט זיך אין דעם וואָס יענקעל דער שמיד, אַ פשוט׳ער, קליינשטעטעלדיגער בעל מלאכה, קעמפט מיט זיך, כדי זיך צו באַפרייען פון די שלעכטע נייגונגען וואָס ער באַזיצט פאַר שכרות און זנות.

דער נשמה קאַמף ווערט אין אים דערוועקט דורך דער ווירקונג פון דער צאַרטער צנועה׳דיגער טאַמאַראַ, אין וועלכער ער איז פאַרליבט, און וועלכע ווערט זיין פרוי. דער רייצענדער עלעמענט אין דעם קאַמף, דער יצר הרע אַזוי צו זאָגען, איז רבקה, אַ געזונטע ליידענשאַפטליכע ווייבעל, וואָס האָט אַ לא יצלח פאַר אַ מאַן, און זי וואָלט זיך וועלען לאָ־זען וואוילגיין מיט דעם געזונטען יענקעל.

עס איז אַ גאַנץ געוועהנליכע געשיכטע, און אַז מען וויל קען מען עס באַטראַכטען פאַר אַ שטורם אין אַ גלאָז וואַסער, וואָס וואָלט ניט באַ־דאַרפט ברוזען דורך גאַנצע פיר אַקטען. אָבער ס׳איז דאָך אַ אינטערע־סאַנטע פּיעסע, וואָס איז אַנגענעם צו זען, ווען ס׳איז אפילו ניט קיין מייס־טערווערק... אָבער ס׳איז געוואָרען אַ מייסטערווערק דורך דער פּראַכט־פולער כאַראַקטעריזירונג וואָס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרען וואונדער־באַר פון די ווילנער.

דער דראַמאַטישער מאָטיוו, די האַנדלונג, ווערט פון צווייטער באַ־דייטונג. דער אויסדרוק פון די כאַראַקטערע, דער שפּיל צווישען זיי, און דער צוזאַמענשפּיל איז דער עיקר. וואָס מער מען האָט זיי געזען אַלץ מער זיינען זיי געפעלען געוואָרען. און די געלעגענהייט דערצו האָט גע־געבען דוד פינסקי.

חיים שניאור האָט געשפּילט זייער גוט אַלס יענקעל. סאָניאַ אַלאָמיס איז געווען אַן ערהאַבענע טאַמאַראַ. מאַדאַם ראָזענבוים איז געווען רבקה, דער יצר הרע. אזרא האָט פאַרגעשטעלט רפאל׳ך, איר מאַן, דער לא יצלח. זשעליאַזאָ האָט געשפּילט אַלס שמאי, יענקעל׳ס פאָטער. עס האָבען זיך נאָך באַטייליגט בעלערינאַ, וויטאַלין און פעדער. אַזאַ אַנסאַמבעל קען דערהויבען אַ פּיעסע.

ב. „יעדער מיט זיין גאַט".

„יעדער מיט זיין גאַט", פון דוד פינסקי איז אויפגעפירט געוואָרען מיט גרויס ערפאָלג פון ד"ר באַראַטאָוו אין נאָוועמבער 1931 אין פּאַוויליאַן טעאַטער.

דאָס איז אַ ספּעציפישע אידישע ליטעראַרישע פּיעסע. זי האָט אַלע מעלות און אויך דעם הויפּט חסרון פון פילע ליטעראַרישע דראַמען, וואָס זיינען אין אונזער ליטעראַטור געשאַפען געוואָרען.

אירע גרויסע מעלות זיינען: וואָס די טעמאַ איז אמת פון לעבען; אירע כאַראַקטערע זיינען מער אָדער ווייניגער רעאַלע מענשען; זי איז רייך אין כאַראַקטעריסטישע לעבענס שטריכען, אין שטימונגען, אידעען און נואַנסען. זי האָט זאָגאַר סימבאָלישע צוהערעניששען; דאָס אַלץ מאַכט איר שען און אינטערעסאַנט. זי האָט אָבער דעם חסרון, וואָס זי האָט ניט קיין ענטוויקלענדען פּלאַט, קיין שטאַרקע דראַמאַטישע שטייגערענדע האַנדלונג, און אַט דאָס מאַכט איר אַנעמיש, בלוט אָרעם.

די געשיכטע, וואָס ווערט אין דער דראַמאַ דערציילט, איז אַ העכט דראַמאַטישע, זאָגאַר אַ טראַגישע, אָבער דורך דער ניט שטייגערענדער האַנדלונג ווערט זי ניט דערבראַכט צו דער מדרגה פון אַ טראַגעדיע, זאָגאַר ניט צו דער מדרגה פון אַ דערגרייפענדער דראַמאַ. זי בלייבט בלויז אַ לעבענס בילד. דאָס איז אַ גרויסער שאָד, ווייל די טעמאַ איז אַ זייער אינטערעסאַנטע; איר באַאַרבייטונג איז אַ ליטעראַרישע אין בעסטען זין; דער סטיל פון די דיאַלאָגען איז אַ גאַנץ שענער; די פּסיכאָלאָגיע פון די כאַראַקטערע, מיט דער אויסנאַם פון אייניגע שטריכען, איז אַן אמתע; די אידעען וואָס ווערען אויסגעדריקט זיינען עדלע, מענשליכע; פאָלגליך איז פאַראַן אין דער פּיעסע אַ מאַסע שענקייט און ווען זי זאָל נאָר זיין דורכגעוועבט מיט אַ שטאַרקער דראַמאַטישער קראַפט, וואָס זאָל שטייגען אין דער ענטוויקלונג, וואָלט עס געווען אַן אויסגעצייכענט ווערק. אַזוי ווי זי איז רופט זי אויך אַרויס גרויס אינטערעס און זאָגאַר אין אַ געוויסער מאָס ענטציקונג, אָבער זי גרייפט ניט מיט יענער עמאָציאָנעלער ווירקונג, וואָס זאָל מאַכען איר איינדרוק אונפאַרגעסליך.

אין „יעדער מיט זיין גאַט" האָט דוד פינסקי געשילדערט די לאַגע פון אַ געוויסענהאַפטען מענשען אין אַמעריקאַ. אים קומט אויס צו קעמפען געגען גרויסע שוועריגקייטען און שטערונגען. יעדער שריט פון לעבען פאָרדערט פון אים צו טרעטען זיין געוויסען. ער ווערט דורך דעם געבראָכען, און ווען ער וויל אפילו טון אַן העראָישע טאַט צו דערגרייכען

זיין ציל, צו פֿאַרזאָרגען זיין פֿאַמיליע, ערשיינען אויך אַזעלכע שטערונגען, דאָס ער קען זיין ציל ניט דערגרייכען, סאידען ער זאָל אַלץ טרעטען זיין געוויסען, אַ זאַך, צו וועלכער ער קען זיך בשום אופן ניט ענטשליסען, פֿאַלגליך בלייבט ער פֿאַרקריפּעלט, פֿאַרלאָזען און דערשלאָגען.

אין דער גאַנצער שילדערונג פֿון דער דראַמאַ ווערט אַרויסגעבראַכט איינפֿאַך סימבאָליש אַט די דאָזיגע פּאָזיציע פֿון געוויסענהאַפֿטען מענשען, אין אַ סביבה פֿון גאָלד און געלד.

באַראַטאָוו האָט געשפּילט זייער גוט אַלס דער קרבן פֿון געוויסענ־האַפֿטיגקייט. עס האָבען זיך נאָך באַטייליגט באזשיק, מאַדאַם באזשיק, פֿאַני רובינאַ, וואָלף זילבערבערג, שרה לאנדא און מאַרקאָוויטש.

איך האַלט עס פֿאַר אַ גרויסען שאָד וואָס מען האָט דאָ ניט געשפּילט מערערע פֿון דוד פּינסקי׳ס דראַמען.

16. לעאן קאברין

און זיינע דראמאטישע ווערק

אַ שרייבער, וועלכער שרייבט אַממיינסטענס דערציילונגען און ראָמאַנען, נאָר ער איז אויך אַ דראַמאַטורג, איז לעאָן קאָברין. ער באַלאַנגט אויך צו דעם עלטערען דור שריפטשטעלער. ער איז געווען צווישען די ערשטע וועלכע האָבען געשריבען שענע דערציילונגען פון אָרימען לעבען פון אידישע האָראָפּאַשניקעס.

זיין דערציילונג „יענקעל בוילע" פון אידישען פישער לעבען, וואָס איז דערשינען נאָך אין 1898, האָט אַרויסגערופען גרויס אינטערעס צוליב דעם געזונטען רעאַליזם, וואָס זי האָט ענטהאַלטען. די דאָזיגע דערציילונג איז שפּעטער דראַמאַטיזירט געוואָרען אונטער דעם נאָמען „דער דאָרפס יונג" און זי איז געוואָרען אַן ערפאָלגרייכע פּיעסע אין דעם רעפּערטואַר פון די „ווילנער".

ער האָט דאָן געשאַפען פילע פּיעסען — דראַמען און קאָמעדיען. ער האָט אויך איבערזעצט פילע דראַמען פון וועלט רעפּערטואַר, איינגעשלאָסען געטהע'ס „פאוסט", שעקספּיר'ס „האַמלעט", טאָלסטאָי'ס „לעבעדיגער מת" און זאַנגוויל'ס „די קינדער פון דער געטהאָ".

אייניגע פון זיינע פּיעסען זיינען אויך געשפּילט געוואָרען אין לאָנדאָן. צווישען זיי איז די וויכטיגסטע „דער ציוניסט", וואָס מען האָט דאָ געשפּילט אונטער דעם נאָמען „צוריק צו זיין פאָלק".

עס איז אַ זאָנדערבאַרער פאַקט, דאָס כאָטש די ציוניסטישע באַוועגונג האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין אונזער לעבען און אין אונזער צייט, האָט מען געשאַפען זייער ווייניגע ערנסטע פּיעסען, אין וועלכע עס זאָל באַהאַנדעלט ווערען דאָס ציוניסטישע פּראָבלעם. אָפּערעטען זיינען דאָ פילע אויף דער טעמא, אויך פּשוט'ע שונד פּיעסען זיינען דאָ אַ סך, וועלכע זיינען געבויט אויף אידישען נאַציאָנאַלען סענטימענט. אָבער ערנסטע פּיעסען זיינען אויף דעם געביט פאַראַן זייער ווייניג אין אידיש, און איינע פון די ווייניגע איז די דערמאָנטע דראַמע פון לעאָן קאָברין.

איך גיב ווייטער איבער, וואָס איך האָב וועגען איר געשריבען. זי איז מיר ליידער ניט שטאַרק געפעלען פון ריין דראַמאַטישען שטאַנדפּונקט. אָבער זיין פאַרזוך פאַרדינט פיל אַנערקענונג. קאָברין האָט באַ־

וויזען דורך דער פּיעסע, אַז ער האָט אַן אָפען אויג צו דעם וואָס קומט פאַר אין לעבען פון אידישען פאָלק.

א. „צוריק צו זיין פאלק״

לעאָן קאָברינ׳ס „דער ציוניסט״, אָדער, ווי זי איז דאָ אין לאָנדאָן באַקאַנט, „צוריק צו זיין פאָלק״, שילדערט די טראַגעדיע פון אַ אידען, אַן אַסימילאַטאָר, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין. די פּרוי זוכט אים צו דערוויטערען פון זיין אייגענעם איד, פון זיין ליבע און צו־בונד צו זיין פאָלק, וועלכע ברענען ביי אים אין האַרצען. און איינער פון די קינדער, וואָס זי האָט אים געבוירען, דער זון, האַסט די אידען, און ער האַסט אויך דעם פאָטער, ווען ער דערוואוסט זיך, אַז ער איז אַ איד. דער אידישער געפיל ביי דעם אַסימילירטען אין האַרצען איז אָבער שטאַרק; ער ווערט נאָך שטאַרקער דורך דעם, וואָס עס קומט צו אים אַ ברודער, וועלכען ער האָט ניט געזען פאַר אַ זייער לאַנגער צייט, און וועלכער איז אַ ציוניסטישער אַגיטאַטאָר. דער סוף איז, אַז דער אַסי־מילירטער איד פאַרלאָזט זיין פרוי, און דעם אַנטיסעמיטישען זון, און ער פאָרט קיין ארץ ישראל. מיט אים פאָרט זיין טאָכטער, וועלכע האָט אַנדע־רע נייגונגען ווי איר ברודער, און וועלכע ליבט אויך אַ אידישען יונגען מאַן.

דער מאַטעריאַל פון דער פּיעסע איז גראַדע אַזעלכער, פון וועלכען עס האָט געקענט אַרויסקומען אַ גוטע דראַמע. דאָס וואָלט געשען ווען די טעמאָ וואָלט זיך געוועזען אויסגעלייטערט אין האַרץ פון קינסטלער. אָבער לעאָן קאָברין האָט דעם מאַטעריאַל באַאַרבייט מיט׳ן מוח. אין דער פּיעסע זיינען דערפאַר דאָ אַ מאַסע פאַלשע שטריכען, וועלכע באַשאַטען צוליב דער אידעע דעם כאַראַקטער פון דעם אידען.

וואָלט דאָס האַרץ געוועזען געזעדט ביים מחבר, וואָלט ער געפילט, אַז אַ אידישער פאָטער קען ניט פאַרלאָזען אַזוי זיין זון, נישט צו פּרובירען אים צו איבערצייגען, אַז ער איז געפעלט אין זיין האַס צו אידען...

וואָלט דאָס האַרץ געוועזען גערעדט וואָלט דער מחבר אויך געפילט, אַז בעת ס׳קומט פאַר אַזאַ שטורמדיגע פאַמיליען דראַמע, אין וועלכער אַ פאָטער האַלט ביים פאַרלאָזען זיין פּרוי און קינדער, קענען זיך ניט אָוועקשטעלען דעם פאָטער׳ס ברודער און דעם ווייב׳ס ברודער און פאַר־פירען אַ קאַלטען פילאָזאָפישען שמועס וועגען דער נויטווענדיגקייט, אַז ס׳זאָלען עקזיסטירען פאַרשידענע פעלקער... אין מאָמענטען פון אינטענ־סיווע דראַמאַטישע איבערלעבונגען איז אַן אונזין אַריינצוברייגען צוויי

זייטיגע פּערזאָנען צו פילאָזאָפירען, דאָס צושטערט אינגאַנצען די איג־טענסיוויטעט פון דעם דראַמאַטישען מאָמענט...

עס זיינען נאָך דאָ פילע פאַלשע שטריכען, נאָר דאָס ערגסטע אין דער פּיעסע איז, וואָס מען רעדט אין איר זייער פיל. מען קען וועניג־סטענס אַ דריטעל פון די דיאַלאָגען אַרויסלאָזען, אָן ס'זאָל דערנאָך עפּעס פעלען אין דער האַנדלונג.

צוליב די פילע רייד גייט די האַנדלונג אין „צוריק צו זיין פאָלק" ניט שטייגענד. דער ענטשיידונגס מאָמענט קומט פאָר אין צווייטען אַקט, ווען דער אַסימילירטער איד גיט זיך צו באַקענען צו זיין ברודער, דער ציוניס־טישער אַגיטאַטאָר. דאָס וואָס נאָך דעם ענטשיידונגס מאָמענט ציען זיך נאָך צוויי גאַנצע אַקטען ביז צום סוף, מאַכט אונפאַרמיידליך, אַז דער אינטערעס פון דער דראַמע זאָל פאַלען.

„צוריק צו זיין פאָלק" איז צום ערשטען מאָל אויפגעפירט געוואָרען אין פּאַוויליאָן טעאַטער פון זיגמונד פיינמאַן אין 1906. ער האָט געשפּילט די הויפּט ראָלע מיט פיל אינערליכען ברען, און דאָך האָט ער ניט געקענט מאַכען פילען אַ געשפּאַנטקייט אין דער האַנדלונג.

מיט איבער פופצען יאָר שפּעטער האָב איך געזען אַ פאָרשטעלונג פון דער זעלבער פּיעסע אויפגעפירט פון יוסף קעסלער, וועלכער איז גע־ווען דער אַסימילירטער איד, און יעקב זילבער איז געווען זיין ברודער, דער ציוניסט. דער איינדרוק איז געווען דער זעלבער.

ב. „דער דאָרפס יונג"

די דראַמאַטיזירונג פון „יענקעל בוילע", וואָס ווערט געשפּילט אונ־טער דעם נאָמען „דער דאָרפס יונג", איז מעלאָדראַמאַטיש. איך האָב אויף דער פּיעסע געקוקט אַלס אויף דער מעלאָדראַמע אין דעם רעפּערטואַר פון די ווילנער.

אָבער ס'איז אַ פאָלקסטימליכע ריינע פּיעסע, פול מיט הומאָר און דראַמאַטישע מאָמענטען, אָן גרויסע איבערטרייבונגען. ס'איז אַ פּיעסע וואָס גיט דעם עולם געלעגענהייט האַרציג צו לאַכען און אויך גערירט ווערען ביז צו טרערען. פון אַ ריינעם קונסט שטאַנדפּונקט ווערט אָבער דורך דעם געמיש פון קאָמעדיע און טראַגעדיע אָבגעשוואַכט די איינ־הייטליכקייט וואָס איז דער עיקר אין אַ דראַמע.

אין „דאָרפס יונג" ווערט געשילדערט דער אָבערגלויבען פון אַ אי־דישען דאָרפס יונג, וועלכער ליבט אַ שיקסע, נאַטאַשאַ. ער זינדיגט מיט איר און ער האָט מורא פאַר דער שטראָף פון זינד. זיין פאָטער וועלכער

איז געשטאָרבען האָט אים אויפ׳ן טויטען בעט אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זיין אַ איד, און דער טויטער פאָטער קומט אים און צו זיינע קרובים צו חלום. די חלומות מאַכען דעם איינדרוק אויף דער גאַנצער משפחה און אויף יענקלען, אַז ער, דער פאָטער, ווערט געפּייניגט אויף יענער וועלט. מען שמייסט אים אין גיהנום, און דאָס איז נאָר דורך יענקעל׳ס זינדיגע ליבע מיט דער שיקסע... די דאָזיגע קריסטליכע מיידעל וויל פון אים, אַז ער זאָל זיך שמד׳ן. דאָס וואָגט ער ניט צו טון, ווייל ניט נאָר איז ער געריהרט פון זיין טויטען פאָטער׳ס ליידען אויף יענער וועלט, נור ער האָט מורא, דאָס אויך אים וועט שרעקליכעס דערוואַרטען, ווען זיין נשמה וועט פאַר־לאָזען די זינדיגע ערד. ער ליבט אָבער דאָך נאַטאַשאַ׳ן; טרייבט דאָס אים צו זעלבסטמאָרד, ער דערטרינקט זיך.

דאָס איז די דראַמע, און וואָלט איר האַנדלונג געווען אַזוי איינהייטליך, ווי זי איז דערציילט, וואָלט דער „דאָרפס יונג״ געקענט זיין אַ קונסט־ווערק. איז אָבער אין דער פּיעסע איינגעוועבט אַ קאָמישע געשיכטע פון אַ שידוך מיט אַ אידישע מיידעל אַ קוזינע, כדי אים צו רעטען פון שמד... וואָלט פון דער צווייטער געשיכטע געווען אריינגעוועבט בלויז אַ פּאָר שטריכען אין דער פּיעסע, וואָלט דאָס ניט געשאַט. אָבער די דאָזיגע צוויי־טע געשיכטע, וועלכע איז גאַנץ קאָמיש, פאַרנעמט אַזוי פיל פּלאַץ אין דער פּיעסע ווי די דראַמע; ווערט דאָס דערפאַר אַ מעלאָדראַמע.

אויך די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרען זייער גוט פון די ווילנער. פעדער איז געווען יענקעל בוילע. אַלאָמיס — נאַטאַשאַ. בעלערינא — די קוזינע. שניאור און זשעליאַזאָ האָבען פאַרגעשטעלט פּראַכטפול צוויי טיפּען פישער לייט. אזרא איז געווען נאַטאַשאַ׳ס פאָטער. עס האָבען זיך נאָך באַטייליגט י. גרינבערג, וויטאַליך, א. אַ.

מען האָט געשפּילט נאָך אַנדערע פּיעסען פון לעאָן קאָברין אין לאָנ־דאָן, אָבער דער איינדרוק מיינער איז געבליבען דער זעלבער וועגען זיין דראַמאַטישען שאַפען.

די איבערזעצטע פּיעסען פון לעאָן קאָברין, וואָס איך האָב געזעען זיינען געווען גוט איבערזעצט. ער באַזיצט אַ פליסיגען סטיל, און די דיאַלאָגען קומען אַרויס קלאָר.

17. ז. ליבין און זיינע פיעסען

נאך א שרייבער פון דערציילונגען, וועלכער שרייבט אויך פיעסען, איז ז. ליבין, וועמענס ריכטיגער נאמען איז ישראל הורוויץ. ער איז גע־בוירען געווארען אין הארקי, מאהילעווער גובערניע, רוסלאנד, אין 1872. אין 1892 איז ער געקומען קיין לאנדאן. די היגע סביבה האט ניט גע־ווירקט אויף אים, דאס ער זאל זיך דא אבשטעלען. בלויז זעקס חדשים האט ער דא פארבראכט און איז אוועק קיין אמעריקא.

ז. ליבין האט געלערענט וואס עס הייסט צו פילען הונגער און ליידען נאך אלס אינגעל. אויך אין אמעריקא האט ער צוערשט שווער געארבייט און געליטען. טאלאנט האט ער געהאט, האט ער זיך גענומען שרייבען דערציילונגען פון ארבייטער לעבען. די ערשטע סקיצע, וואס ער האט פארעפענטליכט, איז ערשינען אונטער דעם נאמען: „א זיפץ פון אן אר־בייטער׳ס ברוסט״. אנדערע אזעלכע סקיצען און דערציילונגען האבען נאכגעפאלגט. ער האט געשריבען הארציג און האט אויך געהאט א זין פאר הומאר, אבער ער האט זיך בלויז אבגעשטעלט אויף שילדערן עפי־זאדען. ער איז געווען פון די שרייבער וועלכע זעען שטריכען, ווינקלען, זיי קוקען אריין אין לעבען ווי דורך שפארינעס. זיי זעען ניט קיין ברייט בילד, זיי אומפאסען ניט קיין גרויסען פראבלעם.

ז. ליבין האט נאך דעם זיך אויך גענומען שרייבען פיעסען. ווי ער אליין האט איבערגעגעבען אין זיינע מעמוארען, איז ער געווען אן אפטער טעאטער באזוכער. דאס איז נאך געווען אין סוף פון פריערינען יארהונ־דערט, ווען דאס אידישע טעאטער איז נאך ניט געשטאנען אויף א מדרגה פון קונסט, אין בעסערן זין. ער האט אונטער יענעם איינפלוס געשריבען זיינע פיעסען. ער האט אבער באזעסען א גוטען חוש פאר רעאליזם, כאטש ער איז באשרענקט אין זיין אומפאסונג.

ליבינ׳ס פיעסען זיינען אממיינסטענס געבויט אויף עפיזאדען, ניט אויף טיפע דראמאטישע ענטוויקלונגען מיט ברייטע קאמפליקאציעס. זיי דרייען זיך ארום באשרענקטע פונקטען, אבער ס׳איז פאראן אין זיי פיל אמת פון לעבען און ריכטיגע, ווען אפילו לייכטע, כאראקטעריזירונגען. ער באלעבט אויך די האנדלונג מיט גוטמוטיגען הומאר. ער פארלעצט ניט דערביי דעם עטישען געפיל.

זיין ערשטע פיעסע איז געווען א קאמעדיע „די פארשפעטיגטע חופה״, וואס איז אויפגעפירט געווארען אין ניו יארק אין דעצעמבער

1900. דאָן איז געקומען: „דער אומזיסטער קרבן, אָדער דוד און זיינע טעכטער". עס האָט נאָכגעפאָלגט „אַ געבראָכענער נדר" און „אַ מאַמע׳ס נקמה". לויט די נעמען פון די פּיעסען האָט מען זיי געקענט צושרייבען צו לאַטיינער, הוראָוויטץ, און נאָך אַזעלכע פּיעסען שרייבער. אָבער זיי זיינען דאָך געווען ליבינ׳ס, און ער האָט זיכער געזוכט צו שרייבען גאַנץ אַנדערש, ווי די דערמאָנטע שונד שרייבער. ער האָט אָנגעהויבען שריי־בען אין דער צייט, ווען מען האָט געזוכט אַריינצוברייגען עפּעס בעסערס אויף דער אידישער בינע, און טעאַטער מענשען האָבען דערפאַר שטאַרק מורא געהאַט. זיי האָבען זיך געשראָקען, אַז ס׳זאָל ניט פאַרטרייבען דאָס „ווערטע פּובליקום" פון טעאַטער. ז. ליבין האָט זיך געוויגט צווישען דאָס וואָס ס׳איז געווען, און צווישען דאָס בעסערע וואָס מען האָט געוואָלט אַריינברייגען. ער איז אַ כאַראַקטעריסטישער דראַמאַטורג פון דער אי־בערגאַנגס פּעריאָדע.

ער האָט אויך פּרובירט אַריינצוברייגען אַרבייטער אידעען אויף דער בינע און אין 1903 האָט ער פאַרפאַסט אַ פּיעסע מיט דעם נאָמען „דער ערשטער מאַי", אָבער די אַקטיאָרען האָבען זי אַזוי באַאַרבייט, אַז ער האָט זיך אָבגעזאָגט זי צו אַנערקענען פאַר זיין פּיעסע. זיין אייגענע פּיעסע האָט ער פאַרעפענטליכט אין „פאָרווערטס".

אין זעלבען יאָר האָט ז. ליבין געשאַפען אַ פּיעסע, וואָס איז איינע פון זיינע בעסטע, „די געבראָכענע הערצער". דאָס איז אַ דראַמע מיט העכערע פּרעטענציעס, זי איז אַלץ ווייט פון צו זיין אַ קונסט דראַמע, אָבער זי האָט געהאַט אַ באַדייטענדען ערפאָלג.

אַנדערע פּיעסען פון ז. ליבין וועלכע ס׳איז כדאי צו דערמאָנען זיי־נען: „איר פאַרגאַנגענהייט", „דער אייביגער איד", „גאָט׳ס שטראָף", „יום הדין", „בלינד אויס ליבע", „פרעמדע קינדער", „מענער און פרויען", „קינדער פון דער ערד", „דער הפקר יונג", „קינדער פאַרגעסען ניט", א. אַ.

פילע פון זיינע פּיעסען זיינען אויך געשפּילט געוואָרען מיט ערפאָלג אין לאָנדאָן.

א. „די געבראָכענע הערצער"

„די געבראָכענע הערצער" פון ז. ליבין איז אפשר דער ערשטער פאַרזוך צו שאַפען אין אַמעריקא, אַחוץ גאָרדינ׳ס דראַמען, אַ ריכטיגע דראַמע אָן קונצען, און מיט אַ פּראָגרעסיווער טענדענץ. דער פאַרפאַסער האָט געזוכט צו שילדערן אַ דראַמע פון ליידען וואָס זיינען געשאַפען דורך

דער שטרענגער באַציהונג וואָס מען האָט ביי פרומע אידען צו אַ זינדי־גער טאַכטער.

עס האַנדעלט זיך אין אַ חזנ׳ס אַ טאַכטער, גיטעלע, גראַדע אַ גע־ראָטען מיידעל. רעדט מען איר אַ שידוך, אַ זון פון איינעם פון די פּני העיר, אַ רייכער מאַן „מיט אַלע מעלות״. ער האָט אפילו אַ הויקער, אָבער עס איז דאָך צוליב דעם הויקער וואָס ער וויל איר טון די טובה זי צו נעמען פאַר אַ פרוי אָן נדן... וויל זי ניט דעם שידוך, ווייל זי איז גאָר פאַרליבט אין אַ צווייטען, מיט׳ן נאָמען בענדזשעמין.

איר ליבע איז וויט געגאַנגען. זי האָט שוין פון אים געשוואַנגערט. צו דאָס אַלעס קומט נאָך צו, וואָס דער געליבטער, בענדזשעמין, דער־ציילט איר זיין סוד, אַז ער האָט אַ פרוי מיט צוויי קינדער, און ער איז שטאַרק צוגעבונדען צו זיין פרוי, ניט חלילה דורך ליבע, נאָר דורך גע־וויסע פליכטען, דורך אַ חוב וואָס ער איז שולדיג זיין פרוי, וועלכע האָט אים אַמאָל געראַטעוועט זיין לעבען... האָט די אָרימע גיטעלע גערעכטע טענות: פאַר וואָס האָט ער זי פאַרפירט? פאַר וואָס האָט ער איר פריער ניט דערציילט אַלצדינג?

גיטעלע ווערט פאַרפאָלגט פון איר פאָטער צוליב איר זינד. ער טרייבט זי אַרויס פון הויז. זי ליידעט שרעקליך, באַקומט שווינדזוכט און שטאַרבט אין שפּיטאָל. דער פאַרפאַסער ציט דעם שלוס ווי שטרענג פרומע אידישע עלטערן זיינען צו זייער קינד, דורך קאָנווענציע, דורך פאַראורטייל...

ז. ליבין האָט געמאַכט דעם טעות, וואָס ער האָט געזוכט אַרויסצו־ברייגען בענדזשעמינ׳ען פאַר חזיר פיסעל כשר. ער לאָזט אים זאָ־גען צו דער פאַרפירטער מיידעל, אַז ער איז געווען פון איר פאַר־שיכור׳ט; ער האָט ניט געקענט ווידערשטיין די צויבער־קראַפט וואָס זי באַזיצט אין איר שענקייט און אין אירע גייסטיגע מעלות. בעת מעשה האָט ער זיך פאַרגעסען, דערנאָך האָט ער חרטה געהאַט; אַ סמן: ער האָט זיך אחר המעשה אַנגע׳שיכור׳ט, שוין ניט מיט איר שענקייט, נאָר טאַקע מיט משקה אין אַ שענק הויז... אַט די פאַלשע שטריכען אין דעם געליבטען שוואַכען אָב די טענדענץ פון דער פּיעסע. מען קען אים ניט גלויבען, אַז ער האָט זיך טאַקע געקענט פאַרגעסען. ער האָט זי דאָך ניט פאַרפירט ביי זייער ערשטער באַגעגעניש. עס האָט דאָך גענומען צייט ביז ער האָט זי אַריינגענאַרט אין זיין פאַסטקע. פאַר וואָס האָט ער די גאַנצע צייט ניט געדענקט וועגען זיין פליכט צו זיין פרוי און קינדער? פאַר וואָס האָט ער איר איבערהויפּט ניט געזאָגט פריער, אַז ער האָט אַ פרוי און קינדער?... אַט דאָס מאַכט פילען, אַז גיטעלע איז מער געווען

דער קרבן פון אַ שאַרלאַטאַן, ווי דער קרבן פון איר פאָטער׳ס שטרענג־קייט... דאָס מאַכט די דראַמע ניט אויסגעהאַלטען.

דאָך איז „די געבראָכענע הערצער״ געווען אַן ערפאָלגרייכע פּיעסע. זי איז דאָ אויפגעפירט געוואָרען צום ערשטען מאָל אין 1906 פון מ. ד. וואַקסמאַן אין סטענדערד טעאַטער. ער איז געווען דער חזן. פעני וואַקס־מאַן איז געווען גיטעלע, און דזשאָזעף פיינבערג — בענדזשעמין.

שפּעטער ווען יעקב אַדלער האָט גאַסטראָלירט אין לאָנדאָן האָט ער אויך אויפגעפירט די פּיעסע. ער האָט געשפּילט פאַר׳ן חזן. ס׳איז געווען אַ שענע פאָרשטעלונג.

ב. „קינדער פון דער ערד״

אַ ערנסטערע פּיעסע פון ז. ליבין איז אויך „קינדער פון דער ערד״. זי האָט פילע מעלות, אָבער זי איז אַלץ ניט קיין קונסט ווערק אין העכערן זין.

אין דער דראַמע ווערט אפילו באַהאַנדעלט אַ פּסיכאָלאָגישער מאָ־טיוו, די ווירקונג פון דעם אַבערגלויבען פון אַ פאַרמער. דאָס איז ניט קיין נייער מאָטיוו אין דער דראַמאַטישער ליטעראַטור. דער מאָטיוו איז באַהאַנדעלט געוואָרען פון אַזעלכע מייסטער, ווי לעאָ טאָלסטאָי און גער־האַרד הויפּטמאַן. אויך פּרץ הירשביין האָט באַנוצט דעם מאָטיוו אין זיינער אַ דראַמע. יענע גרויסע מייסטער און זאָגאַר אונזער דיכטער האָ־בען זיך אָבער אויף דעם מאָטיוו קאָנצענטרירט. זיי האָבען די גאַנצע האַנדלונג אין זייערע באַטרעפענדע ווערק אַרומגעוועבט אַרום דעם איינ־ציגען מאָטיוו. דערפאַר איז ביי זיי אַרויסגעקומען לאָגישע אויסגעהאַל־טענע ענטוויקלונגען אָן פגימות און אויך אין שענע אויסגעהאַלטענע פאָרמען.

ליבין האָט זיך ניט קאָנצענטרירט. ער האָט ניט אַרומגעוועבט די גאַנצע האַנדלונג אַרום אַ איינציגען מאָטיוו. די ווירקונג פון אַבערגלוי־בען איז בלויז איינער פון די מאָטיוון אין זיין דראַמע. עס זיינען דאָ נאָך מאָטיוון: עס ווערען דערמאָנט פּאָגראָמען; עס ווערט אַריינגעפירט אַ מאָרד־טאַט; עס איז אויך צוגעשטעפּט אַ אינטריגע פון אַ מיידעל אָב־צורעדען דעם חתן פון אַ חבר׳טע, און צו דער צוטשעפּעניש איז נאָך דאָ אַ צוטשעפּעניש, וואָס די אינטריגאַנטקע האָט חרטה און ברייננגט צוריק דעם חתן צו דער כלה. יעדער איינער פון די דאָזיגע מאָטיוון איז אָן און פאַר זיך גאַנץ אינטערעסאַנט אפילו אין ליבינ׳ס דראַמע, אָבער דורך דאָס צוזאַמענמישען אַזוי פיל מאָטיוון צוזאַמען איז אַרויסגעקומען צופיל איבערהויפונג, צופיל סענזאַציעס.

מאַנכע מאָל ווערט אויך פאַרלוירען אין דער צוזאַמענמישונג דער לאָגישער צוזאַמענהאַנג פון איינס מיט דאָס צווייטע, און דאָס שוואַכט אָב דעם איינדרוק... ווען מען רעכענט נאָך אַז ליבין שאַפט אין אַמעריקא, וואו אַן וויצען קען מען גאַרניט לעבען — אַזוי זעט עס פון כמעט אַלע אַמעריקאַנער שאַפונגען — און ער שמוגעלט אַריין אין דער זייער ערנ־סטער דראַמע קאָמישע סצענעס, און אַ היבשע מאָס לייכטען הומאָר, מוז מען קומען צום באַשלוס, אַז פון אַ העכסט קינסטלערישען שטאַנדפונקט איז די דראַמע ניט אויסגעהאַלטען...

נאָר טראָץ אַלע חסרונות פון ליבינ׳ס דראַמע „קינדער פון דער ערד״ קען מען פאַלשטענדיג זאָגען: הלוואי זאָלען קיין ערגערע פיעסען ניט אויפגעפירט ווערען. בעסערע האָט קיין שיעור ניט.

די פיעסע איז אויפגעפירט געוואָרען גאַנץ געלונגען פון יאָזעף קעסלער אין פּאַוויליאָן טעאַטער אין יאַנואַר 1928.

ג. „קבצן וואו קריכסטו״

געלעכטער, גרויס געלעכטער, שטורמדיגער געלעכטער, איינפאַך קאָנוואולסיעס פון געלעכטער — אָט דאָס הערט מען ביי אַ פאָרשטעלונג פון ז. ליבינ׳ס קאָמעדיע „קבצן וואו קריכסטו״. דאָס איז אַ זייער לייכטע אַמוזאַנטע קאָמעדיע, וואָס גיט טאַקע זייער פיל שטאָף צו לאַכען. מען קען פון איר הנאה האָבען, כאָטש זי איז זייער אויבערפלעכליך און פון קנאַפּען קינסטלערישען ווערט.

די קאָמעדיע איז ניט געבויט אויף כאַראַקטעריזירונג, וואָס איז דער אמת׳ער מאָטיוו פון אַ קינסטלערישער קאָמעדיע. זי איז מער געבויט אויף פּאַן, אויף שפּאַס, אויף לייכטען שפּאָט... ס׳איז ווי דער ענגלענדער זאָגט: „איט׳ס פאַני״, ס׳איז שפּאַסיג, און ווי דער שטייגער איז קען אַ געלונ־גענער שפּאַס אַרויסרופען געלעכטער. דער מאָטיוו פון דער קאָמעדיע איז וואָס אַ איסט סיידער אידישע משפחה, וואָס איז פריער געווען אָרים, ציט אַריין אין אַ רייכען געגענד. זיי פּאַסען ניט צום געגענד און דער געגענד פּאַסט ניט צו זיי.

דער פאַרפאַסער סימפּאַטיזירט מיט אָרימע, און אפילו מיט געוועזע־נע אָרימע לייט. דער שפּאָט זיינער איז אויפ׳ן חשבון פון די רייכע, וועל־כע ער שטעלט פאָר אַלס קאַריקאַטורען. דאָס גיט געלעגענהייט די טעאַטער באַזוכער הנאה צו האָבען.

דער שפּאַס דריקט זיך אפילו אויס מער אין דיאַלאָג, וואָס האָט פיל ווערטער שפּיל, ווי אין סצענעס, אָבער דער עולם אַמוזירט זיך.

ווי שוין ערקלערט איז עס אַ שוואַכע קאָמעדיע, אַן אויבערפלעכליכע און איינינגע טיפּען זיינען זאָגאַר פאַלש כאַראַקטעריזירט. אָבער עס איז פאַראַן איין כאַראַקטער אין דער פּיעסע, וואָס איז אמת און געלונגען. דאָס איז דער אַלטער שמחה וועלע. בנוגע אַלע אַנדערע ווערט געשאַפען דער איינדרוק, אַז ס׳איז אָנשטעל, אָבער ער איז רעאַליטעט. אַט דער אַלטער שוסטער, וועלכער האָט אָבגעלעבט אַלע זיינע יאָרען אין דער אָרימער גאַס, קען זיך באמת ניט צופּאַסען צו דער נייער אומגעבונג, און ווען ער ברויזט אַרויס: „איך וויל ניט זיין קיין נגיד; קענט איר עס מיך מאַכען מיט געוואַלד?“ — קלינגט דאָס אמת און זאָגאַר רירענד. ס׳איז טאַקע קאָמיש, אָבער עס איז פאַראַן טראַגיזם אין דער קאָמישער סיטוּאַציע.

יאָזעף קעסלער האָט אויפגעפירט די פּיעסע אין פּאַוויליאָן טעאַטער מיט באַדייטענדען ערפאָלג.

ד. „קינדער פארגעסען ניט“

„קינדער פאַרגעסען ניט“ איז אויך אַ כאַראַקטעריסטישע פּיעסע פון ז. ליבין. זי האָט אַלע באַשרענקונגען און אַלע מעלות פון זיין שאַפען. עס קאָכט זיך אין איר דורך דריי אַקטען, אָבער ביים סוף בלייבט כמעט פּונקט דאָס זעלבע ווי ס׳האָט אָנגעפאַנגען. עס ענטוויקעלט זיך און ס׳ענטוויקעלט זיך, עס דאַכט זיך אויס, אַז אָט, אָט געשעט גאָט ווייסט וואָס, אָבער אַז ס׳קומט אַז ס׳זאָל עפּעס געשען, געשעט גאָרניט, ס׳בלייבט ביים אַלטען. און דאָס אַלטע איז גראָד ניט שלעכט און ס׳איז גוט און וואויל, די שוישפּילער פאַרענדיגען זינגענדיג און טאַנצענדיג...

ס׳איז אַזאַ געשיכטע: אַ פּידעל קינסטלער פאַרלאָזט זיין וואוילע ווייבעל; ער גט זי אָב, ווייל ער האָט זיך פאַרליבט אין אַ ניט אידישער זינגערין, און איז אַוועק אין דער גרויסער וועלט. די ווייבעל בלייבט מיט צוויי קינדער, וואָס זייער פאָטער האָט ניט געוואָלט פאַרזאָרגען. אים איז געלעגען אין זינען זיין ליבע און זיין רום; בלייבט זי און די קינדער אויף צרות. איז אָבער דאָ אַ פּשוט׳ער מענש, אַן אַרבייטער, וועלכער אַרבייט זיך אַרויף. צוערשט איז ער אַ מוליאַר און קאָלעכט און פאַרבט הייזער פון אַנדערע. נאָכהער ווערט ער אַ באַזיצער פון הייזער. ער האָט רחמנות אויף דער ווייבעל מיט די קינדער, און זאָרגט פאַר זיי. די ווייבעל געפעלט אים טאַקע זייער, אָבער ער געפעלט איר ניט. זי בענקט נאָך איר מאַן דעם קינסטלער... צוליב די קינדער, וועלכע ליבען דעם פּשוט׳ן מענשען ווי אַ פאָטער, ווייל ער איז זייער גוט צו זיי, האָט זי מיט אים חתונה.

דאַכט זיך אַן עק און אַ סוף. אָבער ניין, עס גייט ניט אַזוי איינפאַך. דער קינסטלער קומט צוריק. די ניט אידישע זינגערין איז פון אים אַוועק, ווייל ער איז אַ איד, האָט זיך אים פאַרבענקט נאָך דער פריערדיגער ווייב און קינדער... ווילען די קינדער אים ניט קענען. זייער מוטער׳ס האַרץ איז פאַר אים, ער קומט צו איר און עס האַלט שוין אָט, אָט... אָבער די קינדער קערען וועלטען, זיי ווילען נאָר זייער ערציער, וועלכער איז אַזוי גוט צו זיי, בעסער ווי דער פאָטער.

פאַר דער מוטער. שטעלט זיך גאָר אַ שווערער קאַמף, צווישען ליבע צום אַמאָליגען מאַן און ליבע צו די קינדער. און אַזוי ווי דער צווייטער מאַן איז טאַקע אַ זייער פיינער מענש און איז זאָגאַר גרייט זיך צו אָפּפערן און אָבטרעטען דעם וועג, באַשליסט זי צו בלייבען מיט אים, און דער קינסטלער דאַרף ווייטער פאַרען.

דער פאַרפאַסער האָט געוועבט די גאַנצע סימפּאַטיע אַרום דעם אויפהאָדעווען פון די קינדער, ער האָט געהאָט די צושטימונג פון פוב־ליקום.

די פּיעסע איז פילע מאָל אויפגעפירט געוואָרען אין פּאַוויליאָן טעאַטער, אין נאַציאָנאַל טעאַטער, און לעצטענס, אין מאַי 1942 האָב איך זי געזעען אין גראַנד פּאַלעי, אויפגעפירט צו ש. קאַהן׳ס עהרען אָבענד. עס איז געווען אַ שענע פאַרשטעלונג. באַזונדערס האָבען זיך אויסגעצייכענט: מאַרק מאַרקאָוו אַלס דער צווייטער מאַן; עטאַ טאָפּעל אַלס די גע׳גט׳ע ווייבעל; און ש. קאַהן אַלס לוסטיגער אַרבייטס־לאָזער. י. שערמאַן איז געווען דער ערשטער מאַן. עס האָבען זיך נאָך באַטייליגט: י. מאַרקאָוויטש, מאַדאַם מייזעלס, מאַדאַם שערמאַן א. אַ.

עס איז אויך כדאי צו דערמאָנען, אַז ביי אַ פאַרשטעלונג פון ליבינ׳ס „קינדער פון דער ערד״ אין פּאַוויליאָן טעאַטער, איז געווען אַנוועזענד דער באַרימטער רומענישער שטאַאַטסמאַן, מ. טיטולעסקו, געוועזענער אויסערן מיניסטער און דאַמאָלט אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן. די פאַרשטע־לונג איז אַראַנזשירט געוואָרען פון דער פעדעראַציע פון הילפס אָרגאַני־זאַציעס פאַר לײדענדע אידען אין בעסאַראַביען. דער מחבר פון דעם בוך איז געווען פאַרזיצער ביי דער באַגריסונג און אַפּיעל צווישען די אַקטען.

דאָס וואָס מען האָט ביי אַזאַ געלעגענהייט אויסגעקליבען ז. ליבינ׳ס אַ פּיעסע איז זיכער אַן אַנערקענונג פאַר זיין פּאָפּולאַריטעט אַלס דראַמאַ־טורג.

18. י. ל. פרץ אלס דראמאטורג

זיין דראמאטישער עטיוד: „ביינאכט אויפ׳ן אלטען מארק״

דער מייסטער פון אידישע געדאַנקען אין דער אידישער שפּראַך, יצחק ליב פּרץ, וועלכער איז געווען אַ דיכטער, אַ דערציילער, אַ פאַלק־לאָריסט אין העכערן זין; ער האָט פון פאַלקס מעשה׳לעך געשאַפען פערלדיגע דערציילונגען; איבער אַלעס איז ער געווען אַ דענקער און אַ לערער פון פאָלק; אָט ער, אונזער גרויסער פּרץ, האָט אויך געשריבען אַ פּאָר איין־אַקטערס און עטליכע פּיעסען.

פּרץ האָט געהאָט אַן אייגענעם סטיל פון שרייבען: קורצע, כמעט אָבגעשלאָסענע זאַצען, און יעדער זאַץ זאָגט עפּעס אַ געדאַנק, אָדער לאָזט עפּעס אָנצוהערען. עס איז אויך פאַראַן פיל סימבאָלישעס אין זיי... אָט דעם דאָזיגען סטיל האָט ער אויך געברויכט אין זיינע דראַמאַטישע ווערק. דער סטיל פּאַסט אָבער בעסער פאַר פעלעטאָנען, דערציילונגען און זאַ־גאַר אַרטיקלען, ווי פאַר דראַמען. ביים לעזען פּרץ׳ס אַ זאַך מוז מען זיך פאַרטראַכטען. ביים זען אַ דראַמע איז ניט פאַראַן קיין צייט צו טראַכטען. מען מוז נאָכפאָלגען די האַנדלונג וואָס דאַרף זיך טראָגען מיט אימפּעט... דאָס איז טאַקע אַ סבה, פאַר וואָס פּרץ׳ס דראַמען ווערען זעלטען גע־שפּילט, אָבער זיי האָבען אַ גרויסען קולטור היסטאָרישען ווערט. זיי שיל־דערן אינטערעסאַנטע פאַזען פון אידישען לעבען פון זיין צייט; מען טאָר זיי ניט פאַרגעסען. אין זיינע ניט געשפּילטע דראַמען איז פאַראַן פיל מער אמת פון אונזער לעבען, ווי אין דראַמען, מיט וועלכע ס׳האָט שטאַרק גע־קלונגען אין דער אידישער טעאַטער וועלט אין אונזער צייט.

י. ל. פּרץ איז געבוירען געוואָרען אין זאַמאָשץ, לובלינער געגענד, פּוילען, אין 1852. ער איז געשטאָרבען אין 1915. ער האָט אָנגעפאַנגען שרייבען צו דער עלטער פון 14 יאָר, צוערשט אין פּויליש און ניט גע־דרוקט, דאַן אין העברעאיש. ווי ער אַליין האָט פאַרצייכענט האָט ער „גע־פּילט נישט לעבעדיג״ און איז „אַריבער צו אידיש״... ער איז געוואָרען דער גרעסטער אידישער שרייבער, דער גרעסטער קולטור טרעגער אין דער אידישער שפּראַך, און דער גרעסטער פאַרטיידיגער פון אידיש. ער איז געווען דער אָנפירער פון דער באַוועגונג, וואָס האָט געוואָלט דערהוי־בען אידיש צו דער מדרגה פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך פון אידישען

פאַלק. (ווענגען דאָס אַלעס און וועגען זיינע שריפטען אין אַלגעמיין איז ניט אין דעם באַנד דאָס פּלאַץ צו שרייבען איינצעלהייטען).

זיינע דראַמאַטישע ווערק שליסען איין:

„וואָס אין פידעלע שטעקט" — אין דריי אַקטען. אויס דעם כלי־זמר לעבען.

„די גאָלדענע קייט" — אַ חסידישע פאַמיליען דראַמע אין דריי אַק־טען, אין ווייסען פערז, אין וועלכער ס'איז געשילדערט די דעקאַדענץ פון חסידיזם, זיין ירידה, דער אינערליכער נשמה קאַמף פון אַ רבי'ן, וואָס גלויבט ניט מער אין זיין מיסיע.

„אין פּאַליש אויף דער קייט" — דראַמאַטישע פּאָעמע אין דריי אַק־טען. מיסטיש דעקאַדענטיש.

„ביינאַכט אויפ'ן אַלטען מאַרק" — אין פיר אַקטען. שטעלט פאַר מיסטיש־סימבאָליש די ענטאַרטונג פון אידישען לעבען.

אין לאָנדאָן האָט מען געשפּילט פּרץ'ס איין־אַקטער „די שוועס־טער"; מען האָט פאָרגעטראָגען מאָנאָלאָגען פון זיין „גאָלדענע קייט"; און מען האָט געשפּילט „ביינאַכט אויפ'ן אַלטען מאַרק". עס איז געווען זייער ווייניג אָבער זייער גראַנדיעז.

א סימבאליסטיש-אימפרעסיאניסטיש דראמאטישער עטיוד

„ביינאַכט אויפ'ן אַלטען מאַרק", פון י. ל. פּרץ, וואָס ה' מזאה'ס „ווילנער" טרופּע האָט אויפגעפירט אין פּאָרטשון טעאַטער אין אַפּריל 1934, קען זיכער באַטראַכט ווערען אַלס דער עפּילאָג אין דעם שאַפען פון דעם גרויסען מייסטער פון דער אידישער ליטעראַטור. ניט נאָר איז דאָס איינע פון די לעצטע ליטעראַריש־דראַמאַטישע שאַפונגען זיינע, נור אין איר איז אויך אויסגעדריקט די שטימונג צו וועלכער פּרץ איז געקו־מען אויף דער עלטער — אַ שטימונג ניט נאָר פון ספקות, נור טאַקע פון יאוש, פון האָפנונגסלאָזיגקייט.

אַנדערע האַלטען, אַז די דראַמע — בעסער געזאָגט דראַמאַטישער עטיוד, ווייל זי איז טעכניש ווייט פון צו זיין אַ פאָלשטענדיגע דראַמע — איז געווען דער רעזולטאַט פון זיין ענטוישונג אין דעם אויסגאַנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905. איך האַלט, אַז דאָס איז אַ געפעלטע מיי־נונג. שוין דער פאַקט אַליין, וואָס פּרץ האָט דעם דראַמאַטישען עטיוד אָנגעהויבען שרייבען ביים סאַמע אויסברוך פון דער רעוואָלוציע, טאַקע אין 1905, באַווייזט שוין, אַז ער האָט נאָך ניט געקענט זיין באַאיינפלוסט

פון איר רעזולטאַט, ווען ער האָט באַקומען די ערשטע אינספּיראַציע דאָס ווערק צו שאַפֿן.

פּרץ׳ס יאוש איז ניט בלויז געווען אויסערליך אַרויסגערופֿן דורך דער ווירקונג פון דער אַרומיגער סביבה. עס איז געווען טיף אינערליך, אַ רעזולטאַט פון אַ פּסיכאָלאָגישער ענטוויקלונג, וואָס איז אָנגעגאַנגען זינט יאָרען. די ענטוישונג דורך דעם דורכפֿאַל פון דער רעוואָלוציע האָט העכסטענס געגעבן פֿאַרב און אויסדרוק צו די געפֿילן וואָס האָבן נאָך פון פריער געגליט אין זיין נשמה.

„ביינאַכט אויפֿ׳ן אַלטען מאַרק״ איז אין אמת׳ן געווען אַן אויסגאַנג, אַ סוף, אָדער אַן אָנהויב פונ׳ם סוף אין פּרץ׳ס שאַפֿן.

פּרץ אין זיין שאַפֿן האָט געשטרעבט צו אַלץ העכער. אים האָט אַ שטימע גערופֿן אַלץ „אַרויף״... אָבער ווען ער איז געקומען צו יענעם פונקט, ווען ער האָט שוין דערהערט אין זיין לעבן די שטימע זאָגן „אַרונטער״, האָט ער זיך גענומען שאַפֿן אָט דאָס דאָזיגע ווערק זיינס, „ביינאַכט אויפֿ׳ן אַלטען מאַרק״.

דאָס געפֿאַלענע און צובראָכענע לעבן פון די אידישע מאַסען אין פוילען און רוסלאַנד איז ניט געווען קיין נייעס פֿאַר פּרץ׳ן, וואָס ער האָט ערשט דערזען נאָך דער רעוואָלוציע. נאָך אין איינציגע דערציילונגען צווישען זיינע ערשטע ליטעראַרישע שאַפֿונגען און נאָך אין זיינע „ביל־דער פון אַ פּראָווינץ רייזע״ געפֿינט מען קלאָר געשילדערט דעם אידי־שען עלענד, די אידישע אָרימקייט און צובראָכענקייט. אָבער דאַמאָלט איז פּרץ נאָך געווען יונג און קרעפֿטיג, ער האָט נאָך געגלויבט און גע־האָפֿט. ער האָט אפילו אין דעם צובראָכענעם לעבען געפונען די ליבע אַלס הערשערין, און וואָס פֿאַר אַ גרויסע טרייסט און ערמוטיגונג ער האָט דערין דאַמאָלט געזען. אָבער ווען ער איז געקומען אויף דער על־טער, און ווען, ווי ס׳איז געווען באַטירליך, ער האָט פֿאַרלוירען דעם זין פֿאַר דער ליבע, אָט דאַמאָלט, נאָך דעם וואָס ער האָט געהאַלטען אין איין זוכען אַ זין אין לעבען און האָט קיין זין ניט געפונען, האָט ער דערזען דאָס לעבען בכלל, און איבערהויפּט דאָס לעבען פון די אידישע מאַסען, אין דער גאַנצער נאַקעטקייט:— ער האָט דערזען, אַז ס׳איז אַ לעבען, וואָס איז קיין לעבען ניט, אַ האַלב טויטער לעבען, אַ צובראָכענער, אַ צו גרונדע גייענדער. און אָט אַזוי האָט ער עס פֿאַרעשטעלט און געשיל־דערט אין „ביינאַכט אויפֿ׳ן אַלטען מאַרק״.

אין פּרץ׳ס נשמה האָט זיך ענטוויקעלט אַ דואַליזם, וואָס איז געוואָ־רען זייער בולט אין זיינע עלטערע יאָרען, און אויף וועלכען ער איז גע־ווען באַוואוסטזיניג. אויף איין זייט האָט ער נאָך באַזעסען אַ פונק פון

דאָס דיכטערישע, זוכענדע און שטרעבענדע, וואָס האָט נאָך געטליעט, און מיט די לעצטע אויפשיינונגען פון אונטער'ן אַש פון ספקות האָט זיך עס נאָך געריסען — אפשר דאָך? אפשר וועט מען דאָך קענען די האַל־בע מתים באַלעבען, צו שענעם און צום קאַמף רופען? אָבער אויף דער צווייטער זייט האָט די ענטוישונג שוין אַזוי צוגריזשעט זיין נשמה, אַז זי האָט דאָס דיכטערישע, דאָס שטרעבענדע פאַרשריען, און מיט ציניישער גאַליגקייט אים געזאָגט, אַז ס'איז אַלץ אומזיסט, אַז קיין זאַך האָט קיין שום באַדייטונג.

אָט פון די דאָזיגע צוויי מאָטיווען: אויף איין זייט פון דער נאַקעטער צוברעכענקייט פונ'ם לעבען פון די אידישע מאַסען, און אויף דער צוויי־טער זייט פון דעם אינערליכען דואַליזם, וואָס האָט זיך געפונען אין זיין נשמה, האָט פרץ געשאַפען דעם דראַמאַטישען עטיוד זיינעם, „ביינאַכט אויפ'ן אַלטען מאַרק", וועלכען ער האָט געגעבען סימבאַליסטיש־עקס־פּרעסיאָניסטישע פאָרמען.

די צוויי שטימען אין זיין נשמה, בעסער געזאָגט די צוויי בליקען אויפ'ן לעבען, וואָס האָבען זיך אין פרץ'ס האַרץ געראַנגעלט, די האָפענד־שטרעבענדע, און די ענטוישט־ציניש, האָט ער סימבאַליזירט און איינ־געקערפּערט אין די צוויי כאַראַקטערע פון זיין דראַמאַטישען עטיוד. דאָס ערשטע געפיל האָט ער איינגעקערפּערט אין בדחן, און דאָס צווייטע אין לץ. שוין דאָס אַליין וואָס ער האָט דאָס דיכטערישע האָפענד־שטרעבענ־דע געפיל באַצייכענט אַלס „בדחן" צייגט, אַז דער לץ האָט אין אים גע־האָט די אויבערהאַנד... ער האָט סימבאַליזירט און איינגעקערפּערט דאָס אידישע לעבען אין אַ מאַרק נאָך האַלבער נאַכט, וואו און ווען, לויט די באַקאַנטע פאָלקסטימליכע לעגענדען און אַבערגלויבענס, עס טאַנצען מתים.

אויף אַזאַ אופן פירט ער פאַרביי פאַר די צוויי בליקען, פאַר די צוויי ראַנגלענדע שטאַנדפּונקטען זיינע, ניט נאָר אַ גאַנצע גאַלעריע פון אידי־שע טיפּען, נור אויך די שטרעבונגען און באַוועגונגען פון אידישען לע־בען. ער פירט דורך דעם מאַן און די פרוי; די ליבע און דעם לייכטזין; זנות און טוגענד; די פאַרזעסענע מויד און די געשטאָרבענע כלה; דעם האַנדעל און דעם וואַנדעל; דאָס פראַצענט נעמען און די רעליגיע; דעם ציוניזם און די אַרבייטער באַוועגונג, די אומשטענדען און פאַרהעלטניסען פון לעבען; די געפּלאָגטע און געפּייניגטע, די געשמיסענע פון פּאָגראָ־מען; די אָרימע און די הונגער ליידענדע. אַלץ פירט ער דורך פאַר די איינקערפּערער פון די צוויי בליקען זיינע. און ווערענד איין בליק, דער דיכטערישער, האָפענד־שטרעבענדער, דער בדחן, כאָטש ער איז אויך דורכגעדרונגען מיט ספקות, זוכט נאָך אַלץ צו זען עפּעס שענקייט, און

זוכט נאָך אַלץ צו וועקען אָט די האַלב טויטע, די צובראָכענע און אונ־טערגייענדע, צו קאַמף און לעבען,— ערקלערט דער צווייטער בליק, דער ענטוישט־צינישער, דער לץ, מיט שפּאָט און עקעל, אַז „הכל הבל״: ס׳האָט גאָר קיין זין ניט.

אפילו אין דער ליבע האָט פרץ שוין געהאַט פאַרלוירען זיין גלוי־בען; דער לץ, וועלכער האָט שטענדיג דאָס לעצטע וואָרט, ערקלערט, אַז אי דער געליבטער אי די געליבטע „נעמען זיך אויף כח״, וואָס דאָס מיינט, אַז זיי נוצען זיך בלויז אויס איינער דעם צווייטען... אַלץ אַזוי האָט ער מער ניט געהאַט קיין גלויבען אין די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען פון די אַרבייטער מאַסען, וועלכע אויף איין זייט שרייען, אַז זיי ערוואַר־טען די נייע צייט, און אויף דער צווייטער זייט, טאַקע באַלד דערויף, אַנטלויפען זיי ווי מייז, ווען פּאָליציי באַוויזט זיך...

ניט מער איבערצייגענד איז פאַר אים געווען דער ציוניזם, די שטרעבונג צו אַן אייגען לאַנד. און אויך די שופרות של משיח האָבען ניט געהאַט אויף אים קיין ווירקונג... די אַטמאָספערע איז פול מיט געוויין פון ליידענדע, מיט טומלען פון ראַנגלענדע, מיט ווירקונגסלאָזע קלאַנגען פון שופרות של משיח, אָבער איבער אַלעס הערשט דער געלעכטער פון לץ, וואָס האָט אויף אַלץ איין פירוש, אַז ס׳איז זינלאָז.

און צום סוף, ווען דער בליק פון האָפנונג און שטרעבען, דער בדחן, מאַכט אַ לעצטען גרויסען פאַרזוך צו וועקען צו קאַמף און לעבען, און ער פאַלט דורך, זוכט ער צו געפינען אַ לעצטען אָנהאַלט, אַ לעצטען פונק פון גלויבען, אין דער שווערער פראַגע:— „וואו ביזטו גאָט?״ אָבער אויך דערויף ענטפערט אים פול מיט ליצנות דער צווייטער בליק פון ענטוישונג און ציניזם, דער לץ:— „גאָט — באַנקראָט״...

צי פרץ איז געווען גערעכט אָדער ניט גערעכט מיט זיין פעסימיזם — אָט דאָס איז אַ פראַגע וואָס גייט ניט אַריין אין מיין איצטיגער אַנאַ־ליזע. דאָ האָב איך נאָר געוואָלט אָנצייגען וואָס אייגענטליך פרץ האָט געזאָגט מיט זיין ווערק „ביינאַכט אויפ׳ן אַלטען מאַרק״, און ווי ער האָט דערין געשילדערט זיך אַליין און דאָס גאַנצע אידישע לעבען פון אַרום אים.

ווי שוין געזאָגט איז פרץ׳ס „ביינאַכט אויפ׳ן אַלטען מאַרק״ אַ דראַ־מאַטישער עטיוד און ניט קיין פאָלשטענדיגע דראַמע. עס איז ניטאָ דערין קיין צענטראַלע שטייגענדע ענטוויקלונג. אַלץ שוועבט פאַרביי: די טי־פען ווי אין אַ גאַלעריע; און די לעבענס סצענעס ווי אין אַ פּאַנאָראַמע...

אויפצופירען אַזאַ פּיעסע איז אונגעהויער שווער, נאָר דאָך האָט זיך איינגעגעבען צו שאַפען אַ זייער אינטערעסאַנטע עקספערימענטאַל קינסט־

לערישע פאָרשטעלונג. פאַר דער ערפאָלגרייכער רעזשי קומט דער קרע־דיט דוד הערמאַן.

דער דראַמאַטישער עטיוד, וועלכער איז איינגעטיילט אין דריי אַק־טען, איז איינגעפאַסט געוואָרען אין אַ שענער קינסטלערישער ראַם, הן פון בינע קאָנסטרוקציע, הן פון דעקאָראַציע. און דערצו איז צו דער פאָרשטעלונג אויך צוגעגעבען געוואָרען אַ גאַנץ פאַסיגע מוזיק באַגליי־טונג פון יוסף קאַמינסקי. די גאַלעריע טיפען איז גלענצענד אַרויסגע־בראַכט געוואָרען, און עס זיינען אויך דאָ אייניגע סצענעס, וואָס האָבען אין זיך פיל פראַכט. באַזונדערס זיינען זייער שען און איינדרוקספול: די סצענע פון קדיש, ווען מען וועקט די מתים צו דאָס קומען פון משיח; די סצענע פון „צדקה תציל ממות", ווען מען שלעפּט דעם רייכען זינדער צו דין און משפט; די סצענע פון די רעוואָלוציאָנערע אַרבייטער מיט זייער שרעק פאַר דער פאָליציי; און די לעצטע סצענע, ווען מען זוכט דאָך די מתים אויפצואוועקען.

ס'איז געווען אַ זייער אינטערעסאַנטע עקספּערימענטאַלע קינסטלע־רישע פאָרשטעלונג. עס האָבען זיך באַטייליגט: יעקב וויסליץ אַלס דער בדחן, משה פאָטאַשינסקי אַלס דער לץ, דניאל שאַפּירא, חבל בוזגאן, פ. וואַלד, מרים אָרלעסקאַ, אסתר גאָלדענבערג, דבורה ראָזענבלום א. אַ. אַ שאָד וואָס מען האָט ניט מערערע אַזעלכע פאָרשטעלונגען.

19. ש. אנ־סקי און זיין „דיבוק"

ש. אַנ־סקי, וועמענס ריכטיגער נאָמען איז געווען שלמה זאַנוול ראַפּאָפּאָרט (געבוירען אין 1863 אין וויטעבסק, געשטאָרבען אין נאָוו. 1920), איז געווען אַ שריפטשטעלער, אָבער נאָך מער אַ זאַמלער פון אי־דישע פאָלקס מעשיות און לעגענדען. ער איז געווען איינער פון די ערש־טע אידישע סאָציאַליסטען; אין דער יוגענד האָט ער געלערענט מלאכות, צוערשט ביי אַ שמיד, דערנאָך ביי אַן איינבינדער; דאַן האָט ער גאָר אָנגעהויבען געבען שטונדען. ער איז אויך גע׳רודפ׳ט געוואָרען פאַר זיינע אידעען. אָנגעהויבען האָט ער זיין ליטעראַרישע אַרבייט מיט׳ן אָנשרייבען אַ דערציילונג אויף אידיש, „די געשיכטע פון אַ פאַמיליע". זי איז צוערשט געדרוקט געוואָרען אין רוסיש... ער האָט דאַן געשריבען נאָך דערציי־לונגען פון דעם לעבען פון אָרימע מענשען. ער האָט זיך אָבגעגעבען מיט סאָציאַליסטישער טעטיגקייט אין אידיש און רוסיש. ער איז דער פאַר־פאַסער פון באַרימטען אידישען רעוואָלוציאָנערען ליד „די שבועה", וואָס איז געוואָרען דאָס אָפיציעלע ליד פון דער אידישער אַרבייטער פּאַרטיי, דער „בונד".

ער האָט געהאַט אַ נייגונג צו שרייבען פּיעסען. צוערשט האָט ער אָנגעשריבען אַ קאָמעדיע אין רוסיש: „אין אַ קאָנספּיראַטיווער דירה". אויס דעם לעבען פון רעוואָלוציאָנערען. די פּיעסע איז אויפגעפירט גע־וואָרען אין בערן, שווייץ, און ז. זילבערצווייג גיט איבער האָבען אין איר געשפּילט ראָלען די באַרימטע סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען חיים זשיטלאָווסקי (אַלס פּאָליציי אַגענט) און וויקטאָר טשערנאָוו (אַלס שפּיאָן). גלאַט אַ אינטערעסאַנטער קוריאָז.

נאָך דעם וואָס ש. אַנ־סקי איז אָנגעגאַנגען פילע יאָרען מיט זיין זאַמלונגס אַרבייט האָט ער פאַרפאַסט אַ דראַמע, וואָס ער האָט גערופען „צווישען צוויי וועלטען" און האָט זי באַצייכענט אַלס דראַמאַטישע לע־גענדע. זי איז דערשינען אין 1919, און דערנאָך איז זי געשפּילט געוואָרען פון פילע אידישע קונסט טרופּען און אויך אין געווענליכע טעאַטערס. זי ווערט אויך געשפּילט אין העברעאיש פון דער „הבימה" אין אַ ספּעציע־לער רעזשי פון רוסישען רעזשיסאָר, וואַכטאַנגאָוו, אַ תלמיד פון סטאַניס־לאַווסקי׳ן, דער שאַפער צון מאָסקווער קונסט טעאַטער. וואַכטאַנגאָוו איז געווען גאָר אַ גרויסער קינסטלער מיט עקספּרעסיאָניסטישע נייגונגען. ביידע, אי ער אי זיין פאָרגענגער, זיינען ניט מער צווישען די לעבעדיגע

ש. אַנ־סקי האָט אויך איבערגעלאָזען אַ ניט פאַרענדיגטע פיעסע „טאָג און נאַכט". זי איז פאַרענדיגט געוואָרען פון ש. קאַציזנע.

אין לאָנדאָן האָבען מיר געהאַט פאַרשידענע פאָרשטעלונגען פון „דיבוק" און אויך איין מין פאָרשטעלונג פון „טאָג און נאַכט".

א. די ערשטע פארשטעלונג פון „דיבוק" אין לאנדאן

דאָ אין לאָנדאָן האָט יאָזעף קעסלער צוערשט אויפגעפירט דעם „דיבוק" אין פּאַוויליאָן טעאַטער. איך האָב דאַמאָלט איבער דער פיעסע געשריבען:

אויפ׳ן „דיבוק" קען מען זאָגען, אַז ס׳איז די שענסטע פיעסע, און אפשר אויך די שטאַרקסטע דראַמע, פון דעם אידישען רעפּערטואַר.

דער מחבר, אַנ־סקי, דער זאַמלער פון די אידישע פאָלקס מעשה׳לעך און לעגענדען, האָט אין אייניגע פון זיי געפונען אַ זייער רייכען מאַטע־ריאַל פאַר אַ דראַמע, און ער האָט געשאַפען אַ געלונגען, שען און שטאַרק דראַמאַטיש ווערק. עס איז געווען אַ שווערע אַרבייט, ווייל פאָלקס מעשה׳־לעך און לעגענדען זיינען ליריש, זיי זיינען געזאַנגען פון דער פאָלקס־נשמה; זיי דריקען אויס זאַנפטקייט, וויימוטיגקייט, בענקעניש, פאַרבאָר־גענהייט, עפּעס וואָס לאָזט זיך ניט איינקערפּערן אין שטאַרקע און בולט׳ע פאָרמען. אַ דראַמע, פאַרקערט, מוז האָבען וואָס קאָנקרעטערע, אָנזעענדע, שטאַרקע און בולט׳ע פאָרמען. זאַנפטקייט און וויימוטיגקייט מוזען אין איר פלאַץ מאַכען פאַר שטורמדיגע אויסברוכען. אַלץ מוז זיך ענטוויקלען אין אינטענסיווער ברויזענדער האַנדלונג. מען דאַרף דערפאַר האָבען אַ אויסערגעווענליכען טאַלאַנט צו קענען צוזאַמענגיסען פאָלקס מעשה׳לעך און לעגענדען אין אַ דראַמע. ש. אַנ־סקי האָט דעם אויסערגעווענליכען טאַלאַנט באַזעסען.

עס זיינען נאָך דאָ אין דער וועלט ליטעראַטור דראַמען, וואָס זיינען געבויט אויף פאָלקס מעשה׳לעך און לעגענדען, אָבער די דאָזיגע דראַמען זיינען אַמיינסטענס פּאַסיגער צום לעזען, ווי צום שפּילען.

דער „דיבוק" מאַכט די גרויסע אויסנאַם, וואָס ניט נאָר קען מען איר אי לעזען אי שפּילען, נור אפילו אין שפּילען בלייבען פאָלשטענדיג אי די לירישע שענקייט פון די לעגענדען, אי די דראַמאַטישע קראַפט פון דער האַנדלונג, וואָס ענטוויקעלט זיך אַרום זיי.

אין „דיבוק" ערשיינען אויף דער בינע גייסטער, עס האַנדעלט זיך אין מתים, אין מיסטישע ערשיינונגען, און דאָך קען די פיעסע פאָרגע־שטעלט ווערען רעאַליסטיש, ווייל די לעגענדען, אַרום וועלכע די דראַמע

ענטוויקעלט זיך, האָבען באמת געלעבט אין דער פאַנטאַזיע פון די אידי־שע פאָלקס מאַסען. זיי זיינען ניט בלויז געהערטע לעגענדען פון פאַר־שוואונדענע צייטען, נאָר דאָס זיינען איבערגעלעבטע לעגענדען, מעשיות וואָס האָבען זיך געוועבט אין דער אייגענער פאַרשטעלונג, אין אַבער־גלויבען. למשל, די לעגענדע, אַז ווען מען לאָזט אַ כלה אין טאָג פון חופה אַליין, קומען ניט־גוטע און פאַרנאַרען איר... אָדער, אַז צו דער חתונה פון אַ יתומה דאַרף מען איינלאַדען די נשמה פון דער פאַרשטאָרבענער מאַמע... און אפילו די לעגענדע, אַז אַ דיבוק, אַ פרעמדע פאַרוואָגעלטע נשמה, קען אַריין אין דעם גוף פון אַ לעבעדיגען מענשען — אָט די אַלע פאַרשטעלונגען לעבען נאָך היינט צו טאָג אין שטעטלעך אין רוסלאַנד, פוילען, גאַליציען און רומעניען. און עס לעבט אויך אפילו ביי מאַנכע דער גלויבען, אַז אַ רבי קען אַרויסטרייבען אַ דיבוק. אָט צוליב דעם וואָס דער מיסטיציזם איז ביי פילע אידען אַ לעבעדיגע רעאַליטעט, קען דער „דיבוק" פאַרגעשטעלט ווערען אַלס אַ רעאַליסטישע דראַמע. עס פאַר־שטייט זיך, אַז דאָס איז ניט גענוג. עס פאָדערט זיך אַ גרעסערע פאַר־טיפונג ; אָבער דאָס באַווייזט, אַז כאָטש ס'האַנדעלט זיך אין פאַנטאַסטישע פאַרשטעלונגען איז עס דאָך אַ פיעסע פון לעבען.

דער פּראָפעסאָר האָט צוזאַמענגעוועבט דעם אַבערגלויבען וועגען די טויטע מיט די רעאַלע באַגריפען, וואָס אידען באַזיצען וועגען די לע־בעדיגע : מיט דעם באַגריף פון גערעכטיגקייט ; מיט דעם קאַמף צווישען רייכע און אָרימע ; זאָגאַר מיט'ן באַגריף פונ'ם רעכט פון דער פרוי צו ליבען און צו הייראַטען בלויז איר האַרצענס אויסגעווילטען... און צוליב דעם וואָס אין דער דראַמע וועבען זיך צוזאַמען דער אַבערגלויבען וועגען טויטע מיט די רעאַלע באַגריפען וועגען די לעבעדיגע, איז זי אויסערגע־וועגליך אינטערעסאַנט, און ערשיינט רעאַל, ווירקליך... די אַבערגלויבע־רישע לעגענדע האַלט אין איר אויף די לירישע שענקייט און די מיסטישע טיפקייט ; און די לעבעדיגע באַגריפען ענטוויקלען די שטאַרקע דראַמאַ־טישע האַנדלונג.

אין „דיבוק" איז אויך זייער כאַראַקטעריסטיש דאָס, וואָס כאָטש יע־דער כאַראַקטער איז אַ אינדיווידיום, אַ יחיד, איז ער אָבער ניט אָבגע־שלאָסען אין זיין אייגענער וועלט, ער איז אַזוי צוזאַמענגעבונדען מיט די אַנדערע, דאָס ער זעט אויס ווי בלויז אַ גליד פון אַ קערפּער. און דער קערפער, די געזאַמטקייט פון אַלע כאַראַקטערע, וואַקסט אויס צו דער מדרגה פון דעם הויפּט העלד, און אָט דער העלד איז די אידישע פאָלקס נשמה, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם אַלטען אידישען לעבען אין דער שוהל מיט מתפללים, בטלנים, ישיבה בחורים, כלי־קודש ; מיט דער

אידינע, וואָס קומט צום ארון קודש איינרייסען וועלטען און אויפרייסען הימלען פאַר אַ רפואה שלימה פאַר אַ קראַנקער טאָכטער... און עס פעלט ניט דער גביר דער בעל גאוה, וועלכער זוכט אַ יחוס שידוך פאַר זיין טאָכטער... אָט אין דעם לעבען האָבען געשפּילט אַ גרויסע ראָלע צדיקים און מופתים... אָט דאָס אַלעס איז צונויפגענומען אין „דיבוק" פון ש. אַנ־סקי. מען קען אויף דער פּיעסע אויך זאָגען, אַז ס'איז דאָס אידישסטע דראַמאַטישע ווערק אין אונזער ליטעראַטור.

צוערשט האָט ביי אונז אויפגעפירט דעם „דיבוק" יאָזעף קעסלער אין פּאַוויליאָן טעאַטער אין 1922. ס'איז געווען בלויז אַ רעאַליסטישע, און פּאָלגליך אויבערפלעכליכע, אויפפירונג. דאָך איז זי אַרויסגעקומען אינ־טערעסאַנט. יאָזעף קעסלער האָט געשפּילט פּאַר'ן משולח. מאַדאַם דיינע פיינמאַן איז געווען לאה. בראון — חנן. מאַרקאָוויטש האָט געשפּילט פאַר דעם מיריעפּאָלער צדיק.

אָבער דאַן האָבען מיר געזען פּאָלקאָמענערע פאָרשטעלונגען פון דער פּיעסע.

ב. א מיסטישע אינטערפּרעטאציע פון „דיבוק"

נאָך דער רעאַליסטישער פאָרשטעלונג פון „דיבוק" אין פּאַוויליאָן טעאַטער איז געקומען די מיסטישע אינטערפּרעטאַציע פון דער פּיעסע אין דער אויפפירונג פון די „ווילנער" אין קינגסוועי טעאַטער.

יעדע זאַך קען פאַרשידענאַרטיג אָבגעשפּיגעלט ווערען. מען קען זעען יעדע זאַך אין פאַרשידענע פאָרמען, ניט נאָר אין פאַרשידענע פאַר־בען. עס הענגט אָב אין דער פּערספּעקטיווע; עס הענגט אָב אין די ליכט, וואָס פאַלט אויף איר, און אין די שאָטענס וואָס זיינען אַרום איר. עס הענגט אויך פיל אָב אין דעם, ווער עס קוקט אויף דער זאַך, און ווי ער קוקט...

יעדעס קונסט ווערק קען פאַרשידענאַרטיג פאַרטייטשט ווערען; מען קען עס אינטערפּרעטירען אויף פאַרשידענע אופנים. יעדער קען דערין אַריינלעגען דעם זין פון זיינע אייגענע באַגריפען און געפילען. עס הענגט אָב אין דעם, ווי מען באַטראַכט דאָס קונסט ווערק.

אַ דראַמאַטיש ווערק קען פאַרשידענאַרטיג געשפּילט ווערען. מען קען עס פאַרשידענאַרטיג אויפפירען. עס הענגט אָב אין דעם רעזשיסאָר, וואָס פירט עס אויף, און אין די שוישפּילער, וועלכע שפּילען דערין.

אַ סצענע קען אָבפאָטאָגראַפירט ווערען און קען געמאָלען ווערען. אַ פאָטאָגראַפיע קען פאַר דעם פּראָפאַנעם אויג אויסזען רעאַליסטישער,

ריכטיגער, אָבער אַ קונסט בילד, אויב ס'איז נאָר מיט טאַלאַנט געמאָלען, איז שטענדיג ניט נאָר טיפער און שענער נאָר אויך אמת'ער. עס גיט אי־בער ניט נאָר דאָס אויסערליכע אויסזען, נאָר דעם כאַראַקטער אָדער זין פון דעם געמאָלענעם סוביעקט אָדער אָביעקט. ווען מען רעדט פון אַ פאָטאָגראַפיע און אַ קונסט בילד, מעג די פאָטאָגראַפיע ווי גוט געפעלען, מוז מען אין זינען האָבען צו זאָגען להבדיל...

ווען מען וויל זיך דעפאַר בילדען אַ ריכטיגע מיינונג וועגען אַ זאַך, וועגען אַ קונסט ווערק, אָדער אַ דראַמע, דאַרף מען זיך פאַרטיפען און זיך ניט לאָזען באַאיינפלוסען פון דעם אויבערפלעכליכען איינדרוק; מען דאַרף זוכען אַריינצודרינגען אין איר טיפער אינערליכקייט, און צו דער זעלבער צייט ניט פאַרגעסען אַלע אויסערליכע זייטען אירע, און די באַ־ציהונגען, וואָס קניפען איר צוזאַמען צו אַלץ וואָס איז אַרום איר.

אָט די דאָזיגע מאָס דאַרף אויך אָנגעווענדעט ווערען, ווען מען גייט אַנאַליזירען די אויפפירונג פון ש. אַנ־סקי'ס „דיבוק" פון דער ווילנער טרופע.

אויף דעם פאָדערבלאַט פון „דיבוק" שטייט, אַז ס'איז אַ דראַמאַטי־שע לעגענדע. לעזט מען עס אָבער איבער, מאַכט עס דעם איינדרוק פון אַ רעאַליסטיש ווערק, אין וועלכען עס ווערט אויך איבערגעגעבען אַ לע־גענדע. מען קען דערפאַר דעם „דיבוק" שפילען רעאַליסטיש, און בלויז דערין אַריינוועבען אייניגע מיסטישע לעגענדאַרע שטריכען. אַזוי שפּילט מען דאָס טאַקע אין די געוועהנליכע טעאַטערס. די „ווילנער" האָבען דאָס ניט אַזוי געטון. זיי האָבען אָנגענומען דעם „דיבוק" פאַר אַ לעגענדע און ניט עפּעס אַנדערש ווי אַ לעגענדע.

די ווילנער האָבען געדענקט, אַז אַזאַ גייסט, ווי דער משולח, קען זיך ניט אַרומדרייען אין אַ רעאַלער וועלט אַ לעבעדיגער, צווישען רע־אַלע, לעבעדיגע מענשען. ער איז בלויז אַ פאַנטאַזיע, וואָס קען זיך אַרומ־פלאָנטערן צווישען געדאַנקען און פאָרשטעלונגען... זיי האָבען געדענקט, אַז אַ רעאַלע לעבעדיגע אידישע טאָכטער וועט ניט גיין אין מיטען האַל־בער נאַכט אין שול אָנקוקען אַ פרוכת. דאָס מוז נאָר זיין אַ אידעע, אַ פאַנטאַזיע. זיי האָבען געוויס געטראַכט, אַז אַ ישיבה בחור און אַ בתולה וועלען זיך ניט שטעלען אָבשפּילען אַ ליבעס סצענע האַלבע נאַכט אין מיטען שול, אין דער געגענוואַרט פון אייניגע בטלנים.... דאָס מוזען זיין בלויז שאָטענס פון נשמות, וואָס זיינען באַשטימט איינע פאַר די צווייטע, און וואָס זוכען זיך צו באַהעפטען. זיי האָבען בשום אופן ניט אָנגענומען, אַז אַ דיבוק קען טאַקע אַריין אין אַ בתולה און קען פון איר אַרויסרעדען. זיי האָבען זיך אויך ניט פאַרגעשטעלט, אַז ס'איז מעגליך דאָס ס'זאָל

פאַרקומען דאָ אויף דעם זינדיגען עולם התחתון אַ דין תורה צווישען דער נשמה פון אַ מת און אַ לעבעדיגען מענשען; אָדער אַז אַ צדיק זאָל אַרויסטרייבען אַ דיבוק. זיי האָבען דאָס אַלעס זיך פאַרגעשטעלט און דאָס אויך געזוכט פאַרצושטעלען אויף דער בינע אַלס אַבערגלויבענס, וואָס לעבען בלויז אין די מוחות פון פרימיטיווע מענשען, וועלכע האָבען צויבער פאַנטאַזיעס, ווי קינדער...

פאַר די ווילנער און זייער רעזשיסאַר, דוד הערמאַן, איז אַלעס, וואָס קומט פאָר אין „דיבוק" ניט קיין ווירקליכע עראייגניסע פון לעבען, נור בלויז אַבשפּיגלונגען פון פאַנטאַזיעס. זיי שטעלען ניט פאָר קיין לעבע־דיגע מענשען מיט פיזיש פסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען, זאָנדערן נור דמיונות, פאַנטאַסטישע געדאַנקען, נעבעלדיגע אידעען, מטושטש׳ע פאָר־שטעלונגען, וועלכע זיינען איינגעקערפּערט אין באַוועגליכע געשטאַלטען, וואָס האָבען בלויז דאָס אויסזען פון מענשען.

מיט אַנדערע ווערטער: די „ווילנער" האָבען געגעבען אַ פאַלשטענ־דיגע מיסטישע אינטערפּרעטאַציע צו ש. אַנ־סקי׳ס „דיבוק". און אָט נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט מוז זייער אויפפירונג באַטראַכט ווערען.

מען קען די „ווילנער" בשום אופן ניט קריטיקירען, פאַר וואָס דער אָדער יענער טיפ, די אָדער יענע סצענע איז ניט געווען רעאַליסטיש גע־נוג; פאַרקערט, מיט וויפיל ווייניגער רעאַליסטיש זיי האָבען עפּעס אַ טיפ אָדער סצענע פאַרגעשטעלט, דעסטאָ בעסער איז דאָס געווען אין דעם זין פון זייער גאַנצער אויפפירונג. גראַדע די רעאַליסטישע שטריכען און טיפען זיינען געווען די פאַלשע, די געפעלטע, די דיזאַנאַנסען, וואָס האָ־בען געשטערט די האַרמאָניע.

אַלאָמיס האָט פאַרגעשטעלט נשמה׳דיג לאה׳ן; אַזראַ — חנא׳ן; שניאור — דעם מיראַפּאַליער צדיק; פעדער — דעם משולח; האַמבור־גער — סענדער׳ן. עס האָבען זיך נאָך באַטייליגט: זשעליאַזאָ, פּרנס, בן לוי, מאַהאַם בירנבוים א. אַ.

די פאָרשטעלונג האָט שטאַרק אויסגענומען.

ג. די „הבימה" עקספּרעסיאָניסטישע אויפפירונג פון „דיבוק"

ווען די „הבימה" איז געווען אין לאָנדאָן אין סוף 1930 האָט זי אין פעניקס טעאַטער אויפגעפירט דעם „דיבוק" אין וואַכטאַנגאָף׳ס רעזשי.

דאָס איז אויך פאַלשטענדיג געווען אַ מיסטישע אינטערפּרעטאַציע, אָבער זי איז געווען פאַרשידען פון דער אויפפירונג פון די „ווילנער".

ווערענד די „ווילנער" האָבען געברויכט אימפּרעסיאָניסטישע אויס־

דריקע און פאַרמען, האָט די „הבימה" געגעבן אַן עקספרעסיאָניסטישע פאַרשטעלונג אין פולען זין.

ביי די ווילנער איז דאָס שפּילען געווען שטיל, אינטענסיוו, איינ־דרוקספול, מען קען זאָגן פּאָעטיש. ביי דער „הבימה" איז דאָס שפּילען רעשיק, ברייט, עקזאַטיש, עקסטאַז־מעסיג, אויסדרוקספול, מען קען זאָגן טעאַטראַל, אָבער אין בעסטען קינסטלערישען זין.

די באַוועגונגען ביי דער הבימה פאַרשטעלונג זיינען געווען דריי־עקיג, פיוטוריסטיש, אָבער זייער פּלאַסטיש.

דאָס וואָס דער „דיבוק" קען אַזוי פאַרשידענאַרטיג קינסטלעריש אויפגעפירט ווערען האָט אויך באַוויזען וואָס פאַר אַ גרויס ווערק דאָס איז, וואָס פאַר אַ גרויסע מעגליכקייט עס גיט צו רעזשי און צו קינסטלער.

אין דער אויפפירונג פון דער „הבימה", בעסער געזאָגט אין דער רעזשי פון וואכטאַנגאָוו, איז אַריינגעבראַכט געוואָרען אַ ספּעציפישער סאָציאַלער מאָטיוו, עס איז שטאַרקער און בולט'ער געקומען צום אויס־דרוק דער קלאַסען אונטערשיד צווישען רייכע און אָרימע, און די באַ־ציהונג פון געגנערשאַפט און פיינדשאַפט, וואָס איז פאַראַן צווישען די קלאַסען.

אָט דער דאָזיגער אויסדרוק איז געגרייכט געוואָרען דורך ספּעציפי־שע טענץ פון אָרימע לייט, וואָס זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרען אין צווייטען אַקט ביי דער צוגעגרייטער חתונה פון לאה'ן, פאַר דעם וואָס דער דיבוק גייט אין איר אַריין.

די טענץ זיינען דורכגעפירט פון אַ מחנה בעטלער, מענער און פרויען, וועלכע קומען צו דעם מאָלצייט וואָס דער רייכער פאָטער פון דער כלה גיט פאַר אָרימע לייט. עס איז אַ מחנה בעטלער מיט צוריסענע, פאַרקריפּעלטע גופים; מיט פאַרוואונדעטע, צובראָכענע נשמות, אין וועלכע עס ברענען פייערן פון פאַרדרוס, און געפילען פון נקמה. זייערע טענץ און די עקסצענטרישע אויסדריקע פון איבערלעבונגען שאַפען אַזאַ עקזאָטיק, וואָס מען האָט אויף אַ בינע נאָך ניט געזען. און ווען דער דיבוק גייט אַריין אין דער כלה ברעכען די בעטלער אויס אין אַ באַגייס־טערטען: „האַ! האַ!" זיי זעען דערין זייער נקמה.

מען קען זיך צו דעם סאָציאַלען מאָטיוו באַציען ווי מען וויל; אָבער עס קען באַר זיין אין מיינונג, אַז פון אַ קינסטלערישען שטאַנדפּונקט איז עס געווען אַ גרויסע קינסטלערישע דערגרייכונג, איינע פון די גרעסטע אויף וועלכער ס'איז בינע.

א. ראָווינאַ האָט געשפּילט אַלס לאה. ל. וואַרשאַווער איז געווען חנא.

טשעמערינסקי — דער צדיק. גנעסין — סענדער. בערטאָנאָף — דער משולח. עס האָבען זיך נאָך באַטייליגט: נחמה וויניאַר, באַראָץ, פריעד־לאַנד, מעסקין, ברוק, א. אַ.

ס'איז געווען וואָס צו זען און פון וואָס צו האָבען קינסטלערישען גענוס.

ד. „טאָג און נאַכט"

„טאָג און נאַכט", קדושה און טומאה, הייליגקייט און אונריינקייט, אַט אויף דעם מאָטיוו פון די דאָזיגע קאָנטראַסטען, און אויף דעם קאַמף, וואָס קומט פאַר צווישען זיי, האָבען ש. אַנ־סקי, און זיין פאַרענדיגער קאַציזנאַ, פּרובירט צו שאַפען אַ אידישע טראַגעדיע אין דעם קלאַסישען סטיל פון צען־זילביגע פערזען, וואָס איז נאָך געברויכט געוואָרען פון די גריכישע דראַמאַטיקער, סאָפאָקלעס און עוריפּידעס, און שפּעטער פון שעקספּיר'ן. דער פאַרזוך איז געווען זייער אַ געוואָגטער, און אפשר צו־ליב זיין געוואָגטקייט דאַרף ער באַוואונדערט ווערען... אָבער דער פאַר־זוך האָט זיך ניט איינגעגעבען. די צען־זילביגע פערזען זיינען טאַקע גע־ברויכט געוואָרען אין די דיאַלאָגען; דאָ און דאָרט ענטהאַלטען זיי אויך פּאָעטישע שענקייט. אָבער דאָס ווערק אַלס גאַנצעס איז ניט אַרויסגעקו־מען אַ גרויסע, טיפע, אומפאַסענדע טראַגעדיע, נאָר אַ סקיצע פון אַ טראַ־געדיע... די ווילנער האָבען זיך אפילו געגעבען די גרעסטע מי צו מאַכען פון דעם ווערק אַ גרויסע זאַך. אָבער דאָס וואָס אַ פאַרפאַסער דערשאַפט ניט קענען קיין שוישפּילער ניט ערזעצען...

דער מאָטיוו פון דער טראַגעדיע „טאָג און נאַכט" איז איינגעקער־פּערט אין דער איבערלעבונג פון דעם קרימינישער רבי דן. אַלע מיינען, אַז ער איז דער זון פון דעם גרויסען גאון און צדיק תמים, וועלכער איז געווען רבי פאַר אים. אַלע רעכענען, אַז ער האָט גע'ירשנ'ט די גרויסקייט און הייליגקייט פון זיין „פאָטער". אָבער ער אַליין פילט, אַז ער באַזיצט ניט קיין גרויסקייט און הייליגקייט. ער האָט ניט קיין צוטרויען צו זיינע אייגענע כחות. ער וויל זיך שטיצען אויף דעם זכות פון דעם, וואָס מען מיינט, אַז ער איז זיין פאָטער; ער וויל זיך שטיצען אויף דער ערמוטיגונג פון זיין מוטער; אָבער דאָס העלפט אים אויך ניט. ער פילט, אַז ער גע־פינט זיך ניט אויף דעם ריכטיגען פלאַץ.

ברעכט אויס אין זיין שטעטעל אַ מגפה, קינדער שטאַרבען מאַסענ־ווייז; עס ציט זיך אַ לויה נאָך אַ לויה; דאָס גאַנצע שטעטעל איז אין גרויס פאַרצווייפלונג; לויפט מען צום רבי'ן, אַז ער זאָל העלפען, אָבער ער ווייסט ניט מיט וואָס ער קען העלפען. ער ווערט אין כעס; ער איז צו דער עדה אידען גראָב, גאַרנישט מעשה צדיק... ער זוכט דעם שול־

דיגען, דעם זינדיגען, צווישען זיי; און הייסט זאָגאַר, אַז זיי זאָלען פֿאַר אים דעם שולדיגען געפֿינען...

ציינען זיי אים אָן אויף דער מיל, אַז דאָרט קומען זיך צונויף די ניט־גוטע, און די וועלכע זיינען אין דער מאַכט פֿון שאָטען. שיקט ער זיין גבאי חנניה זען, וואָס ס׳קומט דאָרט פֿאָר, ווער ס׳איז דער זינדיגער. און חנניה געפֿינט אויס, אַז ס׳איז ער, דער רבי אַליין, וועלכער האָט די מחשבות זרות, זינדיגע געדאַנקען וועגען זיין פּלימעניצע מרים...

גלויבט עס צוערשט ניט דער רבי: ער קעמפֿט געגען דעם געדאַנק, אַז ער איז אַ זינדיגער. ער באַשולדיגט זיין גבאי, אַז ער איז אַליין אַ שליח פֿון שטן, און זוכט אויף אים צו מאַכען אַ בלבול. ברענגט חנניה אים אַ סמן. רופֿט נאָך דער רבי זיין פּלימעניצע און פֿון איר ערפֿאַרט ער, אַז זי האָט וועגען אים זינדיגע חלומות... דאָס מאַכט אים באַוואוסט, אַז ער איז טאַקע אַ זינדיגער. אים ווערט קלאָר פֿאַרוואָס ער האָט קיין כח ניט צו העלפֿען, פֿאַרוואָס ער האָט ניט קיין צוטרויען צו זיינע אייגענע כחות אַלס צדיק. אָבער פֿון וואַנען נעמט זיך דאָס? פֿון וואַנען קומען צו אים זינד? ער זיצט דאָך יום ולילה און לערנט...

האַלט זיין אַלטע מאַמע ביים שטאַרבען, און זי גיט אים אויס אַ שרעקליכען סוד: ער איז ניט דער זון פֿון גרויסען גאון, פֿון צדיק תמים, וואָס איז געווען רבי פֿאַר אים, נור ער איז דער זון פֿון אַ קאָזאַק, וועלכער האָט זי, זיין מוטער, די רביצין, פֿאַרגוואַלטיגט אין צייט פֿון אַ פּאָגראָם. אָט דאָס איז דער ענטשיידונגס מאָמענט אין דער טראַגעדיע. די זינד ליגט, הייסט עס, אין זיין בלוט... ער פּרובירט נאָך קעמפֿען מיט זיך. ער פֿאַלט צו צום ארון קודש און בעט רחמים; ער וויל אויפשניידען זיינע אָדערן, כדי דאָס בייזע זינדיגע בלוט זאָל אַרויספֿליסען פֿון אים. אָבער עס זיינען אומזיסט זיינע כונות. די אונפֿאַרמיידליכקייט פֿון דער טרויעריגער בלוט־ירושה פֿאַרפֿאָלגט אים; און ניט קענענדיג ווערען הייליג און ריין, וואַרפֿט ער זיך אַריין אין טיפֿסטען אָבגרונד פֿון זינד: ער וויל זאָגאַר די ספר תורה צורייסען... דער סוף איז, אַז ער וואַרפֿט זיך אַריין מיט זיין פּלימעניצע, די איינקערפּערונג פֿון זיינע זינדיגע מחשבות, אין די פֿלאַמען פֿון דעם פֿייער, וואָס חנניה האָט פֿאַראורזאַכט דורך דעם וואָס ער האָט די מיל אונטערגעצונדען.

אָט דאָס איז דער אינהאַלט פֿון דער טראַגעדיע. ס׳איז אפשר אַ גענוג רייכער סוזשעט, אַז ס׳זאָל געווען אַרויסקומען אַ גענוג אמת׳ע טיפֿע טראַגעדיע, אָבער די באַאַרבייטונג איז אַ גאַנץ שוואַכע. עס איז אין איר פֿאַראַן אַ גענוג גרויסער נשמה קאַמף, אָבער די קאָמבינאַציע פֿון דעם וואָס קומט פֿאָר אַרום דעם טראַגישען העלד איז ניט אַזוי גראַנדיעז, אַז

זייַנע איבערלעבונגען זאָלען דערהויבען ווערען צו אַ גאַר הויכער מדרגה, און זיי פאַרטיפען צו אַ שאַפענדער אינטענסיוויטעט... אונפאַרמיידליכ־קייט, וואָס איז דער הויפט מאָטיוו אין אַ טראַגעדיע, איז אויך, צוליב דער שוואַכקייט פון די אַרומיגע קאָמבינאַציעס, ניט שטענדיג איבערצייגענד. עס לאָזט איבער אַ ספק צי ס׳האָט טאַקע אַזוי געקענט געשען...

די „ווילנער" האָבען אויפגעפירט „טאָג און נאַכט" אין פּאַוויליאָן טעאַטער בעת זייער צווייטען באַזוך אין לאָנדאָן אין סעפּטעמבער 1923.

וועגען זייער שפּילען האָב איך געשריבען:

דאָרט וואו זיי האָבען געהאט צו שפילען קאָלעקטיוו, אין מאַסע, אַנסאַמבעל, זייַנען זיי געווען אויסגעצייכענט; די מאַסען סצענעס זייַנען אַרויסגעקומען גראַנדיעז, שען, גלענצענד. דאָס דורכפירען די הויפּט ראָלען, אינדיווידועל, איז ניט געווען אַזוי ענטציקענד מצד די מענער.

קאָוואַלסקי האָט געשפּילט אַלס דער רבי; זילבערבערג — חנניה; נאַכבוש, פעדער, טאַנין א.א. האָבען זיך באַטייליגט.

נעמי איז געווען גלענצענד אַלס די אַלטע רביצען. סאָניאַ עלמות האָט זיך אויסגעצייכענט אין די וועניגע סצענעס וואָס זי האָט געהאט דורכצופירען. עס האָט זיך נאָך באַטייליגט: פּאָלאַ וואלטער, בעטיע דאַלסקא א.א.

ס׳איז געווען אַ אינטערעסאַנטער טעאַטראַלער עקספּערימענט.

20. ה. לייוויק און זיינע דראמען

ה. לייוויק, וועמענס ריכטיגער נאָמען איז לייוויק האַלפּער, איז שוין אַן עלטערער דיכטער. ער איז געבוירען אין 1888 אין איהומען, ווייס־רוסלאַנד. אָבער ער איז צווישען די יונגערע אַלס דראַמאַטורג. ער האָט זיך ניט גענומען שרייבען דראַמען אין דער יוגענד. צוערשט איז ער גע־ווען בלויז דיכטער, און ערשט שפּעטער האָט ער זיך גענומען צו דראַמאַ־טישער דיכטונג.

ער האָט אָנגעהויבען זיין לעבען אַלס אָרימער אינגעל, וועלכער האָט געלערענט אין אַ ישיבה. ער איז פאַרכאַפּט געוואָרען דורך לייענען משכילישע און ציוניסטישע ביכלעך אין פרייערע געדאַנקען, און איז מיטגעריסען געוואָרען פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוס־לאַנד. ער איז געוואָרען אַ בונדיסט, און זאָגאַר געאַרבייט אַלס טוער אין „בונד". ער איז געכאַפּט געוואָרען פון דער אָכראַנע (די צאַרישע פּאָלי־ציי) און מען האָט אים פאַר'משפט צו פיר יאָר קאַטאָרגע (שווערע אַר־בייט).

נאָך אַלס ישיבה בחור האָט לייוויק געשריבען שירים אין העברע־איש; פון דער תפיסה האָט ער אַרויסגעשיקט זיינע ערשטע געדיכטע אין אידיש. אָבגעזעסען זיין צייט אין דער תפיסה האָט מען אים אָלץ ניט גע־לאָזט זיין אַ פרייער מענש, אפילו ניט אויף וויפיל מען האָט געקענט זיין פריי אין דער צאַרישער רוסלאַנד... מען האָט אים אין 1912 פאַרשיקט קיין סיביר אויף לעבענס לאַנג. דאָרט האָט ער פאָרטגעזעצט שרייבען לידער. דער געזאַנג פון זיין נשמה האָט גובר געווען די סביבה... אים איז געלונגען אויך פון אירקוטסקער דיסטריקט, וואו ער איז געווען, צו שי־קען לידער, וועלכע האָבען געגרייכט אַמעריקא דורך דער הילף פון ש. אַנ־סקי און ש. ניגער. אין סוף 1913 איז אים אויך געלונגען צו אַנטלוי־פען פון סיביר, און ער האָט זיך דערשלאָגען קיין ניו יאָרק.

די ליידען, וואָס לייוויק האָט איבערגעלעבט, האָבען געלאָזען טיפע שפורען אויף זיין וועזען און שטאַרקע איינפלוסען אויף זיין דיכטונג. ער האָט אומפאַסט מענשליכע ליידען פיל טיפער ווי אַנדערע דיכטער, ער האָט געזוכט אַריינצודרינגען אין זייער זין, צו פאַרשטיין זייער סאַמע גרונד, און ער האָט זיינע זוכענישען אויסגעדריקט אין שענע לירישע פאָעמען, אין וועלכע ער גרייכט מדרגות פון סימבאָליזם. צו דער העכ־סטער מדרגה אין זיין שאַפען האָט ער געגרייכט אין זיין „גולם", אַ דראַ־מאַטישע פאָעמע אין 8 בילדער, וואָס איז ערשינען אין 1919. די דאָזיגע

פאַעמע האָט אים אָנועקגעשטעלט אַלס ערשטער דיכטער אין דער יונ־גערער אידישער דיכטונג.

ס'איז צווייפעלהאַפט צי לייוויק האָט געדענקט, אַז זיין דראַמאַטישע פאַעמע וועט אויפגעפירט ווערען אויף דער בינע. ער איז טאַקע אַ דיכ־טער־טרוימער, אָבער עס גלויבט זיך ניט, אַז ער האָט געקענט האָבען אַזאַ טרוים, נעמענדיג אין באַטראַכט דעם דאַמאָלטדיגען צושטאַנד פון אידישען טעאַטער. אָבער דער גרויסער אינטערעס, וואָס די פאַעמע האָט אַרויסגערופען, האָט שטאַרק דערהויבען די באַרימטקייט פון לייוויק'ן, ער האָט אויך אָנגעהויבען האָבען צוטרויען צו זיין שאַפונגס מעגליכקייט אויפ'ן דראַמאַטישען געביט, און ער האָט זיך גענומען שרייבען דראַמען, וואָס זאָלען זיין פּאַסיג פאַר אויפפירען אין אידישען טעאַטער.

לייוויק'ס ערשטע דראַמע פאַר'ן טעאַטער איז געווען „שמאַטעס". זי איז אויפגעפירט געוואָרען מיט ערפאָלג אין סוף 1921 אין מאָריס שוואַרץ'ס קונסט טעאַטער. זי איז דאַן אויך געשפילט געוואָרען אין אידי־שע טעאַטערס אין איראָפּאַ.

לייוויק האָט דאַן געשאַפען אַ דראַמע „אַנדערש". זי איז בלויז איין מאָל געשפּילט געוואָרען.

עס האָט נאָכגעפאָלגט „בעטלער", וואָס האָט געהאַט גרעסערן ער־פאָלג. די פּיעסע איז אויך געשפילט געוואָרען אין פוילען אונטער'ן נאָ־מען „די אָרימע מלוכה".

זיין באַרימט געוואָרענע דראַמאַטישע פּאַעמע דער „גולם" איז אויפ־געפירט געוואָרען צום ערשטען מאָל אין העברעאיש פון דער „הבימה" אין מאָסקווא, אין1925. דער קינסטלערישער ווערט פון „גולם" פאַר דער בינע איז אויך פאַרשטאַנען געוואָרען פון אַנדזשעי מאַרעק (מאַרק אַרנ־שטיין). ער האָט די פּאַעמע איבערזעצט אין פּויליש און ער האָט זי אויפ־געפירט אויף דער פוילישער בינע. ערשט אין 1929 האָט דער „ווילנער אַנסאַמבעל", אַן אָבשניט פון די „ווילנער", זי אויפגעפירט אין אידישען טעאַטער אין קראָקוי. אויך אַנדערע אידישע טרופען האָבען זי געשפילט אין פוילען. ערשט נאָענט פון סוף פון 1931 איז זי אויפגעפירט געוואָרען אין ניו יאָרק פון אידישען „אַנסאַמבעל קונסט טעאַטער". דער „גולם" איז אויך איבערגעזעצט געוואָרען אין ענגליש.

לייוויק האָט נאָך געשאַפען „שאָפּ", „הירש לעקערט" און „קייטען", און דאַן איז געקומען זיין דראַמע אויס דעם לעבען פון די פאַרפאָלגטע פון היטלער'ן, „דר. שעלינג". קיין אַנדערע פון זיינע דראַמען האָט זיך ניט דערהויבען צו דער טיפקייט פון זיין „גולם".

דאָ אין לאָנדאָן האָבען מיר געזען „שמאַטעס" און „דר. שעלינג", אויפגעפירט פון מאָריס שוואַרץ; און „גולם" אין דער אויפפירונג פון „הבימה".

א. „שמאטעס״

„שמאַטעס״ פון ה. לייוויק וואָס מאָריס שוואַרץ האָט אויפגעפירט אין מאַי 1924 אין פרינץ אַף ווײלס טעאַטער, איז אַ אינטערעסאַנט שטיק אי־דיש לעבען אָנגעוואָרפען אויף דער בינע. עס ווערען אין דער פּיעסע געשילדערט לעבעדיגע אידישע טיפּען, זיי זיינען בולט, לעבעדיג אַרויס־געבראַכט. עס פעלען אין זיי אויך ניט קיין ווייכע ליניען; עס הערען זיך ביי זיי האַרציגע און זאָגאַר לירישע טענער; יעדער שטריך איז לעבעדיג און כאַראַקטעריסטיש; די פּיעסע באַהאַנדעלט אויך אַ פּראָבלעם — און דאָך איז עס ניט אַ זייער שטאַרקע דראַמע, ווייל זי האָט כמעט ניט קיין האַנדלונג.

זי האָט ניט קיין ספּור המעשה מיט צופעלע און איבעררעשונגען. זי האָט אפילו ניט קיין דראַמאַטישע שטייגערונג אין רעאַליסטישע דער־שיינונגען. זי איז בלויז געבויט אויף עפּיזאָדען פון געוועגליכען לעבען, און די עפּיזאָדען שיינען זאָגאַר צו זיין פון קליינער באַדייטונג. דאָך איז זי אינטערעסאַנט.

עס האַנדעלט זיך אין געוועגליכע דערשיינונגען, וואָס אַן און פאַר זיך זיינען זיי ניט פון באַדייטונג, אָבער לייוויק איז אַ עכטער קינסטלער, און די שענקייט און דער אינטערעס פון זיין פּיעסע באַשטייט אין דער וואונדערבאַרער כאַראַקטעריזירונג פון די טיפּען, און אין דער אַטמאָ־ספערע וואָס איז געשאַפען פון זיי אַרום זיי... ס׳איז אַן אַטמאָספערע דראַ־מע, און די אַטמאָספערע איז אַזוי געשפּאַנט, דאָס זי מאַכט די גאַנצע פּיעסע זייער אינטערעסאַנט.

דער פּאַן פון בילד, דאָס אַרבייטען ביים סאָרטירען שמאַטעס האָט אויך געגעבען אַ געלעגענהייט צו שאַפען אַן אַקט פון מאַסען באַוועגונג, דעם דריטען אַקט, וואָס איז גלענצענד קינסטלעריש — אַ מייסטערווערק פאַר זיך אַליין. עס ווערט אין אים אַרויסגעבראַכט מאַסען פּסיכאָלאָגיע און מאַסען טעטיגקייט.

זייער גראַנדיעז איז אויך געשילדערט דער הויפּט כאַראַקטער מרדכי מאַזע, ביי וועלכען די אינערליכע ירידה פון זיין נשמה ווערט דערבראַכט צו אַזאַ מדרגה, אַז ער געפינט מער ניט קיין ווערטער צו קענען רעדען. ער שווייגט; בלויז די בליקען פון זיינע אויגען זאָגען וואָס ס׳טוט זיך ביי אים אין האַרצען... ס׳איז נאָר דאָ איין ספק: ווי קומט עס דאָס אַזאַ איד ווי מאַזע זאָל אָנקומען צו סאָרטירען שמאַטעס, און זאָל בלייבען דערביי? עס איז אַ דיזאַנאַנס...

די פּיעסע איז אָבער אויך פול מיט ריכטיגע שטימונגען און נואַנסען, וואָס דריקען אויס אינערליכע נשמה שמערצען און נשמה ווייען, וועלכע

ווערען געשאַפען פון געווענליכען טאָג־טעגליכען לעבען מיט זיינע צרות און ליידען; און אַט די שטימונגען און נראַנסען גיסען זיך צוזאַמען אין דער איינדרוקספולער אַטמאָספערע.

מאָריס שוואַרץ האָט געשפּילט זייער עדעל אַלס מרדכי מאַזע. בינא אַבראַמאָוויטש האָט געשפּילט אַלס די מוטער רחל לאה. זי איז געווען אַ טריאומף אין דער ראָלע. זייער געלונגען איז אויך געווען מאַרק שווייד אַלס דער אַלטער ר׳ עליע. עס האָבען זיך נאָך באַטייליגט: אַנאַ אַפּעל, בערטאַ גערסטין, איזידאָר קעשיר, מוני וויזענפריינד, פריד, גאָלדפאַדען, מעסטעל, זיידענבערג און שטראַסבערג. עס איז געווען טעאַטער קונסט אין בעסטען זין.

פאָל באַראַטאָוו האָט אויך אויפגעפירט „שמאַטעס" אין אָקטאָבער 1931 אין פּאַוויליאָן טעאַטער. ער האָט אויך געשפּילט זייער גוט אַלס מרדכי מאַזע. בעקי גאָלדשטיין איז געווען רחל לאה. באַזשיק איז געווען ר׳ עליע. זיי האָבען אויך געשפּילט גאַנץ גוט. נאָר דער אַנסאַמבעל בכלל איז ניט געווען צו פאַרגלייכען.

ב. „דער גולם"

לייוויק׳ס דראַמאַטישע פּאָעמע „דער גולם" איז אי פון דיכטערישען שטאַנדפּונקט און אי פון טעאַטער שטאַנדפּונקט אַ גרויס ווערק. עס איז אין אַ זייער שענעם פּאָעטישען סטיל, טיף עמאָציאָנעל, גייסטרייך און סימבאָליש. עס שילדערט די אייביגע שטרעבונג פון די אידען צו פולער באַפרייאונג, צו משיח, צו דערלייזונג, און די שטענדיגע אידישע ליידען, די בייזע און שוידערליכע, די ניט ערקלערליכע און גרויזאַמע אָנגריפען געגען זיי.

די דראַמאַטישע פּאָעמע פון לייוויק׳ן שטיצט זיך אויף דער גוט באַ־קאַנטער לעגענדע פון מהר״ל, דער צדיק פון פּראַג, יהודה ליב בן בצלאל, וועלכער האָט געשאַפען אַ גולם, אַ מענשען פון ליים, וועלכען ער האָט געגעבען, אָדער האָט געוואָלט געבען, אַ געוואַלטיגע ריזען קראַפט, דורך דאָס איינקערפּערן אין אים דעם שם המפורש.

אין דער דראַמאַטישער פּאָעמע ווערט אַרויסגעבראַכט, אַז דער מהר״ל האָט דעם גולם געשאַפען, כדי ער זאָל קעמפען געגען אידישע שונאים, געגען די רוצחים, וועלכע האָבען געזוכט צו פאַרניכטען די אי־דען פון פּראַג. צוליב דער האָפנונג אויפ׳ן גולם איז דער מהר״ל זאָגאַר געגען דעם וואָס אליהו ברייננט משיח׳ן. ער טרייבט זיי אַוועק... אין דער דראַמאַ, פאַרשטייט זיך.

דער גולם באַוויזט צו הרג׳ענען דעם צורר היהודים טאַדעאוש און זיינע מענשען, אָבער ער הרג׳עט נאָכדעם אויך אידען, און דער מהר״ל פילט, אַז די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דאָס פאַרגאָסענע אידישע בלוט

פּאַלט אויף זיין קאָפּ, ווייל ער האָט דאָך דעם גולם געשאַפֿן. דער גולם טשעפּעט זיך אויך צו זיין אייניקעל, דאָס באַרירט אים טיף. ס׳איז פֿאַר אים אַ באַליידיקונג, און ער וויל שוין דעם גולם צוריקקערן אין ליים... דער גולם, וועלכער האָט צוערשט ניט געוואָלט ווערן אַ לעבעדיג וועזן, איז איצט געגען זיין פֿאַרניכטונג, און ער זוכט דורך אַלע מיטלען צו באַאיינפֿלוסן דעם צדיק, אַז ער זאָל אים לאָזן ווייטער עקזיסטירן, אָבער דער מהר״ל וויל דאָס ניט און ער פֿאַרוואַנדעלט אים צוריק אין אַ שטיק ליים.

אָט דאָס איז דער סיפּור המעשה, אַרום וועלכער עס ענטוויקעלט זיך די האַנדלונג פֿון דער דראַמע, און די פֿערלדיגע שענע און טיפֿזיניגע פּערזען פֿון דער פּאָעמע. אָבער וואָס האָט לייוויק געזוכט צו ערקלערן מיט אָט דער אינטערפּרעטירונג פֿון דער היסטאָרישער לעגענדע ? וואָס האָט ער געזוכט צו סימבאָליזירן מיט דעם „גולם״ ?

קודם כל קען מען באַמערקן, אפֿילו גאַנץ אויבערפֿלעכליך, אַז ס׳קומט פֿאַר אַ קאַמף צווישן גייסט און מאַטעריע, מען קען זען ווי מעכטיג רוי און שלעכט ס׳איז די מאַטעריע, ווי זי האַלט דעם מענטשן אין איר קראַפֿט און מאַכט אים פֿאַר אַ בייזן גולם, פֿאַר אַ פֿאַרניכטער, פֿאַר אַ צושטערער... אָבער דער דאָזיגער גולם, געמאַכט פֿון ליים, פֿון מאַטעריע, איז דאָך אונטערגעוואָרפֿן דעם גייסט. ער קען הרג׳ענען, מאָרדן, איבערקערן און פֿאַרניכטן, נאָר כל זמן דער גייסטיגער מענטש, וועלכער האָט די קאָנטראָל איבער אים לאָזט אים דאָס טון. דער גייסטיגער מענטש פֿאָלגט אָבער נאָך געוויסע אינטערעסן, און צוליב זיי דערווייטערט ער פֿון זיך די העכערע שטרעבונג צו גוטסקייט און פֿרייהייט. אָבער ווען ער זעט צו וואָס די מעשים פֿון גולם קענען פֿירן מאַכט ער אַ סוף צו זיין מאַכט...

אָט דאָס איז די סימבאָליזירונג וואָס וואַרפֿט זיך יעדן אין די אויגן, ווען מען זעט דעם „גולם״. אָבער עס איז אַן אַלטער כלל, אַז אַ דיכטעריש ווערק מיינט ניט בלויז דאָס וואָס עס זאָגט, נאָר מען קען אויך דערין אַריינטייטשן... אין לייוויק׳ס דראַמאַטישע פּאָעמע לאָזט זיך אָן אַ שום ספק נאָך אייניגעס אַריינטייטשן :

עס קען ציינען, אַז די ברוטאַלע געוואַלד, וואָס פֿעלקער שאַפֿן זיך אײן כדי זיך צו באַשיצן איינע געגען די אַנדערע, האָט גאָר קיין ווערט ניט. אָט האָט אַ הויכער פֿאָרשטייער פֿון אידישן פֿאָלק געשאַפֿן אַזאַ מאַכט. עס איז קיין אונטערשיד ניט צי די מאַכט איז אַן איינציגע פֿיגור, אָדער אַ מיליאָנען־קעפּיגע מאַסע. סימבאָליש קען אַן איינציגע פֿיגור די מאַסע רעפּרעזענטירן... און אָט די ברוטאַלע מאַכט, וועלכע פֿאַרניכטעט אפֿילו עפּעס אַ שונא, טוט אָן דעם אייגענעם פֿאָלק פֿון איר שאַפֿער זייער

פיל שאָדען. זי שטערט, אַז דער פרידען זאָל קומען; זי באַליידיגט דעם, אָדער די, וועלכע שאַפען איר. זי טשעפּעט זיך צו זייערע ליבסטע, און דער סוף איז, אַז מען מוז זוכען פון איר פּטור צו ווערען.

— דאָס איז אַ שלום סימבאָל.

און עס קען זיין נאָך אַ קאָנצעפּציע, וואָס מען זאָל אַריינטייטשען אין „גולם"— די ציוויליזאַציע וואָס איז געבויט בלויז אויף טעכניק, מיט דער אָרדנונג, וואָס שטיצט זיך אויף איר, לאָזען ניט צו קיין פאַרווירק־ליכונג פון הויכע דערהאַבענע אידעאַלען, און מען האָט דערפאַר פון זיי פיל צו ליידען... די גייסטרייכע מענשען, וועלכע שאַפען אָט די ציוויליזאַ־ציע און אָרדנונג, האָבען פון זיי אונגעהויערע פילע צרות. עס ווערען געטון זאַכען, וואָס זיינען געגען זייער ווילען, און ווען זיי פּראָטעסטירען זוכט מען זיי נאָך צו באַהערשען, און זיי צו באַפעלען... די גייסטרייכע מענשען, די שאַפער פון דער ציוויליזאַציע און אַנהאַלטער פון דער אָרד־נונג, זיינען דערפאַר צום סוף געצוואונגען אַליין צו זוכען פון זיי פּטור צו ווערען.

— דאָס איז אַ סאָציאַלע קאָנצעפּציע.

מען קען אויך ערקלערען, אַז דורך דער לעגענדע פון „גולם" מיינט מען צו זאָגען, אַז אַלע אַרבייטען פון מענשליכע הענד טויגען ניט, אַז זיי קענען ניט קיינעם רעטען און באַגליקען, זיי ברענגען נאָר צרות, פאַר־גרעסערען נאָך די אונגליקען, און האַלטען אָב די ישועה, די הילף, די דערלייזונג, וואָס קען בלויז קומען פון די הימלען.

— דאָס איז אַ מיסטישע קאָנצעפּציע, וועלכע ענטשפּרעכט מער דעם אידישען גייסט, און וואָס איז אפשר די ריכטיגע קאָנצעפּציע פון „גולם"...

אין דער פאַרשטעלונג פון „גולם" דורך דער „הבימה" איז אַרויס־געבראַכט געוואָרען שטאַרק דער סימבאָליזם פון דער פּאָעמע אָנע אים צו פיקסירען... זי האָט ניט געגעבען קיין פּאַרטייטשונג צו דעם סימבאָל, זי האָט ניט געזאָגט וואָס דער סימבאָל פון „גולם" איז, אָבער זי האָט דעם סימבאָל ניט פאַרפלאַכט. זי האָט געמאַכט פאַלשטענדיג פילען, אַז עס האַנדעלט זיך ניט בלויז אין דער שאַפונג פון אַ טעכנישען גולם, פון אַ ראָבאָט, ווי מען רופט דאָס היינט צו טאָג, נאָר עס האַנדעלט זיך אין אַ אידעע, און זאָגאַר אין אַ הויכער אידעע, וועגען וועלכער מען דאַרף זיך גריבלען, כדי צו פאַרשטיין, בעסער געזאָגט, כדי צו באַקומען עפּעס אַן אָנונג וואָס זי מיינט.

און אָט אין דעם, וואָס מ'האָט געפילט אין דער גאַנצער צייט פון דער פאַרשטעלונג דאָס פאַרבאָרגענע, דאָס העכערע, דאָס טיפערע, דאָס סימבאָלישע, איז באַשטאַנען די הויפּט מערקווירדיגקייט פון דער פאַר־שטעלונג פון „גולם".

דאס שפּילען אין „גולם"

אין דער פאַרשטעלונג פון „גולם" אין פעניקס טעאַטער אין יאַנואַר 1931, האָבען זיך אויסגעצייכענט די פאָלגענדע:

מעסקין אַלס דער גולם איז געווען זייער איינדרוקספול. די ענציק־לאָפּעדישע פאַרטייטשונג פון גולם איז עמבריאָ אורשפּרונג; אין מעס־קינ׳ס גולם איז געווען אדם הראשון... זיינע מעכאַנישע באַוועגונגען האָ־בען זיך ענטוויקעלט; זיי זיינען געוואָרען אַלץ וועניגער מעכאַניש און דאָך זיינען זיי געבליבען שווער... זיינע אויסדריקע האָבען אין זיך גע־האַט פיל מער חיה׳שעס ווי מענשליכעס. ס׳איז געווען אַ מערקווירדיגער עפּעס — וואָס איז מער ווי כאַראַקטער.

טשעמערינסקי האָט כאַראַקטעריזירט דעם מהר״ל. זיין אַרבייט אויף דעם גולם און מיט דעם גולם; זיין גלויבען אין זיין קראַפט; זיינע ליידען און פּאַרדרוס דורך די ליידען און דורך זיינע מעשים; און דער קאַמף וואָס ער פירט דעם גולם צוריקצוברייגען צו ליים; — דאָס אַלץ האָט געפונען קרעפטיגען אויסדרוק אין טשעמערינסקי׳ס שפּילען.

זייער לירייש איז געווען פרידלאַנד אַלס אליהו.

ראווינאַ׳ס משיח איז געווען אַן אויסדרוק פון פּאַעטישער איינפּאַכ־קייט; ס׳האָט געקענט זיין מער עקסטאַז.

בערטענאַוו איז אַ מייסטער אויף גרימירען זיך. זיין גרים אַלס טאַ־דעאוש האָט דערמאָנט דירער׳ס צייכענונגען. זיין דיקציע איז אויך זייער גוט.

בן חיים האָט געשפּילט מיט פיל טעמפּעראַמענט דעם משוגענעם.

עס האָבען זיך נאָך באַטייליגט: נחמה וויניאַר, לוביטש, וויניאַר, א. אַ.

ס׳איז געווען אַ מערקווירדיגע פאַרשטעלונג.

ג. „פּראָפעסאָר שעלינג"

לייוויק׳ס „פּראָפעסאָר שעלינג" איז די ערשטע דראַמע פון דער היטלער פּעריאָדע אין אידיש. ס׳איז אַ פּראָבלעם דראַמע אין העכסטען זין. דער דיכטער באַהאַנדעלט דאָס פּראָבלעם פון דעם שרעקליך ליידענדען און צושראָקענעם דייטשען אידען, וועלכער זוכט צו אַנטלויפען פון זיך אַליין.

דער פאַרפאַסער האָט די שטאַרקע פּראָזע פון דער דראַמע דורכגע־פלאָכטען מיט פערלדיגע דיכטערישע אויסדריקע, וואָס באַצירען איר, ווי פילפאַרביגע בלימלעך געטונקען אין טוי, אין וועלכען עס שפּיגלען זיך זונען־שטראַלען...

די גלענצענדע רעזשי פון מאָריס שוואַרץ, וועלכער האָט אויך גע־שפּילט די הויפּט ראָלע, האָט פיל בייגעטראָגען אַרויסצוברייגגען די באַ־דייטונג פון פּראָבלעם, וואָס האָט צו טון, ניט נאָר מיט דער געגענוואַרט, נאָר אויך מיט דער אייביגער פראַגע פאַר דעם גע'רודפ'טען אידען: „זיין אָדער ניט זיין".

זיכער איז אויך פאַראַן אַ היבשע מאָס היסטעריע אין דער פאָרשטע־לונג, הן אין די דיאַלאָגען, הן אין שפּילען, אָבער ווי קען אַנדערש זיין, ווען מען שילדערט איבערלעבונגען פון פּאָגראָם קרבנות, וועלכע זיינען אויך דורכגעגאַנגען די שבעה מדורי גיהנום פון די קאָנצענטראַציע לאַ־גערן, די מאָדערנע אינקוויזיציע וואָס היטלער האָט געבראַכט אין דייטש־לאַנד און וואָס ער זוכט צו פאַרשפּרייטען אין דער גאַנצער וועלט? דאָס פּראָבלעם גופא, וואָס ווערט געשילדערט, ענטהאַלט אין זיך היסטעריע; די גאַנצע דראַמע איז דאָך געשאַפען אויף דעם מאָטיוו פון שרעק, פון מורא, אַז די אַלט־נייע אינקוויזיציע וועט איבעראַל טרעפען און וועט יעדען טרעפען און מען וועט זיך גאָרניט קענען פון איר באַהאַלטען. היס־טעריע איז אונפאַרמיידליך אין אַזאַ שילדערונג, אָבער זי איז געווען אונ־טער קינסטלערישען קאָנטראָל.

„פּראָפעסאָר שעלינג" אָדער „ווער איז ווער?" איז איינע פון יענע דראַמען, וועלכע שטעלען פאַר די אינערליכע צוטרייסלונג פון אַ אידען, וואָס האָט דורכגעמאַכט גאָר שווערע טראַגישע איבערלעבונגען. אָבער דער מאָטיוו פון דער דראַמע איז ניט דאָס אויסערליכע שילדערן פון די דאָזיגע איבערלעבונגען, נאָר דאָס שילדערן דעם אינערליכען פּראָבלעם, וואָס אַ איד וועלכער איז דערשראָקען אויף דעם העכסטען אופן פון דאָס וואָס קומט פאַר, שטעלט זיך: ווי פּטור צו ווערען פון אָט אַזאַ צושטאַנד? ווי מאַכען אַ סוף צו אַזאַ לאַגע? ווי פאַרהיטען, אויב ניט זיך, איז די קינ־דער פון אַ ווידערהאָלונג פון דעם חורבן?

דאָס פּראָבלעם איז אייגענטליך ניט קיין נייער, ס'איז ביי אידען ניט אַ צייטווייליג פּראָבלעם געבראַכט פון היטלער'ן. ס'איז אַזוי אַלט ווי דער אידישער גלות, און אפשר נאָך עלטער. אַז מען פאָרשט אידישע געשיכ־טע צייגט זיך זאָגאָר אַרויס, אַז ס'איז דאָס אייביגע אידישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעם.

די וועלט פון ברואים און פון מענשען איז אַ וועלט פון קאַמף און געראַנגעל פאַר עקזיסטענץ. און אין מיטען פון געראַנגעל געפינען זיך אידען, וועלכע זיינען אין אַ באַזונדערער ערגסטער לאַגע. פונ'ם אָנפאַנג פון זייער עקזיסטענץ אַלס פאָלק, מען קען זאָגען נאָך פריער פונ'ם סאַמע אָנפאַנג אַלס מענשען, פון אברהם אבינו אָן, האָבען מיר זיך געפונען אין דער טרויעריגער פּאָזיציע, וואָס מיר זיינען אַטאַקירט און פאַרפאָלגט גע־

וואָרען. עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען דערפאַר וויל מיר זיינען געווען פיזיש שוואַכער ווי די פון אַרום אונז. מיט גאַנץ קליינע אויסנאַמעס אין דער אַלטער געשיכטע האָבען מיר געהאַט אַ קליין לאַנד צווישען פילע גרעסערע לענדער, און דער רעזולטאַט איז געווען אַז מיר זיינען געוואָרען אַ קליין פאָלק, צושפּרייט צווישען פיל גרעסערע פעלקער אין דער וועלט. מיר האָבען געקענט עקזיסטירען נאָר אַ דאַנק דער אידישער חכמה, דעם שאַרפזין און דער פעהיגקייט זיך צוצופּאַסען צו אַלע באַדינגונגען און פאַרהעלטניסע און איבערצושטייגען די פון אַרום אונז אין פילעס וואָס ס'האָט אַ שייכות צו גייסטיגער ענטוויקלונג. עס האָט זיך אָבער דורך דער לאַגע אויך ענטוויקעלט אַ אינפעריאָריטעט קאָמפּלעקס, אַ שרעק פאַר דעם וואָס ס'איז און פאַר דעם וואָס ס'קען זיין אין דער צוקונפט. ביי פילע אידען איז די שרעק דערבראַכט צום באַוואוסטזיין; ביי אַנדערע ווירקט עס אין הינטער־באַוואוסטזיין. און דאָס פּראָבלעם איז: ווי פון אַט דער שרעק פטור צו ווערען?

עס האַנדעלט זיך ניט איצט, אפילו ניט אין לייוויק'ס דראַמע, אין קיין נייעם רעצעפּט פאַר דער אַלטער צרה. פונקט ווי די קרענק איז אַן אַלטע, אַלץ אַזוי זיינען שוין פון לאַנג פאַרשריבען געוואָרען די רעצעפּטען צו איר, און אייגענטליך זיינען פאַרשריבען געוואָרען צוויי רעצעפּטען:

איינער איז — גלויבען אין זיך! צי מיר ווילען, צי מיר ווילען ניט זיינען מיר דאָך אידען; און אויב מיר זיינען אידען פאַרוואָס זאָלען מיר טאַקע ניט וועלען זיין אידען? אַי, מען שלאָגט און מען פאַרפאָלגט אונז, איז פאַרפאַלען. וואָס קען מען העלפען? אויף וויפיל ס'איז מעגליך שלאָגען מיר צוריק, בעסער געזאָגט שטויסען מיר אָב די אָנפאַלער, די שלעגער. זייער אָפט, טאַקע כמעט שטענדיג, האָבען מיר צום סוף דאָס פאַרגעניגען צו זען, ווי זיי ווערען אַליין צו'מזיק'ט פון די קלעפּ וואָס זיי געבען אונז. ס'איז טאַקע אמת אַז דאָס איז בלויז אַ שאָדען פרייד. אָבער אויך דאָס העלפט אונז אינ'ם קאַמף פאַר עקזיסטענץ. און אויב דער קאַמף ווערט גאָר ביטער און טרויעריג, איז בעסער צו שטאַרבען דעם שענעם טויט פון קידוש השם, אַלס איד און דערפאַר וואָס מען איז אַ איד, איידער צו שטאַרבען אַלס פייגלינג דורך אייגענער האַנד אָדער זיך באַהאַלטען אין עפּעס אַ מויזען־לאָך...

עס איז אויך דאָ אַ צווייטער רעצעפּט פון די וועלכע זיינען גאָר שטאַרק דערשראָקען געוואָרען פון דעם וואָס ס'קומט פאַר מיט אידען. זיי האָבען געזאָגט: נאָך וואָס טויג דאָס אַלץ? נאָך וואָס אַזוי פיל קאַמף און געראַנגעל? ווער דאַרף דאָס, אַז מיר זאָלען זיין אידען? בעסער אונטערגייען, באַהאַלטען און פאַרשווייגען די אידישקייט; זיך צוזאַמענמישען מיט אַנדערע פעלקער און זאָל נעמען אַ סוף צו דער „טראַגעדיע". אָט דאָס איז דער רעצעפּט פון אַסימילאַטאָרען פון אַלע צייטען.

עס איז קיין ספק ניט דאָס איבערפלעכליך זעט אויס דער צווייטער רעצעפּט אַ לייכטערער, ווייל סוף כל סוף שיינט עס אַז אונטערגיין איז לייכטער ווי אַרויפשטייגען, זיך אונטערצוגעבען איז לייכטער ווי ווידער־צושטיין, צו שטאַרבען איז לייכטער ווי צו לעבען. אין אמת'ן שיינט עס גאָר אַזוי. דאָס דאַכט זיך בלויז. דער פּראָצעס פון אונטערגאַנג איז אין תוך פיל שווערער ווי דער פּראָצעס פון אויפשטייג. דאָס אונטערגעבען זיך איז פיל ביטערער ווי דער ווידערשטאַנד, און דער איינער מאָמענט פון טויט, איבערהויפּט דורך זעלבסט־פאַרניכטונג, איז שווערער ווי דאָס ראַנגלען זיך פון אַ לאַנגען לעבען. און אפילו דער וועלכער באַהאַלט זיין אידישקייט קען ניט דערשטיקען די שרעק, אַז מען וועט דאָס אויסגעפינען, און אַז ער וועט אויפ'ס־ניי איבערלעבען שרעקליכע קאָנסעקווענצען.

אָט דאָס איז דאָס פּראָבלעם, וואָס ווערט אָבגעשפּיגעלט אין לייוויק'ס דראַמע, כאָטש אין איר פעלט דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו. זי איז מער געבויט אויף אַן אַקטואַליטעט, און טראָגט מער אַ אינדיווידועלען כאַראַקטער ווי אַ פאָלקס כאַראַקטער. די דראַמע איז פון אַ יחיד און ניט פונ'ם כלל אין ברייטען פאַרנעם.

ווי שוין געזאָגט איז „פּראָפעסאָר שעלינג" דאָס פּראָבלעם פון אַ אי־דען וועלכער וויל פון זיך אַנטלויפען; אָבער ער קען זיין ציל ניט דער־גרייכען.

עס זיינען אים גובר די אומשטענדען. וויפיל ער זוכט ניט צו באַ־האַלטען, אַז ער איז אַ איד, קען ער דאָס ניט. מען געפינט עס אויס.

עס איז אים גובר זיין געוויסען. אין דער דראַמע איז דער צד שכנגד וועלכער ווירקט געגען פּראָפעסאָר שעלינג'ס באַהאַלטען זיין אידישקייט, אַ אידישער שריפטשטעלער, הערמאַן שאַכט, וועלכער האָט טענות פאַר וואָס ער דערוויטערט זיך פון זיין פאָלק. אָבער דער דאָזיגער צד דאַרף גאָר ניט זיין קיין אַנדערער מענש, ער קען זיין דאָס הינטער־באַוואוסטזיין פון דעם זעלבען פּראָפעסאָר שעלינג, וואָס זאָל אים אונטערזאָגען: וואָס שפּילסטו פאַר אַ שטיק? דו וועסט דאָך ניט קענען דיין ציל דערגרייכען... ער קען דאָך ניט פאַרגעסען זיינע איבערלעבונגען אַלס איד, ער האָט דאָך פאַר זיינע אויגען די טאָכטער, ליזע, וועלכע איז פאַרקריפּעלט געוואָרען אין פּאָגראָם, אין וועלכען איר מוטער, זיין פרוי, איז אָנגעגריפען און ער־מאָרדעט געוואָרען.

עס איז אים גובר די ליבע פון זיין שוועסטער מערי, וועלכע צוליב איר נאַטירליכע נייגונג צו שאַכט'ן וואָלט זי וועלען זען אַ סוף צו דעם גאַנצען אָנשטעל, וואָס זי מיט איר פרויען האַרץ, וואָס דורשט נאָך אויפ־ריכטיגקייט, פילט אַז ס'איז פאַלש און בוצלאָז.

עס איז אים גובער דער בייער דור, טאַקע דער זון, לודוויג, וועלכען ער וויל פאַרהיטען, אַז ער זאָל ניט וויסען דאָס ער איז אַ איד. גראַדע ער פילט מיט די טראַגעדיע פון די אידען. זיין בלוט מאַכט אים אפשר אינ־סטינקטיוו פילען די אונגערעכטיגקייט וואָס ווערט געגען זיי באַגאַנגען. און ווען ער ערפאַרט דעם אמת איז ער טיף אויפגעבראַכט געגען זיין פאָ־טער, און ער מאַכט אים דעם שאַרפסטען פאָרוואורף פאַר זיין האַנדלונג.

און עס איז אים גובער נאָך אַ כח, אַן אויסערליכער כח: דער בעסע־רער טייל פון דער מענשהייט, פאַרגעשטעלט דורך דעם ריכטער עוואַנס, וועלכער האַלט אים אָב פון צו באַגיין זעלבסטמאָרד און ראַט אים בעסער נאָכצופאָלגען זיין זון.

זייער כאַראַקטעריסטיש איז דער סוף: פראָפעסאָר שעלינג פאָלגט דעם ריכטער. דאָס וואָס ער האָט אַליין ניט געקענט ענטשיידען האָט דער אַמעריקאַנער אים געהאָלפען צו ענטשיידען. ער לייזט פאַר אים דעם פראָבלעם נאָך ווען ער זאָגט אים: „דיין פאַרלייקענען זיך אַלס איד איז אויך אַ פאַרלייקענונג פון אַמעריקא, וואָס שטייט פאַר פרייהייט פאַר יע־דען מין מענשען, פאַר יעדער ראַסע". ווען ער הערט די דאָזיגע ווערטער פילט שוין שעלינג אַז ער האָט פאַרשפּילט. זיין ליגען איז באַזיגט ניט נאָר פון דעם אידישען אמת נור אויך פון דעם אמת פון בעסערען מענ־שען.

די דראַמע, הייסט עס, שטעלט ניט בלויז אַוועק דאָס פראָבלעם, נאָר זי צייגט אויך, אַז די אידישע לייזונג פון פראָבלעם גייט האַנד אין האַנד מיט דער מענשליכער לייזונג. אָט דאָס איז דעם מחבר׳ס שטאַנדפונקט.

מאָריס שוואַרץ האָט געשפּילט אַלס פראָפעסאָר שעלינג, פול מיט כאַראַקטער און פאַטאָס, מאָנומענטאַל אין אויסדרוק פון נשמה שמערץ. עס האָבען זיך נאָך באַטייליגט: געניאַ שליט אַלס די שוועסטער מערי; עטאַ טאָפּעל אַלס די טאָכטער עליזאַבעט; מאַרק לערנער אַלס דער זון, לודוויג; מאַרק מאַרקאָוו — הערמאַן שאַכט; משה זיידערמאַן — דר. זעראָ, א. אַ.

ס׳איז געווען איינע פון די פאָרשטעלונגען, וואָס מאַכען נאָכדענקען.

21. י. י. זינגער

און זיינע דראמאטיזירטע נאוועלען

ישראל יהושע זינגער באלאנגט צו אונזערע יונגערע און מאדערנ־סטע שריפטשטעלער. ער האט זיך בארימט געמאכט דורך זיינע צוויי באַ־רימטע גרויסע נאָוועלען „יאָשע קאַלב" און „די ברידער אשכנזי", וועל־כע זיינען אויך דראמאטיזירט געוואָרען פאר דער בינע. די דאָזיגע נאַ־וועלען זיינען אויך איבערזעצט געוואָרען אין ענגליש.

אָבער נאָך פריער, איידער די דאָזיגע ווערק זיינען ערשינען, האָט ער אויך פאָרעפענטליכט אַ דראַמע אין דריי בילדער, „ערד ווײ". די דאָ־זיגע דראַמע איז ערשינען נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע און בירגער קריג פון רוסלאַנד. עס איז אין איר געשילדערט דער חורבן וואס איז פאָרגעקומען אין יענעם לאַנד, וואָס איז צו דער זעלבער צייט געוואָרען געבורט ווייען פון אַ נייעם לעבען.

שוין אין דער דראַמע האָט זיך באַמערקט אייגענאַרטיגקייט, סאָציאַ־לער אינטערעס, און אַ גרויסע מאָס פון שענקייט. אָבער פיל מער אינטע־רעס האָבען אַרויסגערופען זיינע ווייטערע ווערק.

י. י. זינגער איז אָן אַ שום ספק אַ קינסטלער שריפטשטעלער, אָבער זיינע נאָוועלען, און אויך די דראַמען וואָס זיינען פון זיי אַרויסגעקומען און וואָס טראָגען דעם זעלבען נאָמען, געבען מער אויסדרוק צו נייע אויסערליכע פאָרמען ווי צו באמת טיפער אינערליכקייט. ער האָט זיכער אומפאַסט די סאָציאַלע אומוועלצונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין לע־בען, אָבער ער האָט זיי אויך באַהאַנדעלט מער אויסערליך ווי אינערליך. ער קען די אַלטע וועלט, וואָס גייט אונטער, וועלכע ער שילדערט גאַנץ אינטערעסאַנט, אָבער דעקאַדענטיש. ער האָט ניט קיין סימפּאַטיע צו איר; עס זעט אויס אַז ער וויל זי וואָס שנעלער אראָבשליידערן און אירע כאַ־ראַקטערע באַזייטיגען... ער זעט אויך די נייע וועלט וואָס רייסט זיך צו לעבען. ער איז אין איר פאַראינטערעסירט אָבער ניט באַגייסטערט פון איר...

איבערהויפט איז י. י. זינגער געניגט צו פאַרבינדען צופיל און צו בולט אי דעם אונטערגאַנג פון דער אַלטער וועלט, אי דעם געבורט פון דער נייער, מיט סעקס פראַגען. דאָס ברייינגט אויך אַריין אין די ווערק מעלאָדראַמאַטישע מאָטיווען... די ווערק זיינע זיינען אינטערעסאַנט אָבער

זיי וועקען ניט קיין מיטגעפיל און קיין באַגייסטערונג. דער פאַרגעניגען ליגט אין לייענען זיי, אָדער אין זען זיי, אַלס אונטערהאַלט; אָבער מען האָט ניט קיין פאַרגעניגען פון דאָס וואָס קומט פאָר אין זיי גופא. זיי זיי־נען פראָדוקטען פון אַ דעקאַדענטישער איבערגאַנגס צייט, און אין זיי זיינען פאַראַן פילע בילדער פון דער דאָזיגער צייט.

א. „יאָשע קאַלב״

ספּעקטאַקולאַרע טעאַטראַלישקייט, דערבראַכט צו גראַנדיעזקייט דורך קינסטלערישע, און נאָך מער דורך טעכנישע מיטלען, איז „יאָשע קאַלב״ פון י. י. זינגער, אויפפירונג פון מאָריס שוואַרץ, וואָס איז געצייגט געוואָרען אין „היס מעדזשעסטיס טעאַטער״.

ס׳איז ניט גלאַט אויפגעפירט אַ פּיעסע; ס׳איז אַ גאַנצע קאָמבינאַציע, אַ פאַרשידענאַרטיגע צוזאַמענגעשטעלטע פאַרשטעלונג, וואָס רופט אַרויס אַ באַזונדערן גרויסען אינטערעס טאַקע דורך דער פאַרשידענאַרטיגקייט, און דורך דער גראַנדיעזקייט צו וועלכער דאָס ווערט דערבראַכט.

פונקט ווי דער מענש האָט געזוכט צו באַזיגען די נאַטור מיט דער הילף פון דער טעכניק, אַלץ אַזוי האָט ער אויך געזוכט דורך דער טעכ־ניק צו באַזיגען דאָס לעבען, די קווינטעסענץ פון דער נאַטור; און בנוגע טעאַטער האָט מען דורך דער טעכניק דאָס לעבען סינעמאַטאָגראַפירט און גראַמאָפאָנירט... מען האָט דאָס לעבעדיגע לעבען כמעט פאַריאָגט פון דער בינע; מען האָט עס בלויז פאָטאָגראַפירט און מען צייגט עס אויפ׳ן לייוונט אין באַוועגענדע שאָטענס, וועלכע מען גיט אויך טענער און קלאַנגען, זינגען און רעדען אַלץ דורך טעכניק... נאָר פונקט ווי עס זיינען די מענשען, וועלכע רעבעלירען געגען דער טעכניק און זוכען, טאַקע אַלץ דורך די מעגליכקייטען וואָס די טעכניק שאַפט, זיך צוריקצו־קערען צו דער נאַטור, אַלץ אַזוי האָט מאָריס שוואַרץ געברויכט די סינע־מא מעטאָדען צוריקצוברייגען דאָס לעבען אין טעאַטער. „יאָשע קאַלב״ אין זיין אויפפירונג איז אַ לעבעדיגער פילם.

אין דער פאַרשטעלונג זיינען באַנוצט כמעט אַלע מעטאָדען פון דער פילם פראָדוקציע: ליכט און שאָטען; בליצען און דונער שטורם; מיס־טישע ערשיינונגען, ווי דאָס יאָגען זיך פון דער באַשאָטענטער ליכט פון אַנגעצונדענע פלעמלעך אַרום דעם מת; בילדער פון טיפען און גרופען, וואָס זעען אויס איינפאַך רעמבראַנדטיש. פון אָט דעם טעכניש קינסטלע־רישען שטאַנדפונקט איז די פאַרשטעלונג אַ גרויסער אויפטו.

אָבער אין דער פאָרמע, אין סטיל, איז קיין בייעס ניטאָ. די כאַראַק־טערע, די גרימירונגען, די טראַכטען, די סצענעס און דעקאָראַציעס, זיי־

נעָן אפילו ניט מאָדערן, ניט אין די שטריכען, ניט אין די קאָמפּאָזיציעס, ניט אין די קאָמבינאַציעס פון פאַרבען. ס׳איז שען, ס׳איז פּראַכטפול, ס׳איז קינסטלעריש, אָבער ס׳איז אין אַלטען אַקאַדעמישען סטיל.

דער אינהאַלט פון דער פּיעסע איז אויך ניט קיין זייער געוואַלטיגער, אָבער עס האַנדעלט זיך אין אַ פּיקאַנטער געשיכטע. סעקסואַליזם שפּילט אין איר אַ גרויסע ראָלע, ס׳איז אַ מעשה פון זינד אין אַ רבניש הויף, רופט דאָס געוועהנליך אַרויס גרויסען אינטערעס.

ס׳האַנדעלט זיך אין ניעטשעוו׳ער רבי, וועלכער האָט דריי ווייבער באַגראָבען, און האָט חתונה צום פירטען מאָל און דוקא מיט אַ יונגער יתומה, מלכה׳לע. כדי דאָס צו קענען דערגרייכען האָט ער פריער חתונה געמאַכט זיין טאָכטער סערעלע מיט אַ צווייטען רביג׳ס זון, נאָך גאָר אַ אינגעל, נחום׳טשע, וועלכער איז פאַרטיפט אין קבלה ספרים. איז ער קאַלט צו זיין אייגענער ווייבעל, די צנועה, און ווערט נכשל צו זינדיגען מיט דעם שוועה׳ס ווייבעל, דאָס הייסט מיט דעם רבינ׳ס רבי׳צען... דאָס פירט דערצו, אַז נחום׳טשע גייט אַוועק אין דער ווייטער וועלט, ווערט אַ שוויגער, און מען רופט אים „יאָשקע קאַלב״. קומט ער אָן אַלס געהילף צו אַ קברן, האָט יענער אַ אידיאָטישע טאָכטער, און אַזוי ווי עס האָט אויסגעבראָכען אַ מגיפה אין שטעטעל, זוכט מען שולדיגע אין זינד צו־ליב וועלכער די מגיפה האָט אויסגעבראָכען. געפינט מען אויס אַז דעם קברנ׳ס אידיאָטישע טאָכטער איז מעוברת. וואַרפט דער פּאָטער אַרויף די שולד אויף יאָשע קאַלב, וועלכען ער וויל גלאַט פּאָר אַן איידים, און מען צווינגט אים שטעלן אַ חופה מיט דער מציאה אויפ׳ן בית עולם; דאָס זאָל אויך זיין אַ רפואה צו דער מגיפה. יאָשע קאַלב זאָגט ניט דעם „הרי את״, אָבער איר פּאָטער זאָגט, אַז ער האָט עס געהערט, זאָגט מען מזל טוב, און פטור...

נחום׳טשע פאַרשווינדט נאָך דער חופה. ער קערט זיך צוריק צו זיין היים, צו זיין ווייבעל און איר פּאָטער׳ס הויז, נאָך פופצען יאָר וואָס ער האָט פון דאָרט געפעלט... וואָלט אפשר שוין געווען גוט, דערקענט אָבער אַ איד אַז נחום׳טשע איז יאָשע קאַלב, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט אַ צווייטע פרוי... קומט דערפאַר פאָר אַ גרויסער בית דין, אַ גאַנצער סנהדרין, אויסצוגעפינען ווער איז ער: נחום׳טשע אָדער יאָשע קאַלב?... אין גאַנג פון דער דין תורה שטאַרבט דער ניעשעוו׳ער רבי. ער האָט גע־לאָזט אַ צוואה, אַז נחום׳טשע זאָל פאַרנעמען זיין פּלאַץ; אָבער ווען מען קוקט זיך אַרום איז נחום׳טשע ווידער ניטאָ. ער איז אַוועק, געטריבען פון דעם פלאַנטער פון זיין לאַגע.

אָט אַזוי איז דאָס שוין איין מאָל אַ געשיכטע פון געשיכטעס.

צו דער אומגעלומפּערטקייט פון דער געשיכטע באַציט זיך דער מחבר אויך ציניש צו דעם חשק פון דעם אַלטען רבי צו דער יונגעינקער יתומה. די כונה פאַרשטייט זיך איז צו פאַרשוועכען דעם רבי אַלס רבי. אָבער עס ווערט ניט פאַרשוועכט בלויז דער רבי נור אויך די דראַמע. פילעס קומט אַרויס גראָב און די סביבה וואולגאַר. עס שמעקט ערטער־ווייז מיט ציניזם אַנשטאָט פסיכאָלאָגישע שילדערונג, מיט קאַריקאַטור אַנשטאָט קונסט, מיט גראָטעסק אַנשטאָט הומאָר...

די פּיעסע ווערט בלויז גערעטעט דורך דער סצעניזירונג מיט קינסט־לערישער פּראַכט, ווען אפילו אין אַקאַדעמישען סטיל, פון דאָס גאַנצע שטעטעל מיט דעם רבי׳נ׳ס הויף, מיט די חסידים, מיט דעם בית המדרש, און מיט דעם בית דין — אַ קליינינקייט, אַ דין תורה פאַר זיבעציג רבנים. ס׳איז אימפּאָזאַנט. אָבער קונסט אין בעסטען זין וואָס קונסט דאַרף זיין, — אמת, איז עס ניט.

ווי געזאָגט איז די פאַרשטעלונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין יולי 1935, געווען גראַנדיעז.

מאָריס שוואַרץ האָט געשפּילט גלענצענד, נאָר ער האָט פאַרגע־שטעלט דעם רבי׳ן, ווי דער מחבר האָט אים געשילדערט, גראָבליך. דאָך האָט ער פון אים געמאַכט אַ מאָנומענטאַלע פיגור. לאַזאַר פריד האָט גע־שפּילט מיט זייער פיל אינטעליגענץ און ווייכקייט אַלס נחום׳טשע אָדער „יאָשע קאַלב״. שאַרלאָט גאָלדשטיין איז געווען מלכה׳לע; יהודית אַבאַר־באַנעל — סערעלע. קעשיר אַלס דער קברן איז געווען גלענצענד. עס האָבען זיך נאָך באַטייליגט: משה זילבערקאַסטען, מערקור, נחום ברינד, משה שטראָסבערג, מאָריס פּיקאַרניק, משה בורשטייק, אַנאַ טייטעלבוים, סאָניאַ קאַליש, מאַניאַ שטיין א. אַ.

ס׳איז געווען אַ ספּעקטאַקעל אין פּולען זין.

ב. „ברידער אשכנזי״

אַ פיל בעסער ווערק און דראַמע איז י. י. זינגער׳ס ראָמאַן „די ברי־דער אשכנזי״. ס׳איז די זייער אינטערעסאַנטע געשיכטע פון דעם אידישען וועבער־קעניג, וועלכער האָט ענטוויקעלט דעם מאַנשעסטער פון פּוילען, די וועבעריי שטאָט לאָדז. עס איז אַ געשיכטע דורכגעוועבט מיט מאָטיווען פון קלענערע און גרעסערע סאָציאַלע קאָנפליקטען, וועלכע שלענגלען זיך אין דער פּיעסע, געמישט מיט אַ גאָר אינטערעסאַנטע ליבע און פאַ־מיליען דראַמע.

די געשיכטע פון לאָדזער אידישען וועבער־קעניג איז אָבער בלויז דער פאָן, דער אונטערגרונד, וואָס שוועבט פאַרביי, צוערשט אַלס פּראָ־

לאָג, און האָן ווי אַ שאָטען, אַרויסצובריינגען בולט׳ער דאָס פּילפּאַרביגע בילד וואָס עס מאָלט זיך איבער דעם פּאָן; און אַט דאָס בילד גופא איז די אידישע סאָציאַלע דראַמע פון אונזער צייט און אפשר פון אַלע צייטען.

שווער איז דעם אידען צו פירען זיין אייגען לעבען. ער שטאַמט פון פרומע, גאָטספורכטיגע עלטערן און אורעלטערן; מען האָט געוואָלט, אַז ער זאָל זיין פרום, אַז ער זאָל גיין אין די דרכים פון דער אידישער טראַדיציע, אַז ער זאָל שטעלען אָרענטליכקייט און אידישקייט, וואָס דאָס מיינט אויך גוטסקייט, איבער אַלעס. אָבער די סביבה פון אַרום מאַכט אים אַזוי שווער צו קענען לעבען און צו זיין זיכער מיט זיין עקזיסטענץ, אַז עס ענטוויקעלט זיך אין אים אַ געוואָלטיגער דראַנג צו שטייגען, אַ אונבאַגרעניצטער דורשט עפּעס גרויסעס צו דערגרייכען, אַז זיין לאַגע זאָל ווערען זיכער, און ער ווערט אומפּאַסט פון אַ ריזיגען אונטערנעמונגס גייסט.

האָט דער איד ניט קיין מעגליכקייט פּראַקטיש אַנצואווענדען זיין אונטערנעמונגס גייסט, דאַן ווערט ער אַ פלאַפלער, אַ פאַנטאַזיאַר, אַ ספּאָדיק־דרייער — שלום עליכם׳ס מנחם מענדעל. קוים האָט ער אָבער אַ מעגליכקייט אין עפּעס פּראַקטישעס זיך אַנצוכאַפּען, אַזוי צו זאָגען זיך צו סטאַביליזירען, זיך צו ענטוויקלען און צו שטייגען, דאַן ווערט ער זינגער׳ס שמחה מאיר, דער עלטערער, מיט פינף מינוטען, פון די צווי ברידער אשכנזי.

אַט אַזאַ איד איז שמחה מאיר: ער וויל דוקא אַז מען זאָל אים רופען מאַקס, ער וואַרפט אַראָב פון זיך אַלץ, וואָס קען אים שטערען צו דערגרייכען זיין ציעל; ער איז מקריב די פרומקייט, זיין אייגענאַרטיגען טראַכט, זיין ספּעציפישקייט אַלס איד; ער פאַרביגט די אידישקייט, ער איז מאַנכע מאָל זאָגאַר געניגט ניט מהדקדק צו זיין אין אָרענטליכקייט. ער איז מקריב אייגענע און זיך זעלבסט — זיין פאָטער, זיין ווייב און קינדער, זיין אייגען געזונד און זיין אייגען לעבען — אַבי צו דערגרייכען צו דער זיכערער פּאָזיציע פון רייכקייט, וואָס גיט אויך איינפלוס.

ער ווערט רייך און איינפלוסרייך, אָבער ער איז דאָך טיף אונגליקליך. ער איז שטענדיג אין קאָנפליקט מיט זיינע אַרבייטער, מיט זיין אייגענער אַרומיגער געזעלשאַפט. ער זוכט אונטער אַלע באַדינגונגען צו באַשיצען זיין רייכטום, אָבער ער איז צו שוואַך צו קענען אָבהאַלטען די ראָד פון דער געשיכטע. די אַלגעמיינע סאָציאַלע קאָנפליקטען פירען ניט נאָר צו דעם קלאַסען קאַמף, פון וועלכען ער פילט אויך דעם טעם, נאָר זיי פירען צו מלחמות און רעוואָלוציעס, וועלכע טרעפען אים, און דערהויבען פאַר אים די געפאַר פון פאַרניכטונג. ווען ער שטייט אויף דער

שוועל פון אונטערגאַנג ווערט ער באַהערשט פון צוויי געפילען: אויף איין זייט פרעגט ער זיך: „האָט זיך עס געלוינט? האָב איך באַדאַרפט אַזוי האַנדלען, וואַנדלען, יאָגען זיך און ברויזען, פאַרגעסען אין יעדען און אין זיך זעלבסט?... פאַרוואָס, פאַר־ווען? וואָס ס׳ווערט אַלץ פון דעם וואָס איך האָב אויפגעבויט און צוזאַמענגעקליבען”. און אויף דער צווייטער זייט ברענט אין אים נאָך דער געוואַלטיגער אימפעט, דער פייערדיגער אונטערנעמונגס גייסט, וואָס שטרעמט אַרויס אין אַן איבערגעשפּאַנטער ענערגיע, וועלכע מען האָט געזוכט מיט געוואַלד צו צוימען, און ער טראַכט: „אַי, ווען מען וואָלט מיך געלאָזען וואָלט איך זיך ווידער גענומען צו דער אַרבייט און וואָלט ערשט באַוויזען וואָס איך קען”... אָבער אומזיסט איז זיין באַגער. עס דרייען זיך ווייטער די רעדער פון דעם היסטאָרישען פּראָצעס, און ער ווערט צוריבען פון זיינע מיל שטיינער.

אין קאָנטראַסט צו שמחה מאיר איז זיין ברודער יעקב בונים; ער איז אויסערליך מער סאָליד, מער גאַלאַנט, שענער, אויסגעהאַלטענער, אָבער אינערליך איז ער באַהערשט פון דעם זעלבען אונרו. ער יאָגט זיך ניט אַזוי נאָך רייכטום; עס איז אים געגוג וואָס ער איז דעם טאַטענ׳ס זון, עס קלעקט אים וואָס יענער האָט פאַר אים צוזאַמענגעקליבען. זיין אינערליכען אונרו פּרובירט ער צו באַרוהיגען דורך אַ געיעג נאָך ליבע. אָבער פּונקט ווי שמחה מאיר איז אונגליקליך טראָץ זיינע געשעפטען און טראָץ זיין פאַרמעגען, אַלץ אַזוי איז יעקב בונים אונגליקליך, טראָץ זיינע פאַרגעניגענס מיט שענע פרויען.

די מיידעל, וואָס ער האָט באמת געליבט, און וועלכע האָט אים אויך שטאַרק געליבט, דינה׳לע, איז ניט צו אים אָנגעקומען. זי איז גאָר געוואָרען די ווייב פון זיין ברודער, שמחה מאיר. די קאָקעטירענדע פּערעלע, וועלכע האָט אים אַריינגעטאַרט אין איר נעץ, און איז געוואָרען זיין ווייב, איז פּונקט דער היפּוך פון דעם וואָס ער האָט ערוואַרטעט, און זי באַפרידיגט ניט זיינע באַגערען... און גלאַט די קאָקעטקעס אין וועמענס געזעלשאַפט ער פאַרברענגט, זיינען פאַר אים בלויז אַ צייט־פאַרטרייב, זיי לאָזען זיינע געפילען אונבאַרירט, ער זוכט מיט זיי בלויז צו דערשטיקען זיין אינערליכען דורשט נאָך ליבע.

עס ענטוויקעלט זיך שפּעטער אַ נייער ראָמאַן זיינער: עס וואַקסט אויף דינה׳לעס אַ טאָכטערל, גערטרוד. נאָך ווען זי איז געווען אַ קינד האָט ער זי געלאַשטשעט. ער זוכט דאָס צו ערקלערען דערמיט, וואָס זי איז געווען דינה׳לעס קינד און אויך דערמיט וואָס ער האָט קיין קינדער ניט געהאַט... אָבער זיין לאַשטשען גערטרוד׳ן האָט ענטוויקעלט אין איר בייגונגען צו אים, וואָס זיינען געווען ניט בלויז קינדישע און האָבען אויפ־

געהערט צו זיין בלויז פלאַטאָניקשע, ווען זי איז אויפגעוואַקסען. ער האָט ביי איר צורייצט באַגערען צו אים, זי רופט דאָס ליבע, און זי וויל אַז ער זאָל גט׳ן זיין פרוי און מיט איר חתונה האָבען. יעקב בונים זוכט זיך צו וועהרען דערפון. עס שיינט אים צו זיין עפּעס ניט ריכטיגעס אין דעם דאָזיגען ליבעס פּלאָנטער, אָבער, ווי שטענדיג, זיגט די פרוי וועלכע קאָנצענטרירט איר באַגער אויף אַ מאַן, און ער גיט נאָך... זי אַנטלויפט מיט אים.

אָט די דאָזיגע ליבע און פאַמיליען דראַמע ווירקט אפילו אויף שמחה מאיר׳ן, דאָס ער זאָל זיך אַרומזען וואָס עס קומט אַרום אים פאַר מיט זיין אייגענעם הויזגעזינד. אָבער פונקט דאַמאָלט ענטוויקלען זיך אַזוי די פאַרהעלטניסע פון דער מלחמה אַז ער מוז אַלץ איבערלאָזען און אַוועק קיין פעטראָגראַד.

דאָרט ברעכט אויס די רעוואָלוציע, מען קאָנפיסקירט זיין פאַרמעגען. מען אַרעסטירט אים, מען וויל אים דערשיסען. יעקב בונים האָט ערפאַ־רען וואָס מיט זיין ברודער קומט פאָר; ער פאָרט אים רעטען, און ברענגט די נויטיגע פאַפּירען דאָס צו דערגרייכען. זייער באַגעגעניש איז, פאַר־שטייט זיך, רירענד. די גאַנצע קנאה און קריגעריי צווישען זיי איז פאַר־שוואונדען. יעקב בונים גיט איבער שמחה מאיר׳ן, אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט זיין גערטרוד׳ן. שמחה מאיר איז אים שוין אַלץ מוחל, און עס ווערט שלום צווישען זיי.

ווען זיי לאָזען זיך אַהיים פאָרען פאַלען זיי אַריין ביים גרעניץ צו פּאָליאַקען סאָלדאַטען אין די הענד. פּאָליאַקען בלייבען פּאָליאַקען... זיי ווילען זיך אונטערהאַלטען אויפ׳ן חשבון פון די אידען. זיי ווילען אַז זיי זאָלען פאַר זיי טאַנצען דעם מה־יפית טאַנץ... שמחה מאיר גיט זיך אונ־טער. זיין כאַראַקטער לאָזט זיך בויגען, און כדי זיך צו רעטען פון סכנה איז ער זאָגאַר גרייט צו טאַנצען פאַר יורשים פון דעם פריץ... אָבער יעקב בונים איז שטאָלצער, ער וויל זיך ניט בויגען, ער וויל זיך ניט ערנידריי־גען. וואָס איז דאָס פאַר אַ באַרבאַרישער אַנגאַנג; מען זאָל אים צווינגען צו טאַנצען אַ מה־יפית טאַנץ? עס ווערט אַ גראַנגעל און די פּוילישע סאָלדאַטען דערשיסען דעם „זשידיק", וועלכער האָט ניט געוואָלט באַ־פרידיגען זייער פאַרלאַנג. זיין גאַלאַנטקייט און העלדישקייט האָט אים ניט געראַטעוועט, אָבער דאָך האָט ער זיך וועניגסטענס פאַרהאַלטען מיט ווירדע.

דער טראַגישער סוף פון יעקב בונים׳ן ברייננגט אויך דעם סוף פון שמחה מאיר׳ן. ער, וועלכער האָט זיך געגרייט ווידער צו פאַרטרייבען די ענטוישונג און פאַרצוויפלונג, און זיך נעמען אויפ׳ס־ניי צו דער אַרבייט,

קען מער ניט אויסהאַלטען. ער דערשלאָגט זיך אַהיים, אָבער ער איז ניט מער בכח צו דערטראָגען וואָס ס׳איז פאָרגעקומען און זיין האַרץ פּלאַצט — ס׳איז אַ ביטערער סוף.

שמחה מאיר פאַלט טויט, און עס הערט זיך דאָס פייפען פון דער פאַבריק אַלס אַן אָנזאָג, אַז די סאָציאַלע דראַמע, פון וועלכער ער איז גע־פאַלען אַ קרבן, ווערט פאָרטגעזעצט, און עס וועלען נאָך זיין אַזעלכע קרבנות.

עס איז ניט פאַראַן קיין פעסטע אידעע אין דעם ווערק, אָבער ס׳איז אַ ריכטיגע שילדערונג פון אַ רעאַליטעט.

מאָריס שוואַרץ האָט גראַנדיעז אויפגעפירט די „ברידער אשכנזי״ אין יולי 1938 אין פעניקס טעאַטער. די אויסשטאַטונגען זיינען געווען פּראַכטפול, פילפאַרביג, פול מיט ליכט און קאָלירען; באַזונדערס אינ־טערעסאַנט איז געווען דאָס ברייגנען אויף דער בינע אַ וועבער פאַבריק מיט וועבער שטולען.

מאָריס שוואַרץ האָט געשפילט שמחה מאיר פול מיט כאַראַקטער. סעמיועל גאָלדענבורג איז געווען ראָמאַנטיש, גאַלאַנט, שטאַרק און וויר־דיג אַלס יעקב בונים. ליובא קאַדיסאָן איז געווען דינה. איזידאָר קעשיר איז געווען דער פאָטער. עס האָבען נאָך אָנטייל גענומען משה זילבער־קאַסטען, אברהם טייטעלבוים, ישראל בירנבוים, יעקב פיקאַרניק, דוד לעווין, א. בלעקער, י. גאָלדשטיין, ליזא זילבערט, אסתר זעוואָקינא, א. אַ.

די פאָרשטעלונג איז געווען איינע פון די גרעסטע טריאומפען פון קונסט טעאַטער אין לאָנדאָן.

22. דוד בערגעלסאָן און זיין „ברויט מיל"

דוד בערגעלסאָן איז באַטראַכט פאַר דעם בעסטען שריפטשטעלער אין אידיש אין סאָוויעטען פאַרבאַנד, פון אונזער צייט. ער איז געבוירען געוואָרען אין 1884 אין אַכרימאָווע ביי אומאַן, אוקראַינא. ער שטאַמט פון אַ רייכער פרומער אידישער פאַמיליע, און אין דער יוגענד האָט ער געשריבען אין רוסיש אָדער העברעאיש. זינט 1908 האָט ער געוואוינט אין קיעוו. ער האָט דורכגעמאַכט די רעוואָלוציעס אין רוסלאַנד, וועלכע האָבען געשטירצט דעם צאַריזם, און געשאַפען דעם סאָוויעטישען רעזשים. ער האָט דורכגעלעבט דעם ציווילען קריג און די פאָגראָמען, און איז געוואָרען אַ באַוואוסטזיניגער בירגער פון זיין מלוכה, און אַ לאָיאַלער אונטערשטיצער פון איר סיסטעם און פון די טעאָריען, אויף וועלכע זי שטיצט זיך. ס'איז דערפאַר אַ נאַטירליכע זאַך, אַז זיינע ווערק זאָלען זיין דורכגעדרונגען מיט די מאַרקסיסטישע קלאַסען־קאַמף אידעען אויף וועלכע יענע מלוכה שטיצט זיך.

דוד בערגעלסאָן האָט אָנגעשריבען פילע ווערק אין דעם גייסט. זיין ערשטע גרעסערע דערציילונג „אַרום וואָקזאַל" איז ערשינען נאָך אין 1908. דאָן איז געקומען „דער טויבער". שוין יענע דערציילונגען, וואָס זיינען געשריבען געוואָרען פיל פריער פאַר דער רעוואָלוציע, האָבען שוין אויסגעדריקט זיין אידעאָלאָגיע, אָדער וועג פון אומפאַסען דאָס לעבען. אין 1913 איז ערשינען זיין גרויסער ראָמאַן „נאָך אַלעמען". און ערשט נאָך דער רעוואָלוציע האָט ער פאַרעפענטליכט זיין ראָמאַן „דער אָבגאַנג", אין וועלכען ער האָט איינפאַך סימבאָליזירט דעם חורבן פון דאָס צושטערטע אידישע שטעטעל אין אוקראַינא דורך די פאָגראָמען.

בערגעלסאָן איז אַ רעאַליסטישער שרייבער, אָבער ער שילדערט אַזוי טיף און בולט זיינע כאַראַקטערע און געשעהענישען דאָס ער דערהויבט זיי צו סימבאָלען. זיין סטיל איז אויך אייגענאַרטיג און גרייפענד.

ער האָט דראַמאַטיזירט זיין דערציילונג „דער טויבער" און ס'איז אַרויסגעקומען אַ שטאַרקע דראַמע „די ברויט־מיל". זי איז, פאַרשטייט זיך, אין בערגעלסאָנ'ס גייסט :— אַ קלאַסען קאַמף דראַמע. זי איז אויך אויפגעפירט געוואָרען אין לאָנדאָן.

אָט וואָס ס'איז געווען מיין מיינונג וועגען איר :

„ברויט־מיל" פון דוד בערגעלסאָן איז אַ פּיעסע, וואָס שטעלט פאַר דעם קלאַסען קאַמף צווישען אַרבייט און קאַפּיטאַל. ס'איז, הייסט עס, אַ

טענדענציאָנעלע פּיעסע, אָבער דאָס איז ניט אַלץ. טענדענציאָנעלע פּיעסען, און זאָגאַר מיט אַזעלכע טענדענצען, זיינען אָפּט שוין אויפגעפירט געוואָרען אויף דער אידישער בינע. בערגעלסאָנ׳ס פּיעסע איז אָבער ניי דורך דער אַרט און ווייזע פון איר קאָנסטרוקציע, דורך איר פאָרמע. זי איז אויך ניט גלאַט אַ טענדענציאָנעלע פּיעסע, זי איז אַ פּיעסע לשם טענדענץ.

דער פּראָפעסאָר האָט ניט בלויז געשילדערט אַ קאָנפליקט צווישען אַ בעל הבית און אַרבייטער, כדי אַרויסצובריינגען די טענדענץ, דעם קלאַסען קאַמף צווישען אַרבייט און קאַפּיטאַל, נאָר ער האָט קודם כל, פון אָנפאַנג אָן, גענומען דעם באַגריף פון קלאַסען קאַמף און אים אויסגעדריקט אין די האַנדלונגען פון אַ בעל הבית און זיין משפחה אויף איין זייט און פון אַרבייטער אויף דער צווייטער זייט.

אין דער פּיעסע „ברויט־מיל״ זיינען, הייסט עס, ניט די מענשען די ווירקענדע פאַקטאָרען און די טענדענץ דער רעזולטאַט פון זייערע ווירקונגען, נאָר פאַרקערט: די טענדענץ איז דער ווירקענדער פאַקטאָר און די מענשען זיינען בלויז שפּילצייג, כדי אויסצודריקען דעם באַגריף, וואָס דער פּראָפעסאָר האָט געוואָלט אויסדריקען.

ס׳איז אַ פּיעסע לויט דער מאַרקסיסטישער קאָנצעפּציע אין פולען זין. די מענשען וואָס ערשיינען אין איר זיינען ניט מער ווי ווערקצייג פון עקאָנאָמישע באַדינגונגען, און פאָלגליך זיינען זיי אויסגעטון פון יעדען אַנדערען געפיל אַחוץ די איינציגע געפילען, וואָס דריקען אויס אָט די דאָזיגע אינטערפּרעטאַציע, אָט די דאָזיגע קאָנצעפּציע.

צוליב דעם טאַקע, ווייל די טענדענץ איז דער סאַמע עיקר פון דער פּיעסע, איז זי מער סימבאָליסטיש, ווי רעאַליסטיש. זי שטעלט ניט אַזוי פאָר אויף אַ רעאַלען אופן אַ געוויסען קאָנפליקט צווישען אַרבייט און קאַפּיטאַל, ווי זי סימבאָליזירט דעם עצם קאַמף צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט. אפילו דער נאָמען „ברויט־מיל״ איז אַ סימבאָל. דאָס אַלץ וואָס קומט פאָר געשעעט ניט בלויז אין אַ מיל, וואו מען מאָלט מעל, עס געשעעט אויף דער גאַנצער לענג און ברייט פון דער וועלט, וואו מען זוכט נאָר דאָס שטיקעלע ברויט.

אויגענשיינליך זיינען דאָ אין דער פּיעסע צוויי קאָנפליקטען: אויף איין זייט דער אַלגעמיינער דראַמאַטישער צווישען בעל הבית און די אַרבייטער. דער בעל הבית פירט איין נייע מאַשינען, און שטויסט אַרויס אַ טייל פון די אַרבייטער פון דער אַרבייט. די אַרבייטער פון זייער זייט קעמפען, סטרייקען; זיי הונגערען אַלע מיט אַבזיכט, מיט באַוואוסטזיין, אפשר וועט דאָס העלפען צו פאַרמיידען דעם הונגער פון די אַרויסגע־

שטויסענע... און אויף דער צווייטער זייט איז דאָ דער פערזענליכער דראַמאַטישער קאָנפליקט צווישען דער דינסט, אַ טאָכטער פון אַן אַרביי־טער, און דעם זון פון בעל הבית, פון וועלכען זי איז געבליבען שוואַנגער. אין דער ווירקליכקייט זיינען די דאָזיגע צוויי קאָנפליקטען בלויז צוויי זייטען פון איין מטבע. זיי סימבאָליזירען, אַז ניט נאָר ווערט דער קאַפּי־טאַליסט רייך פון דעם שוויס פון די אַרבייטער, און ער רעכענט זיך ניט מיט זייערע נויטוועַנדיגקייטען, נור ער און די זייניגע נוצען זיך נאָך אויס פון די שענע טעכטער פון די אַרבייטער, וועלכע זיי מאַכען צו שפּאָט און צו שאַנד.

די צוויי דראַמאַטישע קאָנפליקטען זיינען אויך טעכניש פאַראייניגט דורך דעם טיפּ פון טויבען, וועלכער איז אי אַן אַרבייטער, וואָס וויהט שרעקליך פון דער עקספּלואַטאַציע, און איז אי דער פאָטער פון דער פאַרפירטער טאָכטער און אים קומט פאָלגליך אויך אויס צו ליידען דורך איר שאַנדע. אין דעם טויבען איז אויך איינגעקערפּערט דער עקסטרעמער אויסדרוק פון דעם קאַמף צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט, דער באַגער צו נקמה, די טענדענץ צו פאַרניכטען די עקספּלואַטאַטאָרס און שענדערס; און ווען ער פאַלט אַ קרבן, ווען ער קען ניט זיין נקמה באַגער דורכפירען, געפינט ער און די זייניגע באַפרידיגונגען אין דעם געשריי, וואָס רייסט זיך פון די אַרבייטערס הערצער: „מען וועט זיי (די קאַפּיטאַליסטען) דער־פאַר באַצאָלען, מען וועט זיי דערפאַר באַצאָלען“.

אַלס אַ טענדענציעזע פּיעסע האָט די „ברויט־מיל“ אירע באַשרענ־קונגען פון קינסטלערישען שטאַנדפּונקט. כדי דורכצופירען די טענדענץ האָט דער פאַרפאַסער זיך דערוייטערט פון דער פילפאַרביגקייט און פאַרשידענאַרטיגקייט פון מענשליכען כאַראַקטער און פון מענשליכען לעבען. ניט נאָר האָט ער יעדען טיפּ באַזונדער געמאַכט איינזייטיג, באַ־טרעסעלט פון יעדען אַנדערען מענשליכען געפיל, און קאָנצענטרירט בלויז אויף דער האַנדלונג, וואָס ער האַרף דורכפירען, כדי די טענדענץ אַרויסצוברייגגען, נור ער האָט אויך דאָס גאַנצע לעבען איינגעשרענקט אין איינזייטיגקייט.

כדי אַרויסצוברייגגען די טענדענץ האָט דער פאַרפאַסער אונז פאַר־געשטעלט אַ וועלט פון סאַמע אונמענשליכע מענשען, פון אויטאָמאַטען, וועלכע באַזיצען ניט קיין אַנדערען באַגריף, ווי ענטוועדער צו מאַכען געשעפטען אָדער צו האָבען אַרבייט, וואָס איז אין תוך כמעט איינס און דאָס זעלבע — זיי זוכען פּרנסה; און וועלכע זיינען ניט באַהערשט פון קיין אַנדער געפיל, ווי נאָר פון האַס פון איינעם צום צווייטען.

די בעלי הבתים האָבען קיין אַנדער זאַך ניט אין זינען, ווי געשעפט;

אפילו ווען זיי דאַוונען מאַכען זיי געשעפטען. מען פירט איין בייע מאַשי־נען, מען שטויסט אַרויס אַרבייטער פון דער אַרבייט און מען רויבט ביי זיי אָב די מעגליכקייט צום לעבען נאָר צוליב גרעסער מאַכען דאָס געשעפט. מען העכערט דעם פרייז פאַר מעל פונקט פאַר יום טוב, כדי די באַפעלקערונג זאָל ניט האָבען קיין ברירה און מוזען צאָלען דעם העכע־רען פרייז. און דאָס איז זיכער אַלץ בלויז צוליב געשעפט... עפעס איינער זאָגט אפילו, אַז מען וועט שעלטען, אָבער וואָס מאַכט עס אויס, אַבי די געשעפטען וועלען גיין. די בעלי הבתים פרייען זיך מיט דער תורה,— ס'איז פונקט אין שמחת תורה דער מאָמענט פונ'ם קאָנפליקט — אָבער מען ברייינגט צו דער שמחה אויך דעם אוריאַדניק, ווייל דאָס העלפט צו דעם געשעפט... אַלץ איז דער בעל הבית אימשטאַנד צו טון, אפילו אָנ־שטעלען סטרייק־ברעכער און אונטערקויפען די פאָליציי, אַבי נאָר די מיל זאָל גיין; און אַלץ איז די בעל הבית'טע אימשטאַנד צו טון, אפילו אונטערקויפען פאַלשע עדות, אַבי צו פאַרדעקען, אַז איר זון איז פאַר־אַנטוואָרטליך פאַר דער שאַנדע פון דער דינסט. און אויב זיי, די בעלי הבתים, געבען אפילו צדקה איז דאָס ניט צוליב עפעס אַן אינערליכען מענשליכען געפיל, נאָר אַלץ בלויז פאַר דעם צוועק, ווייל דאָס העלפט צום געשעפט, און אויך ווייל דאָס, מיינען זיי, קען אָבלייטען דעם אויסדרוק פון צאָרן פון דעם אויפגעברויזטען אויסגעבייטעטע און געשענדעטען אַרבייטער.

ביי די אַרבייטער איז, לויט דער שילדערונג פון פּראָפּעסער, אויך אַטראָפירט יעדעס אַנדערע געפיל, אַחוץ דאָס איינציגע, וואָס זיי דאַרפען ברויט. זיי דאַרפען קעמפען אויף לעבען און טויט, כדי קיין איינער פון זיי זאָל דאָס שטיקעל ברויט ניט פאַרלירען. און אין דעם קאַמף באַנוצען זיי ניט קיין אַנדער מיטעל, ווי נאָר האַס.

די איינזייטיגקייט איז אויך פאַראַן אין די כאַראַקטערע פון דעם פאַרפירער און פאַרפירטע. דער פאַרפירער האָט ניט אויפגעהערט צו גלוסטען צו דער פאַרפירטער, אָבער ער האָט צו איר קיין אַנדערע באַ־ציהונג, ווי נאָר אויסנוצען זי. אפילו ווען ער זעט, אַז זי וויל באַגיין זעלבסטמאָרד ווערט ער ניט גערירט פון קיין מענשליך געפיל און וויל זי לאָזען דאָס טון. און אויך די פאַרפירטע, כאָטש זי טראָגט אַ קינד אונ־טער איר האַרץ פון דעם פאַרפירער, האָט זי צו אים קיין אַנדער געפיל, ווי האַס און זי טרייבט אים פון זיך. און ווען זי רעטעט זיך פון דעם גע־דאַנק צו באַגיין זעלבסטמאָרד איז עס אויך נאָר צוליב דעם, אַז זי זאָל קעמפען געגען דעם, וואָס זי האָט געליבט, און געגען זיין פאָטער... אפילו איר פאָטער, ווען ער הערט פון איר שאַנדע, ווערט ער מער איבערוועל־

טיגט פון דעם באַגער צו נעמען נקמה, ווי פון אַ מיטגעפיל צו זיין אומ־גליקליכע טאָכטער...

צוליב דער טענדענץ, צוליב אַט דער סימבאָליסטיק, וואָס דער פּאַר־פאַסער האָט נאָכגעפאָלגט, לאָזט זיך דאָס אַלץ ערקלערן; אָבער דאָס איז דאָך ניט דאָס. שפּרודלענדע פילזייטיגע און פילפאַרביגע לעבען, פּאָלגליך איז דאָס ניט קונסט אין דעם פולסטען זין. ס'ווירקט אויך ניט ווי קונסט אין פולען זין, ווי אמת'ע אָבשפּיגלונג פון לעבען ווירקט. עס מאַכט דעם איינדרוק ווי דער פאַרפאַסער וואָלט באַזייטיגט אַלע אַנדערע קאָלירען, און האָט בלויז געשאַפען אַ בילד פון אַ קאָנטראַסט צווישען צוויי פאַרבען: שוואַרץ און רויט, אָן וועלכע ס'איז ניואַנסען אין צווישען. אַזאַ בילד מוז אַרויסקומען אָרים, און איז ווייט פון צו זיין אַ ווירקענדעס בילד. עס קען העכסטענס האָבען אַ אינטערעס פאַר אַזעלכע וועלכע זיי־נען דירעקט אינטערעסירט אין דעם קאָנטראַסט.

די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרען פון מזאה'ס ווילנער טרופּע אין פּאַרטשון טעאַטער. די אויפפירונג איז געווען אין פולען גייסט פון דער פּיעסע. ס'איז געווען אַ פאַרשטעלונג אין צוויי שטאָקען, כדי ס'זאָל שטענדיג זיין פאַר די אויגען דער אונטערשיד פון רייכקייט און אָרימקייט. דאָס שפּילען איז אויך געווען אין עקספּרעסיאָניסטישע פאָרמען. יעקב ווייסליך האָט געשפּילט דעם טויבען. משה פּאָטאָשינסקי איז געווען דער נאמן. דניאל שאַפּירא האָט געשפּילט דעם בעל הבית שמעון ביק. מרים אָרלעסקאָ — אסתר. עס האָבען זיך נאָך באַטייליגט: חבל בוזגאָן, פ. וואַלד, יוכבד ווייסליך, רבקה שילער, דבורה ראָזענבלום א. אַ.

אַלס עקספּערימענטאַלע פּיעסע איז זי געווען אינטערעסאַנט.

23. איבערזעצונגען אין אידיש פון פּראָבלעם דראַמען

ווען איך רעפלעקטיר איבער די רעצענזיעס, וואָס איך האָב ביז איצט איבערגעגעבן אין דעם בוך, שיינט מיר אַז איך בין באַרעכטיגט צו זאָגן, אַז זיי שילדערן ניט בלויז די בעסערע פּיעסן, וואָס מען האָט געשפּילט אין אידישן טעאַטער אין די לעצטע פערציג יאָר, נאָר זיי שילדערן אויך ווי די אידען פראַגע בכלל און אידישע פּראָבלעמען בפרט האָבען געפונען אויסדרוק אויף דער אידישער בינע. די פּיעסען אין זייער געמיינזאַמקייט האָבען ניט נאָר פאָרגעשטעלט אידען מיט זייערע ליידען און פריידען, נור זיי האָבען אויך פאָרגעשטעלט דאָס אידישע פאָלק און זיינע ראַנגלענישען אין אונזער צייט.

איך געפין דערפאַר פאַר נויטיג און איך דענק, אַז ס׳איז אויך פּאַסיג, איבערצוגעבען מיינע רעצענזיעס איבער איבערזעצטע פּיעסען וואָס זיינען געשפּילט געוואָרען, אין וועלכע עס ווערען באַהאַנדעלט וועלט פּראָבלעמען, און עס ווערען אין זיי געשילדערט ראַנגלענישען פון דער וועלט, איינגעשלאָסען די אידען.

א. לעאניד נ. אנדרעיעוו און זיין „אנאטעמא״ (אשמדאי)

לעאָניד אַנדרעיעוו איז אַ רוסישער שריפטשטעלער, געבוירען 1871, געשטאָרבען 1919. אַ מאָדערנער מיסטיקער. ניט גאָר קלאָר אין דער סאָציאַלער טענדענץ, פּעסימיסטיש, אָבער אויסדרוקספול אין דער שילדערונג. האָט אַממייסטענס געשריבען דערציילונגען, צווישען זיי זיינען די באַרימטסטע געווען „דער רויטער געלעכטער״ און „די זיבען געהאָנגענע״, ביידע אויף טעמאַס פון דער רוסישער רעוואָלוציע. ער האָט אויך אַ דראַמע „אַנאַטעמאַ״ (אשמדאי). מען האָט אין אידיש איבערזעצט די דראַמע, און מ׳האָט אויך דראַמאַטיזירט אַ אידישע איבערזעצונג פון „די זיבען געהאָנגענע״, און נאָך אַ דראַמאַטיזירונג: „דער געדאַנק״. אַלע דריי פּיעסען האָט מען געשפּילט אין אידישען טעאַטער אין לאָנדאָן.

אין דעצעמבער 1912 האָט מאָסקאָוויטש אויפגעפירט אין פּאַוויליאָן טעאַטער אַנדרעיעוו׳ס סימבאָלישע פּיעסע „אַנאַטעמאַ״ אונטער דעם אידישען נאָמען „אשמדאי״. דאָס וואָס אַזאַ פּיעסע איז געשפּילט געוואָרען

שוין דאמאלט אין אידישען טעאטער איז זיכער געווען א זייער גרויסער פראגרעס. עס דארף צוגעגעבען ווערען, אז מאסקאוויטש האט געהאט פיל גרעסערע אמביציעס ווי פילע פון די שפעטערע יונגערע דירעקטארען.

אין דער פיעסע שילדערט אנדרעיעוו דורך זין־בילדער, דורך סימ־באלען, די אונמעכטיגקייט פון מענשען צו געפינען א לייזונג צום פראב־לעם פון גליק און צופרידענהייט. ניט דורכ'ן גייסט און ניט דורכ'ן געפיל קענען מענשען געפינען א לייזונג אויף דער אייביגער פראגע וואס לאזט ניט רוען און וואס איז אן עיקר אין לעבען.

אשמדאי איז דער הויפט כאראקטער, בעסער געזאגט דער הויפט סימבאל אין דער דראמע. ער איז די איינקערפערונג פון מענשליכען גייסט, פון מענשליכען שכל. ער גייט מיט זיין פארשונג וויט, וויט, אבער ער גרייכט בלויז אהין וואו עס ענדיגט זיך דאס וויסען און די מעג־ליכקייט ווייטערעס צו וויסען. דארט שטייט א אונבאקאנטער, א לעצטער פראגע צייכען, וואס דער מענש קען ניט באזייטיגען, און ווייטער איז בלויז סוד, דער סוד פון גאט, וואס מענשען קענען ניט דורכ־בליקען.

שטייט אשמדאי פאר דעם לעצטען פראגע־צייכען, און בעט זיך ביי אים: כאטש איין בליק זאל ער אים לאזען טון, אפשר וועט ער דערבלי־קען עפעס פון דעם וואס ס'איז פארבארגען אין תהום פון אייביגקייט און אונענדליכקייט. דער אשמדאי בעט און פאדערט. ער קריכט ווי א ווארים און דערהויבט זיך מעכטיג ווי א רעבעל; אבער קיין ענטפער איז פאר אים ניט פאראנען. דאס וואס ער וויל וויסען האט ניט קיין נאמען, געפינט ניט קיין פאזיטיווע פארשטעלונג אין וויסען און פארשטיין.

אשמדאי איז פול מיט פארדרוס און אויס נקמה באשטימט ער זיך אראבצולאזען אויף דער ערד און צו דערהויבען דאס געפיל פון מענשען, אז דער מענש זאל דורך זיינע געפילען ווערען אזוי גרויס ווי גאט, און שאפען גליק און צופרידענהייט אויף דער ערד, ווייל ער קען זיי ניט גע־פינען אין וועלט־אל, אין יענער זייט פון די הימלען.

דאס געפיל איז איינגעקערפערט אין א צווייטען סימבאל, אין א אידען דוד לייזער. אים פלאגט אויך די שווערע פראגע וועגען שיקזאל פון מענשען. ער איז אויך געגאנגען ביז צו די גרעניצען פון די הימלען צו געפינען א לייזונג צו דער פראגע, אבער ער האט דאס ניט געפונען. גייט ער צו די ברעגעס פון די ימים, און זוכט ביי די כוואליעס, וועלכע האלטען פארבארגען די סודות פון ערדישען לעבען (די וויסענשאפט ער־קלערט, אז אין וואסער איז צוערשט ענטשטאנען לעבען אויף דער ערד) — צו געפינען ביי זיי אן ענטפער אויף דער פראגע: וואס איז דער שיק־

זאל פון מענשען ? אָבער פונקט ווי דער אשמדאי באַקומט אויך דוד לייזער ניט קיין ענטפער.

קומט דער אשמדאי צו דוד לייזער׳ן, מאַכט אים רייך, ברייינגט אים אַ ירושה פון מיליאָנען, און רעדט אים צו זיי צו צוטיילען צווישען די אָרימע און געפאַלענע. ער זאָל זיך צו זיי אַראָבלאָזען און דערמיט זיי צו זיך דערהויבען. ער און זיי וועלען דעריין געפינען גליק און צופרידענהייט... פאָלגט דוד לייזער דעם אשמדאי, דאָס געפיל פאָלגט דעם גייסט. ער צוטיילט אַלץ וואָס ער האָט; ער פאַרלעצט דורך דעם זיינע נאָענטע, די קינדער זיינע, אָבער מיט ליבע איז ער מקריב זייערע אינטערעסען אויפ׳ן מזבח פון דעם אַלגעמיינעם גליק... קורץ איז דאָס גליק און די צופרידענהייט, וואָס ער פאַרשאַפט אַנדערע און זיך. דוד לייזער האָט טאַקע אַוועקגעגעבען אַלץ צו די אָרימע, אָבער ער האָט זיי בלויז פאַרשאַפט אַ צייטווייליגען פאַרגעניגען. די זאַך האָט זיי פאַר אַ ווילע געפרייט, אָבער ס׳איז ניט געווען דאָס וואָס זיי דאַרפען. זיי נויטיגען זיך אין פיל מער ווי פאַרמעגען. זיי נויטיגען זיך אין געזונט פאַר זייערע קראַנקע, אין לעבען פאַר זייערע טויטע... ניט אויף דער אייגענטום פראַגע, נאָר אויף דער פראַגע פון לעבען און טויט, ווילען זיי האָבען אַ לייזונג.

גרויס איז דער אינערליכער קאַמף ביי דוד לייזער׳ן, ווען ער דערפילט זיין אונמעכטיגקייט צו געבען דער געפּלאָגטער און ליידענדער מענשהייט דאָס וואָס זי וויל, דאָס וואָס זי דאַרף. דער אשמדאי זוכט אים צו דערמוטיגען. ער הייסט אים ווערען אַ גאָט און באַווייזען וואונדער. דוד לייזער וויל עס, אָבער ער קען עס ניט... אויפגערעגט ווערט די מאַסע דורך זיין אונמעכטיגקייט און זי באַפאַלט אים. בעט ער זיך ביי איר, אַלץ האָט ער איר אַוועקגעגעבען, ער וועט פאַר זיי אויך זיין האַרץ צורייסען... ניט נאָר זיין פאַרמעגען, נור דאָס בלוט פון האַרצען גיט ער זיי, אָבער דאָס קען זיי אַלץ ניט צופרידענשטעלען... די אויפרעגונג פון די ליידען געגען דער אונמעכטיגקייט פון געפיל צו געבען אַ לייזונג צו דער פראַגע פון לעבען און טויט גייט אַזוי ווייט, אַז זיי באַוואַרפען מיט שטיינער דוד לייזער׳ן, וועלכער סימבאָליזירט דאָס געפיל... ער פאַלט. מיינט דער אשמדאי, אַז ער איז שוין טויט; אָבער ניין, ער באַוועגט זיך נאָך. ער האָט נאָך עפּעס צו געבען דער מאַסע — אַ קאַפּיקע... דאָס איז אַלץ וואָס ער האָט צו געבען... אויך אַ סימבאָל!

דער אשמדאי קערט זיך צום סוף צוריק צו די גרעניצען פון דאָס אונבאַוואוסטע, צו דעם פלאַץ וואו ס׳שטייט דער רעטזעלהאַפטער וועכטער, וועלכער היט די טויערען, הינטער וועלכע עס געפינען זיך די אונ־

לייזבארע סודות פון דער וועלט... סקעפּטיש איז דער אשמדאי, אָן אַ פונק פון גלויבען, אָן וועלכע ס'איז האָפנונג; אפילו אַ פונק פון עמפּערונג, פון רעבעליאָן, דערוואַרימט אים ניט... ער האָט גלאַט ניט וואָס צו טון, איז ער אויך דאָרט אַרום פאַרבלאָנדזשעט געוואָרען...

אָט אויף אַזאַ אופן האָט אַנדרעיעוו געשילדערט די אומעכטיגקייט פונ'ם גייסט און פון די געפילען פון מענשען צו לייזען די אייביגע פראַגע פון לעבען און טויט, וואָס איז דער סאַמע עיקר פון דער וועלט.

אין דער אויפפירונג אין פּאַוויליאָן טעאַטער האָט מאַסקאָוויטש געשפּילט אַלס דער אשמדאי. ס. גאָלדענבורג איז געווען דוד לייזער; נעמי איז געווען זיין פרוי; זיי זיינען געווען פּאַרטרעפליך. זאַק האָט אויך געשפּילט אין דער פּיעסע. ער האָט געהאַט אַ קליינערע ראָלע, אָבער ער איז געווען צו דער געהעריגער הויך. עס איז געווען איינע פון די אינטערעסאַנטסטע פאַרשטעלונגען, וואָס מען האָט געזען אויף דער אידישער בינע.

ב. „די זיבען געהאנגענע״

בילדער פון שרעק און שוידער; בילדער פון אַ שרעקליכער עפּאָכע און פון די שוידערליכסטע מאָמענטען פון פילע מענשען אין דער דאָזיגער עפּאָכע; בילדער פון טיפע פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען פון פאַרשידענערליי כאַראַקטערע אין די מאָמענטען, ווען זיי שוועבען צווישען לעבען און טויט, און ווען זיי זיינען פאָלשטענדיג באַוואוסט אויף דעם, אַז דער טויט, ניט דער נאַטירליכער, נאָר דער געפּלאַנטער, דורך דאָס שוידערליכע מיטעל פון הענגען, לויערט אויף זיי — אָט די דאָזיגע בילדער ציען זיך ווי אַ פּראָצעסיע פון שוידערליכקייט דורך דער דראַמע, „די זיבען געהאָנגענע״, פון לעאָניד אַנדרעיעוו, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרען פון מאָריס שוואַרץ'ס אידישען קונסט טעאַטער אין דער סקאַלאַ.

„די זיבען געהאָנגענע״ איז אַ דראַמאַטיזירונג פון דער באַרימטער דערציילונג פון דעם באַקאַנטען רוסישען שריפטשטעלער. אַלס אַ דראַמאַטיזירונג פון אַ דערציילונג האָט זי אירע שוואַכע זייטען, וואָס זיינען אייגענטימליך צו דעם סאָרט פּיעסען. אין אַ דראַמאַטיזירטער דערציילונג פעלט שטענדיג דער טעמפּאָ אין דער ענטוויקלונג פון דער האַנדלונג, וואָס איז אַבסאָלוט נויטיג אין אַ דראַמע. די שטייגערונג צו דעם ענטשיידונגס פּונקט, צו דעם קלימאַקס, גייט ניט אָן מיט דעם פולען שוואונג, וואָס זאָל האַלטען וואַך דעם אינטערעס פון דעם צושויער. עס פעלט אויך אָפט דער אַנטי־קלימאַקס, וואָס ווירקט ווי אַ שאָטען צו ליכט, און ברייננט

נאָך טיפער אַרויס די קראַפט פון דער דראַמע, וואָס האָט זיך אָבגע־שפּילט... אין אַ דראַמאַטיזירטער דערציילונג איז אויך פאַראַן מער רייד ווי האַנדלונג, מער שילדערונג און כאַראַקטעריזירונג, ווי ענטוויקלונג און שטייגערונג. אָט די דאָזיגע פעלערן זיינען אויך פאַראַן אין „די זי־בען געהאָנגענע", און דאָך איז דאָס אַן אויסערגעוויינליכע שטאַרקע דראַמע, ווייל די כאַראַקטעריזירונג איז פון אַזעלכע מערקווירדיגע פאַר־שידענאַרטיגע טיפען, און ווייל די שילדערונג איז פון אַזעלכע איבער־לעבונגען, וואָס זיינען אַרויסגערופען פון דער טיפסטער שרעק פאַר'ן טויט, און וואָס וואַרפען אַן אימה אויף יעדען, וואָס זעט זיי.

די האַנדלונג קומט פאָר אין יענע פינסטערע טעג פון דער צאַרישער רעאַקציע, וואָס האָט פאַרשפּרייט אירע שרעקליכע שאָטענס איבער גאַנץ רוסלאַנד, נאָך דעם דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע פון 1905. אויף איין זייט האָט דער צאַריזם, דורך זיינע פאַרטרעטער, די טשינאָווניקעס, גע־זוכט נקמה צו נעמען אין די וועלכע האָבען געוואַגט זיך געגען אים צו דערהויבען; און אויף דער אַנדערער זייט איז ענטשטאַנען אַ טענדענץ צו טעראָר ביי די גע'רודפ'טע און פאַרפאָלגטע, וועלכע האָבען זיך געוואָלט נוקם זיין פאַר די אומגעקומענע לעבענס און פאַר דעם פיין און די יסורים פון זייערע חברים, וועלכע זיינען אריינגעפאַלען אין די הענד פון די צאַרישע משרתים. עס איז אַ גוט באַקאַנט בלעטעל געשיכטע.

אָט אין אַ טאָג פון יענער צייט קומט מען צו אַ מיניסטער פון רוס־לאַנד און מען זאָגט אים, אַז די טעראָריסטען האָבען געמאַכט אַ פּלאַן אים צו דער'הרג'ענען. דער מיניסטער, אַ קראַנקער שוועכלינג, וועלכער איז געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם טויט פון הונדערטער רעוואָלו־ציאָנערען, שרעקט זיך אַליין פאַר'ן טויט, ער ציטערט אימת מות פאַר דעם רעזולטאַט פון פּלאַט, וואָס איז געגען אים צוגעגרייט געוואָרען, און די שרעק זיינע פאַר'ן טויט איז אַזוי גרויס, דאָס ער באַקומט די אַפּאָפּ־לעקציע און שטאַרבט.

ווען די טעראָריסטען קומען דורכפירען דעם פּלאַט, וואָס איז איי־געגטליך שוין גאַרניט נויטיג געווען, ווערען פינף פון זיי אַרעסטירט, דריי מענער, ווערנער, גאַלאָווין און קאַשירין, און צוויי פרויען, מוסיאַ און טאַניאַ. מען שטעלט זיי פאַר אַ געריכט און זיי ווערען פאַר'משפט צום טויט. אין דער זעלבער צייט ווערען אויך פאַר'משפט צום טויט אַ דעגע־נעראַט, דער מאַניאַק איוואַן יאַנסאָן, וועלכער האָט פילע פאַרברעכענס באַגאַנגען, צום סוף דערשטאָכען זיין בעל הבית, און ער אַליין וויל בשום אופן ניט פאַרזוכען דעם טעם פון טויט; און אַ האַלבער באַרבאַר, מישקאַ ציגאַניאַק, אַ טרויעריגער העלד פון די סטעפּעס, וועלכער איז מער חיה

ווי מענש, און ביי וועלכען די נאַטירליכע בלוטדורשטיגקייט פון דער חיה און די לוסט צו פיזישע קעמפע איז אַ לעבעדיגער אינסטינקט.

די פינף פאַר׳משפט׳ע טעראָריסטען זיינען יעדער איינער פון אַן אַנדערען כאַראַקטער, און יעדער פון זיי לעבט אַנדערש איבער די מאָמענטען פון פאַר דעם טויט. צו זייערע איבערלעבונגען קומען צו די מאָ־גיפעסטאַציעס פון די צוויי אַנדערע פאַר׳משפט׳ע, פון דעם דעגענעראַט און פון דעם האַלבען באַרבאַר. און צו דאָס אַלץ קומען צו איינציגע פאַ־טעטישע סצענעס, ווען די עלטערן פון איניגע פון די פאַר׳משפט׳ע קו־מען זיך מיט זיי געזעגענען פאַר זייער הינריכטונג.

אַט דאָס איז דער מאַטעריאַל פון דער דראַמע, און מען קען זיך אַליין פאָרשטעלען ווי אַזאַ מאַטעריאַל קען אויסגעדריקט ווערען אין עמאָציעס פון די שוישפילער, עס גיט זיי אונגעהויערע גרויסע מעגליכ־קייטען... און ווי דאָס קען ווירקען אויף די עמאָציעס פון די צושויער.

אַן אונאונטערבראָכענער גרויל האַלט אַלעמען אומפּאַסט אין דער גאַנצער צייט פון דער פאָרשטעלונג. מען פילט, אַז די שרעק פאַר׳ן טויט שפּרייט אויס אַלץ מער און מער אירע בעגעל און כאַפּט אַרום אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער דעם גייסט פון די פאַר׳־משפט׳ע. די שרעק ברעכט זאָגאַר איין די האַלב ווילדע חיה־מענש ציגאַניאָק, ביי וועלכען דער טויט איז אַ קלייניגקייט. בלויז ווערנער, וועל־כער איז אַ דענקער, און מוסיאַ, וועלכע איז אַ ראָמאַנטישע אידעאַליסטין, ווערען ניט אַנגעגריפען פון דער טויט שרעק. דאָס קלינגט ווי אַ סימבאָל, אַז דער געדאַנק און דער גלויבען אין אידעאַל זיינען אונשטערבליך... זיי שטאַרקען די וואָס זיינען פון זיי באַהערשט.

די אויפפירונג פון „די זיבען געהאַנגענע" דורך מאָריס שוואַרץ אין סקאַלאַ טעאַטער, איז געווען איינע פון זיינע בעסטע. די דעקאָראַציעס זיינען געווען רייך אָן צו זיין שרייענד. זיי זיינען געווען גוט צוגעפּאַסט צו דער אַטמאָספערע פון שוידער. זיי האָבען געהאָלפען שאַפען און אויפ־האַלטען אַ גרויע שטימונג פון גסיסה. און כאָטש די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרען אין אידיש האָט די גאַנצע צייט זיך געפילט אַ רוסישע אַטמאָ־ספערע. דאָס איז געווען אַ גרויסע קינסטלערישע דערגרייכונג.

מאָריס שוואַרץ האָט געשפּילט די ראָלע פון מישקאַ ציגאַניאָק. עס האָבען זיך נאָך באַטייליגט: מאַרק שווייד, פריד, גאָלדפאַדען, אליהו טע־בענהאָלץ, איזידאָר קעשיר, בערטאַ גערסטען, בעלאַ פינקעל, משה שטראַסבערג און מוני וויזענפריינד.

די פאָרשטעלונג איז געווען אַ מאָנומענט פאַר קרבנות פון צאַריזם.

ג. גאָרקי׳ס „מעשטשאַניע״ (קליינבירגער)

מ אַ ק ס י ם ג אָ ר ק י איז איינער פון די גרעסטע רוסישע שריפטשטעלער פון אונזער צייט. ער איז געבוירען געוואָרען אין 1868 און איז געשטאָרבען אין 1934. ער האָט געשטאַמט פון גאָר אָרימע עלטערן און איז אין דער יוגענד געווען אַ האַפען־אַרבייטער, אַ בעקער, און אויך אַ וואַנדערענדער היימלאָזער. ער האָט גוט גע־קענט דאָס בראָדיאַגע לעבען, און ער איז צוערשט באַרימט געוואָרען דורך פאַרעפענטליכען זייער געלונגענע דערציילונגען פון דעם דאָ־זיגען לעבען, אין וועלכע ער האָט זייער קרעפטיג אויסגעדריקט דעם גייסט פון פרייהייט, וואָס האָט זיך מאַניפעסטירט אין רוסלאַנד. שפּעטער האָט ער אויך געשריבען גרויסע סאָציאַלע ראָמאַנען פון באַדייטונג, ווי „די מוטער״ אין וועלכער עס שפּיגעלט זיך אָב די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג; און „קלים סאַגנין״, אין וועל־כער ער שילדערט די אונטערגאַנגס פעריאָדע פון דער צאַרישער און בירגערליכער רוסלאַנד. זיינע ווערק האָבען אַרויסגערופען דעם גרעסטען אינטערעס אין דער גאַנצער וועלט. ער האָט זיך אויך באַ־רימט געמאַכט דורך פאַרעפענטליכען גלענצענדע אָבהאַנדלונגען אין פאַרטיידיגונג פון אידען און געגען אַנטיסעמיטיזם.

מאַקסים גאָרקי האָט אויך געשאַפען איניגע פּיעסען. צוויי פון זיי, „מעשטשאַניע״ (קליינבירגער) און „נאַ דניע״ (אויפ׳ן דעק) זיינען אויך איבערזעצט אין אידיש, און מען האָט זיי געשפּילט אין לאָנ־דאָן.

אין די לעצטע יאָרען פון זיין לעבען האָט גאָרקי אויך געשאַפען אַ פּיעסע אונטער דעם נאָמען „יעגאָר בוליטשעוו און אַנדערע״. אין דער פּיעסע האָט ער געשילדערט די צופוילטקייט פון דער געזעל־שאַפט אין רוסלאַנד אין די לעצטע יאָרען פון דעם צאַריזם. דער העלד פון דער פּיעסע שרייט אויף אַ פּלאַץ אויס: „די וועלט גייט אונטער״. און דער אונטערגאַנג פון אַ געזעלשאַפט ווערט אין איר געשילדערט.

איך וויים ניט צי די דאָזיגע פּיעסע איז איבערגעזעצט אין אי־דיש. אין יעדען פאַל, דאָ אין לאָנדאָן האָט מען איר ניט געשפּילט.

איך גיב דאָ איבער מיינע רעצענזיעס פון גאָרקי׳ס פּיעסען וואָס איך האָב געזען שפּילען אין אידיש:

אין קיין שום לאַנד האָט מען זיך ניט אַזוי פיל באַשעפטיגט מיט סאָציאַלע פּראָבלעמען אין די לעצטע פערציג יאָר, ווי אין רוסלאַנד; דאָרט מער ווי איבעראַל האָט מען געפילט די גרויסע בויטווענדיגקייט איבערצובייטען די סאָציאַלע פאַרהעלטניסע. איבעראַל עקזיסטירט די דאָזיגע שטרעבונג, נאָר אין רוסלאַנד איז זי געווען שטאַרקער, ווייל אין אָנפאַנג פון דעם יאָרהונדערט איז דאָס לאַנד געווען מער אונטערשטעליג אין דער אַלגעמיינער סאָציאַלער, פּאָליטישער און עקאָנאָמישער ענטוויקלונג פון אַלע אַנדערע לענדער. אין רוסלאַנד האָבען דאַמאָלט, אונטער'ן צאַר, עקזיסטירט די ערגסטע פאַרהעלטניסע און עס האָבען דאָרט געהערשט די גרעסטע אונגערעכטיגקייטען; און עס איז פאָרגעקומען אַ גרויסע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג זיי צו באַזייטיגען. דאָס ערקלערט פאַרוואָס אין רוסלאַנד, מער ווי איבעראַל ערגעץ אַנדערש, איז די מאָדערנע ליטעראַטור דורכגעדרונגען מיט אַ סאָציאַלען גייסט, מיט סאָציאַלע טענדענצען. דאָרט זיינען אויך געשאַפען געוואָרען אייניגע פון די בעסטע און אינטערעסאַנטסטע סאָציאַלע דראַמען פאַר דער בינע. עס זיינען דאָרט אי געווען מאָטיווען פאַר אַזעלכע דראַמען, אי אַ גרויסער אינטערעס צו זיי.

איינע פון די דאָזיגע סאָציאַלע דראַמען, וואָס זיינען אין רוסלאַנד געשאַפען געוואָרען, איז „מעשטשאַניע" (קליינבירגער) פון מאַקסים גאָרקי, וואָס זיגמונד פיינמאַן האָט נאָך אויפגעפירט אין פּאַוויליאָן טעאַטער אין 1907. שפּעטער איז די פּיעסע אויך געשפּילט געוואָרען פון מאָריס שוואַרץ'ס קונסט טרופּע אויף אַ ספּעציעלען מאַטינע אין פּרינץ אָף ווייַלס טעאַטער.

ווי יעדע סאָציאַלע דראַמע איז גאָרקי'ס „מעשטשאַניע" אַ טענדענציעז ווערק; עס איז אָבער פאַרפאַסט פון אַ קינסטלער, וועלכער פאַלשעוועט ניט דאָס לעבען צוליב זיין טענדענץ. דאָס לעבען, דיווירקליכקייט, איז אין דער דראַמע דער עיקר. אַלץ ווערט געשילדערט נאַטורטריי, פּסיכאָלאָגיש אמת; די טענדענץ וואַקסט בלויז אַרויס אַלס מוסר השכל פון דעם געשילדערטען לעבען...

די מאָטיווען פון „מעשטשאַניע", כאָטש זי איז אַ סאָציאַלע דראַמע, זיינען גראָד ניט קיין צוזאַמענשטויסען צווישען געגענזייטיגע אינטערעסען, ניט קיין שטורמדיגע קעמפע פאַר אידעען, פאַר עפענטליכע פאָדערונגען; זיי זיינען מער אַ צוזאַמענשטויס פון אינערליכע ראַנגלענישען מיט אַ טרויעריגער סביבה. די האַנדלונג שטרעמט אַרויס פון פאַרהעלטניסע און אינערליכע איבערלעבונגען. עס שפּילט אין איר די הויפּט ראָלע די אַטמאָספערע פון די פאַרהעלטניסע און די שטימונגען פון די מענשען, וואָס באַוועגען זיך אין איר.

„מעשטשאַניע“ איז די דראַמע פון דעם צוטרייסעלטען און צורודערטען לעבען פון די קליינבירגער, פון די מיטעלקלאַס מענשען, איבערהויפט פון זייער פאַמיליע, וועמענס יסודות זיינען אונטערגעגראָבען געוואָרען, ניט דורך אימיצענס אַבזיכט, נור פון דעם לעבען גופא.

ס׳איז אַזאַ געשיכטע :

לעבט זיך דער אַלטער קאַרגער, איינגע׳עקשנ׳טער, שמאָלקעפיגער און ענגהערציגער קליינבירגער בעזעמאַנאָוו מיט זיין אַלטער ווייב אַקולינא, אַ פּראָסטע אונטערטעניגע פרוי, וואָס האָט כמעט גאָר קיין באַגערען ניט אין לעבען. זיי וואָלטען אָפשר געלעבט גליקליך און צופרידען אין זייער ענג און קליינליך וועלטעל, האָבען זיי אָבער קינדער, וועלכע האָבען זיך געריסען צו אַ נייעם לעבען, און זיי האָבען עס ניט געקענט גרייכען. ס׳איז דערפאַר אַריינגעטראָטען אין די הערצער פון די קינדער אַ נערוועזקייט, אַ צורודערטקייט, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט און האָט פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע הויז, טיף אַנגרייפענדיג זייערע עלטערן, איבערהויפּט דעם אַלטען מעשטשאַנין.

דער זון זינעוו, פּיאָטער, שטודירט און מאַכט ניט קיין פאָרטשריט ; ער האָט כמעט ניט קיין ציל אין לעבען ; וויל עפּעס און ווייסט ניט וואָס, און אין זיין פאַרצווייפעלטקייט פאַרליבט ער זיך אין אַ יונגער לוסטיגער אַלמנה... די טאָכטער, טאַטיאַנאַ, איז אַ לערערין, אָבער זי איז אַ פאַרזעסענע מיידעל, האָט ניט קיין ברעקעל גליק אין לעבען. זי האָט געליבט ניל׳ען, אַן אַרבייטער, אַ מאַשיניסט, וועלכער געפינט זיך ביי זיי אין הויז. אָבער זי איז פאַר אים ניט אינטערעסאַנט, ניט לעבעדיג גענוג, צו טויט... אים געפעלט בעסער פּאָליאַ, די טאָכטער פון דעם נאַטור מענשען פּערטשיכין, וועלכע איז לעבעדיג, שען און יונג... טאַטיאַנאַ ווערט צוליב דעם געטריבען צו מאַכען אַ פאַרזוך פון זעלבסטמאָרד. מען רעטעט זי פון טויט, אָבער מען קען זי ניט רעטען פון איר טראַגיש לעבען, און זי ענדיגט מיט אַ היסטעריש געוויין, באַגלייט פון אַ פאַלשען אַקאָרד פון דער פּיאַנאָ, צו וועלכער זי איז צוגעפאַלען. דער פאַלשער מאָנאָטאָנער אַקאָרד איז ווי אַ סימבאָל פון איר מאָנאָטאָנעם טרויעריגען דאָזיין...

די הערצער פון די עלטערן ווערען צוריסען אי צוליב דער צורודערטקייט פון זייערע קינדער, וועלכע זיי הויבען ניט אָן צו פאַרשטיין און וועלכע זיינען צו זיי פרעמד געוואָרען, אי צוליב דיליידען פון זייער טאָכטער, וועלכע איז אַזוי אונגליקליך.

צו די ליידען פון דעם מעשטשאַנין קומט נאָך צו זיין שטרייט מיט ניל׳ען, וועלכען ער האָט אויפגעהאָדעוועט, און וועלכער ניט נאָר וואָס ער האָט אים אַזוי ביטער באַצאָלט, נור ער דריקט אויך אויס צו אים דעם

טיפסטען האָס און פאַראַכטונג, ווייל ער איז אַ קליינבירגער, וואָס דאָס איז נאָך זיין מיינונג אַ נוצלאָזער נפש... אין דעם מאַניפעסטירט זיך דער קלאַסען אונטערשיד, דער קלאַסען האָס...

גאָרקי באַציט זיך ניט מיט קיין ברעקעל סימפּאַטיע צו דעם מעש־טשאַנין און צו זיינע ליידען. ער ציינגט אים אַרויס אין ניט קיין שענע פאַרבען. אין דער זעלבער צייט, ווען זיין גאַנצע פאַמיליע איז אַזוי צורו־דערט, און זיין אייגען האַרץ ווערט צוריסען פון דעם וואָס קומט פאָר, האַלט ער זיך אַלץ אין זיין געשעפטסמעסיגער פּינקטליכקייט, און פאַר־פעלט ניט איינצומאַנען פון דער שכנה די פערציג קאָפּיקעס דירה געלד; און די צוואַנציג קאָפּיקעס פאַר דעם, וואָס ס'איז געמאַכט געוואָרען עפּעס אַ קליינער שאָדען אין דעם צימער, וואָס זי באַוואוינט.

גאָרקי מאַכט אויך, אַז אַלע אַרום דעם מעשטשאַנין זאָלען געגען אים רעבעלירען און פון אים לאַכען, און ער ברייננגט זאָגאָר אַריין גאָר אַ זייטיגען צושויער, טיעטערעוו, אַ כאַראַקטעריסטישער רוסישער בראָ־דיאַגע, אַ מין פאַסיווען סאַטיר, וואָס אינטריגירט ניט, טוט ניט קיין ביי־זעס, אָבער וועלכער האָט די אויפגאַבע צו לאַכען פון דעם מעשטשאַנין און פון זיין זון, און באַגלייטען מיט דיזאַנאַנס אַקאָרדען זייער טויטען לע־בען; ער זאָגט אויף זייער חשבון גלייכוועלטיג, ער מאַכט וועגען זיי אַ גאַנצע פילאָזאָפיע, פול מיט איראָניע און סאַרקאַזם.

גאָרקי'ס טענדענץ איז, הייסט עס, ניט נאָר צו שילדערן דאָס צו־פאַלען פון דער קליינבירגערליכער פאַמיליע, נור אויך צו זאָגען „אַ מצוה אויף איר", זי איז מער ניט ווערט, און דאָס איז איר פאַרדינטער סוף...

צי גאָרקי איז טאַקע געווען אַזוי שטאַרק גערעכט מיט זיין שטאַנד־פונקט — דאָס איז אַ גאַנץ אַנדערע פראַגע, וועגען דעם קענען זיין מיי־נונגס פאַרשידענהייטען. אָבער דאָס האָט ער געזוכט צו זאָגען אין זיין דראַמע „מעשטשאַניע".

מאָריס שוואַרץ'ס אויפפירונג פון „מעשטשאַניע" איז געווען אַ גע־לונגענע. מוני וויזענפריינד האָט געשפּילט דעם מעשטשאַנין בעזעמאַנאָוו. בינא אַבראַמאָוויטש אַלס אַקולינא. מאָריס שוואַרץ — טימערעוו. טענענ־האָלץ — ניל. פריד — פיאָטער. אַנאַ אַפּעל — טאַטיאַנאַ. גאָלדפאַדען — פערעטשיכין. עס האָבען זיך נאָך באַטייליגט: בערטא גערסטען, בעלא פינקעל, קעשיר, שטראַסבערג, זיידענבערג א. אַ.

ס'איז ניט געווען קיין לייכטע פיעסע. זי איז געבויט אויף דעם מאָ־טיוו פון שווערסטען פּראָבלעם אין געזעלשאַפטליכען לעבען. דאָך האָט זי געשאַפען ניט בלויז אויפקלערונג נאָר טאַקע פאַרגעניגען.

ד. „נא דניע" (אויפ'ן דעק)

אויפ'ן דעק פון א פאסאזשיר שיף פארען די סאמע ארימסטע מענשען, די אונטערשטע קלאסען, די וועלכע האבען ניט צו צאלען פאר באקוועמ־ליכקייט, און וועלכע מוזען זיך צוזאמענהויפען אין ענגשאפט, און פילען די שווערינקייטען פון דער רייזע. און אין גארקי'ס „נא דניע" זיינען גע־שילדערט די לעבענס פון ארויסגעשטויסענע פון דער געזעלשאפט, פון דורכגעפאלענע אין לעבען, וועלכע האבען ניט באקוועמליכקייט, און צווישען וועלכע עס געפינען זיך אויך אזעלכע וועלכע האבען ניט קיין האפנונגען.

די פיעסע ענטהאלט א גאלעריע פון כאראקטערע, פארשידענארטי־גע טיפען, און אייגענארטיגע פארשוינען, פון פארשידענע קרייזען, וועל־כע האבען אמאל געהאט פלעצער און אויפגאבען אין לעבען, נאר זיי זיי־נען געפאלען, אראב פון זייערע פאזיציעס, און געפאלען אלץ נידעריגער ביז זיי זיינען אריינגעפאלען אין א שענק, א מין אכסניה, וואו עס האל־טען זיך אויף אזעלכע נפשות, וואו זיי פארברענגען אין זוכען צו פארגע־סען זייערע צרות אין משקה, און אין נשמה גריזשעניש. זיי צוגריזשען זיך אליין, זייער אייגען לעבען און פערזענליכקייט, אויף וויפיל עס איז נאך געבליבען עפעס דערפון אין זיי... זיי גריזשען זיך איינער דעם צוויי־טען. עס וועבען זיך אינטריגעס צווישען זיי. עס פלאנטערט זיך אויך אריין א זינדיגע ליבע פון דער אייגענטימערין פון דעם שענק, וואסיליסא, און א מארד־טאט אויף דעם שענקער, קאסטילאוו, פון וועלכען די שענ־קערין האט געוואלט פטור ווערען.

די האנדלונג זעט אויס ערטערווייז מעלאדראמאטיש, אבער די האנדלונג איז ניט דער עיקר אין דער פיעסע, נאר די כאראקטעריזירונג, וואס איז בשום אופן ניט פאטאגראפיש־מעסיג, נאר טיף פסיכאלאגיש. ס'האנדעלט זיך אין מענשען מיט צובראכענע נשמות, און דאס זיינען נאך אזעלכע מענשען, פון וועלכע יעדער האט א באזונדערע אינדיווידוא־ליטעט, א אייגענארטיגקייט, וואס איז פארשידען פון אנדערע. מען קען זאגען, אז יעדער האט א פארשידענארטיגען ברוך אין דער נשמה.

אין דעם מענשליכען מאזאיק שוועבט ארום אן אלטער מאן, לוקאס, א וואנדערער, קיינער ווייסט ניט פון וואנען ער קומט, קיינער ווייסט ניט וואו ער גייט. אפשר ווייסט ער דאס אויך ניט. וואס איז עס פאר א אונ־טערשיד פאר דעם וואנדערענדען וואוהין ער וואנדערט, אבי ער וואנ־דערט, און ער קען לאזען פילען זיין איינפלוס... ער זוכט צו וועקען האפ־נונג ביי די האפנונגסלאזע; גלויבען ביי די אונטערגייענדע. ער האט פאר די מענשען א לערע, וואס ער גיט איבער אין א מעשה'לע: געווען

ערגעץ וואו אין אַ פאַרוואָרפענעם פלאַץ מענשען, וועלכע האָבען שווער געאַרבייט, שווער געליטען און שטאַרק געבענקט. זיי האָבען געהאַט אַ טיפען גלויבען, דאָס ס׳איז פאַראַן, זיי ווייסען ניט וואו, אַ ערגעץ־לאַנד, וואו אַלץ איז שען, ליכטיג, לייכט, פריילין; מען באָדט זיך דאָרט אין גליק. און זיי האָבען אויך געגלויבט, אַז ס׳וועט קומען אַ טאָג, ווען זיי וועלען זיך אַלע אויפהויבען און אַוועקגיין אין ערגעץ־לאַנד, צו געניסען דאָס גליק וואָס איז דאָרט פאַראַן... טרעפט זיך אָבער, אַז מען באַשטימט צו בויען אַ באַן ליניע, וואָס דאַרף דורכגיין דורך דעם פלאַץ וואו די גלויביגע געפינען זיך. קומט אַהין אַ אינזשיניר אויסמעסטען דאָס פלאַץ. די מענשען קומען מיט אים אין קאָנטאַקט, און פרעגען אים:— וואו געפינט זיך דאָס ערגעץ־לאַנד?... הויבט דער אינזשיניר אָן זוכען אויף דער קאַרטע, זוכט אין אַלע ווינקלען און ענטפערט: ס׳איז ניטאָ אַזאַ לאַנד. זאָגען די מענשען, אַז דאָס קען ניט זיין. ס׳מוז זיכער עקזיסטירען דאָס ערגעץ־לאַנד... זוכט ער ווייטער, און ער קלערט ווידער נאָך פעסטער: ס׳איז ניטאָ! ווערען די מענשען אויפגעבראַכט, ענטוישט, פאַרצווייפעלט, און זיי הרג׳ענען אים.

דער מוסר השכל פון דעם מעשה׳לע וואָס דער פּראָפעסאָר האָט איבערגעגעבען דורך דעם מויל פון אַלטען לוקאַס איז ניט צוצונעמען ביים מענשען זיין גלויבען.

און נאָך דעם וואָס דער אַלטער האָט דערציילט זיין מעשה׳לע, גאָרקי׳ס משל מיט דעם זעלבסטפאַרשטענדליכען נמשל; און נאָך דעם, וואָס ער פאַרלייכטערט די שמערצען פון אויפלייזונג פון אַ פרוי, וועלכע ראַנגעלט זיך אין די לעצטע מינוטען פון איר לעבען, און זי הויכט אויס די נשמה, גייט דער אַלטער אין דער ווייטער וועלט אַריין, מן הסתם צו ברייגנען אויך צו אַנדערע מענשען זיין לערע, זיין הילף, זיין טרייסט.

„נאַ דניע" איז אויפגעפירט געוואָרען פון ארץ ישראל קונסט טעאַטער „אוהל" אין די סקאַלאַ אין יולי 1934: דגנית האָט געשפילט אַלס וואַסיליסאַ; י. זרובבל — קאַסטילאָוו; כנעני — סאַטין; מרגלית — לוקאַס; א. נחתמי — וואַסקאַ; ברבן — אַלס דער באַראָן. עס האָבען זיך נאָך באַטייליגט: צהובל, שחורי, לאופענפעלד, קסטיליניץ, פופיק, ל. שלאנסקי, ברקאית. ס׳איז געווען אַ געלונגענע אויפפירונג אונטער דער דירעקציע פון טאַלענטירטען דירעקטאָר משה הלוי. די דעקאָראַציעס זיינען געווען זייער פאַסיג אי פאַר דער רוסישער אומגעבונג, אי פאַר דעם אימפּרעסיאָניסטישען טאָן פון דער פאַרשטעלונג.

ה. טאָלסטאָי׳ס „לעבעדיגער מת״

לעאָ נ. טאָלסטאָי איז געווען דער גרעסטער רוסישער שריפט־שטעלער פון 19־טען יאָרהונדערט. ער האָט געלעבט פון 1828 ביז 1910.

ער איז, לויט מיין מיינונג, געווען דער גרעסטער שריפטשטע־לער אין דער וועלט אין זיין צייט. אין ריין קינסטלערישען זין זיינען נאָך דאָ אייניגע, וואָס קענען קומען אין באַטראַכט. אָבער קיין איינער האָט זיך ניט דערהויבען צו אַזאַ הויכער מאָראַלישער שטרעבונג מיט דעם צוועק צו רעטען די וועלט, באַזונדערס פון די קאַטאַסטראָפען פון מלחמה, די שוידערליכסטע וואָס זיינען פאַראַן, ווי טאָלסטאָי. ער האָט באַנייט דעם טויזענדיעריגען רוף פון דעם גרעסטען באַפרייער און געזעצגעבער פון אַלע צייטען, משה רבינו: „לא תרצח!״, און ער האָט געשאַפען דאָס גרויסע ווערק „קריג און פרידען״, אין וועל־כען ער האָט געשילדערט די ווירקונגען פון מלחמה. ער האָט נאָך געשריבען פילע ווערק, אין וועלכע ער האָט געשילדערט גלענצענד דעם מענשליכען כאַראַקטער, מענשליכע שוואַכקייטען, און האָט מאַ־ניפעסטירט זיין שטרעבונג צו דערהויבען די מענשען. עס זיינען באַרימט זיין „אַנאַ קאַרענינא״, „קרייצער סאָנאַטאַ״, „תחית המתים״ א. אַ.

לעאָ נ. טאָלסטאָי האָט אויך געשריבען אייניגע דראַמען, אַ פּאָר פון זיי זיינען פון גרויסען ווערט. ביים לעבען האָט ער אַרויסגעגע־בען דריי פּיעסען — איין דראַמע: „די מאַכט פון פינסטערניש״; און צוויי קאָמעדיען: „דער ערשטער בראַנפען־מאַכער״ (אייגענטליך איז דאָס בלויז אַ סקיצירטע קאָמעדיע), און „די פרוכט פון קולטור״. ער האָט איבערגעלאָזען נאָך דראַמאַטישע ווערק, וואָס מען האָט פאַרעפענטליכט ערשט נאָך זיין טויט: צוויי דראַמען, „דער לעבע־דיגער מת״, און „די ליכט שיינט אין פינסטערניש״; און אַ פּיעסע אין צוויי אַקטען, „די אורזאַך פון דאָס אַלץ״. מען האָט אויך דראַמאַ־טיזירט זיין גרויסע דערציילונג „תחית המתים״. פון די פּיעסען זיינען אייניגע איבערזעצט געוואָרען אין אידיש. איינע פון זיי „דער לע־בעדיגער מת״ איז מיט גרויס ערפאָלג געשפּילט געוואָרען פילע מאָל אין לאָנדאָן.

קיין אַנדערע איבערזעצטע פּיעסע אין אידיש איז ניט געשפּילט גע־וואָרען אין לאָנדאָן מיט אַזאַ גרויסען ערפאָלג, ווי טאָלסטאָי׳ס „דער לעבעדיגער מת״, וואָס מאָריס מאָסקאָוויטש האָט אויפגעפירט צום ערש־טען מאָל אין פּאַוויליאָן טעאַטער אין 1913.

„דער לעבעדיגער מת" איז אַ שאַרפער פּראָטעסט געגען די געזעצען, וואָס האָבען עקזיסטירט אין צאַרישען רוסלאַנד בנוגע באַציהונגען צווישען מאַן און ווייב, וואָס האָבען באַשרענקט די רעכטע פון בײדע און זיי געצוואונגען צו אַ היפּאָקריטישער פאַרבינדונג, אפילו ווען זיי האָבען מער ניט געהאַט קיין ברעקעל געפיל פון ליבע איינע צו די צווייטע.

עס האַנדעלט זיך אין דעם לעבען פון אַ מענשען טהעאָדאָר וואַסילעוויטש פּראָטאַסאָוו, גערופען פעדיאַ, אַ מענש מיט אַ ברייטער ניט באַפרידיגטער נשמה, וועלכע בענקט נאָך שענקייט, נאָך לעבען, לידער און טענץ, און איז געבונדען צו אַ ווייב, ליזא רופט מען זי, וואָס פאַרשטייט אים ניט, וואָס איז דער היפוך פון אים, וועלכע וואָלט אים וועלען צובינדען צו דעם געוועהנליכען פּראָזאַאישען לעבען פון אַ געוועהנליכער גייסטלאָזער בירגערליכער פאַמיליע. פאַרשטייט זיך דאָך, אַז ער רייסט זיך אַוועק פון איר.

זיין שוויגער, אַנאַ פּאַוולאָוואַ, שילדערט אים און די פּאָזיציע פון דער פאַמיליע אויף אַזאַ אופן: „ווי קען מען ליבען אַזאַ מאַן — אַ געבראָכענער טראָסטניק, אין וועלכען קיינער קען זיך ניט אָנשפּאַרען... זיינע אַלע געשעפטען זיינען פאַרדרייט, אַלצדינג איז פאַרזעצט, קיין גראָשען מיט וואָס עפּעס צו צאָלען; און אַז אַ פעטער שיקט 2000 רובל צו צאָלען די פּראָצענטען אויף דעם פאַרזעצטען גוט, נעמט ער צו די געלד און פאַרשווינדט דערמיט. זיין פרוי בלייבט אין דער היים מיט אַ קראַנק קינד".

אָבער וואוהין איז אַוועק פעדיאַ? — צו די ציגיינער, ערגעץ וואו וויט פון דער שטאָט. דאָרט ביי זיי איז דאָ די פריילעכע, זינגענדע, טאַנצענדע מאַשאַ, צו וועלכער עס ציט אים, און ביי וועלכער ער געפינט אַ באַפרידיגונג צו זיינע בענקענישען.

וואָלט מען געלאָזט פעדיאַ'ן לויפען, און וואָלט ליזא זיך פון אים אָבגעשיידט, וואָלט פעדיאַ זיך אפשר געשאַפען אַן אַנדער מין לעבען, אָדער עס וואָלט קיינעם ניט אָנגעגאַנגען וואָס ס'איז מיט אים געשען. אָבער ביין, אַזאַ אויסוועג איז אונמעגליך דורך די קאָנווענציעס וואָס עקזיסטירען, דורך דער געזעלשאַפטליכער מיינונג און איבערהויפּט דורכ'ן צאַרישען געזעץ וועלכער מאַכט שווער דאָס גט'ן זיך.

ליזא, כאָטש ס'איז דאָ אַ צווייטער וואָס ליבט זי, אַ יוגענד פריינד, וויקטאָר קאַרינין, וויל זי דאָך, כדי צו פאַרשטאָפען עפענטליכע מיילער, איר מאַן. שיקט זי וויקטאָר'ן מיט אַ בריף צו פעדיאַ'ן. זי וויל אַז ער זאָל אים אויסזוכען ביי די ציגיינער און זאָל אים אַהיים ברייגנען.

וויקטאָר געפינט פעדיאַ'ן אין מאַשאַ'ס געזעלשאַפט. ער גיט אים

איבער ליזא׳ס בריף, אָבער ער וויל זיך ניט צוריקקערעןאַהיים. ער האַלט גאָר אַז וויקטאָר איז אַ בעסערער און פּאַסיגער מאַן פאַר ליזא׳ן, ווי ער איז.

איבערהויפּט — זאָגט פעדיאַ — „איך וויל זיין איך, און זאָל זי זיין — זי"... פאַרט וויקטאָר צוריק אַהיים אָן אַ רעזולטאַט.

פאַרט אַ צווייטער שליח צו פעדיאַ׳ן, פּרינץ אַברעזקאָוו. ער וויל פון אים וויסען: „וואָס האָט ער בדעה?" ענטפערט פעדיאַ: „איך האָב גאָרניט בדעה. איך האָב זי באַפרייט". אַזוי מיינט ער, אָבער זי, איר משפחה און פריינד מיינען ניט אַזוי.

פעדיאַ׳ן איז שווער דורכצוגיין אַ גט פּראָצעס, אין וועלכען מען דאַרף זאָגען ליגען, און נעמען אויף זיך כל המינים פאַראַנטוואָרטליכקייטען, און כדי צו מאַכען אַ סוף צו דער לאַגע, באַשטימט ער צו פאַרשווינדען אין דער ווייטער וועלט, און ער אינסינואירט, דאָס ער האָט זיך דערטרונקען. אין אַזאַ פאַל איז זי דאָך „פריי".

די אינסינואירונג גיט זיך מאָמענטאַל איין. ליזא באַטראַכט זיך פאַר אַן אלמנה און האָט חתונה מיט וויקטאָר׳ן.

דאַרף דאָך דאָס פּראָבלעם שוין זיין געלייזט. אָבער ניט אַזוי לייכט גייט עס אין אַ מלוכה מיט אונטערדריקענדע געזעצען. פעדיאַ וואַנדערט, שיכור׳ט און פלאָנטעלט, אַז ער איז אַ לעבעדיגער מת. עס דרייט זיך אַרום אַ שפּיאָן און הערט זיך איין צום געשפּרעך. דאָס פירט צו דאָס אַרעסטירען פון פעדיאַ׳ן, און ס׳ווערט פעסטגעשטעלט, אַז ער איז ניט טויט, אַז זיין ווייב ליזא איז ניט געווען קיין אלמנה, און איר חתונה מיט וויקטאָר׳ן איז ניט קיין ריכטיגע הייראַט.

קומט פאַר אַ פּראָצעס מיט אַן אויספאָרשונג פאַר אַ מאַגיסטראַט. טאָלסטאָי שטורעמט אַרויס, דורך פעדיאַ׳ס ערקלערונגען ביי דער אויספאָרשונג, געגען דעם געזעץ. ער טענה׳ט: „עס זיינען דאָ דריי מענשען: איך, ער און זי. די באַציהונגען אונזערע פון איינעם צום צווייטען זיינען קאָמפּליצירט — עס גייט אָן אַ גייסטיגער קאַמף, וואָס איר קענט ניט פאַרשטיין, אַ קאַמף צווישען גוטס און שלעכטס. דער דאָזיגער קאַמף ענדיגט זיך אויף אַזאַ אופן, דאָס זיי ווערען פריי. אַלע זיינען אין פרידען. זיי זיינען גליקליך און זיי דערמאָנען מיך מיט ליבע... קומט איר, די פאַרטייריגער פון יוסטיץ, די וועכטער פון מאָראַל! און פאַר די עטליכע רובל וואָס איר באַקומט אַ חודש פאַר טון אייער שמוציגע אַרבייט, און איר נעמט זיך אָנשרעקען די מענשען, וועמענס קלענסטער פינגער האָט מער ווערט ווי איר אין גאַנצען, קערפּער און נשמה"...

אַ פריינד, איוואַן פּעטראָוויטש, ברענגט אים אַ רעוואָלווער. און ווען

פעדיאַ׳ס אַדוואָקאַט גיט אים איבער, אַז ס׳קען זיין דאָס מען וועט אים און ליזאַ׳ן פאַרשיקען קיין סיביר, אָדער זי וועט מוזען אריין אין אַ מאָ־נאַסטיר, דערשיסט ער זיך.

ווען ליזא פרעגט אים: „פעדיאַ, פאַר וואָס האָסטו עס געטון?״

ענטפערט פעדיאַ: „זיי מיר מוחל... איך האָב ניט געקענט... דיך אַנדערש באַפרייען״.

אַט אַזוי ענדיגט זיך די פולבלוטיגע גראַנדיעזע דראַמע, וואָס איז העכסט רעאַליסטיש און דאָך פול מיט ראָמאַנטיק; אין וועלכער די כאַ־ראַקטערע זיינען אַזוי אויסדרוקספול, און די האַנדלונג שטייגערענד צו אַ קלימאַקס און אַ אַנטי־קלימאַקס, וואָס ברענגט צום טראַגישען אויסגאַנג פון דעם פאַמיליען פלאָנטער, פאַראורזאַכט דורך שעדליכע געזעצען און אַ עקעלהאַפטען סיסטעם. ס׳איז אַ ווערק מיט אַ הויכער טענדענץ צו אינ־דיווידועלער פרייהייט.

די כאָליאַסטרע ציגיינער, דאָס זינגען און טאַנצען פון מאַשאַ׳ן און אירע באַגלייטערינס, און אויך דער פראָצעס, געבען מעגליכקייטען צו אַ ספּעקטאַקולאַרער פאָרשטעלונג. ס׳איז פאַראַן מעגליכקייטען דורך דער פּיעסע צו געניסען גייסטיגען פאַרגעניגען און ענטציקונג פאַר׳ן אויג און אויער.

אין די אידישע פאָרשטעלונגען איז דאָס אויסגענוצט געוואָרען, ווען אפילו אין אַ באַשרענקטער מאָס.

מאָריס מאָסקאָוויטש האָט געשפּילט אַלס פעדיאַ. ער האָט די ראָלע איינפאַך איינגעקערפּערט. סערא סילוויאַ איז געווען מאַשאַ; פעני וואַקס־מאַן — ליזא; מ. ד. וואַקסמאַן — וויקטאָר; סעם גאָלדענבורג — פּעט־ראָוויטש. נאָך פילע אַנדערע האָבען זיך באַטייליגט.

ס׳איז געווען איינע פון די ערפאָלגרייכסטע פאַרשטעלונגען אויף דער אידישער בינע.

ו. הענריק איבסען׳ס „נאָרא״ און „גייסטער״

הענריק איבסען איז דער גרעסטער דראַמאַטורג, וואָס די וועלט האָט געהאַט אין די מאָדערנע צייטען. איינציגע דראַמען זיינען אויך דאָ פון אַנדערע שריפטשטעלער, וועלכע מען קען גאַנץ לייכט פאַר־גלייכען צו זיינע, אָבער אין דראַמאַטישער שאַפונג אין אַלגעמיין שטייט ער העכער פון אַלע. ער איז געווען דער גרויסער אומוועל־צער פון דעם טעאַטער. ער האָט געבראַכט דעם רעאַליזם און די סאָציאַלע פּראָבלעם דראַמע אויף דער בינע. זיין איינפלוס אויף טעאַטער בכל אין דער וועלט איז זייער גרויס.

הענריק איבסען איז אַ נאָרוועגישער דראַמאַטורג. ער איז געבוירען געוואָרען אין 1828 און איז געשטאָרבען אין 1906. ער איז געוועזן אַ זייער פּרוכטבאַרער פּאַרפאַסער. ער האָט געשאַפען צענדליגע פּיעסען, דראַמען און קאָמעדיען, וועלכע האָבען אַרויסגערופען גרויסען שטורם און געוואַלטיגען אינטערעס. די קאָנסערוואַטיווע וועלט האָט ניט לייכט אָנגענומען זיינע ווערק. זי האָט געקעמפט געגען זייער אויפפירונג אויף דער בינע. אָבער ער האָט באַזיגט זייער ווידערשטאַנד.

פון זיינע ווערק איז צו דערמאָנען: „די קאָמעדיע פון ליבע"; „קעניגע און גאַלילעער", אין וועלכען ס'איז פאַראַן אַ זאָנדערבאַרע לעגענדע בנוגע ירושלים; „בראַנד", אַ דראַמאַטישע פּאָעמע פון פילאָזאָפישען פאַרנעם; „פּיער גינט"; „די שטיצען פון דער געזעלשאַפט", אַ רעוואָלוציאָנערע דראַמע; „דאָס פּופּען הויז" (נארא), די רעבעליאָן פון דער פרוי געגען איר אָבהענגיגקייט אין מאַן; „די גייסטער", די דראַמע פון דער פאַרדאָרבענהייט אין דער פאַמיליע; „אַ פאָלקס פיינד", דער אַני־מאַמין פון אינדיווידואַליזם; „העדא גאַבלער"; „די ווילדע קאַטשקע"; „דער בוי־מייסטער סאָלנעס"; און „ווען מיר טויטע ערוואַכען", אַ טיפּע פּסיכאָלאָגישע דראַמע, וואָס שפּיגעלט אָב דעם רעטראָגרעס פון עלטער.

די ערשטע פּיעסע פון הענריק איבסען, וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרען אין אידיש איז געוועזן „אַ פאָלקס פיינד". ווי איך האָב שוין אָנגעצייגט איז יעקב גאָרדין געוועזן דער איבערזעצער פון דער פּיעסע. זי איז ווייניג וואָס געשפּילט געוואָרען אין לאָנדאָנער אידישען טעאַטער. עס זיינען נאָך איבערגעזעצט געוואָרען אין אידיש „נאָראַ" און „די גייסטער". זיי האָב איך געזען אויף דער היגער אידישער בינע.

„ד אָ ס פּ ו פּ ע ן ־ ה ו י ז" אָדער „נ אָ ר אַ" איז געוועזן איבסען'ס דראַמע פון דער פאַרשקלאַפונג פון דער פרוי אין דער פאַמיליע און איר רעוואָלט געגען דער פּאָזיציע צו זיין דאָס שפּילצייג פון דעם מאַן. עס פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז געוועזן די פאַמיליע פון זיין צייט, אין וועלכער די פרוי איז געוועזן אין גאַנצען אָבהענגיג פון'ם מאַן, און זי האָט ניט געקענט האָבען קיין אייגענע מיינונג. געגען וועלכער דער גרויסער נאָרוועגישער דראַמאַטורג האָט פּראָטעסטירט.

אין יענער פאַמיליע איז די פרוי אויך דערצויגען געוואָרען אַזוי, דאָס זי זאָל זיין אונטערגעוואָרפען דער מאַכט און די קאַפּריזען פון מאַן. זי איז געוועזן צוגעפּאַסט צו דער אויפגאַבע, צו זיין אַ שפּילצייג זיינע; און אָט דעם צושטאַנד האָט איבסען געוואָלט ענדערן.

ער האָט פאַר זיין צוועק אויסגעקליבען, גראָד ניט קיין אונגליקליכע פאַמיליע, אין וועלכער מאַן און פרוי האַסען זיך, אָדער האָבען ניט קיין שלום בית, קיין האַרמאָניע צווישען זיך. פאַרקערט, ער האָט אויסגעקליבען דאָס וואָס ווערט אין אַלגעמיין אָנגענומען אַלס אַ גליקליכע פאַמיליע, און געציינט, אַז אפילו ווען די קייטען זיינען פון זייד געשטיקט, אָדער פון גאָלד געשמידט, זיינען זיי אַלץ קייטען, און די וואָס טראָגט זיי פילט זיך באַלאַסטעט און אונגליקליך.

ס'האַנדעלט זיך אין דער געשיכטע פון דעם אַדוואָקאַט טאָרוואַלד העלמער, וועלכער האָט געליבט זיין פרוי, די רייצענדע, לעבענס לוסטיגע נאָראַ, וועלכע ער האָט באַטראַכט פאַר זיין „שפּיל פייגעלע“, פאַר זיין נאַכטיגאַל. זיי האָבען קינדער און לעבען גליקליך. אָבער בעת ער איז געווען קראַנק, האָט זי געליען אַן זיין וויסען געלד, כדי ער זאָל קענען פאָרען אין די וואַרימע בעדער און געזונט ווערען. דער וואוכערער ביי וועלכען זי האָט דאָס געלד געליען האָט געפאָדערט איר פאָטער'ס אונטערשריפט אַלס גאַראַנטיע. אָבער אויך דער פאָטער איז געווען קראַנק, און כדי אים ניט צו באַלעסטיגען, האָט זי אַליין אונטערגעשריבען דעם פאָטער'ס נאָמען. דאָס הייסט זי האָט געפעלשט די אונטערשריפט.

מיט יאָרען שפּעטער, ווען איר מאַן איז שוין אַ געזונטער רייכער באַנק דירעקטאָר און דער וואוכערער זוכט אַרויסצופּרעסען פון אים געלד דורך זיין פרוי'ס פעלשונג, ערפאַרט ער פון דער גאַנצער געשיכטע. ער ווערט אויסער זיך, סטייטש: זיין נאָראַ אַ „ליגנערין“, אַ „פעלשערין“, אַ „היפּאָקריטקע“... ער האָט גאָרניט קיין גענוג שלעכטע ווערטער פאַר איר... און זי זאָל עס זיין די מוטער פון זיינע קינדער... „אַזעלכער“ טאָר מען דאָך ניט איינפאַרטרויען קינדער צו דערציען.

נאָראַ פילט זיך זייער געטראָפען. זי האָט געוואַרט, אַז דער מאַן זאָל זיך פאַר איר אָננעמען; ניט נאָר האָט זי אַלץ געטון פאַר זיינעטוועגען, נור ער האָט דאָך געזאָגט שטענדיג אַז ער ליבט זי אַזוי שטאַרק. זיינע באַליידיגונגען פאַרלעצען זי זייער טיף. זי פילט זיך שטאַרק דערנידעריגט.

העלמער באַקומט אפילו צוריק דעם וועקסעל מיט דער געפעלשטער אונטערשריפט. ער פילט שוין אַז זיין כבוד איז געראַטעט, וויל ער איר שוין „פאַרגעבען“ און ער הויבט ווידער אָן צייגען זיין ליבע צו זיין „שפּיל פויגעלע“, אָבער נאָראַ וויל מער ניט זיין קיין שפּילצייג. זי באַשטימט אים צו פאַרלאָזען, און צוריקבלייבען וועט זי נאָר, אויב ס'וועט געשען דער „נס פון נסים“ „ אויב זיי וועלען ווערען גלייך, גלייכבאַרעכטיגטע מענשען....

די דראַמע איז פון אַ טעכנישען שטאַנדפונקט איינע פון די בעסטע

וואָס איבסען האָט געשאַפען. עס איז אפילו פאַראַן אין איר צופעליגקייט; אָבער זי איז געווען אַזוי ניי הן אין דער סאָציאַלער טענדענץ, הן אין דער פאָרמע, אַז דאָס האָט פאַרדעקט אַלע פעלערען און זי האָט געהאַט אַ גע־וואַלטיגען דערפאָלג אויף דער וועלט בינע.

אויף דער אידישער בינע האָב איך זי געזען בלויז איין מאָל שפּילען, שיינט מיר, אַז ס'איז געווען אין 1910, אין די פאַראַגאַן, נאָכדעם געוואָרען „מייל ענד עמפּייר". דיינע פיינמאַן האָט געשפּילט אַלס נאָראַ, פיל בע־סער ווי איך האָב ערוואַרטעט. און לערעסקו איז געווען העלמער איר מאַן.

שוין דאָס אַליין וואָס „נאָראַ" איז געשפּילט געוואָרען אויף דער אי־דישער בינע איז געווען אַ וויכטיגע ערשיינונג.

„ד י ג י י ס ט ע ר" פון העגריק איבסען ווערט אין אַלגעמיין באַטראַכט אַלס די דראַמע פון ערבונג, פון דער בלוט־ירושה, וואָס גייט איבער פון זינדיגע עלטערן צו די קינדער. אין אמת'ן איז „גייסטער" פיל מער. ס'איז מער ווי, אַזוי צו זאָגען, אַ פיזיאָ־פּסיכאָלאָגישע דראַמע. עס איז אַ סאָציאַל־קריטיש ווערק, איינע פון די גרעסטע סאָציאַל־קריטישע ווערק, וואָס איז ווען עס איז געשאַפען געוואָרען פאַר דער בינע.

אין „גייסטער" ווערען קריטיקירט פילע זייטען פון דער געזעל־שאַפט:

עס ווערט קריטיקירט דער אַסקעטיזם, וואָס איז אַ קוואַל פון היפּאָ־קריזיע און פאַלשקייט...

עס ווערט קריטיקירט די בירגערליכע פאַמיליע, אין וועלכער עס ווערען פאַרבונדען מענשען וואָס זיינען אין זייערע געפילען פרעמד איינע צו די צווייטע, און אין וועלכער די פרוי מוז זיך אונטערוואַרפען דער לוסט און ליידענשאַפט פון מאַן.

עס ווערט קריטיקירט די פאַרערונג צו געוויסע פערזאָנען וועלכע שפּילען ראָלען אַלס כלל טוער, און ערשיינען פאַר דער וועלט אַלס פיינע מענשען, ווערענד אינערליך זיינען זיי פאַרדאָרבען.

עס ווערט קריטיקירט די פילאַנטראָפּיע, און עס ווערט אָנגעצייגט אַז פילע צדקה אַנשטאַלטען ווערען געשאַפען דורך אַ בייזען ווילען, דורך אַ וואונש צו פאַרדעקען מיאוס'ע חטאים.

עס ווערט קריטיקירט אַ סיסטעם פון געזעץ און אָרדנונג, וואָס איז באַזירט אויף פאַלשקייט און פאַרדאָרבענקייט.

עס ווערט אפילו קריטיקירט די נייגונג פון דעם אַרבייטער וואָס זוכט זיך צו באַפרייען פון דער אַרבייט, און זיך צו נעמען צו עפּעס אַ גע־

שעפט, אונגעאַכטעט וואָס דאָס דאַרף זיך שטיצן אויף אונאָרענטליכקייט און אונערליכקייט.

מיט אַנדערע ווערטער, עס ווערט פאַרגעשטעלט אין „גייסטער" אַ גאַנצע וועלט פון פאַלשקייט, אַ וועלט וואָס איז פאַרדאָרבען.

און אָט אין דער וועלט קומט פאָר די טראַגעדיע פון אָסוואַלד, פון דעם יונגענמאַן, וועלכער האָט געירשנ'ט פון זיין פאָטער בלוט אין די אָדערען, וואָס איז פאַרגיפטעט מיט שרעקליכע מיקראָבען און פון אַל־קאָהאָל, וואָס רואינירט אים, צושטערט אים, פאַרניכטעט אים שריט ביי שריט, ביז ער באַקומט פאַראַליז פון די געהירן, און ווערט אַ אונמעכטיג צוקריפּעלט באַשעפעניש אויף וועלכען ס'איז אַ שוידער צו קוקען.

די טראַגעדיע פון אָסוואַלד'ן איז שיינבאַר די טראַגעדיע פון אַ אינ־דיווידיום, אָבער אין אמת'ן איז זי פיל מער. איבסען האָט די דאָזיגע אינ־דיווידועלע טראַגעדיע דערהויבען צו אַ סימבאָל, ניט אין אַלעגאָרישען, נור אין רעאַליסטישען זין. ער האָט געזאָגט: אָט דאָס איז דער ענדליכער רעזולטאַט פון דער ענטאַרטעטער וועלט, פון דער וועלט פון פאַלשקייט, היפּאָקריזיע, געמיינהייט און פאַרדאָרבענהייט — די ענטאַרטונג פון דער יוגענד.

די טראַגעדיע פון אָסוואַלד'ן ווערט באַגלייט פון דער טיפער דראַמע פון זיין מוטער, פרוי אַלווינג, וועלכע לעבט דורך די שרעקליכסטע ליי־דען, וואָס מען קען זיך פאָרשטעלען. איבסען האָט זיין טיפע שעצונג צו דער פרוי איינגעקערפּערט אין דער דאָזיגער ראָלע. עס איז אויך דאָ די דראַמע פון רעגינאַ, דאָס אונגעזעצליכע קינד פון דעם פאַרדאָרבענעם קאַמערהער אַלווינג, אָסוואַלד'ס פאָטער, וועלכע דינט ביי פרוי אַלווינג אין הויז, און מיט וועלכער אָסוואַלד וויל חתונה האָבען. רעגינאַ ווערט געטריבען און געשלעפּט צו פּראָסטיטוציע. דאָס איז אויך די קאָנזעקווענץ פון דער אַרומיגער פאַרדאָרבענער און ענטאַרטעטער וועלט.

אין קיין אַנדער בינע ווערק איז ניט אַזוי געשליידערט געוואָרען דער וועלט אין פּנים די פאַרדאָרבענהייט וואָס הערשט אין מאַנכע פון אירע קרייזען, ווי איבסען האָט עס געטון אין „די גייסטער". ס'איז אַ גרויליך ווערק, אָבער פון אַ גרויסען סאָציאַלען און מאָראַלישען ווערט. מען האָט באַדאַרפט האָבען דעם העכסטען מוט אַזאַ ווערק צו פּראָדוצירען.

די אויפפירונג פון מאָריס שוואַרץ'ס קונסט טעאַטער אין פּרינץ אָף וויילס איז געווען זייער גוט. מאָריס שוואַרץ אַלס אָסוואַלד האָט געשפּילט גלענצענד. ער האָט אים פאַרגעשטעלט אַלס ענטאַרטעטער, וועלכער איז באַוואוסטזיניג אויף זיין אונגליק; אַנאַ אַפּעל האָט געשפּילט

זייער ווירדיג די מוטער, פרוי אלווינג. עס האָבען זיך נאָך באַטייליגט: איזידאָר קעשיר, וואָלף גאָלדפאַדען, מאַדאַם גערסטען.

ס'איז געווען איינע פון יענע פאָרשטעלונגען וואָס לאָזען זיך ניט פאַרגעסען.

ז. אויגוסט סטרינדבערג און זיינע ווערק „דער פאטער" און „טויטען טאנץ"

אויגוסט סטרינדבערג איז אַ שוועדישער שריפטשטעלער און דראַמאַטורג, געבוירען אין 1849, געשטאָרבען אין 1912. ער איז געווען אַ צייט־גענאָסע פון איבסען, און זיי האָבען געבילדעט אַ פאָלשטענדיגען קאָנטראַסט אין זייער שאַפען. איבסען האָט הויפּט־זעכליך געזוכט אַרויסצוברייגען סאָציאַלע מאָטיווען און צילען, און ער האָט די פּסיכאָלאָגיע פון זיינע כאַראַקטערע געזוכט צוצו־פּאַסען צו אַט דער דאָזיגער טענדענץ. סטרינדבערג האָט הויפּט־זעכליך זיך באַשעפטיגט מיט פּסיכישע ראַנגלענישען, אָבער ער האָט דערביי אויך נאָכגעפאָלגט אַ ספּעציפישע סאָציאַלע טענדענץ. ער האָט געהאַט ביטערע דערפאַרונגען מיט פרויען. ער איז געווען דריי מאָל פאַרהייראַט און ער האָט אַלע דריי ווייבער זיינע גע'גט. ער האָט געהאַלטען, אַז די פרוי באַהערשט דעם מאַן, און אין זיינע ווערק האָט ער געזוכט צו שילדערן די דאָזיגע הערשאַפט און זי באַקעמפען.

סטרינדבערג'ס באַרימטסטע ווערק זיינען: „די ווידוי פון אַ נאַר"; „די איינגעבוירענע פון העמעד"; „לעגענדען". ער האָט אויך געשריבען די היסטאָרישע פּיעסען: „גוסטאַוואוס וואַסאַ" און „דער לעצטער ריטער". אַחוץ דעם האָט ער געשאַפען אַ טריאָלאָגיע אויף דעם געשלעכטס פּראָבלעם: „דער פאָטער", „פריילין יוליאַ", און די „קרעדיטאָרען"; און אויך די דראַמע „דער טויטען טאַנץ".

„דער פאָטער" און „דער טויטען טאַנץ" זיינען איבערזעצט אין אידיש און מען האָט זיי אויך געשפּילט אין לאָנדאָן.

סטרינדבערג'ס „פאָטער" איז אַ זייער שפּאַנענדע פּסיכאָלאָגישע דראַמע, וואָס באַרירט אויך אַ אינטערעסאַנטע סאָציאַלע פראַגע. זי ענטהאַלט ניט בלויז בילדער פון לעבען, אָדער פּסיכישע ראַנגלענישען, דאָס אויך, אָבער צוזאַמען דערמיט איז באַהאַנדעלט אַ העכסט וויכטיגע אידעע: ווער האָט דאָס ענטשיידענדע רעכט אויף אַ קינד, דער פאָטער אָדער די מוטער? און אין שייכות מיט דעם פּראָבלעם ברייגט ער

אַרויס דעם קאַמף פאַר מאַכט, וואָס גייט אָן צווישען די צוויי געשלעכ־טער אין דער פאַמיליע.

דער קאַמף וואָס ווערט געשילדערט אין דער דראַמע איז צווישען דעם ריטמייסטער אַדאָלף און זיין פרוי לאורא. זיי האָבען אַ קינד, אַ טאָכטער בערטאַ. וויל ער זי דערציען אַלס אַ פרייער מענש; און די מוטער וויל זי דערציען רעליגיעז. עס העלפען איר דערצו נאָך אַנדערע פרויען. אַט אַרום דעם מאָטיוו ענטוויקעלט זיך אַ גרויסער קאָנפליקט.

דער ריטמייסטער איז ניט נאָר אַ מיליטאַריסט, נאָר אויך אַ גע־לערנטער, אַ מענש מיט אָנגעשטרענגטע נערוועז, וועלכער באַזיצט ניט אין זיך קיין זיכערקייט. זיין פסיכיק איז פון אָנהויב אָן ניט גאַר באַלאַנ־סירט... און זי, די פרוי, איז פעסט און האַרט ווי גראַניט. זי שפּילט זיך מיט זיין שוואַכקייט, רייצט זיין אונזיכערקייט; זי לאָזט אים פילען איר מאַכט, וואָס ווערט אַפט טייפליש.

ער טענה׳ט, אַז ער האָט דאָס סאָציאַלע רעכט, אַלס פאָטער, צו דערציען דאָס קינד ווי ער וויל, וויל ער פאַרזאָרגט די פרוי און דאָס קינד, און ער איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר זייער וואוילשטאַנד. אָבער די פרוי איז פעסט ענטשלאָסען ניט נאָכצוגעבען. זי דערקלערט, אַז זי האָט אַ גרעסער רעכט,— דאָס נאַטירליכע רעכט: דאָס קינד איז איר׳ס גע־וויס, ווערענד צי ס׳איז איר פאָטער׳ס קענען זיין גרינדע צו צווייפלען...

אַט דער צווייפעל, וועלכען די פרוי רייצט אויף ביי דעם מאַן אין האַרצען, פאַרגיפטעט זיין גאַנצען וועזען. זייענדיג פון דער נאַטור אַ צודרייטער, ווערט ער שטאַרק געמוטשעט פון דעם געדאַנק צי דאָס קינד איז זיינס, אָדער ניט. דאָס פאַרניכטעט זיין גייסט; עס מאַכט אים אונמעכטיג; ער וואָלט אפילו שוין וועלען זיך אונטערגעבען, זאָל זי שוין דערציען דאָס קינד ווי זי וויל, אַבי זי זאָל אים באַפרייען פון דעם צוויי־פעל וואָס זי האָט אין אים דערוועקט. אָבער דאָס איז שוין אונמעגליך צו טון. אפילו ווען די פרוי וויל עס שוין, און זי פּרובירט עס, גיט עס זיך איר ניט איין... די משוגעת אין אים וואַקסט. זי האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער איז משוגע נאָך פון פריער, אפשיטה איצט האָט זי שוין מעגליכ־קייטען צו איבערצייגען דעם דאָקטאָר זיינעם, אַז ער, דער מאַן אירער, איז ניט ביים פולען זינען. זי ברייננגט דערצו, אַז מען זאָל אים דאַרפען אָנטון אַ צוואַנגס העמדעל, און דורך דער ווירקונג, וואָס ער זעט זיך געבונדען, אַ פאַרשפּילטער, פּלאַצט אים דאָס האַרץ און ער שטאַרבט.

סטרינדבערג האָט געשילדערט דעם מאַן פיל סימפּאַטישער פון דער פרוי. דער ריטמייסטער איז פאַרטגעשריטענער, ליבענדער, צערט־ליכער, מיט אַ ברייטערער אויפפאַסונג. ער איז צודרייט, אָבער אָן ריי־

צונג און אויפרעגונג וואָלט ער געקענט אָנגיין. די פרוי איז וועניגער ענטוויקעלט, שטאַרק איינגעז׳עקשנ׳ט, שלעכט, אונ׳רחמנות׳דיג. אָבער זי זיגט אין קאַמף.

דער זיג פון דער פרוי איבער דעם מאַן האָט אַ טיפערע באַדייטונג ווי ס׳קען אויבערפלעכליך שיינען. ס׳איז ניט נאָר דער זיג פון אַ פרוי, ס׳איז דער זיג פון דעם נאַטור רעכט פון דער פרוי איבער דאָס יורידישע רעכט פון דעם מאַן. דער טויט פון פאָטער און דער נצחון פון דער מוטער סימבאָליזירען דעם זיג פונ׳ם רעכט וואָס די נאַטור האָט באַשטימט, און וואָס שטייט העכער ווי דאָס רעכט וואָס מענשליכע גע־זעצען האָבען געשאַפען.

דער ערשטער, וועלכער האָט אויפגעפירט סטרינדבערג׳ס „פאָטער“ אין לאָנדאָן איז געווען מאָריס מאָסקאָוויטש. ער האָט געשפילט גאַנץ גוט אַלס דער ריטמייסטער. פעני וואַקסמאַן איז געווען לאורא, און בעקי גאָלדשטיין מאַרגאַרעט.

בעסער האָט געשפילט דעם ריטמייסטער דר. בן ציון באַראַ־טאָוו, וועלכער האָט גאַסטראָלירט אין לאָנדאָן אין נאָוועמבער 1931. ער האָט געשפילט די ראָלע העכסט קינסטלעריש, מאָנומענטאַל. זיינע מיט־שפילער זיינען אָבער געווען שוואַך.

אַ אינטערעסאַנטע פאָרשטעלונג פון „פאָטער“ האָט אויך געגעבען מאַרק מאַרקאָוו אין יאַנואַר 1942 אין „גרענד פּאַליי“. מאַרקאָוו האָט געשפילט דעם ריטמייסטער. ער האָט אַ ביסעל איינזייטיג פאָרגע־שטעלט דעם כאַראַקטער, פסיכאָפּאַטיש פון אָנפאַנג אָן. ער האָט געהאַט אַ גוטע מיטשפילערין עטאַ טאָפּעל אַלס לאורא, אויך אַ ביסעל איינזיי־טיג, מיט צו וועניג סאַרקאַזם, אָבער זייער ווירדיג און קרעפטיג. עס האָבען זיך נאָך באַטייליגט: קלאַראַ מייזעלס גוט און אייגענאַרטיג אַלס מאַרגאַרעט; י. מאַרקאָוויטש אויסגעצייכענט אַלס דער פּאַסטאָר; י. שערמאַן, ש. קאָהן און פרידא טעמפּעל.

ס׳איז געווען איינע פון די בעסטע פאָרשטעלונגען אין איצטיגען אידישען טעאַטער.

אין סטרינדבערג׳ס דראַמע „טויטען טאַנץ“ ווערט אויך געשיל־דערט דער טיפער קאָנפליקט צווישען מאַן און פרוי, ווי דער פאַרפאַ־סער האָט עס עמפּפינדען. ביידע זיינען עגאָאיסטיש געשטימט, און יעדע איינע פון זיי האָט זיך נאָר אין זינען, און יעדער איינער פון זיי זוכט דעם צווייטען צו באַהערשען. דאָס שאַפט אונגעהויער פיל פאַרביטערונג אין זייער צוזאַמענלעבען; זיי פאַראַכטען און פאַרהאַסען איינע די צוויי־

טע; זובען שטענדיג איינע פון די צווייטע פטור צו ווערען, א זאך וואס זיי קענען ניט דערגרייכען, און איינער באשולדיגט דעם צווייטען, אז ער איז די סיבה פון דער מיזעריע, וואס האט זיך ענטוויקעלט אין זייער לעבען.

אייגענטליך ווערט אין דער דראמע סימבאליזירט דער אייביגער קאמף וואס קומט פאר צווישען מענער און פרויען אין זייער צוזאמענ־לעבען. אין פילע פאמיליען שפילען זיך אב איינע אדער מערערע סצע־נעס אזעלכע, ווי די וועלכע קומען פאר אין סטרינדבערג׳ס דראמע. עס פארשטייט זיך דאס אזוי דראמאטיש ווי ס׳איז די גאנצע פיעסע קען עס באר פארקומען אין דער פאנטאזיע פון א גרויסען דראמאטורג, וועלכער האט אויסגעקליבען אלס מאן און פרוי צוויי כאראקטערע, וואס זיינען איינפאך קרענקליך דורך די אונקאנטראלירטע עגאאיסטישע געפילען, וועלכע באהערשען זיי.

לויט סטרינדבערג׳ן איז די הויפט שולדיגע די פרוי. דאס איז זי די יעניגע, וועלכע הויבט אן צו זוכען דעם מאן צו באהערשען. זי ער־ווארטעט אין איר פארשטעלונג זאכען, וואס ער קען ניט באפרידיגען און דורך איר באליידיגען אים און רייצען אים ווערט ער נאך מער זעלבסטזיכטיג, ווי ער איז געווענליך, און זוכט געגען איר צו מאניפעס־טירען, אז ער איז דאך דער מאן. ער לאזט איר זאגאר אמאל פארזוכען א קלאפ. זי ווידער מאכט פון יעדער קלייניגקייט א גאנצע טראגעדיע און פירט ווייטער צו עקסטרעמען איר פאראכטענדע באציהונג צו אים. צו די געוועגליכע צרות וואס זיי האבען, טרינקט נאך דער מאן, אפשר טאקע די צרות צו דערשטיקען. דאס מאכט אים קראנק, און איר פאר־אכטונג צו אים פארגרעסערט זיך נאך מער. וואס פאר אן ערציהונג קינ־דער קענען האבען אין אזא צוזאמענלעבען קען מען זיך אליין פארשטע־לען. די מוטער רייצט זיי געגען פאטער, דער פאטער זוכט ביי זיי צו פאר׳מיאוס׳ן די מוטער, און דער רעזולטאט איז, אז מען מוז זיי בעסער אוועקשיקען פון דער היים איידער זיי זאלען זיין צושויער צו דעם טויטען טאנץ.

אין דעם ביטערען קאנפליקט איז נאטירליך, אז די פרוי זאל זוכען צו האבען אן אנדערען געליבטען און דער מאן זאל וועניגסטענס סטראַ־שען, אז ער נעמט זיך אן אנדערע געליבטע. דאס פארערגערט די דרא־מע אין לעבען גופא, און דאס שאפט פאר דער בינע סצענעס פון אויפ־ברויזונג, וועלכע רופען ארויס באזונדערען אינטערעס.

די געגנערשאפט פון סטרינדבערג׳ן צו דער פרוי זעט זיך באזונ־דערס ארויס דערפון, וואס דער מאן סטראשעט נאר, אז ער וועט

נעמען אַ צווייטע פרוי, און די פרוי וויל זיך טאַקע איבערגעבען צו אַן אַמאָליגען געליבטען... דאָס כאַראַקטעריסטישע איז, אַז זי זוכט גלייך אויך דעם געליבטען צו קאָמאַנדעווען און באַהערשען ווי זי האָט דאָס געטון מיט דעם מאַן. דאָס ווירקט אַז דער געליבטער זאָל פון איר אַנט־לויפען און זי מיט דעם מאַן זאָלען אַלץ בלייבען צוזאַמען ווייטער צו טראָגען די קייטען פון דעם פאַרביטערטען לעבען, וואָס זיי האַלטען אין איין פאַר׳סמ׳ען.

וואָלף זילבערבערג האָט אויפגעפירט סטרינדבערג׳ס „טויטען טאַנץ" אין יאַנואַר 1938 אין גראַנד פּאַלעי. וואַלדעמאַר היינצע האָט גע־שפּילט אַלס עדגאַר, דער מאַן. עווא זיידמאַן אַלס אליסא, די פרוי. און זילבערבערג אַלס קורט דער ליבהאָבער.

ס׳איז געווען אַ גאַר אינטערעסאַנטע פאָרשטעלונג.

ח. ארציבאשעוו׳ס „סאנין"

אַרציבאַשעוו איז אַ רוסישער שריפטשטעלער, וועלכער האָט זיך שטאַרק באַרימט געמאַכט, באַזונדערס אין רוסלאַנד, מיט זיין ראָמאַן „סאַנין", אין וועלכען ער האָט געגעבען אויסדרוק צו דער אידעע פון איינפירען אין לעבען פרייע ליבע. אָט דער דאָזיגער ראָמאַן „סאַנין" איז אויך דראַמאַטיזירט געוואָרען, און מען האָט די דראַמאַטיזירונג איבערזעצט אין אידיש.

נאָך פריער האָט אַרציבאַשעוו אָנגעשריבען אַ דראַמע „איי־פערזוכט", וואָס איז אויך איבערזעצט געוואָרען אין אידיש. די דאָ־זיגע פּיעסע איז געשפּילט געוואָרען פון מאַלווינא לאָבעל אין פּאַ־וויליאָן טעאַטער אין 1914. זי איז געווען גאַנץ אינטערעסאַנט צוליב דער שילדערונג פון די כאַראַקטערע, אָבער דאָס טעמא בכלל איז ניט געווען ניי. דעם מאָטיוו פון אייפערזוכט האָט נאָך באַהאַנדעלט שעקספּיר אין זיין „אָטעלאָ" און אין „אַ ווינטער מעשה׳לע"... אין „סאַנין" איז אַרציבאַשעוו געווען גאַנץ אייגענאַרטיג, און דער־פאַר האָט די פּיעסע אַרויסגערופען באַזונדערען אינטערעס.

„סאַנין" איז אויפגעפירט געוואָרען פון ס. גאָלדענבורג אין פּאַוויליאָן טעאַטער אין 1931.

פון אַ טעכנישען שטאַנדפּונקט איז „סאַנין" אַ שוואַכע דראַמע, הויפּטזעכליך דורך דעם, וואָס זי איז ניט איינהייטליך. עס איז אין איר פאַראַן ניט בלויז איין געשיכטע נור צוויי: די געשיכטע פון לידיאַ אי־וואַנאָוונאַ, וועלכע ווערט פאַרפירט פון דעם אָפיציר זאַרודין, און זי מוז

דערנאָך חתונה האָבען מיט אַ נאַרישען סענטימענטאַלען דאָקטאָר, נאָ־וויקאָוו, כדי צו רעטען איר ערע און לעבען, כאָטש זי האָט אים ניט ליב... און די געשיכטע פון זינאַ קאַרסאווינא, וועלכע האָט פאַר אַ גע־ליבטען דעם לעמעשקע יורי ניקאָלאַיעוויטש, וועלכער ווייסט אַליין ניט וואָס ער וויל, האָט ניט קיין מוט צו אַן אַנדערער האַנדלונג ווי צו באַ־גיין זעלבסטמאָרד, און לאָזט איבער אַבזיכטליך די געליבטע זיינע, אַז זי זאָל פאַרפירט ווערען פון זיין פריינד סאַנין.

אין אַ פיעסע אין וועלכער עס מישען זיך צוויי געשיכטעס, קען קיין שטייגערענדע האַנדלונג ניט זיין. אַחוץ דעם, האָבען די דערמאָנטע צוויי געשיכטעס אויך ניט קיין זעלבסט־צוועק. זיי שפּילען זיך ניט אָב צוליב דעם וואָס דער מחבר האָט זיי טאַקע געוואָלט איבערגעבען, זאָנ־דערן זייער צוועק איז נאָר צו אילוסטרירען דעם כאַראַקטער פון סאַ־נינ׳ען. פאָלגליך איז אַלץ וואָס איז פאַראַן דראַמאַטיש אין דער פיעסע בלויז אַ נעבען־זאַך. די הויפט זאַך איז די שילדערונג פון דעם הויפט כאַראַקטער, און ווי זאָגט דאָס ווערטעל: איין שוואַלב מאַכט ניט קיין זומער. ווען מען שאַפט אַ גאַנצע פיעסע בלויז אַרויסצוברענגען איין כאַראַקטער, איז דאָס גאַנץ ווייט פון פאָלקאָמענהייט.

אַחוץ דעם וואָס די פיעסע אַלס פיעסע איז שוואַך, איז דער כאַ־ראַקטער פון סאַנין זייער אַנטיפּאַטיש. ער רופט די גאַנצע וועלט פּאָס־קודניאַקעס, ווערענד ער אַליין איז אייגענטליך אַ זייער גרויסער פּאָס־קודניאַק. ער האָט אפילו אַ נייגונג צו זיין אייגענער שוועסטער...

אַרציבאַשעוו האָט געשריבען זיין ווערק „סאַנין" נאָך דעם דורכ־פאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אין 1905. עס האָט גע־הערשט דאַמאָלט אַ זייער גרויסע ענטוישונג אין די רייען פון דער רו־סישער אינטעליגענץ. פסיכאָלאָגען האָבען פעסטגעשטעלט, אַז ענטוי־שונג קען מאַנכע מענשען פירען ניט נאָר צו שכרות, נאָר אויך צו אַ שטימונג פון צוועקלאָזיגקייט, און צו געשלעכטליכע לייכטזיניגקייט. מען קען האָבען דעם געפיל, אַז דאָס לעבען האָט ניט אין זיך קיין שום ווערטפולעס, קיין שום ווירדיגעס, און פאָלגליך מעג מען טון סאַי וואָס, זיך יאָגען נאָך אַלערליי פרויען, א. אַז. וו. די ענטוישונג פון דער רוסי־שער אינטעליגענץ, נאָך דעם דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע, האָט טאַקע געפירט מאַנכע שוואַכע כאַראַקטערע צו אַזאַ שטימונג. פאַרלירענדיג פאַר אַ צייט די האָפנונג אויף פאָליטישער און סאָציאַלער פרייהייט, האָט מען זיך אַ וואָרף געטון אויף געניסען סעקסועלע פרייהייטען, און זיי געניסען אין אַ עקעלהאַפטער מאָס און פאָרם. אויסגעלאַסענקייט איז געוואָרען ביי זיי אַן אַנגענומענע לעבענס פאָרמע; די דעקאַדענץ האָט

געהערשט אין לעבען און זי האָט אויך געפונען אַ בולט׳ן אויסדרוק אין דער קונסט.

אַרציבאַשעוו׳ס ווערק „סאַנין״ איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַט יענער פעריאָדע, וואָס ער האָט טאַקע געשילדערט. עס איז אין דעם ווערק, און איבערהויפט אין דעם כאַראַקטער פון סאַנין, איבערגעגעבען דאָס הפקר לעבען, וואָס אַ גרויסע טייל פון דער רוסישער אינטעליגענץ האָט דאַמאָלט געפירט, צוזאַמען מיט אַ מין פילאָזאָפיע פון הפקרות. מען קען זאָגען אַז דאָס ווערק „סאַנין״ איז אַ פילאָזאָפיע פון לייכטזין, און סאַנין איז אַ מין לייכטזיניגער פילאָזאָף, וואָס האַנדעלט אויך אַזוי לייכטזיניג ווי ער דענקט.

סאַנין איז אַזאַ כאַראַקטער: ער קימערט זיך ניט וואָס זיין שוועס־טער, לידיאַ, איז פאַרפירט געוואָרען. ער לאַכט פון דער גאַנצער גע־שיכטע; לויט זיין באַגריף האָט זי געגאַסען גליק פונקט ווי איר פאַר־פירער... די איינציגע גוטע זאַך וואָס ער טוט איז וואָס ער רעדט זיין שוועסטער אָב פון באַגיין זעלבסטמאָרד. אָבער דערביי רעדט ער זי צו חתונה צו האָבען מיט דר. נאָוויקאָוו, און רעטען איר ערע, אויב דאָס שפּילט ביי איר אַ ראָלע...

סאַנין האַלט זיך אויך ניט אָב ביי דער ערשטער מעגליכקייט צו פאַרפירען זיין פריינד׳ס געליבטע, קאַרסאַווינאַ. לויט זיין באַגריף מעג מען אַלץ, אויב ס׳איז נאָר דאָ אַ וואונש, אַ בייגונג דאָס צו טון... סאַנין, הייסט עס, שטעלט מיט זיך פאָר הפקרות, באַזונדערס געשלעכטליכע הפקרות, דערבראַכט צו אַ פילאָזאָפיע — פאַרשטייט זיך צו אַ צינישער פילאָזאָפיע.

אויפצופירען אַזאַ פּיעסע ווי „סאַנין״ איז ניט קיין לייכטע זאַך, איבערהויפט אויף דער אידישער בינע, אָבער ס. גאָלדענבורג האָט גע־טון אַ זייער גוטע זאַך: ער האָט פאָרגעשטעלט דעם כאַראַקטער פון סאַנין ניט אַלס ציניקער, נור אַלס סאַטיריקער. עס איז אויסגעקומען, דאָס ניט ער באַגייט די לייכטזיניגע מעשים לאַכענדיג, נאָר אַז ער לאַכט פון די לייכטזיניגע מעשים. דאָס האָט שוין געקלונגען ווי קריטיק, זאָגאַר ווי זעלבסט־קריטיק, און ס׳האָט געראַטעוועט די פאָרשטעלונג.

אַחוץ ס. גאָלדענבורג אַלס סאַנין האָבען נאָך אַנטייל גענומען: מאַ־דאַם שטראַמער אַלס לידיאַ; הילסבערג אַלס נאָוויקאָוו; שרה׳לע לאַנדױ אַלס קאַרסאַווינאַ; מאַדאַם פלאַווינאַ, פאַסטעל, הערריס פיינבערג א. אַ.

ס׳איז געווען אַ פאָרשטעלונג וואָס האָט אַרויסגערופען אינטערעס.

ו. האנרי בערנשטיינ׳ס „איזראעל״

(דער אנטיסעמיט)

האַנרי בערנשטיין איז אַ פראַנצויזישער דראַמאַטורג, אַ איד. מען קען זאָגען אַז ער איז געווען דער בינע־מייסטער פון פראַנק־רייך אין די ערשטע פערציג יאָר פון דעם יאָרהונדערט. ער האָט געשריבען פילע פּיעסען, וועלכע זיינען געשפּילט געוואָרען מיט גרויס ערפאָלג אין זיין אייגענעם טעאַטער און אין אַנדערע טעאַ־טערס אין פּאַריז. איינע פון זיינע פּיעסען „איזראַעל״ (ישראל), וואָס איז אויך איבערזעצט און געשפּילט געוואָרען אין אידיש אונטער דעם נאָמען „דער אַנטיסעמיט״, באַהאַנדעלט דאָס פּראָבלעם פון אַנ־טיסעמיטיזם. די פּיעסע איז אויך אויפגעפירט געוואָרען אין אידי־שען טעאַטער אין לאָנדאָן.

אָט וואָס איך האָב וועגען איר געשריבען:

„איזראַעל, דער אַנטיסעמיט״, פון אידיש־פראַנצויזישען דראַמאַטורג, האַנרי בערנשטיין, איז אַ געלונגענע דראַמע, כאָטש זי האָט צופיל רעַ־טאָריק, באַזונדערס אין ערשטען און לעצטען אַקט. עס ווערט אין איר באַהאַנדעלט אַ גרויס געזעלשאַפטליך לעבענס פּראָבלעם, און עס פול־סירט מיט עמאָציעס, וואָס ווערען ביט אָבגעשוואַכט דורך די פילע ווער־טער און ויכוחים. באַזונדערס איז דער דראַמאַטישער קאָנפליקט צווישען דער מוטער און זון אין צווייטען אַקט מייסטערהאַפט אַרויסגעבראַכט. די אידעע וואָס ווערט באַהאַנדעלט איז, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ גיפט, וואָס קען פאַרניכטען די גיפט־מישער גופא. זיי העצען געגען אידען און זיי געבען זיך קיין רעכנונג ניט, אַז אין זיי אַליין קען פליסען אידיש בלוט. עס טרעפט וואָס איינער פון זיי הויבט אויף די האַנד טאַקע געגען דעם, וואָס האָט אים געגעבען לעבען, און זיין גרויזאַמע טאַט פירט צו זיין אייגענער פאַרניכטונג.

אגב, דאָס זעלבע וואָס געשעט מיט אַ איינציגען אַנטיסעמיט קען זיין דער פאַל מיט אַ פאָלק, אָדער מיט אַ ציוויליזאַציע וואָס ווערט אַנטיסעמי־טיש. זיי זוכען צו פאַרניכטען די אידען, אָן זיך רעכנונג צו געבען וואָס זיי זיינען שולדיג די אידען. דער סוף איז, אַז דאָס פירט זיי צו אונטער־גאַנג...

עס איז אַ זייער אינטערעסאַנטע ווערק. עס איז געשאַפען גע־וואָרען נאָך אין אָנפאַנג פון צוואַנציגסטען יאָרהונדערט, אַלס ענטפער אויף דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט זיך באַוויזען אין פראַנקרייך. עס

פאַסט אויך פאַלשטענדיג היינט צו טאָג צו דעם אַנטיסעמיטיזם וואָס בו־שעוועט אין פילע לענדער. עס וועט שטענדיג פּאַסען אַלס אַנווייז אויף דער גרינדליכער פאַלשקייט און שעדליכקייט פון דעם אַנטיסעמיטיזם.

די האַנדלונג ענטוויקעלט זיך אַזוי:

אַ יונגער אַנטיסעמיטישער פירער, טיבאָ דע קלאַר, וויל אויסוויר־קען, אַז דער אידישער באַנקיר, זשוסטען גאָטליב, זאָל פאַרלאָזען זיין קלוב. אַזוי ווי ער קען דאָס ניט אויספירען באַליידיגט ער דעם אידען. גאָטליב רופט אים דערפאַר אַרויס צו אַ דועל.

די מוטער פון דעם יונגען אַנטיסעמיט, אַ פירשטין, ווענדעט אַן אַלע כחות, אַז דער דועל זאָל ניט פאָרקומען. זי לאָזט רופען צו זיך גאָטליב'ן, און פרעגט אים די ערשטוינענדע פראַגע: ווי קען ער זיך שלאָגען מיט זיין אייגענעם זון?... זי איז אַמאָל געווען דעם אידען'ס געליבטע, נאָר די קירכע האָט זי פון אים אָבגעריסען. ענטפערט ער, אַז טראָץ דער ליבע וואָס ער פילט צום זון, וועלכער ווייסט ניט, אַז ער איז זיין זון, קען ער בשום אופן ניט דערטראָגען די באַליידיגונג, ווייל ס'איז אַ באַליידיגונג געגען זיין גאַנצער ראַסע...

דער זון זעט גאָטליב'ן אַרויסגיין פון זיין מוטער'ס הויז. דאָס רופט אַרויס ביי אים גרויסען פאַרדאַכט. ער פאַרלאַנגט פון זיין מוטער אַן ער־קלערונג. זאָגט זי אים, אַז זי וויל פאַרמיידען דעם דועל; זי באַאיינפלוסט זאָגאַר איר זון, אַז ער זאָל צושטימען זיך ניט צו שלאָגען. אָבער ער זוכט אַלץ אַרויסצובאַקומען פון דער מוטער, פאַר וואָס זי איז אַזוי פאַראינטע־רעסירט, דאָס דער דועל זאָל ניט זיין. גיט זי אים אויס דעם אמת, אַז דער איד איז זיין פאָטער...

דער יונגער אַנטיסעמיט ווערט פאַרצערט פון אַ שרעקליכען פאַר־דרוס, פאַר וואָס ער שטאַמט פון אַ אידען. ער וויל פאַרניכטען זיין אידי־שען קערפער, כדי צו רעטען זיין נשמה... אַ גייסטליכער זוכט אים צו רעטען פון דער אידעע פון זעלבסטמאָרד, און ווירקט אויף אים, אַז ער זאָל אַריין אין אַ מאָנאַסטיר... אָבער ווען דער אַנטיסעמיטישער זון קומט זיך ווידער צוזאַמען מיט זיין אידישען פאָטער, און ווען דער לעצטער באַווייזט אים, אַז ער איז זאָגאַר אין זיין נשמה און האַנדלונגען אידיש, קען ער עס מער ניט איבערטראָגען און באַגייט זעלבסטמאָרד.

ער איז פאַרניכטעט געוואָרען דורך דעם האַס, וואָס ער אַליין האָט פאַרשפּרייט געגען דאָס וואָס ער איז געווען...

„איזראַעל" איז אויפגעפירט געוואָרען אין פאַווילִיאָן טעאַטער פון וואָלף זילבערבערג. ער האָט אויך געשפּילט גאַנץ אינטערעסאַנט און

מיט פאַרשטענדניס די הויפּט ראָלע. בעטי דאָלסקאָ איז געווען די פּירש־טין. יצחק גרודבערג — דער זון. עס האָבען זיך נאָך באַטייליגט: בוזעט, יוסף מאַרקאָוויטש, נ. אייזיקאָוויטש, י. שערמאַן א. אַ.

די פּיעסע האָט אויך די קינסטלער דערהויבען.

י. הערמאַן הייערמאַנס און „די געטאָ"

הערמאַן הייערמאַנס איז געווען אַ האָלענדישער שריפטשטעלער און דראַמאַטורג. ער האָט געלעבט אין דער צווייטער העלפט פון נײַנצענטען יאָרהונדערט. ער איז געווען אַ איד, און האָט פאַרפאַסט אַ דראַמע „די געטאָ", וואָס איז אויך איבערזעצט געוואָרען אין אידיש.

„די געטאָ" פון הערמאַן הייערמאַנס איז אויפגעפירט געוואָרען אין אָנפאַנג 1912 אין פיינמאַנ׳ס אידישען פאָלקס טעאַטער.

אָט יענע געטאָ, וואָס הייערמאַנס האָט געשילדערט, האָט גאָר קיין שייכות ניט צו די אַמאָליגע אידישע געטאָס פון מיטעלאַלטער. הייער־מאַנס איז געווען אַ פּראָגרעסיווער אַסימילאַטאָר. ער האָט געוואָלט האָ־בען אַ בעסערע אָרדנונג אין דער וועלט און די אידען זאָלען זיך צוזאַ־מענמישען מיט די אַנדערע פעלקער, צווישען וועלכע זיי לעבען. מיט דעם נאָמען „די געטאָ" האָט ער באַצייכענט די אידען, וועלכע זוכען צו בלייבען אידען, און וועלכע זיינען פאַר׳ן אויפהאַלטען פון יודענטום.

הייערמאַנס איז אין זיין דראַמע ניט סימפּאַטיש צו די אידען, וואָס ווילען זיין אידען. מען האָט דערפאַר זאָגאַר ערקלערט, אַז ס׳איז אַן אַנ־טיסעמיטישע דראַמע, כאָטש זי איז פון אַ אידען געשאַפען געוואָרען. איך דענק ניט, אַז „די געטאָ" איז אַן אַנטיסעמיטיש ווערק, אָבער ס׳איז קיין ספק ניט, דאָס זי ענטהאַלט פיל שעדליכע איבערטרייבונג, כאָטש פון זיין שטאַנדפּונקט האָט דער פאַרפאַסער געהאַט אַ גוטע כונה.

דער מחבר שילדערט אַ זייער ניט סימפּאַטישען אַלטען בלינדען אידישען קרעמער, זאַכעל. ער שטעלט אים פאָר אַלס אַ נידעריגער גיי־ציגער מענש, וואָס האָט נאָר איין צוועק אין לעבען — צו מאַכען געלד. גנב׳ענען פון וואָג איז ביי אים אַ כשר מיטעל...

דער קרעמער האָט אַ זון, רפאל. גאָר אַן אַנדערער מין מענש. אַן אָרענטליכער ביז גאָר. פאַר אים עקזיסטירט ניט קיין איד און קריסט. אַלע מענשען זיינען פאַר אים גלייך... ער איז גוטהאַרציג, נאָר ער האָט פיינט זיין פאָטער. ער האָט אים געזען גנב׳ענען פון דער וואָג און ער קען עס אים ניט פאַרגעסען... און רפאל פאַרליבט זיך אין דער ניט־אידישער דינסט, וועלכע דינט ביי זיין פאָטער אין הויז.

די האַנדלונג איז אַרום דעם קאָנפליקט צווישען רפאל'ן און זיין משפחה דורך דער ליבע צו דער ניט־אידישער דינסט. מען וויל אים פאַר'קנס'ן פאַר אַ אידישע מיידעל און ער האָט פאַר איר בלויז שפּאָט.

די משפחה זוכט צו ווירקען אויף דער דינסט, כדי זי זאָל אויפגע־בען רפאל'ן. דער מחבר לעגט זיי אַריין ליגענס אין מויל אַריין, כדי זיי זאָלען דערגרייכען זייער ציל. דאָס טרייבט די דינסט צו זעלבסטמאָרד. זי דערטרינקט זיך.

רפאל ווערט דורך דעם אויפגעברויזט. ער פאַרדאַמט רעליגיעזע אונטערשידען, און ער טוט דאָס ווען ער שטייט נעבען דעם טויטען קערפּער פון זיין געליבטע.

די פּיעסע איז אַן אַגיטאַציאָנס פּיעסע. זי איז פול מיט איבערטריי־בונג; און זי ענטהאַלט פילעס וואָס איז ניט נאַטירליך און וואָס קלינגט פאַלש. אָבער עס זיינען אין איר אויך פאַראַן שטאַרקע דראַמאַטישע סצענעס, און אַ קאָנפליקט צווישען אַ נייער עקסטרעמער וועלט אַנשויאונג און אַן אַלטען לעבענס וועג.

בן עמי האָט געשפּילט די ראָלע פון רפאל. זשעליאַזאָ איז געווען דער פאָטער, זאַכעל. עס האָבען אויך אַנטייל גענומען נעמי, ליפשיץ א. אַ.

די פּיעסע איז געווען דער בעסטער באַווייז, אַז אַגיטאַציע ווי גע־קינסטעלט זי זאָל ניט זיין, קען זי ניט זיין דער יסוד פון אַן ערפאָלג־רייכער דראַמע.

י"א. דר. מאקס נארדוי'ס „דר. קאהן"

דער גרויסער אידישער דענקער, דר. מאַקס נאָרדוי, וועלכער האָט געשריבען די באַרימטע ווערק: „ענטאַרטונג", „קאָנווענציאָ־נעלע ליגען", „פאַראַדאָקסען", „זין פון דער געשיכטע", און אַנדע־רע, און וועמענס ווערק זיינען איבערזעצט אין פילע שפּראַכען, האָט אויך געשריבען אַ דראַמע „דר. קאָהן", וואָס האָט אַ ציוניסטי־שע טענדענץ. ווי ס'איז גוט באַוואוסט איז דר. מאַקס נאָרדוי געווען דער צווייטער ציוניסטישער פירער צו דר. טעאָדאָר הערצל. זיי האָבעןביידע געשאַפען דעם קאָנגרעס און דעם באַזעלער פּראָגראַם.

„דר. קאָהן" איז אַ טענדענציעזע דראַמע. דר. נאָרדוי האָט געזוכט דורך איר אויסצודריקען זיינע מיינונגען און אַנשויאונגען געגען אַסי־מילאַציע. ווי יעדע טענדענציעזע פּיעסע האָט זי דעם גרויסען חסרון, וואָס זי האָט ניין מאָס רייד. דער פאַרפאַסער דריקט אויס זיינע אידעען מער אין דראַמאַטישע דיאַלאָגען ווי אין האַנדלונג, כאָטש קיין האַנד־

לונגען פעלט אין איר אויך ניט אויס. מען שמועסט, און מען שמועסט ווידער. מען באַנוצט נאָך אַן אַרגומענט, און מען דערהויבט נאָך אַ טענה... די האַנדלונג ווערט דערטרונקען אין די ווערטער, און דערפאַר ענטוויקעלט זי זיך ניט ערגרייפענד און אינטענסיוו, ווי עס פאָדערט זיך אין אַ קינסטלעריש דראַמאַטיש ווערק.

דער הויפּט ציל פון דר. נאַרדוי איז געווען צו שאַפן אַ טראַגישע פיגור, דר. קאָהן, וועלכער ליידעט צוליב דעם וואָס ער איז אַ איד, און קעמפט דאָך ענטשלאָסען געגען אַסימילאַציע. ער וויל זיך בשום אופן ניט שמד'ן, אפילו ניט צוליב דעם דאָס ער זאָל קענען הייראַטען זיין געליבטע, אַ קריסטליכע מיידעל, קריסטינא. ער זעט איין די נוצלאָזיגקייט פון דער אַסימילאַציע. ער פילט אַז איד בלייבט איד אונטער אַלע באַדינגונגען. און ער זעט איין, אַז די איינציגע לייזונג פון דער אידען־פראַגע איז צו זיין צוריק אַ פאָלק אין אַ אייגען לאַנד.

ער שטויסט זיך אָן אויף באַליידיגונגען אויף שריט און טריט, און כדי צו פאַרמיידען אַז מען זאָל קענען זאָגען אויף אידען אַז זיי זיינען פייג, שלאָגט ער זיך אין אַ דועל מיט דעם אַנטיסעמיטישען ברודער פון זיין געליבטע, און ער שטאַרבט פון דער קויל וואָס יענער האָט אין אים אַריינגעשאָסען.

אין דער ראָלע פון דר. קאָהן זיינען דאָ פיל סתירות, און ער רעדט צופיל און האַנדעלט צו ווייניג אין דער פּיעסע; די טראַגעדיע זיינע איז דערפאַר ניט שטענדיג איבערצייגענד. האָט אָבער דר. נאַרדוי, ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג, אַריינגעוועבט נאָך אַ דראַמע, די דראַמע פון דעם משומד, קריסטיאַן מאָזער, און זיין געמישטע הייראַט מיט דער געבוירענער קריסטין, עמאַפאַן קווינקאָ. אָט די דאָזיגע דראַמע איז אייגענטליך די רעאַליסטישע און זי בילדעט די אמת'ע פסיכאָלאָגישע טייל פון דער פּיעסע. דער משומד צייגט דורך האַנדלונגען, ניט בלויז דורך ווערטער, אַז טיף ביי אים אין האַרצען לעבט דאָס פּינטעלע איד. אַלץ דורך האַנדלונגען, ניט בלויז דורך ווערטער, ווערט אַרויסגעבראַכט אַז טראַצדעם וואָס אויגענשיינליך דאַכט זיך, אַז זיין פאַמיליע איז אַן איינהייטליכע, עקזיסטירען אין איר טיפע סתירות, טיפע ווידערשפּרוכען, וואָס גראָבען אונטער איר גליק און זאָגאַר אירע עקזיסטענץ־יסודות. די קינדער וואָס ווערען געבוירען האָבען פאַרשידענע נייגונגען. די זין זיינען ענליך בלויז אויף דער מוטער, און זיי שטייען אין קאַמף מיט זייער פאָטער. די גרינגשעצונג וואָס ער האָט געהאַט צום יודענטום און וואָס האָט אים געטריבען צום שמד, ווערט פאַרוואַנדעלט אין דעם האַרץ פון זיין זון אין אַ גרויסער פאַראַכטונג, און טרייבט אים צו אַנטיסעמיטיזם. דער משומד,

אין ווענמנס האַרץ עס צוגליט זיך אַ טיפע חרטה, האָט דערפון אונגע־הויער גרויסע ליידען.

דער קאַמף פון דר. קאָהן מיט דער אויסערליכער וועלט קלינגט אָפט ניט איבערצייגענד, אָבער דער קאַמף פון מאָזער׳ן מיט זיין אייגע־נער נשמה, און אויך מיט זיין פאַמיליע, קלינגט אמת, יעדער טאָן אירער.

די פיעסע וואָלט זיך לאָזן קאָנדענסירען. מען וואָלט איר געקענט הויפטזעכליך קאָנצענטרירען אויף דער דראַמע פון דעם משומד. זי וואָלט פון טעאַטער שטאַנדפונקט געוועןווירקזאַמער, ערפאָלגרייכער.

עס מוז אָבער געזאָגט ווערען, אַז אפילו אַזוי ווי נאָרדוי האָט איר געשריבען איז „דר. קאָהן" אַן אינטערעסאַנטע פיעסע צו זען. אַחוץ אַלעס אַנדערעס שפּרודעלט זי מיט די גאונ׳ישע געדאַנקען פון מחבר, וועלכע זיינען זייער אינטערעסאַנט צו הערען; פילע פון די געדאַנקען קלינגען אפילו איצט שוין אַלס אַלט באַקאַנטע אמת׳ן, אָבער מען דאַרף ניט פאַרגעסען אַז ס׳איז געווען נאָרדוי וואָס האָט די דאָזיגע אמת׳ן צום ערשטען מאָל אַרויסגעזאָגט, און ווי באַקאַנט זיי זאָלען איצט שוין ניט זיין מעג מען זיי ווידערהאָלען.

די פיעסע איז איבערזעצט געוואָרען פון וואָלף זילבערבערג.

סערעבראָוו האָט געשפּילט אַלס דר. קאָהן. זילבערבערג אַלס דעם משומד קריסטיאַן מאָזער. מאַדאַם דאַלסקאַ — זיין פרוי עמאַ. מאַדאַם הענריעטאַ שניצער אַלס כריסטינא די טאָכטער פון משומד און די גע־ליבטע פון דר. קאָהן. עס האָבען זיך נאָך באַטייליגט י. מאַרקאָוויטש, בעקי גאָלדשטיין א. אַ.

דאָס שפּילען די פיעסע איז געווען אַ מעמאָריאַל פאַרשטעלונג נאָך דר. מאַקס נאָרדוי.

י״ב. בערקאָוויטש׳עס „אונטער׳ן צלם״

אויך אָריגינעל אין אידיש איז געשאַפען געוואָרען אַ פיעסע אויף דעם מאָטיוו פון אַנטיסעמיטיזם ביי אַזעלכע וואָס שטאַמען פון אידען. די דאָזיגע פיעסע איז „אונטער׳ן צלם" פון י. בערקאָוויטש, וואָס באַראַ־טאָוו האָט אויפגעפירט אין פּאַוויליאָן טעאַטער אין נאָוועמבער 1931.

אין דער דראַמע ווערט געשילדערט די פסיכאָלאָגיע פון אַ משומד און עס ווערען געצייגט די טראַגישע פאָלגען פון אָוועקרייסען זיך פון אייגענעם פאָלק.

עס האַנדעלט זיך אין דעם לעבען פון מאַשקע פערענטאָוו, גערו־פען „מאַשקע חזיר". דורך דער שטרענגקייט פון זיין פאָטער און פון

זיינע לערער איז ער פאַריאָגט געוואָרען פון יודענטום. ער האָט אַלס אינגעל ניט געוואָלט לערנען, און ער האָט זיך נאָך דעם ניט געוואָלט צופּאַסען צו דער אידישער רעליגיעזער אויסגעהאַלטענקייט, ווי זיין פאָטער האָט געפאָדערט. ער איז אַוועק פון דער היים, און עס האָט אים געפירט צו שמד און חתונה צו האָבען מיט אַ קריסטליך דאָרפס מיידעל.

מאָשקע איז אָבער ניט גליקליך אין זיין קריסטליכער סביבה. ער האָט טאַקע ניט ליב די אידען, אָבער ער האָט אויך ניט ליב די פּויערים. באַזונדערס איז ער אונגליקליך דורך זיין זון יאַקאָף, וועלכער איז אויפ־געוואַקסען געוואָרען גראָב, נאָך גרעבער פון אים, און ער איז נאָך דער־צו אַנטיסעמיטיש געשטימט. דער פאָטער איז אין שטענדיגען קאָנפליקט מיט זיין זון, און אָט דער דאָזיגער קאָנפליקט גרייכט אַ טראַגישען קלי־מאַקס: מאָשקע געפינט אויס, אַז זיין זון האָט געפירט אין יום כפור אַ באַנדע פויערים צו מאַכען אַ פּאָגראָם אויף אידען. ער פאַרשפּאַרט דורך דעם יאַקאָף׳ן אין קעלער, צינדט אונטער דאָס הויז, און ער וואַרפט זיך אַליין אויך אין די פלאַמען.

באַראַטאָוו האָט מיט זיין שפּילען די ראָלע פון „מאָשקע חזיר״ די דראַמע דערהויבען. וו. זילבערבערג איז געווען יאַקאָף. עס האָבען נאָך געשפּילט: בעקי גאָלדשטיין, פאַני רובינא, י. מאַרקאָוויטש, באָזשיק, שרה׳לע לאַנדוי א. אַ.

ס׳איז אַ שטאַרקע דראַמע, אָבער מיט אַ ניט סימפּאַטישען הויפּט העלד.

24. היסטארישע פּיעסען

א. קאַלדעראָנ׳ס „כתר דוד״

אין לאַנדאָן האָט מען אויך אויפגעפירט אייניגע היסטאָרישע דראַמען אויף אידישע מאָטיוועך. די מיינסטע זיינען געווען איבערזעצטע. זיי זיינען אויפגעפירט געוואָרען אין גרויסען סטיל און האָבען אַרויסגערופען גרויסען אינטערעס.

מאָדערנע קונסט פאָרמען, טעאַטראַלער עקספּרעסיאָניזם און סטיליזאַציע, האָט די „הבימה״ באַנוצט ביים אויפפירען „כתר דוד״ (דוד׳ס קרוין), די קלאַסישע דראַמע, וואָס איז מיט לערך 300 יאָר צוריק געשריבען געוואָרען פון דעם גרעסטען שפּאַנישען דראַמאַטיקער, פון דעם שפּאַנישען שעקספּיר — קאַלדעראָן דע לאַ באַרקע, וועלכער האָט געלעבט בלויז מיט איין דור שפּעטער, ווי דער ענגלישער זשעני.

דער הויפּט מאָטיוו פון דער דראַמע איז דער קאַמף פאַר דער קרוין פון דוד המלך צווישען זיינע קינדער, און אויך צווישען זיין זון אבשלום און אים זעלבסט.

דער סצענישער געבוי פון דער דראַמע איז אַזוי קלאַסיש, און אַזוי בינדענד, אַז זי דערנענטערט זיך צו דער מדרגה פון דער סצענישער פאָלקאָמענהייט פון שעקספּיר׳ס „מאַקבעטה״.

ווי ס׳איז זעלבסטפאַרשטענדליך איז די דראַמע געבויט אויף ביבלישע מאָטיווען; און ס׳איז צו באַמערקען, אַז די העברעאישע ווערסיע פון קאַלדעראָנ׳ס דראַמע, וואָס די „הבימה״ פירט אויף, האַלט זיך זייער נאָענט צו דער ביבלישער געשיכטע און צו די כאַראַקטעריזירונגען פון דער ביבעל. זי זוכט זיך ניט צו דערווייטערען פון דעם, אַזוי צו זאָגען, היסטאָרישען אמת, לויט ווי עס ווערט אין תנ״ך דערציילט. זי זוכט בלויז דעם דאָזיגען אמת בולט אַרויסצוברייגען אין די קרעפטיגסטע פאָרמען.

פון קונסט שטאַנדפּונקט ענטשפּרעכט די פאָרשטעלונג פאָלשטענדיג דעם אמת. זי איז היסטאָריש אין איר אַטמאָספערע; און זי איז פּרימיטיוו אין אירע אויסדריקע. אַזוי פיל ביבלישקייט, היסטאָרישקייט און פּרימיטיווקייט אין שענע אויסגעהאַלטענע אויסדרוקספולע פאָרמען האָט מען באמת זעלטען ווען געזען אויף אַ בינע. די טעכניק, הן פון דער אויפפירונג, הן פון דעם שפּילען, איז געווען וואונדערבאַר, העכסט פּלאַסטיש און אויסדרוקספול. עס פעלט אָבער די טיפע נשמה דיכטונג פון דוד׳ן. עס פעלט זיין תהלים גייסט.

דוד המלך איז פאַרגעשטעלט לויט דער אַלגעמיינער אָנגענומענער קאָנצעפּציע, אַז ביי אַ פּרימיטיוו פאָלק איז דער שטאַרקסטער מענש געוואָרען דער קעניג. דוד׳ס גרויסקייט באַשטייט אין זיין שטאַרקייט. עס איז אַ ווילדע שטאַרקייט; עס איז נאָך געווען ווילד דאָס פאָלק איבער וועלכען ער האָט געקעניגט און ווילד די צייט אין וועלכער ער האָט גע־הערשט. אָבער מען האָט פאַרזען, ווי הויך ער איז געווען אין גייסט.

די דראַמע פאַנגט זיך אָן ווען ער געפינט זיך שוין אויף דער שוועל פון דער געבראָכענקייט אין זיין גבורה. ער פילט אַז ער האָט שוין זיין אַרבייט אָבגעטון; זיינע שונאים באַזיגט; זיין פאָלק און לאַנד געזי־כערט; ער קען שוין רוהיג שטאַרבען. ער האָט שוין אפילו ניט דעם ווילען און כח צו בויען דעם בית המקדש, ווי ער האָט פאַרשפּראָכען דאָס צו טון, ווייל ער איז שוין אויף דער עלטער, ווען דאָס געוויסען ערוואַכט און מוטשעט צוליב די זינד פון דער יוגענד... ער חלום׳ט אַז גאָט זאָגט אים, דאָס זיינע הענד זיינען באַפלעקט מיט בלוט. זיין וואונש איז פאָלגליך בלויז, אַז ער זאָל רוהיג שטאַרבען, און איינער פון זיינע זין, פאַרשטייט זיך דער בכור, אמנון, זאָל פאַרנעמען זיין טראָן. אָבער עס איז אים ניט געגעבען געוואָרען צו האָבען דעם דאָזיגען רוהיגען סוף. אמנון איז ניט ראוי צו באַקומען די קרוין, און עס ענטוויקעלט זיך אַ קאַמף און אַ קאָנספּיראַציע צווישען זיינע קינדער פאַר צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ; און זיינע הויפּט מענשען העלפען אין דעם קאַמף און אין דער קאָנספּיראַציע.

דוד המלך האָט פינף זין, וועלכע ווערען פאַרגעשטעלט אין דער דראַמע אויף פאָלגענדען אופן:

א מ נ ו ן, אַן ערשטיקער. א ב ש ל ו ם, אַ קאָנספּיראַטאָר פון דער נאַטור, מיט אַ געוואַלטיגען באַגער צו טראָגען די קרוין פון זיין פאָטער, צו ווערען דער מלך פון פאָלק, און וואָס גי־כער. א ד ו נ י ה באַזיצט מער נייגונג צו עסען און צו טרינקען ווי צו וועלכער ס׳איז אַנדערער זאַך. ש ל מ ה באַזיצט חכמה. און א ל י פ ל ט איז אַ שוואַכזיניגער.

דוד׳ס גרויסע צרות פון זיינע קינדער הויבען זיך אָן דורך זיין עלט־סטען זון, אמנון, וועלכער ערפילט ניט דאָס וואָס ער ערוואַרט פון אים; זיין גאַנצער וועזען ווערט באַהערשט פון דעם ליידענשאַפטליכען באַ־גער צו באַזיצען זיין שוועסטער. זיין עראָטישע ליידענשאַפט האָט קיין גרעניץ ניט, ביז ער שטילט איר דורך אַ געוואַלדטאַט אויף תמר׳ן.

תמר וויל די ליידענשאַפט פון איר ברודער באַקעמפען. צוערשט מיט פּראָטעסטען, דאַן מיט זינגען אים שירים פון דער שענקייט פון

דער נאַטור און פון דער נאַבעלקייט פון העלדענטאַטען. אָבער איר מי איז אומזיסט. זי פאַלט אַ קרבן פון זיין עראָטיק. די געוואַלדטאַט צורייצט איר ליידענשאַפט, און זי וויל ווייטער געניסען פון דער זינדיגער ליבע, אָבער אמנונ׳ס געוויסען האָט ערוואַכט. ער שטויסט זי שוין אָב און טרייבט זי פון זיך. און זי, צולאָזען און פאַרצווייפעלט, שווערט צו נע־מען נקמה אין אים.

מען ערפאַרט, דורך דעם וואָס תמר האַלט ניט קיין סוד, וואָס ס׳איז געשען. די ברידער אירע פאָדערען, אַז זייער פאָטער, דוד המלך, זאָל אמנונ׳ען פאַר׳משפט׳ן צום טויט פאַר דער זינד, וואָס ער האָט באַ־גאַנגען, און פאַר דער שאַנדע וואָס ער האָט געבראַכט אויף זייער שוועס־טער און אויף דעם קעניגליכען הויז.

דוד וויל אָבער בשום אופן ניט דערצו מסכים זיין. ער האַלט אמנונ׳ען פאַר׳ן בעסטען און שטאַרקסטען פון זיינע קינדער; ער האַלט אַז דאָס פאָלק דאַרף אים האָבען; און אַנשטאָט אים צו משפט׳ן הייסט ער אים גיין דינען זיין פאָלק.

דאָס צוברויזט דעם צאָרן פון די איבעריגע ברידער, באַזונדערס פון אבשלום׳ן, וועלכער איז געווען תמר׳ס ברודער אויך פון איין מאַמע, און וועלכער גאַרט מיט אַזוי פיל אינערליכע אַמביציע צו ווערען מלך. דער געפיל פון נקמה מישט זיך מיט דעם וואונש צו אַ מעגליכקייט צו באַ־זייטיגען אמנונ׳ען פון וועג און צו פאַרנעמען דעם טראָן. אין אַ מאָמענט פון תמר׳ס אינטערווענציע, לאָזט ער טאַקע ערמאָרדען אמנונ׳ען ביי אַ פעסט.

דוד ווערט אַלץ מער און מער צורודערט, צו זיין געבראָכענער קראַפט, דורך דער אָנגערוקטער עלטער, קומט צו דער פאַרדרוס אין ווייטאָג דורך זיין עלטסטען זונ׳ס שאַנד־טאַט, און דערנאָך קומט צו דער נאָך גרעסערער פאַרדרוס און ווייטאָג פון זיין עלטסטען זונ׳ס טויט. ער הויבט זיך אָן פילען ניט זיכער און ער פאַרנעמט, אַז עס לויערן אויף אים געפאַרען.

די גרעסטע געפאַר, וואָס לויערט אויף דוד׳ן, איז פון אבשלום׳ן. אים איז ניט געווען גענוג וואָס ער האָט אָנגעשטעלט צו ערמאָרדען זיין עלטערען ברודער; ער האָט אויך ניט קיין געדולד צו וואַרטען אויף זיין פאָטער׳ס טויט. ער וואָלט וועלען וואָס שנעלער עראָבערען די קרוין. ער ברויזט אויף אָן אויפשטאַנד, און דוד אַנטלויפט פאַר זיין אייגענעם זון, וועלכער האַלט ביי עראָבערען די מאַכט. אָבער אבשלום באַהאַנדעלט שלעכט אחיתופל׳ן, וואָס האָט אים געהאָלפען אין זיין קאָנספּיראַציע. דער לעצטער באַגייט זעלבסטמאָרד. אבשלום לאָזט זיך פירען פון

הושי׳ן, וועלכען שלמה האָט אָנגעשטעלט, אַז ער זאָל זיך צייגען פאַר אַ פריינד צו דעם קאָנספּיראַטאָר, כדי ער זאָל קענען זיינע קאָנספּיראַ־ציעס פאַרניכטען. און אבשלום באַקומט זיין סוף, אויף דעם באַקאַנטען טראַגישען אופן, וואָס ווערט דערציילט אין תנ״ך.

ווען מען ברענגט דעם טויטען אבשלום צו דוד׳ן, פרייט ער זיך ניט מיט זיין טויט. ער באַוויינט אים ווי אַ פאָטער זיין קינד; ער פילט אויך אַ פאַראַכטונג צו דער קרוין, פאַר וועלכער עס ווערט געפירט דער קאַמף, און פאַרשווינדט אין אונבאַהאָלפענקייט.

אָט דער תמצית פון דער דראַמאַטישער ביבלישער געשיכטע, וואָס איז אַזוי רייך אין סצענעס פון ליידענשאַפט, צאָרן, אינטריגע, און טיפע אינערליכע איבערלעבונגען פון אַ ענטוישטען קעניג, איז אויך נאָך אַרומגעהילט מיט סצענעס פון באַוועגונג, לוסט און טאַנץ, וועלכע גע־בען צו פיל פאַרב און פאַרשידענאַרטיגקייט, און מאַכען די פאָרשטעלונג נאָך גראַנדיעזער, נאָך וואונדערבאַרער...

„דוד׳ס קרוין״, געשפּילט פון „הבימה״ איז איינע פון יענע וואונ־דערבאַרע גראַנדיעזע פאָרשטעלונגען, וועלכע אַז מען זעט זיי, לאָזען זיי זיך שוין מער ניט פאַרגעסען. ס׳איז אָבער געווען אַ גרויסער שאָד, וואָס אין „כתר דוד״ זיינען פון פאַרפאַסער ניט אריינגעוועבט געוואָרען שטיקער פון דוד׳ס דיכטונג. דאָס וואָלט געמאַכט די דראַמע דיכטע־ריש, פסיכאָלאָגיש און גייסטיג פיל העכער.

א. מעסקין האָט געשפּילט מאָנומענטאַל אַלס דוד המלך. ער האָט אים פאָלשטענדיג פאָרגעשטעלט אַלס גבור, וועלכער ווערט אינערליך אַלץ מער געבראָכען. עס זיינען געווען מאָמענטען, ווען ער האָט אויס־געזען אַ פאַרוואונדעטער לייב. ער האָט אויסגעדריקט טיף זיינע עמאָ־ציעס און איבערלעבונגען, און שטענדיג מיט קינסטלערישען קאָנטראָל.

גלענצענד סטיליזירט האָט ז. פרידלאַנד געשפּילט אַלס אבשלום. ער האָט מיט קראַפט אויסגעדריקט זיין באַגער צו דער קרוין און האָט דערברענגט דעם כאַראַקטער פון פאַרבאָרגענעם אינטריגאַנט, קאָנספּי־ראַטאָר, צו אַ העכער מדרגה פון ראַפינירטקייט דורך זיינע אויסדריקע. זיינע באַוועגונגען, זיין מימיק, זיין לאַכען, זיינע איבערגענגע זיינען גע־ווען דערגרייכונגען אין קינסטלערישען שאַפען אויף דער בינע.

ראַווינא אַלס תמר האָט אויסגעדריקט צאַרטקייט, שענקייט, פּאָ־עטישקייט, אינערליכקייט. איר מימיק איז אפילו באַשרענקט, אָבער זי רעאַגירט מיט זשעסטען און באַוועגונגען וועלכע זיינען פראַכטפול. זי איז גלענצענד אין אויסדריקען ווערטער וואָס דריקען אויס געפילען.

זי איז שוואַכער אין דראַמאַטישע מאָמענטען. זי דריקט ניט אויס זייער שטאַרק טראַגישע איבערלעבונגען.

עס האָבען נאָך אָנטייל גענומען: פינקעל, טשעמערינסקי, ווינייאַר, באַראַץ, בערטאָנאָוו, בנימיני, ברוק, בן חיים און ראָסאָווסקאַ.

ס׳איז געווען איינע פון די בעסטע פאָרשטעלונגען וואָס מען זעט אויף דער בינע.

ב. סטעפאן צווייג׳ס „ירמיהו״

דער פיינער ווינער קינסטלער־שריפטשטעלער סטעפאַן צווייג, וועלכער האָט געהאַט אַ טראַגישען סוף אין בראַזיליען, וואו ער האָט זיך גענומען דאָס לעבען, זייענדיג היטלער׳ס אַ קרבן, אַ פליכטלינג, וועלכער האָט ניט געקענט דערטראָגען דעם חורבן וואָס דער ווילדער צורר האָט פאַראורזאַכט,— אָט דער פיינער אידישער קינסטלער אין דער דייטשער שפראַך, סטעפאַן צווייג, האָט אויך פאַרפאַסט אַ דראַמע „ירמיהו״. זי איז אויפגעפירט געוואָרען אין סקאַלאַ טעאַטער פון „אהל״, דאָס העברעאישע טעאַטער פון ארץ ישראל, וואָס האָט באַזוכט לאָנדאָן אין 1934.

„ירמיהו״ פון סטעפאַן צווייג איז אַ גראַנדיעזע היסטאָרישע דראַמע, וואָס ברויזט מיט לעבען. די טעמא איז אַ קלאַסישע; די באַהאַנדלונג איז אַ מאָדערנע.

דער קלאַסיציזם פון דער געשיכטע איז לעבעדיג געוואָרען אין דעם פלייש און בלוט פון אַ מאָדערניסטישער אויפפירונג.

דער פאַרפאַסער האָט ניט איינגעהילט אַ סקעלעט פון דער פאַרגאַנגענהייט אין אַ מאַנטעל פון פרישע נייע פאַרבען, ווי עס איז געוועגליך דער שטייגער ביי היסטאָרישע דראַמען, נאָר ער האָט טאַקע די פאַרגאַנגענהייט דערבראַכט צו תחית המתים; ער האָט איר ממש לעבעדיג געמאַכט, ווייל ער האָט ניט בלויז געשילדערט אַ געשיכטע, נאָר ער האָט אונז אויך געצייגט דאָס לעבען און די ליידען פון די העלדען, וואָס מאַכען דורך אַזאַ געשיכטע; און די העלדען זיינען ביי אים ניט נאָר די יחידים וועלכע זיינען שוין לאַנג פאַרשוואונדען, נאָר אויך דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס לעבט שטענדיג, פון וועלכען די יחידים זיינען אַרויסגעקומען.

ווי דער נאָמען פון דער דראַמע „ירמיהו״ צייגט שוין, האַנדעלט זיך עס אין דער געשיכטע פון׳ם חורבן בית ראשון, אָבער עס שיינט מיר, אַז עס האַנדעלט זיך ניט נאָר אין יענעם חורבן; עס האַנדעלט זיך אפשר

אויך אין דעם חורבן פון סיי וועלכען פאָלק וואָס דערוויטערט זיך פריי־ וויליג פון זיין געוועגליכער לעבענס פרייד, לאָזט זיך מיטרייסען פון נביאי־שקר און פון פאַראינטערעסירטע פערזאָנען אין אַ פאַרניכטענדער מלחמה, אין וועלכער עס ווערט צום סוף צושטערט און דערשטיקט. עס האָט דערנאָך ביטער צו ליידען, און ס'וואָלט אפשר אינגאַנצען אונ־ טערגעגאַנגען, ווען ס'בלייבען ניט גראַדע יענע, וועלכע זוכען עס פון מלחמה אָבצוהאַלטען, און וועלכע, כאָטש זיי ווערען פאַרפאָלגט און פאַרהאַסט, זוכען זיי דאָך צו טרייסטען נאָך דעם וואָס דער חורבן איז געשען, און זיי וועקען נייע האָפנונגען אויף אַ נייער אויפלעבונג און אויף אַ נייער באַפרייאונג.

אָט דעם אייביגען אמת, וואָס איז פאַרבונדען מיט דער געשיכטע פון אידישען פאָלק, און פאַסט פאַר פילע פעלקער, האָט סטעפאַן צווייג איינגעקערפערט אין זיין דראַמע „ירמיהו".

דער פאַרפאַסער האָט געהאַט אַ געלעגענהייט צו זען און טאַקע אי־ בערצולעבען אַ ענליכע געשיכטע, די געשיכטע פון אַ פאָלק וואָס האָט זיך געלאָזט אריינשלעפען אין אַ בלוטיגען קריג, און האָט דערנאָך גע־ האַט ביטער צו ליידען. און אָט די דאָזיגע איבערלעבונגען האָבען אים זיכער געהאָלפען בולט צו באַגרייפען יענע פעריאָדע פון דער היס־ טאָריע, ווען די אידען האָבען זיך געלאָזט אריינשלעפען אין אַ מלחמה געגען בבל און האָבען דערפאַר באַצאָלט מיט דער צושטערונג פון זייער זעלבסטשטענדיגקייט.

אָבער ניט נאָר אָט דעם אַלגעמיינעם היסטאָרישען אונטערגרונד האָט דער פאַרפאַסער אַזוי גוט באַגריפען און האָט אים אַזוי לעבעדיג פאַר אונז אַרויסגעבראַכט. ער האָט אויך מייסטערהאַפט געשילדערט די כאַראַקטערע פון יענער פעריאָדע, באַזונדערס די צוויי הויפט כאַראַק־ טערע: דעם שוואַכזיניגען קעניג צדקיהו, וועלכער האָט זיך געלאָזט באַ־ איינפלוסען פון אַנדערע, וועלכער האָט ניט געהאַט דעם מוט צו האַנד־ לען לויט זיין אינערליכער איבערצייגונג, און האָט דערנאָך געהאַט אי־ בערצולעבען צוערשט אַ פערזענליכען אינערליכען פסיכישען חורבן, און דאַן דעם חורבן פון זיין פאָלק, וואָס זיין שוואַכזיניגע טאַט האָט דער־ בראַכט צו פאַרניכטונג און צושטערונג. און דעם גרויסען נביא ירמיהו, וועלכער האָט געזען דעם חורבן קומען און האָט געגען אים געוואָרענט, און כאָטש מען האָט אים ניט געהערט, און זאָגאר געטריבען און פאַר־ שטויסען, האָט ער דאָך נאָך דעם וואָס דער חורבן איז שוין געשען, גע־ טרייסט, און צום סוף געוועקט די האָפנונגען דורך דעם אָנזאָג פון דער צוריק אויפבויאונג פון דער צושטערטער ירושלים.

די לעבעדיגע אויפפאַסונג פון דער געשיכטע, צוזאַמען מיט דער לעבעדיגער שילדערונג פון די כאַראַקטערע; דער אייביגער היסטאָרי־שער אמת צוזאַמען מיט די טיפע אינערליכע איבערלעבונגען און צוזאַ־מען מיט בולט׳ן אויסדרוק פון עמאָציעס פון פאָלקס מאַסען, הן אין זייער געוועגליכער לעבענס לוסט, הן אין זייער שיכרות פון באַגייסטערונג פאַר מלחמה; הן אין זייער ליידען, ווען זיי ווערען באַלאַגערט און עס פעלט זיי ברויט און מיטלען צום לעבען; הן אין זייער געפאַלענקייט דורך אונ־טערדריקונג — אַט דאָס אַלץ צוזאַמען גיט דער דראַמע אַ זייער גרויסע קראַפט, די קראַפט פון אַן אמת דראַמאַטיש קונסט ווערק.

דער „אהל" האָט זיך דערהויבען אין דאָס שפּילען און צוזאַמענ־שפּילען אין „ירמיהו". ז. ברבן האָט געשפּילט אַלס צדקיהו. ער האָט ריכטיג אויסגעדריקט די שוואַכזיניגקייט פון זיין כאַראַקטער, און זיין צובראָכענקייט נאָך דעם חורבן. ס. זהובל איז געווען מאָנומענטאַל אַלס ירמיהו; שוין זיין גרים איז געווען אַ מייסטערווערק. ער איז געווען אימפּאָנירענד. ל. דגנית איז געווען מיכאל. עס האָבען זיך נאָך באַטיי־ליגט: י. זרובבל, פ. רבי, ר. פּאָגעלסאָן, י. כנעני א. אַ.

דאָס איז איינע פון די שענסטע אידישע היסטאָרישע דראַמען, און די אויפפירונג פון „אהל" איז געווען אַ גרויסער קינסטלערישער ערפאָלג.

ג. „יעקב ורחל", א ביבלישע אידיליע

דער „אהל" האָט אויך געהאַט אַ זייער גרויסען קינסטלערישען ערפאָלג אין דער אויפפירונג פון „יעקב ורחל", אַ ביבלישע אידיליע פון א. שלאָנסקי און מ. הלוי.

ווער קען ניט די געשיכטע פון יעקב און רחל? יעקב איז געשיקט געוואָרען פון זיין פאָטער קיין פדן ארם צו זיין פעטער לבן, אַז ער זאָל נעמען זיינע אַ טאָכטער פאַר אַ ווייב. איז אים געפעלען די יונגסטע, רחל, און ער האָט געדינט פאַר איר זיבען יאָר. האָט אָבער דער פעטער ניט געוואָלט חתונה מאַכען די יונגערע טאָכטער פאַר דער עלטערער, און זייענדיג כיטרע האָט ער אונטערגערוקט דעם נאָאיווען יעקב לאה׳ן אָנשטאָט רחל׳ן. יעקב איז געווען ענטוישט, און כדי דאָך צו האָבען רחל׳ן האָט ער געמוזט דינען נאָך זיבען יאָר.

צו דער ביבלישער געשיכטע האָבען די פּראָפעסער צוגעזעצט נאָך אַ געשיכטע, וואָס געפינט זיך ניט אין דער ביבעל: אַ פרעמדער, אַ באַרבאַר, קנז, וויל אויך רחל׳ן. ער זוכט זי צו פאַרנאַרען מיט טייערע מתנות, ער וויל זאָגאָר זי אַוועקשלעפּען מיט געוואַלד; רייסט זי זיך אַרויס פון זיינע הענד און אַנטלויפט.

אַ צווייטען מאָל ערשיינט קנז אין דער נאַכט ווען יעקב האָט צום ערשטען מאָל חתונה. ער מיינט, אַז ער האָט חתונה מיט רחל'ן, וויל ער הרג'ענען יעקב'ן. ער געפינט אָבער רחל'ן קלאָגען און וויינען אויס בענקעניש, וואָס זי איז ניט די כלה פון איר געליבטען. קנז וויל אויך דאָס מאָל פאַרשלעפּען רחל'ן, אָבער ער ווערט באַפאַלען פון איר פאָטער און ברידער, און זיי דער'הרג'ענען דעם באַרבאַר.

דער דאָזיגער צוזאַץ צו דער ביבלישער געשיכטע איז אפילו מע־לאָדראַמאַטיש, אָבער מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז עס ווערט באַהאַנ־דעלט אַ פּרימיטיוו לעבן אין וועלכער איבערגעטריבענע מעלאָדראַמע איז געווען רעאַליטעט.

אָבער ניט די ביבלישע געשיכטע און ניט דער מעלאָדראַמאַטישער צוזאַץ מאַכט די פּיעסע אינטערעסאַנט, נאָר די אויפפירונג און דאָס שפּי־לען וואָס רופט אַרויס גרויס ענטציקונג. ס'איז צוריק אויפגעלעבט גע־וואָרען פאַר אַ פּאָר שעה די ביבלישע פּעריאָדע. יעקב איז פאַרגעשטעלט געוואָרען אין אַ דור פון באַרבאַרען און געצען־דינער. די דעקאָראַציעס, די קאָסטיומען, די קוריאָזע מאַניערען, זשעסטען און באַוועגונגען, און אַלץ אין אַ שפּיל פון פאַרבען, פון פּרימיטיווער לעבענס לוסט, פון ווילד־קייט, פון טאַנץ, פרייד און געצען־דינסט, געמישט מיט אייביגע נאַטיר־ליכע מענשליכע געפילען — אָט דאָס אַלץ איז געווען אַ ספּעקטאַקעל וואָס האָט אַרויסגערופען ענטציקונג.

משה הלוי האָט אויפגעפירט וואונדערבאַר שען און איינדרוקספול די ביבלישע אידיליע. די שוישפּילער האָבען אויך זייער גוט געשפּילט: ז. ברבן איז געווען יעקב, צאַרט מיט פיינע פּאָעטישע שטריכען; ברקאית איז געווען רחל מיט פיל חן פון פּרימיטיווקייט און נאַאיווקייט. די אידי־לישע סצענעס צווישען זיי זיינען געווען פּראַכטפול. ל. שלאנסקי איז געווען לאה; נחנומי — קנז. עס האָבען זיך נאָך באַטייליגט: פייגעלסאָן, שהורי, זילבערג, כנעני א. אַ.

פון ריין טעאַטראַלען שטאַנדפּונקט איז „יעקב ורחל" אפשר געווען די שענסטע פאָרשטעלונג פון „אהל".

ד. גוטצקאוו'ס „אוריאל אקאסטא"

קאַרל פערדינאַנד גוטצקאָוו איז געווען אַ דייטשער שריפט־שטעלער און דראַמאַטורג, וועלכער האָט געלעבט פון 1811 ביז 1878. ער האָט זיך פאַרנומען גרויס אין זיין ליטעראַרישען שאַפען, אָבער זיינע ווערק האָבען ניט דערגרייכט אַזאַ מדרגה, אַז זיי זאָלען בלייבען קלאַסיש־לעבעדיג, מיט דער אויסנאַם פון איין דראַמע

זיינע, „אוריאל אַקאָסטאַ”, וואָס איז געשריבען אויף אַ אידישער היסטאָרישער טעמאַ, וועלכע האָט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר אידען. די דאָזיגע דראַמע האָט אים געמאַכט אונפאַרגעסליך.

פון זיינע ראָמאַנען איז אַם וויכטיגסטען צו דערמאָנען „די ריטער פונ׳ם גייסט”. דאָס איז אַ ראָמאַן אין 9 טיילען. זיין פאָרמעסט איז געווען, ווי ער האָט אַליין ערקלערט אין פאָרוואָרט פון דער ערשטער אויסגאַבע פון דעם ווערק: „פאַרצושטעלען דאָס לעבען אַלס גאַנצעס... ניט מער קיין אָבשניט, נאָר דעם גאַנצען, קיילעכדי־גען, פולען קרייז”... די מיינונג פון דער קריטיק איז געווען, אַז ער האָט ניט געגרייכט דאָס וואָס ער האָט געוואָלט; אַז אפילו אין זיין גרויסען ראָמאַן האָט ער דאָס גאַנצע לעבען ניט אַרומגענומען. דאָס איז אויך אונמעגליך צו טון...

פריער נאָך האָט ער געשאַפען זיין דראַמע „אוריאל אַקאָסטאַ”.

אוריאל אַקאָסטאַ איז אַ פיגור אין דער אידישער געשיכטע. ער איז געווען דער זון פון איינעם פון די פאָרטוגעזישע אנוסים, פון אַ מאַראַנאַ, און נאָך דעם טויט פון זיין פאָטער האָט ער צוגערעדט זיין מוטער, ברי־דער און שוועסטער, אַז זיי זאָלען אַוועקפאָרען קיין אַמסטערדאַם און דאָרט לעבען אַלס אידען. אין 1618 זיינען זיי אָנגעקומען קיין אַמסטער־דאַם און זיי האָבען זיך דאָרט באַזעצט. ער איז דאָרט געוואָרען עפענט־ליך אַ איד און זיך אַ נאָמען געגעבען גבריאל. ער איז געווען אַ קרוב פון שפינאָזאַ׳ן, וועלכער איז דאַמאָלט נאָך געווען אַ קינד. מען דענקט, אַז אַקאָסטאַ האָט שפינאָזאַ׳ן געלערענט און האָט אויף אים געהאַט אַן איינ־פלוס.

אין 1624 האָט ער פאַרעפענטליכט אַ בוך אין פאָרטוגעזיש, אין וועלכען ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט געגען דעם אידישען באַגריף פון השארת הנפש. ער האָט ניט אָנגענומען דעם גלויבען, אַז די נשמה לעבט נאָכ׳ן טויט פון מענשען. איינער שמואל דע סילוואַ, וועלכער איז פריער געווען זיינער אַ פריינד, האָט אויסגעזעצט געגען דעם בוך. ער האָט צו־ערשט אויף אים געזוכט צו ווירקען ניט צו פאַרעפענטליכען זיין מיינונג, און ווען ער האָט דאָס ניט אויסגעפירט האָט ער אים גע׳מסר׳ט. צוערשט איז אוריאל אַקאָסטאַ אַרעסטירט געוואָרען פון דער מאַכט; מען האָט אים פאַר׳משפט צו צאָלען 300 גולדען פאַר זיין געגען דער קריסטליכער רעליגיע, וועלכע הייסט אויך גלויבען אין אַ לעבען נאָכ׳ן טויט, און מען האָט געגעבען אַ באַפעל צו פאַרברענען זיין בוך אין דער עפענטליכקייט.

אוריאל אַקאָסטאַ איז נאָך דעם משפט אַוועק קיין האַמבורג, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז די רבנים וועלען אים אַריינלעגען אין חרם. ער

איז דאַן צוריקגעקומען קיין אַמסטערדאַם, און האָט אויסגעדריקט חרטה צו דער קהלה אין שול. ער איז געוואָרען אַ חוזר בתשובה. אָבער ער האָט דערנאָך חרטה געהאַט אויף זיין חרטה. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז געוואָרען אַ „אַפּע צווישען אַפּען“, און האָט ווידער אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג געגען השארת הנפש. מען האָט אים דערפאַר אַריינגעלעגט אין חרם, און אפילו זיינע אייגענע ברידער האָבען זיך ניט געוואָלט מיט אים צוזאַמענטרעפען. דאָס וואָס ער איז געווען אויסגעשלאָסען פון אידען האָט אויף אים געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג, און ער האָט ווידער חרטה געהאַט אויף זיינע אפיקורסישע אידעען און האָט זיך געלאָזט שלאָגען מלקות. אָבער עס האָט אים באַלד פאַרדראָסען אויף זיך אַליין. ער איז אַוועק אַהיים, אָנגעשריבען אַ באַשרייבונג פון זיין לעבען, און האָט זיך דערשאָסען.

אַט אויף דעם מאָטיוו פון דעם היסטאָרישען פאַקט האָט גוטצקאָוו געשאַפען זיין דראַמע. ער האָט אוריאל אַקאָסטאַ׳ס קאַמף פאַר זיין אידעע געמאַכט פאַר אַ קאַמף פון פריי דענקען ביי אידען. ער האָט דאָס אויך פּרבונדען מיט אַ ליבע פון אוריאל אַקאָסטאַ צו יהודית, די טאָכטער פון דעם רייכען ראש פון דער קהילה, און מיט אַ אינטריגע פון אַ רייכען סוחר דון יוחי, וועלכער האָט געוואָלט יהודית׳ן פאַר אַ כלה. אין דער דראַמע קומט פאָלגליך אויס, אַז אין דער פאַרפאָלגונג געגען אוריאל אַקאָסטאַ, וואָס האָט אים געטריבען צו זעלבסטמאָרד, איז שולדיג געווען ניט נאָר דער קאַמף פון אידעען, נור אויך די אינטריגע.

עס איז אַ זייער שטאַרקע דראַמע, אין וועלכער די הויפּט כאַראַק־טערע זיינען זייער גוט געשילדערט, און די דיאַלאָגען און מאָנאָלאָגען בנוגע די אידעען, בנוגע דעם חרם, די חרטה, דעם פּראָטעסט פון פאַר־פאָלגטען, זיינען זייער קרעפטיגע, און זיי האָבען גאָר שטאַרק אַפּעלירט צו די אידען וואָס גיין אין טעאָטער, און וועלכע זיינען אין מאַיאָריטעט געניגט צו גרעסערער אידעען־פרייהייט אין אידישען לעבען. די פּיעסע איז געווען זייער ערפאָלגרייך אויף דער אידישער בינע.

צוערשט האָט געשפּילט אין לאָנדאָן „אוריאל אַקאָסטאַ“ יעקב פּ. אַדלער. איך האָב אים שפּעטער אויך געזען שפּילען די ראָלע אין פּאַ־וויליאָן טעאַטער. ער איז געווען זייער גוט. זיין טאָכטער פראַנסיס איז געווען יהודית. בוזעט איז געווען דע סילוואַ.

דעם ערשטען שפּילען די ראָלע אין לאָנדאָן האָב איך געזען זיג־מונד פיינמאַן. ער איז געווען צו שווער פאַר דער ראָלע. אָבער די מאָנאָ־לאָגען זיינע, באַזונדערס די אין דער שול, האָט ער זייער גוט געזאָגט. ער האָט טיף פאַרשטאַנען די אידעע, אין וואָס ס׳האַנדעלט זיך. פּענ־

וואַקסמאַן איז געווען יהודית. שילינג — ר׳ עקיבא. בעקי גאָלדשטיין — די בלינדע מוטער פון אַקאָסטאַ׳ן.

איך האָב אויך געמאַכט אַן איבערזעצונג פון „אוריאל אַקאָסטאַ". איך האָב אַריינגעבראַכט אין דער דראַמע ברוך שפינאָזאַ אַלס קינד, וואָס איז אין דער פריערדיגער אידישער איבערזעצונג אַרויסגעלאָזען געוואָרען. דוד הערמאַן האָט ביי מיר צוגענומען מיין איבערזעצונג פון דעם ווערק. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט זי אויפפירען.

איין מאָל איז מיין איבערזעצונג אויפגעפירט געוואָרען אין פיינמאַנ׳ס אידישען פאָלקס טעאַטער. אָבער מיט אַ שוואַכען שוישפילער אין דער הויפט ראָלע. סעם גאָלדענבורג האָט געשפילט זייער גוט אַלס דע סילוואַ, און בן עמי אַלס דון יוחי.

ס׳איז נאָך כדאי צו פאַרצייכענען, אַז דער רעזשיסאָר ש. גראַנאָווסקי האָט רעזשיסירט „אוריאל אַקאָסטאַ" אין העברעאיש פאַר דער „הבימה". זי האָט די פיעסע אויפגעפירט אין פעניקס טעאַטער, בעת איר צווייטען באַזוך אין לאָנדאָן אין 1936. גראַנאָווסקי האָט אַריינגעבראַכט סאָציאַלע מאָטיווען אין דער אויפפירונג פון „אוריאל אַקאָסטאַ" דורך פאָרשטעלען די רייכקייט פון דער אַמסטערדאַמער קהילה, און זייערע רייכע בעלער. דאָס האָט געמאַכט די פאָרשטעלונג ספּעקטאַקולאַר, גראַנדיעז. אָבער ס׳האָט צוגענומען פון דער פיעסע פיל פון איר ריין אידישער אייגענטימליכקייט. זי איז געוואָרען מער טעאַטראַל, כאָטש אין אַ עכט קינסטלערישען זין. די אידעע בכלל איז אָבגעשוואַכט געוואָרען. ס׳איז אַרויסגעקומען מער אויסערליכע פאָרם ווי אינהאַלט...

אין דער פאָרשטעלונג פון דער „הבימה" איז ל. וואַרשאַווער געווען אוריאל אַקאָסטאַ. ראָווינאַ — יהודית. זייער ווירדיג. פרידלאַנד — דע סילוואַ. בן חיים — ר׳ עקיבא.

„אוריאל אַקאָסטאַ" איז אַ גרויסע קלאַסישע פיעסע. זי דאַרף ניט אַרויסגעלאָזען ווערען פונ׳ם רעפּערטואַר פון אַ גוטער טרופּע.

ה. זשולאַווסקי׳ס „שבתי צבי"

„שבתי צבי" פון י. זשולאַווסקי דאַרף זיין אַ פּראָבלעם דראַמע. ווי אַנדערש קען מען באַהאַנדלען אַזאַ טעמא, ווי „שבתי צבי" אויב ניט אַלס אַ פּראָבלעם? עס איז דאָס פּראָבלעם פון דעם געגענזאַץ צווישען דאָס שטרעבען צו דער העכסטער קדושה, צו דער העכסטער גראַנדיעזסטער פרייהייט און צו דאָס פאָלקאָמסטע גליק, ניט נאָר פאַר זיך אַליין, נור פאַר דעם גאַנצען פאָלק צו וועלכען מען באַלאַנגט — אויף איין זייט; און דאָס צוגעשמידקייט צו דער ערד, מיט אירע תאוות און שוואַכקייטען,

וואָס שטייען אין וועג, שטערען אויף שריט און טריט, און שלעפּען אַרונ־טער, ניט דערלאָזענדיג זיך דערהויבען צו די הימלישע הויכקייטען, און צושטערענדיג די מעגליכקייט צו פאַרווירקליכען יענע העכסט אידעאַלע, הייליגע שטרעבונגען — אויף דער צווייטער זייט.

אָט דאָס איז דאָס פּראָבלעם „שבתי צבי". אַזוי אפשר האָט אויך זשולאַווסקי עס געוואָלט אויספּאַסען, אָבער ער אַליין איז אויך געווען געשמידט צו דער ערד און האָט זיך ניט געקענט דערהויבען צו די הויכע ספערען.

די גאַנצע שטרעבונג צו משיח ביי אידען קומט ביי אים אַרויס אַ מאַטעריעלע זאַך. ער שטעלט עס ניט פאַר אַלס אַ שטרעבונג וואָס פליסט אַרויס פון קדושה, וואָס פליסט אַרויס פון הויכע גייסטיגע מאָטיווען, און וואָס זוכט צו דערגרייכען הויכע גייסטיגע צילען.

לויט אים איז די שטרעבונג צו משיח ניט אַ שטרעבען צו אַ אייבי־גען שבת, ניט אַ שטרעבען צו מאַכען אַ סוף צו גלות השכינה... די גאַנ־צע משיח שטרעבונג ביי אידען, לויט ווי זשולאַווסקי שילדערט איר, נעמט זיך דערפון וואָס אידען ליידען; וואָס עס זיינען דאָ פּאָגראָמען; וואָס מען הרג'עט אויס טויזענדער אידישע נפשות; וואָס מען שענדעט אידישע פרויען און מען פאַראונגליקט אידישע טעכטער... עס איז אַ משיח שטרעבען בלויז צוליב וועלען פטור ווערען פון צרות, און דאָס אַליין מאַכט שוין די דאָזיגע שטרעבונג פאַר ניט הייליג, פאַר ניט גראַנ־דיעז אין העכסטען גייסטיגען זין. דאָס הייסט אויך, אַז עס מאַכט איר ניט אַזוי, ווי עס איז אין אמת'ן געווען די משיח שטרעבונג ביי אידען.

און ניט נאָר די שטרעבונג ביים פאָלק ישראל איז לויט זשולאַוו־סקי'ן אַזאַ מאַטעריעלע, נור אפילו זיין „שבתי צבי", דער העלד פון זיין דראַמע, האָט אויך בלויז דעם דאָזיגען מאַטעריעלען מאָטיוו פאַר זיין ציל צו זיין משיח. ער וויל אויך נאָר רעטען די אידען פון ליידען, צרות און געוויין. ער האָט אויך ניט קיין העכערען באַגריף, קיין העכערען גייס־טיגען אידעאַל. ער האָט אויך ניט קיין העכערע פאָדערונגען פאַר גייס־טיגע פרייהייט און אוניווערזאַלע איינהייט.

שוין בלויז צוליב דעם אַליין, וואָס דער קאַמף פאַר קדושה אין „שבתי צבי" האָט ניט אונטער זיך אַ אמת הויכען גייסטיגען מאָטיוו, איז אונפאַרמיידליך, אַז דער קאַמף זאָל ניט זיין קיין טיפער, קיין אינטענסי־ווער, קיין נשמה'דיגער אין העכסטען זין פון וואָרט. דער קאַמף פון „שבתי צבי" ווערט רעדוצירט צו דער פראַגע ווער עס זאָל ליידען: צי ער זאָל לאָזען דאָס אידישע פאָלק ליידען, ווי ביז איצט, צי ער אַליין זאָל צוליב דעם פאָלק זיך מאַטערען און ליידען?... זיין אייגענער ערדישער

איך זיגט, אָבער דער זיג האָט ניט קיין גרויסע באַדייטונג, ער לאָזט ניט איבער קיין זייער טראַגישען איינדרוק, ווייל עס קומט ניט פאַר קיין אמת׳ער קאַמף צווישען קדושה און טומאה אין דער דראַמע.

אַחוץ דעם וואס דאָס פּראָבלעם שבתי צבי איז פון זשולאַווסקי׳ן ניט גראַנדיעז אויסגעשטעלט געוואָרען, האָט ער אויך ניט געברויכט קיין העכסט קינסטלערישע מעטאָדען אין דער ענטוויקלונג פון דער האַנד־לונג. זי ענטוויקעלט זיך ניט בלויז אויף דעם באַזיס פון פסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען, נור ער ברייגנגט אויך אַריין זייטיגע צופעליגע ערשיי־נונגען, קאַמף פון כיתות, רכילות, מסירה, פאַרראַט א. אַז. וו. דאָס זיינען טאַקע גאַנץ נאַטירליכע ערשיינונגען, אָבער זיי ווערען אַריינגעבראַכט אין דער האַנדלונג אויף אַזאַ אופן, אַז זיי ווירקען מעלאָדראַמאַטיש, און דאָס שוואַכט אויך אָב זייער שטאַרק דעם איינדרוק.

זשולאַווסקי׳ס „שבתי צבי״ איז אַ שטאַרקע דראַמע אין געווענליכען טעאַטראַלען זין, אָבער ס׳איז ווייט ניט קיין קונסט ווערק אין העכערען גייסטיגען און קינסטלערישען זין.

מאָריס שוואַרץ האָט מיט זשולאַווסקי׳ס „שבתי צבי״ געעפענט אי׳ן סקאַלאַ טעאַטער, אין אַפּריל 1924, זיין ערשטען סעזאָן אין לאָנדאָן. ער האָט געשפּילט די ראָלע פון שבתי צבי פול מיט כאַראַקטער און געפיל. בערטאַ גערסטען איז געווען שרה. מאַרק שווייד — דער סולטאַן. לאַזאַר פריד — נתן הלוי. עס האָבען נאָך אַנטייל גענומען: מוני ווייזענפריינד, איזידאָר קעשיר, גאָלדפאַדען, שטראַסבערג, טענענהאָלץ, זיידענבערג און אַנדערע. מיט אַזאַ פערזאָנאַל איז טעאַטער — טעאַטער אין בעסטען זין.

ו. אלתר קאציזנע׳ס „גר צדק״ (דוכוס)

צו די היסטאָרישע דראַמען אויף אידישע טעמאָס באַלאַנגט אויך „גר צדק״ (דוכוס) פון אלתר קאַציזנע.

דער נאָמען פון פּאַרפאַסער איז שוין פריער דערמאָנט געוואָ־רען. ער איז געווען אַ אידישער דיכטער פון פוילען. ער האָט פאַר־ענדיגט ש. אַנ־סקי׳ס דראַמע „טאָג און נאַכט״. און ער האָט אויך אָנגעשריבען די דראַמע מיט וועלכער איך באַשעפטיג זיך דאָ.

„דוכוס״ אָדער „גר צדק״, ווי מען האָט זי גערופען, ווען מען האָט זי אויפגעפירט אין לאָנדאָן, איז אַ היסטאָרישע דראַמע געבויט אויפ׳ן מאָטיוו פון דער טראַגעדיע פון גראַף פּאָטאָצקי, וועלכער האָט זיך מגייר געווען, און וועלכען די הייליגע קירכע האָט פאַרברענט אויפ׳ן שייטער־

הויפען אין ווילנע אין 1749. אָבער דער עיקר אין דער דראַמע איז ניט אַזוי די איבערלעבונג און די טראַגעדיע פון דעם גראַף, נאָר די שילדערונג פון דער אַטמאָספערע אין וועלכער אידען האָבען דאַמאָלט געלעבט. ס׳איז די אַטמאָספערע פון דער פעריאָדע ווען אידען אין פוילען האָבען געזונגען „מה יפית" און געטאַנצט פאַר די פריצים, און ווען זיי האָבען געלעבט בלויז דורך די חסדים, וואָס די פריצים האָבען זיי געצייגט. עס איז אַן אַטמאָספערע אין וועלכער עס פילט זיך די גרויזאַמקייט פון אונטערוואָרפענקייט, פאַרפאָלגונג און אונטערדריקונג, און עס זעט זיך אויך די פסיכאָלאָגישע שפל׳דיגקייט און די פינסטערניש וואָס געוועלטיגט אין אַזאַ אַטמאָספערע.

די ערשטע צוויי אַקטען, אין וועלכע אָט די דאָזיגע אַטמאָספערע פון דער שרעקליכער מה יפית פעריאָדע ווערט אַממיינסטענס אַרויסגעבראַכט, זיינען אָן אַ שום ספק די בעסטע אין דער פיעסע. די כאַראַקטעריזירונג פון די טיפען איז זייער געלונגען. די איבערלעבונגען זייערע זיינען טיף, דראַמאַטישע אין בעסטען זין. הן די אויסערליכע קאָנפליקטען, הן די אינערליכע ראַנגלענישען קומען אַרויס רעאַל. אַ פאַרגאַנגענע היסטאָרישע פעריאָדע שטייט איינפאַך אויף תחית המתים פאַר די אויגען פון די צושויער. די אַטמאָספערע, וואָס ווערט געשילדערט אין די צוויי אַקטען, ערקלערט אויך די מעגליכקייט, אַז ביי אַ יונגען געלערטען נאָבעלמאַן זאָל אויפפלאַמען דער געוויסען און אַלס פראָטעסט געגען דאָס וואָס קומט פאָר, זאָל ער זיך מגייר זיין, מיט דער כונה צו העלפען די אידען דערהויבען זיך פון אָט דער דאָזיגער לאַגע פון געפאַלענקייט און אונטערדריקונג.

וואָלט דער מחבר זיך געווען געהאַלטען ווייטער אין די היסטאָרישע פאַקטען, און וואָלט ער ניט געווען געזוכט אַריינצוטייטשען זיינע אַ ספעציעלע טענדענץ, וואָלט אַרויסגעקומען פון דער דראַמע גאָר אַ ריכטיג קינסטלעריש ווערק. איז ער אָבער געכאַפט אין דער מעשה. ער האָט געוואָלט אַריינוועבען אין דער דראַמע אַ עקסטרעמיסטישע קריטיק און איבערטריבענע טענדענץ, און אָט די טייל איז אי פאַלש אַן און פאַר זיך, אי זי פירט איבער די קינסטלערישקייט פון דער דראַמע.

די טענדענץ איז אַרויסצוברייגען אַ רעוואָלט פון דער יוגענד ביי אידען, וואָס זוכט זיך אָוועקצורייסען פון אידישען לעבען, כדי זיך אַריינצורייסען אין דעם פרעמדען לעבען, דאָרט וואו מען מעג זינדיגען... דעם דאָזיגען רעוואָלט האָט דער מחבר נאָר געקענט דערברייגען צו דעם, אַז די וועלכע וויל זיך אָוועקרייסען פון ענגען אידישען לעבען זאָל ווערען ניט עפעס אַנדערש, ווי אַ וואולגאַרע קהל׳שע זונה... דאָס איז זיכער

שטאַרק איבערטריבען. ווען עס זאָלען אפילו טרעפען אַזעלכע פּעלע אין לעבען, קען מען דערפון ניט מאַכען אַ סימבאָל פאַר אַן אַלגעמיינער ער־שיינונג, ווי עס ווערט פאַרגעשטעלט אין דער דראַמע.

איבערטריבען און פאַלש איז אויך די קריטיק וואָס איז פאַראַן אַלץ אין דעם דריטען אַקט געגען אידישע כלי־קודש און בכלל געגען אידי־שען קהל, אַז זיי קלערען בלויז וועגען אויפהאַלטען פּרנסות. דאָס איז אַבסאָלוט פאַלש, הן בדרך כלל, הן אין דעם פּרט, ווי עס ווערט געשיל־דערט אין דער דראַמע. ווען אַ רב וועט זען, אַז אידישע פּרנסות שטיין אין סכנה וועט ער זיכער הייסען מתפלל זיין, און ניט גלאַט צושטימען, אַז מען זאָל שיקען אַ זונה צו דעם גראַף, אַז זי זאָל ביי אים באַקומען אַ חסד, ווי דער מחבר שילדערט דאָס.

די פאַלשקייט, איבערגעטריבענקייט און מעלאָדראַמאַטישקייט פון דריטען אַקט פירט ליידער איבער דעם זייער גוטען איינדרוק פון די ערשטע צוויי אַקטען.

אין פירטען אַקט איז ווידער דאָ אַ דערהויבונג: די לעצטע איבער־לעבונגען פון גר צדק, די פעסטקייט זיינע ניט צוריקצוקערען זיך פון זיין נייער אמונה טראָץ דעם וואָס ער האָט ניט געקענט זיך צופּאַסען צו דאָס שפּל־דיגע לעבען פון די אידען, און עס איז געווען איבער זיין כח זיי צו דערהויבען. דער מחבר זעצט אויך פאַר אין דעם אַקט זיין טענ־דענץ, ער לאָזט די אידישע זונה ברייגען דאָס פייער אַנצוצינדען דעם שייטער־הויפען. דאָס דאַרף כלומרשט זיין סימבאַליש, אָבער ווי יעדע איבערטרייבונג פאַרפעלט עס דעם ציל.

דער ליטעראַרישער ווערט פון דער פּיעסע איז זיכער אַ גרויסער. די שפּראַך איז זייער שען; די דיאַלאָגען זיינען גלענצענד.

אַ שאָד וואָס דורך אַן איבערגעטריבענער קריטיק געגען אַ שיכט פון פאָלק און דורך אַן עקסטרעמיסטישער טענדענץ איז אַבגעשוואַכט געוואָרען אַ גרויסע היסטאָרישע דראַמע פון גאָר אַ ברייטען פאַרנעם.

די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרען פון וואָלף זילבערבערג אין גרענד פאַליי אין אַפּריל 1938. היינצע האָט געשפּילט אַלס דער „גר צדק". דער שוישפּילער איז אַליין געווען אַ דייטש, וועלכער האָט גע־שפּילט אידיש טעאַטער. וויעראַ קאַניעווסקאַ איז געווען נחמה'לע; וואָלף זילבערבערג — ר' משה; אַקסעלראָד — ר' צדוק; אייזיקאָוויטש — דער גראַף. עס האָבען נאָך אַנטייל גענומען: בעקי גאָלדשטיין, יאָזעף מאַרקאָוויטש, ברייטמאַן, שערמאַן א. אַ.

די פּיעסע איז געווען אַן אַבוועקסלונג אין רעפּערטואַר פון געווענ־ליכען אידישען טעאַטער.

ז. ערנסט טאלער׳ס „הינקעמאן״

ערנסט טאָלער איז געווען אַ גרויסער אידיש־דייטשער דיכטער. ער איז געווען אַ איד אָבער ער האָט געדיכטעט אין דער דייטשער שפּראַך, און מען קען אים באַטראַכטען פאַר דעם מאָדערנסטען און רעוואָלוציאָנערסטען דיכטער פון דער צייט צווישען דער ערשטער וועלט מלחמה און דער איצטיגער.

טאָלער האָט אַנטייל גענומען אין אַ פּאַרזוך פון די קאָמוניסטען צו פאַרכאַפּען די מאַכט אין בייערן. מען האָט אים דערפאַר אַריינגעוואָרפען אין אַ פעסטונג. אָבער אויך דאָרט האָט ער פאָרטגעזעצט שרייבען זיינע שטורמדיגע דיכטונגען, אין וועלכע ער האָט מער ווי גערופען צום קאַמף, ער האָט סימבאָליזירט דעם קאַמף פאַר סאָציאַלער באַפרייאונג.

ערנסט טאָלער איז אויך געווען אַ גרויסער דראַמע־דיכטער. ער האָט זיך איבערהויפּט באַרימט געמאַכט דורך צוויי גרויסע דראַמען: „הינקעמאַן״, די כאַראַקטעריסטישסטע דראַמע פון דער ערשטער וועלט מלחמה אין דער וועלט ליטעראַטור; און „מאַסעמענש״, אין וועלכער ער סימבאַליזירט אין עקספּרעסיאָניסטישע פאָרמען דעם קאַמף פון די מאַסע מענשען פאַר סאָציאַלער גלייכהייט, און צו דער זעלבער צייט זייער באַשרענקטקייט און צוריקגעשטאַנענקייט.

„הינקעמאַן״ איז איבערגעזעצט געוואָרען אין אידיש און איז אויפגעפירט געוואָרען אין לאָנדאָן פון מאָריס שוואַרץ אין פּרינץ אָף וויילס טעאַטער אין 1924, און פון דר. פאול באַראַטאָוו אין פּאַוויליאָן טעאַטער אין 1936.

„הינקעמאַן״ איז אַ כאַראַקטעריסטיש ווערק פון ערנסט טאָלער. עס איז אַ שטאַרקע רעאַליסטישע דראַמע, דורכגעדרונגען מיט סאָציאַלע רעוואָלוציאָנערע מאָטיוון, און מיט אַ טענדענץ צו סימבאָליזם. זי האָט אָן אַ שום ספק חסרונות, אַזעלכע חסרונות וואָס זיינען אייגענטימליך צו אַזעלכע ווערק, אין וועלכע מען וויל זאָגען פילע גרויסע זאַכען אויף איין מאָל, און מער אויפ׳ן וואונק...

אין אירע רעאַליסטישע שילדערונגען איז אַריינגעבראַכט געוואָרען צוליב דער טענדענץ צו סימבאָליזם אַ מאָטיוו, די געשלעכטליכע אונפעהיגקייט פון הינקעמאַן, וואָס איז ניט נאָר זייער גרויליך, נאָר אויך סענזאַציאָנעל, מעלאָדראַמאַטיש. און דער סימבאָליזם, וואָס דאַרף אָנצייגען אויף דער אימפּאָטענץ פון דייטשלאַנד, ווערט צוליב דעם שטאַר־

קען רעאַליזם פון דער אַלגעמיינער שילדערונג, ניט געווען בולט אַרויסגעבראַכט. אָבער טראָץ דעם איז עס אַ געלונגענע דראַמע.

„היינקעמאַן״ איז אין דער ערשטער ליניע די דראַמע פון די וועלכע זיינען געגאַנגען אין קריג קעמפען פאַר׳ן פאָטערלאַנד און זיינען אַהיימגעקומען צוקריפּעלט. זיי זיינען אַזוי צוקריפּעלט, אַז זיי פאַרלירען יעדע מעגליכקייט צו געניסען וועלכען ס׳איז גליק פון לעבען, און זיי פילען אַז זיי זיינען געבליבען אויף געלעכטער...

ס׳איז אויך די דראַמע פון דער אונגליקליכער פרוי וועלכע איז געבונדען צו אַזאַ קריפּעל; די נאַטור רייסט זי, אויף איין זייט, צום לעבען; און אויף דער צווייטער זייט איז זי באַהערשט פון דעם געפיל פון פליכט צו דעם מאַן, מיט וועלכען זי איז פאַרהייראַט. זי זינדיגט און געניסט ניט קיין גליק פון איר זינד. זי וויל איר מאַן העלפען און זי פילט זיך שולדיג צו אים. דער סוף איז, אַז זי ווערט געטריבען צו זעלבסטמאָרד, און דאָס צייגט אויך אים וואָס ער האָט צו טון...

אַחוץ די פּערזענליכע שטריכען איז „היינקעמאַן״ אין סימבאָלישען זין די דראַמע פון דייטשלאַנד. אויסערליך זעט אויס איר העלד, איר איינקערפּערונג, אַזוי מעכטיג, אַזוי שטאַרק — אַ הערקולעס; און אינערליך איז ער אַזוי צו׳מזיק׳ט, אַזוי שוואַך, אַזוי הילפלאָז, אַזוי דורכגעפוילט, קען מען זאָגען, פיזיש און פּסיכיש, אַז עס קען אים נאָר ערוואַרטען אונטערגאַנג.

אין „היינקעמאַן״ הערען זיך אויך קלאַנגען פון טאָלער׳ס שאַרפע קריטיק געגען דער מאַסע, וואָס ער האָט אַזוי געניאַל אַרויסגעבראַכט אין זיין פיל גרעסער ווערק „מאַסע מענש״. ער צייגט אָן אויף אַ מייסטערהאַפטען אופן ווי באַוואוסטלאָז די מאַסע איז, ווי זי לאָזט זיך טרייסטען פון די העסליכסטע פאַרגעניגענס, ווי זי דורשט נאָך בלוט, ווי זי האָט ניט קיין העכערען ציל און צוועק ווי צו באַפרידיגען רויע אינסטינקטען. ס׳איז איינפאַך זיך צו חידוש׳ן וואָס אַזאַ אינדיווידואַליסט און קריטיקער פון דער מאַסע, ווי טאָלער, האָט געקענט זיין אַ פּרעזידענט פון אַ סאָוויעט, זאָל עס זיין אפילו בלויז אויף אַ פּאָר טעג, ווערענד דער סאָוויעט שטיצט זיין מאַכט דורכאויס אויף דער מאַסע. דאָס ערקלערט זיך נאָר דערמיט, וואָס זיין האַס געגען מלחמה, און געגען דעם רעזשים וואָס האָט געשאַפען די מלחמה, איז געווען אַזוי גרויס, דאָס ער האָט גערעכענט אַז יעדער מיטעל איז באַרעכטיגט געגען זיי...

אָבער אַחוץ די אידעען וואָס „היינקעמאַן״ ענטהאַלט, איז זי אַ זייער שטאַרקע דראַמע אפילו פון בלויז דעם ריין דראַמאַטישען שטאַנדפּונקט. די לעצטע סצענעס צווישען דעם פאַרקריפּעלטען מאַן און זיין פרוי ענט־

האַלטען אַזאַ דראַמאַטישע אינטענסיוויקייט, און אַזאַ אמת׳ע פּסיכאָלאָגי־שע טיפּקייט, דאָס מען קען זיי פאַרגלייכען צו די שטאַרקסטע און בעס־טע סצענעס אין דער דראַמאַטישער ליטעראַטור. דאָס צווייטע בילד פון צווייטען אַקט, אין שענק, מיט די שמועסען און קריגערייען צווישען די פּראָלעטאַריער, איז אויך וואונדערבאַר רעאַליסטיש, געשילדערט מיט פיל קראַפט און ריכטיגקייט.

מאָריס שוואַרץ האָט געשפּילט מיט פיל טעמפּעראַמענט די ראָלע פון הינקעמאַן. בערטאַ גערסטען איז געווען גרעטאַ. עס האָבען נאָך אַנ־טייל גענומען: בינע אַבראַמאָוויטש, אליהו טענענהאָלץ, לאַזאַר פריד, מאַרק שווייד, וואָלף גאָלדפאַדען א. אַ.

באַראַטאָוו האָט געשפּילט טיפער די ראָלע פון הינקעמאַן, אָבער ער האָט געהאַט שוואַכערע מיטשפּילער.

ביידע פאָרשטעלונגען זיינען געווען ערפאָלגרייך.

25. פארשידענע

א. מיין שטאנדפונקט וועגן שונד

מיין כונה איז אין דעם בוך איבערצוגעבן נאָר דאָס וואָס איך האָב געשריבן וועגן פּיעסען, וועלכע קענען באַטראַכט ווערען אַלס ליטע־ראַרישע, און וועלכע האָבען אַ געוויסען קינסטלערישען ווערט; איך וויל ניט אַריינברייינגען אַזעלכע פּיעסען, וועלכע ווערען געוועהנליך באַצייכענט מיט דעם וואָרט „שונד". ס'איז גאַנץ גענוג, וואָס מען שפּילט אַזעלכע פּיעסען אין די אידישע טעאַטערס. ליידער שפּילט מען זיי זאָגאָר צופיל. מען טאָר זיי ניט איינשליסען אין וועלכער ס'איז געשיכטע; איבערהויפּט ניט אין אַ געשיכטע, וואָס האָט אַ טענדענץ פון קולטור.

„שונד" איז נאָך מיין מיינונג סם המות פאַר'ן פּובליקום. עס אַפּע־לירט צו גראָבע אינסטינקטען, און צו כאַראַקטער שוואַכקייט פון פּראָסטע מענשען, עס פאַרדאַרבט אַנשטאָט עס זאָל פאַרפיינערען, עס דערנידעריגט אַנשטאָט עס זאָל דערהויבען... שונד קומט זיך צוזאַמען מיט שאַנד...

די שונד שרייבער געלונגט צו מאַכען זייערע פּיעסען פּאָפּולער, ווייל זיי מישען אין זיי אַריין אידישע נאַציאָנאַלע געפילען, און זאָגאָר רע־ליגיעזע סענטימענטען. ביי זיי איז קיין זאַך ניט צו הייליג, און זיי מישען צוזאַמען פילעס, וואָס איז הייליג, מיט שמוץ... איך וויל פאַרצייכענען, אַז איך האָב שטענדיג פיינט געהאַט און שטענדיג באַקעמפט שונד. באַזונ־דערס האָב איך אויסגעזעצט געגען דאָס אַריינברייינגען נבל פּה, אונריינע וויצען פון סעקסואַלען כאַראַקטער. דאָס מאַכט אַן עקעלהאַפטען איינ־דרוק. איך פאַרצייכען דאָס, ווייל איך וויל, דאָס אויב דער בוך וועט אַריינפאַלען צו אַ אידישען שוישפּילער אָדער רע־זשיסאָר אין האַנד זאָל ער וויסען וואָס ס'איז מיין באַציהונג צו שונד, און די באַציהונג פון יעדען ערנסטען ליבהאָבער פון אידישען טעאַטער דאַרף זיין אַזוי. אויב מען מוז אפילו שפּילען אָפּערעטען און זאָגאָר מעלאָדראַמען, זאָלען זיי וועניגסטענס זיין ריין... זאָלען שוישפּילער וויסען, אַז זייער אויפגאַבע דאַרף זיין צו ווירקען צו גוטען און ניט צו שלעכטען. זאָל דאָס אידישע טעאַטער שטענדיג געהאַל־טען ווערען אויף אַ הויכער מדרגה, אַז ס'זאָל זיין אַ כבוד און ניט קיין שאַנדע.

און דערפאַר ווייל איך האַלט, אַז אפילו ניט קינסטלערישע פּיעסען האָבען אַ ווערט, ווען זיי זיינען כאָטש ריין, וועל איך זיך נאָך אָב־

שטעלען אויף איינינע פיעסען פארפאסער, וועלכע האבען געשריבען ווע־ניגסטענס ריינע פיעסען, ווען אפילו נים גאר קינסטלערישע אין העכערן זין.

ב. י. קאלמאנאוויטש׳עס פיעסען

י. קאלמאנאוויטש איז א פיעסען שרייבער, וועלכער באלאנגט ניט צו דעם בעסערען קינסטלערישען טעאטער, אבער ער איז א גאנץ פאפולע־רער שרייבער. זיינע פיעסען ווערען געשפילט מיט זייער פיל ערפאלג. ער פארשטייט ווי צו שפילען אויף מענשליכע סענטימענטען, באזונדערס אויף סענטימענטען פון עלטערן, ספעציעל פון מוטערס. ער באזיצט אויך א זייער גרויסע מאס פון הומאר, ער פארשטייט צו שילדערען כא־ראקטערע פון היימישע טיפען, און ער לאזט זיך ניט אראב נידעריג. ער האט בלויז דעם פעלער, וואס ער טרייבט איבער, הן די סענטימענטען, הן דעם הומאר. ער דערברייינגט אי דאס וויינען אי דאס לאכען צו היס־טעריע. ווען ער זאל האבען מער קאנטראל, מער איינגעהאלטענ־קייט, מער מאס, מער נייגונג צו נאטירליכקייט און ווענינער צו שארזש, וואלט ער זיכער געווען א דראמאטורג פון באדייטונג.

אין אלע פיעסען פון קאלמאנאוויטש׳ען, ווי די „אייביגע נארא־נים״, די „אייביגע מאמע״, און נאך אזעלכע אייביגקייטען... און אויך אין די „מיידלעך־מאמעס״, און „שוויגער־מאמע״ און נאך אזעלכע מאמעס... איז פאראן א מאסע סענטימענטאליזם, געמישט מיט א גרויסער מאס נאאיווקייט. זיינע כאראקטערע זיינען אממיינסטענס נאאיווע מענשען. עס איז דא פון זיי זייער פיל צו לאכען, אבער עס זיינען אויך פאראן ביי זיי שטארקע, אפשר שוין צו שטארקע, דראמאטישע מאמענטען... דאס וואס ער שילדערט האט א געוויסע נאענטקייט צום אמת, אבער ס׳איז אממיינסטענס שוים, אויפגעזאטען, אויפגעבלאזען. ס׳איז ניטא דערין קיין ערנסטע ערנסטקייט, קיין ריכטיגע באלאנסירונג, קיין קאנטראל אין ריכטיגען זין.

אין קאלמאנאוויטש׳עס פיעסען איז אויך פאראן פיל באנאליטעט. אבער ער האט איין מעלה, ער איז ניט ווולגאר, און דאס מאכט זיינע פיעסען דערטרעגליך זיי צו זען. די איבערטרייבונגען זיינען ווענינ־סטענס ריין, זיי רעגען ניט אויף.

ג. אפּערעטען

אָפּערעטען זיינען זיכער אַ גאַנץ באַרעכטיגטע און צו אַ געוויסען גראַד נוצליכע צווייג פון טעאַטער בכלל און אידישען טעאַטער בפרט. דאָס זיינען אַמוזירענדע, אונטערהאַלטענדע פאַרשטעלונגען, און אויב זיי האָבען שענע מוזיק און זיינען מיט געשמאַק אויסגעשטאַטעט, און אויב עס זיינען נאָך דאַ אין זיי פּאַסיגע טענץ, און זיינען פריי פון ציניזם, זיינען זיי אַנגענעם צו זען. איך ציי פאָר שטענדיג אַ שענע אָפּערעטע אַנשטאָט אַ סענזאַציאָנעלע מעלאָדראַמע. זי וואַרפט ניט דאָס פּובליקום אין קאָנוואולסיעס, פאַרקערט זי באַרוהיגט, זי ענטציקט, און אונטערהאַלט. זי רעגט ניט אויף די נערוועז, און פירט ניט צו היסטעריע; זי רופט אַרויס פיל מער געלעכטער ווי טרערען, און ווי זאָגען דאָקטוירים: געלעכטער איז געזונד!

באַזונדערס אין שווערע צייטען זיינען שענע אָפּערעטען אַ גוטע אָבוועקסלונג פאַר'ן אידישען טעאַטער. אין אַזעלכע צייטען זיינען די נערוועז גענוג צושרויפט, די הערצער גענוג אַנגעווייטאָגט און פאַרביטערט. דאָס לעבען אַליין איז אַזוי מעלאָדראַמאַטיש, אַז מען דאַרף ניט קיין מעלאָדראַמעס אויף דער בינע. אָפּערעטען זיינען אין דעם פאַל זייער פּאַסיג.

מען האָט דאַ אין לאָנדאָן געשפּילט גאַנץ שענע אידישע אָפּערעטען, ניט מיט דעם גרויסען גלאַנץ פון אַמעריקא, און מיט דעם גלאַנץ פון ענגלישען טעאַטער אודאי ניט... אָבער לויט די עקזיסטירענדע פאַרהעלטניסע האָבען זיי אויסגענומען.

איך וויל דערמאָנען איינינגע פון די אידישע אָפּערעטען וואָס מען האָט דאַ געשפּילט. איך קען אָבער נאָר דערמאָנען די פאַרפאַסער פון די ליברעטאָס און ניט זייערע קאָמפּאָזערס, כאָטש די מוזיק שפּילט די הויפּט ראָלע אין אַזעלכע מינים פאַרשטעלונגען. די סבה פאַר וואָס איך קען ניט די קאָמפּאָזערס דערמאָנען איז פשוט און איינפאַך, ווייל מען האָט זיי זעלטען אָנגעגעבען, ווען מען האָט די אָפּערעטען אויפגעפירט. מען האָט זיך ניט גערעכענט מיט אַזאַ „קלייניגקייט“... ס'איז איבעריג צו זאָגען אַז דאָס איז געווען אַ גרויסער פעלער. פאַרפאַסונג, אפילו נאָכאַמונג, פון שענער מוזיק איז אַ גאַנץ באַדייטענדע זאַך. מוזיק פאַרשאַפט דעם אונמיטעלבאַרסטען פאַרגעניגען, און די קאָמפּאָזערס, ווי ווייניג אייגענאַרטיג זיי זאָלען ניט זיין, פאַרדינען דערמאָנט צו ווערען. עס ווילט זיך האָפען אַז אין דער צוקונפט וועט מען דעם ביז איצטיגען פעלער פאַרריכטען. זאָל מען וויסען ניט נאָר וועמענס פאַרשטעלונג מען זעט, נור אויך וועמענס מוזיק מען הערט.

פון די אָפּערעטען וואָס מען האָט דאָ אויפגעפירט איז כדאי צו דערמאָנען די גאָלדפאַדען אָפּערעטען, אין וועלכע ס'האָבען זיך באַזונדערס אויסגעצייכענט מיט זייער זינגען: מאַדאַם צוויבעל, מאַדאַם צוקערבערג, און מאַקס גוזאָווסקי.

זיגמונד פיינמאַן האָט פאָרגעשטעלט זייער שען „שבת קודש", זיינע אַן אייגענע אָפּערעטע, אין וועלכער מען האָט געזונגען דאָס ליד „אַ טלית'על", וואָס איז געוואָרען זייער פּאָפּולער אויף דער אידישער גאַס.

פון די מאָדערנערע אָפּערעטען וועלכע זיינען מיר געפעלען איז צו דערמאָנען:

„פּאַלעסטינער ליבע" פון איזידאָר ליליען, אויפגעפירט אין פּאַוויליאָן טעאַטער פון יאָזעף קעסלער אין אַפּריל 1928. כאָטש אין דער האַנדלונג געפינט זיך פילעס רעוויו־מעסיגעס און אין דער מוזיק איז פאַראַן מער „פּאָפּורי" ווי אָריגינעלע קאָמפּאָזיציעס, איז עס געווען אַן ערפאָלגרייכע אָפּערעטע. עס איז גאַנץ אַנגענעם זי צו זען און הערען. דער הומאָר איז אויך געווען אַ ריינער, ער איז אַממיינסטענס באַשטאַנען אין מאָטיווען פון לערנען מיט „גרינע" ענגליש. זי איז אויך געווען שען אויסגעשטאַטעט.

אַ שענע אָפּערעטע איז אויך געווען „זיסע מאָמענטען" פון וויליאַם סיגעל, אויפגעפירט אין פּאַוויליאָן טעאַטער פון יוליוס נאַטאַנזאָן אין אָקטאָבער 1934. פון אַ געשיכטע וועגען אַ פאַרלוירען אידיש קינד, וואָס ווערט אויפגעבראַכט פון ציגיינער און וועלכער קערט זיך צוריק אַלס דערוואַקסענער צו זיין פאָלק, איז אויפגעבויט אַ אינטערעסאַנטע אָפּערעטע אויף אַ מאָדערנעם אופן. עס זיינען אין איר פאַראַן פראַכטפולע סצענעס, אינטערעסאַנטע איינפעלע, שענע מוזיק מיט האַרציגע געזאַנגען. עס איז בכלל געווען אַ פילפאַרביגער שפיל. אַ קליינער באַלעט פון יונגע ענגלישע טענצערינס האָט פיל בייגעטראָגען צו דער פילפאַרביגקייט פון דער פאָרשטעלונג.

נאָך אַן אָפּערעטע וואָס האָט ביי אונז אויסגענומען איז געווען „דער ציגיינער פּרינץ" פון וויליאַם סיגעל, מיט מוזיק פון אָלשאַנעצקי. ס. שטראַמער האָט זי אויפגעפירט; ער האָט אָנגעצייגט דעם נאָמען פון קאָמפּאָזער... „דער ציגיינער פּרינץ" איז אַ ראָמאַנטישע סענטימענטאַלע אָפּערעטע מיט האַרציגע און לוסטיגע לידער, צווישען זיי די פראַכטפולע „דאָינאַ" (אַ רומענישע עלעגיע). עס פעלט אויך ניט אַ חזן, וואָס זינגט שען די ברכות ביי אַ חופּה. דאָס אַריינברייגען אידישע רעליגיעזע פאָלקס מאָטיווען אין די אָפּערעטעס מאַכט אַ באַזונדערן אַפּיל צו דעם אידישען סענטימענט.

אַ האַרציגע פאַרשטעלונג איז אויך געווען „דעם בייגעל בעקער׳ס טעכטערל״, אויפגעפירט פון מרים קאַראַלאָווא אין פאַווילאָן טעאַטער אין דעצעמבער 1930. זי האָט שוין אין גאַנצן פאַרשוויגען ניט נאָר דעם קאָמפּאָזער, נור אפילו דעם מחבר... דאָס איז מער אַ מוזיקאַלישע קאָמעדיע ווי אַן אָפּערעטע, מיט אַ מאַסע שענקייט, פול מיט אָבוועקס־לונגען און נואַנסען.

אַ זייער האַרציגע גאַנצע קאָמעדיע איז „יאָסעלע און פּיגעלע״, וואָס איז געשפּילט געוואָרען פון מאַרק מאַרקאָוו און עטאַ טאָפּעל אין גרענד פּאַליי. די פּיעסע איז געבויט אויף אַ ליבעס ראָמאַנס, געמישט מיט אַ אינטריגע און מיט אַ שטרעבונג צו קונסט; עס איז אין איר פאַראַן פיל הומאָר, און לידער האָט זי זייער שענע, פאָלקסטימליכע, וועל־כע זיינען פול מיט חן געזונגען געוואָרען.

עס זיינען נאָך צו דערמאָנען: „קאַווקאַזער ליבע״ מיט מוזיק פון פּרץ סאַנדלער; „וואָלאָדקע פון אָדעס״ מיט מוזיק פון זעלבען קאָמפּאָ־זער. דאָס זיינען לייכטע שענע אָפּערעטען, וועלכע ס׳איז געווען אַנגענעם צו זען. די לעצטע איז אויפגעפירט געוואָרען אין גרענד פּאַליי פון מאַרק מאַרקאָוו.

ד. טאָמאַשעווסקי׳ס „אַלטע לידעלאַך״

אַז מען שרייבט פון מוזיקאַלישע פאַרשטעלונגען, וואָס זיינען געגע־בען געוואָרען אין לאָנדאָן, מוז מען באַזונדערס דערמאָנען באָריס טאָמאַ־שעווסקי׳ס „אַלטע לידעלאַך״. די דאָזיגע „אָפּערעטע״ פאַרדינט באַזונ־דערע אויפמערקזאַמקייט צוליב דעם וואָס זי איז געשאַפען געוואָרען פון עפּיזאָדען פון דעם לעבען און שאַפען פון דעם גרינדער פון אידישען טעאַטער, אברהם גאָלדפאַדען. ס׳איז געווען אַ גליקליכע אידעע פון באָ־ריס טאָמאַשעווסקי צו אַראַנזשירען די דאָזיגע עפּיזאָדען אין איין פּיעסע. ער האָט אַריינגעוועבט אין איר די שענסטע דעקלאַמאַציאָנען, לידער און מוזיק וואָס דער אומשטערבליכער שאַפער פון אידישע נאַציאָנאַלע אָפּע־רעטען האָט פאַרפאַסט.

טאָמאַשעווסקי איז אפילו ניט געווען גענוג גרויסער דיכטער צו קענען אַזוי האַרמאָניש צוזאַמענבינדען די דאָזיגע עפּיזאָדען, אַז ס׳זאָל אַרויסקומען פון זיי אַן איינהייטליכע גאַנצקייט. זיי זיינען געבליבען ווי אָבגעזונדערט איינע פון די צווייטע. זיי מאַכען מער דעם איינדרוק פון פאַרשידענע נומערן פון אַ קאָנצערט. זיי פאָלגען נאָך איינע די אַנדערע צופעליג, און ניט אונפאַרמיידליך, ווי עס פאָדערט די ענטוויקלונג פון אַ גרויס בינע ווערק. אָבער טראָץ דעם חסרון איז די אָפּערעטע זייער שען.

יעדער עפּיזאָד פאַר זיך איז אינטערעסאַנט, און די לידער און דעקלאַמאַציעס זיינען געלונגען אַריינגעפּאַסט. זיי ווערען אַרויסגעבראַכט אין זייער פולער נאַציאָנאַלער עכטקייט און קינסטלערישער שענקייט.

דער ערשטער אַקט פון „אַלטע לידעלאַך" איז איינפאַך אַן עפּיק פון דער ענטשטייאונג פון אידישען טעאַטער. אין איהם ווערען געשילדערט די ליידען וואָס גאָלדפאַדען האָט געהאַט איבערצולעבען, ווען ער האָט געשאַפען זיינע אידישע געזאַנגען. עס ווערט אַרויסגעבראַכט אי די פאַנאַטישע געגנערשאַפט פון אַלטען אידישען דור צו דער אידעע פון אַ אידיש טעאַטער, אי דער אינערליכער דראַנג פון קינסטלער און זיין נצחון.

דער צווייטער אַקט איז אַ שילדערונג פון דער ליידענס געשיכטע פון אידישען טעאַטער אין צאַרישען רוסלאַנד, וואו מען האָט ניט דערלויבט צו שפּילען טעאַטער, און מען האָט דאָך געשפּילט אונטער זייער שווערע באַדינגונגען. ס'איז געזונגען אין פריידען פון אַמאָליגע ליידען.

און דער דריטער אַקט איז אַ גלענצענדע כאַראַקטעריזירונג פון אברהם גאָלדפאַדען'ס עלטער. עס איז אַ סימפּאַניע אין כאַראַקטעריזירונג. צו דעם האָט בייגעטראָגען ניט נאָר די דיאַלאָגען און געזאַנגען וואָס ווערען באַנוצט אין דעם אַקט, נאָר אויך דאָס געלונגענע כאַראַקטעריסטישע שפּילען פון באָריס טאָמאַשעווסקי, וועלכער האָט פאַרגעשטעלט גאָלדפאַדען'ען.

ה. יאזעף מארקאוויטש און זיינע פיעסען

צווישען די וועלכע האָבען געשריבען אידישע פּיעסען אין ענגלאַנד פאַרנעמט יאָזעף מאַרקאָוויטש דעם ערשטען און מען קען זאָגען דעם איינציגען פּלאַץ. ער האָט געשריבען אַ גאַנצע רייע פּיעסען, וועלכע זיינען געשפּילט געוואָרען אין לאָנדאָן און אין אַנדערע שטעט אין פראַנקרייך, זיד אַפריקא, זיד אַמעריקא און זאָגאַר אין ניו יאָרק.

יאָזעף מאַרקאָוויטש איז געבוירען געוואָרען אין 1884 אין פאַסטאָוו, קיעווער גובערניע, אוקראַינע. אין דער עלטער פון צוואַנציג יאָר איז ער געקומען קיין לאָנדאָן, און דאָ האָט ער פאַרבראַכט זיין לעבענס צייט. ער האָט אויך גאַסטראָלירט אין פּאַריז און אין בוענאָס אירעס.

די ערשטע פּיעסע וואָס ער האָט פאַרפאַסט איז געווען „דער רעוואָלוציאָנער", וואָס איז געשפּילט געוואָרען פון זיגמונד פיינמאַן אין פּאַוויליאָן טעאַטער אין 1907. עס האָבען דאַן נאָכגעפאָלגט אַ גאַנצע רייע אַנדערע פּיעסען. די לעבענס בילדער: „זאַפּאַסטנאַי סאָלדאַט", „גאָלדענער שליסעל", „מאַמעס טרערען", „אַפּיקורס", „גאָט'ס גנבים", „דער געמב־

לער", „דאָס לעצטע ליד", „בראָדיאַגע", „חברים", „קאָנווענשאָן" א. אַ. אָפּערעטעז: „סאלימא", „גרעפין פּאָטאָצקי", „אַ מיליאָן פאַר אַ אידען", „ווייבערישע מלוכה", „פּאַריז ביינאַכט" א. אַ. דראַמען: „גראַזשדאַנין", „דער הימעל מענש", „דעספּאָט" און אַנדערע. ער האָט אויך פאַרפאַסט פּילע לידער מיט אייגענער מוזיק, וועלכע זיינען געזונגען געוואָרען ניט נאָר אין טעאַטער.

אין זיינע פּיעסען האָט מאַרקאָוויטש זיך געוויגט צווישען בעסערען אידישען טעאַטער און דאָס וואָס מען באַצייכענט אַלס דאָס אַלטע אידישע טעאַטער. ער איז אַ פעהיגער שוישפּילער, אַ מענש מיט טאַלאַנט, און ער האָט קינסטלערישע נייגונגען. אָבער ער איז זיין גאַנצען לעבען געווען צוזאַמענגעבונדען מיט דעם אַלטען מין פּיעסען, און מיט דעם באַגריף, אַז ס'איז ניט פאַראַן קיין פּובליקום פאַר'ן בעסערען אידישען טעאַטער, פאַלגליך האָט ער געשריבען אַזעלכע פּיעסען וואָס זאָלען זיך פּאַסען פאַר'ן „וועריטען פּובליקום". אָבער אין זיינע פּיעסען האָט ער אַריינגעוועבט אינטערעסאַנטע לעבענס סצענעס, מאָטיוועז פון ריעאַלען אינטערעס, און פּילע גאַנץ שענע קינסטלערישע פּונקטען.

כדי צו כאַראַקטעריזירען מאַרקאָוויטש'ס שאַפען וועל איך איבערגעבען וואָס איך האָב געשריבען וועגען זיין פּיעסע „דער גאָלדענער שליסעל", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרען אין פּאַוויליאָן טעאַטער אין פעברואַר 1923:

ניט מיט דער פּרעטענציעזער מאָס פון קונסט האַרף מען מעסטען מאַרקאָוויטש'ס פּיעסע „דער גאָלדענער שליסעל". ער שרייבט פּיעסען לויט דעם שניט פון דעם אַלטען אידישען טעאַטער, און זיי זיינען זיכער ניט ערגער, נאָר בעסער, ווי די פון אַנדערע ענליכע פאַרפאַסערס פון אַמעריקא.

„דער גאָלדענער שליסעל" וואָס ווערט באַצייכענט אַלס „פאַמיליען דראַמע" איז אין גרעסטען טייל אַ ריעאַליסטיש לעבענס בילד. ס'איז ניט געגנוג פּאָלירט, אָבער ס'איז נאַטירליך. דאָס וואָס געשעט אין די ערשטע צוויי אַקטען קען פאָרקומען אין לעבען... ווען דער מחבר וואָלט די דיאַלאָגען מער געשליפען, און די האַנדלונג מער קאָנצענטרירט, אַז זי זאָל זיך ענטוויקלען מיט אַ גרעסערען טעמפּאָ, און ווען ער זאָל געווען האַלטען דעם דריטען אַקט אין דער מאָס פון נאַטירליכקייט, און ניט אַריינברענגען אַ מעלאָדראַמאַטישען סוף, וואָלט די פּיעסע געווען אַ גאַנץ גוטע אפילו ניט בלויז פאַר דעם אַלטען טעאַטער... ער האָט זיך אָבער ניט געקענט באַפרייען פון זיין סביבה און ס'איז אַרויסגעקומען אַ מעלאָדראַמע, אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע, אָבער דאָך אַ מעלאָדראַמע.

אנגענעם אין דער פיעסע איז דער געלונגענער פאָלקסטימליכער הו־מאָר, וואָס רופט אַרויס הארציגן געלעכטער, און איז ניט באַנאַל. די פיעסע איז פול מיט שיינע גלייכווערטלעך. זי האָט אויך אַ מאָראַליזירנ־דע טענדענץ: אַ היבשע פּאָרציע מוסר צו די מיידלעך, אַז זיי זאָלן זיך ניט יאָגן נאָך לוקסוס און פאַרגעניגנס, וואָס קענען זיי אַריינשלעפּן אין זומפּ. אַזעלכע וואָרנונגען זיינען אָפט נייטיק.

די פיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן פון יאָזעף קעסלער מיט דער באַטייליגונג פון דיינע פיינמאַן, יאָזעף מאַרקאָוויטש אַליין, בעקי גאָלד־שטיין, זאַנגער און אַנדערע.

עס איז געווען אַן ערפאָלגרייכע פיעסע אין פּאָפּולערן זין.

די פיעסע איז מאַסגעבענד פאַר מאַרקאָוויטש׳ס שאַפן.

ו. א. מייזעלס׳ „אידען פארען קיין ארץ ישראל״

א. מייזעלס, וועלכער איז צו אונז געקומען אַלס פליכטלינג פון וויען, וואו ער איז געווען אַ אידישער טעאַטער דירעקטאָר, און איז גע־וואָרן דאָ אַ תושב, האָט אויך אויפגעפירט אין גרענד פּאַליי אין דעצעמבער 1938 זיינע אַ פיעסע „אידען פאָרען קיין ארץ ישראל״.

עס ווערט אין דער רעוויו־מעסיגער פיעסע פאַרגעשטעלט אויף איין זייט די טראַגעדיע פון די אידען, וועלכע ווערען געטריבען פון נאַ־צי דייטשלאַנד, פון וואַנען מען האָט זיי אַריינגעיאָגט אין קיינעמס לאַנד, און זיי קענען זיך קיין עצה ניט געבען; און אויף דער צווייטער זייט שטעלט מען פאַר, ווי גליקליך עס פילען זיך יענע אידען, וועלכע דערשלאָגען זיך קיין ארץ ישראל. זיי האָבען אפילו דאָרט אויך צו קעמפען, אָבער דער נחת פון זיך צו פילען פריי און צו קענען אַרבייטען, בויען און שאַ־פען אין אייגען לאַנד, פאַרגיטיגט פאַר אַלע צרות, און מען פילט זיך דערפרישט, דערמוטיגט און צופרידען.

צוערשט קומט די טראַגישע טייל. דערפאַר איז דער אַנהויב פון דער פאָרשטעלונג נאַטירליך אַ אומעטיגער, אָבער וואָס ווייטער ווערט אַלץ פריילעכער, און פּאַלגליך אויך לעבעדיגער און מער אַמוזירענד. טראַגעדיע לאָזט זיך אויך ניט אַזוי לייכט באַהאַנדלען אין קורצע סצענעס און בילדער; אָבער דאָך — צוזאַמען מיט די רירענדע געזאַנגען מאַכען אויך יענע בילדער אַ שטאַרקען איינדרוק. די צווייטע טייל, וואָס איז קאָמעדיע מיט געזאַנגען, איז זייער לעבעדיג און דער עולם אַמוזירט זיך אויף דעם בעסטען אופן.

די פאָרשטעלונג האָט אויך אַ שטאַרקען נאַציאָנאַלען כאַראַקטער. ס׳איז אין איר פאַראַן פיל אַגיטאַציע פאַר ארץ ישראל, טאַקע שוין

צופּיל פון ריין טעאַטראַלישען שטאַנדפּונקט. עס זיינען אויך פאַראַן ווערטער, אין אויסברויז פון געפילען געגען דאָס פייניגען פון די אידען, וואָס לאָזען זיך ענדערען. שוין בלויז צוליב דעם וואָס ס'איז קונסט דאַרף עס זיין ניט אין אַזאַ שטאַרקען טאָן. איינגעהאַלטענקייט מאַכט אויף דער בינע אַ שטאַרקערען איינדרוק.

אָבער בכלל איז עס לעבעדיג און לוסטיג, און דער עולם האָט אַ מעגליכקייט ניט נאָר זיך צו אַמוזירען, נור אויך צו זען און צו הערען, ווי עס האַלט מיט אידען אין דער וועלט, און צו באַגרייפען וואָס עס לאָזט זיך פילען אונטער די אומשטענדען.

די אויפפירונג איז געווען גאַנץ שען. די בילדער, באַזונדערס אין עמק און אין תל אביב, זיינען גאַנץ איינדרוקספול.

אין דער פּיעסע איז אויך געזונגען געוואָרען אַ ליד: „לאָנדאָן איז אַ שטעטעל". עס איז אַן אַמוזירענד ליד אין בעסערען סטיל, פול מיט אינערליכען דאַנק צו ענגלאַנד פאַר איר טאָלעראַנץ און פריינדשאַפט צו אידען. דאָס ליד איז אַ „היט", און מען מעג געזונגען ווערען ניט נאָר אין טעאַטער.

די פּיעסע ענטהאַלט אויך שענע חלוצים לידער.

עס האָבען זיך באַטייליגט אין דער פאָרשטעלונג: לעאָן בלומענ־זאָן, מרים קאַראַלאָוואַ, אהרן פאָליאַקאָוו, עווא זיידמאַן, אייזיקאָוויטש, וואָלדעמאַר היינצע, וואָלף זילבערבערג, יאָזעף שערמאַן, מאָריס אַק־סעלראַד, מיני ווייללאַנד א. אַ.

צווישען די רעוויו־מעסיגע פּיעסען, וואָס מען האָט געשפּילט אין לאָנדאָן, איז „אידען פאַרען קיין ארץ ישראל" געווען פון די שענערע.

ז. ש. באַרבער'ס מעלאדראמען

דאָ אין לאָנדאָן האָט אויך ש. באַרבער, אַ מוזיקאַנט אין דזשעז אָר־קעסטערס, געשריבען איניגע מעלאָדראַמען: „דער מאָדערנער שיילאָק", „דער סוד פון אַ פרוי", „די פרוכט פון זינד", „די נקמה פון אַ פרוי", „די קראַפט פון יצר הרע", און „די מלחמה קרבנות". זיי זיינען געשרי־בען לויט דעם אַלטען שטייגער מיט שטאַרקע איבערטרייבונגען. מען האָט זיי געשפּילט אין פּאַוויליאָן טעאַטער און אויך אין טעאַטערס פון לאָדז. זיי זיינען ניט אַריין אין דעם רעפּערטואַר פון פּיעסען, וואָס זיינען מיר געפעלען.

ח. פארזוכען צו שאפען דראמען אין לאנדאן

עס זיינען אויך געמאַכט געוואָרען איניגע פאַרזוכען אין לאָנדאָן צו שאַפען דראַמען פאַר׳ן אידישען טעאַטער.

דוניח האָט געשאַפען אַ פּיעסע „דערנער״. ער האָט אין איר געשילדערט דאָס אָרימע לעבען פון אַן איינגעוואַנדערטער אידישער פאַמיליע אין דער איסט ענד פון לאָנדאָן; די אָרימקייט, די נויט, און זאָגאָר די שרעק פאַר׳ן פריסטאַוו, וואָס איז נאָך דאַמאָלט געבליבען אין הערצער פון איינגעוואַנדערטע אידען, וואָס האָבען דאָס געבראַכט פון דער אַלטער היים. דער מחבר האָט אָבער בלויז געקענט שילדערען אַטמאָספערע. ער האָט ניט געקענט שאַפען קיין ריכטיגען כאַראַקטער, און האָט ניט געקענט ענטוויקלען האַנדלונג.

מאָריס מאָסקאָוויטש האָט די פּיעסע אויפגעפירט אין יאַנואַר 1913; אָבער איר ערפאָלג איז ניט געווען גרויס גענוג, אַז מען זאָל זי ווייטער שפּילען.

אברהם וועוויאָרקאַ האָט אין לאָנדאָן געשאַפען אַ דראַמע „אין דער פינסטערער נאַכט״, מיט אַן עראָטישען אינהאַלט. ער האָט געשילדערט די זינד פון אַ חסיד מיט זיין שוועגערין. מאָסקאָוויטש האָט אויפגעפירט די פּיעסע אין 1911, און זי איז דורכגעפאַלען.

ווען רודאָלף זאַסלאַווסקי האָט געשפּילט אין לאָנדאָן אין 1934 האָט ער ווידער אויפגעפירט די זעלבע פּיעסע אונטער דעם נאָמען „חסידים״. ער האָט זי געמאַכט מער ספּעקטאַקולאַר דורך איינפירען חסידישע טענץ. אָבער די פּיעסע איז אַלץ געבליבען שוואַך. איך האָב וועגען איר געשריבען:

„אין „חסידים״ ווערט ניט געשילדערט ברייט דאָס חסידישע לעבען, די שענקייטען פון דעם דאַזיגען לעבען זיינען אין גאַנצען אַרויסגעלאָזען. עס פעלט דער גרויסער צדיק מיט זיין זאָגען תורה, מיט זיין פראַווען טישען, מיט זיין התלהבות, מיט זיין פעסטקייט און מיט זיין התבודדות. דאָ און דאָרט הערט זיך עפּעס אַ וואָרט וועגען דעם, אָבער דאָס ווערט ניט פאַרגעשטעלט. די גאַנצע דראַמע איז בלויז וועגען אָבפאַל פון חסידיזם, בלויז וועגען זיין ענטאַרטונג, און אויך דאָס איז איינזייטיג און פאַלגליך שוואַך געשילדערט.

אַלע חסידישע כאַראַקטערע, וועלכע ערשיינען אין דער פּיעסע, זיינען ניט קיין געהויבענע מענשען. איינער שטעלט זיך אַליין פאַר, אַז ער איז אַ פראָסטאַק... אַ צווייטער איז גאָר אַ גרויסער שכור... דער הויפּט

כאַראַקטער איז אַ זינדיגער... און אַלע אַנדערע חסידים זיינען פּאַרגע־שטעלט אַלס עמי הארצים. אַזאַ גערזינדעל, אָן אַ קאָנטראַסט פון געהוי־בענע, ריינע, שענע חסידים, איז אַ פעלשונג און קען ניט זיין אינטערע־סאַנט, אפילו ניט פאַר דער בינע.

דאָס וואָס דער הויפּט כאַראַקטער באַגייט זיין זינד בעת ער איז שכור, מאַכט אפילו די זינד פאַר אַ קליינליכע, ניט אַרויסגערופען פון אַ ברענענדען אימפּולס...

ווען ל. קוסמאַן איז פאַרבייגעפאָרען לאָנדאָן האָט מען דאָ אויפגע־פירט זיינע אַ פּיעסע „דער וועג צו פריהייט“. ס'איז געווען אַ פּאַגראָם־פּיעסע, אָבער אַזוי טענדענציעז, אַז דאָס קינסטלערישע אין איר איז שטאַרק אָבגעשוואַכט געוואָרען. אויך די פּיעסע האָט קיין ערפאָלג ניט געהאַט. מען האָט זי אַ איינציג מאָל געשפּילט אין לאָנדאָן.

דוד שטיבער האָט געשאַפען אַ היסטאָרישע דראַמע פון דער צייט פון בית שני „בן שטח“. אידעען זיינען געווען אין איר, אָבער מער רייד ווי האַנדלונג. דער סטיל איז אויך ניט געווען קיין געהויבענער. מען האָט זי ניט געשפּילט, אָבער זי איז ערשינען אין אַ בוך.

י. קאַפּיטאַנטשיק האָט פאַרפאַסט אַ דראַמע געשטיצט אויף אַ טראַ־גישער פּאַסירונג אין ווייטשעפּעל. אויך זי איז געשפּילט געוואָרען בלויז איין מאָל.

ס. פּאַלמע האָט געשאַפען אַ פּיעסע „דאָס ליד פון לעבען“, וואָס מאַרק מאַרקאָוו האָט אויפגעפירט אין גרענד פּאַליי אין 1942.

צו זאָגען אַז די דראַמע איז אין גאַנצען אָריגינעל וואָלט געווען גע־פעלט. עס פילען זיך אין איר פאַרשידענע פרעמדע איינפלוסען. זי איז גראַד געשריבען אויף אַ ברייטען שטייגער. זי האָט אַ פּראָלאָג, 3 אַקטען און אַן עפּילאָג; יעדער אַקט האָט סצענעס, און יעדע סצענע איז טאַקע סצעניש. אָבער אין פּראָלאָג און אין עפּילאָג דערמאָנט מען זיך אין „דיבוק“; אין ערשטען אַקט דערמאָנט מען זיך אין די אַמעריקאַנער מע־לאָדראַמען מיט דעם קאָמישען פּאָרעל, וואָס פּלאָנטערט זיך אַריין אין מיטען. אין צווייטען אַקט האָבען מיר „פּאַיאַצי“... און דער דריטער אַקט דערמאָנט די דעקאַדענטישע ליטעראַטור פון פערציג יאָר צוריק, וואָס האָט בלויז געהאַט צו טון מיט צובראָכענע טיפּען: סאַמע דורכגעפאַלענע, סאַמע צושמעטערטע, וועלכע האָבען אַלץ פאַרלוירען, אפילו זייער ווירדע, און זיי האָבען מער ניט וועגען וואָס צו לעבען אויף דער וועלט.

אָבער טראָץ דעם וואָס ס'איז אין אַ געוויסען הינזיכט אַ צוזאַמענגע־שטעלטע דראַמע, רופט זי דאָך אַרויס אינטערעס. ערשטענס זיינען די סצענעס אָן און פאַר זיך שען. עס ווערען אין די מיינסטע פון זיי אויך געזונגען גאַנץ שענע לידער, פאַרפאַסט פון פאַלמע'ן מיט אייגענע מוזיק, וואָס איז גאַנץ אינטערעסאַנט צו הערען. מיט אייניגע קליינע אויסנאַמעס איז די האַנדלונג געשפאַנט, און די דראַמע ענטוויקעלט זיך און גרייכט צו אַ גאַנץ איינדרוקספולען קלימאַקס.

אָבער ניט האָבענדיג פיל אייגענאַרטיגעס האָט די דראַמע אויך ניט געהאַט קיין גרויסען ערפאָלג. אויך זי איז געבליבען ביי דער ערשטער פאַרשטעלונג.

ס'איז זיכער אַ שאָד, וואָס ביי אונז זיינען ניט געשאַפען געוואָרען קיין ערפאָלגרייכע פיעסען. די אידישע לאָנדאָן קען איר בינע נאָר באַ־פוצען מיט פרעמדע פעדערען, מיט פיעסען געשאַפען אין אַנדערע לענ־דער, אָדער מיט איבערזעצונגען.

איבערזעצונגען האָט מען ביי אונז אויך געמאַכט גוטע. מען האָט דאָ אַרויסגעגעבען „סאַלאָמע" פון אָסקאַר ווילד, „פעלעאַס און מע־ליסאַנדרע" פון מאָריס מעטערלינק, און דער פאַרפאַסער פון דעם בוך האָט איבערגעזעצט און אַרויסגעגעבען מאָריס מעטערלינק'ס „דער בלויער פויגעל". עס האָט גאָרניט געקענט זיין קיין רייד פון אויפפירען די דאָזיגע עכטע קונסט פיעסען אויף דער היגער אידישער בינע, אַפילו די אידישע קונסט טעאַטערס אין אַנדערע לענדער האָבען זיך נאָך ניט פאַרמאָסטען זיי צו שפילען. עס איז אָבער וויכטיג וואָס ס'איז דאָ געווען אַ ווילען צו שאַפען און צו איבערזעצען; און ס'איז זיכער ניט די שולד פון די שרייבער, וועלכע עס איז אויסגעקומען דאָ צו לעבען און שאַפען, וואָס די מעגליכקייטען זיינען געווען אַזעלכע קליינע...

26. א גרויסע באמיהונג

פאר אידישע קונסט, אפערא און דראמע,— דאס פיינמאן אידישע פאלקס טעאטער: „טעמפעל"

ביי אונז אין לאנדאן האט מען ניט דערגרייכט צו שאפען א באַ־שטענדיגען אידישען קונסט טעאטער, אבער מען זאל בשום אופן ניט מיינען, אז ס'האט דא געפעלט אמביציע, און ס'איז ניט געמאכט געווארען קיין באמיהונג אויף דעם דאזיגען געביט. פארקערט, אמביציע האט ניט געפעלט. עס איז זאגאר געווען א גאר גרויסע אמביציע, און ס'איז גע־מאכט געווארען א געוואלטיגע אנשטרענגונג, די ערשטע אין דער וועלט, צו שאפען א שטענדיגען אידישען פאלקס־קונסט טעאטער. ס'איז זאגאר וועגען דעם געבויט געווארען פון פאלקס געלד א ספעציעלער בנין, דאס „טעמפעל", אין קאמערשעל רויד, איסט, אין וועלכען מען האט געזונגען אפערא אין אידיש און מען האט געשפילט פון די בעסטע אידישע דראַ־מען. ליידער איז די זייער וויכטיגע פאלקס אונטערנעמונג אונטערגע־גאנגען, און דאס „טעמפעל" איז פארוואנדעלט געווארען אין א „פיקטשע פעלעס" (קינמאטאגראף) מיט דעם נאמען „פאליסאום".

עס איז ערשט אין אנהויב יולי 1942 געווארען דרייסיג יאר, זינט די דאזיגע לאנדאנער, בעסער געזאגט ווייטשעפעלער, אידישע פאלקס־קונסט טראגעדיע איז פארגעקומען.

דער דאזיגער זייער אינטערעסאנטער קאפיטעל געשיכטע פון אידי־שען טעאטער אין לאנדאן איז אזוי געשען:

א. די ענטשטייאונג פון „טעמפעל"

דער ערשטער אידישער קינסטלער, וועלכער האט אין מיין צייט, מיט איבער 35 יאר צוריק, געלעגט פונדאמענטען, אז ס'זאל דא עקזיס־טירען א שטענדיגער אידישער טעאטער בכלל, איז געווען זיגמונד פיינמאן. ער איז אהער געקומען פון אמעריקא, וואס פאר א ראלע און ראלען ער האט געשפילט וועל איך ווייטער איבערגעבען. דא וויל איך נאר זאגען, אז ער האט באמת זייער פיל אויפגעטון פאר אנהאלטען דא א אידיש טעאטער. צוערשט איז ער געקומען אהער אליין, נאך דעם האט ער געבראכט זיין פרוי, די דא זייער שטארק באליבטע דיינע פיינמאן. זיי האבען די ערשטע געשפילט ביי אונז א גרעסערען רעפערטואר פון בעסערע פיעסען. פיינמאן האט דא דער ערשטער אויפגעפירט יעקב

גאַרדינ׳ס דראַמעס, און אויך אַזאַ דראַמע, ווי מאַקסים גאַרקי׳ס „מעש־טשאַניע״.

זיגמונד פיינמאַן האָט נאָך געהאַט די זייער גרויסע מעלה: כאָטש ער איז געווען אַ גרויסער קינסטלער און זיין פרוי אַ זייער באַדייטענדע קינסטלערין, האָט ער אויף זיך אַליין מיט זיין פרוי ניט געשטעלט. ער האָט שטענדיג געזוכט צו האָבען אַ ערשט־קלאַסיגע טרופע, און ער האָט געבראַכט זייער גוטע קרעפטען פון אַמעריקא, ווי באַריס ראָזענטאַל, ב. שיינגאָלד; ער האָט אויך געבראַכט זאַץ׳ען, צום ערשטען מאָל קיין לאָנדאָן. און אַחוץ דעם האָט ער געהאַט אין זיין טרופע זיין פרוי׳ס טאָכטער, די זייער טאַלענטירטע שוישפילערין צילי אַדלער. זי איז נאָך דאַמאָלט געווען גאַנץ יונג, אָבער איר טאַלאַנט האָט זיך שוין אַרויסגעזען.

עס איז געווען נאַטירליך, דאָס אַזעלכע קינסטלער, ווי פיינמאַן מיט זיין פרוי, וועלכע זיינען געווען אַזוי איבערגעגעבן צום אידישען טעאַטער, און וועלכע זיינען נאָך דערצו געווען זייער פריינדליך, אָן אַ סמן פון אָנגעבלאָזענקייט, זאָלען זיין שטאַרק באַליבט און געשעצט ביי דעם גאַנצען אידישען פובליקום אין לאָנדאָן.

אַזוי האָבען זיי אָבגעשפילט לערך פינף יאָר אין פּאַווילִיאָן טעאַטער מיט גרויס ערפאָלג. אָבער נאָך דעם זיינען ענטשטאַנען שוועריגקייטען: די מאַסען פאַרגעסען דאָך וואָס זיי זיינען שולדיג די מענשען, וועלכע אַרבייטען, שאַפען און ווירקען פאַר זיי... עס האָט זיך דעם פובליקום אויסגעדוכט, אַז ס׳האָט שוין געזען גענוג אידיש טעאַטער, און ס׳איז געוואָרען שיטערער ביי די פאָרשטעלונגען. דער דאַמאָלטדיגער אייגענטימער פון טעאַטער האָט פּאָלגליך אָנגעהויבען אַרויסצוצייגען אונצופרידענקייט. עס איז נאָך אַריינגעקומען אַ קאָנקורענץ: אַ צווייטער שוישפילער האָט אָנגעהויבען שפּילען אין אַ צווייטען טעאַטער, און האָט אויך אָנגעהויבען אין דער שטיל פאַרהאַנדלען מיט׳ן אייגענטימער פון פּאַוויליאָן. דער סוף איז געווען, אַז זיגמונד פיינמאַן איז אין זומער 1909 אַוועקגעפאָרען פון לאָנדאָן צוזאַמען מיט זיין פרוי און משפּחה קיין פּויִלען, דאָרט שפּילען טעאַטער. זיי זיינען פאַרפאָרען קיין לאָדז, און דאָרט, שיינט מיר, ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג, אָדער ביי איינע פון די ערשטע פאָרשטעלונגען, האָט זיגמונד פיינמאַן באַקומען אַ האַרץ־שלאַג אויף דער בינע און איז געשטאָרבען.

די ידיעה פון פיינמאַנ׳ס טויט האָט דאָ אין לאָנדאָן געמאַכט אַ זייער גרויסען רושם. מען האָט געוואוסט, אַז זיין אַוועקפאָרען פון דאַנען האָט אים גאָר שטאַרק געערגערט, און מען האָט אָנגענומען אַז דאָס איז געווען די סבה פון זיין פּלוצלינגען טויט.

זיגמונד פיינמאַן האָט שטענדיג געהאַט פילע גרויסע פּאַטריאָטען, איבערהויפּט נאָך זיין טויט איז דער פּאַטריאָטיזם צו אים זייער שטאַרק געוואַקסען, און מען האָט געשאַפען אַ באַוועגונג אויפצובויען אַ אידיש פאָלקס טעאַטער וואָס זאָל טראָגען דעם נאָמען פיינמאַן. די באַוועגונג איז שנעל געוואַקסען. אין איר שפּיץ האָט זיך געשטעלט אַ מאַן מיט דעם נאָמען מ. קענאַרד. ער האָט געהאַט געשעפטליכע פעהיגקייטען און גוטע פאַרבינדונגען. עס איז פאַלגליך געשאַפען געוואָרען אונטער זיין פירער־שאַפט אַן אַקציען געזעלשאַפט וועגען בויען אַ „פיינמאַן אידישען פאָלקס טעאַטער". לערך 5000 אַקציעס פון איין פונט יעדע זיינען אונטערגע־שריבען געוואָרען. פאַר יענער צייט איז דאָס געווען אַ גרויסער פאַרמע־גען. אַ גרויסער טייל פון פובליקום האָבען פאַר זייערע אַקציעס געצאָלט אין שילינגס, אָבער זיי האָבען געצאָלט.

איך בין געווען זייער גוט באַפריינדעט מיט זיגמונד פיינמאַן ביי זיין לעבען. ער איז געווען פון די ווייניגע קינסטלער וועלכע האָבען געקענט דערטראָגען אפילו אַ שאַרפען קריטישען וואָרט... און זיין איבערגעבענ־קייט צום אידישען טעאַטער האָט גאָר קיין גרעניץ ניט געהאַט. איך האָב אים דערפאַר שטאַרק געשעצט. איך האָב פאָלגליך אויך געהאָלפען דער באַוועגונג צו שאַפען דאָס אידישע פאָלקס טעאַטער. איך האָב דערביי אויך געהאַט אין זינען, אַז מען דאַרף דאָס אידישע פאָלקס טעאַטער מאַ־כען פאַר אַ קונסט טעאַטער.

ה' קענאַרד האָט אויך געהאַט אַ פּלאַן, אַז דאָס אידישע פאָלקס־טעאַטער זאָל זיין אַ אידישע אָפּערא הויז.

אָט מיט אַזאַ געפיל און מיט אַזעלכע פּלענער איז מען צוגעטרעטען צו דאָס אויפבויען דאָס „טעמפּעל".

ב. דאס אידישע פאלקס טעאטער ווערט אויפגעבויט

אַלץ איז געגאַנגען ריכטיג, אַ טייל פון דעם קאַפּיטאַל איז צוזאַמענ־געקליבען געוואָרען, און מען האָט געשלאָסען אַ קאָנטראַקט מיט אַ גרוי־סער פירמע פון טעאַטער בויער, אַז זי זאָל בויען דאָס אידישע פאָלקס טעאַטער. אַן אַרכיטעקט האָט געמאַכט דעם פּלאַן. דאָס טעאַטער האָט אויסגעזעהן ווי אַן אָריענטאַלער טעמפּעל, מיט צוויי טורעמס אין ביידע זייטען פונ'ם פראָנט. אין אָקטאָבער 1911 האָט מען געלעגט דעם גרונד שטיין פון בנין. דאָס איז פאָרגעקומען מיט אַ גראַנדיעזע צערעמאָניע, ביי וועלכער סיר פראַנסיס מאָנטעפיאָרע, דער דאַמאָלדיגער פּרעזי־דענט פון דער ענגלישער ציוניסטישער פעדעראַציע, האָט פּרעזידירט. עס האָט גענומען עטליכע מאָנאַטען און דאָס „טעמפּעל" איז געווען

אויפגעשטעלט. ס'האט אויסגעזען שיין, אבער ס'האט געהאט א גרויסן חסרון: ס'האט ניט געהאט קיין גאלעריע. עס איז בלויז געווען פאר ביליגע פרייזן א קליינער „פיט" פאר א פאר הונדערט פערזאן. און עס זיינען געווען גאנץ שענע, טאקע לוקסאז אראנזשירטע סטאלס און א גראנד צירקעל פאר היכע פרייזן. דאס מיינט, אז מען האט געבויט א פאלקס טעאטער, אבער ניט פאר'ן פאלק... דער פלאן איז אפילו געווען אויך צו שאפן א גאלעריע, אבער ס'איז ניט געווען גענוג געלד, האט מען דערווייל געבויט דאס טעאטער אין צוויי שטאק, און מען האט געלאזן דעם דריטן שטאק, די גאלעריע הייסט עס, אויף שפעטער. די ווירקונג פון דעם חסרון האט זיך דערנאך שטארק געפילט. דאס פאלק איז געווארן תיכף אונצופרידן מיט'ן פאלקס טעאטער.

אז דאס „טעמפעל" האט געהאלטן ביים פארטיג ווערן האט מען אראנזשירט די אדמיניסטראציע. ה' קענארד איז באשטימט געווארן דירעקטאר, און וועגן די פארשטעלונגען האט מען צו אים צוגעזעצט א בייראט, וואס איז באשטאנען פון דעם מחבר פון דעם בוך און ה' י. פערקאוו.

עס איז באלד ענטשטאנען א געוויסע מיינונגס פארשידענהייט צווישן מיר און ה' קענארד צוליב אונזערע פלענער.

ער איז געווען פארבונדען מיט מוזיק און ער האט דורכאויס געוואלט אז דאס אידישע פאלקס טעאטער זאל זיין א אידישע אפערא הויז. דער גוט באקאנטער אידישער מוזיקער פון לאנדאן ס. אלמאן האט פארפאסט אן אפערא, די ערשטע אידישע אפערא, „מלך אחז", און ה' קענארד האט דורכאויס געוואלט, אז די אפערא זאל אויפגעפירט ווערן. אחוץ דעם האט ער געשטרעבט, אז מען זאל שפילן אין אידיש קלאסישע און מאדערנע אפעראס פון וועלט רעפערטואר.

ער האט זיך זאגאר געשטעלט אין פארבינדונג מיט דעם בארימטען אידישען זינגער פון דער רוסישער קייזערליכער אפערא געזעלשאפט יוסף ווינאגראדאוו, אז ער זאל קומען קיין לאנדאן דורכפירען דעם פלאן.

איך בין ניט געווען געגען זינגען אפערא אין אידיש, אבער איך האב אנגעצייגט, אז די דראמע איז דער עיקר. איבערהויפט איז פאראן א גרויסע שוועריגקייט מיט אפעראס. זיי צאלען זיך ניט. אפילו ביי די רייכסטע פעלקער מוז מען אפערא סובווענציאנירען. ווער וועט עס סובווענציאנירען אידישע אפערא אין לאנדאן, דאס הייסט אין ווייטשעפעל ?... פאלגליך האב איך געוואלט אז מען זאל זיך קאנצענטרירען אויף דראמע, און מען זאל צוזאמענשטעלען אזא טרופע, וואס זאל קענען דורכפירען דראמען אויף דעם שענסטען אופן. פאר דעם צוועק האב איך פארגעשלאגען,

אַז מען זאָל ברייגנען קיין לאָנדאָן בן עמי׳ן, וועלכער איז נאָך געווען אין רוסלאַנד, אַז ער זאָל זיין דער דירעקטאָר פון דער דראַמאַטישער טרופּע.

ה׳ קענאַרד האָט מיין פּלאַן ניט פאַרוואָרפען, פאַרקערט, ער האָט אים אָנגענומען, אָבער ער האָט זיך ניט אָבגעזאָגט פון זיין פּלאַן. ער איז געווען דערפאַר, אַז מען זאָל ביידע פּלענער דורכפירען אויף אַמאָל.

איך האָב געפילט, אַז ער איז אַ פאַרשאַרטער קבצן, אַז ער נעמט צופיל אונטער אויפ׳ן חשבון פון דער אָרימער וויטשעפּעל. אָבער איך האָב גערעכענט, אַז דער פּלאַן בנוגע דער אָפּערא איז נאָר אַן עקספּע־רימענט, וואָס וועט מן הסתם זיך ניט איינגעבען, און ער וועט סאַי ווי סאַי אָוועקפאַלען... איך האָב דערפאַר צוגעשטימט צו ה׳ קענראַד׳ס מיי־נונג, אַז מען זאָל אָנגיין מיט ביידע פּלענער. סוף כל סוף איז ער דאָך געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער געשעפטליכער זייט, און ער מוז בע־סער וויסען וואָס ס׳איז מעגליך און וואָס ניט.

ה׳ קענאַרד איז פאָלגליך אָנגעגאַנגען מיט זיינע פאַרהאַנדלונגען מיט יוסף ווינאָגראַדאָוו, און איך האָב זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט בן עמי׳ן, וועלכער האָט מיר גלייך געענטפערט, אַז ער איז גרייט צו קומען, און ער וועט ברייגנען מיט זיך זשעליאַזאָ׳ן און נעמי׳ן. זיי דריי זיינען געווען די הויפּט קרעפטען פון פּרץ הירשביין׳ס אידישען קונסט טעאַטער, דער ערשטער וואָס איז געשאַפען געוואָרען אין רוסלאַנד.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז געקומען קיין לאָנדאָן ווינאָגראַדאָוו און האָט צוזאַמענגעשטעלט אַן אָפּערא קאָמפּאַני, וועלכע האָט געהאַט איניגע גוטע זינגער, אַ כאָר, און אַן אָרקעסטער.

מיט אַ פּאָר וואָכען שפּעטער זיינען אָנגעקומען די דראַמאַטישע געסט: בן עמי, זשעליאַזאָ, נעמי. מען האָט צו זיי נאָך אָנגאַזשירט שוי־שפּילער און שוישפּילערינס, די בעסטע וואָס זיינען געווען אין לאָנדאָן: מ. ד. וואַקסמאַן, פּעני וואַקסמאַן, באַזונדערס סעם גאָלדענבורג, וועלכער איז נאָך געווען אַ גאַנץ יונגער שוישפּילער, פאַר וועלכען איך האָב פריער, ניט לאַנג צוריק, אויסגעווירקט, אַז מען זאָל אים לאָזען שפּילען אין אידישען טעאַטער...

מען האָט זיך טאַקע גלייך גענומען טראַכטען וועגען רעפּערטואַר, און ס׳איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז די אָפּערא קאָמפּאַני עפענט דאָס טעאַטער מיט „מלך אחז“ פון ס. אַלמאַן; און די דראַמאַטישע טרופּע זאָל נאָכפאָלגען מיט „דער ווילנער בעל הבית׳ל“ פון מאַרק אַרנשטיין.

און ווידער האָט דער פאַרשאַרטער קבצן אַ הוליע געטון, און פאַר־געשלאָגען אַז מען זאָל איינלאַדען מאַרק אַרנשטיין צו קומען צו דער ערשטער פאָרשטעלונג פון זיין דראַמע.

הכלל, מען האָט עס געמאַכט גראַנדיעז, און אין מערץ 1912 איז געעפענט געוואָרען זייער פייערליך דאָס פיינמאַן אידישע פאָלקס טעאַ־טער, דאָס „טעמפעל“. עס איז געווען אַ דערלעבונג, אַ באמת גרויסע עראייגניס, וואָס האָט איינפאַך דערהויבען ווי אויף פליגלען יעדען וועל־כער איז געווען פאַרבונדען מיט דער אונטערנעמונג.

ג. די פאַרשטעלונגען

די אָפּעראַ „מלך אחז“ פון ס. אַלמאַן איז גאַנץ שען פאַרגעשטעלט געוואָרען, און זי האָט געהאַט ערפאָלג. ניט אַלץ אין איר איז געווען גאַר אָריגינאַל, עס האָבען זיך געפילט איינפלוסען פון וועלט אָפּעראַס אויף ביבלישע מאָטיווען, און אויך מענדעלסאָנ׳ס איינפלוס, אָבער פילעס איז געווען אייגענאַרטיג, און איבערהויפּט האָט די אָפּעראַ איבערגעגעבען ריכטיג די ביבלישע געשיכטע און די איבערלעבונגען פון מלך אחז.

אַלס ערשטע אידישע אָפּעראַ איז זי געווען פיל בעסער ווי מען האָט געקענט דערוואַרטען.

נאָך דעם וואָס ס׳זיינען פאָרגעקומען אייניגע פאָרשטעלונגען פון דער אָפּעראַ, האָט נאָכגעפאָלגט די דראַמע: „דער ווילנער בעל הבית׳ל“ פון מאַרק אַרנשטיין. דאָס איז אַ ליטעראַרישע פּיעסע. דער מחבר איז געווען אַנוועזענד. ער אַליין האָט רעזשיסירט די פּיעסע. זי איז אויך גע־שפּילט געוואָרען מיט באַדייטענדען ערפאָלג.

פאַר מיר איז די ערעפנונג פון „פיינמאַן אידישען פאָלקס טעאַטער“ געווען איינפאַך אַ יום טוב. דעם 17־טען מערץ 1912 האָב איך פאַר־עפענטליכט אַ לייט אַרטיקעל אין „אידישען זשורנאַל“, אין וועלכען איך האָב צווישען אַנדערעס געשריבען:

„די איסט ענד פון לאָנדאָן האָט אַ געלעגענהייט צו שטאָלצירען. צו איר באַלאַנגט דער כבוד צו שאַפען דאָס ערשטע אידישע פאָלקס טעאַ־טער אין דער וועלט... איך האָף, אַז דערמיט פאַנגט זיך אָן אַ נייע פּע־ריאָדע פאַר דער אידישער בינע און אויך אַ ניי גייסטיג לעבען פאַר דער אידישער באַפעלקערונג אין לאָנדאָן“.

נאָך דעם וואָס איך גיב איבער ווי עס עקזיסטירען פאָלקס טעאַטערס ביי אַנדערע פעלקער, שרייב איך:

„מיר אידען דאַרפען האָבען פאָלקס טעאַטערס נאָך גיכער ווי סאַי וועלכעס אַנדערע פאָלק. עס פעלען אונז קונסט טעאַטערס. אין די עק־זיסטירענדע אידישע טעאַטערס שפּילט מען אַממיינסטענס שונד. מען איז נאָר יוצא מאַנכעס מאָל מיט אַ בעסערע פּיעסע. מען שענקט ניט קיין אויפמערקזאַמקייט צו דער אויפגאַבע צו דערציען און ענטוויקלען גייס־

טיג די פאָלקס מאַסען... דער הויפּט צוועק פון אַ פאָלקס טעאַטער איז צו ענטוויקלען דאָס פאָלק, עס גייסטיג דערהויבען. אין אַ פאָלקס טעאַטער מוז מען דערפאַר נאָר אויפפירען דאָס וואָס איז שען און ערהאַבען, קונסטרייך און גייסטרייך... אַ פאָלקס טעאַטער מוז אויך געבען יונגע טאַלאַנטען אַ פּלאַץ, צו קענען זיך ענטוויקלען"...

אַט דאָס איז געווען דער יסוד פון מיין פּראָגראַם און איך האָב גע־האָפט, אַז איך וועל קענען דעם ציל דערגרייכען.

די אָפּערא קאָמפּאַני האָט נאָך געשפּילט מיט ערפאָלג איינינע פאָר־שטעלונגען. זי האָט אויפגעפירט „ריגאָלעטאָ" פון ווערדי. „קאַוואַלעריע רוסטיקאַנאַ" פון מאַסקאַגני און „פּאַיאַצי" פון לעאָנקאַוואַלאָ. עס קען קיין ספק ניט זיין דאָס די פאָרשטעלונגען האָבען זיך איינגעגעבען. דער אַנסאַמבעל איז אויך באַרייכערט געוואָרען מיט אַ קאָלאָראַטור סאָפּראַנאָ, אַנאַ פּיליפּאָוו, וועלכע האָט פריער געזונגען אין קאָווענט גאַרדען, דאָס קעניגליכע אָפּערא הויז אין לאָנדאָן.

די דראַמאַטישע טרופּע האָט אויך אויפגעפירט איינינע דראַמען, וואָס זיינען געווען גאַנץ ניי פאַר לאָנדאָן: „דער אונבאַקאַנטער" פון יעקב גאָרדין, וואָס איז פריער דאָ ניט געשפּילט געוואָרען; „תקיעת כף" פון פּרץ הירשביין; די „געטהאָ" פון הייערמאַנס, און אַנדערע. דער קינסטלערישער ערפאָלג איז געווען גאַנץ באַדייטענד. די קאַסע איז אויך געווען ניט שלעכט, אָבער וויט ניט גענוג צו קענען דעקען די הוצאות פאַר צוויי אַזעלכע טרופּען ווי מיר האָבען געהאַט, און מען האָט אויך באַדאַרפט דעקען איבער אַ העלפט פון דעם וואָס ס'האָט געקאָסט דאָס אויפבויען דעם בנין פון טעאַטער. ס'האָט זיך אָנגעהויבען ענטוויקלען אַ קריזיס גלייך אויפ'ן צווייטען חודש, נאָך דעם וואָס דאָס פיינמאַן אידישע פאָלקס טעאַטער האָט זיך געעפענט.

ד. דער קריזיס

כדי ניט צו דערלאָזען, אַז דער קריזיס זאָל זיך ענטוויקלען, האָב איך פאָרגעשלאָגען, דאָס מען זאָל אויפגעבען די אָפּערא, בלייבען בלויז מיט איין טרופּע, די דראַמאַטישע, און קליינער מאַכען די פּרייזען פון די פּלעצער, אַז די מאַסע זאָל אויפהערען האָבען קריוודעס. מיין חשבון איז געווען, דאָס פאַר איין טרופּע וועט זיין מעגליך צו דעקען די הוצאות. מיין פּלאַן איז אויך געווען צו שאַפען נאָך אַ גוטע אָפּערעטען טרופּע, וועלכע זאָל צוערשט שפּילען אין די פּראָווינץ שטעט, פּאַריז און אַנט־ווערפּען. דאַן זאָל מען ברענגען די אָפּערעטען טרופּע אויף אַ סעזאָן אין „טעמפּעל" און די דראַמאַטישע טרופּע שיקען אין דער פּראָווינץ, ווי אויך קיין פּאַריז און אַנטווערפּען.

די דירעקציע האָט ניט געוואָלט הערען פון אויפגעבען די אָפּעראַ. עס האָט נאָך אַלץ געהערשט דער גייסט צו האַנדלען ווי פאַרשאַרטע קבצנים; ס'האָט זיך אויך באַוויזען אַ געלעגענהייט דערצו. אַזוי ווי מאָריס מאָסקאָוויטש איז גראַד געקומען קיין לאָנדאָן זאָל מען אים אָנגאַזשירען, און ער וועט זיין די גרויסע אַטראַקציע, וואָס וועט אַלץ גוט מאַכען. האָט מען מיט אים געשלאָסען אַן אָבמאַך, אים געצאָלט אַ גאַזשע, וואָס דאָס טעאַטער האָט זיכער ניט געטאָרט זיך דערלויבען. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז מיט מאָסקאָוויטש'ן האָט די פינאַנציעלע לאַגע פון טעאַטער זיך ניט פאַרבעסערט, נאָר זי איז פאַרערגערט געוואָרען.

עס איז דאַן געקומען דיינע פיינמאַן. מען האָט מיט איר אויפגעפירט „קאַמעליען דאַמע" פון אַלעקסאַנדער דומא, און „סאַפאָ" פון יעקב גאָרדין, צוויי פיעסען אין וועלכע זי האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכענט. דער ערפאָלג איז געווען אַ גרויסער, אָבער די קאַסע פון טעאַטער איז שוין געווען „אַ לעדיגער זאַק וואָס מען קען ניט אָנפילען".

עס איז נאָך צוגעקומען אַ צרה. מאַנכע פון די לאָנדאָנער שוישפּילער זיינען געווען געגען די ליטעראַרישע פיעסען. זיי האָבען ליידער זיך ניט געקענט שטאַרק אויסצייכענען אין אַזעלכע פיעסען. זייערע הערצער זיינען געווען ביי שונד, און זיי האָבען איינגערעדט דער דירעקציע, אַז ווען מען פירט אויף די געוועהנליכע פאָפּולערע מעלאָדראַמען, וואָלט מען גערעטעט דאָס טעאַטער פינאַנציעל. די דירעקציע איז שוין געווען אַזוי פאַרפלאָנטערט, אַז זי האָט דאָס אָנגענומען. איך האָב גלייך רעזיגנירט אַלס ליטעראַרישער בייראַט פון דעם טעאַטער.

די לאַגע איז געווען אַזעלכע, אַז מען האָט שוין אויפגעגעבען די אָפּעראַ, פּונקט ווי מען האָט אויפגעגעבען די בעסערע דראַמע. און מען האָט שוין אין „טעמפּעל" אויך געשונדעוועט... מען האָט זאָגאַר שוין אַראָבגעלאָזען די פּרייזען פון די פּלעצער, אָבער מען האָט דאָס טעאַטער אַלץ ניט געקענט רעטען פינאַנציעל.

ה. דער אונטערגאַנג פון „טעמפּעל"

עס האָט גענומען אַ גאַנץ קורצע צייט, און טראָץ דעם וואָס מען האָט שוין געשפּילט שונד פיעסען האָט דאָס „טעמפּעל" זיך געמוזט שליסען. מען האָט אָבגעשטעלט די פאָרשטעלונגען, זיי האָבען זיך ניט געצאָלט. אָבער דאָס איז נאָך ניט געווען אַלץ... וואָלט דער בנין געווען געבליבען אין די הענד פון דער „פיינמאַן געזעלשאַפט", וואָלט מען געקענט דאָס „פיינמאַן אידישע פאָלקס טעאַטער" אויפלעבען. איז אָבער געשען אַזאַ זאַך:

אַז דאָס „טעמפּעל“ האָט זיך געשלאָסען האָט די פירמע בויער גע־פאָדערט, אַז מען זאָל איר באַצאָלען דאָס געלד וואָס ס'איז איר געקומען. אַזוי ווי די „פיינמאַן געזעלשאַפט“ האָט ניט געהאַט צו צאָלען, און אַזוי ווי די פירמע האָט געהאַט אַ „מאָרטגיידזש“ אויף דעם בנין, האָט זי באַשלאָסען צו פאַרקויפען דאָס „טעמפּעל“ אויף ליציטאַציע.

אין לאָנדאָן האָט זיך דאַמאָלט געפונען דער אַמעריקאַנער מיליאָנער יאָזעף פעלז. ער איז געווען אַ רעפאָרמאַטאָר, אַ אַנהענגער פון העגרי דזשאָרדזש'ס „סינגעל טעקס“ אידעע. ה' פערקאָוו איז געווען מיט אים באַקאַנט. מען האָט פאַלגליך אויסגענוצט זכות אבות, און מען האָט באַ־איינפלוסט מר. יאָזעף פעלז, אַז ער זאָל איינשטימען אָבצוקויפען דאָס „טעמפּעל“ און ער האָט פאַרשפּראָכען עס צוריקצוגעבען פאַר אַ אידי־שען טעאַטער.

אין טאָג פון דער ליציטאַציע האָט מר. פעלז געשיקט זיין קריסטלי־כען מענעדזשער, אַז ער זאָל קויפען דאָס „טעמפּעל“... די ליציטאַציע האָט אָנגעפאַנגען מיט דער סומע פון 6000 פונט; אַזוי ווי מען האָט גע־וואוסט, אַז די שולדען צו דער פירמע בויער און צו איינינע אַנדערע איז 6,500 פונט, האָט מר. פעלז'ס מענעדזשער אָנגעבאָטען די דאָזיגע סומע. מיר האָבען געמיינט, אַז ס'וועלען ניט זיין קיין קאָנקורענטען, און דאָס „טעמפּעל“ וועט אויסגעקויפט ווערען. איז אָבער אַרויסגעשפּרונגען אַ איד און אָנגעבאָטען 7,500 פונט. מיר זיינען אַלע איבערראַשט געוואָרען, און נאָך מער איבערראַשט איז געוואָרען דער קריסטליכער מענעדזשער פון מר. פעלז. ער האָט ניט געוואָלט קאָנקורירען, פאַר וואָס זאָל ער וואַרפען מיט זיין בעל הבית'ס געלד. נאָר מען האָט אים דאָך צוגערעדט, אַז ער זאָל נאָך אָנבאָטען אַ סומע. דער בנין איז דאָך ווערט דאָס געלד, און מען וויל דאָך האָבען אַ אידישען פאָלקס טעאַטער... האָט דער מע־נעדזשער אָנגעבאָטען 8000 פונט... „8,500“ — איז געקומען דער אָנבאָט פון דעם קאָנקורירענדען אידען...

דער קריסטליכער מענעדזשער פון מר. פעלז איז געוואָרען אין כעס: — „וואָס פאַר אַ מענשען זיינען עס די אידען? מען וויל פאַר זיי רעטען אַ קונסט טעאַטער, און זיי קאָנקורירען גאָר“. ער האָט האַסטיג אָנגעטון דעם הוט אויפ'ן קאָפּ און איז שנעל אַוועקגעגאַנגען. ער האָט מער ניט געוואָלט בלייבען; ער האָט מער ניט געוואָלט מאַכען קיין אָנ־באָט... וואָלט מר. יאָזעף פעלז אַליין געווען אַנוועזענד וואָלט ער אפשר געווען וויטער פּראָבירט. אָבער אַזוי ווי ער איז דאָרט ניט געווען, האָט זיך עס געענדיגט אַזוי טרויעריג.

מען האָט דעם בנין, וואָס איז געבויט געוואָרען מיט פונטען און שילינגס פון דער באַפעלקערונג, צוגעלאָזען צו דעם קאָנקורירענדען

אידען, און ס'האָט געגומען אַ סוף צו אַזאַ שענעם חלום: אַנשטאָט „טעמ־פעל" איז געוואָרען „פּאַליסעאום"; אַנשטאָט אידישע לעבעדיגע קונסט איז געוואָרען אַ קינעמאַטאָגראַף...

וואָס פאַר אַ ענטוישונג!

וואָלט דאָס „טעמפּעל" געווען געבליבען אַלס אידיש פאָלקס טעאַ־טער, וואָלט זיך דאָס אידישע טעאַטער בכלל ביי אונז געווען אַנדערש ענטוויקעלט, און מען וואָלט אין לאָנדאָן אפשר אויך געווען געשאַפען און געשפּילט אָריגינעלע אידישע דראַמען.

ס'איז ניט געווען באַשערט! ס'האָט אויסגעפּעלט ערפאַרונג און דאָס האָט רואינירט דעם גוטען ווילען...

ו. נאך א באמיהונג

איך האָב געמאַכט נאָך אַ פּראָבע: בעת דאָס פּאַוויליאָן טעאַטער האָט דורכגעמאַכט אַ גרויסען קריזיס, האָב איך צוזאַמענגעשטעלט אַ קאָמפּאַניע פון דריי שותפים: מר. אַזיסטאַנט, אַ אידישער יאָוועליר־הענדלער, מר. מ. זוסמאַן און איך. דער ערשטער האָט אַריינגעלעגט 400 פונט, די אַנדערע צוויי צו 200 פונט. דער ערשטער האָט זיך גע־בונדען נאָך צו געבען געלד ווען נויטיג. מיין זון הערריי האָט מיך פאַרטראָטען אין דער קאָמפּאַניע. מיר האָבען געשלאָסען אַ קאָנטראַקט מיט דעם אייגענטימער פון פּאַוויליאָן טעאַטער. מיר האָבען געלאָזט אויפפירען די אָפּערעטע „זיסע מאָמענטען", וואָס איז שענער אויפגע־פירט געוואָרען ווי וועלכע ס'איז אָפּערעטע אין אידיש, מיט אַ ריכטיגען באַלעט, ווען אפילו פון גאַנץ יונגע טענצערינס. מיר האָבען אויך גע־בראַכט קיין לאָנדאָן אַזעלכע באַרימטע קינסטלער ווי דר. בן ציון באַראַ־טאָוו, ז. זאַסלאַווסקי, לודוויג זאַץ און נעלי קעסטין, און זיי האָבען אויפ־געפירט די בעסטע פּיעסען פון זייער רעפּערטואַר. אָבער מען האָט אונז אַזוי באַהאַנדעלט און מען האָט געמאַכט אַזעלכע געשעפטען, אַז מיר האָבען געמוזט אויך דאָס טעאַטער אויפגעבען נאָך דעם וואָס מיר האָ־בען דערלעגט דאָס געלד מיט וועלכען מיר האָבען אָנגעפאַנגען.

אַט אַזוי איז געווען די ערפאַרונג אין דער באַמיהונג צו שאַפען אַ שטענדיגען אידישען קונסט טעאַטער אין לאָנדאָן. ווייטשעפּעל איז ליי־דער ניט געווען דערוואַקסען צו אַזאַ אונטערנעמונג.

27. קינסטלער און קונסט טרופּען

איך וויל נאָך איבערגעבען איינדריקע וואָס איך האָב געהאַט און אָבשאַצונגען וואָס איך האָב געמאַכט פון די הויפּט קינסטלער און פון די קונסט טרופּען וועלכע האָבען מיך פאַראינטערעסירט, און וועלכע האָבען געשפּילט דאָ אין לאָנדאָן אין די לעצטע פערציג יאָר און זיי זיינען ערשינען אין פּיעסען, איבער וועלכע איך האָב ביז איצט גע־שריבען.

דאָס פּלאַץ דערלויבט מיר ניט מער זיך פיל צו פאַרשפּרייטען, אָבער איך וועל זיך באַמיען אין קורצע שטריכען אַרויסצוברייגען אין וואָס ס׳איז באַשטאַנען זייער טאַלאַנט, און ווי זיי האָבען געשפּילט.

איך שרייב וועגען זיי אויף ווי וויט דאָס איז מעגליך, אין דער רייע, אין וועלכער זיי זיינען אויפגעטרעטען אין לאָנדאָן, און ווי איך האָב זיי געזען.

א. יעקב פּ. אדלער

אים קומט זיכער דער ערשטער כבוד. ווי איך האָב שוין אָנגעצייגט איז יעקב פּ. אַדלער געווען דער ערשטער וועלכער האָט אָנגעהויבען שפּילען אידיש טעאַטער אין לאָנדאָן. ער איז אויך געווען דער ערשטער גוטער ערנסטער שוישפּילער אויף דער אידישער בינע: דער גרעסטער ראָמאַנטישער קינסטלער ביי אידען. מען האָט אים באַטראַכט פאַר׳ן „קעניג״ פון דער אידישער בינע. אין העברעאיש האָט מען אים באַצייכענט אַלס „נשר גדול״, גרויסער אָדלער. ניט נאָר איז געווען זיין נאָמען אַדלער, זיין נאָז האָט דערמאָנט אַ ביסעל אָן אָד־לער, און ער איז געווען אַ גרויסער אָדלער אין קונסט. ער האָט זיך אויפ־געהויבען צו גאָר הויכע מדרגות אין שפּילען. יעקב אָדלער האָט באַזע־סען אַ זייער שען פּנים מיט אַ מימיק וואָס האָט אויסגעזען פּלאַסטיש. ער האָט אָממיינסטענס געשפּילט מיט׳ן פּנים. איך האָב אים געזען צום ערש־טען מאָל אַלס אוריאל אַקאָסטאַ. מיר האָט זיך געוואָלט בלויז אויף אים קוקען... מיך האָבען ניט געקימערט דאָמאָלט די מאָנאָלאָגען זיינע, מיך האָט אָממיינסטענס פאַראינטערעסירט דער מערקווירדיגער אויסזען זיינער. אַ לעבעדיגער יעזוס. אַ מאָדעל פאַר אַ מאָלער.

אַדלער האָט אויך אויסגעדריקט פיל כאַראַקטער אין זיינע בליקען. פיל שפּעטער, ווען איך האָב אים געזען אַלס דער מילנער חיים הירש אין

הירשביינ׳ס „אַ פאַרוואָרפען ווינקעל״, האָב איך געשריבען: „עס איז געווען אַ גרויס פאַרגעניגען צו קוקען אויף אַדלער׳ן. באַזונדערס ווען ער האָט געקוקט אויף זיין קאָנקורענט איז דערין געווען אַזוי פיל אויס־דרוק פון שטאָלץ און ביטול, וואָס לאָזט זיך ניט פאַרגעסען״.

מערקווירדיג איז ער אויך געווען, ווען איך האָב אים געזען אַלס דער טרוימער פון „פערפערטום מאבילע״ אין יעקב גאָרדינ׳ס „מטורף״. שטייענדיג ביים פענסטער און קוקענדיג צום הימעל האָט ער אויסגע־זען ווי אַ פאָעטישער טרוימער, וועלכער איז דורכגעדרונגען פון דעם באַגער צו דערגייין דעם סוד פון אין־סוף...

גאָר אַ שטאַרקען איינדרוק האָט ער אויף מיר געמאַכט אַלס אלישע אין יעקב גאָרדינ׳ס „אלישע בן אבויה״. די דאָזיגע ראָלע האָט אים געגע־בען גרויסע מעגליכקייטען אַרויסצוצייגען זיין טאַלאַנט. די ראָלע אלישע איז ווי פאַר אים געשאַפען געוואָרען. ער האָט זייער געלונגען, קלאַסיש, פאַרגעשטעלט דעם כאַראַקטער און האָט דורכגעפירט סצענעס, וואָס האָבען אַרויסגערופען ענטציקונג. דאָס רעזאָנירען מיט רבי מאיר, די ליבעס סצענע מיט בעאַטע׳ן, און די סצענע נאָך דער פאַרגיפטונג ווען ער מאַכט דורך דעם קאַמף צווישען לעבען און טויט — דאָס זיינען גע־ווען מאָמענטען פון קינסטלערישער פאָלקאָמענהייט אין אויסדרוק. דעם שטאַרקסטען איינדרוק האָט ער געמאַכט דורך דעם וואָס ער האָט די גאַנצע צייט ניט פאַרגעסען אַז ער איז אלישע דער קאָפּ מענש. און נאָך אַ מעלה האָט ער געהאַט: ער האָט ניט געזוכט צו באַשאָטען די אַנדערע.

נאָך אַ גרויסע מעלה האָט געהאַט אַדלער. ער האָט געשאַ־פען אין שפּילען זיינע ראָלען. ער האָט זיך ניט מעכאַניזירט. ער האָט ניט בלויז אויסגעלערענט אַ ראָלע און זי ווידערהאָלט. יעדעס מאָל האָט ער אין שפּילען אַריינגעוועבט נייע שטריכען, נייע איינפעלע. ער איז דער־פאַר שטענדיג געווען אינטערעסאַנט.

אדלער׳ס בריף צו מיר איבער זיין פארבינדונג מיט לאנדאן

איידער יעקב פּ. אַדלער איז געקומען קיין לאָנדאָן פאַר זיין לאַנגען סעזאָן אין פּאַוויליאָן טעאַטער, האָט ער מיר געשיקט אַ בריף, וועלכער איז ערשינען אין די „צייט״ דעם 22־טען סעפּטעמבער 1919. צווישען אַנדערעס שרייבט ער אין דעם בריף:

„מיט לאָנדאָן זיינען פאַרבונדען די יוגענדליכסטע, די צאַרטסטע, און די מיינסטע עראינערונגען פון מיין לעבען. ביי איך אין לאָנדאָן בין איך צום ערשטען מאָל אויף דער גרויסער וועלט אַרויס. ביי איך אין לאָנדאָן האָב איך מיין שוישפּילערישע קאַריערע אָנגעפאַנגען. יונג און

פריש און פול מיט ראַזעווע חלומות בין איך האָמאַלט געווען, און איך האָב מיינע יונגע בליענדע קרעפטען די לאָנדאָנער אידען געגעבען. איך האָב זיי געטרייסט אין זייער איינזאַמקייט און פאַרוואָרפענקייט. איך האָב אין זייער לעבען אַ שטראַל האָפנונג און שענקייט אַריינגעגעבען.

„מיין פערזענליך גליק אין לאָנדאָן איז ווייט ניט געווען וואָס מקנא צו זיין. איך בין געווען אָרים און עלענד. ניט זעלטען איז מיר אויסגעקומען צו ליידען הונגער און נויט. אָבער דער געדאַנק וועגען טעאַטער, וואָס איך האָב געגעבען מיינע ברידער די לאָנדאָנער אידען, וועגען דעם גרוס פון דער אַלטער היים, פון אַלטען אידישען לעבען און טראַדיציעס, וואָס איך האָב זיי געבראַכט, דאָס באַוואוסטזיין, אַז מיט מיינע יונגע קרעפטען פאַרזיס איך דעם ביטערען שיקזאַל פון דעם אָרימען אידישען אימיגראַנט און גיב אַריין אַ הויך פון יום־טוב׳דיגקייט אין זיין וואָכעדיגען לעבען; — דאָס אַלץ האָט מיר פאַרשאַפט אַ סך פרייד און נחת און האָט מיר געהאָלפען איבערטראָגען מיינע אייגענע שווערע ליידען אין יענע טעג”.

דאַרף מען נאָך צו אָט דעם אויסדרוק עפּעס צוזעצען?

אַדלער האָט אויך פאַרעפענטליכט אין די „צייט” אַ לאַנגען מעמואַר וועגען יעקב ספּיוואַקאָווסקי און די ענטשטייאונג פון אידישען טעאַטער אין רוסלאַנד. דער אַרטיקעל איז ערשינען דעם 30־טען סעפּטעמבער און 1־טען אָקטאָבער 1919.

אַדלער׳ס בייטראַג צום אידישען טעאַטער קען ניט פאַרגעסען ווערען.

ב. זיגמונד (זעליג) מאָגולעסקו

ער איז געווען דער גרעסטער אידישער כאַראַקטער קאָמיקער. די אַנדערע גרויסע אידישע קינסטלער האָבען אים געהאַלטען פאַר׳ן „זשעני” צווישען זיי. ער האָט אָן אַ שום ספק באַזעסען געניאַלע שוישפּילערישע פעהיגקייטען. מען האָט אים געמעגט פאַרגלייכען צו די גרעסטע קאָמיקער פון דער וועלט.

דאָס אידישע טעאַטער וואָלט ניט געווען זיך ענטוויקעלט, אפילו ווען עס האָט שוין געהאַט דעם שאַפער אברהם גאָלדפאַדען, ווען ער זאָל ניט געווען אויך געפינען אַזעלכע קינסטלער ווי יעקב פּ. אַדלער און זיגמונד מאָגולעסקו. זייערע טאַלאַנטען אַלס שוישפּילער האָבען בייגעטראָגען זייער פּיל צו דער ענטשטייאונג און ענטוויקלונג פון אידישען טעאַטער. זיי האָבען געגעבען לעבען צו גאָלדפאַדען׳ס שילדערונגען, חכמות און וויצען.

ז. מאָגולעסקו איז פריער געווען אַ משורר. ער פלעגט נאָכקרימען אַ רומענישען קאָמיקער, וועלכער האָט געשפּילט אַ קאָמעדיע „וולאַדוצאַ מאַמי" (ניט „מאַמו", ווי ס'שטייט אין טעאַטער־לעקסיקאָן) — „וולאַדוצאַ" איז אַ נאָמען פון אַ פאַרצערטעלטען קינד, „מאַמי" מיינט „דער מאַמעס"... ווען גאָלדפאַדען האָט געזוכט שוישפּילער אין רומעניען האָט ער אָנגע־טראָפען דעם משורר, וועלכער האָט נאָכגעקרימט אָדער נאָכגעשפּילט דעם רומענישען תכשיט'ל. ער איז דעם פאָטער פון דער אידישער בינע אַזוי געפעלן, אַז ניט נאָר האָט ער אים אַריינגענומען אין זיין טרופּע, נור ער האָט אויך באַאַרבייט פאַר אים „וולאַדוצאַ מאַמי" אין „שמענ־דעריק". מאָגולעסקו האָט געשפּילט די הויפּט ראָלע. ער איז גלייך גע־וואָרען דער ערפאָלגרייכסטער שוישפּילער אויף דער אידישער בינע און האָט געזיכערט דעם ערפאָלג פון אידישען טעאַטער.

איך האָב געזען מאָגולעסקו'ן נאָך אין בוקאַרעסט אין צוויי ראָלען: אַלס שמענדעריק און באָבע יאַכנע; איך האָב אים דאַן געזען אַלס שפּרינצע די מעקלערין אין שמר'ס „קאָקעטע דאַמען". ס'איז געווען גענוג אים צו זען נאָר איין מאָל, אַז מען זאָל אים מער ניט פאַרגעסען. ער איז געווען אַ מכשף אויף דער בינע: קוועקזילבעריש אין זיינע באַוועגונגען, פלינק און באַוועגליך. צו דערצו האָט ער געהאַט אַ זייער שטאַרק באַוועגליכען פּנים, זיין מימיק איז געווען אונאיבערטראָפען; זיינע זשעסטען זיינען געווען ווי זיין מימיק. עס איז איבערהויפּט געווען ביי אים אַ פאָלקאָמענע האַרמאָניע צווישען מימיק און זשעסט. אַ קנייטש פון זיין פּנים איז שטענדיג געווען באַגלייט פון אַ באַוועגונג מיט זיינע הענד אָדער מיט'ן קאָפּ, אָדער גאָר מיט די פיס. עס האָט זיך אים געטאַנצט אויף דער בינע... און אַ באַוועגונג זיינע איז שטענדיג געווען באַגלייט מיט אַ קנייטש פון פּנים. האָט ער געזאָגט אַ וויץ, איז עס אַרויסגעקומען וויציג צום העכסטען גראַד, און האָט ער געזונגען אַ לידעל איז עס געווען פול מיט מתיקות און ס'האָט געשפּרודעלט מיט געלעכטער. ער האָט אויך געקענט אויס־דריקען ערנסטקייט, זאָגאַר טראַגישע מאָמענטען, אַז מען האָט באַ־האַרפּט; דער איבערגאַנג פון אומעט צו פרייד איז ביי אים געווען זייער לייכט און נאַטירליך.

זיין פּיעסטשען זיך אַלס שמענדעריק, זיינע אויסדריקע אַלס תם'ע־וואַטער לא יצלח, זיינען געווען אַמוזירענד אויף דעם בעסטען אופן. ער איז געווען די איינקערפּערונג פון אַ שלים־מזל.

אין דער ראָלע אַלס די באָבע יאַכנע איז ער געווען אַ באָבעצע מיט אַלע פּיסטשעוועס. זיין שפּילען די ראָלע פון שפּרינצע'ן האָט איינפאַך דערבראַכט דעם עולם צו היסטעריע פון געלעכטער. שוין זיין שנעלער ערשיינען אויף דער בינע מיט אַ לאַנגען לעפעל אויסגעשטרעקט דראַ־

ענדיג אין איין זייט און מיט דער צווייטער האַנד אויסגעשטרעקט אין דער צווייטער זייט אַנווייזענדיג אויף אימיצען, האָט אַזוי קאָמיש גע־ווירקט, דאָס ס׳האָט זיך אויסגעדוכט אַז דאָס טעאַטער פאַלט איין פון געלעכטער.

אין לעבען איז ער גראַדע געווען ערנסט און האָט געהאַט ענטוי־שונגען.

מאַגולעסקו איז געווען אין לאָנדאָן נאָך אין די אַכציגער יאָרען פון פאַריגען יאָרהונדערט. דאָ איז ער אַנגאַזשירט געוואָרען פאַר אַמעריקא. אין 1907 האָט ער ווידער באַזוכט לאָנדאָן און האָט געגעבען צוויי פאָר־שטעלונגען אין פּאַוויליאָן טעאַטער. זיין באַזוך איז געווען דאָ אַ יום טוב.

ג. דוד קעסלער

דוד קעסלער׳ן האָב איך ערשט געזען שפּילען אין יוני 1913, ווען ער האָט באַזוכט לאָנדאָן. איך האָב געזען אַנדערע אידישע קינסטלער פאַר אים. אָבער אים קומט דער ערען פּלאַץ נעבען אַדלער׳ן און מאַגולעסקו׳ן. זיי זיינען געווען דער חוט המשולש פון דאָס בעסטע אין אַלטען אידישען טעאַטער.

ווען דוד קעסלער איז געווען אין לאָנדאָן האָב איך וועגען אים גע־שריבען אין „אידישען זשורנאַל״:

„אין אַ קרייז פון אינטימע פריינד האָט מען מיך געפרעגט, וועל־כען קינסטלער שטעל איך העכער, יעקב אַדלער אָדער דוד קעסלער? די פראַגע איז מיר ערשינען משונה׳דיג. איך רעכען זיי ביידע גרויס — יעדער אין זיין זשאַנר. ס׳איז צווישען זיי ביידע ניט צו מאַכען קיין פאַר־גלייך... ווען ביי אונז וואָלט עקזיסטירט אַ באַזונדערע בינע פאַר קלאַסי־שע דראַמען און אַ באַזונדערע בינע פאַר מאָדערנע רעאַליסטישע פּיעסען, וואָלט אַדלער געווען אונזער גרעסטער קלאַסיקער, און קעסלער אונזער בעסטער רעאַליסט... אַלס רעאַליסטישער קינסטלער איז דוד קעסלער אונאיבערטראָפען אויף דער אידישער בינע. זיין כאַראַקטעריזירען אַ דראַמאַטישען טיפּ איז וואונדערבאַר. ער ברייננגט אַרויס יעדען שטריך פון כאַראַקטער; יעדע מאַניערע קומט אַרויס בולט; און ער דריקט אויס פאָלקאָמען די געפילען, וואָס באַוועגען זיין האַרץ, יעדע ראַנגלעניש אין דער נשמה פון דעם כאַראַקטער וואָס ער שטעלט פאָר״...

דוד קעסלער האָט באַזעסען אַלע עלעמענטען וואָס אַ דראַמאַטישער שוישפּילער דאַרף האָבען. זיין דיקציע איז ניט געווען איינאַרטיג, נאָר אונדולירענד, זיין שפּראַך האָט זיך געביטען. ער האָט געקענט רעדען ווי

ער האָט געוואָלט. דאָס האָט מען אָם בעסטען געקענט באַמערקען אין זיין שפּילען שלומקע שאַרלאַטאַן.

זיין לאַכען מיט קלאַנגען פון טרערען, און זיין וויינען מיט קלאַנגען פון געלעכטער זיינען געווען שפּראַך באַוועגונגען, וואָס מען הערט זעל־טען אויף דער אידישער בינע. עס איז געווען אַזוי פילפאַרביג.

„די גרויסע פעהיגקייט צו מאָדעלירען זיין שפּראַך האָב איך אויך באַמערקט אין אַ פּריוואַטען געשפּרעך מיט דוד קעסלער. ער האָט מיר דערציילט עפּעס וואָס פּרץ הירשביין האָט אים געזאָגט; און ער האָט פאַלשטענדיג נאָכגעמאַכט פּרץ הירשביינ׳ס רעדען.

דוד קעסלער האָט אויך באַזעסען פיל מימיק, אָבער ער האָט ניט געמאַכט קיין גרימאַסען. ער האָט זיך ניט געקרימט. קיין שטריך איז ביי אים ניט אַרויסגעקומען פאַרקרימט. זיין פּנים איז געווען אַ פּסיכאָלאָגי־שער שטודיום... זיינע זשעסטען איינגעהאַלטען און זייער נאַטירליך.

ער האָט באַזעסען פיל טעמפּעראַמענט, און כח דעם טעמפּעראַמענט איינצוהאַלטען.

אין זיין באַטירליכען שפּילען, אין דער מאָדעלירונג פון זיין שטימע, אין די אויסדריקע אויף זיין געזיכט, אין זיין שענעם זשעסט, און אין זיין קאָנטראָלירטען טעמפּעראַמענט, איז באַשטאַנען די גרויסקייט פון דוד קעסלער. אפילו אויף דער ניט אידישער בינע זיינען דאָ גאָר ווייניגע הע־כערע פון אים.

אַחוץ שלומקע שאַרלאַטאַן, וואָס ער האָט געשפּילט אַזוי כאַראַקטע־ריסטיש און פול מיט נואַנסען, אַז ס׳איז געווען אַ גרויסער פאַרגעניגען אים צו זען, האָט דוד קעסלער אויך געשפּילט אַלס יעקל שאַפּשאָוויטש. ער האָט פאָלשטענדיג פאַרגעשטעלט דעם טיפּ, און האָט טיף אַרויסגע־בראַכט זיין טראַגיזם — די מורא אַז זיין טאָכטער קען באַאיינפלוסט ווערען פון זיין „געשעפט". ער האָט געגעבען פולען אויסדרוק צו דער גראָבקייט פון דעם כאַראַקטער, צו זיין רעליגיאָזיטעט, און באַזונדערס צו זיין צערטליכקייט צו זיין קינד. די אויפברויזונג ווען ער טרייבט אַראָב אין הייזעל די פרוי און טאָכטער, איז ניט נאָר אַרויסגעקומען ביי אים שטאַרק און נאַטירליך. ס׳איז געווען אַ רעבעליאָן געגען אַלץ און אַלעמען. זעלטען בין איך געבליבען אַזוי שטאַרק אונטער דעם איינדרוק פון אַ שוישפּילער׳ס שפּילען אַ ראָלע, ווי ס׳איז געווען דער פאַל, ווען איך האָב געזען דוד קעסלער אין שלום אַש׳ס „גאָט פון נקמה". אַ שאָד, וואָס מער איז ער צו אונז ניט געקומען.

ד. זיגמונד (אשר זעליג) פיינמאַן

איך שטעל זיגמונד פיינמאַן דעם פירטען אין דער רייע אי פאַר דער גרויסער לייסטונג זיינער צו דעם אידישען טעאַטער אין לאָנדאָן, אי ווייל ער איז געווען דער „אינטעלעקטואַל" צווישען די ערשטע אידישע בעסערע שוישפּילער. די מייסטע פון זיי זיינען געווען פאָלקס מענשען מיט טאַלאַנט אָבער אָן בילדונג. פיינמאַן האָט אויך געהאַט אַ געוויסע בילדונג. ער האָט שטודירט אין דער גימנאַזיע פון קישינעוו. ער האָט געשטאַמט פון בעסאַראַביען. ער האָט אויך געלערענט אין דער קאָנסערוואַטאָריע אין בוקאַרעסט. דאָרט האָט ער אָנגעפאַנגען שפּילען אין 1887 אין גאָלדפאַדען׳ס טרופּע. אין 1889, אין דער עלטער פון 27 יאָר, איז ער אָנגעקומען קיין ניו יאָרק. דאָרט איז ער געוואָרען אַ באַרימטער שוישפּילער און אויך אַ פאַרפאַסער פון פּיעסען. עס איז פאַראַן אַ פאָטאָגראַפיע פון אַדלער, מאָגולעסקו, קעסלער און פיינמאַן. ער איז, הייסט עס, געווען דער פירטער פון ערשטען קוואַרטעט פון די בעסערע אידישע אַרטיסטען אין אַמעריקאַ.

פון די פּיעסען וואָס ז. פיינמאַן האָט פאַרפאַסט איז צו דערמאָנען: „דער אידישער סאָלדאַט", „דאָס רויטע מענשעלע", „דער גט", „געלט". „דעם פאָטער׳ס קללה", „צירעלע דעם רבינ׳ס", „גאַסען קינדער", „קליינשטעטעלדיגע אַריסטאָקראַטען", „די אידען אין מאַראָקאָ", „שבת קודש", „די נאַכטיגאַל פון ירושלים", „חנה׳לע די פינישערין" און „שפרה׳לע". די לעצטע פינף האָט ער אויך אויפגעפירט אין לאָנדאָן. די ערשטע דריי פון זיי זיינען געווען אָפּערעטען מיט אַ גרויסען פאַרנעם. די לעצטע צוויי זיינען געווען דראַמען לויט דעם אַלטען שניט.

זיגמונד פיינמאַן איז געקומען קיין לאָנדאָן אין 1906. צוערשט אויף גאַסטראָלירען אין פּאַוויליאָן טעאַטער, בעת זיין צוריקרייזע פון אַ באַזוך אין רומעניען. ער איז געווען זייער ערפאָלגרייך מיט זיינע פאָרשטעלונגען, און ער איז דאָ געבליבען אויף עטליכע יאָר. ער איז געווען דער ערשטער אין מיין צייט, וואָס האָט געזוכט צו שאַפען אַ שטענדיגען אידישען טעאַטער אין לאָנדאָן.

עס זיינען געווען צוויי אידישע קינסטלער וועלכע האָבען געלערענט פון דעם באַרימטען ענגלישען טעאַטער דירעקטאָר סיר הערבערט בירבאָם טרי אויפצופירען פּיעסען. ער האָט איינגעפירט ספּעקטאַקולאַרע פאָרשטעלונגען. די צוויי אידישע קינסטלער, וועלכע האָבען נאָכגעפאָלגט סיר הערבערט בירבאָם טרי׳ס מעטאָדע זיינען געווען זיגמונד פיינמאַן און מאָריס שוואַרץ. פיינמאַן איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אויפגעפירט אין לאָנדאָן ספּעקטאַקולאַרע פאָרשטעלונגען. עס פאַרשטייט

זיך, אַז ער האָט ניט באַזעסען די גרויסע קינסטלערישע פעהיגקייטען און מיטלען פון מאָריס שוואַרץ. אָבער פאַר זיין צייט איז ער געווען ער־פאָלגרייך.

זיגמונד פיינמאַן איז אויך געווען אַ טאַלענטירטער ערנסטער רע־זיאָנער און כאַראַקטער שוישפּילער. ווען ער איז געווען אין לאָנדאָן האָט ער אפילו שוין געהאַט גרויסע חסרונות: ער איז געוואָרען צו פעט, און די שטימע זיינע איז ניט מער געווען זייער ריין. אָבער טראָץ די חסרונות האָט ער גוט געשפּילט. עס פאַרשטייט זיך, אַז אין ראָלען וואָס האָבען זיך ניט געפּאַסט צו זיין קערפּער געבוי איז ער ניט געווען גאַר געלונגען, אָבער אין ראָלען וואָס האָבען זיך געפּאַסט פאַר אים איז ער געווען פאַר־טרעפליך.

ווען ער האָט געשפּילט דאָס ערשטע מאָל ביי אונז „אוריאל אַקאָס־טאַ" האָב איך אים געזאָגט גוטמוטיג: „טייערער פיינמאַן, ווען אוריאל אַקאָסטאַ וואָלט געווען אַזוי ווי איר וואָלט ער ניט געווען דער העלד אין אַזאַ דראַמע"... ער האָט לאַכענדיג געענטפערט: „איך פאַרשטיי אייך. אָבער די מאָנאָלאָגען האָב איך גוט געזאָגט?"... איך האָב צוגעגע־בען, אַז די מאָנאָלאָגען האָט ער זייער גוט געזאָגט. ער האָט ריכטיג פאַר־שטאַנען און אויסגעדריקט די געדאַנקען, וואָס זיי ענטהאַלטען.

גאַנץ גוט האָט ער געשפּילט אַלס הערשעלע דובראָוונער אין גאָר־דינ׳ס „גאָט, מענש און טייפעל". ער איז געווען זייער כאַראַקטעריסטיש אַלס דער סופר, וואָס איז געוואָרען אַ געשעפטסמאַן, וועלכער לעגט אָב צו קושען זיין יונגע פרוי אויף נאָך דעם וואָס ער וועט איבערציילען... נאָך אַ ראָלע האָט ער געשפּילט מיט גרויס ערפאָלג, אַלס רפאל פריד־לענדער אין „קרייצער סאָנאַטע". ער איז געווען זייער כאַראַקטעריסטיש און האַרציג אַלס דער קאַצאַפּסקער אַלטער אידישער אינטעליגענט, וואָס האָט צרות פון טעכטער.

אַז פיינמאַן האָט אויך געהאַט אַ פאַרשטענדניס פאַר מאָדערנע דראַ־מען קען מען זען פון דעם פאַקט, וואָס ער האָט דער ערשטער אויפגע־פירט אין לאָנדאָן גאָרקי׳ס „מיעשטשאַניע". ער האָט אין דער פּיעסע גע־שפּילט מיט פיל כאַראַקטער אַלס טימערעוו.

אָם בעסטען איז ער מיר געפעלען אַלס מנשה אין ראנעטי ראָמאַנ׳ס דראַמע מיט דעם זעלבען נאָמען. „מנשה" איז אַן אַסימילאַטאָרישע פּיעסע פון דעם אידיש רומענישען דיכטער. זי איז זייער ליטעראַריש געשריבען. ס׳האַנדעלט זיך אין אַ געמישטען שידוך פון אַ אידישער טאָכטער און אַ רומענער. די ראָלע מנשה איז פונ׳ם זיידען פון דער כלה. ער איז פאַר־געשטעלט אין די שענסטע פאַרבען אַלס אַ תלמיד חכם מיט די העכסטע

און שענסטע אידישע אייגענשאַפטען. ווען ער ערפאַרט, אַז דער חתן פון זיין אייניקעל איז ניט קיין איד באַקומט ער אַ האַרץ שלאַג און שטאַרבט. דאָס פאַרעל זאָגט, אַז זייער קרבן איז זייער גרויס, אָבער דערפאַר דאַרף די ליבע זייערע זיין ביי זיי טייער...

פיינמאַן האָט געשפּילט אָט די ראָלע אַלס מנשה. ער האָט פאַרגע־שטעלט אַ טיפּ פון אַ אידישען תלמיד חכם און פון אַ זיידען אין פראַכט־פולסטען סטיל. די סצענע ווען ער טרינקט לחיים פאַר זיין אייניקעל'ס גליק איידער ער ווייסט וואָס דער חתן איז, און ווען ער ערפאַרט באַלד דערנאָך דעם אמת, וואָס פירט צו זיין טראַגישען סוף — אָט די סצענע האָט ער דורכגעפירט אויף אַן ערהאַבענעם אופן. עס איז שוין 35 יאָר זינט איך האָב אים געזען שפּילען די ראָלע; ער שטייט מיר נאָך פאַר די אויגען. איך זע ווי גלייך יענע ערהאַבענע סצענע.

ווי איך האָב שוין ערקלערט אין אַן אַנדער קאַפּיטעל איז זיגמונד פיינמאַן געשטאָרבען פון אַ האַרץ שלאַג אויף דער בינע אין אַ טעאַטער פון לאָדז. מען האָט געזוכט צו פאַראייביגען זיין נאָמען ביי אונז אין לאָנ־דאָן דורך שאַפען דאָס „פיינמאַן אידישע פאָלקס טעאַטער". אַזאַ כבוד האָט מען ביי אידען ניט צוגעטיילט צו נאָך אַ קינסטלער. ליידער איז דער „מאָנומענט" ניט לאַנג געשטאַנען...

ה. דיינע פיינמאַן

אויף דיינע פיינמאַן קען מען זאָגען, אַז זי איז געווען די „ערשטע ליידי" פון אידישען טעאַטער אין לאָנדאָן. זי איז געווען די באַליבטסטע אידישע קינסטלערין ביים היגען טעאַטער פובליקום. די ליבע צו איר איז געווען צוליב איר לעבעדיגען שענעם שפּילען הויפּט פרויען ראָלען אין די בעסערע פּיעסען, וואָס איר מאַן, זיגמונד פיינמאַן, האָט אויפגע־פירט, און וועלכע זי האָט פאָרטגעזעצט צו שפּילען נאָך זיין טויט.

איך האָב געשריבען איבער דיינע פיינמאַן אין „אידישען זשורנאַל" דעם 18־טען מאַי 1911:

„מאַדאַם דיינע פיינמאַן איז אַ קינסטלערין; זי שפּילט שען; זי רופט אַרויס ענטציקונג; זי רייסט מיט אין די וועלטען פון אירע ראָלען, וואָס זי שטעלט פאַר אויף דער בינע. זי מאַכט פילען זייערע פריידען און ליי־דען, זי שפּילט לעבעדיג און אייגענאַרטיג, אַמיינסטענס אין בעסערע פּיעסען וועלכע פאַרדאַרבען ניט, נאַר ענטוויקלען, וועלכע דערנידעריגען ניט, נאָר דערהויבען".

דאָס איז זיכער ניט קיין איבערגעטריבענע כאַראַקטעריזירונג פון איר שפּילען.

דיינע פיינמאַן איז געקומען קיין לאָנדאָן אַ ביסעל שפּעטער ווי איר־מאַן, אין 1906. זי איז צוערשט אויפגעטרעטען אין דער דראַמאַטישער ראָלע אַלס דבורה אין מאזענטאַל׳ס דראַמע מיט דעם זעלבען נאָמען. זי האָט געשפּילט גאַנץ קרעפטיג, אָבער איר בעסטער שפּילען איז ניט גע־ווען אַלס דראַמאַטיסטין. אין די יונגענע יאָרען האָט זי געשפּילט אַלס סוברעטין, און זי האָט געהאַט גרויסע פעהיגקייטען אַלס קאָמעדיענע.

איר צווייטע ראָלע איז געווען אַלס חאַסיע אין יעקב גאָרדינ׳ס „די יתומה״. זי איז אין דער ראָלע געווען אויסגעצייכענט. איר אויפטרעטען איז געווען אַ גרויסער טריאומף. זי האָט איבערהויפּט זייער פיין, לעבע־דיג, און כאַראַקטעריסטיש געשפּילט די האַלב קאָמישע סצענעס אין ערש־טען און צווייטען אַקט פון דער פּיעסע. זי האָט געקענט זייער גוט מי־מיק׳ען (נאָכאַמען), און זי האָט זייער גוט נאָכגעאַמט דעם שוישפּילער וועלכער האָט געשפּילט אַלס איר פאָטער „מאָטיע שטרייכעל״. ווען זי האָט נאָכגעזאָגט זיינע ווערטער „מאָטקעלע, שמאָטקעלע... הע, פּע!...״ האָט דאָס טעאַטער זיך געטרייסעלט פון׳ם געלעכטער פון פּובליקום. די דראַמאַטישע סצענעס פון לעצטען אַקט זיינען ניט געווען אַזוי אויסגע־האַלטען, אָבער דאָך קרעפטיג.

איך האָב דאַמאָלט געשריבען וועגען איר שפּילען:

„מאַדאַם דיינע פיינמאַן איז אָן אַ ספק אַ טאַלענטירטע שוישפּילערין, אָבער זי איז מער קאָמעדיענע ווי טראַגעדיענע. זי קען מער אויסדריקען פריילעכקייט און לוסט, ווי טיפע ליידען און פּסיכישע איבערלעבונגען... אין אַלגעמיין זוכט זי מער דעם אויסערליכען איינדרוק אויפ׳ן פּובליקום ווי דעם אַרטיסטישען אויסדרוק פון שפּילען גופא. נאָר אין דעם איז זי ניט שולדיג — דאָס איז די אַמעריקאַנער שולע״.

דעם עולם איז זי שטאַרק געפעלען. זיי האָבען זיכער ביז דאַמאָלט ניט געזען קיין בעסער שפּילען אויף דער אידישער בינע. נאָך איר ער־שיינען אַלס חאַסיע איז זי געוואָרען אַ ליבלינג פון לאָנדאָנער אידישען פּובליקום.

זי האָט דאַן געשפּילט נאָך איניגע הויפּט ראָלען אין יעקב גאָרדינ׳ס פּיעסען: אַלס סאָפאָ; אַלס עטעניו אין דער „קרייצער סאָנאַטע״ א. אַ. זי איז אויך געווען זאַזאַ אין דער פּיעסע מיט דעם זעלבען נאָמען.

אין פיינמאַן אידישען פאָלקס טעאַטער האָט זי געשפּילט אין „קאַ־מעליען דאַמע״ פון אַלעקסאַנדער דומא. איך האָב איר שפּילען אין דער פּיעסע באַצייכענט:

„מאַדאַם פיינמאַן האָט געשפּילט אויסגעצייכענט אַלס מאַרגאַריט

גאוטיע. זי האָט מיט געפיל און טעמפּעראַמענט אויסגעדריקט איר פריי־ליכקייט אַלס קורטיזאַנע, איר ליבע און אירע ליבעס טרוימען. אויך אירע גרויסע ליידען אַלס די, וואָס האָט זיך מקריב געווען און ווערט דערפאַר פאַרשטויסען, האָט זי גאַנץ שטאַרק אַרויסגעבראַכט".

איין מאָל האָב איך אויך געזען דיינע פיינמאַן אַלס נאָראַ אין הענריק איבסען׳ס דראַמע „פּופּען־הויז". לאָרעסקאָ האָט די פּיעסע אויפגעפירט אין דער „פּערעגאָן" (נאָך דעם געוואָרען „מייל ענד עמפּיער"). איך האָב וועגען דעם געשריבען:

„מאַדאַם פיינמאַן האָט געשפּילט גאָר ניט שלעכט אַלס נאָראַ, בעסער ווי איך האָב ערוואַרטעט, אָבער צו איינזייטיג, צו ערנסט פון אָנהויב ביז׳ן סוף... אין די ערשטע אַקטען האָט זי באַדאַרפט זיין לוסטיגער. די ערנסטקייט דאַרף וואַקסען; זי דאַרף אָנהויבען ווערען ערנסט ערשט אין צווייטען אַקט און דאָס דאַרף גרייכען די העכסטע מדרגה, דעם קלימאַקס, אין דריטען אַקט. מאַדאַם פיינמאַן איז געווען דראַמאַטיש גלייך פון אָנ־פאַנג. אין צווייטען אַקט איז זי שוין געווען מעלאָדראַמאַטיש, און אין דריטען אַקט, ווען זי דאַרף זיין שטאַרק איז זי געוואָרען שוואַך... אָבער דאָך האָט זי פאַרגעשטעלט אַ דערטרעגליכע נאָראַ".

זי האָט דאַן געשפּילט פילע לאַנגע סעזאָנען אין לאָנדאָן. זי האָט אויך פאַרעפענטליכט איר ביאָגראַפיע אין די „צייט". זי איז געבליבען אַ אונפאַרגעסליכע ביי אונז אין ווייטשעפּעל.

ו. מאלווינא לאבעל

פון די באַרימטסטע ערשטע דריי אידישע קינסטלערינס פון אַמע־ריקאַ, בערטאַ קאַליש, קעני ליפּצין און מאַלווינאַ לאָבעל, האָט אין מיין צייט בלויז די לעצטע באַזוכט אַ פּאָר מאָל לאָנדאָן. בערטאַ קאַליש האָב איך נאָך געזען שפּילען אין בוקאַרעסט. זי איז געווען אַ גרויסע קינסט־לערין; אין לאָנדאָן האָט זי ניט געשפּילט, ווענינסטענס איז דאָס מיר ניט באַקאַנט. קעני ליפּצין, ווי איך האָב שוין ערקלערט אין אַ פריערדיגען קאַ־פּיטעל, איז געווען אין לאָנדאָן ביים אָנפאַנג פון איר טעאַטער קאַריערע; דאָס איז געווען פריער, איידער איך בין אַהער געקומען. מאַלווינאַ לאָבעל האָב איך געזען דאָ שפּילען.

מאַלווינאַ לאָבעל שטאַמט פון אַ אידישער שוישפּילער פאַמיליע. איר פאָטער, חיים בנימין טרייטלער, האָט געשפּילט טעאַטער אין גאַלי־ציען, רומעניען און אין אַנדערע לענדער. זי איז ערשינען אויף דער בינע, ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד פון זעקס יאָר אַלט. פּאָר פילע יאָרען האָט זי זיך אויסגעצייכענט אַלס זינגערין אין אָפּערעטעס. איך האָב זי נאָך גע־

זען שפּילען אין דער זשיגניצאַ אין בוקאַרעסט, אַלס שרה אין גאָלדפאַ־דענ׳ס „עקידת יצחק״. איר גרויסען ערפאָלג האָט זי אָבער געהאַט זינט זי האָט אין אַמעריקא אָנגעהויבען שפּילען ערנסטע דראַמאַטישע ראָלען. זי האָט געשפּילט די הויפּט ראָלען אין אַזעלכע וועלט באַרימטע דראַמעס ווי איבסענ׳ס „נאָראַ״, דומאַ׳ס „קאַמעליען דאַמע״, מעטערלינק׳ס „מאָנאַ וואַנאַ״, זודערמאַנ׳ס „היימאַטה״, א. אַ.

מאַלווינאַ לאָבעל האָט געהאַט טאַלאַנט און טעמפּעראַמענט. זי האָט זיך אויך באַמיט צו פאַרשטיין די ראָלען. אַ גרויסען ערפאָלג האָט זי גע־האַט אין „מאַדאַם עקס״. דאָס איז אַ שטאַרקע מעלאָדראַמע, פאַר וועל־כער איר הייסער טעמפּעראַמענט איז גוט צוגעפּאַסט. זי האָט געשפּילט די הויפּט ראָלע אין דער פּיעסע הן אויף דער ענגלישער, הן אויף דער אידישער בינע אין אַמעריקא. דאָ, אין לאָנדאָן, האָט זי געשפּילט אַלס זשאַקלין בלויז אין אידיש אין סקאַלאַ טעאַטער אין יולי 1912. איך האָב וועגען איר שפּילען געשריבען: „מאַדאַם לאָבעל באַזיצט אַ בייגזאַמע פי־גור, אַן אויסדרוקספולען פּנים, און אַ מילדע אויסשפּראַך. זי פּערזאָניפי־צירט אַזאַ פרוי ווי זשאַקלין, און דריקט שטאַרק אויס אירע טיפע עמאָ־ציעס... זי האָט פאַרגעשטעלט אַ אמת׳ן טיפּ פון אַ געפאַלענער פרוי. חרטה באַזיצט זי ניט פיל. אַנדערע האָבען זי אַריינגעשטויסען אין תהום פון פאַרדאָרבענקייט. זי פילט זיך ניט אין דעם שולדיג... גלענצענד איז זי געווען ווען דער אַלפאָנז לאַראַק, זוכענדיג אַרויסצובאַקומען דעם נאָ־מען פון איר מאַן, כדי ביי אים אַרויסצופּרעסען געלד, דערמאָנט ער זי אין איר אַמאָליגען יחוס. די פרייד וואָס די ערינערונג דופט אַרויס אין איר, און וואָס זי דריקט אויס אין אַ היסטערישען געלעכטער, איז געווען זייער כאַראַקטעריסטיש און רירענד״...

נאָך בעסער איז זי מיר געפעלען מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אין דער לייכטערער ראָלע אַלס העלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ אין אַרציבאַשעוו׳ס „איי־פערזוכט״. איר שפּילען אין דער ראָלע האָב איך אַזוי כאַראַקטעריזירט: „זי צייכענט זיך אויס אין דער ראָלע נאָך מער ווי אין „מאַדאַם עקס״. סוף כל סוף איז זשאַקלין אַן איינזייטיגע מעלאָדראַמאַטישע ראָלע און מאַדאַם לאָבעל שפּילט איר אויך מעלאָדראַמאַטיש; גאַנץ אַנדערש איז די ראָלע פון העלענאַ ניקאָלאַיעוונאַ. דאָס איז אַ געלונגענער קינסטלע־רישער טיפּ פון אַ פרוי, אַ פלירט, וועלכע ליבט זיך צו אַמוזירען מיט שפּילען אין ליבע. דער טיפּ איז פילזייטיג: יעדען זוכט זי צו פאַנגען, און צו יעדען מאַן ווענדעט זי אָן אַן אַנדערען מיטעל. צו יעדען האָט זי אַן אַנדערע שטעלונג, אַן אַנדערען אויסדרוק. מאַדאַם לאָבעל האָט דעם פילזייטיגען טיפּ זייער כאַראַקטעריסטיש פאַרגעשטעלט. זי איז געווען גלענצענד אין איר פלירט, ענטציקענד אין איר נאַאיוויטעט, און שטאַרק

אין די דראַמאַטישע מאָמענטען. זי האָט אין דער ראָלע געהאַט אױסדרי־קע, װאָס האָבען דערמאָנט אין דעם שפּילען פון דער פראַנצױזישער אַר־טיסטין מאַדאַם רעזשאַן. איר שפּילען איז װירקליך געװען אַ פרײליכע איבערראַשונג״.

ז. סערא (שׂרה) אדלער

סעראַ אַדלער, די פרוי פון יעקב פּ. אַדלער, איז געװען באַרימט אַלס דראַמאַטישע קינסטלערין. זי האָט געהאַט טאַלאַנט. צו אונז אין לאָנדאָן איז זי אָבער שוין געקומען, װען זי איז געװען אַן עלטערע פרוי. זי האָט דאָ געשפּילט אין פּאַװיליאָן טעאַטער מיט איר מאַן בעת זײער סעזאָן אין 1919. איר האָט שוין געפעלט די יוגענדליכע שענקײט, און די שטימע האָט שוין אױך געצײגט שװאַכקײט. אין ראָלען פון יונגערע כאַ־ראַקטערע האָט זיך דאָס געפילט. אָבער שפּורען פון איר טאַלאַנט האָבען זיך נאָך שטאַרק אַרױסגעזען, באַזונדערס אין עמאָציאָנעלע סצענעס. אין ראָלען פון עלטערע כאַראַקטערע האָט זי זיך נאָך אױסגעצײכענט.

באַזונדערס איז זי מיר געפעלען אַלס בת שבע אין יעקב גאָרדינ׳ס „אָן אַ הײם״. זי האָט געשפּילט זײער נאַטירליך — פּשוט און אײנפאַך און צו דער זעלבער צײט טיף רירענד. זי האָט געהאַט מאָמענטען פון איבערגעגנגע צו טרױער אָדער צו משוגעת, װעלכע זײנען געװען קינסט־לערישע אין העכסטען זין. אין די שטאַרקע דראַמאַטישע מאָמענטען האָט איר די שטימע ניט פאַלשטענדיג געדינט, אָבער דאָס איז אָבגעװישט גע־װאָרען אין איר אַלגעמײנעם אױסגעצײכענטען שפּילען. מען איז געװען פון איר ענטציקט.

ח. מ. ד. װאַקסמאַן

פון די לאָנדאָנער שױשפּילער, װעלכע איך האָב געזען שפּילען אין אָנפאַנג פון מײן באַשעפטיגען זיך מיט׳ן אידישען טעאַטער, איז מיר אַם בעסטען געפעלען געװאָרען מאָריס ד. װאַקסמאַן. ער איז געװען אַ פע־היגער שױשפּילער. ער איז מיר אַממײנסטענס געפעלען, װײל װען איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל געזען האָט ער געשפּילט אין אַ בעסע־רער פּיעסע, אין פאַרגלײך צו אַנדערע פּיעסען, װאָס מען האָט דאַמאָלט געשפּילט אין לאָנדאָן. ער האָט אױפגעפירט אין סטענדערד טעאַטער (שפּעטער אָלימפּיאַ) ז. ליבינ׳ס „געבראָכענע הערצער״. ער האָט גע־שפּילט דעם חזן, דער פאָטער אין דער פּיעסע, און האָט פאַרגעשטעלט ערנסט די ראָלע, ניט מיט פיל ספּעציפישען כאַראַקטער, אָבער גאַנץ שטאַרק דראַמאַטיש.

דאָן האָב איך אים געזען אַלס יאַזאָן אין גאַרדינ'ס „מעדעאַ". אין דער קלאַסישער ראָלע, וואָס האָט געפאָדערט אַ זייער גוטע דיקציע, האָט ער שוואַכער געשפּילט; זיין שטימע האָט אים ניט גוט געדינט. זי איז געווען אָן עדות, אַז לאָנדאָנער שוישפּילער פּלעגן רעדן אויף אַ צו הויכען טאָן און עס האָט איבערגעפירט זייערע שטים־אָרגאַנען. אָבער דאָך האָט ער מיט אַ געוויסער ווירדע פאַרגעשטעלט דעם העלד פון דער מיטאָלאָגישער געשיכטע.

ער האָט אויך געשפּילט אַלס אוריאל מזיק אין „גאָט, מענש און טייפעל". אין דער ראָלע האָט זיך אויך אַרויסגעזען די באַשרענקטקייט. בעסער איז ער געווען אַלס וויקטאָר אין טאָלסטאָי'ס „לעבעדיגער מת".

מ. ד. וואַקסמאַן האָט געהאַט אַ הויפּט פעלער אין זיין שפּילען. עס זיינען פאַראַן מענשען, וועלכע ווען זיי רעדען צו אַ צווייטען, קוקען זיי אַלע מאָל צו אַ דריטען, כדי צו זען, וואָס פאַר אַ איינדרוק ער מאַכט אויף יענעם. דאָס שוואַכט אָב פאַרשטייט זיך דעם איינדרוק וואָס ער דאַרף מאַכען אויף דעם, מיט וועלכען ער רעדט. עס צוציט זיך דאָס שנירעל פון געשפּרעך און ס'ווערט דין... אַט דעם זעלבען פעלער פלעגט מאַכען וואַקסמאַן אויף דער בינע. אַנשטאָט צו קאָנצענטרירען זיך אויפ'ן שפּי־לען און אויף די דיאַלאָגען, וואָס ער פירט דורך מיט אַנדערע שוישפּילער, פלעגט ער אַלע מאָל אַ וואָרף טון די אויגען אויפ'ן פּובליקום. עס פלעגט דערפאַר אויסזען, אַז ער רעדט גאָר אין יענע מאָמענטען צום פּובליקום, ניט צו זיינע מיטשפּילער. דאָס פלעגט צוציען דעם פאָדים פון זיין שפּי־לען און אָבשוואַכען די דראַמאַטישע אינטענסיוויטעט. ס'איז געווען אַ שאָד. ווען מ. ד. וואַקסמאַן זאָל געווען זיך קאָנצענטרירען אויפ'ן שפּילען און ניט אַזוי פיל האָבען אין זינען דאָס פּובליקום אין מיטען שפּילען, און ווען ער זאָל געווען היטען זיין שטים, האָט ער באַזעסען פעהיגקייטען צו זיין אַ פיל גרעסערער קינסטלער.

מ. ד. וואַקסמאַן האָט אויך געשפּילט אין זיד אַפריקא, פראַנקרייך, פּוילען, אַמעריקא, און אַנדערע פלעצער. פאַר אַ קורצער צייט איז ער געווען דירעקטאָר אין לאַדזער טעאַטערס.

ער האָט אויך געשפּילט אויף דער ענגלישער בינע אין בערטראַם דזשייקאָב'ס „דער גלח און דער איד", אַלס דעם אידען.

ער האָט נאָך אַ פאַרדינסט פאַר דעם היגען אידישען טעאַטער. ער האָט אַראַנזשירט דעם ערשטען באַזוך פון מאָריס שוואַרץ'ס קונסט טעאַ־טער אין לאָנדאָן. ער האָט ניט מיטגעשפּילט.

מ. ד. וואַקסמאַן איז געשטאָרבען אין אַמעריקא.

ט. פעני וואקסמאן

עס קען קיין שום ספק ניט זיין, אַז פון די שוישפּילערינס, וועלכע מען קען באַצייכענען אַלס לאָנדאָנער אין פולען זין, איז פעני וואַקסמאַן, די שוועסטער פון מ. ד. וואַקסמאַן, די פעהיגסטע. זי איז די איינציגע פון זיי, וועלכע איז געוועז אַ „לידינג לײדי" (הויפּט דראַמאַטיסטין) צו איי־ניגע פון די בעסטע קינסטלער, וועלכע האָבען דאָ געשפּילט. אַמיינ־סטענס איז זי אויפגעטרעטען צוזאַמען מיט איר ברודער, ווען ער איז גע־ווען אין לאָנדאָן. אָבער זי איז אויך אויפגעטרעטען צוזאַמען מיט זיגמונד פיינמאַן און מיט מאָריס מאָסקאָוויטש.

זי האָט באַזעסען דראַמאַטישע פעהיגקייטען. זי האָט נאָר געהאַט איין חסרון: אין אָנפאַנג פון איר טעאַטער קאַריערע האָט זי געזונגען אין אָפּערעטען און אויך אין אַ אידישער איבערזעצונג פון „טראַוויאַטאַ", אין וועלכער זי האָט אייגענטליך דעבוטירט. זי איז געבליבען ביי דער גע־וואוינהייט צו רעדען מיט אַ זינגענדיגען טאָן אין איר שטימע, און ניט צו יעדער ראָלע האָט געפּאַסט דער דאָזיגער דעקלאַמאַטאָרישער זינגענ־דיגער טאָן.

פעני וואַקסמאַן האָט געשפּילט גוט אַלס גיטעלע אין ליבינ׳ס „גע־בראָכענע הערצער". אין דער פּיעסע האָב איך זי צום ערשטען מאָל גע־זען. זי האָט גאַנץ רירענד דורכגעפירט די סצענע, ווען זי איז אין שפּי־טאָל. איר שטאַרבען אויף דער בינע האָט אויך געמאַכט אַן איינדרוק.

גוט האָט זי אויך געשפּילט אַלס מעדעאַ. איר דעקלאַמאַטאָרישע שטימע האָט גראַדע געפּאַסט צו דער קלאַסישער ראָלע. זי איז געווען גאַנץ קרעפטיג אין די סצענעס ווען עס ברויזט איר פּראָטעסט און נקמה דורך יאַזאָנ׳ס פאַרראַט צו איר.

שען, כאָטש מיט אַ זינגענדיגען טאָן, האָט זי געשפּילט אַלס פריי־דעניו אין „גאָט, מענש און טייפעל", צו זיגמונד פיינמאַנ׳ס הערשעלע דובראָוונער. איר זינגען „מזמור לדוד" איז געווען גאַנץ האַרציג.

זי האָט אויך געשפּילט אַלס אירענא אין מאַרק אַרנשטיינ׳ס „ווילנער בעל הבית׳על" אין פיינמאַן אידישען פאָלקס טעאַטער.

פעני וואַקסמאַן איז אויך ערשינען אַלס בערטאַ אין „אונבאַקאַנטער" פון יעקב גאָרדין. איך האָב פאַרצייכענט: „זי האָט געשפּילט ניט שלעכט, ניט איבערגעטריבען; שטיל האָט זי אויסגעדריקט אירע ליידען. זי האָט איבערהויפּט אויסגעדריקט מיט פאַרשטענדניס די סאַרקאַסטישע באַ־מערקונגען, וואָס זי מאַכט וועגען אַנדערע און וועגען זיך".

מיט אַ געוויסען ערפאָלג האָט זי אויך געשפּילט אַלס יהודית אין „אוריאל אַקאָסטאַ".

פאַר פילע יאָרען האָט זי אָנגעפירט דאָס פּאַוויליאָן טעאַטער צוזאַ־מען מיט איר מאַן, מר. בלומענטאַל, וועלכער איז ניט געווען קיין שוי־שפּילער נאָר אַן אַדמיניסטראַטאָר. זיי האָבען אויך געהאַט טעאַטערס אין פּאַריז און אַנטווערפּען.

נאָך איר מאַנ׳ס טויט האָט פעני וואַקסמאַן אָנגעפירט דאָס אידישע נאַציאָנאַל טעאַטער אין אַדלער סטריט. זי האָט אויפגעפירט אונצעליגע מעלאָדראַמעס און אייניגע אָפּערעטען. זי האָט שטענדיג געהאַט אַ באַ־דייטענדען ערפאָלג. לעצטענס האָט זי געפייערט איר יובילעאום — 50 יאָר אויף דער אידישער בינע. זי האָט געשפּילט גאַנץ פּאַסיג „מירעלע אפרת״.

י. טשארלס נאטאנסאן

צווישען די ערשטע שוישפּילער, וועלכע זיינען געקומען שפּילען אין לאָנדאָן אין מיין צייט, איז געווען טשאַרלס נאַטאַנסאָן. ער פלעגט אויפ־פירען אַממיינסטענס מעלאָדראַמען אין אַלטען שניט. צווי פּיעסען, וועל־כע ער האָט געשפּילט מיט ערפאָלג זיינען געווען „דער ישיבה בחור״, אָדער „דער אידישער האַמלעט״ פון זאַלאַטאַרעווסקי׳ן, און דער „תלמיד חכם״ פון ראַקער.ביידע סענזאַציאָנעלע מעלאָדראַמען. ער האָט געשפּילט קרעפטיג, נאָר מיט אַ דעקלאַמאַטאָרישען טאָן, און ער האָט געהאַט אַ גרונד פעלער: זיין פּנים איז ניט געווען באַוועגליך. ער האָט בלויז גע־ווירקט מיט זיין גרים און ניט מיט מימיק. ער איז פאָלגליך געווען אייב־אַרטיג אין אויסדרוק. ער איז געווען גערעכענט פאַר אַ גוטען שוישפּילער, אָבער ער איז ניט געווען קיין קינסטלער, אין בעסערען זין. ער האָט דע־רויף אויך קיין פּרעטענציע ניט געהאַט.

יא. מאריס מאסקאוויטש

אַ קינסטלער מיט אַ גרויסען פּאַרנעם און אויך מיט אַ גרויסען נאָ־מען איז געווען מאָריס מאָסקאָוויטש. ער האָט צוערשט געלערענט זיין אַ זייגער־מאַכער, אָבער אים האָט געצויגען צו טעאַטער. ער האָט אַלס אינגעל נאָך געגעבען „פאָרשטעלונגען״ פאַר אַנדערע קינדער. ער איז אין דער יוגענד אָנגעקומען אין אַ רוסישער ליבהאָבער־טרופּע אין אָדעס. ער האָט דאַן אויסגעוואָנדערט קיין אַמעריקאַ. דאָרט האָט ער פאַר אַ צייט געאַרבייט זיין פאַך אַלס זייגער־מאַכער, אָבער ער פלעגט פון צייט צו צייט אויפטרעטען אין רוסישע דראַמאַטישע קלובען. יעקב פּ. אַדלער האָט אים צוגעצויגען צו דער אידישער בינע און ער איז געוואָרען אַ באַ־דייטענדער שוישפּילער. זיין ערשטע אויסצייכנונג איז געווען אַלס אוריאל מזיק אין „גאָט, מענש און טייפעל״ צו אַדלער׳ס הערשעלע דובראָוונער;

עס פאַרשטייט זיך אין ניו יאָרק. דאַן האָט ער געשפּילט צווייטע ראָלען אין גאָרדינ׳ס דראַמען, ווי גרעגוואַר אין „קרייצער סאָנאַטע“, יואל טראַכטענבערג אין „די יתומה“ א. אַ.

צום ערשטען מאָל איז מאָריס מאָסקאָוויטש געקומען גאַסטראָלירען קיין לאָנדאָן אין 1909, ווען זיגמונד פיינמאַן איז געווען דירעקטאָר פון פּאַוויליאָן טעאַטער. זיין ערשטער אויפטריט ביי אונז איז געווען אַלס אוריאל מזיק צו פיינמאַנ׳ס הערשעלע דובראָוונער אין „גאָט, מענש און טייפעל“.

ער איז פאַר מיר אַזוי ערשינען: אַ שלאַנקע פיגור, מיט אַן אויסדרוקספולען פּנים, גאַנץ אינטעליגענט, מיט פיל מימיק און באַוועגליכקייט. זיין פּנים איז געווען שטאַרק באַוועגליך, אפשר זאָגאַר צו שטאַרק. ער פלעגט אויך צופיל ווידערהאָלען זיין מימיק, עס איז ביי אים געוואָרען אַ מאַניעריזם. ער האָט געשפּילט גאַנץ קרעפטיג און כאַראַקטעריסטיש אַלס אוריאל מזיק, אָבער בלויז אויף דעם טראַדיציאָנעלען אופן פון מעפיסטאָפעל, אַממיינסטענס האָט ער אימפּאָנירט מיט זיין אינטעליגענטער אויפפאַסונג פון דער ראָלע, וואָס ער האָט פאָרגעשטעלט. ער האָט ניט נאָר געזוכט אויסצודריקען דעם כאַראַקטער, נור אויך אַרויסצוברייגען די אידעע וואָס די פּיעסע האָט באַצוועקט.

איך בין זיכער, אַז איך מאַך ניט קיין טעות ווען איך ערקלער, אַז מאָריס מאָסקאָוויטש איז געווען מער קינסטלערישע פּערזענליכקייט, ווי קינסטלער. דערפאַר טאַקע האָט ער געמאַכט אַ שטאַרקערען איינדרוק ווען מען האָט אים געזען דאָס ערשטע מאָל. זיין פּערזענליכקייט האָט אימפּאָנירט. ווען מען האָט אים געזען מערערע מאָל איז געווען קענטיג, אַז ער ווידערהאָלט זיך, בעת ער האָט געשפּילט פאַרשידענע ראָלען.

אַז מאָריס מאָסקאָוויטש איז טראָץ זיין באַרימטקייט מיר ניט שטענדיג געפעלען קען מען זען פון דעם וואָס איך האָב געשריבען וועגען זיין שפּילען אַלס בן ציון אין יעקב גאָרדינ׳ס „דער מטורף“. אָט וואָס ס׳איז ערשינען אין „אידישען זשורנאַל“ דעם 13־טען מאַי 1912:

„מיין מיינונג איז, אַז מאָסקאָוויטש דאַרף ניט שפּילען די ראָלע פון בן ציון אין „מטורף“. זי טראָגט ווענינ וואָס ביי צו זיין רעפּוטאַציע אַלס קינסטלער. פאַרקערט, זי נעמט אַראָב... ער איז ניט קיין שטימונגסשוישפּילער, ער קען ניט אויסדריקען דעם קרענקליכען סענטימענטאַליזם פון דעם סאָראָקער פילאָזאָף, וועלכער ווערט צודרייט דורך דער ניט דערגרייכונג פון זיינע באַגערען... ער האָט געהאַט איינינע שענע מאָמענטען, באַזונדערס איז ער איינדרוקספול געשטאָרבען, אָבער אין דער כאַ־

ראַקטעריזירונג פון דעם טיפּ און אין אויסדריקן זיינע נשמה ראַנגלעני־שען איז ער ניט געווען געלונגען".

מאַסקאָוויטש איז מיר באַזונדערס ניט געפעלען ווען ער האָט גע־שפּילט ספּעציפישע אידישע ראָלען. ער איז אין זיין אייגענעם כאַראַקטער געווען מער רוס ווי איד.

ווען ער האָט געשפּילט אַלס אלישע אין „אלישע בן אבויה" האָב איך געשריבען:

„מאַסקאָוויטש האָט זיך ניט דערהויבען אין אַלע שטעלען צו דער געווינשטער מדרגה. אין אַלגעמיין האָט ער געשפּילט אינטעליגענט דעם כאַראַקטער, אָבער עס האָט זיך גענויטיגט מער אינערליכער קאַמף, ווי אויסערליכער אויסדרוק".

פיל בעסער האָט ער פאַרגעשטעלט ראָלען פון פאַרפרעמדטע אידען, אָדער פון פרעמדע כאַראַקטערע.

ווען ער איז אויפגעטרעטען אַלס דער טייפעל אין אַנדרעיעוו'ס „אשמדאי" האָב איך פאַרצייכענט: „מאַסקאָוויטש פאַרשטייט ווי אויסצו־דריקען ווערטער און געדאַנקען. אין דער ראָלע פון אשמדאי איז אָט דאָס דער עיקר. ער האָט די איינקערפּערונג פון גייסט און כאַראַקטער זייער גוט אַרויסגעבראַכט".

וועגען זיין שפּילען אין גאָרדינ'ס „דער פרעמדער" איז מיין מיינונג געווען:

„מאַסקאָוויטש אַלס יואל, דער עקספּרעסמאַן, אין „דער פרעמדער". האָט געשפּילט זייער שען... ער האָט אויסגעדריקט, אויב מען קען אַזוי זאָגען, אַ עדעלע גראָבקייט... די איבערלעבונגען פון דעם כאַראַקטער האָט ער אַרויסגעבראַכט מיט פיל קראַפט און איז געווען פּסיכאָלאָגיש אויסגעהאַלטען".

בעת דער ערשטער וועלט מלחמה האָט מאַסקאָוויטש דאָ געשפּילט צוויי יאָר אין פּאַוויליאָן טעאַטער, און ער האָט געהאַט גרויסען ערפאָלג. אָבער ס'איז געווען כאַראַקטעריסטיש: ער האָט אַממיינסטענס געשפּילט איבערזעצטע פּיעסען פון וועלט רעפּערטואַר, און ווייניגע אידישע פּיע־סען. ער האָט אויפגעפירט „זשאַן און מאַגדאַלען", און „געשעפט איז גע־שעפט" פון אָקטאַוו מירבאָ; „דער לעבעדיגער מת" פון טאָלסטאָי; „דער פאָטער" פון סטרינדבערג; „דער אשמדאי" פון אַנדרעיעוו; „קיען" פון אַלעקסאַנדער דומאַ, א. אַ. דאָס שפּילען פרעמדע פּיעסען און דאָס פאַר־נאַכלעסיגען צו שפּילען אידישע פּיעסען איז געגאַנגען אַזוי ווייט, דאָס איך האָב געמוזט ציען דערצו די אויפמערקזאַמקייט אין די „צייט". איך האָב וועגען דעם געשריבען: „ס'איז זייער גוט, וואָס מען שפּילט פּיעסען

פון טאָלסטאָי, סטרינדבערג, מירבאָ, א. אַ. אָבער מען דאַרף ניט פאַרגע־סען, אַז ס׳זיינען אויך דאָ פּרץ הירשביין, שלום אַש, שלום עליכם א. אַ.״... אַחוץ די זייער גוטע פרעמדע פּיעסען האָט מאָסקאָוויטש געשפּילט מעלאָ־דראַמען, ווי „די ווייסע שקלאַפין״, „קאַרטען״ א. אַ.

ער האָט נאָך געהאַט אַ שוואַכקייט, ער האָט זייער פיל געשטעלט אויף זיך אַליין. ער פלעגט דענקען אַז זיין שפּילען איז ניט נאָר דער עיקר נור ס׳איז אויך געננוג... ווען ער איז געווען דירעקטאָר האָט ער געשפּילט מיט שוואַכע טרופּען. ווען מען האָט געפייערט זיין יובילעאום אויף דער בינע האָט ער מיך איינגעלאַדען צו רעדען ביי דער געלעגענהייט. איך האָב אים דאַמאָלט אויפריכטיג ערקלערט, אַז אַ קינסטלער־שוישפּילער דאַרף וויסען, אַז טעאַטער איז ניט דאָס שפּילען פון אַ סאָליסט, נאָר פון אַן אַנסאַמבעל, וואָס מוז גרייכען די האַרמאָניע פון אַן אָרקעסטער. פּונקט ווי אַ דיזאָנאַנס צושטערט די האַרמאָניע פון אַן אָרקעסטער, אַזוי ווערט אָבגעשוואַכט דאָס שפּילען פון אַן אַנסאַמבעל, ווען עס זיינען דאָ שוואַכע שוישפּילער. עס ווערט אפילו איבערגעפירט דאָס שפּילען פון לייטענדען קינסטלער.

ער אַליין האָט אין די הויפּט ראָלען פון די דערמאָנטע פּיעסען זייער גוט געשפּילט. באַזונדערס גוט איז ער געווען אַלס דער ריטמייסטער אין „פאָטער״, און אַלס פעדיאַ אין „דער לעבעדיגער מת״.

אין „פאָטער״ האָט ער זייער גוט אויסגעדריקט די קאַפּריזען, די אי־בערגענגע, און די משוגעת.

אין „לעבעדיגען מת״ אַלס פעדיאַ איז זיין שפּילען געווען קאָנצערט, זייער כאַראַקטעריסטיש, פילפאַרביג, ער איז געווען ווי די איינקערפּערונג פון דעם כאַראַקטער. ער האָט אַרויסגעבראַכט יעדען שטריך און באַוועגונג קינסטלעריש, איינדרוקספול.

ער האָט אויך געשפּילט „שיילאָק״ אויף דער אידישער בינע. מיר איז ניט אויסגעקומען צו זיין ביי דער פאָרשטעלונג. אים האָט געזען דער ענגלישער אימפּרעסאַריאָ ב. פּייגין. ער האָט אים אַנגאַזשירט צו שפּילען אַלס שיילאָק אין ענגליש צוערשט אין מאַנשעסטער און דאַן אין קאָורט טעאַטער, לאָנדאָן. ער האָט געשפּילט מיט זייער גרויסען מאַטעריעלען ערפאָלג. ער האָט געשפּילט אַזוי, ווי זיי שטעלען זיך פאָר שיילאָק׳ן, וועל־כער פאָדערט אַ פונט פלייש פון קריסט. דער קריטיקער פון די „טיימס״ האָט געשריבען, אַז זעהענדיג מאָסקאָוויטש׳ן שפּילען אַלס שיילאָק, באַ־רעכטיגט ער אַלץ ניט פאַגראַמען, אָבער ער „פאַרשטייט זיי״...

דער פאַראַנטוואָרטליכער אידישער פּובליציסט, דר. קאַראַלניק, האָט געשריבען אין די „צייט״, אַז אַזוי ווי מאָסקאָוויטש שפּילט טאָר מען ניט שפּילען שיילאָק... דאָס איז אויך געווען מיין מיינונג.

איידער איך האָב פאַרעפנטליכט מיין מיינונג האָט מאַסקאָוויטש מיר געשריבן אַ בריף, אַז די ענגלישע קריטיקער זיינען אַנטיסעמיטען... נאָך דעם וואָס איך האָב ערקלערט מיין מיינונג איז ער אויף מיר ברוגז געוואָרען... איך וויל וועגען דעם ניט מאריך זיין. דער עפּיזאָד באַלאַנגט ניט צו דער געשיכטע פון אידישען טעאַטער...

מאַסקאָוויטש האָט געשפּילט מיט ערפאָלג אויף דער ענגלישער בינע אין גאָגאָל׳ס „רעוויזאָר״ און אין „אייביגער געליבטער״. ער האָט אויך געשפּילט אין אַנגעלאָ אין די דרורי ליין, אָבער ער האָט אין דער פּיעסע ניט געהאַט אַזאַ גרויסען ערפאָלג. אויף דער עלטער האָט ער געשפּילט פּאָר פילמס אין האָליוואוד. ער איז אויך דאָרט געשטאָרבען. ער איז געווען אַ אינטערעסאַנטע פיגור אין אונזער אידישער טעאַטער געשיכטע.

יב. שילינג

דער ערשטער קאָמיקער, וועלכער איז מיר געפעלען אין לאָנדאָן, איז געווען שילינג, אָבער כאָטש ער איז מיר געפעלען אַלס קאָמיקער, האָט ער אַרויסגערופען ביי מיר צו זיך אַן אומ׳חן, דורך די מין פּיעסען, אין וועלכע איך האָב אים צוערשט געזען, און איבערהויפּט דורך די וואולגאַרע וויצען, וואָס ס׳איז אים אויסגעקומען צו זאָגען אין די פּיעסען.

ווען זיגמונד פיינמאַן איז געקומען קיין לאָנדאָן, און ער האָט אָנגעהויבען אויפפירען בעסערע פּיעסען, האָט דער טאַלאַנט פון שילינג׳ען זיך שטאַרק אַרויסגעזען. ער האָט געשפּילט באַזונדערס שען כאַראַקטער ראָלען פון אַלטע לייט. זיין לייזער בדחן אין „גאָט, מענש און טייפעל״ איז געווען אַ מייסטער־ראָלע דורכגעפירט אויף אַ גלענצענדען אופן. איך האָב געזען זייער טאַלענטירטע שוישפּילער אין דער ראָלע, צווישען זיי זשעליאַזאָ און זילבערקאַסטען, זיי זיינען געווען זייער גוט אַלס לייזער בדחן, שילינג איז געווען נאָך בעסער. ער האָט געהאַט אַ פּיעסטשעדיגען טאָן אין זיין שטימע, צו דער ראָלע פון אַן אַלטען מאַן האָט זיך דאָס זייער גוט געפּאַסט. ער האָט אויך געהאַט פיינע באַוועגונגען. די סצענע מיט אוריאל מזיק, באַזונדערס די סצענע, ווען ער ערקלערט אים זיין פילאָזאָפיע אַלס בדחן: ער מאַכט לאַכען ווען דאָס האַרץ ווערט אים צוריסען, האָט ער דורכגעפירט פּאַרטרעפליך.

נאָך אַ ראָלע זיינע איז מיר געבליבען שטאַרק אין זכרון: ער האָט געמאַכט אַ גלענצענדען איינדרוק אַלס דער משרת שאָר אין ראַנעטי ראַמאַן׳ס „מנשה״.

גוט איז ער אויך געווען אַלס ישראל יעקב, דער אַלטער זייגערמאַכער אין „מטורף״.

יג. סעמיועל טארנבערג

ווען זיגמונד פיינמאַן איז געווען דירעקטאָר אין פּאַוויליאָן טעאַטער, האָט אויך דאָ גאַסטראָלירט דער כאַראַקטער קאָמיקער פון אַמעריקא, סעמיועל טאַרנבערג. ער איז געווען אַ גלענצענדער קאָמיקער, און דער־צו אַ אינטעליגענטער מענש. ער האָט פאַרשטאַנען דעם וויץ, וואָס ער האָט געזאָגט, און ער האָט פאַרשטאַנען צו מאַכען דעם וויץ שאַרפזיניג. צו דער זעלבער צייט האָט ער געזוכט צו זיין ריין. עס איז געווען קענ־טיג, אַז ער האָט אַן עסטעטישען באַגריף און מיידעט אויס וואולגאַריטעט. ער איז אויפגעטרעטען אין אַ קאָמעדיע, אין וועלכער ער האָט געשפּילט אַלס אַן אַמעריקאַנער אידישער רעווערענדעל, וואָס האָט ליב אַ בלאַף צו טון. האָט ער געהאַט צו זאָגען אַ ווערטעל דוקא אין ענגליש: „איי ביז־נעס וויטהאַוט איי ביזנעס איז באַט איי ביזנעס עט אָלל״ (אַ געשעפט אָן אַ געשעפט איז בכלל קיין געשעפט ניט). ס'איז געווען פול מיט טעם זיין אויסדריקען אָט דאָס שפּיציגע ווערטעל.

ווען איך האָב געהערט, אַז ער איז געשטאָרבען אין אָקטאָבער 1911 אין דער פריער עלטער פון 39 יאָר, האָב איך געפילט טיפען צער. מיך האָט געגאַגט אַ בענקעניש אים נאָך אַמאָל צו זען — אַ באַגער איז ענ־טוישט געוואָרען דורך זיין פריצייטיגען טויט. איך האָב אים אויך גערן געהאַט אַלס מענש. ער האָט באַזעסען אַ היבשע מאָס אינטעליגענץ און שאַרפזין.

יד. יעקב בן עמי

בן עמי, וועמענס ריכטיגער פאַמיליען נאָמען איז שטשירין, איז גע־ווען דער ערשטער לייטונגס קינסטלער אין ערשטען אידישען קונסט טע־אַטער, וואָס פרץ הירשביין האָט געשאַפען אין רוסלאַנד. זיין נאָמען איז געווען כמעט פון אָנפאַנג אָן פאַרבונדען מיט קונסט טעאַטער אין בעס־טען זין. ער איז געווען פון די סאַמע ערשטע אויפפירער פון קונסט פּיע־סען, וועלכער האָט אויך געזוכט אויפצוהאַלטען און ענטוויקלען קונסט פאָרמען. אַלס אַזעלכער איז ער באַרימט געוואָרען ניט נאָר אין רוסלאַנד און פוילען, נור אויך אין דער וועלט, ווען ער איז בלויז אַלט געווען 21 יאָר. דאָס אַליין איז שוין אַ גאַנץ באַדייטענדע דערגרייכונג. שפּעטער האָט ער זיך ערוואָרבען אַ פּלאַץ צווישען די אַנערקענטע בעסטע אידישע קינסטלער אויף דער אידישער בינע.

איך האָב ערפאַרען וועגען זיין טאַלאַנט און פעהיגקייט, ווען ער איז נאָך געווען אין רוסלאַנד, און ווען דאָס פיינמאַן אידישע פאָלקס טעאַטער האָט געהאַלטען ביים פאַרטיג ווערען האָב איך געווירקט, אַז ער זאָל אַהער

געבראַכט ווערען אַלס דער לייטער פון דער דראַמאַטישער טייל פון דעם ערשטען אידישען קונסט טעאַטער אין לאַנדאָן. איך האָב זיך מיט אים וועגען דעם דורכגעשריבען, און ער איז געקומען. ער איז דאַמאַלט בלויז אַלט געווען 22 יאָר.

ס׳איז זיכער געווען אַ זייער געוואַגטע זאַך צו שטעלען אַזאַ יונגען קינסטלער אין דער שפּיצע פון דער וויכטיגסטער טייל פון אַזאַ טעאַטער. אָבער איך בין אין זיין קינסטלערישען טאַלאַנט און אפילו אין זיינע פּע־היגקייטען אַלס רעזשיסאָר ניט ענטוישט געוואָרען. עס קען קיין שום ספק ניט זיין, דאָס שוין דאַמאַלט, צו יענער פריער עלטער, איז ער שוין ווערט געווען דעם נאָמען, וואָס ער האָט זיך ערוואָרבען. אים האָט אָבער געפעלט איין זאַך: ער האָט ניט געהאַט גענוג אונטערנעמונגס גייסט און פעסטען ווילען דורכצופירען די אויפגאַבע פון זיין פּאָזיציע. עס קען זיין, אַז דאָס איז גראַד געווען דערפאַר, ווייל זיין קינסטלערישע פּערזענליכקייט האָט זיך קאָנצענטרירט בלויז אויף׳ן שפּילען גופא, און דערפאַר איז עס גאָרניט געווען קיין חסרון, נאָר פאַרקערט אַ מעלה. אָבער פאַר׳ן טעאַטער איז עס געווען אַ חסרון, און מיר שיינט אויך פאַר זיין קאַריערע...

בן עמי איז אַ קינסטלער, וואָס גיט אויסדרוק דורך זיין שפּילען צו טיפע אינערליכע איבערלעבונגען; ער שפּילט אַזוי צו זאָגען אויף אַ שטי־לען טאָן, אָבער פול מיט אינטענסיוויטעט, מיט אינערליכער עמאָציע; באַזונדערס ברייינגט ער גוט אַרויס שטימונגען, וואָס פליסען אַרויס פון דער נשמה פון די כאַראַקטערע, וואָס ער שטעלט פאָר.

די ערשטע ראָלע, וואָס איך האָב אים געזען שפּילען, איז געווען אַלס יואל דוד אין מאַרק אַרנשטיינ׳ס דראַמע „דער ווילנער בעל הבית׳על״, מיט וועלכער ס׳איז געעפענט געוואָרען די דראַמאַטישע טייל אין פּיינ־מאַן אידישען פאָלקס טעאַטער. איך האָב דאַמאַלט פאַרצייכענט:

„בן עמי האָט געשפּילט זייער שטימונגספול אַלס יואל דוד, דער הויפּט כאַראַקטער אין „ווילנער בעל הבית׳על״. ער שפּילט טיף, זיין פּנים רעדט אפילו ווען ער האָט ניט צו זאָגען קיין וואָרט. עס איז פול מיט בלי־קען און באַוועגונגען, וואָס דריקען אויס טיפע נשמה איבערלעבונגען. אויף זיין פּנים האָט גלענצענד זיך אָבגעשפּיגעלט די אינערליכע ראַנגלע־ניש דורך דער ווירקונג פון זיין פאָטער׳ס ווערטער״.

דאַן האָט בן עמי זיך אויסגעצייכענט אַלס רפאל אין הייערמאַנ׳ס „געטאָ״. איך האָב זיין שפּילען אין דער ראָלע אַזוי כאַראַקטעריזירט: יעדע באַוועגונג זיינע איז געווען אויסגערעכענט און דאָך אַזוי נאַטירליך, קינסטלעריש דורכגעפירט. ער ברייינגט טיף אַרויס די אינערליכע איבער־לעבונגען. ער לעבט מיט יעדען נערוו אויף דער בינע. ער איז טיף און

דירענד אין לײדען; פלאַם פּײער אין פּראָטעסט; צאַרט און פילענד אין ליבע; טײפליש בײסענד אין סאַרקאַזם. ער שפּילט ניט פאַר׳ן פּובליקום, נאָר פאַר דער בינע. ער גיט זיך אין גאַנצען איבער זײן ראָלע, און האָט ניט אין זינען װאָס עס קומט פאַר אַרום אים.

שאַרפער קריטיש בין איך געװען צו אים װען ער האָט געשפּילט אַלס דער ליבהאָבער אַרמאַן אין „קאַמעליען דאַמע״ מיט דינע פײנמאַן:

בן עמי אַלס אַרמאַן האָט געשפּילט גוט אין די לעצטע צװײ אַקטען. אין די ערשטע אַקטען איז ער ניט געװען דער אונערפאַרענער נאַאיװער יונגערמאַנטשיק, װי די ראָלע פאָדערט, נאָר אַ נעאוראַסטעניקער. װען ער װערט שױן דער ליבהאָבער, װעלכער האָט צו קעמפען מיט די שװעריג־קײטען פון לעבען, איז ער שױן געװען מער אין דער ראָלע. גאַנץ שטאַרק האָט ער אױסגעדריקט דעם קאָנפליקט מיט מאַרגאַריטען אין 4־טען אַקט, און די שמערצען װאָס ער פילט צום סוף װען ס׳װערט אים קלאָר, װאָס פאַר אַ נאָבעל װעזען זי איז געװען, און װאָס פאַר אַ טײערען שאַץ ער האָט פאַרלוירען.

אַלץ שאַרף קריטיש בין איך געװען צו אים װען ער האָט געשפּילט אַלס יואל קאַרטשינסקי אין יעקב גאָרדינ׳ס „דער אונבאַקאַנטער״: ער האָט ניט געשאַפען אַ גאָר ריכטיגען טיפּ. ער דאַרף זײן די אײנקערפּע־רונג פון דעם אױסערליכען כח װאָס באַהערשט בערנאַרד׳ן. ער דאַרף אױסדריקען ברוטאַלען עגאָאיזם אַלס אַ „קלוגע לעבענס פילאָזאָפיע״. די עגאָאיסטישע ברוטאַליטעט האָט ער אױסגעדריקט, אָבער די פילאָזאָפישע „קלוגהײט״ האָט ער ניט גענוג אַרױסגעבראַכט. פאַרשידענע סצענעס האָט ער זײער אַרטיסטיש געשפּילט.

שען איז בן עמי געװען אַלס אַפּאָלאָ זונענשײן אין גאָרדינ׳ס „סאַפאָ״. אײניגע סצענעס, װי די שלוס סצענע פון צװײטען אַקט, די געזעגנונג אין פירטען אַקט א. אַ. זײנען דורכגעפירט געװאָרען גאָר קינסטלעריש. איך האָב פאַרצײכענט: „מען זעט זעלטען אויף דער אידישער בינע אַזאַ אַרטיסטיש שפּילען״.

בלױז פיר חדשים איז בן עמי געװען אין לאָנדאָן. אַזױ פיל האָט גע־דױערט דאָס פײנמאַן אידישע פאָלקס טעאַטער. ער איז דאַן אַװעק קײן אַמעריקאַ. דאָרט האָט ער זיך אויך אױסגעצײכענט אין שפּילען. באַזונ־דערס האָט ער געהאַט גרױסען ערפאָלג װען ער האָט געשפּילט אויף דער ענגלישער בינע אין סװען לאַנגע׳ס „שמשון און דלילה״ און אין „אַנגע־לאָ״. ער האָט דאַן אָנגעפירט אַ סעזאָן אין אירװינג פּלײס טעאַטער אונ־טער׳ן נאָמען: „דאָס נײע אידישע קונסט טעאַטער״. בן עמי באַלאַנגט אָן אַ שום ספק צו די פײנסטע קינסטלער אויף דער אידישער בינע.

טו. יוסף ווינאגראדאוו

ער באלאנגט ניט אין גאנצען צום אידישען טעאטער, אבער יוסף ווינאגראדאוו האט געזונגען אפערא אין אידיש ביי אונז אין פיינמאנ׳ס אידישען פאלקס טעאטער. איך האב ביי יענער געלעגענהייט וועגען אים געשריבען אין „אידישען זשורנאל״:

דאס פיינמאן אידישע פאלקס טעאטער קען שטאלצירען דערמיט וואס עס האט צוגעצויגען א קראפט, וועלכער איז אן א ספק א צירונג פאר דער אידישער בינע, דעם בארימטען אפערא זינגער יוסף ווינאגראדאוו.

ער האט א וואונדערבארע באריטאן שטימע, און צו דער זעלבער צייט איז ער א גוטער רעזשיסאר.

ער אליין האט מיר איבערגעגעבען, אז אין 1887 איז ער ערשינען צום ערשטען מאל אויף דער בינע אלס זינגער אין אפערא. זיין ערשטער אויפטריט איז געווען אין „ראיאל קאווענט גארדען״ (דאס קעניגליכע אפערא הויז אין לאנדאן). ער איז נאך דעם אוועק קיין רוסלאנד, וואו ער האט געזונגען אין אפעראס אין מאסקווא, ווארשא, אדעס און אנדערע שטעט. זעקס יאר האט ער געזונגען אין דער קייזערליכער נאציאנאלער פאלקס אפערא אין סט. פעטערסבורג (איצט לענינגראד).

אלס כאראקטעריסטיק פון ווינאגראדאוו׳ס נאציאנאלען אידישען גע־פיל קען דינען פאלגענדער פאקט: ווען מען האט אים איינגעלאדען צו קומען צום אידישען פאלקס טעאטער אין לאנדאן, האט מען אים געשריי־בען א בריף אין דייטש. אין זיין ענטפער געפינט זיך די פאלגענדע באַ־מערקונג: „שרייבט מיר פשוט אידיש. אידישע מענשען דארפען אידיש שרייבען״.

ער האט געזונגען מיט באזונדערען גרויסען ערפאלג אלס דער הויף־נאר אין ריגאלעטא. ס׳איז געווען א גרויסע קינסטלערישע דערגרייכונג.

טז. אנא פיליפאוו

זי האט פריער געזונגען אין קאווענט גארדען. אין פיינמאן אידישען פאלקס טעאטער איז אנא פיליפאוו ערשינען סוף אפריל 1912 אלס גילדא אין „ריגאלעטא״. זי האט געמאכט זייער א גוטען איינדרוק. זי האט באַ־זעסען א זיסע שטימע, א לירישע סאפראנא מיט פילפארביגער קאלאראַ־טור. דאס געזאנג „קארא נאמע״ האט זי געזונגען מיט וואונדערבארער שענקייט.

יז. יאָזעף קעסלער

נאָך דעם וואָס מאָסקאָוויטש איז אַרויף אויף דער ענגלישער בינע האָט זיך דאָ באַזעצט יאָזעף קעסלער. ער איז דאָ געווען די־רעקטאָר אין פּאַוויליאָן טעאַטער און האָט געשפּילט הויפּט ראָלען פילע יאָרען. ער האָט אָן אַ ספק פיל בייגעטראָגען אויפצוהאַלטען דאָ אַ שטענ־דיג אידיש טעאַטער, אָבער לײדער האָט ער ניט געשאַפען קיין בעסערען טעאַטער. ער האָט אַממײנסטענס אויפגעפירט סענזאַציאָנעלע מעלאָדראַ־מען, כאָטש פון צייט צו צייט האָט ער אויפגעפירט בעסערע און זאָגאַר גאָר גוטע פיעסען.

יאָזעף קעסלער האָט גראָד אָנגעפאַנגען זיין טעאַטער קאַריערע מיט אַ בייגונג צו גוטען. ער איז כמעט געווען דער ערשטער שוישפּילער אויף דער אידישער בינע, וועלכער האָט אויפגעפירט אַזעלכע קלאַסישע פּיע־סען, ווי „האַמלעט“ און „ראָמעאָ און זשוליעט“ פון שעקספּיר, די „רויּ־בער“ פון שילער, א. אַ. ער האָט געשפּילט די הויפּט ראָלען אין די פּיע־סען, און ער האָט געהאַט אָן צווייפעל שוישפּילערישע פעהיגקייטען. ער איז אָבער געווען געהינדערט פון צוויי זאַכען צו זיין ערפאָלגרייך אַלס קינסטלער אין בעסערען זין. ער האָט ניט באַזעסען די נויטיגע אינטעלי־גענץ פאַר העכערער קונסט, און האָט געהאַט אַ ברייטע אויסשפּראַך, וואָס האָט איבערגעפירט דאָס פאַרטראָגען פון די ליטעראַרישע מאָנאָלאָגען. שוין די אַרט פון זיין רעדען האָט ניט געקלונגען גענוג גוט ליטעראַריש און קינסטלעריש, אַחוץ וואָס עס האָבען אים געפעלט די נויטיגע אונדו־לאַציעס.

ער האָט זיך דערפאַר געפילט פיל בעסער אין מעלאָדראַמען, אין וועלכע מען רעדט שטענדיג אויפ'ן הויכען קול, און אַז ס'קלינגט גראָב און צו שטאַרק מאַכט עס ניט אויס, ווייל ס'איז דאָך גראָב און איבערגע־טריבען כמעט אַלץ וואָס קומט אין זיי פאָר. געשטערט האָט אים אויך צו אַ קינסטלערישען שפּילען, דאָס וואָס ער איז געווען אַ שטאַרק צוואַוואַק־טענער, און ניט יעדע ראָלע האָט פאַר אים געפאַסט.

ס'מוז אָבער געזאָגט ווערען, אַז ווען יאָזעף קעסלער האָט געשפּילט מעלאָדראַמאַטישע העלדען, אַזעלכע ראָלען וואָס האָבען זיך געפאַסט פאַר אים, איז ער געווען ניט שלעכט. ער האָט גוט געשפּילט אַלס איי־קעלע מזיק אין שמר'ס פּיעסע מיט דעם זעלבען נאָמען. ער האָט געשפּילט גוט אַלס דער הויפּט כאַראַקטער אין לעאָן קאָברינ'ס „צוריק צו זיין פאָלק“; אויך אַלס דער אָבערגלויבערישער פאַרמער אין ליבינ'ס „קינדער פון דער ערד“, און נאָך אַזעלכע ראָלען.

נאָך פאַר אַ זאַך קומט יאָזעף קעסלער קרעדיט. ער האָט אַוועקגעגע־

בען פאַר'ן אידישען טעאַטער זיין געזונד און זיין לעבען. ער איז אַוועק־געפאָרען פון לאָנדאָן, נאָך פילע יאָרען שפּילען, אַ קראַנקער און אַ צו־בראָכענער. ער האָט דוכט מיר אפילו ניט געהאַט אויף רייזע הוצאות און האָט געמוזט געלד לייען. ער איז געפאָרען קיין אַמעריקאַ, ער האָט דאָרט מער ניט געשפּילט און ער איז אַ לידענדער געשטאָרבען.

יח. יעקב זילבערט

יעקב זילבערט האָט דאָ אין לאָנדאָן גאַסטראָלירט אייניגע מאָל אין פּאַוויליאָן טעאַטער. ער האָט באַלאַנגט צום עלטערען דור שוישפּילער. ער איז געווען אַ הויכער און אַן אַנגעזעהענער; האָט גע־שפּילט מיט ערפאָלג ראָלען, וועלכע האָבען זיך פּאַר אים גע־פּאַסט. אַ באַדייטענדען ערפאָלג האָט ער געהאַט אַלס דוד משה'־לעס, די הויפּט ראָלע אין יעקב גאָרדינ'ס „דער אידישער קעניג ליר". עס איז געווען אַ מאָמענט, אין וועלכען, בעת ער האָט אויסגעדריקט די ליי־דען פון דעם באַ'עולה'טען פאָטער, האָט זיין קערפּער אָנגענומען אַזאַ פּאָזע, ווי ער וואָלט פאָרשטעלן אַ פראַגע־צייכען. די סצענע האָט גע־מאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. עס איז געווען אַ בעסערער קינסטלערישער שטריך.

יעקב זילבערט האָט אויך געשפּילט גוט די ראָלע אַלס דער ברודער, דער ציוניסט, אין „צוריק צו זיין פאָלק". ער האָט ליב געהאַט איינצופיי־רען אפילו אין ערנסטע פּיעסען לידער. ער האָט ניט שלעכט געזונגען.

יט. סאַמועל לארעסקו

נאָך אַ גאַסטראָלאָר ביי אונז איז געווען סאַמועל לאַרעסקאָ (אָדער לערעסקאָ, ווי אַנדערע רופען אים). ער איז געווען אַ אינטעליגענטער מענש, און האָט אויך פאַרפאַסט אייניגע פּיעסען, צווישען זיי „דר. הערצל". ער האָט איבערזעצט די רומענישע לעגענדאַרע פּיעסע „מעש־טערול מאַנאָלע" אונטער דעם נאָמען „די איינגעמויערטע פרוי"; אויך „באַרבאַרא אובריק", אַ קראַקאָווער קלויסטער לעגענדע, וואָס בערטאַ קאַליש האָט געשפּילט אין בוקאַרעסט. אַלס שוישפּילער איז ער געווען פעהיג. ער האָט דאָ געשפּילט מיט מאָסקאָוויטש'ן און קעסלער'ן.

לאַרעסקאָ איז דאָ איין מאָל ערשינען אַלס מענדעל אין פּרץ הירש־ביינ'ס „די נבלה". ער האָט געשפּילט פאַרהעלטניסמעסיג גוט. זיין פעסט געבויטער קערפּער האָט ניט געפּאַסט פאַר אַזאַ ראָלע, אָבער זיין שפּילען איז געווען אויסגעהאַלטען. ער האָט אויסגעדריקט צוערשט די נערוועזע צורייצטקייט און דאַן די פאַלשטענדיגע צורודערונג, די משוגעת פון דעם אונגליקליכען.

ער האָט אויך אויפגעפירט אין מייל ענד עמפּיר „בּאַראַ" פון איבּ־סען, אין וועלכער דיינע פיינמאַן האָט געשפּילט די הויפּט ראָלע. וועגען אים קען מען פאַלשטענדיג זאָגען, דאָס אַ דאַנק זיין אינטעליגענץ האָט ער זייער פיל געוואָלט; מאַנכעס האָט זיך אים אויך איינגעגעבען.

כ. אסתר רחל קאמינסקא

אסתר רחל קאַמינסקאַ איז געווען די אידישע קרוין־קינסטלערין אין פּוילען. זי איז געווען די בּאַרימטסטע פון די אידישע בּינען־כחות אין יענעם לאַנד; און טאַקע אַ העכסט טאַלענטירטע שוישפּילערין.

זי האָט בּאַזוכט לאָנדאָן אין סוף פון 1913, און האָט געגעבען אייניגע פאָרשטעלונגען אין פּאַוויליאָן טעאַטער. צום בּאַדויערען איז זי געקומען אין אַ זייער ניט גונסטיגען מאָמענט, ווען ס'איז אָנגעגאַנגען אַ שאַרפער סכסוך אין טעאַטער צווישען יאָזעף קעסלער און דיינע פיינמאַן. עס איז דאָ אַ ווערטעל, אַז „ווען צוויי קריגען זיך געווינט אַ דריטער". דאָס מאָל איז עס געווען אַנדערש; די דריטע האָט פאַרלוירען... צוליב דעם טומעל פון סכסוך האָט מען אונפאַרמיידליכערווייזע פאַרזען וואָס פאַר אַ גרוי־סער גאַסט ס'איז אין לאָנדאָן...

אסתר רחל קאַמינסקאַ האָט דאָ געשפּילט אין צוויי פּיעסען: אַלס חאַסיע אין „די יתומה", און אַלס מירעלע אין „מירעלע אפרת", בּיידע פון יעקב גאָרדין. זי האָט זיך זייער שטאַרק אויסגעצייכענט אין בּיידע ראָלען. אָבּער זי איז שוין ניט געווען קיין יונגע פרוי, און פאַר דער ראָלע פון חאַסיען איז דאָס געווען אַ שטערונג. זי האָט געשפּילט זייער שען, אָבּער אָן דעם יוגענדליכען רייץ. אַלס מירעלע אפרת איז זי אָבּער געווען אונאיבּערטראָפען. זי האָט געהאַט אַ זייער אינטעליגענטען אויסזען, אַ פּראַכטפולער בּאַוועגליכער פּנים, און איר שטעל איז ניט געווען פון אַן אָנגעבּלאָזענער קליין־שטעטעלדיגער גביר'טע, נאָר טאַקע ווי פון אַ פאַר־לעצטער מאַמע, וועלכע האָט אויסגעדריקט פאַרדרוס און שמערץ, און געבּראָכענעם שטאָלץ פון אַ בּאַ'עולה'טער קעניגין וואָס זוכט אויפצוהאַלטען איר ווירדע.

כא. אסתר וואלערשטיין

צווישען די גאַסטראָלירער, וועלכע האָבּען געשפּילט אין פּאַוויליאָן טעאַטער אין יאָזעף קעסלער'ס צייטען, זיינען אויך געווען: אסתר וואַ־לערשטיין און איר מאַן סאול וואַלערשטיין.

אסתר וואַלערשטיין איז ערצויגען געוואָרען אין לאָנדאָן. איר מיי־דעלשער פאַמיליען נאָמען איז גאָלדשטיין; זי בּאַלאַנגט צו אַ פרומער

משפחה ; און זי האָט געלערענט אין אַ ענגלישער שולע. זי באַזיצט דראַ־מאַטישע קראַפט, און נאָך אַלס מיידעל איז זי געוואָרען אַ מיטגליד אין אַרבייטער קלובען, און האָט זיך באַטייליגט אין פאָרשטעלונגען וואָס זיי האָבען געגעבען. זי האָט געהייראַט מיט סאול וואַלערשטיין, און זיי האָבען זיך געמאַכט אַ טעאַטער קאַריערע. זיי האָבען געשפּילט אַממיינסטענס אין זיד אַפריקאַ, וואו זיי האָבען אייגענטליך געלעגט דעם גרונד שטיין צום דאָרטיגען אידישען טעאַטער. זיי האָבען אויך גאַסטראָלירט אין גאַ־ליציען, רומעניען, בעלגיען, פראַנקרייך און לאָנדאָן, און זיך דאַן באַזעצט אין אַמעריקאַ.

אסתר וואַלערשטיין האָט געשפּילט די הויפּט פּרויען ראָלען אין יעקב גאָרדינ׳ס רעפּערטואַר. זי האָט געשפּילט שטאַרק דראַמאַטיש, אָבער ניט שטענדיג איז זי געווען באַטירליך. זי האָט אויך געשפּילט אַלס רייזעלע אין הירשביינ׳ס „נבלה״ צו לאַרעסקאָ׳ס מענדעל.

כב. יעקב ספּיוואַקאָווסקי

ער איז געווען איינער פון די עלטסטע אידישע אַקטיאָרען. ער איז געווען אַ פריינד און אַ שותף פון גאָלדפאַדען. מען קען אים פאַלשטענדיג באַטראַכטען אַלס איינער פון די מיטגרינדער פון אידישען טעאַטער. ער האָט געשטאַמט פון בוקאַרעסט, רומעניען. ער איז דאָרט געבוירען גע־וואָרען אין סוף יאָר 1852.

דאָ, ביי אונז אין לאָנדאָן, האָט ער קיין מאָל ניט געשפּילט. אָבער ער איז ביי אונז אין לאָנדאָן געשטאָרבען דעם ערשטען טאָג ראש השנה תר״פ (25־טער סעפּטעמבער 1919).

אין דעם אַרטיקעל עראינערונגען, וואָס יעקב פּ. אַדלער האָט וועגען אים געשריבען אין די „צייט״ (דעם 30־טען סעפּטעמבער 1919) דערציילט ער פאָלגענדעס :

„עס איז געווען אין 1877. אין דער צייט פון רוסיש־טירקישען קריג. יעקב ספּיוואַקאָווסקי איז דאַמאָלט געווען אַ סטודענט. האָט שטודירט אין אָדעס, און האָט מיטגעאַרבייט אין רוסישע צייטונגען. ער איז געווען אַ אַפּטער באַזוכער אין רוסישען טעאַטער... די אָדעסער צייטונגען „אָדעסקי וועסטניק״ און „נאָוואָראָסיסקי טעלעגראַף״ האָבען אים געשיקט קיין בו־קאַרעסט אַלס קריגס קאָרעספּאָנדענט. אַלס געבוירענער אין רומעניען האָט ער געקענט רומעניש. דאָרט אין בוקאַרעסט האָט ער זיך באַקענט מיט דעם אַדוואָקאַט ישראל ראָזענבערג און זיי האָבען גערעדט וועגען דער נויטווענדיגקייט צו שאַפען אַ אידישען טעאַטער אין רוסלאַנד. אין 1878 זיינען זיי ביידע געקומען קיין אָדעס דעם פּלאַן צו פאַרווירקליכען.

„ספיוואַקאָווסקי האָט געשטאַמט פון אַ בכבוד׳ער פאַמיליע, וואָס האָט געהאַט צווישען אירע מיטגלידער פילע דאָקטוירים און אַדוואָקאַטען. ער איז אויך געווען זייער אימפּאָזאַנט און איינפלוסרייך. האָט געקענט פאָלקאָמען פראַנצויזיש, איז געגאַנגען געקליידט זייער שען. זיינע קליי־דער זיינען געווען אַ מוסטער. מען האָט אים איינפאַך באַטראַכט פאַר אַ מאָדעל. ער האָט דערפאַר געהאַט אַ צוטריט צו פאַרמעגליכע מענשען, איבערהויפּט צו זיינע פאַרמעגליכע קרובים. עס איז אים צוליב דעם ניט שווער געווען צו באַקומען די בויטיגע סומען געלד וועגען דער שאַפונג פון אַ אידישען טעאַטער. האָבענדיג געלד אין האַנד איז ספּיוואַקאָווסקי אַבגעפאָרען נאָך פעטערסבורג וועגען דורכפירען זיין געדאַנק, וואָס איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ גראַנדיעזען פלאַן“.

איך האָב ספּיוואַקאָווסקי׳ן דאָ אין לאָנדאָן ניט געזען שפּילען. איך קען פאָלגליך ניט שרייבען איבער זיין טאַלאַנט. איך וויל אָבער איבער־געבען ווי ער איז דאָ אין לאָנדאָן געשטאָרבען.

ווען ער איז אַהער געקומען איז ער שוין געווען אַלט און קראַנק. ער האָט דאָ זייער פיל געליטען. אַ לאַנגע צייט איז ער געלעגען צו בעט. אַ טאָג פאַר זיין טויט האָט ער געבעטען, דאָס מען זאָל אים מאַכען אַ שענע לויה, ווייל ער האָט עס פאַרדינט...

אַדלער איז דאַמאָלט ערוואַרטעט געוואָרען אין לאָנדאָן. האָט ספּי־וואַקאָווסקי געזאָגט: „איך וואָלט נאָך וועלען האָבען די זכיה צו זען מיין אַלטען תלמיד, פריינד און קאָלעגע יעקב אַדלער“. ער האָט אויך געבעטען אַז מען זאָל מיר זאָגען, אַז איך זאָל עפּעס שרייבען וועגען אים: „זיין רבי׳ן פון רומעניען“... ער איז פאַר אַ צייט אַנטשוויגען געוואָרען, דאַן האָט ער זיך דערמאָנט, אַז זיין שותף גאָלדפאַדען איז געשטאָרבען מיט דעם לידעל אויף זיינע ליפּען: „שטיי אויף מיין פאָלק“. ספּיוואַקאָווסקי האָט אַ ציטער געטון און זיך צוזונגען מיט טרערען אין די אויגען:

„שטיי אויף מיין פאָלק,
עס איז שוין טאָג“...

ער איז דערנאָך געבליבען ליגען שטיל און האָט דורכגעמאַכט אַ שווערע נאַכט... אויפ׳ן צווייטען טאָג אין דער פרי האָט ער דורכגעמאַכט די גסיסה און איז געשטאָרבען.

זיינע לעצטע יאָרען און טויט זיינען געווען אַ סימבאָל, ווי עס האָ־בען זיך געפּלאָגט און ווי עס זיינען געשטאָרבען די גרינדער פון אידי־שען טעאַטער וואָס האָט פאַרשאַפט דעם אידישען פאָלק אַזוי פיל פאַר־געניגען.

כג. די „ווילנער״

די ערשטע ווילנער טרופע, וועלכע האָט באַזוכט לאָנדאָן, אין 1922, מיט דוד הערמאַן, אזרא און עלמית, און וועלכע האָט געשפּילט אין קינגס־וועי טעאַטער, האָט אַרויסגערופן אַ זייער גרויסן אינטערעס ניט נאָר צווישן אידען, נור אויך צווישן ענגלענדער.

די „ווילנער״ האָבען געהאַט אַ גוטען נאָמען נאָך פון די פאַרשטע־לונגען וואָס זיי האָבען געגעבען אין פּוילען און אין דייטשלאַנד; זיי האָבען אויך דאָ געמאַכט אַ זייער גוטען איינדרוק.

די ענגלישע צייטונגען האָבען אָבגעגעבען פיל פּלאַץ צו זייער שפּי־לען, און אַ ענגלישער שוישפּילער און קריטיקער האָט געשריבען אין „דיילי ניוס״, אַז מען דאַרף ביי זיי לערנען... דאָס האָט אַם בעסטען באַ־וויזען וואָס פאַר אַ פּרעסטיזש עס קען זיין פאַר אידען, ווען מיר זאָלען האָבען אַ שטענדיגען אידישען קונסט טעאַטער.

ווען איך האָב זיי געזען שפּילען האָב איך געשריבען:

„אַזאַ קינסטלערישען גענוס, ווי מען האָט געפילט אין קינגסוועי־טעאַטער, ווען די „ווילנער״ זיינען צום ערשטען מאָל אויפגעטרעטען אין לאָנדאָן, פילט מען זייער זעלטען, ניט נאָר אין אידישען טעאַטער, נור אפילו אין בעסטען טעאַטער אין אַלגעמיין.

„קונסט איז דער אויסדרוק פון עמאָציעס, דער אויסדרוק פון טיף איבערגעלעבטע איינדריקע און געפילען וועלכע עלעקטריזירען דאָס ווע־זען פון קינסטלער און דערוועקען ביי אים די הייליגע באַגייסטערונג פון שאַפען, פון אויסדריקען נשמה פריידען, נשמה ליידען.

„די ווירקונג פון קונסט איז דערוועקען עמאָציעס ביי די צושויער, ביי די צוהערער אָדער לעזער. זיי צו מאַכען מיטפילען די איבערגעלעב־טע איינדריקע און געפילען פון קינסטלער, זיי צו ענטציקען און באַגייס־טערען פאַר דעם קינסטלער׳ס שאַפען.

„אָננעמענדיג אַט די כללים אַלס פּרעמיזען, און אָנווענדענדיג זיי צו די „ווילנער״, קען מען פאַלשטענדיג ציען דעם לאָגישען שלוס, אַז דאָס שפּילען זייערס איז געווען קונסט אין העכסטען זין, הן אין אויסדרוק הן אין ווירקונג.

„זיי שפּילען ניט בלויז, נור זיי לעבען איבער דאָס וואָס זיי שפּילען. זיי שטעלען ניט בלויז פאָר די כאַראַקטערע, זיי דריקען ניט בלויז אויס זייערע פריידען און ליידען, נור זיי פילען אַלץ דורך, ווי ס׳וואָלט געווען זייער אייגען לעבען, זייערע אייגענע פריידען און ליידען... זייער שפּילען

קומט דערפֿאַר אַרויס ניט נאָר שען פֿאַר׳ן אויג, נור אויך באַפֿרידיגענד פֿאַר׳ן האַרצען. זיי שפּילען נאַטירליך, טיף איינדרוקספֿול, און ברענגען אַרויס פּסיכאָלאָגישע אמת׳ן״.

עס קען קיין שום ספק ניט זיין, דאָס אָט די הויכע קינסטלערישע מדרגה האָבען די „ווילנער״ דערגרייכט, ניט נאָר צוליב דעם ווייל זיי האָבען באַזעסען טאַלאַנט, נור אויך ווייל זיי האָבען געהאַט אַ זייער פֿע־היגען רעזשיסאָר, דוד הערמאַן, וועלכער האָט זייער פֿיל געשטעלט ניט נאָר אויף דאָס שפּילען פֿון די איינצעלנע קינסטלער נור אויך אויף דאָס צוזאַמענשפּילען פֿון דעם גאַנצען אַנסאַמבעל. ער האָט זייער גוט פֿאַר־שטאַנען די וויכטיגקייט פֿון דעם קאָלעקטיווען בייטראַג אַחוץ פֿון דעם אינדיווידועלען צו די פֿאַרשטעלונגען. און אויך האָט ער פֿאַרשטאַנען ווי וויכטיג ס׳איז צו געבען אַ ריכטיגע זינפֿולע אינטערפּרעטאַציע צו דער פּיעסע וואָס מען שטעלט פֿאַר.

כד. סאָניא עלמית

סאָניאַ עלמית איז געווען די סאָפּראַנאָ פֿון דעם „ווילנער״ קאָנצערט אין שפּילען. זי איז געווען, אַזוי צו זאָגען, די ערשטע פֿידעל אין אָרקעס־טער. אַ שטימע האָט זי געהאַט, דאָס זי האָט געקענט אויסדריקען מיט אייגענאַרטיגקייט די צאַרטסטע געפֿילען, און די פֿיינסטע נואַנסען פֿון אמת׳ער נאַאיוויטעט. צו דער זעלבער צייט איז זי אַ דראַמאַטישע אַרטיס־טין אין פֿולען זין. זי באַזיצט פֿייער, קינסטלערישען אויסדרוק אין גע־זיכט, און אַ הויכען באַגריף פֿאַר פֿאָרמען. זי מוז אָבער נאָר שפּילען גרויסע ראָלען מיט טיפֿע איבערלעבונגען. איר טעמפּעראַמענט איז צו גרויס פֿאַר געוועהנליכע ראָלען. און איר זשעסט איז צו פֿיין ראַפֿינירט פֿאַר פּשוט׳ע טיפּען...

אַלס טאַמאַראַ אין פּינסקי׳ס „יענקעל דער שמיד״ האָט עלמית פֿער־זאָניפֿיצירט אַ צאַרטע, ליידענדע פֿרוי. איר באַוועגליך פּנים האָט דער־ציילט וואָס עס טוט זיך ביי איר אין האַרצען און איר גאַנץ וועזען איז געווען פֿאַרוואַנדעלט אין אַן אויסדרוק פֿון אַ קוואַל פֿון יסורים. איר שפּי־לען אין פֿירטען אַקט אַלס די שוין צובראָכענע ליידענדע פֿרוי איז געווען קאָנצערט.

אין ש. אַנ־סקי׳ס „דיבוק״ האָט זי פֿאַרגעשטעלט אַ נשמה׳־דיגע לאה. אירע פּלאַסטישע, איינפֿאַך איקאָנע־מעסיגע ליניען אין דער פֿאָרמע פֿון איר ערשיינען, האָט איר געמאַכט אויסזען מער ווי גלאַט אַ לעבעדיג וועזען. אָט דערפֿאַר האָט אויך דאָס אַריינגיין פֿון דיבוק אין איר אויסגעזען פֿאַרשטענדליך. מיט פֿיל קראַפֿט האָט זי אויסגעדריקט די קאָנ־וואולסיעס בעת מען טרייבט פֿון איר דעם דיבוק.

זייער כאַראַקטעריסטיש האָט זי געשפּילט אַלס נאַטאַשאַ אין „דאָרפּס יונג“ פון לעאָ קאָברין. אין ערשטען אַקט האָט זי כמעט גאָרניט צו טון און צו זאָגען; זי געפינט זיך אויף דער בינע מער אַלס צושויערין; דאָך איז זי געוועזן וואונדערבאַר, ווייל זי האָט יעדע סעקונדע אויסגעפילט, דאָ מיט אַ געלעכטער, דאָ מיט אַ שפּאָטישען אויסדרוק פון פּנים, און באַלד מיט עפּעס אַ באַוועגונג. זי שאַפט אויף דער בינע... אָבער גראָד אין דער ראָלע האָט מען אויך געזען דאָס זי שפּילט איינפאַכע סצענעס מיט צופיל נערוועז. איר וויינען איז געוועזן צו אינטענסיוו פאַר אַ איינפאַ־כער דאָרפס שיקסע. עס האָט געקלונגען ווי דער געוויין פון אַ אידישע מאַמע... אָזאַ וויינען, אַן און פאַר זיך, איז זייער איינדרוקספול און שען, אָבער עס פּאַסט ניט פאַר נאַטאַשאַ׳ן.

אָבער טראָץ די צו שטאַרקע שטריכען אין מאַנכע פלעצער איז זי אַ קינסטלערין פון גאָט׳ס גנאָדע...

כה. אזרא

אַלעקסאַנדער אזרא, דער הויפּט שוישפּילער פון די ווילנער, האָט פאַראייניגט דראַמאַטישע קראַפט און אינטעליגענץ. ער האָט אויך אַ ריכ־טיגען באַגריף פאַר כאַראַקטער אויסדרוק. ער פאַרשטייט צו רעדען מיט האַלבע ווערטער, צו זאָגען און ניט צו דערזאָגען; און ער באַזיצט טיפע בליקען, וועלכע קענען גרייכען צו אונבאַקאַנטע וועלטען. ער איז דער־פאַר אויך פּאַסיג פאַר מיסטישע ראָלען.

אין זיין שפּילען אַלס חנן אין „דיבוק“ איז ער ניט געוועזן בלויז אַ ישיבה בחור, נאָר אַ לעבעדיגער אויסדרוק פון אַ בעל קבלה. אין זיינע אויגען האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אַ מיסטישע טיפקייט, וואָס ווערט זעלטען געזען אויף דער בינע. זיין פּנים האָט אויסגעדריקט ניט בלויז נשמה אי־בערלעבונגען, נאָר מיסטיציזם,וואָס האָט געגעבען אַ באַגריף פון דאָס וואָס מען רופט נשמה...

אזרא׳ס שפּילען אַלס מענדעל אין הירשביינ׳ס „נבלה“ איז געוועזן אַ שפּיל פון נערוועז. עס האָט זיך באַמערקט, אַז ער שפּילט איבער, אָבער ער האָט עס געטון מיט מאָס. באַזונדערס דעם אויסברוך פון שגעון האָט ער אַרויסגעבראַכט מיט פיל קראַפט, שטאַרק עמאָציאָנעל אָבער אויף אַן איינדרוקספולען אופן.

געלונגען איז ביי אים אַרויסגעקומען לוי יצחק אין הירשביינ׳ס „גרינע פעלדער“. עס איז געוועזן אַ שאַפונג פון תמימות׳דיגקייט. אין דער סצענע, ווען ער ווערט צומישט פון דעם פלוצלינגען קוש פון צינע׳ן און

ער לויפט צו צו דער קאַלאַטאַיקע אויסקלאַפּען פּוטער, האָט ער געשפּילט אינטואיטיוו, אַזוי שען און באַטירליך האָט עס אויסגעזען.

כו. חיים שניאור

אַ רעאַליסטישער שוישפּילער ביי די „ווילנער" מיט באַדייטענדע דראַמאַטישע פעהיגקייטען איז חיים שניאור. ער האָט באַזונדערע אייגענטימליכקייט אין דער מימיק און אין די באַוועגונגען פון זיינע אויגען. ער קען דורך דעם אויסדריקען פיל כאַראַקטער.

ער האָט גאַנץ גוט געשפּילט אַלס יענקעל אין „יענקעל דער שמיד": אויסערליך גראָב, אינערליך איידעל. אַ מענש מיט אַ ריינער נשמה וואָס ראַנגעלט זיך געגען פאַרדאַרבענקייט. ער האָט געשפּילט מיט'ן פּנים, מיט די אויגען, מיט דעם קערפּער. ער פאַרשטייט אויסצודריקען געפילען מיט זיינע הענד.

אין „דיבוק" האָט ער פאַרגעשטעלט אויסערליך אויף אַ אינטערעסאַנטען אופן דעם מיראָפּאָליער צדיק. אָבער ער האָט ניט טיף געשפּילט. זיין באַוועגליכער פּנים האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ גייסטיגען ריז; אָבער זיין תורה לערנען האָט ניט אויסגעדריקט די גאַנצע לירישע שענקייט, וואָס קען אין דעם אַריינגעלעגט ווערען.

פיל בעסער איז ער געוועז אַלס הירש בער, דער געזונטער, לעבעדיגער פישער אין „דאָרפס יונג". ער איז געווען די איינקערפּערונג פון דעם טיפ וועלכער גלויבט טאַקע אין עולם הבא, אָבער ער מאַכט ניט אַוועק מיט דעם עולם הזה...

כז. זשעליאַזאַ

אַ פיינער כאַראַקטער קינסטלער איז לייזער זשעליאַזאַ. ער האָט געשפּילט אין לאָנדאָן נאָך אין פיינמאַן אידישען פאָלקס טעאַטער. ער איז אויך צו אונז געקומען מיט די „ווילנער". ווי פּרעכטיג ער האָט פאַרגעשטעלט גוטענקע, וויכענקע, אַלטע מענשען. ס'איז געווען פיל שענקייט און נאַאיווקייט אין זיין אויסדריקען אַלטקייט, אָבער ער האָט אויפגעהאַלטען מאָס. ער האָט ניט געלאָזען זיך אַוועקשלעפּען אין סענטימענטאַליזם. דער עיקר איז ביי אים געווען אויסדריקען כאַראַקטער. ער האָט געשפּילט אַלס דער פאָטער אין „ווילנער בעל הבית'על". איך האָב דאַמאָלט פאַרצייכענט אַז זשעליאַזאַ איז ניט נאָר אַ כאַראַקטער שוישפּילער נור טאַקע אַ קינסטלער. דעם זעלבען איינדרוק האָב איך געהאַט ווען ער האָט געשפּילט אַלס לייזער בדחן אין „גאָט, מענש און טייפעל". ער האָט גלענצענד אַרויסגעבראַכט דעם מענשען אין בדחן.

גאַר גלענצענד האָט ער געשפּילט אַלס דער זיידע אָזי הירשביינ׳ס „פּוסטע קרעטשמע״. ער האָט אויסגעדריקט זייער איינדרוקספול אָבער־גלויבען און שרעק פאַר ניט גוטע.

כח. בעלערינא

מיט די „ווילנער״ האָט אויך געשפּילט בעלאַ בעלערינאַ. זי איז גע־ווען קוועקזילבער, אַ זייער שטאַרק באַוועגליכע קאָמעדיענע. זי האָט איינגעקערפּערט אין אירע ראָלען יוגענד, פרישקייט, און באַוועגליכקייט. דער איינדרוק פון איר שפּילען איז געווען, אַז זי שוועבט און זי שלעפּט אַלץ אַריין אין אַ ווירבעל טאַנץ. זי האָט געהאַט אַ גרויסען טריאומף אַלס צינאַ אין „גרינע פעלדער״. אין די סצענעס פון שטיפעריי איז זי געווען פּראַכטפול. אין אירע דראַמאַטישע מאָמענטען איז זי געווען שוואַכער. אָבער ווען זי האָט געשטיפט, געלאַכט, געשפּרונגען, איבערהויפּט ווען זי האָט אויסגעדריקט נאַאיוויטעט, האָט זי געשאַפען ענטציקונג.

עס האָבען זיך נאָך באַטייליגט אין דער ערשטער ווילנער טרופּע אין לאָנדאָן: פעדער, האַמבורגער, גרינבערג, פּרנס, און די דאַמען: בירנבוים, וויטאַלין, סטוטשיסקי. יעדער און יעדע פון זיי האָט גאַנץ פיין מיטגע־שפּילט.

כט. לאה נעמי

ווען די „ווילנער״ זיינען געקומען צו אונז דעם צווייטען מאָל אין סעפּטעמבער 1923, זיינען זיי געווען אַ פאַרגרעסערטע טרופּע און זיי האָבען געשפּילט אין פּאַוויליאָן טעאַטער. צווישען די נייע קרעפטען וואָס זיי האָבען געבראַכט איז געווען לאה נעמי. זי איז ביי אונז שוין ניט גע־ווען קיין „נייע״, זי איז שוין געווען אַ גוט באַקאַנטע און אַ ליבער גאַסט.

נעמי האָט נאָך געשפּילט אין פיינמאַן אידישען פאָלקס טעאַטער. זי האָט גלייך פון איר ערשטען ערשיינען געוואונען שעצונג מיט איר זייער פיינעם, האַרציגען שפּילען אין מוטער ראָלען. זי האָט צוערשט געשפּילט אַלס די מוטער אין „ווילנער בעל הבית׳על״. זי איז געווען אַזוי טיפּיטשנע אידיש, אַזוי כאַראַקטעריסטיש היימיש אין אירע אויסדריקע, און אַזוי האַרציג אין איר טאָן, אַז זי האָט געמאַכט אַ זייער גוטען איינדרוק. דעם זעלבען איינדרוק האָט מען געהאַט, ווען זי האָט געשפּילט אַלס מוטער אין אַנדערע פּיעסען.

נאָך דעם וואָס דאָס פיינמאַן אידישע פאָלקס טעאַטער האָט זיך פאַרמאַכט, איז זי געבליבען פאַר אַ צייט אין לאָנדאָן און האָט געשפּילט אַ סעזאָן מיט מאָסקאָוויטש׳ן אין פּאַוויליאָן. זי איז אויפגעטרע־

טען אַלס לאוראַ אין סטרינדבערג׳ס „פאַטער״. וועגען איר שפּילען די ראָלע האָב איך פאַרצייכענט:

נעמי אַלס לאוראַ האָט געשפּילט שײן, אָבער זי איז ניט געווען גע־נוג לאוראַ... די ראָלע איז ניט פון איר זשאַנר. דער ריטמייסטער זאָגט אויף אַ פּלאַץ צו זיין פרוי: „דו ביזט שטאַרק, דו ביזט ווי אַ פוקס״. אַט דאָס איז דער כאַראַקטער פון לאוראַ׳ן. זי איז אַ שטאַרקע פרוי, אַ דיק־טאַטאָרין, אַ ביסמאַרק אין דער פאַמיליע. זי באַזיצט אַן אייזערנעם ווי־לען און ענטשלאָסענהייט. צו דער זעלבער צייט איז זי כיטרע. די כיט־רעקייט האָט נעמי גאַנץ גוט אַרויסגעבראַכט. זי באַזיצט אַ פיינע פאַר־שטענדניס פאַר איראָניע און סאַרקאַזם. אָבער די אייזערנע פעסטקייט איז אַרויסגעקומען ניט אַזוי פעסט. עס האָט זיך אין איר געפילט די ווייכקייט פון דער אידישער פרוי, פון דער אידישער מאַמע...

זי האָט נאָך דעם געשפּילט די הויפּט ראָלע אין זאָלאַ׳ס איינציגע דראַמע „טערעזאַ ראַקען״, און זי האָט געשפּילט מיט אַזוי פיל קראַפט דאָס זי האָט איבערראַשט. מען האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז די ווייכע הארציגע מאַמע וועט קענען אַזוי קרעפטיג שפּילען אַזאַ דראַמאַטישען כאַראַקטער ווי טערעזאַ ראַקען. די ראָלע איז פאַר איר געווען אַ טריאומף און ס׳איז אויך געווען אַ זייער ערפאָלגרייכע פאָרשטעלונג, וואָס איז פילע מאָל געשפּילט געוואָרען. אירע גרויסע אויגען, וועלכע זי עפענט זייער שטאַרק אין דער ראָלע, האָבען יעדען דורכגעדרונגען. עס איז איינפאַך געווען היפּנאָז אין אירע בליקען.

אַלץ מיט מאָסקאָוויטש׳ן האָט זי געשפּילט אַלס שרה, דוד לייזער׳ס פרוי, אין אַנדרעיעוו׳ס „אשמדאי״. סעם גאָלדענבורג, נאָך אַלס יונגער קינסטלער, האָט געשפּילט אַלס דוד לייזער. נעמי האָט אין דער ראָלע זיך אויסגעצייכענט. איר צערטליכקייט, איר אויסדרוק פון ליידען, און די פאַרגעטערונג פון איר מאַן זיינען וואונדערבאַר אויסגעדריקט געוואָ־רען. „עס איז געווען אַ אידעאַלע רעפּרעזענטירונג פון אַ פרוי״.

אַ קינסטלערין וועלכע מאַכט אַזאַ איינדרוק ווילט זיך זיכער ווידער זען, און מען האָט זיך געפרייט מיט איר ווידער קומען קיין לאָנדאָן.

די ערשטע פאָרשטעלונג פון די „ווילנער״ ביי זייער צווייטען באַזוך איז געווען פון ש. אַנ־סקי׳ס „טאָג און נאַכט״. אַט וואָס איך האָב גע־שריבען אין מיין רעצענזיע פון דער פאָרשטעלונג:

„די העלדין פון אָבענד איז געווען נעמי וועלכע האָט געשפּילט די אַלטע רבי׳צין. זי האָט פאָרגעשטעלט אַ מאַיעסטעטישע פיגור. פון ערש־טען מאָמענט אָן האָט מען געפילט, אַז זי טראָגט זיך אַרום מיט אַ שרעק־ליכען סוד אין האַרצען. זי האָט פאַרשפּרייט אַן אַטמאָספערע פון אונ־

היימליכקייט אויף דער בינע, און דאך האט זי אזוי אימפאנירט. די סצענע ווען זי ענטפלעקט דעם סוד צו איר זון און ווען זי שטארבט האט זי קינסטלעריש דורכגעפירט, מיט פיל קראפט און דאך איינגעהאלטען...

זי האט דאן געשפילט מיט פיל כאראקטער עטי מעני אין שלום עליכם׳ס „גרויסער געווינס״. פראכטפול זיינען ביי איר ארויסגעקומען די איבערגאנגס מאמענטען.

א באמת טאלענטירטע קינסטלערין.

ל. נאך „ווילנער״ קינסטלער

מיט די „ווילנער״ האבען נאך דאמאלט געשפילט:

קאוואלסקי, א דראמאטישער שוישפילער; ער האט זיכער געהאט פעהיגקייטען, אבער ניט גענוג פיזישע קראפט אויף דורכפירען קרעפטיג אזא דראמאטישע ראלע, ווי דער פייערדיגער רבי אין „טאג און נאכט״.

נח נאכבוש — א לירישער כאראקטער שוישפילער מיט אייגענאר־טיגקייט. ער האט גלענצענד געשפילט אלס דער שדכן, סאלאווייטשיק, אין שלום עליכם׳ס „גרויסער געווינס״. ער האט מיט קינסטלערישען חן ארויסגעבראכט די תנועות פון דעם כאראקטער.

פאלא וואלטער — א זייער פעהיגע שוישפילערין פאר כאראקטער ראלען. אז זי האט זיך אימיצען נאכגעקרימט איז זי געווען „פערפעקט״, אן אבסאלוטע קאפיע פונ׳ם אריגינאל.

מיט די „ווילנער״ איז אויך געקומען צו אונז דער זייער פעהיגער שוישפילער וואלף זילבערבערג. וועגען אים שרייב איך באזונדער. ער איז ביי אונז געווארען א תושב.

זיין פרוי, בעטי דאלסקא, איז אויך געקומען מיט די „ווילנער״. זי איז אויך געווען א פעהיגע שוישפילערין, פול מיט טעמפעראמענט; אבער זי האט זייער ווייניג געשפילט אויף דער היגער אידישער בינע.

לא. מאריס שווארץ

צווישען די ענטוויקלער פון בינע־קונסט און בינע־טעכניק ביי אידען פארנעמט דעם ערשטען פלאץ מאריס שווארץ, דער שאפער פון אידישען קונסט טעאטער פון אמעריקא, וואס טראגט זיין נאמען. ער איז א גרויסער קינסטלער, א זייער פעהיגער רעזשיסאר, און איבער אלץ א בינע קענער. נאר צו פארדאנקען זיין גרויסען טאלאנט, זיינע פעהיגקייטען און קענטעניש, איז געווען מעגליך, אז אין אמעריקא זאל מען שפילען קונסט טעאטער פאר לערך פינף און צוואנציג יאר צייט. ער האט ווי אויף זיינע אקסלען געטראגען דאס קונסט טעאטער. אן אים האט עס ניט געקענט עקזיסטירען.

מאריס שווארץ האט זיך ערווארבען א זייער בארימטען נאמען פאר זיינע קינסטלערישע דערגרייכונגען. דעם ערשטען באזוך ביי אונז אין לאנדאן מיט זיין קינסטלער טרופע האט ער געמאכט אין אפריל־מאי אין 1924. וואס פאר א גראנדיעזע טעאטער ימים טובים דאס זיינען געווען!

צום ערשטען מאל האבען מיר געזען מאריס שווארץ אלס שבתי צבי אין זשולאווסקי׳ס פיעסע אין סקאלא טעאטער. ער איז גלייך ערשינען אלס א באגאבטער קינסטלער, וועלכער שפילט מיט כאראקטער און טיף פסיכאלאגיש. ער איז בייגזאם, ווייך און הארציג; און אויך פעסט און טראגיש, ווען דאס איז נויטיג. ער באזיצט א אונדולירענדע שטימע, א באוועגליך פנים, רעדענדיגע אויגען, און טעמפעראמענט.

אין דער פארשטעלונג האט ער זיך געצייגט אלס א אינסצענירער פון מאסען סצענען. ער האט נאכגעפאלגט סיר הערבערט בירבאם טרי אלס פראדוצירער פון ספעקטאקולארע פארשטעלונגען פון היסטארישע דראמען, און ער האט איינגעפירט צו א גרויסען גראד מאדערנע קונסט פארמען. זיינע אראנזשירטע ליכט שפילען האבען זייער פיל בייגעטראגען צו דעם גראנדיעזען ספעקטאקעל.

אלס דראמאטישער כאראקטער קינסטלער, איז מיין איינדרוק געווען, דאס זיין שפילען האט געקרעטעט די דראמע „שבתי צבי״. ער האט ניט פארגעשטעלט קיין העכערען שבתי צבי ווי זשולאווסקי האט אים געשילדערט. ער האט ניט געמאכט טיפער זיינע איבערלעבונגען; אבער אין די ראמען פון דעם פארפאסער׳ס שילדערונג האט ער אויסגעדריקט פיל כאראקטער און קראפט, וואס האבען די ראלע דערהויבען. באזונדערס אין דריטען אקט, ווען ער איז צוערשט אליין, דאן מיט שרה׳ן אין דער תפיסה, איז זיין שפילען געווען קאנצערט. זיין תפילה — א נשמה סאלא... עס איז געווען געשפילט טעאטער...

נאָך דעם האָבען מיר אים געזען אַלס מישקאַ ציגאַניאַק אין אַנדרע־יעוו׳ס „זיבען געהאַנגענע". זיין גרים איז געווען אַ מייסטערווערק; זיין שפּילען עקספּרעסיאָניסטיש און דאָך מיט געהעריגער מאָס. זיין שטימע האָט ער באַנוצט אַזוי, דאָס זי האָט געקלונגען באַסאָווע, און האָט נאָך מער פאַרפאָלקאָמט דעם טיפּ פון חיה־מענש. דאָך איז ער ניט געווען רוי. די שולע־אַרטיגע געשליפענקייט זיינע האָט זיך באַמערקט, נאָר דער איינדרוק פון באַטירליכקייט און פּרימיטיוויקייט איז אויפגעהאַלטען געוואָרען אין אַ זייער הויכער מאָס.

דאָן איז ער פאַר אונז ערשינען אַלס טביה אין שלום עליכם׳ס „טביה דער מילכיגער". מאָריס שוואַרץ האָט געגעבען אַ פאָלקאָמענע אינטער־פּרעטאַציע צו טביה׳ן אַלס אַ סינטעז פון אַ אידישען פאָלקס מענשען, וועלכער האָט אַזוי פיל איבערצולעבען און ער נעמט דאָך אויף דאָס לע־בען מיט אַ צוזאַץ פון הומאָר. ער לאַכט מיט געוויין, און וויינט מיט גע־לעכטער. ער האָט דאָס אַרויסגעבראַכט זייער קינסטלעריש, און די אי־בערגאַנגס מאָמענטען זיינען געווען ענטציקענד.

מיר האָבען אים נאָך געזען אין אַזוי פיל פון זיינע גלענצענדע ראָ־לען: אַלס קוני לעמעל; אַלס טעטערעוו אין גאָרקי׳ס „מעשטשאַניע"; אַלס נתן אַלטער דער בענקענדער בחור אין הירשביינ׳ס „דעם שמיד׳ס טעכ־טער"; אַלס שימעלע סאָראָקער אין „דאָס גרויסע געווינס"; אַלס דוד שאַפּיראָ אין „שווער צו זיין אַ איד"; און אַנדערע אַזעלכע טיפּען. יעדער כאַראַקטער איז געווען אַ קרעאַציע; אין יעדען טיפּ האָט ער אַריינגעוועבט אַנדערע אייגענטימליכקייטען. עס איז איינפאַך געווען אַן איבעררעשונג צו זען אַזוי פיל פילפאַרביגקייט און פאַרשידענע אויסדרוקס פעהיגקייטען ביי איין קינסטלער. ס׳האָט זיך אויך באַמערקט אין אייניגע אויסדריקע אַ געוויסער מאַנעריזם, אָבער דאָס האָט ניט אָבגעשוואַכט דעם איינדרוק פון זיין שפּילען.

גאָר קרעפטיג האָט מאָריס שוואַרץ געשפּילט אַלס אָסוואַלד אין איב־סען׳ס „גייסטער". די לעצטע סצענע ווען דער פאַראַליז אומפאַסט זיינע געהירן און ער ווערט פאַרקריפּעלט, האָט ער אַרויסגעבראַכט מיט אַזוי פיל עמאָציע און אייגענאַרטיגקייט, אַז אפילו פון ריין פיזישען שטאַנד־פּונקט איז עס געווען אַ וואונדער.

מיט פיל קראַפט און כאַראַקטעריסטיק האָט ער אויך געשפּילט אַלס הינקעמאַן אין טאָלער׳ס דראַמע.

אין זומער 1935 האָט מאָריס שוואַרץ געמאַכט זיין צווייטען באַזוך אין לאָנדאָן. ער האָט געבראַכט אַ גרויסע טרופּע און געשפּילט אין „היס מאַזשעסטי׳ס טעאַטער". ער האָט אויפגעפירט „יאָשע קאַלב" פון י. י. זינ־

גער, און געשפּילט די ראָלע פון ניעשעוועד רבי׳ן, ר׳ מלך. ווידער האָבען מיר געהאַט אַ מעגליכקייט אים צו באַוואונדערן אַלס רעזשיסאָר און אַלס קינסטלער. מאָריס שוואַרץ האָט זיך אַרויסגעצייגט ניט נאָר אַ גרויסער רעזשיסאָר, נור אַ גיגאַנט אָן אויפפירער.

וועגען זיין שפּילען די ראָלע פון ניעשעוועד האָב איך פאַרצייכענט: „ער האָט אפילו נאָכגעפאָלגט דעם פעלערהאַפטען טעקסט פון מחבר און האָט אין אָנפאַנג פאַרגעשטעלט דעם רבי׳ן אַ ביסעל גראָבליך; איך האַלט אַז דאָס איז געווען קינסטלעריש אַ טעות. — אָבער אַחוץ דעם דאָזיגען געפעלטען שטריך האָט מאָריס שוואַרץ געשפּילט די ראָלע מיט אַ גרויסען קינסטלערישען פאַרנעם, מיט אַ גלענצענדער כאַראַקטעריזירונג. ער האָט פאַרגעשטעלט אַ רבי׳ן מיט אַ הדרת פנים, אַ צדיק דומה למלך. ער האָט אים געמאַכט אַ מאָנומענטאַלע פיגור, מיט פיל אויסדרוק אין פנים, מיט׳ן ריכטיגען קוועטש און מיט די געהעריגע קנייטשעלאַך אין רעדען, מיט פיינקייט אין די זשעסטען, מיט נואַנסען אין די שטימונגען און מיט אַזוי פיל קאָנטראָל אין די מאָמענטען פון אינערליכען אויסברוך. עס איז אַרויסגעקומען אַ קינסטלערישע ווירדיגקייט״.

אַלץ אין יענעם סעזאָן האָט מאָריס שוואַרץ אויפגעפירט אין „היס מאַזשעסטי׳ס טעאַטער״ זיין אינטערפּרעטאַציע פון „גאָט, מענש און טייפעל״. ער האָט אין יעקב גאָרדינ׳ס דראַמע געמאַכט בולט דורך זיין אויפפירונג די סאָציאַלע מאָטיוון, באַווייזענדיג וואָס אַ גוטער רעזשיסאָר קען טון... ער האָט אַריינגעבראַכט אַ נייע סצענע: אַ טליתים פאַבריק, אין וועלכער ס׳איז געקומען צום אויסדרוק די שווערע לאַגע און די ליידען פון די אַרבייטער, די פאַרשידענע טענדענצען וואָס זיינען ביי זיי פאַראַן, און דעם קאַמף וואָס זיי פירען צווישען זיך... דורך די מאַסען סצענען איז פאַרפאַלקאָמט געוואָרען דאָס גאַנצע ווערק.

מאָריס שוואַרץ האָט אין דער פאַרפאַלקאָמטער דראַמע געשפּילט אַלס אוריאל מזיק. ער האָט געהאַט: אַ גלענצענדען טייפלישען גרים, אין אידישע כאַראַקטער שטריכען; אַ וואונדערבאַרע אויסדרוקספולע טייפלישע מימיק, באַגלייט מיט אידישע זשעסטען און תנועות. די פאָרמע פון זיין רעדען איז געווען טייפליש, אָבער צו דער זעלבער צייט ווי פון אַ אידישען חקרן. די דאָזיגע כאַראַקטעריזירונג איז געווען אייגענאַרטיג, פאַרטרעפליך. זיין שפּילען און צוזאַמענשפּילען מיט הערשעלע דובראָווגער איז געווען מייסטערהאַפט.

אין זומער 1938 האָט מאָריס שוואַרץ געמאַכט זיין דריטען באַזוך אין לאָנדאָן. ער האָט אויך געבראַכט סעם גאָלדענבורג, און זיי זיינען ביידע ערשינען אין י. י. זינגער׳ס „ברידער אשכנזי״. עס איז ווידער געווען אַ גראַנדיעזע פאַרשטעלונג. מאָריס שוואַרץ האָט ווידער געשטראַלט

אַלס אויפפירער, אַלס רעזשיסאָר, און אַלס קינסטלער אין זיין קרעאַציע אַלס שמחה מאיר, דער אַרויפגעאַרבייטער געשעפטס פירער. דער שפּרודלענדער קוואַל פון זיינע תנועות און מימיק, דער פּיל־קלאַנגיגער שפּיל פון זיין לשון האָט געהאָלפן פאַרצושטעלן אייגענאַרטיג און ריכ־טיג דעם כאַראַקטער. ער האָט אויך מיט פּיל אינטענסיוויטעט אַרויסגע־בראַכט זיינע אינערליכע איבערלעבונגען. זיין שפּילען האָט דערגרייכט מאָנומענטאַלקייט. דאָס צוזאַמענשפּילען פון מאָריס שוואַרץ מיט סעם גאָלדענבורג׳ן און ליובאַ קאַדיסאָן איז געווען אַ קאָנצערט פון ווירטואָזען.

אין זומער 1939 האָט ער אונז ווידער באַזוכט. ער האָט דאָס מאָל געשפּילט מיט אַ קלײנערער טרופּע. ער האָט אויפגעפירט די פּיעסע „וואַ־סער טרעגער״ פון י. פּרעגער, און ה. לייוויק׳ס דראַמע „דר. שעלינג״.

אַלס שמחה פּלאַכטע אין „וואַסער טרעגער״ האָט ער דערהויבען דעם אויסערליך פאַרגרעבטען כאַראַקטער צו דער מדרגה פון אַ דיכטער אין פשטות, וועלכער זינגט אַרויס די איינפאַכע, פשוט׳ע אמת׳ן פון׳ם לעבען פון אַ פּראָסטען פאָלקס מענשען, וואָס בענקט און ראַנגעלט זיך צו באַקומען די באַפרידיגונג פון די פאַרלאַנגען, וואָס די נאַטור וועקט אין אים. עס איז געווען אמת׳ע קינסטלערישע שענקייט אין זיין שפּילען, אַ קאָמפּאָזיציע פון כאַראַקטעריזירונג, איבערלעבונג, שאַפענדע נאַאיווי־טעט און לוסטיגקייט. עס איז געווען אַ לייכטערע ראָלע אין מאָריס שוואַרץ ליבוש פון גראַנדיעזקייט.

זיין פאַרשטעלען דעם כאַראַקטער און די טיפע איבערלעבונגען פון דעם קרבן פון היטלעריזם, דר. שעלינג, איז געווען אַ קינסטלערישער שטודיום. ער האָט אויסגעדריקט אינערליכען שמערץ פול מיט פּאַטאָס, און גרויס פאַרשטענדניס פאַר דעם פּראָבלעם.

אַ אונפאַרגלייכבאַרער קינסטלער אין פילזייטיגקייט און פאַרשידענ־אַרטיגקייט.

לב. סעמיועל גאָלדענבורג

אַ באַגאַבטער שוישפּילער, מיט גרויסע נאַטירליכע אַרטיסטישע פעהיגקייטען, איז אויך סעם גאָלדענבורג (ריכטיגער נאָמען שמואל גאָלד־שטיין).

ער האָט אָנגעהויבען זיין טעאַטער קאַריערע דאָ אין לאָנדאָן. ער האָט אפילו שוין געשפּילט אין רוסישען און אין אידישען טעאַטער אין וואַרשא ווען ער איז געווען נאָך גאַר אַ יונגערמאַן, אָבער אַרום 1907 איז ער גע־קומען קיין לאָנדאָן. ער איז דאַמאָלט אַלט געווען 21 יאָר. ער האָט אויך אין דער אַלטער היים שטודירט מוזיק. דאָ האָט ער זיך דערנערט פּאָר אַ צייט מיט געבען לעקציעס אין פּיאַנאָ שפּילען. אַזוי ווי די פאַרדינסטען דערפון האָבען אים ניט געקלעקט אויף פּרנסה, האָט ער נאָך געמאַכט און פאַרקויפט ציגאַרעטען. ער פלעגט דעקלאַמירען אין סאָציאַל דעמאָקראַ־טישען קלוב. באַזונדערס האָט ער זיך אויסגעצייכענט אין דעקלאַמירען „שלאָגען אַ טאַטען" פון י. ל. פּרץ. ער האָט אַ זייער באַוועגליכען פּנים, און כאַראַקטעריסטישע בליקען אין זיינע אויגען. ער האָט אויסגעדריקט זייער שטאַרק דעם אויסברוך פון משוגעת אין דער דעקלאַמאַציע. ער האָט זיך אויך אָנגעשלאָסען אין דער דראַמאַטישער גרופּע, וואָס מיר האָבען געהאַט. איך האָב מיט דער גרופּע אויפגעפירט אַן אַקט פון די „נבלה" מיט אַ זייער פעהיגען אַמאַטאָר פישמאַן אַלס מענדעל, און גאָל־דענבורג, וועלכער האָט נאָך געהייסען פשוט גאָלדשטיין, האָט געשפּילט אַלס אַברוש. אויך האָב איך מיט זיי אויפגעפירט אַן אַקט פון שעקספּיר׳ס „קויפמאַן פון ווענעדיג", וואָס איך האָב איבערזעצט פאַר זיגמונד פיינ־מאַן. פישמאַן איז געווען שיילאָק, און גאָלדענבורג — באַסיאַנאָ.

סעם גאָלדענבורג אַליין האָט געשריבען אין „פאָרווערטס": „דאָס וואָס איך בין אויף דער בינע האָב איך צו פאַרדאַנקען מאָררים׳ן" (עס רעדט זיך דאָרט פון מיין ווענינקייט; אַ ביסעל פריער אין זעלבען אַר־טיקעל האָט ער דערמאָנט מיין פולען נאָמען). זיין אויסדרוק פון אָנער־קענונג באַווייזט אַז ער באַזיצט אויך פיינקייט אין כאַראַקטער. וואָס ער איז אויף דער בינע האָט סעם גאָלדענבורג צו פאַרדאַנקען זיין אייגענעם טאַלאַנט און פעהיגקייטען. איך האָב בלויז אָנערקענט אַז ער באַזיצט זיי אין אַ גאַנץ גרויסער מאָס נאָך אין זיינע ערשטע אַרויסטרעטונגען. ס׳איז אָבער אַ פאַקט, אַז אַ דאַנק מיינע באַמיהונגען האָט זיגמונד פיינמאַן אים אַריינגענומען אין פּאַווילאָן טעאַטער. זאָל עס פאַרצייכענט ווערען, אַז עלטערע לאָנדאָנער אַקטיאָרען האָבען מיט כל המינים שפּיצלעך אים גע־הינדערט, אַז ער זאָל ניט קענען שפּילען. צוערשט האָט פיינמאַן אים זאָ־גאַר אָבגעזאָגט נאָך דעם וואָס ער האָט אים שוין געגעבען אַ ראָלע. מען

האָט מיר געוואָלט איבערצייגען, אַז מען ווייסט ניט פאַר וואָס איך האָב זיך צוגעטשעפּעט, דאָס סעם גאָלדשטיין (דאָס מיינט מען גאָלדענ־בורג׳ן) זאָל זיין אַן אַקטיאָר... איך בין אָבער געווען איבערצייגט, אַז ער איז אַ טאַלאַנט, און האָב גע׳פּועל׳ט ביי פיינמאַנ׳ען, אַז ער זאָל נאָך אַמאָל פּרובירען. צום צווייטען מאָל איז עס געלונגען: סעם גאָלדענבורג (ווי ער האָט זיך אָנגעהויבען רופען) איז געוואָרען אַ פּראָפעסיאָנעלער שוישפּי־לער.

איך גיב איבער די דאָזיגע פאַקטען, ווייל איך וויל פאַרצייכענען די שוועריגקייטען, וואָס עס האָט געהאַט אַ גרויסער טאַלאַנט אָנצוקומען צו דעם אידישען טעאַטער.

איך האָב נאָך עפּעס געטון פאַר גאָלדענבורג׳ן: איך האָב געזאָרגט דערפאַר אַז ער זאָל שפּילען אין פיינמאַן אידישען פאָלקס טעאַטער, און האָב געזען, אַז ער זאָל באַקומען גוטע ראָלען. ווען מען האָט אויפגעפירט מיין איבערזעצונג פון „אוריאל אַקאָסטאַ“, האָב איך אים געגעבען די ראָלע פון דר. דע סילווא. ער האָט צוערשט מורא געהאַט צו שפּילען אַזאַ פאַראַנטוואָרטליכע ראָלע, אָבער איך האָב אים שטאַרק צוגערעדט. איך האָב אים ערמוטיגט און געוועקט ביי אים גלויבען אין זיין טאַלאַנט. ער האָט געשפּילט זייער גוט די ראָלע.

אַרום יענער צייט (צו זיין גענוי דעם 21־טען מערץ 1912) האָב איך געשריבען וועגען אים אין „אידישען זשורנאַל“: „ס. גאָלדענבורג איז אַ באַדייטענדער טאַלאַנט און קען זיך רעכענען צווישען די בעסטע קרעפ־טען אויף דער אידישער בינע“. — איך מיין אַז ניט נאָר איך פריי זיך וואָס איך האָב ניט געמאַכט קיין טעות...

נאָכ׳ן אונטערגאַנג פון פיינמאַן אידישען פאָלקס טעאַטער האָט ער געשפּילט מיט מאַסקאָוויטש׳ן אין פאַוויליאָן. ער איז אויפגעטרעטען אַלס לייזער דוד אין אַנדרעיעוו׳ס „אשמדאי“. איך האָב דאַמאָלט פאַרצייכענט: „ס. גאָלדענבורג האָט געהאַט אַ זייער גרויסען ערפאָלג אַלס לייזער דוד. ער האָט זיך אין דער ראָלע דערהויבען צו אַרטיסטישער הויכקייט. ער האָט געשפּילט מיט געפיל און טעמפּעראַמענט, צו דער זעלבער צייט מיט קאָנטראָל. ער האָט געלאָזט פילען דאָס ער איז די איינקערפּערונג פון גע־פילען. ער האָט אַרויסגערופען ענטציקונג מיט זיין שפּילען“.

— „איר איבערטרייבט“ — האָט מיר איינער דאַמאָלט געזאָגט.

— „איר מאַכט זיך נאַריש“ — איז געווען מיין ענטפער.

מיין אורטייל איז געווען אַ ריכטיגער.

סעם גאָלדענבורג איז דאַן אַוועקגעפאָרען פון לאָנדאָן, געשפּילט אין פּאַריז, אין זיד אַפריקא, אין אַרגענטינא, און זיך ענדליך באַזעצט אין ניו

יאָרק, וואו מען האָט אים אָנערקענט אַלס גרעסטען ראָמאַנטישען קינסט־לער פון צוויטען דור אויף דער אידישער בינע. ער איז אייגענטליך גע־ווען דער ריכטיגער יורש פון אַדלער׳ן; ווי אַדלער האָט ער געזינדיגט געגען דער העכערער קונסט שפּילענדיג אויך אין מעלאָדראַמען...

געראָפּען האָט ער זיך שוין גאָלדענבורג, און איך האָב געשעפּט נחת פון דערוויטען. מיך האָבען געפריט זיינע ערפאָלגען אַלס קינסטלער, און ס׳האָט מיך פאַרדראָסען, פאַר וואָס ער שפּילט ניט שטענדיג אין קונסט פּיעסען.

אין 1931 איז ער געקומען קיין לאָנדאָן גאַסטראָלירען. ער איז דאָ געווען אַ ליבער גאַסט, און ער האָט געהאַט אַ זייער גרויסען ערפאָלג. ער האָט דאָ צווישען אַנדערע פּיעסען אויפגעפירט „סאַנין״ פון אַרציבאַשעוו. פונקט ווי שוואַרץ האָט מיט זיין שפּילען גערעטעט זשולאַווסקי׳ס „שבתי צבי״, האָט גאָלדענבורג מיט זיין אינטערפּרעטאַציע גערעטעט „סאַנין״. ער האָט דאָס נידעריגע דערהויבען. וועגען זיין שפּילען אין דער ראָלע האָב איך דאַמאָלט געשריבען:

„סעם גאָלדענבורג האָט געשפּילט די ראָלע פון סאַנין ניט אַלס לייכטזיניגער, נאָר אַלס סאַטיריקער ווערלכער לאַכט פון לייכטזין. ער האָט געמאַכט דעם סאַטירישען טאָן פאַר דעם עיקר, און דער רעזולטאַט איז געווען אַז פון דער שוואַכער דראָמע איז אַרויסגעקומען אַ גלענצענדע סאַ־טירישע קאָמעדיע. אַנשטאָט אַ לייכטזיניגען סענזואַליסט איז אַרויסגעקו־מען אַ לאַכענדער פילאָזאָף...

„אין זיין שפּילען האָט זיך אויך בולט אַרויסגעזען די וואונדערבאַרע קינסטלערישע לייכטקייט און בויגזאַמקייט וואָס גאָלדענבורג באַזיצט, הן אין זיין שפּילען, הן אין זיין מימיק, הן אין זיין רעדען, הן אין זיין זינגען. ער האָט פאַרגעשטעלט אַ ראָמאַנטישען, גראַציעזען, גוטמוטיגען סאַנין. זיין אויסזען איז פּאָעטיש; די אויסדריקע פון זיין פּנים זיינען פול חן; זיינע באַוועגונגען, זיינע זשעסטען, און זיין לאַכען איז לייכט שטיפעריש און שפּאָטיש; זיין רעדען איז אַממיינסטענס ליריש; זיין פילאָזאָפירען וועגען דער צוועקלאָזיגקייט פון לעבען איז מייסטערהאַפט פון׳ם שטאַנד־פּונקט פון באַטאָנונג. אַלץ קומט אַרויס אַזוי רעאַל, ניט געפּיעסטשעט, נאָר נאַטירליך, אַז ס׳האָט אויסגעזען דאָס אַזוי דאַרף ער זיין, און ניט אַנ־דערש. צו דעם אַלעם איז צוגעקומען זיין שען זינגען, און זיין שען שפּי־לען אויף דער פּיאַנאָ, אַזוי בויגזאַם און שטיפעריש, ווי די גאַנצע אינ־טערפּרעטאַציע פון דער ראָלע. ס׳האָט אַלץ האַרמאָנירט״.

גאָלדענבורג האָט אויך אויפגעפירט אַ סענזאַציאָנעלע אָבער טיף פּסיכאָלאָגישע דראָמע „יאָ אַ מאַן, ניט אַ מאַן״. ער האָט געשפּילט די ראָ־

לע פון טומטום, און ער האָט אויסגענוצט צו דער העכסטער מדרגה די מעגליכקייטען, וואָס אַזאַ ראָלע גיט צו אַ שוישפּילער, אויסצודריקען דעם כאַראַקטער פון אַזאַ מין מענשען. ער האָט אַרויסגעבראַכט זיינע לײדען נאַטירליך, מענשליך, פּסיכאָלאָגיש, קינסטלעריש. זיין גרים איז געווען מייסטערהאַפט; זיין שפּילען — רעאַליסטיש און טיף עמאָציאָנעל.

ער האָט אויפגעפירט נאָך פּיעסען פון געוועגליכערן זשאַנער, און האָט געשפּילט זייער שען די הויפּט ראָלען אין זיי. ער האָט אויך געזונגען, געשפּילט פּיאַנאָ און פידעל אין דער דורכפירונג פון די ראָלען. ער האָט געהאַט אַ גרויסען פּאָפּולערען ערפאָלג.

אין זומער 1938 איז ער געקומען מיט מאָריס שוואַרץ און האָט געשפּילט אַלס יעקב בונים אין זינגער׳ס „ברידער אשכנזי״. ווי פיין ראָמאַנטיש און דאָך זייער רעאַליסטיש ער האָט דורכגעפירט די ראָלע. ער האָט פאַרגעשטעלט דעם כאַראַקטער העכסט גאַלאַנט אָבער ניט צירליך־מאַנירליך. ער איז געווען פּאָעטיש אין זיינע אויסדריקע, פול מיט שענקייט און געפיל און דאָך אַזוי קרעפטיג. באַצויבערענד אין זיין ליאַסטשענדען שפּיל און דאָך אַזוי איבערלעגט, איינפאַך פילאָזאָפיש. ס׳פילט זיך פון יעדער באַוועגונג זיינער, און פון די אויסדריקע אויף זיין געזיכט אַ בענקשאַפט נאָך אַ ביט דערגרייכטען גליק, און אַן איבערלעגונג צי אין אַ קאָפּריז פון אַן אויפבליענדער מיידעל־בלום וועט ער געפינען דאָס געזוכטע גליק.

אָט אַזאַ קינסטלער איז אַרויסגעקומען מיין יונגערער חבר פון מיין יוגענד, פון דער צייט פון טרוימען און שטרעבען. ער האָט ערפילט מיינע ערוואַרטונגען וועגען אים.

לג. צילע אדלער

צילע אַדלער איז פון אָבשטאַמונג אַ לאָנדאָנער. זי איז געבוירען געוואָרען אין ניו יאָרק, אָבער זי איז געווען דאָס קינד פון דער לאָנדאָנער ליבע צווישען יעקב אַדלער און אונזער באַרימטע ליבלינג דיינע. צילע איז געווען די טאָכטער פון זייער קורצען פאַרהייראַטען לעבען. איר מוטער האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט זיגמונד פיינמאַן, אָבער צילע איז געבליבען ביי דעם נאָמען פון איר פאָטער, אַדלער. זי איז אַן אַדלער, אַ פאָלשטענדיגע יורש׳טע, צו אַ געוויסען גראַד אפילו פון איר פאָטער׳ס פיזיאָנאָמיע, איבערהויפּט פון זיין טאַלאַנט.

ווען די פיינמאַנס האָבען געשפּילט אין לאָנדאָן זייערע ערפאָלגרייכע סעזאָנען אין 1908־1909 איז צילע געווען מיט זיי. זי איז נאָך געווען גאָר

יונג, אָבער זי האָט שוין געשפּילט פאַראַנטוואָרטליכע ראָלען. אין איינציגע פּיעסען איז זי זאָגאָר געווען די קאָנטרע צו איר מוטער׳ס הויפּט ראָלע. דאָס האָט אפילו, צוליב צילע׳ס גאָר פריע יוגענד, אויסגעזען אַ ביסעל קאָמיש, אָבער זי האָט געשפּילט אירע ראָלען זייער לעבעדיג און כאַראַקטעריסטיש. ס׳איז שוין געווען קענטיג אַז זי איז אַ טאַלאַנט.

איך איבערטרייב זיכער ניט, ווען איך וועל זאָגען אַז פון צווייטען דור אידישע קינסטלערינס האָט צילע אַדלער זיך אַרויסגעצייגט אַלס די טאַלענטירטסטע דראַמאַטישע שוישפּילערין.

נאָך דעם וואָס זי איז שוין געוואָרען אַ באַרימטע קינסטלערין און האָט געשפּילט אין מאָריס שוואַרץ׳ס קונסט טעאַטער אין ניו יאָרק, איז זי געקומען דאָ גאַסטראָלירען אין פרילינג 1923. זי איז דאַמאָלט אויפגע־טרעטען אין פּאַוויליאָן טעאַטער אַלס זעלדע אין הירשביינ׳ס „דעם שמיד׳ס טעכטער”. די אויפפירונג פון דער פּיעסע בכלל איז ניט געווען אַזוי פאָלקאָמען ווי ווען מאָריס שוואַרץ האָט זי דאָ שפּעטער אויפגעפירט. צילע אַדלער האָט דאָ ניט געשפּילט מיט מאָריס שוואַרץ, נאָר מיט דער געוועגליכער טרופּע אונזערער, אָבער זי האָט זייער שען דורכגעפירט איר ראָלע. איך האָב דאַמאָלט איר שפּילען אַזוי כאַראַקטעריזירט:

זייער שען נאַטירליך שפּילט צילע אַדלער. אַלץ וואָס זי שטעלט פאָר מאַכט אַ איינדרוק ניט פון אָנשטעל נאָר פון נאַטירליכקייט, פון לעבען; זי לעבט דאָס איבער אויף דער בינע. איר נאַטירליכקייט איז אָבער ניט געוועגליך, נאָר ספּעציפיש, אייגענאַרטיג, אינטערעסאַנט, מיטרייסענד, און אָפט עלעקטריזירענד... זי איז אויך אין איר שפּילען פאַרשידענאַרטיג, פילפאַרביג, פילזייטיג.

אַלס זעלדע איז צילע אַדלער געווען פאַרטרעפליך. איר נאַטירליכ־קייט, קינסטלערישע איינגעהאַלטענקייט, איר לאַכען און וויינען, איר טראַגיזם און קאָמיזם האָבען געהאַלטען די צושויער צוגעשמידט.

צילע אַדלער איז האָן דאָ אויפגעטרעטען אין די „טענצערין”. זי האָט געשפּילט זייער גראַציעז און קרעפטיג די ראָלע פון לאָלאָ׳ן. איך האָב וועגען דעם פאַרצייכענט:— אַמבעסטען איז זי געווען אין די שטאַרקע דראַמאַטישע מאָמענטען. זי האָט אויסגעדריקט זייער בולט די ליידען, ווען זי פאַרלאָזט איר געליבטען. צום סוף, ווען זי באַקומט היסטעריקע, האָט זי געשפּילט אַזוי רירענד, ווי עס וואָלט מיט איר פּערזענליך גע־טראָפען די איבערלעבונג... זי איז געווען שוואַכער אין די לייכטזיניגע מאָמענטען. אָבער מיר שיינט, אַז אַ אידישע שוישפּילערין האָט גאָר ניט קיין מעגליכקייט אויסצודריקען שטאַרק לייכטזין. זי האָט און מוז האָבען ריקזיכט...

זי האָט שפּעטער געשפּילט אַ לענגערען סעזאָן אין לאָנדאָן, אַמײנ־סטענס אין מעלאָדראַמען. זי האָט געהאַט ערפאָלג. איר טאַלאַנט האָט זיך אַרויסגעזען אויך אין די מעלאָדראַמאַטישע ראָלען. איך האָב גע־האָט דעם אײנדרוק, אַז ס׳בלישטשעט אַרויס אַ פּערל...

לד. נאך צוויי אדלער טעכטער

דאָ אין לאָנדאָן האָבען נאָך געשפּילט די צוויי טעכטער פון יעקב אַדלער און סערע אַדלער: פראַנצעס און סטעלאַ.

צוערשט האָבען זײ געשפּילט מיט זײער פאָטער און מוטער אין זײער סעזאָן פון 1921.

פראַנצעס אַדלער האָט געשפּילט אַלס יהודית צו איר פאָטער׳ס אוריאל אַקאָסטאַ, און אַלס בעאַטאַ צו זײן אלישע בן אבויה. זי האָט גע־שפּילט גאַנץ קרעפטיג, און אויך מיט כאַראַקטער.

אין 1937 איז זי ווידער געקומען קײן לאָנדאָן מיט איר מאַן שענ־גאָלד, און זײ האָבען דאָ געשפּילט אַ צײט אין נאַציאָנאַל טעאַטער מיט פּעני וואַקסמאַן. זײ האָבען אַמײנסטענס אויפגעפירט מעלאָדראַמען.

סטעלאַ אַדלער איז נאָך געווען גאָר יונג, ווען זי האָט דאָ געשפּילט. זי איז שפּעטער געוואָרען אין אַמעריקאַ אַ גרויסע קינסטלערין, אַ סאַסנע אויף דער בינע, אָבער זי איז אַריבער צום ענגלישען טעאַטער.

לה. הענריעטא שניצער

אַ טאַלענטירטע שוישפּילערין פון אַמעריקאַ. זי איז צום ערשטען מאָל אויפגעטרעטען אין פּאַוויליאָן טעאַטער אין פעברואַר 1924, אין דער הויפּט ראָלע אַלס אַננאַ אין אַ איבערזעצונג פון אַ דײטשער פּיעסע „דער פלאַם" פון האַנס מילער. די ראָלע גיט מעגליכקײטען צו שפּילען עמאָ־ציאָנעל, און הענריעטאַ שניצער איז אַ עמאָציאָנעלע שוישפּילערין. זי שפּילט אָבער מער מיט די נערוועז ווי מיט אינערליכע געפילען. זי אַפּע־לירט מער צום פאַרשטאַנד ווי צום האַרצען. זי האָט אָבער געהאַט אײניגע שטילע מאָמענטען, וואָס זי האָט אַרויסגעבראַכט זײער אײנ־דרוקספול קינסטלעריש בלויז דורך דער פּאָזיציע פון איר קערפּער. דאָס האָט באַוויזען, אַז זי האָט פאַרשטענדניס וועגען דער וויכטיגקײט פון פּלאַסטישע פאָרמען אין שפּילען.

הענריעטאַ שניצער האָט דאַן געשפּילט אַלס די אַקטריסע לידיע האָפמאַן אין יעקב גאָרדין׳ס אַ מעלאָדראַמע „אײגען בלוט". די שטאַרקע מעלאָדראַמאַטישע מאָמענטען האָבען איר געגעבען אַ געלעגענהײט

אַרויסצוציִיגען איר באַדייטענדע עמאָציאָנעלע קראַפט. ווען זי האָט באַדאַרפט אויסדריקען שרעק, אויפרעגונג, צורודערונג, איז זי געווען שטאַרק און איינדרוקספול. אָבער דאָרט וואו זי האָט באַדאַרפט אויסדריקען אַ אינערליכען געפיל, צערטליכקייט, וואַרימקייט, איז זי געווען שוואַכער. אין אַלגעמיין מאַכט הענריעטא שניצער׳ס שפּילען אַ גוטען איינדרוק.

זי האָט אויך געשפּילט שען און גראַציעז אַלס כריסטינא אין „דר. קאָהן״ פון מאַקס נאָרדוי. די ראָלע איז אַ שווערע, ווייל עס ווערט פאַרגעשטעלט ניט נאָר אַ לעבעדיגער כאַראַקטער, נור אויך אַ סימבאָל פון דעם ניט אונטערגייענדען אידישען באַוואוסטזיין פון איר פאָטער. זי האָט זיך אין דער ראָלע אַרויסגעציִיגט אַלס טאַלענטירטע קינסטלערין. זי האָט אַרויסגעבראַכט טיפען פּאַטאָס אין רירענדע סצענעס. די שלוס ווערטער פון דער דראַמע „פאָטער, פאַר וואָס טוען זיך די מענשען שלעכטס איינער דעם צווייטען?״ האָט זי אַרויסגעזאָגט זייער איינדרוקספול, ניט נאָר דורך דער אינטאָנאַציע, נור אויך דורך דעם אויסדרוק פון איר געזיכט, באַזונדערס אירע אויגען, וואָס האָבען אויסגעזען פאַרטראָגען אין אַן אַנדערער וועלט.

דר. בן ציון באראטאוו

אַ שוישפּילער מיט רוסישער שולע און ברייטען פאַרנעם איז דר. בן ציון באַראַטאָוו. ער אימפּאָנירט אָם שטאַרקסטען מיט דער נאַטירליכקייט פון זיין שפּילען. ער שטעלט ניט פאַר בלויז אויסערליכע אויבערפלעכליכע נאַטירליכקייט, נור אַ טיפע פּסיכאָלאָגישע, אין גייסט דורכגעטראַכטע, אין האַרצען דורכגעפילטע, אין דער נשמה דורכגעלעבטע ווירקליכקייט.

באַראַטאָוו׳ן האָב איך געבראַכט קיין לאָנדאָן, ווען איך האָב געהאַט אַ דעה אויף די אויפפירונגען אין פּאַוויליאָן טעאַטער אין הערבסט 1931.

די טיפערע נאַטירליכקייט פון זיין שפּילען האָט ער אַרויסגעציִיגט אין סטרינדבערג׳ס „פאָטער״. ער איז געווען אויסגעצייכענט אַלס דער ריטמייסטער. זיינע דראַמאַטישע איבערלעבונגען האָבען זיך ענטוויקעלט, זיי זיינען געשטיגען, זיי זיינען איבערגעגאַנגען פון מדרגה צו מדרגה אַלץ העכער און העכער ביז זיי האָבען געגרייכט דעם קלימאַקס. די שטייגערונג איז געווען אַ דירעקטע אַרויף, אָן זיגזאַגען.

דר. באַראַטאָוו שטעלט פאַר אַ ריטמייסטער, וואָס איז ניט קיין צודרייטער פון אָנפאַנג אָן; ער איז צוערשט אַ פאַרהעלטניסמעסיג נאָרמאַלער מענש. ערגעץ וואו ליגט אין אים פאַרבאָרגען אַ פונק פון משוגעת, אָבער עס מאַניפעסטירט זיך ניט גליך, אַז ער איז גערירט פון זינען.

דער פונק פון משוגעת הויבט ערשט אָן שפּעטער זיך ביי אים צו צוליען; עס צוגליט זיך אַלץ מער און מער פון סצענע צו סצענע, פון אַקט צו אַקט ביז עס קומט דער סוף, דער האַרץ־שלאַג, דער טויט.

יעדע סעקונדע, וואָס ער איז געווען אויף דער בינע, האָט ער איבער־געלעבט די ענטוויקלונג פון זיין ראָלע. ניט נאָר ווען ער האָט גערעדט נור אויך ווען ער האָט געשוויגען. מען האָט געזען די אינערליכע צוברוי־זונג אין זיין נשמה. די וואונדערבאַרע מימיק זיינע, די אויסדריקע פון זיין געזיכט, ווי אויך די באַוועגונגען און די סצענעס מיט זיין פרוי, מיט זיין טעכטערל, מיט דער ניאַניע, מיט דעם דאָקטאָר, מיט דעם פּאַסטאָר, — אַלעס איז אַרויסגעקומען פּאַלקאָמען.

געטריי צו זיין רעאַליסטישען שפּילען האָט ער אויך ניט געמאַכט קיין איבעריגע קונצען מיט דעם טויט. דער טויט דאַרף קומען דורך אַ האַרץ־שלאַג, און אַזאַ טויט קומט שנעל, פּלוצלינג, כמעט אונערוואַרטעט, און אַזוי האָט ער דאָס דורכגעפירט. ווען אפילו אַ ביסעל קאַלטליך, איז עס אָבער געווען פּלאַסטיש גראַנדיעז. ער איז געווען מאָנומענטאַל: איז געבליבען זיצען מיט דעם קאָפּ פאַרוואָרפען ווי אַ סטאַטוע. ס׳איז געווען קונסט פון העכסטען און שענסטען גראַד.

אַ זייער גוטען איינדרוק האָט אויך געמאַכט זיין שפּילען דעם כאַ־ראַקטער מרדכי מאַזע אין לייוויק׳ס „שמאַטעס״. זיינע אויגען און זיין פּנים האָבען אויסגעדריקט אַזוי פיל צער און וויטאָג פון אַ געטראָטענער מענשליכער און פּאַטערליכער ווירדע. אין דריטען אַקט, אין מאָמענט ווען ער האָט גע׳טענה׳ט צו די איבעריגע שמאַטע קלויבערס, אַז אימיצער וואָלט באַדאַרפט קומען זיי אין גאַנצען אַרויסרייסען, אָבער קיינער קומט ניט, האָט דאָס געקלונגען אַזוי טיף טראַגיש, אַזוי אמת׳דיג ביטער, אַזוי אינערליך עמאָציאָנעל, אַז ס׳איז געווען נאַטורליך פּראַכטפול.

מיט פיל קראַפט האָט ער אויך געשפּילט אַלס הינקעמאַן אין טאָ־לער׳ס דראַמע; און אויך אַלס דער געוויסענהאַפטער מענש אין דוד פּינ־סקי׳ס „יעדער מיט זיין גלויבען״. עס האָט אַ ביסעל געשטערט זיין ניט גאָר ריינער אידיש. אָבער זיין וואונדערבאַרער שפּילען האָט פאַר אַלץ באַלוינט.

לז. בינע אבראמאוויטש

בעת זיין ערשטען באַזוך האָט מאָריס שוואַרץ מיטגעבראַכט, צווי־שען אַנדערע, די באַרימטע מוטער־ראָליסטין, בינע אַבראַמאָוויטש. זי איז אויך געווען איינע פון די עלטסטע אידישע שוישפּילערינס. מען האָט זי גערופען „די מאַמע פון אידישען טעאַטער". זי איז שוין געווען, בעת איר באַזוך אין לאָנדאָן, רייך אין יאָרען, אָבער אַזוי פיל לעבעדיגקייט אין שפּילען, ווי זי האָט אַרויסגעצייגט, קען מען זיך קוים פאָרשטעלען.

מיט באַזונדערער שענער כאַראַקטעריסטיק האָט זי געשפּילט אַלס גאָלדע אין „טביה דער מילכיגער". „זי איז געווען אַ ענטפּלעקונג" — אַזוי האָב איך זיך ווענען איר אויסגעדריקט — „ניט נאָר האָט זי פאָר־געשטעלט אַ נאַטירליכע האַרציגע אידישע מאַמע פול מיט ליריזם און חן, נור זי האָט זיך אויך אַרויסגעצייגט אַלס אַ גלענצענדע דראַמאַטיסטין, וואָס האָט איינדרוקספול אַרויסגעבראַכט די טיפע איבערלעבונגען און די ליידען פון איר געבראָכען אידיש מוטער האַרץ, וועלכע פאַרלירט אַ טאָכ־טער, אַ לעבעדיגע"...

איר האַרציגער זינגען „גאָט פון אברהם" מוז נאָך קלינגען אין זכרון פון אַלע וואָס האָבען זי געהערט.

זי איז דאָן ערשינען אין „דאָס גרויסע געווינס". זי האָט געשפּילט די נעבענזייטיגע ראָלע פון פערל, אָבער זי האָט אַרויסגעצייגט אַזוי פיל לעבעדיגקייט, באַוועגליכקייט און אמת׳ע לעבענס־טרייע, אייגענאַרטיגע, אינטערעסאַנטע כאַראַקטעריסטיק, אַז ס׳איז געווען צום שטוינען.

לח. מוני ווייזענפריינד

אַלץ האַמאָלט האָט שוואַרץ׳ס קונסט טרופּע איינגעשלאָסען אַ יונגען שוישפּילער, מוני ווייזענפריינד. ס׳איז דער זעלבער וועלכער איז שפּע־טער געוואָרען דער גרויסער פילם קינסטלער פון אַמעריקא, פּאָול מוני. ער איז נאָך אַלס קינד געווען אין לאָנדאָן, אין 1902. ער איז אַהער געקו־מען מיט זיינע עלטערן, אַקטיאָרען, וועלכע האָבען אַ קורצע צייט גע־שפּילט אין פּאַוויליאָן טעאַטער. זיי זיינען פון דאַנען אַוועק קיין אַמעריקא, וואו מוני האָט נאָך אַלס אינגעל אָנגעפאַנגען שפּילען. זיין טאַ־לאַנט האָט זיך גלייך אַרויסגעזען. דאָ אין לאָנדאָן האָט ער צוערשט גע־שפּילט אַ קליינע ראָלע אַלס פּוילישער איד אין „שבתי צבי". אָבער זיין גרויסער טאַלאַנט איז גלייך געווען צו מערקען אין זיין ווירדיגער שטע־לונג, און אין זיין פעהיגקייט אויסצודריקען ליריזם אין באַוועגונגען און שפּראַך.

גאַר שטאַרק האָט ער זיך אויסגעצייכענט אַלס איוואַן אין „שווער צו זיין אַ איד״. ער האָט גלענצענד פאַרגעשטעלט דעם טראַגי־קאָמיזם פון רוסישען סטודענט, וואָס האָט געוואָלט פּרובירען צו זיין אַ איד. דער רוס האָט זיך פון אים געריסען אויף שריט און טריט. ער האָט זיך גע־דרייט און געפּלאָנטערט אין זיינע רייד. ער האָט אויך מיט טעמפּעראַ־מענט אויסגעדריקט זיין ליבע פאַר בעטי'ן און זיין קאַמף מיט'ן אמת'ן שניאורסאָן צוליב דער מיידעל.

אין אַנדרעיעוו'ס „זיבען געהאַנגענע״ האָט ער געהאַט דורכצופירען אַ קליינע סצענע, אין וועלכער ער שטעלט פאָר אַן אַלטען גענעראַל, וועל־כער איז זיך געקומען געזעגענען מיט זיין זון, אַ פאַר'משפט'ער צום טויט. די סצענע איז פון אים דורכגעפירט געוואָרען אַזוי פאַלקאָמען און אַזוי גלענצענד, דאָס זי האָט געמאַכט דעם שטאַרקסטען איינדרוק אין דער זייער איינדרוקספולער פאַרשטעלונג.

מוני וויזענפריינד האָט מיט באַזונדערער פּראַכט געשפילט דעם זיידען אין „דעם שמיד'ס טעכטער״. ער האָט אַרויסגעבראַכט דעם גאַנ־צען אוצר פון לירייזם, וואָס ער באַזיצט. ער האָט געשפילט אינטואיטיוו אָן אַ פאַלשען שטריך. ס'איז געווען אַ נחת אים צו זען און הערען.

ווען מוני וויזענפריינד איז אויסגעוואַקסען צו פּאול מוני איז עס קיין חידוש ניט געווען. מען האָט זיך געקענט ערוואַרטען, אַז ער וועט שטייגען צו גאַר הויכע מדרגות.

לט. אנא אפעל

אַ פון גאָט געבענשטע כאַראַקטער קינסטלערין איז אַנאַ אַפּעל. זי האָט דאָ געשפילט בלויז בעת דעם ערשטען באַזוך פון מאָריס שוואַרץ'ס קונסט טעאַטער.

זי איז געווען אַן אמת'ע סטודיע אין רעאַליזם אַלס שרה אין „שווער צו זיין אַ איד״. כמעט אָן גרים נור מיט אַ פּראַכטפולער מימיק, וואונדער־באַרער אינטאָנאַציע, און פאַסיגע באַוועגונגען, האָט זי זייער געלונגען פאַרגעשטעלט דעם כאַראַקטער פון דער באַאונרוהיגטער אידישער פרוי, וועלכע וויל אַלץ וויסען. זי האָט ניט נאָר לעבעדיג געשפילט, נור געשאַ־פען לעבען אויף דער בינע.

זי האָט אויך צוזאַמען מיט מוני וויזענפריינד דורכגעפירט די איינ־דרוקספולסטע סצענע אין „די זיבען געהאַנגענע״.

אינטואיטיוו האָט זי געשפילט אַלס צייטעל אין „טביה דער מילכי־גער״. זי איז געווען אַ זייער פאַסיגע טאָכטער צו דעם כאַראַקטעריסטישען טאַטען.

אַ באַדייטענדער ערפאָלג האָט אַנאַ אַפּעל אויך געהאַט אַלס פּרוי אַלווינג אין איבסענ׳ס „גייסטער״. זי איז געווען אַ אימפּאָזאַנטע ווירדיגע דאַמע, צו דער זעלבער צייט אַ ליידענדע פרוי, אַ צאַרטע מוטער מיט אַ צואווייטאָגט האַרץ. ס׳איז נאָר געווען אַ שאָד וואָס איר דראַמאַטישע אי־בערלעבונג איז ניט געגאַנגען שטייגערענד. דער פעלער האָט אָבער ניט געקענט מאַכן אונטערשאַצן די וואונדערבאַרע ראַעליסטישע אינטער־פּרעטאַציע פון דעם כאַראַקטער.

מ. לאזאר פריד

אַ שוישפּילער, וועלכער שפּילט מיט פיינע נואַנסען און שטימונגען איז לאַזאַר פריד. ער איז געווען דריי מאָל מיט שוואַרץ׳ן אין לאָנדאָן. ער האָט געשפּילט זייער איינדרוקספול אַלס נתן ילוי אין „שבתי צבי״. ער האָט איינגעקערפּערט די מיסטישע ערשיינונג פון דעם נביא, וועלכער פלאַמט און ברענט פון אינערליכען עקסטאַז, און צינדט אָן אַלע פון אַרום מיט דעם פייער פון זיין עקסטאַז. זיין שטים איז געווען פול מיט מתיקות.

מיט גרויס פאַרשטענדניס האָט ער געשפּילט די ראָלע פון שניאור־סאָן אין „שווער צו זיין אַ איד״, כאָטש איניגע מאָמענטען זיינען ביי אים אַרויסגעקומען שוואַך.

מיט פאַרשטענדניס האָט ער פאַרגעשטעלט אין „די זיבען געהאַנ־געגע״ דעם סטאָיקער, וועלכער באַציט זיך קאַלט און פילאָזאָפיש צום טויט.

אַ גרויסען ערפאָלג האָט לאַזאַר פריד געהאַט בעת דעם צווייטען באַזוך פון דער קונסט טרופּע, ווען ער האָט געשפּילט די ראָלע פון נחום׳טשען, „יאָשע קאַלב״, אין דער פּיעסע מיט דעם זעלבען נאָמען. איך האָב פאַרצייכענט: ער האָט געשפּילט מיט קינסטלערישען גלאַנץ די פיינע ראָלע פון נחום׳טשע, וועלכער ווערט נאָך דעם יאָשע קאַלב. לאַזאַר פריד איז אַ אינטעליגענטע קינסטלערישע פערזענליכקייט, און די ראָלע גיט אים די מעגליכקייט דאָס אַרוסצוצייגען אין דער פולער מאָס. די ראָלע גיט אים וועניג וואָס מעגליכקייט צו רעדען, אָבער ער שפּילט אין זיין שווייגען. ער ברייננגט אַרויס אַזוי פיל אויסדרוק אין פּנים און אין די אויגען. וויפיל מטושטש׳דיגעס און דאָך וויפיל פאַרנונפט און פּסיכאָלאָגישען אמת ער האָט אויסגעדריקט. פריד האָט אין דער ראָלע זיך געפונען אין דער שענסטער פאָרמע, וואָס ער קען זיך געבען.

ער איז אויך געווען געלונגען אַלס הערשעלע דובראָוונער אין „גאָט, מענש און טייפעל״. ער האָט טיף אַרויסגעבראַכט זיין געראַנגעל מיט׳ן טייפעל. אַ פּאַטעטישער אָטעם האָט זיך געפילט אין זיין רעדען, און אַ ספּע־ציפישער פיינער מאַנעריזם האָט זיך באַמערקט אין זיינע באַוועגונגען.

מא. מארק שווייד

אַן אייגענאַרטיגער שוישפּילער איז געווען, אין מאָריס שוואַרץ׳ס קונסט טעאַטער, דער דיכטער און שריפטשטעלער מאַרק שווייד. ער האָט אויסגעצייכענט געשפּילט ספּעציפישע כאַראַקטער ראָלען.

ער האָט זייער כאַראַקטעריסטיש פאַרגעשטעלט דעם סולטאַן אין „שבתי צבי". ער קען גלענצענד אַרויסברייגגען שטריכען פון שוואַכקייט.

ער האָט זייער גוט אַרויסגעבראַכט דעם טיפ פון פייגען דעגע־נעראַט־מאַניאַק יאַנסאַן אין „די זיבען געהאַנגענע". ער איז געווען די איינקערפּערונג פון דעם נערוועזען צורודערטען נפש.

שען געשפּילט האָט ער אויך אַלס דער ספּעציפישער מוכר ספרים אין „דעם שמיד׳ס טעכטער".

גאָר גרויס האָט מאַרק שווייד זיך דערהויבען קינסטלעריש אין דער ראָלע אַלס דער קליינער, איינגעבויגענער, שמאַטע קלויבער, ר׳ עליע, אין לייוויק׳ס „שמאַטעס". ער האָט דעם אַלטען איינגעהילט אין שענסטען גלאַנץ פון אַ קינסטלערישען געוועב. ער האָט אויסגעדריקט די ליריש־קייט פון עלטער אין דער גרויער ראָם פון דער שמאַטעס־שאַפּ. דאָס איז שוין גאָר ניט געווען קיין שמאַטע... ס׳איז געווען איינע פון די שענסטע אידישע כאַראַקטער שאַפונגען אויף דער בינע.

מב. איזידאר קעשיר

אַ כאַראַקטער שוישפּילער מיט פיל דראַמאַטישער קראַפט אין מאָריס שוואַרץ׳ס קונסט טעאַטער איז איזידאָר קעשיר. ער איז געווען דאָ דריי מאָל.

ער האָט זיך זייער שטאַרק אויסגעצייכענט אַלס דער מיניסטער אין „די זיבען געהאַנגענע". ער האָט אַרויסגעבראַכט זייער בולט קראַנקהייט, פייגהייט און שרעק פאַר׳ן טויט.

זייער גוט האָט ער אויך געשפּילט אַלס ענגסטראַנד אין „די גייס־טער". ער האָט זייער געלונגען אויסגעדריקט די היפּאָקריזיע און פאַלש־קייט פון דעם טיפּ.

גלענצענד האָט איזידאָר קעשיר געשפּילט אַלס קאַנע קברן אין „יאָשע קאַלב". דאָס איז געווען אַ מאָנומענטאַלע שטיק לעבעדיגקייט. אַזוי פיל טיפיטשנער אויסדרוק און באַוועגונג. יעדער ריר האָט כאַראַק־טעריזירט דעם קברן.

מיט מייסטערהאַפטער פשוט׳קייט האָט ער געשפּילט אַלס אברהם הערש, דער פאָטער פון „די ברידער אשכנזי". מיט אויפריכטיגער אינער־

ליכער כאַראַקטעריסטיק האָט ער אויסגעדריקט די געפילען פון אידיש־קייט און אָרענטליכקייט.

ס'איז שטענדיג געווען אַ פאַרגעניגען צו זען קעשיר'ן שפּילען אַ פאָטער אָדער וועלכע ס'איז אַנדערע כאַראַקטער ראָלע.

מג. בערטאַ גערסטען

אַ שענע שוישפּילערין איז בערטאַ גערסטען. זי איז ערשינען אַלס שרה צו מאָריס שוואַרץ אַלס שבתי צבי. איר שפּילען האָט ניט גע־מאַכט קיין שטאַרקען איינדרוק. איך האָב פאַרצייכענט: זי האָט ניט אַרויסגעצייגט קיין גרויסע עמאָציאָנעלע קראַפט און אויך ניט קיין באַ־זונדערען ליריזם. ס'איז ניט געווען קענטיג, אַז זי האָט אַ געוואַלטיגע ווירקונג אין לעבען פון שבתי צבי...

פיל טיפער האָט זי געשפּילט אַלס חוה אין „טביה דער מילכיגער". אויסגעזען האָט זי פּרעכטיג.

מד. נאָך שוישפּילער אין מאָריס שוואַרץ'ס טרופּע

בעת דעם ערשטען באַזוך פון מאָריס שוואַרץ אין 1924 האָט ער נאָך געבראַכט קיין לאָנדאָן:

יעקב מעסטעל, אַ דיכטער, טעאַטער מענש און שוישפּילער; וואָלף גאָלדפאַדען, אַ פּלימעניק פון אברהם גאָלדפאַדען; טענענהאָלץ; שטראַס־בערג — אַלע פעהיגע שוישפּילער, א. אַ.

עס איז אויך כדאי צו דערמאָנען ב ע ל אַ פ י נ ק ע ל, די פרוי פון מוני וויזענפריינד, וועלכע האָט גאַנץ לעבעדיג געשפּילט.

בעת דעם צווייטען באַזוך אין 1935 זיינען מיט אים נאָך געקומען:

ש אַ ר ל אָ ט ג אָ ל ד ש ט י י ן, אַ קינסטלערין מיט פיל טעמ־פעראַמענט און קראַפט פון עמאָציאָנעלען אויסדרוק. זי האָט געשפּילט פייערדיג אַלס מלכה'לע אין „יאָשע קאַלב"

י ה ו ד י ת אַ ב אַ ר ב אַ נ ע ל, אַ זייער שענע; זי האָט גע־שפּילט אַלס שרה'לע אין דער זעלבער פּיעסע, און איז געווען אַ פאַסיגער קאָנטראַסט.

אַ נ אַ ד ר ו ק ע ר, וועלכע האָט געשפּילט מיט קראַפט און כאַ־ראַקטער אַלס צביה.

עס האָבען אַנטייל גענומען נאָך אַ רייע שוישפּילער, צווישען זיי מ ש ה ז י ל ב ע ר ק אַ ס ט ע ן. געווען אַ טאַלענטירטער כאַ־ראַקטער שוישפּילער. ער האָט געשפּילט זייער כאַראַקטעריסטיש אַלס דער גבאי ביים ניעשעווער אין „יאָשע קאַלב", וועלכער לאָזט ניט אַריין

חסידים צום רבי׳ן. זיין געשריי „צ׳עטס נישט אריינגיין—צ׳עטס נישט!" איז געווארן א גלייכווערטעל. ער האט אויך געשפילט שען אלס לייזער בדחן. געלונגען איז ער געווען אין איניגע כאראקטער ראלען אין „די ברידער אשכנזי".

אנדערע נעמען וואס דארפען דערמאנט ווערען זיינען: נחום ברינד, מערקור, משה בורשטיין, מיכל גיבסאן, פיקארניק, סאניא קאליש, זעלדע גאלד, חנה טייטש, מאניא שטיין. די לעצטע האט באזעסען א פיינע דיקציע צו דערציילען א מעשה.

בעת דעם דריטען באזוך האט מאריס שווארץ נאך געבראכט: א ב ר ה ם ט י י ט ע ל ב ו י ם, וועלכער איז געווען באקאנט אין לאנדאן, ער האט נאך געשפילט מיט מאסקאוויטש׳ן און אנדערע פאר א לענגערע צייט אין פאוויליאן טעאטער. אין „די ברידער אשכנזי" האט ער געשפילט אלס דער דייטש היינץ הונצע. ער האט דעם טיפ זייער גוט כאראקטעריזירט. ער האט אויך דורכגעפירט פראכטפול א צווישען־סצענע אלס א מחבר און מוכר ספרים.

ל י ז א ז י ל ב ע ר ט, אויך זי איז געווען גוט באקאנט אין לאנדאן. זי האט דא נאך געשפילט מיט איר מאן יעקב זילבערט. זי האט אינטערעסאנט פארגעשטעלט א אידישע מאמע. זי איז אויך געווען א שענע גראנד דאמע, און האט געשפילט מיט געהעריגען קאנטראל.

א ס ת ר ז ע ו ו ק י נ א, אויך א באקאנטע פון פאוויליאן טעאטער, א טאלענטירטע שוישפילערין מיט אייגענארטיגען חן, זי האט עמאציאנעל און כאראקטעריסטיש אויסגעדריקט קאפריזען.

ה ע ל ע ן ב ע ו ו ע ר ל י, א שענע יונגע שוישפילערין, מיט א פיינער דיקציע.

י ש ר א ל ב י ר נ ב ו י ם, א פעהיגער שוישפילער. ער האט שוין געהאט געשפילט אין לאנדאן.

די לאנדאנער שוישפילער דוד לעווין, י. גאלדשטיין, א. בלעקער, האבען אויך אנטייל גענומען אין „די ברידער אשכנזי".

ווען מאריס שווארץ האט געשפילט ביי אונז דאס פירטע מאל האט ער געבראכט מיט זיך:

ג ע נ י א ש ל י ט, א זייער לעבעדיגע טאלענטירטע קינסטלערין. זי שפילט מיט ברען. זי באזיצט פיל קראפט פון אויסדרוק אין איר פנים, און זייער פיל באוועגליכקייט און באַחנ׳טע זשעסטען. זי האט געשפילט אלס ציפע אין „וואסער טרעגער" פון פרעגער, און אלס די שוועסטער מערי אין „פראפעסאר שעלינג".

עטא טאפעל און מארק מארקאוו, וועגען זיי וועל איך שרייבען באזונדער. זיי זיינען געווארן תושבים אין לאנדאן.

לעאן טראומאן, משה ניידערמאן, לערנער א. א.

אַ דאַנק מאָריס שוואַרץ האָט מען געזען אין לאָנדאָן פּילע פון די אַמעריקאַנער און אויך פון די פּאַריזער אידישע שוישפּילער און שוישפּי־לערינס. אים קומט אַ גרויסער דאַנק פאַר אַלע זיינע פאַרשטעלונגען. לײדער זיינען זיי געגאַנגען אַראָב און ניט אַרויף, אָבער אין דעם איז שולדיג געווען ניט ער, נאָר די ירידה פון אידישען טעאַטער בכלל, און די באַציהונג צו אַלץ וואָס איז אידיש אין לאָנדאָן.

מה. לודוויג זאַץ

נאָך מאָגולעסקו'ן איז לודוויג זאַץ דער גרעסטער כאַראַקטער קאָ־מיקער אויף דער אידישער בינע. ער איז געקומען קיין לאָנדאָן אין 1912 און ער האָט געשפּילט מיט מאָסקאָוויטש'ן. עס איז גלייך געווען קענטיג, אַז ער איז אַ גרויסער טאַלאַנט. גאָר שטאַרק האָט ער זיך אויסגעצייכענט אַלס אביוני אין „אלישע בן אבויה". ער האָט אַזוי פּראַכטפול געשפּילט די ראָלע, דאָס אין מיין רעצענזיע פון יענער פאַרשטעלונג האָב איך אים אָבגעגעבען דעם ערשטען פּלאַץ. ער האָט באמת אַלע אַנדערע איבערגע־שטיגען. איך האָב דאַמאָלט פאַרצייכענט: „דער יונגער זאַץ באַזיצט גרוי־סע פעהיגקייטען און ער פאַרשטייט ווי זיי צו באַנוצען. עס איז געווען אַ פאַרגעניגען אים צו זען אין דער ראָלע פון אַלטען אביוני. ער איז די גאַנצע צייט אויסגעהאַלטען און אין טאָן"... באַזונדערס איז מיר געפע־לען די ווייכקייט פון זיין אויסשפּראַך, די אונמיטעלבאַרקייט פון זיין אויסדרוק, די ווייכקייט און צערטליכקייט פון זיין באַוועגונג. עס איז גע־ווען פּאָעזיע און לירישקייט פון אַלטקייט אין דער אַרט און ווייזע ווי זאַץ, דאַמאָלט נאָך אַ גאָר יונגער שוישפּילער, האָט געשפּילט.

לודוויג זאַץ האָט דאָ חתונה געהאַט מיט לילי, די טאָכטער פון זיג־מונד און דייבע פיינמאַן. זיי זיינען דאַן אַוועק קיין אַמעריקא, וואו ער איז געוואָרען איינער פון די גרויסע שטערן פון אידישען טעאַטער. ער האָט דאָרט אויך געשפּילט אין מאָריס שוואַרץ'ס קונסט טעאַטער.

אין 1931 איז ער ווידער געקומען קיין לאָנדאָן שפּילען. ער האָט דאָ אויפגעפירט אַממיינסטענס מעלאָדראַמען אָדער קאָמעדיען מיט ציניש׳ע צוהערענישען. אָבער זיין שפּילען איז געווען מייסטערהאַפט. איך האָב אים באַצייכענט: לודוויג זאַץ דער „מכשף", אַזוי גוט האָט ער געשפּילט. עס איז געווען אַ גרויסער פאַרגעניגען אים צו זען. זיין נאַטירליכקייט, לי־רישקייט, פריילעכקייט, גדלות אָדער עניוות, זיין נאַאיוויקייט, און שפּי־לעוודיגקייט איז געווען אויסגעדריקט צו פאָלקאָמענהייט.

איין זאַך איז נאָר געווען אויסצוזעצען געגען לודוויג זאַץ. ער האָט זיך ניט באַצויגען מיט גענוג פאַראַנטוואָרטליכקייט צום געזאָגטען וואָרט... ער האָט אויך געשפּילט אין פּיעסען מיט סצענעס, וואָס האָבען

געהאַט וואולגאַרע צוהערענישען... אַזעלכע ווערטער און סצענעס מאַכען שטענדיג אַ שלעכטען איינדרוק, איבערהויפּט ווען זיי קומען פון אַ באמת גרויסען קינסטלער, איז עס פאַרדריסליך.

איך האָב דעם 1־טען יוני 1930 געשריבען אין די „צייט": „נאָך וואָס, טייערער ליבער זאַץ, דאַרפסטו אין גאַנצען האָבען ציניזם. דער עולם לאַכט דאָך אַלץ אַזוי הילכיג און לוסטיג, ווען דו טוסט אַזאַ אונשול־דיגע זאַך ווי שמירען ברויט מיט פּוטער. פאַר וואָס זשע זאָלסטו ניט מאַ־כען דעם עולם לאַכען בלויז פון אונשולדיגע זאַכען?"...

אָבער ער איז אַזאַ גרויסער טאַלאַנט אַז פילעס מוז מען אים מוחל זיין...

מז. פּעני וואַדיא עפּשטיין

זי האָט אָנגעהויבען שפּילען אַלס כאַריסטקע אין אידישען טעאַטער אין לאָנדאָן נאָך פאַר מיין צייט. זי איז געווען אַ שענע פרוי מיט זייער שענע מאַניערען. האָט זי זיך ביי אַ געלעגענהייט, פאָרענדיג אויף אַ שיף, באַקענט מיט אַ אינדישען מאַהאַראַדזשאַ (פּרינץ), און איז געוואָרען זיין פרוי. זי איז פּאַלגליך געוואָרען אַ הויף־דאַמע אין אינדיען, און אירע שע־נע מאַניערען האָבען זיך נאָך מער ענטוויקעלט. צו איר ראָמאַנס איז גע־קומען אַ סוף; זי האָט זיך צוריקגעקערט קיין לאָנדאָן, און ס'האָט איר שטאַרק געצויגען צו דער אידישער בינע. זיגמונד פיינמאַן האָט איר גע־געבען מעגליכקייטען צו שפּילען. זי האָט דאָ געשפּילט צווייטע ראָלען, און האָט זיך אַמיינסטענס אויסגעצייכענט מיט איר זייער שענער און ווירדיגער שטעלונג אויף דער בינע.

זי איז נאָך דעם געפאָרען קיין פּוילען. דאָרט האָט זי שוין געשפּילט ערשטע ראָלען, ווי מעדעא, א. אַ. זי האָט שטאַרק נושא חן געווען ביי דעם דאָרטיגען גוט באַקאַנטען קריטיקער דר. מוקדוני. זי האָט אים אימפּאָ־נירט מיט איר סאַלאָן־מעסיגקייט. איר ערפאָלג איז געווען געזיכערט. אָבער זי איז געוואָרען קראַנק, און אויך פאַרלאָזען, און זי איז געשטאָר־בען אַן אָרימע און עלענדע. זי האָט אין לעבען און אויף דער בינע גע־גרייכט דאָס העכסטע, אָבער דער שיקזאַל האָט זי טיף אַראָבגעשליידערט. אַ שאָד, זי איז געווען אינטערעסאַנט אַלס אַ פּערזענליכקייט.

מז. מישא פישזאָן

אַ זייער פעהיגער שוישפּילער. ער האָט באַלאַנגט צו די קינסטלער פון אַלטען טעאַטער, וועלכע האָבען געשפּילט בעסערע פּיעסען. ער האָט דאָ גאַסטראָלירט אין זומער 1923.

מישאַ פישזאָן האָט אייגענאַרטיג געשפּילט אַלס יעקל שאַפּשאָוויטש אין שלום אַש'ס „גאָט פון נקמה". ער האָט אים אפילו געמאַכט איידעלער, ווי דער מחבר האָט געוואָלט אַז ער זאָל זיין. ער האָט אים זאָגאַר גע־

מאַכט פֿאַר אַ נשמה מענש מיט שטימונגען. ער האָט בולט אַרויסגעבראַכט זיין ווילען צו האָבען אַ אָרענטליכע טאָכטער, און אין אָנפֿאַנג אויך צערט־ליכקייט און ווייכקייט אַלס פֿאָטער. זיין טיפֿע צורודערונג דורך דאָס פֿאַ־לען פֿון זיין טאָכטער איז אויך געווען גוט אויסגעדריקט, שטאַרק, אָבער מיט קינסטלערישען קאָנטראָל. די סצענע, ווען ער זוכט אויסצוגעפֿינען ביי רבקה׳לען צי זי איז נאָך געבליבען ריין, איז געווען גלענצענד. עס האָט אויסגעזען ווי אינטואיטיוו געשפּילט.

צו מישאַ פֿישזאָן איז געווען צו פֿאַרדאַנקען, וואָס מיר האָבען געזען אין לאָנדאָן די שטימונגספֿולע פּיעסע „שמע ישראל" פֿון אָסיפּ דימאָוו. ער האָט געשפּילט די ראָלע פֿון אהרן סופֿר אינטענסיוו און אימפּאָזאַנט. ער האָט פֿאָרגעשטעלט אַ פּאַטריאַרכאַלישען אידען, וועלכער האָט גע־מאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ דעמבען בוים, וואָס איז אין געפֿאַר צו קראַכען דורך די קלעפּ פֿון דער האַק וואָס פֿאַלען אויף זיינע וואָרצלען. זיינע טיפֿע איבערלעבונגען גייען איבער פֿאַרשידענע מדרגות. צוערשט וויינט זיין האַרץ פֿון צער; ער שטיקט זיך מיט טרערען. דאַן ברעכט ער אויס אין טענות צום רבש"ע. און צום סוף זעט ער אויס ווי אַ גייסט פֿון אַן אַנדערער וועלט. אַלע מאָמענטען האָט ער זייער איינדרוקספֿול דורכ־געפֿירט.

מח. לידיא פּאָטאָצקאַ

אין לאָנדאָן האָט אין פֿעברואַר 1926 גאַסטראָלירט אין פּאַוויליאָן טעאַטער לידיאַ פּאָטאָצקאַ, אַ פֿעהיגע שוישפּילערין פֿון פּוילען. זי האָט ביי אונז געשפּילט אין אַ איבערזעצונג פֿון דער ראָמאַנטישער פּיעסע „ראָמאַנס". זי איז אויפֿגעטרעטען אַלס קאַוואַליני. זי האָט זיך אויסגעצייכענט מיט שענקייט, גראַציעזקייט, און מיט פֿעהיגקיי־טען אַלס געשולטע שוישפּילערין. איר קאַוואַליני איז אפֿילו אַרויסגעקומען אַ ביסעל בעל הבתיש, אָבער ס׳איז גאַנץ נאַטירליך, אַז אַ אידישע שוישפּי־לערין זאָל אַזוי פֿאָרשטעלען דעם דאָזיגען טיפּ... איר קאָקעטעריי האָט געקענט זיין קאָקעטער; אירע קאַפּריזען — קאַפּריזנער; אירע עמאָציעס — עמאָציאָנעלער... אָבער אין די ראַמען, ווי זי האָט פֿאָרגעשטעלט קאַ־וואַליני׳ן איז זי געווען שען און אויסגעהאַלטען. זי האָט פֿאַר איין מאָמענט ניט פֿאַרגעסען, אַז זי שטעלט פֿאָר אַ איטאַליענערקע און אַז זי איז אַ זינ־גערין. זי האָט אויך בולט אַרויסגעבראַכט דעם קאָנפֿליקט. אַם בעסטען איז זי געווען אין די שטילע מאָמענטען. עס האָט פֿיל בייגעטראָגען צו דעם איינדרוק איר מאַדאָנישעס אויסזען. בכלל האָט איר שפּילען געמאַכט אַ גוטען איינדרוק. עס האָט באַוויזען וויפֿיל שולע טראָגט ביי צו דאָס שפּילען פֿון אַ קינסטלערין.

מט. א. סאמבערג

איינער פון די בעסטע אידישע קינסטלער אין פוילען. ער האָט דאָ גאַסטראָלירט אין פּאַווילאָן טעאַטער אין 1934, און האָט געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג אין מאָליער׳ס „קאַרגער״. ער האָט די ראָלע געשפּילט זייער כאַראַקטעריסטיש, און מיט עמאָציאָנעלער קראַפט. נאָך מיין מיינונג אַ ביסעל צו ערענסט. דער בייסענדער שפּאָט פון מאָליער׳ן האָט זיך ניט גענוג הילכיג אַרויסגעהערט.

נ. רודאלף זאסלאווסקי

אַ טאַלענטירטער קינסטלער איז אויך געווען רודאָלף זאַסלאַווסקי. ער איז צום ערשטען אויפגעטרעטען אין 1930 אין לאָנדאָן, אין שלום עליכם׳ס „טביה דער מילכיגער״. ער האָט די הויפּט ראָלע זייער גוט געשפּילט. די פּיעסע וואָס ער האָט פאָרגעשטעלט איז ניט געווען אַזאַ גוטע דראַמאַטיזירונג פון שלום עליכם׳ס באַרימטע נאָוועלע, ווי די וואָס מאָריס שוואַרץ האָט געשפּילט, אָבער זי האָט געהאַט אַ פאַרצוג. עס איז אין איר מער אויפגעהאַלטען דער כאַראַקטעריסטישער הומאָר פון פאַרפאַסער. זאַסלאַווסקי האָט דעם הומאָר און דעם כאַראַקטער פון טביה׳ן זייער גע־לונגען אַרויסגעבראַכט. ער איז ערשינען ווי אַ מאָלער, וועלכער האָט פאַר אונז געמאָלען די געשטאַלט פון טביה׳ן און די עפּיזאָדען פון זיין לעבען. ער האָט געמאָלען אויף אַ ברייטען לייווענט, און האָט געזוכט אַרויסצוברייגען אַלע קנייטשעלעך, שטריכעלעך און פּעלבלעך פון דעם מערקווירדיגען אידישען ישוב׳ניק. ער האָט נאָך אַריינגעבראַכט אַ פּאָר זייטיגע מאָטיווען, פּאָלקס לידלעך מיט סענטימענטאַליטעט און ראָמאַנ־טיזם. דאָס האָט בייגעטראָגען צו מאַכען די פאָרשטעלונג אַ פּאָפּולערען ערפאָלג.

זייער נאַטירליך און העכסט כאַראַקטעריסטיש האָט ער געשפּילט אַלס דוד שאַפּיראָ אין „שווער צו זיין אַ איד״. ער איז געווען שלום עליכם׳דיג מיט אַלע פּיטשעווקעס.

ער האָט אויך דאָ אויפגעפירט די ערנסטערע דראַמע „געדאַנק״ פון אַנדרעיעוו. ער האָט געשפּילט קרעפטיג די ראָלע פון דר. קערזשענטצעוו, און האָט עמאָציאָנעל אויסגעדריקט זיינע פּסיכישע שטורעמס אַן ער זאָל איבערטרייבען. ער האָט געלאָזט פילען אַז ער איז באַהערשט פון אַ פיקסע אידעע. דאָס איז געווען אויסגעדריקט אין זיינע בליקען, אין זיינע באַוועגונגען און אין זיין פּלאַסטיש־פאָרמיגער מימיק.

גאַנץ שען האָט ער אויך געשפּילט אַלס סטעמפּעניו אין שלום עליכם׳ס פּיעסע, אָבער זיין זשאַנער איז געווען מער כאַראַקטער און דראַ־מאַטיסט, ווי ליבהאָבער. ער האָט זיך מער אויסגעצייכענט אין די לעצטע

אַקטען ווען ער ווערט אַ ליידענדער, ווייל ער קען זיין וואונש ניט דער־גרייכען.

זיינע באַשרענקונגען אַלס ליבהאָבער האָבען זיך אויך אַרויסגעזען, ווען ער האָט געשפּילט אַלס יאַשקע אין דימאָוו׳ס „דער זינגער אין זיין טרויער“. אָבער ווען עס איז אים געקומען אויסצודריקען טיפע ליידען איז ער געווען ברילליאַנט, שען און טיף.

נא. ראשעל בערגער

אויף ראַשעל בערגער קען מען זאָגען, אַז זי האָט געלערענט שפּילען אין לאָנדאָן. זי האָט געשפּילט צוזאַמען מיט איר פּאַטער, לעאָן בערגער, אַ פעהיגער כאַראַקטער שוישפּילער. געשפּילט האָט זי ערשטע ראָלען מיט זאַסלאַווסקי׳ן. צוערשט איז איר שפּילען געווען פלעגמאַטיש, צו רוהיג. עס האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט געווען אַ צושויערין אַנשטאָט אַ מיטשפּילערין. איך האָב איר אָנגעצייגט אויף דעם חסרון, און זי האָט געלערענט. נאָך דעם האָב איך שוין געהאַט מעגליכקייטען צו שרייבען:

ראַשעל בערגער האָט געשפּילט הארציג און שען אַלס מאַשאַ, די באַרמהערציגע שוועסטער, אין אַנדרעיעוו׳ס „געדאַנק“. די סצענע, אין וועלכער זי זוכט צו באַרוהיגען דעם צורודערטען קערזשענצעוו האָט זי אַרויסגעבראַכט מיט פּאַטעטישער שענקייט.

פּראַכטפול האָט זי געשפּילט אַלס די מחותנת׳טע חנה דבורה אין „סטעמפּעניו“. ניט נאָר איז זי געווען כאַראַקטעריסטיש, נור זאָגאַר מאָ־נומענטאַל.

זייער גוט איז זי אויך געווען אַלס שיינע אין „דער זינגער פון זיין טרויער“. זי האָט אַרויסגעצייגט, אַז זי באַזיצט פעהיגקייט אַרויסצוברייי־נגען פאַרשידענאַרטיגקייט אין פאַרשטעלען כאַראַקטערע.

נב. לוסי און מישא גערמאַן

אַ קינסטלערין מיט אַ נאָמען איז לוסי גערמאַן. זי האָט זיך דעם נאָמען געמאַכט שפּילענדיג קאַלמאַנאָוויטש׳עס סענטימענטאַלע מאַמע ראָלען. זי האָט דאָ געשפּילט מיט איר מאַן מישאַ גערמאַן, אַ אינטעלי־גענטער אידישער שוישפּילער, וועלכער האָט אויך פאַרשטאַנען אַז תכלית איז דער עיקר און ער האָט זיך דערפאַר געהאַלטען אַממיינסטענס אין קאַלמאַנאָוויטש׳עס פּיעסען, באַזונדערס ווען זיי זיינען דאָ ערשינען. ער האָט געשפּילט גאַנץ פאַרנונפטיג זיינע ראָלען.

לוסי גערמאַן האָט געהאַט אַ גרויסען פּאָפּולערען ערפאָלג אין די „אייביגע מאַמע“ פון דערמאַנטען פאַרפאַסער. איך האָב איר שפּילען אַזוי כאַראַקטעריזירט: איר שטימע קלינגט געוועהנליך מענעריש און מאַנאָ־

טאָנע, אָבער זי האָט אַ באַוועגליך פּנים, וואָס קען אָננעמען דעם אויסדרוק פון וויינען, און זי האָט געפונען אַ פּאַסיגען ווייכען לירישען אונטערטאָן וועגען אויסדריקען אירע אינערליכע ליידען. אין דעם אונטערטאָן האָט זיך געהערט דער קלאַנג פון טרערען וועלכער שטיקט אין האַרצען. דאָס צוזאַמען מיט די סענטימענטאַלע ווערטער און איבערטריבענע געפילען וואָס זי דריקט אויס האָבען גענומען דעם עולם מיט שטורם.

נג. די דריטע ווילנער טרופּע און אירע קינסטלער

די דריטע „ווילנער" טרופּע מיט ה׳ מזאה בראש זיינען צו אונז געקומען אין אַפּריל 1934. זיי האָבען אָנגעהויבען צו שפּילען אין פּאַרטשון טעאַטער, אַ קליינער טעאַטער אין די וועסט ענד. געשפּילט האָבען זיי גראַד פּיעסען מיט גרויסע אַנסאַמבלען, די בינע פון טעאַטער איז ניט געווען צוגעפּאַסט צו זיי. זיי האָבען אויך אָנגעהויבען מיט פּיעסען, וועלכע זיינען שוין געשפּילט געוואָרען אין לאָנדאָן, למשל מיט׳ן „דיבוק" פון ש. אַנ־סקי. זיי האָבען זיך ניט געקענט פאַרגלייכען מיט דער ערשטער טרופּע „ווילנער" און מיט דער „הבימה" אודאי ניט.

עס איז אויך ביי זיי געווען אַ גרויסער חסרון, וואָס זיי האָבען ניט געהאַט קיין קלאָרען אויסגעאַרבייטען סטיל אין זייער שפּילען. זיי זיינען ניט געווען אימפּרעסיאָניסטיש, ווי די ערשטע „ווילנער" און זיי זיינען ניט געווען עקספּרעסיאָניסטיש ווי די „הבימה". זיי האָבען צוזאַמענגעמישט ביידע ריכטונגען. עס האָט זיך פאַלגליך געפילט דיסהאַרמאָניע. דער איינדרוק פון זייער שפּילען איז געווען אַ שוואַכער, כאָטש ס׳זיינען צווישען זיי געווען גאַנץ פעהיגע קינסטלער.

באַך אַ אונגליק איז געווען, וואָס זייער הויפּט קינסטלערין, מרים אָרלעסקאַ, אַן צווייפעל אַ טאַלענטירטע שוישפּילערין, האָט ניט געקענט גוט אידיש. זי האָט גערעדט זייער האַרט אונזער מאַמע־לשון; עס האָט געפעלט די הויפּט כאַראַקטעריסטיק, די ווייכקייט און האַרציגקייט, האָט דאָס געריסען אין די אויערן. זיכער איז עס געווען אַ גרויסער שאָד; אָבער ווער האָט געקענט דערצו העלפען, און אַ קריטיקער מוז זיין אַ קריטיקער. איך האָב דעם אמת ניט געקענט פאַרדעקען...

דאָך האָבען זיי אויפגעפירט איינינע אינטערעסאַנטע פּיעסען וואָס זיינען געווען ניי ביי אונז, און אין וועלכע דער עולם האָט זיי ניט געקענט פאַרגלייכען מיט אַנדערע... דעם גרעסטען אינטערעס האָבען זיי אַרויסגערופען מיט׳ן שפּילען י. ל. פּרץ׳ס „ביינאַכט אויפ׳ן אַלטען מאַרק". ווען זיי זאָלען געווען אָנפאַנגען מיט דער פּיעסע וואָלטען זיי געווען געהאַט אַ פיל גרעסערען ערפאָלג.

איבער די הויפּט פּיעסען, וואָס זיי האָבן געשפּילט, האָב איך שוין געשריבען. דאָ וויל איך נאָך דערמאָנען די הויפּט קינסטלער פון דער טרופּע:

דניאל שאַפּיראָ איז געווען זייער גרעסטער קינסטלער. אַ כאַראַקטער שוישפּילער פון באַדייטונג. ער האָט געשפּילט אין אַ גרויסען סטיל. אין אויסזען איז ער געווען פּלאַסטיש, איינפאַך סקולפּטור־מעסיג. ער האָט אויך אַרויסגעבראַכט איבערלעבונג טיף און קינסטלעריש.

יעקב וויסליץ, אַ אינטעליגענטער געפּילפּולער שוישפּילער, מיט מאַנעריזמען, אָבער מיט פאַרשטענדניס פאַר דיכטונג, און מיט אַ ריינער דיקציע.

חבל בוזגאַן, אַ דראַמאַטישער שוישפּילער מיט באַדייטענדען טאַלאַנט, מיט אַ שענער שטעלונג אויף דער בינע.

משה פּאַטאַשינסקי, אַ כאַראַקטער שוישפּילער מיט אַ זין פאַר קאָמיזם. ער האָט געהאַט זייער פּאַסיגע באַוועגונגען און זשעסטען. ער האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכענט אַלס דער לץ אין פּרץ'ס דראַמע און אַלס דער אַדמיניסטראַטאָר אין בערגעלסאָנ'ס „ברויט־מיהל".

מרים אָרלעסקאַ, אַ שענע שוישפּילערין, מיט קראַפט פון עמאָציאָנעלען אויסדרוק, מיט אַ שענער האַלטונג און פיינע זשעסטען. אָבער איר אויסשפּראַך האָט ניט האַרמאָנירט מיט איר שפּילען.

די איבעריגע זיינען געווען שוואַכע שוישפּילער, נאָר ס'האָט זיך דערקענט, אַז ס'איז פאַראַן ביי זיי אַ גוטער ווילען. דאָס האָט זיך אַרויסגעזען אין זייער צוזאַמענשפּילען. זיי האָבן זיך באַמיט צו זיין אַנסאַמבעלמעסיג.

נד. נ. אייזיקאָוויטש

אַ שוישפּילער, וועלכען אידען אין לאָנדאָן האָבן געהאַט צו פאַרדאַנקען דאָס פאָרטזעצען דאָ אויפצוהאַלטען אַ שטענדיגען אידישען טעאַטער, איז געווען נייטען אייזיקאָוויטש. ווען דאָס פּאַוויליאָן טעאַטער האָט זיך געשלאָסען אין 1935 און מיר זיינען געבליבען אָן אַ אידישען טעאַטער, האָט ער אָרגאַניזירט אַ טרופּע צו שפּילען אין גראַנד פּאַליי. צו אים איז צוגעשטאַנען וואָלף זילבערבערג און אַרום זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט אַנדערע לאָנדאָנער שוישפּילער. זיי האָבן אויך געבראַכט אַרטיסטען פון אַנדערע לענדער, און אויף אַזאַ אופן האָט ווידער עקזיסטירט אידיש טעאַטער אין לאָנדאָן, ווען אפילו אויף אַ קליינערען מאַסשטאַב.

נייטען אייזיקאָוויטש איז געווען אַ פעהיגער שוישפּילער. ער איז געווען אַ הויכער און ברייט געוואַקסענער. אַזעלכע שוישפּילער קענען נאָר שפּילען אין ראָלען וואָס פּאַסען פאַר זיי. אָבער אין די ראָלען, וואָס האָבן

פאַר אים געפּאַסט, ווי גבירים, גראַפען, העלדען, אַלטע מוטיגע אידישע פיגורען, האָט ער גוט געשפּילט. ער האָט איבערהויפּט געהאַט גרויס פאַרשטענדניס פאַר דער בינע. ניט נאָר איז ער געווען אַ דירעקטאָר פון אַ אידיש טעאַטער אין לאָנדאָן, נור ער האָט אויך אָנגעפירט פאַר אַ צייט אַ טעאַטער אין לאָדז. ער האָט געמאַכט אַ טורנע מיט אַ טרופּע אין זיד אַפריקאַ און ער האָט דאָרט געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג.

נ. אייזיקאָוויטש האָט אויך געשפּילט מיט מאָריס מאָסקאָוויטש אויף דער ענגלישער בינע. ער האָט זיך אויך באַטייליגט אין פאָרשטעלונגען פאַר פילמס.

נאָך זיין טויט האָט זיין פרוי, מרס. רעבעקאַ אייזיקאָוויטש, פאָרטגעזעצט איר אַרבייט אַלס אַדמיניסטראַטאָרין אין גראַנד פּאַליי. זי האָט זיכער מיט איר פעהיגקייט און העפליכקייט געמאַכט אַ בייטראַג צו דער עקזיסטענץ פון אידישען טעאַטער.

נה. וואלף זילבערבערג

די ווילנער טרופּע בעת איר צווייטען באַזוך אין לאָנדאָן האָט אונז געלאָזט אַ מתנה דעם טאַלענטירטען כאַראַקטער שוישפּילער און קולטור מענש, וואָלף זילבערבערג. ער איז נאָך געווען אַ גרינדער פון דער „הירשביין טרופּע", דער ערשטער אידישער קונסט טעאַטער אין רוסלאַנד. דאָ האָט ער זיך אויסגעצייכענט אי מיט זיין שפּילען, אי מיט איבערזעצן בעסערע פּיעסען און זיי אויפפירען. ער האָט געהאַט אייניגע גאַנץ גרויסע ערפאָלגען צו זיין קרעדיט, ווי די אויפפירונגען פון האַנרי בערנשטיינ'ס „איזראַעל", פון „דר. קאָהן" פון מאַקס נאָרדוי, פון דער קאָמעדיע „פּאָטאַש און פּערלמוטער" א. אַ.

דעם גרעסטען ערפאָלג האָט וואָלף זילבערבערג געהאַט אַלס כאַראַקטער שוישפּילער, און באַזונדערס אַלס פאָטער אין די בעסערע פּיעסען. ער איז געווען אַ קינסטלער אין אַרויסברייגען אַן אמת'ן לעבעדיגען טיפּ פון סאַי וואָס פאַר אַ מין מיטעליעריגען אָדער עלטערען אידען. ער איז געווען גלענצענד אין גרים, אין אויסדרוק דורך תנועות, און באַזונדערס אין האַלטונג. ער האָט געקענט מאַכען זיין קערפּער אָננעמען די ריכטיגע פּאָזע פון דעם טיפּ, וואָס ער האָט פאָרגעשטעלט, און פון דעם מאָמענט וואָס ער האָט באַדאַרפט אַרויסברייגען. ער האָט אויך געשפּילט מיט פיל פאַרשטענדניס אַלס אוריאל מזיק אין „גאָט, מענש און טייפעל". באַזונדערס אינטערעסאַנט פלעגט ער פאָרשטעלען אַ געלערטען אָדער אַ תלמיד חכם. דאָס איז זיכער אויך געווען צו פאַרדאַנקען זיין אינטעליגענץ. ער איז געווען איינער פון די אינטעליגענטסטע קינסטלער אויף דער אידישער בינע. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט די אידישע ליטעראַטור, און ער

האָט איבערגעזעצט פילע שילדערונגען, סקיצען א. אַ. פון דער וועלט ליטעראַטור, באַזונדערס פון רוסיש אין אידיש.

ער איז אין דער איצטיגער מלחמה געווען אַן עוואקואירטער. ער איז אָבגעריסען געוואָרען פון אידישען לעבען און פון אידישען טעאַטער. דאָס האָט זייער שטאַרק דעפּרעסירענד געווירקט אויף זיין געמיט. פריער האָט ער אויך פאַרלוירען זיין פרוי. ער האָט צום טיפען באַדויערען גע־האַט אַ פריצייטיגען טויט. פאַר׳ן לאָנדאָנער אידישען טעאַטער און אידי־שען קולטור לעבען איז עס געווען אַ גרויסער פאַרלוסט.

נו. מארק מארקאוו און עטא טאפעל

מאָריס שוואַרץ האָט אונז אויך ביי זיין לעצטען באַזוך אין לאָנדאָן געלאָזט מתנות, די קינסטלער מאַרק מאַרקאָוו און זיין פרוי עטאַ טאָפּעל. אַ דאַנק זיי האָבען מיר אין דער איצטיגער מלחמה צייט געהאַט אַ אידיש טעאַטער אין לאָנדאָן אין גראַנד פּאַליי, אין וועלכען מען האָט אויך אויפ־געפירט בעסערע פּיעסען.

מ אַ ר ק מ אַ ר ק אָ ו ו איז אַ טאַלענטירטער פילזייטיגער שוי־שפילער און אַ אינטעליגענטער מענש, מיט גרויסען אינטערעס אין אי־דישע און אַלגעמיינע פראַגען.

נאָך ווען ער האָט געשפּילט מיט מאָריס שוואַרץ, און איז ערשינען אַלס הערמאַן שאַכט אין לייוויק׳ס „פּראָפעסאָר שעלינג״, האָב איך אָנגע־וויזען אויף זיין אינטעליגענטען אויסזען און פיינעם זשעסט אין דער דער־מאָנטער רעזאָנער ראָלע. ער האָט זיך נאָך דעם ענטפּלעקט אַלס דראַמאַ־טישער קינסטלער, אַלס זינגער, און איבערהויפּט אַלס פּראַכטפולער כאַ־ראַקטער שוישפילער. ער קען גלענצענד שאַפען כאַראַקטערע, און אין יעדען כאַראַקטער צייגט ער זיך באמת פאַר אַן אַנדערען. ער שפילט, למשל, אין אַן אָפּערעטע „די פריילעכע משפחה״, קומט אים אויס זיך איי־ניגע מאָל צו פאַרשטעלען אין פאַרשידענע טיפּען. אין יעדען טיפּ איז ער גאַנץ אַנדערש, העכסט נאַטירליך און כאַראַקטעריסטיש. ער ענטוויקעלט אויך זייער גוט אַ דראַמאַטישע כאַראַקטער ראָלע. ווען ער האָט געשפילט אַלס איזידאָר אין ליבינ׳ס „קינדער פאַרגעסען ניט״ האָב איך פאַרצייכענט:

„מ. מאַרקאָוו האָט געשפּילט גלענצענד אַלס איזידאָר. ער האָט דעם איינפאַכען, פּראָסטען איזידאָר דערהויבען צו אַ פּערזאָן מיט אייגענאַר־טיגקייט, איינפאַך צו אַ פּערזענליכקייט״. ער האָט באַזונדערס גוט אַרויס־געבראַכט די גוטמוטיגקייט פון דעם כאַראַקטער, וואָס ער האָט פאַרגע־שטעלט, און צו דער זעלבער צייט האָט ער זייער קרעפטיג דראַמאַטיש

עמאַציאָנעל אויסגעדריקט זיין פּראָטעסט און זיינע ליידען אינ׳ם קאַמף פאַר דער ליבע פון זיין פרוי״.

מאַרק מאַרקאָוו האָט אויך געשפּילט אין סטרינדבערג׳ס „פאָטער״. ער איז געווען אַ אימפּאָזאַנטער ריטמייסטער. זיין אויסזען איז געווען פּראַכטפול, שלאַנק, אינטעליגענט, באַאונרוהיגט פון אַ אידעע פיקסע. ער איז געווען יעדען מאָמענט אינטענסיוו. באַזונדערס אין דער צווייטער פאָרשטעלונג האָט ער אַרויסגעבראַכט קרעפטיג די איבערלעבונגען פון אַדאָלף׳ן. זיין פּנים און זיינע אויגען האָבען אויסגעדריקט דעם שטורם אין זיין מוח.

כאַראַקטעריסטיש איז ער געווען אַלס וולאַדימיר אין די יתומה. ער האָט ניט פאָרגעשטעלט גלאַט אַ צאַצקעדיגען לעבע־יונג, נאָר אַן איבער־געפּירטען בן־יחיד, וואָס לאָזט זיך וואוילגיין, ווען ער האָט אַ געלעגענ־הייט. די סצענע זיינע מיט דער משפחה, ווען ער שטייט שכור און האַלט זיך דאָך פעסט ביי זיין שידוך מיט חאַסיע׳ן, איז געווען פּראַכטפול.

אַלס ריימאַן אין „מאַדאַם איקס״ האָט ער זיך אויסגעצייכענט מיט זיין שענעם און שטאַרקען שפּילען, באַזונדערס מיט זיין פּראַכטפולער פאַרטיידיגונגס רעדע אין דער געריכט סצענע, וואָס ער האָט געזאָגט מיט ריכטיגער באַטאָנונג און אַראַטאָרישער קראַפט.

מאַרק מאַרקאָוו האָט געשפּילט מיט גרויס ערפאָלג פילע אַנדערע ראָלען, איינגעשלאָסען געזאַנגס ראָלען. ער זינגט האַרציג און אין אַ שע־נעם טאָן. ער איז אויך אַ פעהיגער רעזשיסאָר, און נויטיגט זיך נאָר אין אַ רייכערען רעפּערטואַר פון בעסערע ליטעראַרישע פּיעסען...

ע ט אַ ט אָ פּ ע ל איז אַ פילזייטיגע קינסטלערין. זי איז אַ טאַ־לענטירטע קאָמעדיענע. איר שפּילען כאַראַקטער ראָלען איז פּראַכטפול. זי זינגט אויך זייער האַרציג, קרעפטיג און מעלאָדיש. זי איז צו דער זעלבער צייט אַ גוטע דראַמאַטישע שוישפּילערין. איר ווירדיגע האַלטונג אויף דער בינע און איר קליידונג מאַכט זי אויך פּאַר אַ שענער גראַנד דאַמע.

אַ דאַנק איר ווירדיגע האַלטונג און שטאַרקען שפּילען האָט זי זייער גוט דורכגעפירט די ראָלע אַלס לאורא אין „פאָטער״. דער סאַרקאַזם איז אפילו ביי איר ניט זייער בולט אַרויסגעקומען, אָבער זי האָט די גאַנצע צייט אימפּאָנירט, און ס׳האָט אויסגעזען נאַטירליך איר ווילען צו באַהער־שען דעם מאַן.

זייער אינטערעסאַנט האָט עטאַ טאָפּעל געשפּילט אַלס חאַסיע אין גאָרדינ׳ס „יתומה״. איך האָב פאַרצייכענט:

„זי האָט געשאַפען אַן אייגענע חאַסיע, ניט אַזאַ טעאַטראַלע, ניט אַזאַ געקינצעלטע; איר חאַסיע איז געווען אַ נאַטירליכע, אַ זייער כאַראַקטע־

ריסטישע. אירע ליידען זיינען אַרויסגעקומען טיף אויסגעדריקט עמאָ־ציאָנעל, ערגרייפענד, אינערליך.

„אירע לוסטיגע סצענעס זיינען געווען איינגעהאַלטענער, שטילער. ניט אַזוי שטאַרק קאָמעדיע־מעסיג, אָבער דערפאַר זיינען אירע מאָמענ־טען פון בענקעניש נאָך דער פרייער נאַטור פון דאָרף געווען פערלדיג; איר זינגען דאָס האַרציגע לידעל פון בענקשאַפט איז געווען זענזוכט־אויס־דרוק אין בעסטען זין. זייער גוט און נאַטירליך זיינען געווען אירע אי־בערגענגע פון ערנסטקייט צו לוסטיגקייט.

„איר לעצטער אַקט איז געווען גאָר געלונגען. זי האָט געשפילט מיט אַזאַ נאַטירליכער אינטענסיוויטעט, מיט אַזוי פיל אמת׳ער איבערלעבונג, דאָס זי האָט יעדען געשמידט צו די וואונדערבאַרע באַוועגונגען פון איר באַוועגליכען פנים און צו די ווערטער, וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון אירע ליפען מיט טיפען נאַטירליכען פּאַטאָס״.

איר שענער שפּילען אַלס ציגאַ אין „די גרינע פעלדער״; און איר פיינער שפּילען און זינגען אין דער נאַאיווער ראָלע אין דער אָפּערעטע „יאָסעלע און פייגעלע״ האָבען געמאַכט אַ זייער גוטען איינדרוק.

מיט פיל עמאָציאָנעלע קראַפט האָט עטאַ טאָפּעל געשפּילט אַלס זשאַקלען אין „מאַדאַם עקס״. אירע פּראַכטפולע דראַמאַטישע אויסדריקע אין ערשטען אַקט און אין די שלוס סצענעס פון דער פּיעסע, און איר כאַראַקטער־פאַרשטעלונג אין צווייטען אַקט האָבען געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק.

מאַרק מאַרקאָוו און עטאַ טאָפּעל וועלען נאָך האָבען גרויסע ער־פאָלגען.

נז. נאָך שוישפּילער און שוישפּילערינס

עס האָבען ביי אונז געשפּילט נאָך קינסטלער און קינסטלערינס. איך וויל זיי דערמאָנען:

י ע ק ב ק א ל י ך איז געווען אַ שענער און פעהיגער שוישפּי־לער. אויף אים קען מען אויך זאָגען, אַז דאָ ביי אונז האָט ער געלערענט די בינע. ער האָט געשפּילט פאַר אַ פּאָר יאָר אין פּאַוויליאָן טעאַטער. מען האָט פון אים ערוואַרטעט, אַז ער זאָל ווערען אַ קינסטלער מיט אַ באַרימ־טען נאָמען. האָט אים אָבער אַ גרעסערער גליק געטראָפען: ער האָט זיך באַקענט מיט מאַלי פּיקאָן, אַן אָפּערעטען קינסטלערין פון בעסטען מין; זי האָט זיך אין אים פאַרליבט, און זיי האָבען חתונה געהאַט. ער איז מיט אָט דער אמת׳ער מ צ י א ה אַרומגעפאָרען אויף דער וועלט און — ער האָט מער ניט געהאַט קיין נאַדירפעניש צו זיין אַ שוישפּילער, ער

איז געוואָרען אַ זייער ערפאָלגרייכער דירעקטאָר, מיט זיין ווייב׳ס כח און אייגענער חכמה.

מאַלי פיקאָן האָט אויך ביי אונז גאַסטראָלירט, אָבער זי האָט דאָ אין אידיש בלויז געגעבען קאָנצערטען. באַלאַנגט דאָס שוין צו אַן אַנדער קאַפּיטעל. (זעט ווייטער).

מ אַ ד אַ ם פּ אַ ס ק ע ו ו י ט ש — אַ שוישפּילערין, געקומען פון רומעניען, האָט געשפּילט מיט מאַסקאָוויטש׳ן. איר שפּילען איז געווען אין אַ שטילערן טאָן. זי האָט זייער נעט דורכגעפירט הויפּט ראָלען אין גאָרדין׳ס פּיעסען, און אין אַנדערע ווערק פון וועלט רעפּערטואַר.

ד אָ ר אַ ו ו י י ס מ אַ ן , אַן אַמעריקאַנערין (ניט פון געבורט); געקומען איז זי צו אונז אין 1928 מיט איר מאַן אַנשעל שור. אין דער יו־גענד איז זי געווען אַ סוברעטין. שפּעטער איז זי געוואָרען אַ דראַמאַטיסטין. זי האָט זיכער געהאַט גרויסע פעהיגקייטען. דאָ ביי אונז איז זי אויפגע־טרעטען אין איר מאַנ׳ס מעלאָדראַמען. גאַנץ שטאַרק, אָבער אויך שטאַרק איבערגעטריבען.

ב ע ס י ט אַ מ אַ ש ע ו ו ס ק י , אַ טאַלענטירטע סוברעטין פון אַמעריקא. זי האָט בלויז איין מאָל גאַסטראָלירט אין פּאַוויליאָן טעאַטער אין 1924. זי האָט פאַרגעשטעלט לעבעדיגע, אינטערעסאַנט און כאַראַק־טעריסטיש פאַרשידענע קאָמישע טיפּען. אָבער די פאַרשטעלונג וואָס זי האָט געגעבען האָט בכלל מער געפּאַסט פאַר סקיצען אין אַ וואָדעוויל טעאַטער, ווי צו זיין אַ פּיעסע.

יוליוס אַדלער האָט אויך געגעבען איינציגע גאַסטראָלען אין לאָנדאָן. איך בין דאַמאָלט גראָד ניט געווען אין דער היים, און האָב אים פאָלגליך ניט געזען.

ר אָ ז ע ב ר י ה , די פרוי פון שילינג, אַ זייער צאַפּעלדיגע סוב־רעטין, כאָטש זי איז געווען פעט. מען האָט זיך געקענט וואונדערען, ווי אַזאַ פעטליכע פרוי קען זיך אַזוי לייכט באַוועגען. זי איז געווען גאַנץ פעהיג.

מ י נ י אַ ק ס ע ל ר אַ ד האָט געשפּילט דאָ איינציגע סעזאָנען. זי האָט הויפּטזעכליך געשפּילט מיט קראַפּט הויפּט ראָלען אין מעלאָדראַמען; זי האָט אויך קרעפטיג געזונגען.

ק ל אַ ר אַ מ אַ ר ג אַ ל י ן , מיני אַקסעלראַד׳ס שוועסטער, גע־שפּילט צייטווייליג און ביי געלעגענהייט אין לאָנדאָן.

א י ז י ד א ר מ ע ל צ ע ר , אַ כאַראַקטער קאָמיקער — מער קאָמיקער ווי כאַראַקטער... ער האָט געשפּילט מיט יאָזעף קעסלער, און

אויך מיט דאָראַ וויסמאַן. ער איז געווען אַמוזירענד, אָבער האָט געשפּילט אָן אינערליכען געפיל.

נ י י ט ע ן ר י כ ט ע ר, געווען ביי אונז אַ קאָמיקער, געשפּילט אין אַ וואָדעוויל גערופען „ליריק טעאַטער". ער איז דאַן אַוועקגעפאָרען קיין אַמעריקאַ, און דאָרט זיך אָבגעגעבען מיט אַגענטור פאַר טעאַטער און פילמס. ער האָט זיך אַרויסגעצייגט פאַר אַ בעסערען געשעפטסמאַן.

ל ע אָ נ י ד ס אָ ק אָ ל אָ ו, האָט ביי אונז גאַסטראָלירט אין יולי 1930. ער האָט אויפגעפירט „אויפ'ן טייך", אַן אַלטמאָדישע דראַמע פון ש. י. קאָזיניץ. זי האָט ענטהאַלטען זייער שטאַרקע דראַמאַטישע סצע־נעס, וועלכע האָבען געגעבען מעגליכקייטען דעם הויפּט שוישפּילער צו צייגען זיין טאַלאַנט. לעאָניד סאָקאָלאָוו האָט געשפּילט די הויפּט ראָלע. ער איז אַ רעאַליסטישער שוישפּילער, וועלכער איז טריי צום כאַראַקטער, און דריקט אויס נאַטירליך די איבערלעבונגען. ער האָט שטאַרק דראַמאַ־טיש דורכגעפירט די הויפּט סצענעס, אָבער ס'האָט אים געפעלט גענוג עלאַסטיציטעט פאַר די איבערגענגע. עס האָט זיך ניט באַמערקט קיין שוואונג, ווען דאָס האָט זיך גראַדע געפאָדערט.

עס איז מיט אים אויך געווען זיין פרוי נ י נ י אַ, אַ שוישפּילערין וואָס שפּילט קרעפטיג און מיט פאַרשטענדניס, אָבער דער טאָן פון איר שטימע איז ניט געווען שטענדיג צוגעפּאַסט צו דעם פאַרגעשטעלטען מאָמענט.

א י ז י ד אָ ר ב ו ז ע ט, איז אַהער געקומען נאָך מיט יעקב אַד־לער און איז געבליבען שפּילען צוערשט מיט סערע אַדלער, און נאָך דעם אַליין נאָך עטליכע סעזאָנען. ער האָט צווישען אַנדערע פּיעסען אויפגע־פירט אין פּאַווילִיאָן טעאַטער אין דעצעמבער 1931 רעמאַרק'ס „ביים מערב פראָנט קיין נייעס". עס איז געווען אַ אינטערעסאַנטע מלחמה פּיע־סע, אין וועלכער ס'איז איבערגעגעבען געוואָרען דער שוידער, וואָס ליי־דען דורך מלחמה ענטהאַלטען, און דער פּאַטהאָס וואָס אַזעלכע ליידען רופען אַרויס.

בוזעט איז געווען אַ „קאַלטער" שוישפּילער, אַ צו רוהיגער, אָבער ער האָט געשפּילט מיט פאַרשטענדניס די ראָלע אַלס פּאָול. ער האָט בכלל מער אַרויסגעבראַכט כאַראַקטער, ווי אויסגעדריקט טעמפּעראַמענט.

מ ו נ י ס ע ר ע ב ר אָ ו, אַ שענער אינטעליגענטער שוישפּי־לער און זינגער, האָט געזונגען מיט געפיל, און אויך קרעפטיג געשפּילט דראַמאַטישע ראָלען. ער איז געווען דאָ אין 1924.

ר ו ת ר ע נ ע, אַ שענע זינגערין און שוישפּילערין. זי האָט דאָ געשפּילט אין דער זעלבער צייט ווי סערעבראָוו. איר זינגען איז מיר בע־

סער געפעלען ווי איר שפּילען. זי האָט געהאַט אַ שענע קרעפטיגע שטי־מע, וועו אפילו ניט מיט טיפען געפיל אויסדרוק.

הערי טשייקאָווסקי, אַ פעהיגער זינגער און שוישפּי־לער, וועלכער איז ליידער איבערגעפירט געוואָרען, ווייל ער האָט ניט געפונען פולע באַפרידיגונג בלויז אין זינגען און שפּילען...

סאַלאָמאָן שטראַמער, אַ פעהיגער זינגער און שוישפּי־לער, מיט אַ ברייטען זשעסט, און פאַרנעם. אַ טעאַטראַל אפילו אין לעבען. ער האָט געשפּילט אינטערעסאַנט ליבהאָבער ראָלען.

קלאַראַ שטראַמער האָט געשפּילט מיט איר מאַן. איר זינגען איז ניט געווען זייער געלונגען, אָבער זי האָט גאַנץ נעט געשפּילט ראָמאַנטישע ראָלען אין פּיעסען. זי האָט ניט שלעכט פאַרגעשטעלט לידיאַ אין אַרציבאַשעף׳ס „סאַנין".

חנה גראָסבערג, אַ זייער פעהיגע כאַראַקטער שוישפּילע־רין, אַ קאָמעדיענע, ניט פון די זייער עדעלע, אָבער פול מיט לעבען; זי האָט זיך באַנוצט אין שפּילען מיט דאָס וואָס ווערט גערופען ביי אַנדערע „סעקס־אַפּיעל".

הערמאַן פּעניגשטיין, אַ שענער זינגער און פעהי־גער כאַראַקטער שוישפּילער. ער האָט געשפּילט מיט מישאַ פישזאָן און יאָזעף קעסלער. ער האָט אַמוזירט און אויך גאַנץ שען געשפּילט.

שושנה, אַ זייער אינטעליגענטע שוישפּילערין פון וואַרשאַ; געווען פּאַסיג פאַר ראָמאַנטישע ראָלען. ניט איבעריג טיף אין עמאָציאָ־נעלען אויסדרוק, אָבער אינטערעסאַנט אַלס פּערזענליכקייט.

פּאָסטעל, אַ זייער פעהיגער זינגער און כאַראַקטער שוישפּי־לער. ער האָט באַזונדערס גוט געשפּילט אין קאַלמאַנאָוויטש׳עס פּיעסען, אין די „אייביגע נאַראָנים", אין אויפגעקומענע גבירים, און נאָך אַזעלכע. ער איז געווען זייער אַמוזירענד, און גאַנץ נאַענט צום לעבען; ער האָט אויך באַזעסען אַ געוויסען אייגענאַרט.

היימי פריזאַנט איז מער נאָכאַמער ווי שאַפער אויף דער בינע. זיין שפּילען איז מעכאַניש, ניט וואַרים געגוג, אָן אינערליכען ברען. אפילו זיינע אויסדריקע פון ליבע זיינען אויך אַרויסגעקומען מעכאַניש.

איזידאָר אשכנזי, אַ דירעקטאָר פון אַ אידישען טעאַ־טער אין יאַסי, רומעניע, האָט דאָ געשפּילט אַ סעזאָן אין פּאַוויליאָן טע־אַטער, אין 1912־1913; האָט באַלאַנגט צו דער שולע פון מעלאָדראַמען און אָפּערעטען.

א. װינאַגראַדאָװ, אַ אינטעליגענטער דראַמאַטישער שױשפּילער, שפּילט מיט קראַפט. האָט דאָ גאַסטראָלירט אין 1920.

משה בורשטײן, זינגער־שױשפּילער, בעסערער זינגער. ער האָט געהאַט אַן אײגענעם טעאַטער אין פּאַריז.

י. זאַנגער, אַ שױשפּילער מיט נײגונג צו אָפּערעטע, האָט ניט שלעכט געזונגען. ער האָט דאָ געשפּילט נאָך דער ערשטער װעלט־מלחמה. פון דאַנען איז ער געפאָרען קײן אַמעריקאַ. ער האָט דאָרט אויך אָנגעשריבען אײניגע אָפּערעטען.

י. באַזשיק, אַ זײער פעהיגער כאַראַקטער שױשפּילער פון פּוילען. איך האָב געהײסען אים ברענגען קײן ענגלאַנד; ער האָט געשפּילט מיט באַראַטאָװ׳ן א. אַ. איז ער ערשינען אויף דער בינע איז ער פאַלשטענדיג געװען דער כאַראַקטער, װעלכען ער האָט פאָרגעשטעלט. ער האָט זיך אויך באַזונדערס אויסגעצײכענט אַלס ר׳ עליע אין לײװיק׳ס „שמאַטעס“. ניט נאָר האָט ער אויסגעדריקט די לירישקײט פון אַלטקײט, נור ער האָט אויך אויפגעהאַלטען די רעאַליטעט פון שמאַטע קלויבער.

חנה סאַנדלער, אַ װאַרשאװער שױשפּילערין, האָט דאָ געשפּילט אין 1927 און נאָך אײניגע סעזאָנען. האָט געקענט גוט פאָרשטע־לען מיטעלע כאַראַקטער ראָלען.

ציליע ליפּצין, אַ שױשפּילערין פון צװײטען דור. זי האָט דאָ געשפּילט אַ פּאָר יאָר מיט מאַסקאָװיטש׳ן און אַנדערע. זי האָט גע־שפּילט נעט אָבער ניט מיט גרויסען פאָרנעם.

מאַקס ברין, אַ אינטעליגענטער כאַראַקטער שױשפּילער מיט אַ נײגונג צו קאָמיזם. איז געװאָרען סעקרעטאַר פון אידישען קינסטלער פאַראײן אין װאַרשאַ.

סאָניאַ גורסקאַ, אַ אינטעליגענטע שױשפּילערין, האָט דאָ געשפּילט אַ קורצע צײט אין 1915־1916.

מאַקס געבעלס און דזשעני גאָלדשטײן, דער קעניג און קעניגין פון אַמעריקאַנער אידישער מעלאָדראַמע. לויט מײן באַגריף איז זײער טראָן ניט געװען קײן הויכער. זײ האָבען דאָ גע־שפּילט אַ גאַנץ קורצע צײט. זײן שפּילען איז בלויז געװען קונץ. איר שפּי־לען איז געװען עמאַציאָנעל שטאַרק — צו שטאַרק.

י. גרודבערג, האָט דאָ געשפּילט נאָך אַלס יונגערמאַן; באַזיצט טאַלאַנט און פאַרשטענדניס; האָט באַדאַרפט זיך ענטװיקלען.

פעני לובריצקי, אַ געבוירענע אין לאָנדאָן. זי האָט גע־שפּילט קינדער ראָלען אונטער זיגמונד פײנמאַן. זי איז נאָך גאַנץ יונג

אוועק קיין אַמעריקאַ מיט איר פאַמיליע. דאָרט איז זי געוואָרען אַ באַדיי־טענדע סובּרעטין און זי האָט אויך געשפּילט ערשטע ראָלען אין מוזיקאַ־לישע פּיעסען. זי האָט דאָ גאַסטראָלירט מיט לודוויג זאַץ אין 1930־1931 און זיי האָבען געהאַט אַ באַדייטענדען ערפאָלג.

איר שוועסטער גאָלדע און איר ברודער דייוו לובּריצקי, אויך געבּוי־רענע אין לאָנדאָן, שפּילען טעאַטער אין אַמעריקאַ. דייוו האָט אויך דאָ גאַסטראָלירט. ער צייכענט זיך אויס אין טאַנצען.

וואָלדעמאַר הייניצע, ניט קיין איד, אָבער ער האָט געשפּילט גאַנץ שען אידיש טעאַטער אין גראַנד פּאַליי. ער האָט מיט קראַפט געשפּילט אַלס עדגאַר אין סטרינדבערג׳ס „טויטען טאַנץ״. איז אויך ערשינען אין פילע אַנדערע פּיעסען. ער האָט איינדרוקספול דורכ־געפירט רעזאָנער ראָלען.

זיין אידישע פרוי, עוואַ זיידעמאַן, איז ערשינען אין די הויפּט פּרויען ראָלען פון די פּיעסען, אין וועלכע זי האָט צוזאַמענגע־שפּילט מיט איר מאַן. זי איז ערשינען אַלס אַליסאַ אין „טויטען טאַנץ״.

פּאָליאַקאָוו, אַ פעהיגער כאַראַקטער קאָמיקער, שפּילט מיט איבּערטרייבּונגען.

פּאַלווינאַ, אַ מוטער ראָליסטין, שפּילט מיט פאַרשטענדניס, ניט מיט פיל טעמפּעראַמענט.

לעאָן טרוימאַן, האָט אָנגעהויבּען שפּילען טעאַטער אין לאָנדאָן, געוואָרען נאָך דעם אַ כאַראַקטער שוישפּילער אין פּאַריז. באַזיצט פאַרשטענדניס, אָבער מער טעמפּעראַמענט וואָלט אים געוועזן צונוץ גע־קומען.

אהרן נאַגער, אַ פאַרפאַסער פון בּורלעסקען און מעלאָדראַ־מען, וועלכער האָט זיי אויך אויפגעפירט און אין זיי געשפּילט. ער האָט פאַר אַ צייט געהאַט אין לאָנדאָן אַ וואָדעוויל טעאַטער. ער האָט אויך גאַס־טראָלירט אין פּערעגאָן מיט יאָזעף קעסלער און דיינע פיינמאַן. זיין פּיעסע „דער לוסטיגער פויגעל״ איז פילע מאָל דאָ געשפּילט געוואָרען באַזונדערס פון יאָזעף שערמאַן.

י. פרידמאַן, אַ אינטעליגענטער מענש, מיט גרויסען אינ־טערעס אין טעאַטער, אָבער זיין שפּילען איז געווען שוואַך.

פּ. וואַרשאַווסקי איז געווען בּאַשעפטיגט ביים פּאַוויליאָן טעאַטער פון ה׳ בלומענטאַל און פּעני וואַקסמאַן. ער האָט אָפט געשפּילט קליינע ראָלען.

28. אָפּערעטען קינסטלער

אָפּערעטען האָבען פאַרנומען אַ גרויסען פּלאַץ אין אונזער אידישען טעאַטער, און פילע באַרימטע אָפּערעטען קינסטלער און קינסטלערינס האָבען אויך אין מיין צייט געשפּילט אין לאָנדאָן:

די ערשטע האָב איך געזען מאַדאַם צ ו ו י ב ע ל, אַ טיפּיטשנע גרויסע פּרימאַדאָנאַ. זי האָט אַממיינסטענס געזונגען אין די ראָלען פון העלדינס אין אברהם גאָלדפאַדען׳ס אָפּערעטען.

מ אַ ד אַ ם צ ו ק ע ר ב ע ר ג, אַ עדעלערע פּרימאַדאָנאַ, מיט אַ לירישער סאָפּראַנאָ. זי האָט זייער שען געזונגען. זי איז אַהער געקומען מיט איר מאַן. זיי זיינען פון דאָגען געפאָרען קיין אַמעריקאַ מיט באַריס טאָמאַשעווסקי. מיט פילע יאָרען שפּעטער איז זי געקומען מיט טאָמאַ־שעווסקי׳ן. זיי האָבען דאָ געשפּילט זייער שען די אָפּערעטע: „דער חזן און די חזנ׳טע” און די זייער אינטערעסאַנטע מוזיקאַלישע פּיעסע „איך און דו”, אין וועלכער עס האָט זיך אָבגעשפּיגעלט זייער אייגענער לעבען.

ב אַ ר י ס ט אָ מ אַ ש ע ו ו ס ק י איז געווען אַ באַרימטער קינסטלער. ער האָט געשפּילט אין דער יוגענד ליבהאָבער ראָלען; האָט אויך געקענט שפּילען דראַמאַטישע ראָלען, און האָט געהאַט גוטע פאַר־שטענדניס פאַר דראַמען. אים איז געווען צו פאַרדאַנקען, וואָס מען האָט געשפּילט אין אַמעריקאַ אין אידיש הויפּטמאַנ׳ס „וועבער”. אָבער טאָמאַ־שעווסקי האָט זיך באַזונדערס געווידמעט צו פאַרפאַסען און אויפפירען אָפּערעטען און מוזיקאַלישע פּיעסען. ער האָט געהאַט גרויסען ערפאָלג מיט אַזעלכע פּיעסען ווי „דאָס פּינטעלע איד”, „דער בר מצוה בחור”, און נאָך אַזעלכע אידישע סענטימענטאַלע, נאַציאָנאַלע פּיעסען. וועגען זיין אינטערעסאַנטען רעוויו „אַלטע לידעלאַך” און זייער שענעם שפּילען אַלס גאָלדפאַדען אויף דער עלטער, האָב איך שוין פריער געשריבען. באַריס טאָמאַשעווסקי איז געווען אַ אינטערעסאַנטע, ווען אפילו ניט אַ זייער סימ־פּאַטישע, פיגור אין דער געשיכטע פון אידישען טעאַטער.

די ערשטע אידישע אָפּערעטען זיינען געווען מער אָדער ווייניגער פון קלאַסישען כאַראַקטער געבויט אויף ביבלישע און היסטאָרישע מאָ־טיוועז. שפּעטער האָט מען אָנגעהויבען שאַפען די מאָדערנע אָפּערעטען, רעוויועז און מוזיקאַלישע קאָמעדיעז.

די קעניגין פון דעם מין איז געווען ק ל אַ ר אַ י אַ נ ג, אַ קאָמעדיענע פאַר עקסעלאַנס. זי האָט געזונגען, געשפּילט און געטאַנצט מיט פיל ברען און שענקייט. אויף איר האָט מען געקענט פאָלשטענדיג זאָגען, אַז די בינע האָט געשפּילט און געטאַנצט צוזאַמען מיט איר. די

בינע איז געווען פול מיט איר ווען זי איז ערשינען. זי האָט דאָ גאַסטראָלירט אין 1911 און אין 1914. איז דאָ ערשינען אַלס חאַנטשע אין „חאַנטשע אין אַמעריקאַ“, מיט וועלכער זי האָט פאַרכאַנטשעט... איר שפּילען אין הויזען אויף דער בינע איז געווען אַ נייעס אין אידישען טעאַטער. זי האָט געבּרענט אַ וועלט. דער מין פאַרשטעלונגען איז מיר ניט שטאַרק געפעלען, אָבער אין דעם טאַלאַנט פון קלאַראַ יאַנג האָט קיינער ניט געקענט צווייפלען.

איר מאַן ב ע ר נ אַ ר ד י אַ נ ג, אַ אינטעליגענטער שוישפּילער פון עלטערען דור, איז אויך געווען צוזאַמען מיט איר אין לאָנדאָן. ער האָט דאָ ניט געשפּילט. ער איז געווען איר אַדמיניסטראַטאָר.

י ו ל י ו ס נ אַ ט אַ נ ס אָ ן, אַן אָפּערעטען שוישפּילער מיט קונצען, האָט דאָ געשפּילט אַ פּאָר סעזאָנען אין פּאַוויליאָן טעאַטער אין 1931־1932. ער זינגט שען, טאַנצט גאַנץ לעבעדיג און מאַכט האָקוס־פּאָקוסען, איז ער, פאַרשטייט זיך, זייער ערפאָלגרייך ביי יענעם עולם, וואָס ערוואַרט פון טעאַטער ניט קיין אַנדערע זאַך, ווי מען זאָל זיי אַמוזירען. ער האָט דאָ אויפגעפירט גאַנץ שען די אָפּערעטע „זיסע מאָמענטען“ און האָט געשפּילט מיט ערפאָלג די הויפּט ראָלע אין איר. ער האָט נאָכגעזונגען אַ ליד וואָס טאובער האָט געזונגען. דאָס מער ווי אַלץ האָט געזיכערט דעם ערפאָלג, כאָטש, ס׳פאַרשטייט זיך, אַז ס׳האָט גאָר ניט געקענט זיין קיין פאַרגלייך. אים האָט געפעלט קאָנטראָל צו זיין אַ גרויסער שוישפּילער.

אַ נ אַ נ אַ ט אַ נ ס אָ ן האָט געשפּילט צוזאַמען מיט איר מאַן. זי שפּילט אַלס פּרימאַדאָנאַ, אָבער זי באַזיצט באַשרענקטע מעגליכקייטען.

פּ ס ח ׳ ק ע ב ו ר ש ט י י ן, אַ זייער לעבעדיגער אָפּערעטען זינגער און שוישפּילער. באַזיצט פיל זין פאַר קאָמיזם, שפּילט מיט מער קאָנטראָל, ווי אַנדערע שוישפּילער פון זיין מין. ער איז געווען גאַנץ ערפאָלגרייך בעת ער האָט גאַסטראָלירט אין פּאַוויליאָן טעאַטער.

ו ו י ט ל ע ר, אַ יונגערער אָפּערעטען שוישפּילער, האָט אויך דאָ געהאַט ערפאָלג. ער האָט גאַנץ שען געשפּילט, פיל שטילער ווי אַנדערע בוף־קאָמיקער.

ה י י מ אַ ן און אַ נ אַ י אַ ק אָ ב אָ ו ו י ט ש, באַקאַנטע אָפּערעטען שוישפּילער פון פּוילען, האָבען דאָ געשפּילט בעת אַ צוריקרייזע פון זיד אַמעריקאַ. זיי האָבען געהאַט ערפאָלג. זי איז געווען אַ פּרימאַדאָנאַ און ניט שלעכט געזונגען. ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט לעבעדיגקייט און מיט טאַנצען.

מ י כ אַ ל מ י כ אַ ל ע ס ק אַ, אַ טאַלענטירטער שוישפּילער און זינגער. האָט זיך אָממיינסטענס אויסגעצייכענט אין מוזיקאַלישע קאָמעדיען און אָפּערעטען, אָבער ער האָט אויך געשפּילט אין ערנסטערע פּיעסען. ער האָט דאָ גאַסטראָלירט אין פּאַוויליאָן טעאַטער ביי מר. בלומענטאַל און פּעני וואַקסמאַן אין 1932. ער האָט געמאַכט אַ זייער גוטען איינדרוק מיט זיין זינגען און שפּילען. ס'איז געווען קענטיג, אַז ער באַ־לאַנגט צום בעסטען קלאַס שוישפּילער, כאָטש ער ערשיינט אין אָפּערע־טען.

פּ אַ ו ל ב ר י י ט מ אַ ן און וו ע ר אַ ק אַ נ י ע וו ס ק אַ, אַ קינסטלער־פּאָר פון פּוילען. זיי האָבען געשפּילט אָממיינסטענס אין אָפּערעטען. זיי האָבען ניט שלעכט געזונגען און געטאַנצט; ער איז שלאַנק און שפּילט ניט מיט איבעריגען טעמפּעראַמענט. זי שפּילט ניט שלעכט אין די אָפּערעטען. זי איז ערשינען אַלס נחמה'לע, די הויפּט פרויען ראָלע אין „דוכוס". זי איז ניט געווען גענוג פּאַסיג, אָבער זי האָט געשפּילט מיט פאַרשטענדניס און אינטערעסאַנט.

מ ר י ם ק אָ ר אָ ל אָ וו אַ, אַ קאָמעדיענע, מיט פיל לעבען, טאַלאַנט און שענער שטימע. זי האָט פעהיגקייט אַרויסצוברייגען קינסט־לעריש נואַנסען, הן דורך מימיק — זי האָט אַ באַוועגליך פּנים; הן דורך אַ שפּיל אין טענער. זי זינגט מיט חן אַ לידעל. זי האָט צוערשט גאַסטראָ־לירט אין פּאַוויליאָן טעאַטער. נאָך דעם האָט זי געשפּילט אַ סעזאָן אין גראַנד פּאַלעי מיט ערפאָלג.

ב ל ו מ ז אָ ן האָט געשפּילט מיט מרים קאָראָלאָוואַ. ער האָט זייער שען געזונגען באַזיצענדיג אַ גאַנץ קרעפטיגע טענאָר שטימע.

פ אַ נ י ר ו ב י נ אַ, אַ זינגערין און שוישפּילערין, מער זינגערין. זי איז אַ טאָכטער פון אַ חזן און קען זייער גוט זינגען חזנות. זי זינגט בכלל שען; איז דאָ ערשינען מיט ערפאָלג אין 1931.

ב ע ר ט אַ ק אָ ר נ פ ע ל ד האָט באַזעסען אַ שענע סאָפּראַנאָ שטימע. זי איז געווען בעסער אַלס קאָנצערטיסטין, אָבער זי האָט אויך פאַר אַ צייט געשפּילט אין אָפּערעטען.

29. לאָנדאָנער אידישע שוישפּילער און שוישפּילערינס

לאָנדאָן האָט נאָך אַ גאַנצע רייע אידישע שוישפּילער און שוישפּילערינס, אַחוץ די אייניגע איבער וועלכע איך האָב שוין געשריבען. מאַנכע פון זיי זיינען באַדייטענדע טאַלאַנטען. ווען איך זאָל געווען די רייע אַראַנזשירען לויט'ן טאַלאַנט וואָלטען זיי זיכער פריער באַדאַרפט דערמאָנט ווערען. אויב איך האָב זיי געלאָזט כמעט צום סוף איז עס נאָר דערפאַר ווייל צו געסט באַציט מען זיך געווענליך מיט גרעסערער העפליכקייט.

צווישען די ערשטע שוישפּילער וועלכע איך האָב געזען אין לאָנדאָן זיינען געווען די ברידער: יאָזעף פיינבערג און הערריס פיינבערג.

יאָזעף פיינבערג האָט געשפּילט אַממייניסטענס אינטריגאַנטען ראָלען. ער האָט באַזונדערס געקענט פאָרשטעלען בייזע כאַראַקטערע: דע סאַנטאָס אין „אוריאל אַקאָסטאַ“ איז געווען זיינע אַ שטאַרקע ראָלע. שטרענגע קאַרדינאַלען, פּריסטאַווען, אָדער ביטערע אַנטיסעמיטען האָט ער געקענט פאָרשטעלען אויפ'ן געהעריגען אופן. ראָלען וואָס האָבען אים געפּאַסט, ווי כאַצקעל דראַכמע אין „גאָט, מענש און טייפעל“, האָט ער אויך גאַנץ פּאַסיג געשפּילט. זיין מאַנעריזם צו וואַרפען מיט די האַנד און אויך זיין שטרענגער לשון האָבען אים געשטערט צו שפּילען געוועהנליכע ראָלען. אים האָט אויך געפעלט ברייטערע קולטור. ער האָט אין טעאַטער נאָך געהאַט אַן אויפגאַבע אַחוץ שפּילען. ער איז פאַר פילע יאָרען געווען „סטיידזש מענעדזשער“, אַראַנזשירער פון דער בינע.

הערריס פיינבערג האָט אין דער יוגענד געשפּילט ערשטע דראַמאַטישע ראָלען. ער האָט באַזעסען טעמפּעראַמענט און אויסדרוק פון עמאָציע, אָבער אויך אים האָט געפעלט ברייטערע קולטור. ער האָט אויך באַגאַנגען דעם פעלער, וואָס ער פלעגט שטאַרק שרייען. דאָס האָט שנעל איבערגעפירט זיין שטימע־אָרגאַן. אין די שפּעטערע יאָרען האָט ער שוין בלויז געשפּילט ראָלען פון עלטערע אידען.

יוסף שערמאַן איז אָן אַ שום ספק געווען אַ זייער פעהיגער בוף־קאָמיקער. ער האָט געהאַט טאַלאַנט און אַ שענע שטימע צו זינגען קופּלעטען, האָט געקענט גאָר שען טאַנצען, און האָט געהאַט אַ שטעלונג פון אַ „גיגערל“ (אַן אויסגעפּוצטער און פאַרפומירטער פראַנט). זיין ערשיינען האָט געמאַכט אַ גוטען איינדרוק. ער האָט אויך געשפּילט ניט שלעכט כאַראַקטער ראָלען אָדער עקסצענטרישע טיפּען. למשל אַלס שמאי אין „אידישען קעניג ליר“, אין די הויפּט ראָלע פון „די גלאָקען“, און אַלס דער ווילדער אין „דער ווילדער מענש“ פון יעקב גאָרדין. זיין הויפּט חסרון איז געווען, וואָס זיינע אויגען האָבען זיך שטענדיג

געצײלט צו דער גאַלעריע, און ווי מאַנכע אַנדערע קאָמיקער האָט ער ניט געהאַט קיין געהעריגען קאָנטראָל אויף זיין לשון. זיי האָבען ניט פאַרשטאַנען די פאַראַנטוואָרטליכקייט, וואָס ליגט אויף דעם געזאָג־טען וואָרט אין דער עפענטליכקייט. נאָך דעם וואָס ער האָט באַזוכט אַמע־ריקאַ איז ער געוואָרען מער איינגעהאַלטען. איצט שפּילט ער זאַגאַר ערנסטע ראָלען אין ערנסטע פּיעסען

מ אָ ר י ס אַ ק ס ע ל ר אַ ד האָט אָנגעהויבען שפּילען טעאַטער אין רומעניען אַלס סטאַטיסט אין אַ טרופּע, אין וועלכער מאַגולעסקו האָט געשפּילט. ער האָט פון אים זיכער פיל געלערענט. טאַלאַנט האָט ער אויך. ער קען זייער גוט פאַרשטעלען לעבענס־לוסטיגע כאַראַקטערע, אויך קאָ־מישע טיפּען. עס שפּרודעלט ביי אים מיט אינטערעסאַנטע כאַראַקטעריס־טישע פּרייליכע שטריכען. אָבער ניט שטענדיג האָט ער געברויכט גענוג טעמפּעראַמענט אין זיין שפּילען. ער האָט באַדאַרפט וועלען, אָבער ווען ער האָט געוואָלט האָט ער שען פאַרגעשטעלט אַ טיפּ.

י. מ אַ ר ק אָ װ י ט ש שפּילט מיט כאַראַקטער און אייגענאַרט. באַזונדערס צייכענט ער זיך אויס אַלס גייסטליכער, אַלס אינטעליגענט, און אַלס עקסצענטרישער מוזיק דירעקטאָר. זיין באַוועגליך און כאַראַק־טעריסטישער פּנים העלפט אים פיל דעריך. ער האָט אויך געשפּילט אינ־טערעסאַנט אַלס דער צדיק אין „דיבוק" מיט יאָזעף קעסלער. וועגען אים אַלס מחבר פון פּיעסען האָב איך שוין פריער געשריבען אין דעם בוך.

ב ע ק י ג אָ ל ד ש ט י י ן, אַ טאַלענטירטע שוישפּילערין. זי האָט זיך שטענדיג אויסגעצייכענט אין מוטער־ראָלען, וועלכע זי האָט גע־שפּילט מיט כאַראַקטער און האַרציגקייט. אַ זייער שענעם טיפּ פון אַ על־טערער פרוי האָט זי געשאַפען אין דער ראָלע פון שרה חוה אין „מטורף". זי האָט אויך געשפּילט יונגערע ראָלען, אָבער אַלס מאַמע האָט זי צווישען אונזערע קינסטלער זיך אַמשטאַרקסטען אויסגעצייכענט.

ר אָ ז אַ װ אַ ק ס מ אַ ן, די פרוי פון מ. ד. וואַקסמאַן. צוערשט פלעגט זי זינגען, און שפּילען גראַנד דאַמען. שפּעטער האָט זי געשפּילט אַלטע פרויען כאַראַקטער ראָלען.

ש מ ח ה ב ע ר ג מ אַ ן, איז דאָ געוואָרען פון אַן אַרבייטער אַ שוישפּילער. ער האָט געהאַט גרעסערע אָרגאַניזאַטאָרישע פעהיגקייט ווי שוישפּילערישע.

אַן אַלטער שוישפּילער אין לאָנדאָן איז אויך געווען מ ג י ד ס אָ ן. איך האָב אים שוין ניט געזען שפּילען.

מ אַ ק ס ג ו ז אָ װ ס ק י איז געווען מער זינגער ווי שוישפּילער. ער האָט געזונגען זייער שען און קרעפטיג הויפּט ראָלען אין אָפּערעטען.

עס האט דא אמאל אויך געשפילט א כאראקטער קאמיקער שטרענג. ער האט גאנץ אייגנארטיג פארגעשטעלט קאמישע טיפען.

אויך איז געווען א שוישפילער האמבורגער. ער האט צום באדויערן געהאט א טראגישען סוף.

סערע סילוויא, א געבוירענע אין לאנדאן, האט דא געשפילט קינדער ראלען. זי איז דאן ערשינען אין זיד אפריקא, וואו זי איז געווארען א פעהיגע סוברעטין; האט געשפילט לעבעדיג, און זינגט ניט שלעכט. זי רעדט נאר מיט א קוויטש, דאס שטערט איר אביסעל. מאסקאוויטש האט זי אריבערגעבראכט קיין לאנדאן אין 1912. ער האט איר געגעבען ערשטע ראלען. זי האט געשפילט אלס מאשא אין „לעבעדיגען מת". איצט האט זי א טעאטער אין בוענאס איירעס.

סעם לעווענווירט, איז געבוירען אין לאנדאן. ער איז געווארען א זינגער און שוישפילער, האט געשפילט צוערשט אויף דער אידישער בינע, נאך פאר מיין צייט, דאן האט ער געשפילט אויף דער ענגלישער בינע אין ענגלאנד און אמעריקא. ער האט אויך פארפאסט טעאטער לידער.

מאניא טשיזיק, האט געשפילט פילע יארען אויף דער היגער אידישער בינע אין עלטערע כאראקטער ראלען. אר מאן עמאנועל טשיזיק איז אין די יונגערע יארען אויך געווען א שוישפילער. ער האט פארפאסט לידער, און האט באארבייט פרץ׳ס „מאניש" אין א פיעסע.

דוד לעווין האט פילע יארען געשפילט אין לאנדאן, אממיינסטענס אין מעלאדראמען. אין יונגערע, אזוי צו זאגען ברוטאלע, אדער פרימיטיווע, כאראקטער ראלען האט ער זיך אויסגעצייכענט.

י. גאלדשטיין, געווען א כאראקטער קאמיקער, וואס האט פארגעשטעלט ניט קיין געהויבענע טיפען. אזעלכע מוזען אויך פארגעשטעלט ווערען אויף דער בינע. ער האט זיי גאנץ קאמיש כאראקטעריזירט.

מערי גאלדשטיין שטעלט אם בעסטען פאר ניט קיין געהויבענע פרויען טיפען. זי קען אזעלכע „ליידיס" זייער גוט כאראקטעריזירען. זי איז אויף דער בינע שטארק לעבעדיג.

פיני גאלדשטיין, דער זון פון די פריערדיגע צוויי. נאך א יונגער שוישפילער, קען אויסדריקען כאראקטער און טאנצט שען.

רייטשעל ראזענפעלד, א געבוירענע אין לאנדאן, איר מיידעלשער נאמען איז געווען בלעקער. זי האט דא אנגעהויבען שפילען אלס קינד אין קינדער ראלען. זי האט זיך נאך דעם ענטוויקעלט אלס

פרימאַדאָנאַ. זי האָט אַ סאָפּראַנאָ שטימע, האָט גאַנץ שען געזונגען און אינטערעסאַנט געשפּילט. זי איז דאָ ערשינען אין נאַציאָנאַל טעאַטער צוזאַמען מיט איר מאַן באָריס נאָוויקאָוו, אַ פעהיגער שוישפילער און זינגער.

איר ברודער א. בלעקער האָט אויך מאַנכע מאַל געשפּילט כאַראַקטער ראָלען.

מאיר צעלניקער, אַ טאַלענטירטער כאַראַקטער קאָמיקער, שפּילט אַ ביסעל געקינסטעלט, אָבער מיט לייכטקייט און חן. ער איז געווען די הויפּט קראַפט אין נאַציאָנאַל טעאַטער, אַדלער סטריט, און האָט געהאַט באַדייטענדען ערפאָלג.

שרה׳לע לאַנדוי, אַ לאָנדאָנער אין פּולען זין. זי האָט אָנגעהויבען שפּילען אידיש טעאַטער אַלס קינד, עס פאַרשטייט זיך אין קינדער ראָלען, און ווען זי איז נאָך געווען יונג האָט מען איר שוין געגעבען פאַראַנטוואָרטליכע ראָלען. פאַר פילע פון זיי איז זי געווען צו יונג, אָבער זי האָט באַזעסען טאַלאַנט, און זי האָט געשפּילט לעבעדיג און שען. זי איז באַזונדערס געפעלען ווען זי האָט געשפּילט אַלס ערנאַ, אין רעמאַרק׳ס „קיין נייעס ביים מערב פראָנט״. זי איז געווען רירענד אין דער ראָלע. גאַנץ איינדרוקספול האָט זי אויסגעדריקט אירע פאַרבאָרגענע ליידען דורך דעם וואָס ס׳איז דער׳הרג׳עט געוואָרען פראַנץ, וועלכען זי האָט געליבט.

ש. קאַהן, אַ טאַלענטירטער כאַראַקטער שוישפּילער. ער איז געווען אַ פאַבריקאַנט אין אַנטווערפען, איז געוואָרען אַ פליכטלינג אין דער איצטיגער מלחמה. אַ מענש מיט קולטור, מיט קענטעניסע אין תלמוד, אויך מיט פאַרשטענדניס פאַר וועלט זאַכען. ביי אונז איז ער געוואָרען אַ לעבעדיגער און לוסטיגער שוישפּילער. ער לאַכט פון צרות און אַמוזירט דעם עולם. ער האָט שען דורכגעפירט פילע ראָלען, ווי דער וואַסער־טרעגער אין „די אַלטע היים״ פון א. וואָלפשטאַט; דער רב, דער פאָטער אין דער אַפּערעטע „יאָסעלע און פייגעלע״; דער אַרבייטסלאָזער אַרבייטער אין „קינדער פאַרגעסען ניט״, אין וועלכער ער האָט אַריינגעוועבט פילע פון זיינע אייגענע איבערלעבונגען. גאָר שען, מיט געהעריגער פרישקייט און נאַאיווקייט האָט ער געשפּילט אַלס דער אינגעל אברהם יעקב אין פּרץ הירשביינ׳ס „גרינע פעלדער״. ער פאַרשטייט דעם זין פון וועלען לערנען.

קלאַראַ מייזעלס, אַ כאַראַקטער שוישפּילערין, שטעלט פאָר גלענצענד שלום עליכם׳ס אידענעס. זי שפּילט בכלל גאַנץ כאַראַקטעריסטיש מוטער ראָלען. זי האָט געשאַפען אַ זייער אינטערעסאַנטען טיפּ פון אַ פאָלקס־פרוי אין דער ראָלע אַלס מאַרגאַרעט אין „פאַטער״. זי דריקט אויך אויס קינסטלעריש אינערליכע עמאָציעס.

מיני ווייל‏אַנד (מאַדאַם שערמאַן) איז אַ לעבעדיגע און פעהיגע סוברעטין. זי שפּילט כאַראַקטעריסטיש. באַזונדערס שטעלט זי גוט פאַר דעם טיפּ פון בראַנדעלע קאָזאַק. זי זינגט אויך זייער שען אַ לידעל און גייט אַ טענצעל. זי איז בכלל אַ נוצליכע שוישפּילערין.

צילי בעל, זינגערין און שוישפּילערין, דריקט אויס כאַראַקטער, שפּילט אַממיינסטענס אין אָפּערעטען. קען אויך שפּילען לייכטערע כאַראַקטער ראָלען אין אַנדערע פּיעסען.

פרידעלע טעמפּעל, די מוזינקע פון דער לאָנדאָנער אידישער בינע, אַ יונגע טאַלענטירטע קינסטלערין. זי האָט אַ פרעכטיגע האַלטונג, שענעם אויסדרוק, פיל באַוועגליכקייט און פאַרשטענדניס. זי מוז קענען גוט אידיש, דאָס איז דער עיקר פון אידישען טעאַטער שטאַנדפּונקט.

לאה יועץ, האָט אַנטייל גענומען אין די בעסטע אַמאַטאָרען פאָרשטעלונגען אין לאָנדאָן פון פּיעסען פון שלום אַש, מאַרק אַרנשטיין א. אַ. זי באַזיצט דראַמאַטישען טאַלאַנט. זי האָט אויך געשפּילט מיט מאַדאַם פעני וואַקסמאַן אין פּאַריז.

אסתר שטיין, אַ פעהיגע זינגערין און כאַראַקטער שוישפּילערין. זי האָט אַראַנזשירט אידישע שטונדען וואָס זיינען געבראָדקאַסט געוואָרען דורך דער ראַדיאָ.

רייטשעל סאָראָקין (פריער געוועזן יאָזעפזאָן) האָט געשפּילט אָפט אויף דער אידישער בינע צוערשט סוברעטין ראָלען, שפּעטער עלטערע פרויען. זי שפּילט ניט קרעפטיג, אָבער גאַנץ נעט, אָן איבערטרייבונג.

פעהיגע שוישפּילער זיינען אויך ה׳ און מאַדאַם סעגאַל, ה׳ און מאַדאַם בוים, י. גאָלדבערג און איצקאָוויטש, וועלכער איז אויך אַ גוטער זינגער. זיי האָבען אַלע געשפּילט אין נאַציאָנאַל טעאַטער.

אַז מען שרייבט פון אידיש טעאַטער אין לאָנדאָן טאָר מען אויך ניט פאַרגעסען **פערדינאַנד שטויב**. ער איז געווען פאַר פילע צענדליגע יאָרען דיריגענט אין פּאַוויליאָן טעאַטער. אָבער ער איז געווען מער ווי אַ דיריגענט. ער האָט גענומען אַ גרויסען אינטערעס אין די פאָרשטעלונגען און אין דער עקזיסטענץ פון אידישען טעאַטער בכלל.

פעהיגע דיריגענטען ביי אונז זיינען אויך **י. בערמאַן** און גאָס זשאַרעט.

קיטי בראון האָט פאַרפאַסט מאַנכע לידער וואָס זיינען געזונגען געוואָרען מיט ערפאָלג אין אידישען טעאַטער. זי האָט אויך געמאַכט פאַרזוכען צו שרייבען פּיעסען.

30. קאָנצערטיסטען

עס האָבען אונז אויך באַזוכט אין לאָנדאָן אייניגע פון די פיינסטע אידישע קאָנצערטיסטען:

א. מעדוועדיעוו האָט געגעבען אַ קאָנצערט אין פּאַוויליאָן טעאַטער אין נאָוועמבער 1913 אין באַגלייטונג פון זיין פרוי ראָזקאָווסקאַ און קאַרפּאָווסקי. זיי זיינען געווען הארציגע זינגער פון פאָלקס לידער, סאָלאָס, דועטען און טערצעטען. זיי האָבען אַרויסגעבראַכט די געפילען, די בילדער, ווי אויך דעם שאַרפזין און דעם וויץ, וואָס איז פאַראַן אין די לידער. איך האָב דאַמאָלט געשריבען: „מען האָט געהערט וויברירען די סטרונעס פון דאָס אידישע הארץ... אַזאַ קאָנצערט שאַפט ניט נאַר ענטציקונג, נור וועקט אויך זעלבסט־דערקענטניסביים פאָלק“.

ב. איזאַ קרעמער, די מייסטער זינגערין פון אידישע און פון אַנדערע פאָלקס לידער און באַלאַדען, האָט געגעבען אייניגע קאָנצערטען אין לאָנדאָן: אין קווינס האָל, אין פּאַוויליאָן טעאַטער, אין קינגסוועי האָל, אין פּיפּעלס פּעלעס, און אין שאָרדיטש טאַון האָל. זי האָט געהאָט גרויסע טריאומפען. זי איז טאַקע אַ פון גאָט געבענשטע זינגערין.

איך האָב וועגען איזאַ קרעמער געשריבען:

„זינגט זי אַ ליד ווערט איר אימפּרעסיאָנירענדער פּנים אַ גאַנצע גאַלעריע פון מענשליכע כאַראַקטער שטריכען און אויסדריקע פון עמאָציעס. זי ברייגנט אַרויס ניט נאַר די קלאַנגען, און ניט פשוט די געפילען, נאַר אויך נשמה וויברירונגען, און הויפּטזעכליך דאָס בילדליכע, וואָס געפינט זיך אין ליד. אַ קנייטש פון פּנים, אַ זשעסט, אַ באַוועגונג פון קערפּער, און אַ קינסטלערישער דריידעל אין די טענער, און ס'ערשיינט פאַר די אויגען ניט נאַר די זינגערין, וואָס זינגט, נאַר יענער כאַראַקטער, פון וועלכען זי זינגט; און ניט נאַר די פּערזאָן, נור אויך די אומגעבונג... אָט די בילדליכקייט וואָס זי ברייגנט אַרויס בעת איר זינגען, מאַכט פאָלקאָמען דאָס ליד, און מאַכט זי פאַר אַזאַ גרויסער קינסטלערין, וואָס רופט אַרויס ענטציקונג“.

עס איז אונמעגליך אויסצורעכענען די פילע לידער און באַלאַדען וואָס זי האָט געזונגען. „מחותנים גייען“, „לאָמיר זיך איבערבעטען“, און אונצייליגע אַנדערע, זיינען אַזוי בילדליך און אייגענאַרטיג געזונגען געוואָרען, דאָס די קינסטלערין איז געבליבען אונפאַרגעסליך.

אגב, איזאַ קרעמער איז אַ קליינענקע, אָבער איר באַהערשען די בינע איז איינפאַך אַ פענאָמען. זי ערשיינט ווי אַ קאָלאָס.

ג. מאלי פּיקאָן איז אַ גרויסע פּרימאַדאָנאַ אין אָפּערע־טען, אירע ערפאָלגען אַלס אָפּערעטען קינסטלערין זיינען באַרימט אויף דער וועלט. אָבער דאָ אין לאָנדאָן האָט זי געגעבען בלויז קאָנצערטען. זי איז אַממיינסטענס ערשינען אין ענגלישע טעאַטערס און האָט שטאַרק אויסגענומען. זי האָט אויך געגעבען אַ פּאָר אידישע קאָנצערטען. זי איז אַ זייער טאַלענטירטע קינסטלערין. איר פאַרשטעלען כאַראַקטערע רופט אַרויס ענטציקונג. זי איז הויפּטזעכליך אַ שוישפּילערין, זי סוגעסטירט ניט בלוז אַ כאַראַקטער, נאָר זי שטעלט אים טאַקע פאָר מיט אַלע פּישטשעווקעס, און איר גאַלעריע פון טיפּען איז זייער רייך, זי איז זייער פאַרשידענאַרטיג. זי זינגט אויך זייער האַרציג. אוך זי האָט געלאָזען אַ אונפאַרגעסליכען איינדרוק. באַזונדערס געלונגען זיינען אירע „חסידימלאַך”, און יונגע „איינגלאַך”.

ד. חיה׳לע גראַבער, האָט אויך געגעבען דאָ פילע קאָנצערטען. זי האָט זיכער קינסטלערישע פעהיגקייטען, אָבער זי מישט זיי צוזאַמען מיט טעאַטראַלישקייט, און ס׳קומט פילעס אַרויס געקינצעלט. זי איז פעהיג אויסצודריקען פּאַטאָס און אַרויסצוברייגגען געלונגענע כאַראַקטער שטריכען, אָבער זי זעצט צו פיל פּאָזע, און מאַנכע מאָל אויך שאַרזש. פילעס קומט ביי איר אַרויס מעכאַניש; אָבער זי בלייבט דאָך אינטערעסאַנט און פאַרשאַפט פאַרגעניגען.

דער הויפּט כח פון חיה׳לע גראבער ליגט אין זשעסט. זי איז אויך פאַרשידענאַרטיג אין אירע זשעסטען. אין דער מימיק איז זי שוואַכער, אָרימער אין דער וואַריאַציע. אַ גרויסע מעלה איז ביי איר וואָס זי האָט אַן אַנגענעמע שטימע. זי זינגט איינפאַך און האַרציג. זי קען אויך שען און נאַטירליך לאַכען און זי פאַרשטייט ווי דאָס געהעריג אויסצונוצען.

ה. מרים עליאַס, וועלכע האָט געשפּילט חנן אין „דיבוק” ביי דער „הבימה” אין מאָסקווא, האָט דאָ געגעבען אַ פּאָר קאָנצערטען אין גלאָוב טעאַטער און אין פּאַוויליאָן. זי האָט פאָרגעטראָגען די מאָנאָלאָגען פון חנן אין ערשטען אַקט פון „דיבוק”. זי האָט אויך פאָרגעטראָגען פּרץ׳ס „מאָניש”, „נאָך דער קבורה”, „דריי בייטאָרינס”, א. אַ. אירע זשעסטען זיינען געווען אין גלייכע ליניען און דריי־עקיג, עקספּרעסיאָניסטיש, נאָענט צום קוביסטישען סטיל. עס איז געווען אינטערעסאַנט, ערטערווייז האָט עס אויך אויסגעזען לעבעדיג, אָבער דאָך ווייט פון לעבען צוליב דער סטיליזירטער פאָרמע פון אויסדרוק.

מרים עליאַס האָט געזונגען האַרציג אידישע לידער און אויך „ניגראָ ספּיריטשועלס”. זי האָט אַ מעלאָדישע דורכדרינגענדע שטימע, אַ זייער וואַרימען טאָן, און איר זינגען אידישע לידער איז אַרויסגעקומען איינדרוקספול, עמאָציאָנעל. אין די „ניגראָ ספּיריטשועלס” איז זי ניט געווען

אַזוי טיף, עס האָט איר געפעלט די פרימיטיווע סענטימענטאַליטעט פון די ניגערס.

ו. מאַדאַם ראָפּ־יאַנאָווסקאַיאַ האָט געגעבען אַ פּאָר קאָנצערטען אין 1932, זי האָט געהאַט אַ שענע סאָפּראַנאָ שטימע מיט מעגליכקייטען אַרויסצוברייגגען די טענער אָן שווערינקייטען. איר נייגונג איז מער דראַמאַטיש ווי ליריש. זי איז געשולט, און באַזיצט פיל טעמפּעראַמענט, פאַרב און מאָדעלאַציאָנס מעגליכקייטען. איר קאָלאָראַ־טור איז ניט שטאַרק פליסענד, אָבער אָנגענעם. זי צייכענט זיך אויס אין מאָדעלאַציאָנען אין פּיאַניסימאָ. זי איז געווען באַגלייט פון אַ אויסגעצייי־כענטען טריאָ אונטער פּראָפעסאָר זיסערמאַן.

ז. וויקטאָר כענקין האָט געגעבען איייניגע קאָנצערטען אין לאָנדאָן. אַ טאַלענטירטער זינגער, און באַדייטענדער כאַראַקטער קינסטלער. פּראַכטפול שטעלט ער פאָר אַ רבי׳ן. ער איז פּערזענליך פאַר־העלטניסמעסיג אַ קליינע געשטאַלט, אָבער איז ער אין גרים און מלבושים פון רבי׳ן ווערט ער גרויס, אימפּאָזאַנט; און ער זינגט מיט ברייטען פּאַר־נעם. גרויס איז די פאַרוואַנדלונג ווען ער זינגט אוקראַאינישע לידער. ער ווערט אַ קלייניקער, אַ טיפּיטשנער, און זינגט אַזוי האַרציג און אַזוי כאַראַקטעריסטיש אונבאַהאָלפען.

ח. דוד וואַרדי, אַ זייער פעהיגער וואָרט קינסטלער אין העברעאיש, מיט פיל אינטעליגענץ און טאַלאַנט. זיין פאַרשטעלען ביל־דער פון אַלטע פרויען בלויז מיט אַ טיכעל, אָן גרים, איז אַ קונסט־שטיק, וואָס באַווייזט די גרויסע קראַפט פון מימיק, וואָס זיין פנים באַזיצט.

ט. חוה יאָעליט, וואַרדי׳ס פרוי. זיי האָבעןביידע געגעבען אַ פּאָר קאָנצערטען אין לאָנדאָן. זי באַזיצט אַ מוזיקאַלישע שטימע און גרויס פאַרשטענדניס פאַרצולייגען מיט געפיל די שענע פּאָעזיע פון שיר השירים, און די טיפזיניגע האַרציגע נשמה אויסגוסען פון תהלים.

י. דאָראַ דיאַמאַנד, אַ שוישפּילעריך, וואָס האָט ביי אונז בלויז דעקלאַמירט. זי באַזיצט אַ גוטע דיקציע, פאַרשטענדניס און געפיל. זי דעקלאַמירט קינסטלעריש.

יא. מאָריס באַניסטער, אַ פעהיגער ענגליש־אידישער מוזיקער, זינגט שען אידישע פאָלקס לידער, און ער האָט געגעבען קאָנ־צערטען, אין וועלכע ער האָט איינגעשלאָסען אידישע לידער אין זיין פּראָגראַם.

יב. סאַמועל גאָלדבערג און אָלין ווינאָגראַד, אַ שוישפּילער פּאָרל פון דעם יונגערן דור. ער אַ זינגער און קאָמיקער, קען זיך ווייטער ענטוויקלען, ער זינגט שען, מיט קראַפט. זי האָט שטעל

אויף דער בינע, כאַראַקטעריסטיש פאַר קליינעם קונסט טעאַטער. זיי האָ־בען געשפּילט אַ קורצע צייט אין גראַנד פּאַליי, און געגעבען אייניגע קאָנ־צערטען אין וויגמאָר האָל.

גרויס איז געווען דער פאַרגעניגען וואָס מיר האָבען געהאַט פון די אַלע קאָנצערטיסטען.

קליין קונסט טעאַטער „אַראַראַט"

אין יוני 1935 האָט וויטשעפּעל אויך געהאַט דאָס פאַרגעניגען באַ־זוכט צו ווערען פון דעם קליין־קונסט טעאַטער פון וואַרשא „אַראַראַט", וואָס דער דיכטער מ. בראַדערזאָן האָט געגרינדעט און געליטעט. דאָס איז געווען אַ חברה אונטערהאַלטער אין בעסטען זין. זיי האָבען ערפילט אַלע כללים פון קליין־קונסט, פאַרגעשטעלט עסטעטישע בילדער, פול מיט כאַראַקטער און אַמוזירט דעם עולם. זיי האָבען געשפּילט אַממיינ־סטענס עקספּרעסיאָניסטיש, עס איז געווען פיל שענקייט אין זייער שפּיל. אַלץ איז געווען באַהויכט מיט הומאָר און קאָמיזם אין פיינערען זין.

די צוויי הויפּט שוישפּילער זיינען געווען דזשיגאַן און שומאַכער. צוויי אַמוזירענדע חברה־לייט, וועלכע האָבען שטאַרק אויסגענומען מיט זייער כאַראַקטעריסטישע פריילעכקייט.

דזשיגאַן איז אויך געווען אַ גוטער פאַרטרעגער. ער האָט באַזע־סען עלאַסטישע באַוועגליכקייט און אויסגעצייכענטע מימיק מעגליכקיי־טען. ער האָט דערבראַכט דעם עולם צו דעם העכסטען עקסטאַז און גרעסטען געלעכטער.

שומאַכער איז געווען מער כאַראַקטער שוישפּילער און אַ מנגן.

שען האָט אויך געשפּילט און דעקלאַמירט שיינע מרים; און אַ טענ־צערין שמאַראַגד האָט אינטערעסאַנט געטאַנצט און געזונגען.

אליא לילית און וויל גאדיק

שען קליין־קונסט טעאַטער האָבען אונז אויך געצייגט אַליאַ לילית און וו. גאַדיק, ווען זיי האָבען געגעבען אייניגע פאָרשטעלונגען אין לאָנ־דאָן. זיי זיינעןביידע קינסטלער אין בעסערען זין. אַליאַ לילית זינגט זייער שען און באַזיצט מעגליכקייטען פאַר כאַראַקטער אויסדרוק. גאַדיק, וועלכער איז געווען איר קאָנפרער, באַזיצט פעהיגקייטען אַלס כאַראַק־טער שוישפּילער. זיי האָבען זייער אָנגענעם און מיט גרויס ערפאָלג אונ־טערהאַלטען.

שלוס־וואָרט

ווען איך בלעטער דורך די איבער דריי הונדערט זייטען פון דעם בוך, שיינט מיר, אַז איך האָב ניט נאָר געגעבען אַ שילדערונג פון אידישען טעאַטער און זיינע קינסטלער אין לאָנדאָן פאַר לערך פערציג יאָר צייט, נור אַז איך האָב אויך אַנאַליזירט די אידישע פּראָבלעמען פון דער פּעריאָדע, ווי זיי האָבען געפונען אויסדרוק אין דער דראַמאַטישער ליטע־ראַטור און זיך אָבגעשפּיגעלט אויף דער בינע. אויף וויפיל מיין אַנאַליזע איז אַ ריכטיגע, דאָס לאָז איך איבער פאַר אַנדערע צו אורטיילען. אָבער ס׳שיינט מיר, דאָס איך בין באַרעכטיגט צו זאָגען, אַז ס׳איז אַ איינציגער רעקאָרד פון די אַלע גייסטיגע און סאָציאַלע ראַנגלעגישען, וועלכע האָבען באַשעפטיגט דעם אינטערעס פון דער וועלט בכלל און אידען בפרט אין דער צייט, אין וועלכער איך האָב געלעבט און געווירקט דאָ אין לאָנדאָן, און וועלכע האָבען געפונען אויסדרוק אין אידישען טעאַטער. איך האָב דאָס געפיל, אַז ס׳איז געווען כדאי אַזאַ רעקאָרד צו מאַכען.

געוויס האָב איך ניט אַלץ איינגעשלאָסען; איניגעס האָב איך פּשוט פאַרזען. אַזוי דערמאָן איך זיך, אַז איך האָב, זיכער ניט ווילענדיג, אַרויס־געלאָזען סעמיאָן יושקעוויטש׳ס „דער קעניג“, אַ דראַמע, וואָס האָט אָב־געשפּילט דעם קלאַסען קאַמף אין אידישע ווערקשטאַטען, און די פּסיכאָ־לאָגיע פון דעם אידישען בעל הבית, וועלכער איז אַן אַרבייטגעבער. איך האָב אויך אַרויסגעלאָזען הערי סעקלער׳ס „יזכור“, אַ דראַמע אויף היס־טאָרישע מאָטיוען פון דער פּוילישער געשיכטע, אין וועלכער ס׳שפּיגעלט זיך אָב די שטענדיגע פאַרפאָלגונגען געגען אידען, און דער איבערוועל־טיגענדער כח פון ליבע. ס׳איז זיכער כדאי געווען אויך די צוויי דראַמען צו אַנאַליזירען, אָבער איך מוז זיך שוין בלויז באַנוגענען מיט דערמאָנען זיי. עס איז ניט געגעבען קיין מענשען צו זיין פאָלקאָמען...

איך האָב אויך געגעבען אַ גאַלעריע פון כמעט אַלע קינסטלער, שוי־שפּילער און זינגער, וועלכע זיינען ערשינען ביי אונז אין לאָנדאָן. איך האָב מן הסתם אויך פון זיי איניגע פאַרגעסען. אויב אימיצער פילט זיך באַ׳עולה׳ט זאָל ער זיין געטרייסט דערמיט, וואָס איך האָב עס ניט געטון אַבזיכטליך; פּשוט אַ פאַרזען. ווען מען האָט צו ציען אַזאַ רייע, וואָס האָט דורכגעשוועבט אין אַזאַ לאַנגער צייט, איז אונפאַרמיידליך אימיצען צו פאַרזען אָדער פאַרגעסען.

איך וויל אויך באַמערקען, אַז אויב איך האָב אימיצען קריטיקירט און אָנגעצייגט פעלערען, איז עס ניט געווען דערפאַר, ווייל איך האָב אים

אָדער איר געוואָלט ווי טון. דאָס בשום אופן ניט. איך האַלט בלויז, אַז קינסטלער שוישפּילער דאַרפן האָבען אַ שפּיגעל און דאַרפען שטענדיג האַלטען אין איין לערנען הן פון זייערע אייגענע פעלערען, הן פון די פע־לערען פון אַנדערע. נאָר דורך געבען זיך רעכנונג פון דאָס וואָס ס'איז פעלערהאַפט קען מען גרייכען פאַרבעסערונג און פאַרפאָלקאָמונג.

ס'איז אויך כדאי נאָך אַמאָל צו ווידערהאָלען, אַז דאָס טעאַטער פאַר־נעמט אַן אויסערגעוועהנליכען וויכטיגען פּלאַץ ביי יעדען פאָלק, איבער־הויפּט דאַרף עס פאַרנעמען אַ הויכען פּלאַץ ביי אידען. די אידישע פאָלקס מענשען האָבען ווייניג וואָס אידישען פאַרגעניגען אין לעבען. אידישע לומדים קענען נאָך האָבען גייסטיגען פאַרגעניגען פון פאַרטיפען זיך אין די לערען פון דער תורה און אין זייער זיך, און געניסען דערפון איננער־ליכע פריידע און שעפּען באַגייסטערונג צו שטאַרקען זייער אידישע עקזיס־טענץ. אָבער געוועהנליכע פאָלקס מענשען האָבען ניט אַזאַ מעגליכקייט. פאַר זיי איז דאָס טעאַטער ווי געווינשען, ס'איז פאַר זיי אַ קוואַל פון אידי־שע פריידע און פאַרגעניגען.

אָבער אידען האָבען אויך ווייניג גייסטיגע ערציהונגס אַנשטאַלטען. דאָס אידישע טעאַטער מוז דינען פאַר דעם צוועק צו ערציען אונזערע פאָלקס מענשען; זיי מאַכען פאַרשטיין דאָס לעבען און זיינע פּראָבלעמען. אַט דערפאַר, כדי דאָס אידישע טעאַטער זאָל קענען ערפילען זיינע צוויי־פאַכע אויפגאַבען, איז נויטיג דאָס מיר זאָלען עס האַלטען הויך, עס שע־צען, און עס דערהויבען. דורך אויפהאַלטען און דערהויבען דאָס אידישע טעאַטער קענען מיר אויך אויפהאַלטען און דערהויבען ניט נאָר די אידי־שע שפּראַך און ליטעראַטור, נור אויך דאָס אידישע לעבען.

דאָס אידישע טעאַטער איז אַ גאָרטען, אין וועלכען ניט נאָר מען גע־ניסט פריידע און פאַרגעניגען, נור עס שפּראָצען און ענטוויקלען זיך דערין אויך אידישע געוואוינהייטען און לעבענס אַרטען. די וועלכע זיינען גערטנער אין דעם גאָרטען דאַרפען דערפאַר זאָרגען, אַז ס'זאָלען ניט וואַקסען קיין דערנער, נאָר בלומען פול מיט שענקייט, פּראַכט און ער־האָבענקייט, צום גענוס פון די אידען און צום נוצען פון אידישען פאָלק.